Goworowo Memorial Book

Govorovah

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY

Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Govorovah : sefer zikaron / ne'erakh 'al-yede Avi'ezer Burshtin ve-Dov Kosovski.
IMPRINT	880-02 Tel Aviv : Irgune yots'e Govorovah, 726 [1966]
DESCRIPT	496, xvi p. : ill. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Goworowo.
	Goworowo (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Goworowo.
ADD'L NAME	Burstin, Aviezer, 1918-
	Kossovsky, Dov.
ADD'L TITLE	Govorovo memorial book

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

גובורובה — ספר־זכרון / גאָוואָראָווע — יזכור־בוך

גובורובה

ספר-זכרון

נערך על־ידי

הרב אביעזר בורשטין
ודב קוסובסקי

הוצאת ארגוני יוצאי גובורובה בישראל, ארצות הברית, וקנדה

תשכ"ו ★ תל־אביב ★ 1966

נדפס בישראל

רוב הציורים נעשו ע״י **ב. ק.**

דרוקעריי: דפוס „העשור״, תל־אביב, טל. 31554

גאָראָווע

יזכור-בוך


רעדאגירט דורך

הרב אביעזר בורשטין

און בערל קאסאוסקי

ארויסגעגעבן דורך די גאוואראווער לאנדסמאנשפטן
אין ישראל, אמריקע און קאנאדע

תשכ"ו ★ **תל-אביב** ★ **1966**



סקיצע פון שטעטל — געצייכנט לויט זכרון

1. דער בית־הרב, 2. דער בית־המדרש, 3. די קהילה, 4. דער קלויסטער, 5. די קרעדיט־באַנק
6. די „גמינע", 7. די „פּאָווּשעכנע"־שולע.

מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה
ואבכה יומם ולילה את חללי בת־עמי...

(ירמיהו ח׳, כ״ג)

תוכן – אינהאלט

פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס

לומדים, עסקנים, טיפּן און געשטאַלטן

זכרונות און עפיזאדן

חורבן און אומקום

אלה אזכרה

לאנדסמאנשאפטן

הקדמה

בדחילו ורחימו וברטט קודש נגשנו להוציא ספר יזכור לעיירתנו גובורובה. ספר זה מטרתו לשמש מגילת־איכה לעיירתנו החרובה, ומצבת זכרון על קברי קדושינו הטהורים, שעונו ונרצחו על ידי קלגסי הנצים ימח שמם וזכרם.

ברור לנו, שאין בכוחו של ספר לבטא את עצמת הצער, הכאב והיגון של קהלה יהודית פורחת, שעלה הכורת על גזעה, כשם שאי אפשר לחרוט על מצבה את עניו ולחצו של יתום אומלל. אולם, בכל זאת חובה להציב מצבה להנציח זכרון קדושים ולחרוט בה לדראון עולם את מעשי הרציחה של החיה הנצית הטורפת, צמאת הדם, כאשר צווינו: „זכור את אשר עשה לך עמלק!" — זכור! ואל תסיח את הצער מהלב; זכור! ואל תמוש מפיך קללת עולם לנאצים ועוזריהם, שהשמידו בזדונם שליש מעמנו.

✶

כתיבת הספר ועריכתו היתה משימה כבדה ורבת אחריות. כל המקומות ההיסטוריים והארכיונים נשמדו יחד עם העיירה. אלו שניספו בגיטאות, מחנות השמד ומחנות ההגליה — נדמו ולא ידברו. המעטים, שעברו את שבעה מדורי הגיהנום — גם הם מבכרים את השתיקה על הדיבור; קשה להם לחטט ולפתוח את הפצעים שטרם נגלדו, למרות שחלפו שתי עשרות שנים מאז החורבן. נשארו רק מתי מעט משארית־הפליטה שהיה בכוחם לחדש את זכרונם, ואף הם התקשו להעלות את זכרונותיהם על הנייר. בשטח זה ובכל השטחים והשלבים נערמו קשיים על גבי קשיים. רק צוו מצפון עליון המריץ והדריך אותנו בעבודה קשה זו. הרגשנו, שרובצת עלינו חובה קדושה להנציח את העיירה ושמות הקדושים — כשם שמוטל על יתום לומר קדיש לזכר הוריו שניספו. רק רגש זה נתן לנו את הכוח והעוז להתחיל ולסיים את העבודה.

תוך מאמצים רבים, סבלנות בלתי רגילה ועבודת נמלים קשה, עלה בידינו לאסוף ולמיין את החומר, להניח נדבך על גבי נדבך, ולהקים את בנין המצבה. השתדלנו לתאר בצורה אוביקטיבית את העיירה, מוסדותיה, מפלגותיה, רבניה ועסקניה, אישים ודמויות, זכרונות העבר, פרשיות החורבן וההרס, וקטעים מהווי העיירה, תוך שמירה קפדנית על הפרטים, ותוך מאמץ להבליט את הייחוד שבעיירה.

עלינו לציין, שלרשותנו עמדו אמצעים כספיים דלים ביותר שלא הספיקו אלא: או למנות עורך מקצועי, ואז לא היה נשאר כסף להדפסה, נייר, גלופות וכריכה, זאת אומרת — עורך בלי ספר, או לערוך ולעשות הכל בכוחותינו אנו. כמובן, שבחרנו באפשרות השניה. לכן, אנו מבקשים לא להתיחס אל הספר בעין בקורתית כעל יצירה ספרותית. כי מטרתנו העיקרית היתה להציב יד־ושם לזכר העיירה וקדושינו, ומטרה זו, אנו תקוה, כי השגנוה במלואה.

✶


הגם שלא חסכנו זמן, יגע ועמל, תוך שאיפה שהעבודה תהא מושלמת, יודעים אנו, שלשלמות לא הגענו. חסר חומר תעודתי רב ותמונות של מוסדות, מפלגות ואירועים חשובים. יתכן, שב„טיול על פני העיירה" ובכתבות אחרות נשמטו או נשתבשו

שמות ונמסרו תאריכים בלתי מדויקים. לצערנו, לא היה בידינו למנוע זאת, מתוך סיבות שונות, ובעיקר, מחמת האדישות ואי ההיענות של רבים מבני עירנו, שלא העריכו את חשיבותו ההיסטורית של ספר זה. אַל לנו לשכוח, שכל העבודה הרבה, הן בכתיבת הספר ועריכתו, והן העבודה הטכנית — ביצעו בהתנדבות רק שני אנשים, שהשקיעו בו את מיטב כוחותיהם ועשו למעלה מיכולתם. בגלל עומס העבודה אולי נעשו משגים, שיתכן, והיו נמנעים על־ידי עבודת צוות. מכל מקום, אם נפגע מישהו — יואיל בטובו לסלוח, כי לא בזדון אלא בשגגה נעשה הדבר.

✶

שאיפתנו ורצוננו: שספר זה יהיה מצבה לקדושינו היקרים, ונר־תמיד לנשמותיהם. ישמש הספר לראיה, הוכחה ועדות בכתב האשמה שיוגש פעם לעולם הרשע והזדון, ונגד מנהיגי העולם הנאור שהסתכלו בשויון־נפש לשואת עמנו — ולא הגיבו. יהא הספר נדבך לבנין ספרות השואה, ומקור עיון לחוקרי דברי ימי ישראל בעתיד.

המערכת



בית הכנסת הגדול

פארווארט

מיט א הייליקן ציטער און מיט א געפיל פון גרויס אחריות, זענען מיר צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן דעם „גאוואראווער יזכור־בוך", וואס דארף זיין א מגילת־איכה נאך אונזער טראגיש־פארשניטענער קהלה, און א ווירדיקע מצבה אויף די אומבאקאנטע קברים פון אונזערע ליבע און טייערע קדושים, וועמענס אש און ביינער זענען צעזייט און צעשפרייט איבער די פעלדער און וועלדער פון אייראָפּע.

מיר ווייסן, אז אַ בוך איז נישט גענוג אויסצודריקן דעם גרויסן צער און ווייטיק פון א בליענדיקער יידישער קהלה, וואס איז אזוי טראגיש פארניכטעט געווארן דורך די דייטשישע מערדער, אט אזוי, ווי אויף א מצבה קאן נישט אויסגעקריצט ווערן דער גאנצער עלנד פון א לעבן־געבליבענעם יתום; אבער דאָך מוז די מצבה געשטעלט ווערן, און די שוידערלעכע פאקטן — פארשריבן ווערן לזכרון פאר אונז, פאר אונזערע קינדער און פאר די קומענדיקע דורות.

זכור את אשר עשה לך עמלק!

עס איז א פליכט צו געדענקען און טראגן דעם טיפן צער אין הארצן, און עס איז אויך א הייליקער חוב צו טראגן אויף די ליפן א אייביקע קללה פאר די נאציס און זייערע מיטהעלפער, וועלכע האבן אזוי בעסטיאליש אומגעבראכט א דריטל פון אונזער פאָלק.

✶

עס איז נישט אזוי לייכט אנגעקומען דאס זאמלען און צונויפשטעלן דעם מאטעריאל פארן דאָזיקן בוך. די אלע היסטארישע קוועלן און ארכיוון זענען חרוב געווארן צוזאמען מיטן שטעטל. די אומגעקומענע אין די געטאס, קאצעטן און אויף פארשיקונג — די קאנען מער נישט רעדן. די יחידי־סגולה, וואס האבן דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום, די ווילן אויך בעסער שווייגן — נישט עפענען די אייטערדיקע ווונדן וואס בלוטיקן נאך, כאָטש עס זענען שוין אָפּגעלאָפן איבער צוויי־צענדליק יאר זייט דעם חורבן. ווייניק זענען געבליבן פון דער שארית־הפליטה, וואס האבן געקאָנט אפּפרישן היסטארישע געשעענישן פון זכרון און ארויפברענגען זיי אויפן פאפיר. נאר דער געפיל און שטאַרקער גלויבן, אז עס ליגט אויף אונז די הייליקע און אחריות'דיקע אויפגאבע צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון חרוב'ן שטעטל און די קדושים, אט אזוי ווי עס ליגט דער חוב אויף א יתום צו זאגן קדיש נאך זיינע אומגעקומענע עלטערן — דאס האט געגעבן מוט און כח אנצוהויבן די ארבעט, כמעט אָן מיטלען און מיט אייגענע קרעפטן.

מיט אומגעהויערער מי, א סך אויסדויער און דורך א מילבן־ארבעט, איז אונז געלונגען צו שאפן מאטעריאל — לעגן א ציגל צו א ציגל און אויפשטעלן די דאזיקע מצבה. מיר האבן זיך באמיט אָביעקטיוו אפצושפיגלען דאס שטעטל — אירע אינסטיטוציעס, פארטייען און אָרגאַניזאַציעס; רבנים, עסקנים, פערזאָנען און געשטאַלטן; אלגעמיינע שעלדערונגען, פרשיות פון חורבן און אומקום, א שטיקער פון שטעטלדיקן לעבן,

שטרעבנדיק, אז דאס ספעציפישע און אייגנאַרטיקייט פון גאוואראווע זאל קומען צום אויסדרוק.

עס דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, אז די פינאנסיעלע מיטלען, וואס זענען געשטאַנען צו אונזער רשות אויף ארויסצוגעבן דעם „יזכור־בוך", האבן געקאנט רייכן, אדער אויף צו באַצאָלן א פּראָפעסיאָנעלן רעדאַקטאר, און דאן וואָלט נישט געבליבן קיין געלט אויף פּאַפּיר, קלישעס, דרוק און איינבאַנד, דאס הייסט: בלייבן אן א בוך; אדער אליין אַלץ מאכן, כאַטש מיט באגרענצטע כוחות. מיר האבן, פארשטענדלעך, אויסגעוויילט דאס צווייטע. דעריבער איז גאַנץ מעגלעך, אז דער דאזיקער בוך איז נישט רעדאגירט לויט אלע אנגענומענע ליטעראַרישע כללים. אבער אונזער ציל איז געווען: בויען א מאָנומענט און פאראייביקן דאס שטעטל, און דאס, גלויבן מיר, האבן מיר דערגרייכט. דעריבער בעטן מיר נישט קוקן אויפן דאזיקן ספר מיט קיין קריטיש אויג.

★

הגם מיר האבן נישט געשוינט קיין צייט און מי, שטרעבנדיק, אז די ארבעט זאָל זיין א פולקאמע, ווייסן מיר אליין, אז מיר האבן דאס ווייט נישט דערגרייכט. עס פעלט א סך דאָקומענטאַריש מאַטעריאל און בילדער פון גוזעלשאַפטלעכער באדייטונג; אויספירלעכערע באריכטן פון אינסטיטוציעס, פון אַ טייל פּאַרטייען און פון וויכטיקע געשעענישן. עס איז גאַנץ מעגלעך, אז אין „א שפּאציר איבערן שטעטל" און אין אנדערע באשרייבונגען און נאָטיצן, ווי אויך אין דער רשימה פון די אומגעקומענע, זענען א טייל נעמען דורכגעלאזן, אדער פארגרייזט געוואָרן. עס קאָן אויך זיין, אז א טייל אנגעגעבענע דאטעס שטימען נישט מיט דערווירקלעכקייט. דאס אַלץ האט זיך, צום באַדויערן, נישט געלאָזט אויסמיידן. פארשידענע סיבות און מניעות האבן דערצו גורם געווען. בעיקר — דער וואַכער אפּרוף אויף אונזערע ביטעס און ווענדונגען, און די נישט־פארשטענדלעכע גלייכגילטיקייט פון אונזערע לאנדסלייט, וועלכע האבן, ליידער, נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דאָזיקן בוך. מען דאַרף אויך נישט פארגעסן, אז די גאנצע קאלאסאלע ארבעט, וואס איז פארבונדן מיטן ארויסגעבן א יזכור־ספר — סיי דאס רעדאגירן, און א גרויסן טייל אליין צו שרייבן, און אפילו די טעכנישע ארבעט פון אנהויב ביזן סוף — האבן פרייוויליק אויסגעפירט נאָר צוויי מענטשן, וועלכע האבן אריינגעלייגט זייערע בעסטע כוחות און דערביי געהאט די ריינסטע כוונות. איז דעריבער אויך נישט אויסגעשלאָסן, אז צוליב דער גרויסער לאסט, וואס איז געפאלן אויף זיי, זענען דורכגעלאזן געוואָרן פעלערן, וועלכע וואָלטן, אפשר, ביי א קאָלעקטיווער מיטארבעט געקאָנט אויסגעמיטן ווערן. פילט זיך, דעריבער, עמיצער געטראָפן, און מיינט, אז מיר זענען נישט גענוג אָביעקטיוו געווען — בעטן מיר אנטשולדיקונג.

★

זאָל דער דאזיקער ספר זיין א מצבה פאר אונזערע טייערע קדושים און א נר־תמיד פאר זייערע נשמות, ווי אויך א ציגל אין בנין פון גרויסן באשולדיקונגס־אקט, קעגן דער וועלט פון רשעות און פארברעכן, ווי אויך קעגן די וועלט־פאַרזאָרגערס, וועלכע האבן זיך רואיק צוגעקוקט און נישט רעאַגירט. זאל אויך דער דאזיקער יזכור־בוך זיין א ביישטייער פאר דער חורבן־ליטעראטור און א קוועלע פאר צוקונפטיקע פאָרשער, וועלכע וועלן גיין באשרייבן אט די דאזיקע שוידערלעכע תקופה.

ר ע ד א ק צ י ע

א קאפיטל געשיכטע

גאווראווע, א ריין־יידיש שטעטל אין קאָנגרעס־פוילן, מיט א באפעלקערונג פון קרוב 500 פאַמיליעס, איז געלעגן אויף דער באַן־ליניע ווארשע־לאָמזשע, צווישן די שטעט אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק און אָסטראָלענקע. גאווראווע האט אנגעהערט צום אָסטראָ־לענקער פאוויאט, און לאנגע יארן — צו דער ביאליסטאקער וואיעוואדשאפט. ערשט אייניקע יאר פאר דער לעצטער וועלט־מלחמה, האט דאס פוילישע אינערן־מיניסטעריום אנגעשלאסן דאס שטעטל צו ווארשע.

עס איז נישט געשטאַנען צו אונזער רשות קיין אָפיציעלער היסטאָרישער מאַטעריאַל, מיר זאלן קאָנען אויספאָרשן ווי לאנג דאס שטעטל האט עקזיסטירט און זייט ווען יידן וווינען דאָרט. די אייניציקע געשיכטלעכע קוועלע איז א פוילישע געאָגראַפישע אויסגאבע פון יאָר 1881, ווו עס ווערט אנגעגעבן, אז גאווראווע האט שוין עקזיסטירט אין 16־טן יארהונדערט.

די אויסגאבע הייסט:

"SLOWNIK GEOGRAFICZNY KROLEWSTWA POLSKIEGO I INNYCH KRAJOW SLOWIANSKICH" *)

דאָרט איז צווישן אַנד. געשריבן:

גאווראַוואַ, א דאָרף אויפן טייך „הירש״, אָסטראָלענקער פאוויאט, גמינע און פּאַראַפיע גאווראַווע, א מרחק פון 20 וויאָרסט פון אָסטראָלענקע. באַזיצט א הילצערנעם קלויסטער מיט א געמויערטער קאַפּליצע, וואס שטאמט נאך וואר־שייַנדלעך פון 16־טן יארהונדערט, באַנייט דורכן פּלאָצקער ביסקופּ אנדזשיי סטאַניסלאַוו זאַלעווסקי אין יאר 1729. די צייטשריפט „אינזשיניעריאַ אַי בודאָוו־ניצטוואָ״ פון 15־טן אַפּריל 1881 ברענגט א ידיעה וועגן אַ אַנטוויקלונגס־פּלאַן. עס געפינט זיך דאָרט אַן אָנפאנגס־ שולע, א גמינע־אַמט, א בראַוואָר. אין יאר 1827 האט גאווראַווע געציילט 40 הייזער און 196 איינוווינער, איצט איז דאָ 101 הייזער און 1485 איינוווינער. גאווראַוואַער פּאַראַפיע, וואס האט פריער אנגעהערט צו מלאַווע און איצט צו אָסטראָלענקע, ציילט 8100 איינוו. די גאווראַוואַער גמינע ציילט 4747 איינוו. דער אָרטס־געריכט פון 3־טן באַצירק איז אין טשערווין, א מרחק פון 12 און האלבן וויאָרסט. צו דער גאווראַוואַער גמינע האבן אנגעהערט פּאַלגענדע אָרטשאַפטן: אָסאַדאַ גאָוואָראָוואָ, און די דערפער, בריזשנער־ווולקע,

*) ארויסגעגעבן אונטער דער רעדאקציע פון פיליפּ סולימיערסקי, בראָניסלאַוו כלעבאָווסקי און וולאַדיסלאַוו וואַלעסקי, 2־טער טייל. דערשינען אין ווארשע (1881), אין פאַרלאַג פון פיליפּ סולימיערסקי און וולאַדיסלאַוו וואַלעסקי. דרוק. „וויעקו״, נאָווי שוויאַט 59.

גורי, גראַדזשיסק, יעמיעליסטע, יוזעפאָווא, קאַטשקאַ, קאַבילין, גרויס־פּאַניקווע, קליין־פּאַניקווע, פּאַקשעווניצע, רעמביס, ווי אויך גאָוואָרווועק, ליפּיאַנקי און זאַבין.


ווי עס איז צו זען זענען די ציפערן וועגן דער גאוואַראווער באַפעלקערונג אין אייניקע פעריאָדן — אנגעגעבן אין אַלגעמיין. מיט קיין איין וואָרט איז נישט דערמאָנט וועגן יידן, הגם אונזערע עלטערן און זיידעס האָבן שוין אין דער לעצטער תקופה געוווינט אין שטעטל, און עס איז שוין דאָרט געווען אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן.

בקבלה איז אנגענומען, אז יידן זענען געווען צווישן די מיטגרינדער פון שטעטל. עלטערע יידן האָבן געוווּסט צו דערציילן, וועגן אַ באַזוך אין שטעטל פון ווילנער רב ר׳ אברהם דאַנציק זצ״ל (1748—1820, מחבר פון די ספרים „חיי אדם״ און „חכמת אדם״, ווי אויך פון דער „תפילה זכה״). עס איז אויך פעסטגעשטעלט, אַז דער באַרימטער פּויזנער רב ר׳ עקיבא אייגער זצ״ל (1761—1837) האָט ביים סוף פון 18־טן יאָרהונדערט באַזוכט גאוואַראווע אויף זיין וועג, פאַרנדיק קיין לאָמזשע.

אין דער צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1794, איז באַקאַנט געווען אין גאוואָראָווע אַ יידישער אויפשטענדלער מיטן נאָמען שמואל טאָט. לויט ווי אלטע יידן האָבן איבערגעגעבן, איז דער דאָזיקער שמואל טאָט, פון גרויס פּוילישן פּאַטריאָטיזם געוואָרן אַ מוסר און אנגעטאָן גרויסע צרות דער יידישער באַפעלקערונג. זיין סוף איז געווען אַ טרויעריקער: די רוסישע מאַכט האָט אים אויסגעפונען און באַגראָבן אַ לעבעדיקן.

עס איז אויך אנצונעמען, אַז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דאַן געוווינט אין וואולקי (אַ קליין דערפל אויף דער צווייטער זייט פון גאוואַראווער טייך „הירש״). דעם דאָזיקן פאַקט באַשטעטיקט אַן אלטער כתב־יד אויפן שער־בלאַט פון „ספר מוסר השכל״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1857. דאָרט שטייט בפירוש געשריבן, צוו. אנד. „וואולקי־גאוואַראווע״. אויך דאָס, וואָס דער בית־הקברות איז געלעגן נישט ווייט פון וואולקי איז אַ באַווייז, אַז אַ גרויסער טייל יידן האָבן זיך דאָרט געפונען.

אין דער צייט פון צווייטן פּוילישן אויפשטאַנד, אין יאָר 1863, האָבן די גאוואַראווער יידן פיל בייגעשטייערט צו זיין הצלחה און האָבן געקעמפט האַנט־ביי־האַנט מיט די



גאוואַראווער געגנט — געצייכנט לויטן זכרון

פוילישע פאַטריאָטן קעגן די צאַרישע סאַטראַפּן. עס ווערט דערציילט, אז נאָך דער אונטערדריקונג פון אויפשטאַנד, האבן יידן אויסבאהאלטן אין זייערע הייזער די פוילישע אויפשטענדלער, אנגעטאן זיי אין חסידישע קליידער און אין טלית און תפילין, בכדי זיי צו ראטעווען פון די רוסישע סאָלדאַטן, וואס האבן זיי ארומגעזוכט אין דער גאנצער געגנט.

וועגן דער צאל יידן אין גאוואראווע צום סוף פון 19־טן יארהונדערט האבן מיר געפונען אין דער „יעוורעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", באנד 12. דאָרט איז אנגעגעבן אז די אלגעמיינע צאל תושבים אין שטעטל איז געווען 2139, צווישן זיי 1844 יידן. די דאָזיקע ציפערן ווערן באשטעטיקט דורך דער ענציקלאָפּעדיע אין דער דייטשישער שפראך פון פארלאג „אשכול", באנד 7. די דאזיקע קוועלע גיט נאָך צו, דאס אין יאר 1921 האט די אלגעמיינע באפעלקערונג באטראפן 5299 איינוווינער און נאר 1228 יידן.

✶

אין ערשטן וועלט־קריג האט דאס שטעטל געליטן גרויסע צרות פון דער רוסישער אפטרעטנדיקער ארמיי. גאוואראווע איז געווען די ערשטע שטאט, וועלכע איז באשולדיקט געווארן דורך די רוסן אין שפּיאָנאַזש, דורך די אזוי־גערופענע „עירובין־טעלעגראפן"... צוליבן דאזיקן בלבול איז ארעסטירט געווארן דער לעצטער גאווארעווער רב הרב בורשטין הי"ד, מיט עטלעכע חשובע בעלי־בתים פון שטעטל. נאך א שטאַרקער אינטערווענץ, זענען זיי באפרייט געווארן ביז צום געריכט. דער רב האט דאס אויסגענוצט און איז אוועק קיין ווילנע צו הרב רובינשטיין, וועמענס באמיאונגען עס האבן געבראכט דערצו, דאס דורך א ספּעציעלן קעניגלעכן דעקרעט פון פעטערבורג איז בטל געווארן דער זינלאָזער בלבול. דאָך האבן די רוסן פארן אפטרעטן פון שטעטל, שבת נחמו 1915, פארברענט דאס שטעטל און די גאנצע יידישע באפעלקערונג איז זיך צעלאפן אין די ארומיקע שטעט און שטעטלעך און א טייל, אפילו, ביז טיף אין רוסלאַנד.

נאך דער אָקופּאַציע פון דער דייטשישער ארמיי, האבן זיך די אנטלאָפענע גאווראַווער יידן טיילוויַיז צוריקגעקערט אין שטעטל און אנגעהויבן אויפצובויען די חורבות. די דייטשישע לאָקאַלע מאַכט האט זיי אין דעם נישט געשטערט. עס האבן זיך גלייכצייטיק אויפגעעפנט פיל פרנסה־קוואלן פאר די יידישע איינוווינער. נאך דער ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאר 1918, האבן זיך אויך צוריקגעקערט די שטעטישע יידן, וואָס זענען פארוואגלט געווען אין טיף רוסלאַנד און עס האט זיך צוריק אנטוויקלט א פולסירנדיק יידיש לעבן. עס האט זיך געדאכט, דאס עס איז שוין געקומען די תקופה פון שלום און שלוה, אבער דאן האבן זיך אנגעהויבן נייע צרות פון די נייע „בעלי־בתים", די באָלשעוויקעס, און פון די טרויעריק־בארימטע „האלערטשיקעס", פון דער פוילישער אויפוואכונגס־ארמיי. א מבול פון גזירות און רדיפות האט זיך אראפגעלאזן אויפן שטעטל, באגלייט מיט קאנטריבוציעס, שלעק, בערד־שערן, ווארפן פון די צוגן און סתם איבערפאלן.

אין יענער צייט האבן די באָלשעוויקעס ארעסטירט דעם קריסטלעכן גלח־פּראבאשטש גאשטשיצקי, א ברודערן־זון פון דעם קארדינאל קאקאווסקי, פון ווארשע. די פוילישע פארשטייער האבן זיך געווענדן צו הרב בורשטין, דאס ער זאל אינטערווענירן ביים יידישן קאָמיסאַר פון די באָלשעוויקעס צו באפרייען דעם גלח און די אינטערווענץ האט געהאָלפן, דער גלח איז באַפרייט געווארן. אלס אויסדרוק פון דאַנק האט דער פּראבאשטש

אריינגעשיקט דעם רב א הארציקן בריוו מיט א פייערלעכן צוזאג, אז ער וועט דאס קיינמאל נישט פארגעסן. אין א קורצער צייט ארום איז דער גלח־פראבאשטש נאכאמאל ארעסטירט געווארן און די פאלאקן האבן זיך ווידער געוואנדן צום רב וועגן א אינטערווענץ. אבער דאס מאל איז שוין דער רב אליין אויך ארעסטירט געווארן און איז אפגעשיקט געווארן מיטן עטאפ אין דער רוזשאנער פעסטונג. די באשולדיקונג איז געווען א הארבע און עס האט געדראט דעם רב טויט־שטראף. ווען דער רב איז געזעסן א פארטרויערטער אין ארעסט־הויז און געזאגט הויך אויפן קול תהילים, איז צו אים אריינגעקומען א יידישער אפיציר און אים געזאגט: רבי, מיר זענען דא א גרעסערע גרופע פון יידישע סאלדאטן און מיר וועלן זיך לייגן אונטער די פערד ווען מען וועט ווען דעם רב אפפירן פון דאנען צום שיסן. אין זעלבן אוונט האט זיך געעפנט די טיר פון ארעסט־הויז און א שטילער קול האט אריינגעשעפטשעט: רבי, טיר און טויער זענען אפן, אנטלויפט! און אזוי ארום איז דער רב ניצול געווארן פון א זיכערן טויט.

ביים איבערנעמען די מאכט דורך די פוילישע ארגאנען, זענען אין דער גאנצער געגנט פארגעקומען פאגראמען אויף יידן. אויך אין גאווארעוואלע האבן זיך די פויערים פארזאמלט אויפן מארק און זיך געגרייט מיט העק און שטעקנס אין די הענט. דאן איז דער גלח־ פראבאשטש דערשינען פאר די מאסן אין זיינע הייליקע קליידער און געזאגט צו די פויערים: ברודערלעך!, דא אין שטעטל וועט מען קיין יידן נישט שלאגן! דער עולם איז זיך פונאנדערגעגאנגען און אזוי ארום איז אויסגעמיטן געווארן א פאגראם אויף די יידן איז גאווארעווע.

★

אין פארלויף פון דער פוילישער הערשאפט ביז צום לעצטן קריגס־אויסברוך איז דאס לעבן אין שטעטל געפלאסן פארעלטנישמעסיק רואיק. קיין עפנטלעכער אנטיסעמיטיזם איז נישט געווען צו מערקן. ערשט, ביי דער לעצטער „אוושעם״־פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג, ווי זי האט גערופן אפיציעל צו אונטערדריקן דעם יידישן האנדל און ווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגען — האט ארויסגערופן א שטילן באיקאט און פיקעטן פאר די יידישע קראמען. די אלט־איינגעבאקענע פריינטלעכע באציאונגען צווישן די יידן און זייערע קריסטלעכע שכנים האבן פיל אפגעשוואכט די באיקאט־פלענער. דער גרעסטער טייל אנטיסעמיטישע אגיטאטארן זענען געקומען פון דרויסן, וואס האבן מיט פארדרוס געקוקט אויף די פריידלעכע באציאונגען צווישן דער יידישער און קריסטלעכער באפעלקערונג.

גאווארעווע האט זיך גערעכנט פאר א פרנסה־שטעטל און איז ווירטשאפטלעך געווען באזירט מער, ווי די שכנות׳דיקע שטעטלעך פון דער זעלבער גרויס. דער מיטלשטאנד, וואס איז באשטאנען פון סוחרים און בעלי־מלאכות, האבן באזארגט מיט סחורות די ארומיקע קריסטלעכע דערפער, וועלכע זענען געווען געדיכט באפעלקערט און האבן געהאט צו די גאווארעווער סוחרים און בעלי־מלאכות גרויס צוטרוי.

פון די בעלי־מלאכות האבן זיך ארויסגעהויבן די גאווארעווער שוסטערס, שניידערס און היטל־מאכערס, וואס האבן ארויסגעשטעלט זייערע סחורות אויף ירידים אין די ווייטסטע שטעט און שטעטלעך מחוץ גאווארעווע. די דאזיקע ירידים־בעלי־מלאכות, די אזוי־גערופענע „טאנדייטערס״, האבן ארויסגעגעבן גראבע ארבעט, וועלכע זענען געווען גאנגבאר נאר צווישן די פויערים. אבער אין שטעטל זענען אויך געווען גוטע בעלי־מלאכות,

וועלכע האבן געארבעט פאר די שטעטלדיקע יידן און פאר א גרויסן טייל קריסטן פון דער סביבה און זיי האבן זיך געהאלטן מיוחס׳דיקער פון די „טאנדייטערס״.

געווען אויך אין שטעטל א רייכערער שיכט יידן, וועלכע האבן געפירט אונטער־נעמונגען און געהאנדלט אין גרויסן פארמאט. צו דער דאזיקער שיכט האבן געהער׳ט: די ברידער נטע און איסר ריץ, אייגנטימער פון דער גרויסער דאמף־מיל און עלעקטרע־ווערק פון שטעטל; די שוואגער׳ס יצחק קאסאווסקי און מתתיהו ראזען (א גערסערע צאל יארן אויך דעם לעצטנס איידעם דוד סעגאל), וועלכע פלעגן האנדלען מיט וועלדער אין גרויסן מאסשטאב, האבן אויך געהאלטן אין פאכט די זעג־מיל (טארטאק) פון קריסטלעכן גוט־באזיצער גלינקא, צעשניטן דארט דאס געהילץ און דעם גרעסטן טייל געשיקט אויף עקספארט. שפעטער אויך אונטער׳נעמער פון האלץ־הייזער־בוי און האנדל מיט בוי־מאטעריאלן; מאיר וואלף תהילים, אייגנטימער פון צעמענט־בוי־מאטעריאל אונטער־נעמונגען ביי דער באן־סטאציע פאשעקי און קוילן מאגאזינען. צו דער רייכער שיכט האבן אויך געהערט די מאנופאקטור־און קאלאניאל־סוחרים, ווי אויך די תבואה־און פלייש־הענדלער.

דער רוב איינוווינער איז אבער באשטאנען פון קליינהענדלער, מעקלערס, שפיליטערן און בעלי־מלאכות, וועלכע האבן מיט שוועריקייטן ארויסגעצויגן זייער פרנסה. פאר אט דער דאזיקער שיכט האט פיל בייגעשטייערט די שטיצע, וואס קרובים און לאנדסלייט האבן געשיקט פון אמעריקע.

א גרויסן ביישטייער צו דערווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון שטעטל האבן געגעבן די בענק. עס זענען געווען טעטיק: די סוחרים־באנק, „באנק קרעדיטאווי״, די „האנדווערקער־און קליינהענדלער־באנק״ און די גמילות חסדים קאסע.

די פארעלטענישמעסיק נישט שלעכטע ווירטשאפטלעכע לאגע, האט געהאט איר אפשפיגלונג אין דער גייסטיקער און קולטורעלער אנטוויקלונג פון שטעטל. אויך אויף דעם געביט איז גאוואראווע געווען פאר א ביישפיל פאר אלע אנדערע שטעטלעך אינם קרייז. שוין בלויז פון אויסערלעכן אויסזען האבן גאוואראווער איינוווינער געמאכט א רושם מיט זייער פיין־שמעקעדיקן עסטעטישן געפיל פאר ריינקייט און ארטיקער קליידונג, וווינונגען געראמע, שיינע מעבל, מיט פרעטענסיעס פון גרויס־שטעטישקייט.

פיל בעלי־בתים האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א ברייטער האנט פאר צדקה און הכנסת אורחים. לאנגע יארן האט דאס שטעטל אויסגעהאלטן אויפן אייגענעם חשבון א ישיבה מיט פיל תלמידים פון דער ארומיקער געגנט.

רבנים האט גאוואראווע אויסגעקליבן גרויסע לומדים וואס האבן געקענט באזעצן די כסא־רבנות אין די גרעסטע שטעט אין לאנד. אונזער דור געדענקט גוט די לעצטע דריי רבנים: הגאון הרב ר׳ אהרן קלעפפיש זצ״ל, מחבר פון ספר „בית אהרן״, א ברודער פון לעצטן ווארשאווער ראב״ד ר׳ שמואל זיינוול קלעפפיש; הגאון הרב ר׳ יעקב יהודה הכהן באטשאן זצ״ל, מחבר פון ספר „ושב הכהן״, א למדן מופלג, יומם ולילה איז ער געזעסן על התורה ועל העבודה; און דער לעצטער רב הגאון ר׳ אלטער משה מרדכי בורשטין הי״ד, וואס איז געווען איינער פון די גדולי התורה אין לעצטן דור. זיין פקחות און שארפזין איז געווען א שם דבר, א מענטש, וואס האט דערוועקט אין זיך דרך־ארץ און א מנהיג פון דער קהילה בחסד עליון. דער רב הי״ד איז אומגעקומען על קידוש־השם אין טויט־לאגער טרעמבלינקע, אין חודש אב תש״ג.

אין גאַוואָראָווע זענען געווען טעטיק אַלע קהלישע און וווילטעטיקע אינסטיטוציעס ווי אין אלע יידישע שטעט אין פוילן: א קהילה־פארוואלטונג, מיטן לאנג־יעריקן פרעזעס ר׳ משה טענענבוים הי״ד, שפּעטער ר׳ נטע ריץ הי״ד, און דער לעצטער — ר׳ משה כשר הי״ד; די חברה קדישא מיט די גבאים ר׳ מתתיהו ראזען, ר׳ ישעיה אייזנבערג און ר׳ מאיר ראמאנער; א נעץ פון חדרים, טייל אונטער א געזעלשאפטלעכן אויפזיכט; א „יבנה״־שולע, פאר קינדער פון ציוניסטיש־געשטימטע עלטערן, א רעליגיעזע „בית־יעקב״־שולע, א „ציש״א״ פון בונדיסטן און אידישיסטן און א רעגירונגס פאלקס־שולע, וווּ עס האבן צוזאמען געלערנט יידישע און קריסטלעכע קינדער, מיט צוויי יידישע לערערינס.

פון די וווילטעטיקע אינסטיטוציעס האבן זיך ארויסגעהויבן: „לינת הצדק״, וואס האט געטיילט מעדיצינישע הילף פאר קראנקע; „הכנסת אורחים״, פאר דורכרייזנדיקע ארעמע־לייט; א „גמילות־חסד״־קאסע, „הכנסת כלה״ און „בקור־חולים״. באלד נאכן ערשטן וועלט־קריג האט אייניקע יארן געפירט אין שטעטל זיין רעטונגס־געזעלשאפטלעכע ארבעט דער אמעריקאנער „דזשאינט״.

נאך דער שריפה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווארן אויפגעבויט א צייטווייליקער בית־המדרש פון האלץ, וואס האט קוים געקענט אויפנעמען די מתפללים פון שטעטל. אין אייניקע יארן ארום, איז לויט דער איניציאטיוו פון לעצטן רב, הרב בורשטין הי״ד און דער טעטיקער מיטהילף פון גאוואראווער לאנדסמאן אין אמעריקע ה׳ קלאס און זיין פרוי שרה־גיטל, געוואָרן אויסגעבויט א גרויסאַרטיקע געמויערטע שול, וואס האט מיט איר הויכקייט איבערגעשטיגען אלע הייזער פון שטעטל.

אויסער דעם שטאטישן בית־המדרש, זענען נאך געווען בתי תפילה און חסידים־שטיבלעך, ווי: אלעקסאנדער שטיבל, גערער שטיבל, ווורקער־אטוואצקער שטיבל, מזרחי־מנין, דער א. ג. „גלאטער־מנין״ (ווו עס האבן געדאווענט יונגעלייט אן בערד) און אנד. אין כמעט יעדן בית מדרש האבן עקזיסטירט באזונדערע חברות צום לערנען, ווי: חברת דף היומי, חברת משניות, חברת תהילים, חברת תורה, און אנד.

אין שטעטל זענען געווען טעטיק ארגאניזאציעס פון אלע אן אויסנאם פארטייען אין לאַנד. די אָרגאניזאַציעס האבן מיט זייער אינטענסיווער טעטיקייט געמאַכט א קאלאסאלן רושם אויף די פארטיי־צענטראלעס אין ווארשע און דערפאר האבן די לעצטע זיך באצויגן צו זיי מיט גרויס חשיבות. עס האבן עקזיסטירט: די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציע „התחיה״ מיט איר ביבליאטעק; „פועלי־ציון״ (רעכטע), „פרייהייט״, זייער דראַמאַטישער קרייז און די „ברענער״־ביבליאטעק; „רעוויזיאניסטן״, „בית־ר״ און זייער ביבליאטעק; „מזרחי״, „החלוץ־המזרחי״, „השומר־הדתי״; „פועלי־ציון״ (לינקע); „השומר הצעיר״; „החלוץ״ און „העובד״. די דאזיקע פארטייען האבן צוזאמען געפירט די ארבעט פון „קרן־קיימת״ און „קרן־היסוד״ אין שטעטל. דאן: „אגודת־ישראל״, „צעירי אג״י״, „בנות־אג״י״ און זייער „בית־יעקב״־שולע. די בונדישע ארגאניזאציע האט געהאט אין גאוואראווע איינע פון אירע גרעסערע אפטיילונגען, צוזאמען מיט זייער יוגנט־ארג. „צוקונפט״ און „סקי״ף״ און די „פרץ״־ביבליאטעק. עס האט אויך עקזיסטירט א אומלעגאלע קאמוניסטישע פארטיי. די אלע א. ד. פארטייען האבן געפירט א לעבהאפטע קולטור־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. לפחות איינמאָל אין וואָך פלעגט יעדע אָרגאניזאַציע איינאָרדענען ביי זיך א רעפעראט, א קעסטל־אוונט, א ספארט־פארמעסטונג, א פארוויילונג, צי גאר אן אויפטריט

פון זייער דראמאטישן קרייז. פון צייט־צו צייט פלעגן די דראמאטישע קרייזן אויך אויפטרעטן אין דער סביבה. קיין גאוואראווע פלעגן די פארטיי־צענטראלעס שיקן די בעסטע רעדנער, באקאנטע דאן פערזענלעכקייטן און אינסטרוקטארן מיט גרויסן פארטייאישן סטאזש. דער טיראזש פון דער פארטייאישער און אומפארטייאישער פרעסע, האָט געהאט אין שטעטל א גרויסן אָפּגאַנגס־מאַרק, אָנהויבנדיק פון „הצפירה", ביזן „היינט", „מאָמענט", „טאָגבלאַט", „פאָלקסצייטונג" און אלע אנדערע וואָכנבלעטער און זשורנאלן.

טראָץ די אויבן־דערמאנטע פארטייען, וועלכע טייל פון זיי האבן אפן פרעטענדירט מיט זייער „פריידענקעריי", איז דאס שטעטל אין אלגעמיין געווען טיף־רעליגיעז און דער בית־המדרש איז תמיד פיל געווען מיט דאוונערס און לערנערס. אין די אוונט־שעהן האבן זיך די הארעפּאשנע מאסן אויסגעזעצט ארום די לאנגע הילצערנע טישן און זיך איינגעהערט, ווי ר׳ בצלאל־יוסל לערנט תהילים מיטן אלשיך, מיט זיין זיס־נאגנדיקן ניגן. אויך די פּראָסטע יידן, וואס האבן נישט פארשטאנען קיין תורה, האבן שעמעוודיק צוגעשטעלט אַן אויער צו הערן די קלאנגען פון די הייליקע תורה־ווערטער.

אין דער רעכטער זייט פון בית־המדרש, ביי די פענסטער, וואס זענען ארויסגעגאנגען צום טייך „הירש", האבן זיך געזעצט די „שיינע" יידן לערנען דעם דף־יומי בציבור.

ארום די צוויי גרויסע קאכל־אויוונס האבן זיך שטענדיק פארזאמלט די „הולכי במישות", וואס האבן צווישן א „קדיש" און א „ברכו" ארומגעשמועסט די לעצטע פּאליטישע נייעס פון דער וועלט. גרויס אויפמערקזאמקייט אין שטעטל האט ארויסגערופן, ווען עס פלעגט קומען א מגיד, א בעל־דרש׳ער, וואס האט גערעדט טרייסט־און שטראף־רייד און די יידן האבן אים אויסגעהערט מיט א פארכאפּטן אטעם...

גאָוואָראָווע האט אויך געהאָט אַ נאָמען פאר אַ געמיטלעך און רואיק שטעטל, ווו עס האָבן געהערשט גוטע, קעגנזייטיקע באציאונגען צווישן איינעם און אנדערן. עס איז ספּעציעל געקומען צום אויסדרוק ביי א שמחה. האט א שטעטישער ייד חתונה געמאכט אַ קינד, האָבן זיך אַלע געפילט ווי מחותנים; יעדע פרוי האט געהאַלטן פאַר נויטיק צו קומען איז הויז פון בעל־שמחה, ווער זיך פארען ביים באקן און בראטן, ווער העלפן אנטאן דער כלה און ווער סתם זאגן מבינות. די חופּות פלעגן ס׳רוב פארקומען אין שול־הויף און דאס פירן חתן־כלה צו־און פון דער חופּה, פלעגט פארוואנדלט ווערן ממש אין א טריומף־מארש איבערן שטעטל, מיט מוזיק, שטורקאצן, פייערווערק און טענץ.

שבתים און ימים־טובים, ספּעציעל סוכות און שמחת־תורה, האט דאס שטעטל אראפּגעווארפן פון זיך אלע זארגן און די שמחה האט זיך ארויסגעפילט פון אַלע ווינקעלעך. פייערלעך פלעגט דורכגעפירט ווערן די גרויסע יערלעכע חברה־קדישא סעודה, וואס פלעגט פארקומען ערב ראש־חודש שבט נאך א טאג פאסטן און סליחות־זאגן. ביי דער דאזיקער סעודה איז געעפנט געווארן דער פּנקס הקהל און דארטן זענען איינגעשריבן געווארן די וויכטיקע געשעענישן פון יאר און פארצייכנט די נעמען פון בעלי בתים, ווען לטובה און ווען לרעה. איז דעריבער דער דאזיקער טאג פון דער חברה־קדישא געווען א יום־הדין פאר זינדיקע, ספּעציעל בין אדם לחברו.

די זעלבע קעגנזייטיקע באציאונגען האבן זיך אויך געלאזט מערקן ביי טרויעריקע דערשיינונגען. איז עמיצער קראנק געווארן אין שטעטל, זענען אים אן א צאל מענטשן געקומען מבקר־חולה זיין און אין די נעכט האט מען זיך גרופּנווייז איינגעטיילט צו

באוואכן דעם קראנקן. ביי א לויה ר״ל, האבן אלע געשלאסן די געשעפטן און געהאלטן פאר זייער חוב צו באגלייטן דעם נפטר לפחות ביז איבער דער בריק, וואס האט געפירט צום בית־הקברות.

דער בית־הקברות איז ווייט געווען פון שטעטל איבער א קילאמעטער. ער איז געווען גוט געפלעגט, פארפלאנצט מיט בוימער און גרינס און ארומגענומען מיט א געמויערטן גדר. עס זענען דארט געווען פיל אומלעזבארע מצבות, וואס פון אלטקייט האט מען נישט געקענט פעסטשטעלן דעם נאמען און דאטע פון פטירה.

★

א שיין, רוהיק און הארציק שטעטל איז געווען גאוואראווע, פול מיט לעבן און יידישן חן. שטארקע אומזעבארע פעדים פון ליבע און אכטונג האבן פארבונדן די גאוואראווער יידן מיט זייער געבורטס־שטעטל. אויך די, וועמען דער גורל האט פארווארפן אין מרחקים, איבער ימים און מדבריות — האבן נישט איבערגעריסן די פעדים, און נישט געקאנט אויסמעקן פון זייער געדעכעניש דאס אר׳ט ווו זייער וויגעלע איז געשטאנען, דארט ווו זיי האבן די ערשטע שריט אין לעבן געמאכט.

אלס פאקט קאנען דינען די פאראייניגען און טעטיקע לאנדסמאנשאפט־קאמיטעטן, וואס זענען פאַנאנדער געשפרייט איבער דער וועלט, פון קאנאדע, אמעריקע ביז ישראל, וועלכע זען פאר זיך דעם הייליקן ציל: אנצוהאלטן א קעגנזייטיקן ברידערלעכן קאנטאקט, און פלעגן מיט ליבע און פיעטעט דאס אנדענקונג פון חרוב געוואָרענעם געבורטס־שטעטל גאוואראווע.



דער פלאַץ פון בית־הקברות, פאַראַקערט געוואָרן נאָך דער מלחמה.

אברהם שווארצבערג
ארגענטינע

גאוואראווע
מיט א האלבן יארהונדערט צוריק

זינט איך געדענק גאוואראווע, איז די יידישע באפעלקערונג דארט תמיד געווען א רעליגיעזע. יעדן פרימארגן און אין די אוונטן האבן די יידן אנגעפילט דעם בית־המדרש, צו תפילת שחרית און צו מנחה ומעריב. אפט פלעגן קומען מגידים און מטיפים אין שטעטל און האלטן דרשות צווישן מנחה און מעריב און זאגן מוסר דעם עולם. זייערע רעדעס זענען געווען דורכגעפלאכטן מיט מאמרי חז״ל, צוגעפאסטע משלים, ווערטלעך פון גוטע יידן און אקטועלע מעשיות און אזוי ארום אפגעפרישט די מתפללים, און האט פיל צוגעהאלפן אויפצוהאלטן דעם רעליגיעזן גייסט.

די איינוווינער זענען געווען צעטיילט אין חסידים און מתנגדים. דער גרויסער בית־המדרש איז געווען א מתנגדישער. דער חסידישער עולם, ווידער, איז געווען צעטיילט אין באזונדערע „שטיבלעך", לויט זייער רבי'ן, ווי: אלעקסאנדער חסידים, גערער חסידים א.א.וו. אין זעלבן בנין פון דעם גרויסן מתנגדישן בית־המדרש האבן זיך געפונען די דאזיקע „שטיבלעך" און אלע האבן געלעבט בשלום ובשלוה.

ווען עס זענען געווען פראבלעמען פון א נייעם חזן, א שוחט, אדער א רב, זענען דאס געווען שווערע ענינים צום לייזן, צוליב די פארשידענע מיינונגען, וועלכע האבן געהערשט צווישן די איינוווינער. די מתנגדים האבן געוואלט, אז די כלי־קודש זאלן זיין פון זייער צד און די חסידים — פארקערט. מען האט אפגעהאלטן זיצונגען, גערופן פארזאמלונגען, דיסקוטירט, געאמפערט־און געכעסט זיך, ביז נאך לאנגע שקלא וטריא איז מען סוף־סוף געקומען צו א הסכם און עס איז ווידער געווארן שלום על ישראל.

די דערציאונג פון די קינדער איז געווען אין חדר. צו 4—5 יאר האט מען שוין געשיקט די קינדער צו א דרדקי מלמד. בהדרגה'דיק האט מען זיי ארויפגעפירט צו לערנען גמרא, ווער מיט תוספות און אנדערע מפרשים. די מערהייט, וואס האבן געענדיקט די חדרים, זענען געגאנגען זיך לערנען א מלאכה. די מער חריפות'דיקע יינגלעך, זענען אוועק ווייטער לערנען אין די ישיבות פון אסטראווע, לאמזשע און אנד. וגם אני בתוכם.

לערנען שרייבן איז געווען די אויפגאבע פון רבי'ן. אין די גרעסערע חדרים האט מען אפגעגעבן אויף דעם צוועק א שעה אין טאג. עס איז אויך געווען א רוסישע שולע (ביז 1917 האט פוילן געהערט צו רוסלאנד) פאר די קריסטלעכע איינוווינער פון שטעטל און פאר דער געגנט ארום. די יידישע קינדער זענען געווען געצוווּנגען צו באזוכן די שולע א שעה אין טאג, צווישן 4 און 5 נ. מ. דארט האט מען זיי געלערנט לייענען און שרייבן רוסיש. אין שטעטל איז אויך געווען א פריוואטער יידישער לערער, וואס האט געגעבן לעקציעס אין יידיש, פויליש, דייטש, העברעאיש און אריטמעטיק. די איינציקע חברה, וואָס האָט עקזיסטירט, איז געווען די „חברה קדישא", וואס האָט זיך פאַרנומען

מיט בית עולם־פראבלעמען. איינמאל אין יאר האבן זיי געפראוועט א סעודת־מצוה, באר פאר חברה־לייט און באהאנדלט דארט ענינים וועגן זייער טעטיקייט.

קיין באוועגונג פון פאליטישן כאראקטער, ווי ציוניזם, סאציאליזם א. א. איז אין גאוואראווע נישט געווען, איז ממילא נישט געווען צו פארצייכנען קיין שום פארטייאישע טעטיקייט. עס האבן זיך אבער געפונען יחידים, ארבעטער, וועלכע זענען געווען באהאוונט אין סאציאלע טעאריעס על־פי נוסח מארקס: דער אייביקער קאמף צווישן ארבעט און קאפיטאל. זיי פלעגן טענה׳ן, אז נאר די סאציאלע רעוואלוציע קען ברענגען די באפרייאונג פאר דער מענטשהייט. נישט האבנדיק, אבער, קיין אנהענגער, פלעגן זיי זיך האלטן אפגעזונדערט פון כלל. די עטלעכע משכילים, וואס האבן זיך דאמאלט געפונען, האבן זיך אויך געהאלטן רעזערווירט. זיי האבן, קענטיק, געווארט אויף בעסערע צייטן.

קיין ביבליאטעק איז אין שטעטל נישט געווען. דער גאנצער לייען־מאטעריאל פאר דער יוגנט איז באשטאנען פון מעשה־ביכלעך וועגן מלכים, פרינצן און אנדערע אריסטערליש־פאנטאסטישע געשיכטעס, וואס זענען אין יענער עפאכע געווען לרוב. די יוגנט פלעגט זיך אין קלענערע גרופעס צוזאמענקומען אין די גרויסע ווינטער־אוונטן צו א חבר אין שטוב און לייענען די „ליטעראטור״ פון שמ״ר, מאטקע חב״ד, הערשעלע אסטראפאלער, שמחה פלאכטע א. אנד.

הגם, זייטן סוף פון פאריקן יארהונדערט, האט שוין אין דער יידישער וועלט זיך אנגעהויבן אויסצוקריסטאליזירן דער פאליטישער ציוניזם, ווי אויך סאציאליסטישע באוועגונגען, אבער אין גאוואראווע האבן זיי נאכנישט געהאט אריינגעדרינגען. ערשט, אין 1910 בערך, האט זיך אנגעפאנגען אויסשיילן און ארויס אין דער עפענטלעכקייט די השכלה באוועגונג אין שטעטל און זיך פארשפרייט וואס אמאל מער צווישן דער יוגנט. עס האבן אנגעהויבן בלאזן נייע ווינטן מיט אן אנזאג אויף אנדערע צייטן. א נייע ערע האט זיך דאן אנגעפאנגען פאר דער יוגנט. צווישן די עלטערע בחורים, פון איבער 20 יאר האט זיך שוין געפונען א קליינע צאל באוווסטזיניקע אויטאדידאקטן, וועלכע האבן געלעבט רעזערווירט, נישט זוכנדיק צו פארשפרייטן זייער ארט דענקען — זיי האבן געווארט אויף דער ריכטיקער צייט. „מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל״ — פלעגן זיי טענה׳ן, און אזוי איז טאקע געשען. מיט דעם גאנצן יוגנטלעכן ברען האבן זיי זיך אריינגעווארפן אין דער השכלה־באוועגונג, באגלייט מיט דעם ציוניסטישן באוווסטזיין, וואס איז פאר זיי געווארן א אידעאל פאר דער צוקונפט.

אין פיל הייזער האבן זיך שוין באוויזן ביכער פון מענדעלע מוכר ספרים, יצחק לייביש פרץ, אברהם רייזן א. אנד. אויך די ציוניסטישע ליטעראטור האט זיך שוין אנגעפאנגען פארשפרייטן. א סך האבן זיך אנגעהויבן לערנען העברעאיש. עס האט זיך געמערקט אן אלגעמיינע אויפלעבונג. אויף די יוגנטלעכע פנימ׳ער האט אויפגעשיינט א פרייד, א דערוואכונג צו א נייער, פאר זיי אומבאקאנטער, וועלט.

עס דערמאנט זיך מיר, ווי אין די פרילינגס און אין די זומערדיקע בין השמשותן האבן זיך גרופעס ייִנגלעך און מיידלעך ארויסגעלאזט אויף א שפאציר אויפן וועג פון באכן קלויסטער („פראבאסטווא״) און זיך צעזונגען יידישע לידער פון פרץ׳ן, רייזן׳ען, ווי אויך פון משה לייב לילענבלום, וועלכער איז שוין דאן געווען פאפולער צווישן דער יוגנט.

די עלטערע, מער פארגעשריטענע, זענען אויסגעשטאנען שווערע קאמפן מצד

די עלטערן; קאמפן וואס זענען אפט געוועזן זער דראמאטישע. דער שרייבער פון די שורות פלעגט זיין א עדות, ווען ער האט געלערנט ביי יוס׳ל דעם מלמד, ווי ער פלעגט רודפ׳ן זיין זון פאר זיינע השכלה געדאנקען און דער זון פלעגט איבערלעבן שווערע מאמענטן צוליב זיין פאטער. איך האב שוין דאן, אלס יינגל פון 10 יאר, געפילט א פארדראס צו מיין רבי׳ן, פאר דעם גייסטיקן פיין, וואס ער פארשאפט אזוי גרויזאמען זיין אייגענעם זון.

אין יענער צייט האט זיך באוויזן אין גאוואראווע בנימין גינזבורג, א זון פון ר׳ משה יהושע גינזבורג; א יונגערמאן פון א יאר עטלעכע־און־צוואנציק מיט א סך וויסן און בילדונג. בנימין איז געקומען פון ביאליסטאק, וו ער איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבן דער השכלה באוועגונג פון יענער תקופה און איז געווען אויך טעטיק אין דער חובבי־ציון גרופירונג, וועמענס שעפער עס איז געווען משה לייב לילענבלום. בנימין האט די אידעען פארשפרייט צווישן דער גאוואראווער יוגנט און די 13—14 יעריקע גמרא־יינגלעך האט ער גלייך געווינען אויף זיין זייט. ער האט זיי געשענקט א סך אויפמערקזאמקייט, זיי אריינגעפירט אין א נייער וועלט, וואס איז געווען פאר זיי אבסאלוט פרעמד. גינזבורג האט געשאפן פאר זיי באגריפן, וועגן וועלט און מענטש און זיי האבן גלייכצייטיק אנגעהויבן לייענען העברעאישע צייטשריפטן און זשורנאלן פון יענער תקופה, באקענענדיק זיך מיט די יידישע פראבלעמען, ווי אויך מיט וועלט־פאליטיק.

דאס אלץ, איז אבער געטאן געווארן נאר ביחידות, נישט אין די ראמען פון קיין שום ארגאניזאציע. דאס לייענען, די דיסקוסיעס, די שמועסן פלעגן געפירט ווערן אויף די שפאצירן אין די בין־השמשות שעה׳ן און ביי פארשידענע אנדערע געלעגנהייטן. אבער דאך זענען די עלטערן פון דעם געוויר געווארן און זיך געכעס׳ט אויף די קינדער. אויך דער רב האט געדראעט מיט פארשידענע סאנקציעס דער יוגנט פארן אראפגיין פון דרך הישר. — „אפיקורסות ר״ל״, האט ער געזאגט, „קאן ברענגען אומגליקן פארן שטעטל, ווי קראנקהייטן, עפידעמיעס״ א. א. וו. מען האט דאס, אבער, נישט גענומען ערנסט. מיט דער צייט איז דאס געווארן א רגילות און דער צארן איז לאנגזאם פארביי.

דער שרייבער פון די שורות, טראץ זיין אנטייל אין בנימין גינזבורגס אויפקלערונגס־ארבעט, האט ווייטער אנגעהאלטן די גמרא־לימודים אין בית־המדרש. זייענדיק רעליגיעז געשטימט, האבן מיר געלאקט די גמרא־ניגונים מיט די פלפול־דיקע און חריפות׳דיקע פשטלעך, ווי אויך די אינטערעסאנטע פלוגתות צווישן די תנאים און אמוראים. באזונדערס האבן מיר געשארפט דעם מח די קושיות און תירוצים פון די פארשידענע פוסקים, ווי: תוספות, מהרש״א און אנדערע. אין יעדן זאץ האט געשטעקט פיקחות און שארפזין. טאג־טעגלעך פלעגן זיך געפונען אין בית־המדרש יונגעלייט, איידעמס אויף „קעסט״ א. אנד. וועלכע פלעגן כמעט א גאנצן טאג זיצן און לערנען. עס זענען געווען אזעלכע, וואס נאר אין געוויסע שעה׳ן פון טאג זענען זיי געקומען „אריינכאפן״ א בלעטל גמרא, אלס גייסטיקן פארגעניגן זייערן. פון בית־המדרש האבן זיך, ביז אין די שפעטע נאכט־שעה׳ן געלאזט הערן די גמרא־ניגונים, וואס האבן פארהילכט דעם גאנצן ארום. עס האבן מיר אויך פארכאפט די שמועסן וועגן דעם רמב״ם, ר׳ יהודה הלוי, בעל שם־טוב א. אנד., וואס פאר מיר זענען דאס דאן געווען חידושים און איך האב מיר אזוי ארום באקענט מיט די גדולים פון די פארגאנגענע דורות. זער אינטערעסאנט זענען אויך געווען

די שמועסן וועגן אסטראנאמיע, קאסמאלאגיע און אנדערע וויסנשאפטלעכע באגריפן פון די ספרים חצוניים, וואס זענען ביז דאמאלט אין גאווארעווע געאסרט געווען.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פון 1914, איז גאווארעווע גענצלעך אפגעבערענט געווארן דורכן רוסישן מיליטער. נאך דער דייטשישער אקופאציע האט זיך דאס שטעטל אנגעהויבן צוריק אויפבויען ביז אונטער דער פוילישער הערשאפט. עס האט זיך צוריק אנגעהויבן א ניי לעבן, איבערהויפט צווישן דער יוגנט. די רוסישע רעוואלוציע פון 1917, אויף וועלכער דאס מזרח־אייראפעאיש יידנטום האט געלייגט פיל האפענונגען, האט ספעציעל געהאט א קאלאסאלן איינפלוס אויף דער יוגנט. זי האט זיך דאן אריינגעטאן מיט דעם גאנצן יוגנט־ברען אין דער פאליטיק. טייל האבן אפילו גענומען גלויבן אין דעם אידעאל פון דער רעוואלוציע. די מערהייט, אבער, איז געבליבן געטריי דעם ציוניסטישן אידעאל מיט אירע ריכטונגען. פיל האבן זיך גלייך אנטוישט פון די שיינע רעוואלוציע־לאזונגען און זיך אויסגעניכטערט פון די כלומרשטע נייע געדאנקען. עס איז דערשינען די באלפור־דעקלאראציע און די טעטיקייט פון די ציוניסטישע פארטייען האבן זיך פארשטארקט.

מיט דער כוואליע פון אנטיסעמיטיזם, וואס איז מיט דער הסכמה פון דער נייער פוילישער רעגירונג, אריינגעדרונגען צווישן דער באפעלקערונג, און מיט דער באיקאט־אקציע וואס זי האט אנגעפירט קעגן יידישן האנדל און מלאכה, האט זיך אנגעפאנגען א גרויסע עמיגראציע צווישן דער יוגנט. טויזנטער יוגנטלעכע פון פוילן, און בתוכם אויך גאווארעווער, האבן געפאדערט פון ענגלישן קאנסול איןווארשע סערטיפיקאטן קיין ארץ־ישראל. צוליב דער גרויסער נאכפראגע, האט דער ענגלישער קאנסול געמאכט יעדעס מאל נייע שוועריקייטן און באגרענעצונגען, ביז די עליה האט זיך אינגאנצן אפגעשטעלט. בלית ברירה האט די יוגנט געמוזט ווענדן איר עמיגראציע אין די דרום־און צענטראל־אמעריקאנער לענדער און וווהין עס איז נאר געווען א מעגלעכקייט, בכדי צו אנטלויפן פון פוילן.

אין יענער צייט האבן זיך שוין געהאט געגרינדעט הכשרות אין די דערפער, ווי די ציוניסטישע יוגנט פלעגט גרופנווייז געשיקט ווערן צו די פויערים אויף ארבעט. א באשטימטן טערמין פלעגן זיי ארבעטן אויף די פעלדער און זיך באקענען מיט דער ערד־ארבעט, מיט וועלכעס זיי האבן זיך געדארפט באשעפטיקן קומענדיק קיין ארץ־ישראל. די יוגנט איז געגאנגען אויף די הכשרה־פונקטן מיט פרייד, מיט דעם געדאנק און גלויבן אין א גרויסן ציל, אין דעם אידעאל פון שיבת ציון. און דאס איז געווען דער פארדינסט פון בנימין גינזבורג, וואס האט פארזייט דאס קערנדל צווישן דער גאווארעווער יוגנט און האט מיט דער צייט אנגעהויבן שפראצן, זיך צעוואקסן און געשלאגן טיפע ווארצלען.

משה גראנאט
ישראל

אמאל איז געווען...

אמאל איז געווען א יידיש שטעטל גאוואראווע. דאס שטעטל האט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט באזונדער־שיינע נאטור־פייזאזשן; א פלאכלאנד אן בערג, קיינע וועלדער אין דער נאענט, נאר פעלדער און גערטנער האבן דאס שטעטל ארומגערינגלט פון אלע זייטן. זומער האט עס זיך געבאדן אין גרינס; תבואה־פעלדער מיט הויכע זאנגען, דופטן פון פרוכטן־סעדער, און די בעז־בוימער — האבן ממש פארשיכורט די לופט. קיין רויך פון א פאבריקס־קוימען האט נישט געשטיקט און נישט שווער־געמאכט דאס אטעמען; פאבריקס־סירענעס האבן נישט איבערגעריסן די בראשית־שטילקייט. דער איינציקער פייף, וואס האט זיך געלאזט הערן א צוויי־דריי מאל אין מעת־לעת, איז געווען פון דער באן ווארשע־לאמזשע, וועלכע האט זיך אפגעשטעלט אויף א מינוט, בכדי אויפצונעמען און אראפצולאזן פאסאזשירן. דער פייף האט זיך אריינגעשניטן אין דער רוהיקייט און איבערגעריסן די געמיטלעכע שטילקייט.

דריי הויפט־גאסן האט דאס שטעטל פארמאגט: די „לאנגע" גאס, די „ברייטע" גאס און דער מארק. אויסער די, זענען נאך געווען אייניקע קליינע געסלעך, וועלכע האבן געהאט פארשידענע נעמען, אדער גאר קיין נאמען נישט, נאר זענען גערופן געווארן אויפן נאמען פון א געוויסן בעל־הבית, וואס האט דארט געוווינט.

צוויי פארשטעטלעך האבן געהערט צו גאוואראווע: 1) וווּלקע, אויף דער צווייטער זייט טייך, נאך די צוויי בריקן; דאס איז געווען אן ארעם דערפל, פון וועלכעס עס האט זיך שפעטער אויסגעשיילט אונזער גאוואראווע. דער בית־הקברות, וועלכער האט זיך געפונען נאך וווּלקע, שטאמט נאך פון יענע יארן, ווען גאוואראווע איז נאך געווען א פארשטעטל פון וווּלקע. 2) פראבאסטווא, א ציכטיק שיינע פארשטאט נאכן קלויסטער, ווו עס האט געלעבט די פוילישע אינטעליגענץ. דארט האבן זיך געפונען: דער גלחישער פאלאץ, דער פוילישער קאאפעראטיוו מיט אן אויפשריפט אויפן שילד — „סוואי דא סוועגא", דער פאליציי־קווארטיר, דער פאסט־אמט, דער שטאטישער דאקטאר, א לאנגע צייט — די אפטייק א. אנד. די גאנצע סביבה האט פארמאגט שמעקעדיקע גערטנער און סעדער. דארטן האבן אויך אייניקע יידישע פאמיליעס געוווינט, וועלכע האבן איבערגענומען הייזער בירושה פון דור־דורות. עס פלעגט מיר שטענדיק וווּנדערן, פונוואנען נעמען יידן אזא כח צו זיצן אליין צווישן אזוי פיל גוים.

אין ביידע פארשטעטלעך האט די גאוואראווער יוגנט אויסגעמיטן אין די אוונטן צו גיין שפאצירן. שקצים האבן געזארגט דערפאר, אז יידן זאלן, חלילה, נישט איבערגיין זייער תחום און פארבלאנדזשען אין זייער רשות. זעלטן ווער האט זיך זיי קעגנגעשטעלט.

דעריבער האט מען נאר געשפאצירט אין דער לאנגער גאס אהין און צוריק; און אזוי ווי די ציוויליזציע אויף רעדער האט זיך אביסל פארשפעטיקט אין גאוואראווע, האט מען געקענט פארנעמען די גאנצע ברייט פון דער גאס, פון ברעג ביז ברעג. שבת בייטאג איז דער שפאציר־שטח געוואקסן; בייטאג האט מען נישט קיין מורא געהאט ארויסצוגיין אויך אויסערן שטעטל.

דער גאווארעווער טייך האט דורכגעמאכט דריי תקופות אין יאר: זומער האט ער זיך שטארק איינגעשרומפן, אז עס איז אזש א רחמנות געווען אויף אים א קוק צו טאן. יעדן טאג האט מען געמערקט, ווי ער „שטארבט" צו ביסלעך אפ. אפילו קינדער האבן געקענט דורכגיין דעם טייך זומער־צייט. זיי פלעגן נאר אויסטאן די שיכלעך, פארבויגן די הויזלעך ביז צו די קני, און אן שום שוועריקייטן אריבער אויף דער אזוי־גערופענער „לאנקע". אין הארבסט, ווען עס האבן זיך אנגעהויבן די רעגנס, און אין פרילינג, ווען דער שניי איז צעגאנגען, האט זיך דער טייך ברייט צעוואקסן און אפט אריבער די ברעגעס. דער טייך איז דאן געווען אין זיין פולער פראכט. ווינטער, ווען דער טייך איז פארפרוירן געווען, האבן זיך די חברה אויף אים געגליטשט און אויך געטריבן אלע סארטן ווינטער־ספארט. כדי צו שעפן וואסער, איז אויסגעהאקט געווארן א לאך אין אייז. נישט איינער האט זיך גליטשענדיק א פאל־געגעבן אין אזא „פשערעמבליע". יעדן ווינטער פלעגט מען אויסהאקן קוואדראט־שטיקער אייז און אנגעפילט מיט זיי דעם אונטערערדישן אייז־סקלאד פון ר׳ משה טענענבוים, בכדי דאס שטעטל זאל האבן אייז־קרעם און קאלטע געטראנקען אויפן זומער. אז עמיצער פלעגט באקומען שטארקע היץ, איז מען אויך געלאפן צום אייז־אייגענטימער בעטן א שטיקל אייז אויף א רפואה.

אויסער דעם, האט דער טייך געהאט נאך אנדערע „אויפגאבן": איז ליידיק געווארן אין א שפייז־קראם א הערינג־פאס, האט מען זי ארייננעשטעלט אין וואסער, אנגעפילט מיט שטיינער און נאך א צייט זי ארויסגענומען א זויבערע, אויף קרויט איינצולייגן, אדער אין איר האלטן וואסער. אויך האבן זיך ווייבער אויסגעזעצט אין דער לענג פון טייך און געוואשן דארט דאס געוועש. די באפעלקערונג האט דאס געהאלטן פאר א גאנץ נאטירלעכע זאך.

יעדן דאנערשטיק איז אין שטעטל געווען א מארק־טאג, און איין מאל אין חודש — א יאריד. די פויערים פלעגן קומען מיט פולע וועגענער סחורה און אויספילן דעם פיר־קאנטיקן מארק, די ברייטע גאס און די ספעציעלע צו דעם פלעצער אויסערן שטעטל. אין די דאזיקע טעג האט אנגעהאלטן דער „קאנצערט" פון די בעלי־חיים, פון באגינען ביז פארנאכט, אזש פארטויבט צו ווערן. די יידישע תבואה־סוחרים, וועלכע האבן פון דעם מארק־טאג געצויגן חיונה אויף א גאנצער וואך, זענען ארומגעלאפן פארהאוועט און פארשמאיעט פון איין וואגן צום צווייטן, טאפנדיק און פארזוכנדיק פון יעדן זאק. זיי האבן זיך געדונגען מיטן פויער, געקלאפט איינער דעם צווייטן אין האנט אריין, ביז זיי זענען דורכגעקומען מיטן פרייז און די טראנזאקציע איז געשלאסן געווארן. פארנאכט־צייט זענען שוין אלע וועגענער ליידיק געווען. עס איז געווען צו שטוינען, ווו עס האט זיך גענומען אזוי פיל פלאץ אין דעם קליינעם שטעטל ארייננצולייגן אזוי פיל תבואות. קארטאפל, פרוכטן, עופות און אנדערע ארטיקלען, וועלכע די פויערים פלעגן אנברענגען לרוב. אויך די קרעמער פלעגןווארטן אויפן מארק־טאג; די פויערים האבן אנגעפילט די געשעפטן און איינגעקויפט: הערינג, זאלץ, נאפט, הלבשה, מאנופאקטור,

כלים און אַלע אַנדערע נויטיקע זאַכן. דער יידישער קרעמער, ווי אַלע אַנדערע סוחרים און הענדלער, האָט פון דעם געלעבט אַ גאַנצע וואָך.

די יידן האָבן זיך געפילט גוט אין שטעטל; עס איז נישט געווען קיין כח, וועלכער זאָל קענען ענדערן זייער לעבנס־שטייגער. משפחות האָבן זיך איינגעוואָרצלט, זיך פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן און דאָס שטעטל נישט געוואָלט פאַרלאָזן. איז ענג געוואָרן אין אַ משפחה, האָט מען נאָך אַ צימער צוגעבויט, נאָך אַ שטאָק אַרויפגעהויבן, אַבי אויפן פלאַץ צו בלייבן.

דער שבת איז געווען איינער פון די שענסטע אוצרות, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט. אַ הייליקע רוהיקייט איז געווען אויסגעגאָסן איבער אַלץ און אַלעמען. פון וואָכנטאָג איז מען אַריין אין תחום פון כולו קודש. מען האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שווערן עול פון פרנסה, פאַרגעסן אַלע דאגות; ס׳האָט אויפגעהערט דאָס איילעניש, מען האָט אָנגעהויבן גיין געמיטלעך, מיט געציילטע טריט. מען האָט זיך גוט אָרומגעוואַשן, אויסגעפּוצט זיך אין בגדי שבת און מען איז אין שול און אין די „שטיבלעך" דאַווענען געגאַנגען. טייל פלעגן סתם אַ שבת־שפּאַציר מאַכן. דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט שבת׳דיקע מאכלים און די הויכע לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט האָבן צוגעגעבן גלאַנץ און אַ מיסטישע שטימונג. דאָס זיצן צוזאַמען פון דער גאַנצער פאַמיליע ביי איין טיש, און די ספּעציפישע שבת׳דיקע מאכלים און זמירות, האָבן געמאַכט אַ באַזונדערן רושם.

יעדער יום־טוב איז געפייערט געוואָרן לויט אַלע דינים און מנהגים, ספּעציעל דער יום־טוב פסח. גלייך נאָך פורים האָבן זיך שוין געשאַפן „טליקעס" און בעקערייען, וווּ מען האָט געבאַקן מצה און מצה־שמורה. די וואָך פון ערב פסח האָט מען אַרויסגעטראָגן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר אין שטוב פאַרמאָגט; מען האָט געקאַלכט, געוואַשן, געשייערט און געלופטערט די ספרים. דאָס כשר׳ן די כלים און פאַרברענען דעם חמץ איז געווען אַ באַזונדער געשעעניש אין שטעטל, ספּעציעל פאַר די קליינוואַרג. אין פאַרשידענע פלעצער זענען געשטאַנען יידן ביי קעסלען מיט זודיק וואַסער און געכשרט די כלים, וואָס די ווייבער פלעגן זיי ברענגען. איבערן שטעטל האָט מען שטאַרק געפילט דעם ריח פון דעם ברענענדיקן חמץ, צוזאַמען מיט די „פעדערווישן"...

חול־המועד איז אויסגענוצט געוואָרן אויף צו פאָרן אין געסט. קיינער האָט דאַן נישט געאַרבעט. מלמדים פלעגן זיך אַרומדרייען אין די גאַסן און געזוכט בעלי־בתים זיי אַ „גוט־מועד" צו זאָגן און דערביי זיי פאַרטשעפּען אין אַ שמועס וועגן אַ חדר־יינגל אויפן נייעם זמן. בעלי־מלאכות האָבן זיך געדונגען מיט די אַרבעטער־געזעלן וועגן פּרייז. יעדן חול־ומועד האָט מען געמוזט זיי דערלייגן אַ פּאָר זלאָטעס. חול־מועד סוכות, ווי פסח, איז געווען דער „זמן" פון די מלמדים, געזעלן, און דינסטן אין דער הויז־ווירטשאַפט. די „קאָנטראַקטן" זענען באַנייט געוואָרן, און ווי דער שטייגער — מיט אַן הוספה. שמחת־תורה האָבן זיך יידן געלאָזט ווילגיין. מען האָט געטרונקען משקה, געגנב׳עט טשאָלענטער און לעקעכער, געבראַכט זיי אין די „שטיבלעך" אַריין און געטאַנצט אויף די טישן. און אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע ימים־טובים, וועלכע זענען געפייערט געוואָרן מיט זייער פּראַכט און גלאַנץ.

איך דערמאָן מיך תשעה־באב: דער עולם איז געגאַנגען אין שול אַריין מיט לאַפּטשעס אויף די פיס, זיך געזעצט אויף איבערגעקערטע בענק און מיט אַ וויינענדיקן ניגון געזאָגט די „קינות". יעדער האָט האַרץ־רייסנד געקרעכצט, סיי אויף דעם חורבן

בית־המקדש און סיי אויף די אייגענע צרות. אין דער זעלבער צייט איז אין גאס געווען גאר „לעבעדיק": א חברה יונגווארג האבן זיך באצייטנס אנגעגרייט „וואלד־בערעלעך" און געווארפן זיי אין די האר פון די מיידלשע קעפ. שטענדיק האבן זיי געטראָפן אין „ציל" און די „בערעלעך" זענען געבליבן שטעקן אין די האר ווי צוגעוואקסן. מיט גרויס מי איז קוים געלונגען די „בערעלעך" צו באפרייען. די מיידלעך האבן געזידלט, געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי באַנדיטן וואָלטן זיי באַפאַלן, אַנטלאָפן זענען זיי אָבער נישט. אנדערע האָבן זיך גאר באצייטנס באזארגט מיט קאפּ־טיכלעך.

די קינד׳ער האבן אלע געלערנט ביי פּריוואַטע מלמדים, פון דרדקי, ביז דעם גמרא מיט תוספות־מלמד. יעדער ייִנגל, וועלכער איז אַלט געוואָרן פיר יאָר, האט מען מיט גרויס פּאראד אַוועקגעפירט צום דרדקי. דער מלמד האט דאס קינד געוויזן, מיט א לאנגן פארשפּיצטן „טייטל", אויפן ערשטן בלאַט פון סידור א גרויסן קידוש־לבנה׳דיקן אלף־בית, און אים לאנגזאַם מסביר געווען דעם נאמען פון יעדען אות באזונדער. דער טאַטע האט פון אויבן אראפּגעוואָרפן א גרויסע קופּערנע מטבע און אויסגערופן מיט געמאַכטער שמחה: „דאס האט דיר דער גוטער מלאך אראָפּגעוואָרפן, זאָלסט זיין א פרומער ייד!". דער טאטע האט נאך געגעבן דאס קינד אביסל זיסווארג, בכדי צוצוגעבן אים מער חשק צום חדר.

צו פינף יאָר האט מען שוין געלערנט דאווענען; צו זעקס יאר — חומש מיט רש״י און מעביר זיין די סדרה; צו אכט יאר — שוין געלערנט גמרא. די סאניטארע באדינגונגען אין די חדרים, זענען ווייט נישט געווען קיין אידעאלע. דער מלמד איז תמיד געווען א „קבצן מיט זיבן פּאלעס" און דער לערן־צימער האָט אָפט געדינט אַלס קיך און אפילו אלס שלאף־צימער. אויסער דעם מלמד, וועלכער האט געהאלטן די קינדער אין דושנעם חדר־צימער פון פרי ביז אוונט, האבן אויך די תלמידים געהאט איבער זיך א רבי׳צן, אין על־פי־רוב — אויך קינדער, וועלכע האבן הונגעריקע אויסגעבעטלט ביי די חדר־ייִנגלעך ברויט מיט פּוטער, וואס זייערע מוטערס פלעגן זיי מיטגעבן.

איך דערמאן מיך א בילדל פון מיין חדר, וואס איך וועל עס קיינמאל נישט פארגעסן: דער צימער איז געווען ד׳ על ד׳, קיין פענצטער זענען נישט געווען, בלויז אין טיר איז געווען א קליין פענצטערל. די דאזיקע ליכט איז קוים גענוג געווען אויף צו זען די אותיות אין ספר. אלס נעבן־געשעפט צו מלמדות, האט די רבי׳צן אין דעם זעלבן צימערל אויך געפירט א פארבעריי, און יעדעס מאל, ווען זי האט מיט א לאנגן שטעקן אויסגעמישט די פארב אין קעסל, האט זיך די פארע פונאנדערגעשפרייט איבערן צימערל, אז עס איז אזש „פינסטער געווארן, ווי אין מצרים"; דערצו האט דאס אנגעמאכט אזא עיפוש, קוים דעם אטעם צו כאפּן. די רבי׳צן האט, ווארשיינדלעך אלס געשעפטס־רעקלאמע, געהאט אויף זיך אלע פארבן און זיי קיינמאל נישט אָפּגעוואשן... גערעדט האט זי מיט א מענער־קול און א גאנצן טאג געשאלטן דעם מאן און יעדן איינעם, וואס האט זיך, כלומרשט, כלפּי איר פארזינדיקט.

דאס הייזל פון מלמד איז געשטאנען אביסל העכער פון אלע אנדערע הייזער, און אייניקע נישט־סימעטרישע שטיינער האבן געדינט אלס טרעפּ צום אריינגאנג, וועלכער איז געווען שמאל און נידעריק. דער טיש, ארום וועלכן מיר זענען געזעסן, איז געווען אַ שמאלער און אַ לאַנגער, פון נישט געהובלטע ברעטער. די קינדער זענען געזעסן אויף לאנגע בענק פון ביידע זייטן טיש און דער מלמד אין דער שפּיץ. קיין הפסקה איז נישט

געמאכט געווארן, כדי די קינדער זאלן זיך קענען אביסל שפילן אין דרויסן. אפילו, די מינוטן, ווען דער רבי האט נישט געקנעלט מיט די קינדער, נאר איז געזעסן און פאריכטן זיין כאלאט, האבן די קינדער אויך געמוזט זיצן רואיק און זיך צוקוקן מיט אימה און פחד, וואס ער טוט. אין גאנצן שטעטל איז נישט געווען קיין שפיל־פלאץ. די הייזלעך זענען געשטאנען איינס נעבן אנדערן אין די שמאלע געסלעך, עס איז ממש נישט געווען ווו זיך אַ ריר צו געבן. דעם רבי׳נס קאַנטשיק האָט דערגרייכט אפילו דעם צווייטן עק טיש, אבער נישט שטענדיק אין ריכטיקן ציל. עס איז קיין אומגליק נישט געווען, ווען אנשטאָט אין דער פלייצע, האט דער תלמיד געכאַפּט א שמייס איבערן קאָפּ. קיין בעסערע מעטאָדן צו געהאַרכזאַמקייט, איז דאַמאָלט נישט געווען.

ווערן א מלמד האט געקענט יעדער איינער, קיין סמיכות דערצו האט מען נישט גענדאַרפט האבן. האט טאקע יעדער לא־יוצלח זיך דערצו גענומען. על־פי־רוב זענען דאס געווען אזעלכע, וואס מער ווי גירסא דינקותא האבן זיי אליין נישט געקענט. דאָך, אלף־בית האט מען זיך ביי זיי אויסגעלערנט. די מלמדים האבן נישט ליב געהאט, אז מען זאל זיי פרעגן צו אָפט קשיות. אויף צו געבן תשובות, זענען זיי אליין, נעבעך, נישט געווען צו גרויסע בקיאים. אין חומש האבן זיי איבערגעהיפּט די אלע שטעלן, וועלכע האבן באהאנדלט פּראָבלעמען צווישן „זי״ און „ער״. דער מלמד האָט נישט געקענט געפונען די ריכטיקע דערקלערונגען צו די געהיימנישפולע שטעלן. האָט ער דעריבער אזעלכע פסוקים שנעל דורכגעלייענט, ווי א בעל־קורא די תוכחה — מיט איין אטעם־צי — אָן שום פארטייטשונגען. די קינדער האבן פארשטאנען, אז דא איז עפּעס נישט גלאטיק, האבן אבער אויסגעמיטן צו פרעגן שאלות. ערשט, מיט אַ פּאר יאר שפּעטער, ווען זיי האבן געלערנט די גמרות: קדושין, גטין, כתובות און נדה, זענען די תלמידים דערגאנגען דעם סוד, וואס איז די גאנצע צייט געווען פאר זיי פארדוילן.

פיל קאָמפּליצירטער איז געווען דער לימוד מיט מיידלעך; זיי זענען דאָך אין קיין חדרים נישט געגאנגען. עס זענען אפילו געווען ווייבער, וועלכע האבן געלערנט די מיידלעך דאווענען, אבער דאס איז געמאַכט געווארן אָן וועלכן עס איז סיסטעם. די מער באגאבטע האבן זיך אויסגעלערנט דאָווענען און א יידיש ביכל לעזן. די מערהייט, אבער, האבן דאס אויך נישט געקענט. ערשט, דעם לעצטן צענדליק יאר פארן חורבן, האבן די מיידלעך (אפילו פון רעליגיעזע עלטערן) גענומען באזוכן די רעגירונגס פאלקס־שולע, ווו זיי האבן באקומען וועלטלעכע בילדונג. די פארגעשריטענע עלטערן האבן אויך געשיקט אהין זייערע יינגלעך.

צוליב דעם בולטן אנטיסעמיטיזם, וואס עס האט געהערשט אין דער פוילישער שולע מצד דער לערערשאַפט, האבן די מערהייט שול־קינדער, די שולע נישט פארענדיקט. די רעליגיעזע יוגנט איז אויך נישט אויסגעזעסן די גאנצע צייט אין די ישיבות (מיט קליינע אויסנאמען). נאך א יאר־צוויי לערנען, האבן זיי אראפּגעווארפן פון זיך דעם עול התורה, צוזאמען מיטן לאנגן כאלאט און דאס שווארצע טוכן היטעלע, און פארביטן די גמרא אויף מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ און אנדערע. מען האט אנגעטאן א מאָדערנעם הוט, און מיטן זעלבן התלהבות, וואס מען האט זיך געקאָכט ביי אביי ורבא, האט מען זיך ארייננגעוואָרפן אין פארטיי־פלפול, פון הערצל, באָראָכאָוו, זשאַבאָטינסקי און מעדעם. די גירסא דינקותא האט זיי צוגעהאָלפן, מיט איין שפרונג, צו לערנען די אלע פּראָבלעמען,

וועלכע האבן באשעפטיקט די יידישע גאס. עס איז קיין צייט נישט געווען צו זוכן פאר זיך א פערזענלעכן תכלית, נאר תמיד געווען פארנומען מיט פארטיי־ענינים און געווען איבערגעגעבן זייערע אידייעס.

דאס שטעטל האט מיטגעמאכט אלע אויפשטייגונגען און דערשיטערונגען, גלייך ווי יעדע גרויסע שטאט, כאטש מיט קנאפע פינאנסיעלע מעגלעכקייטן און אינטעלעקטועלע כוחות. די יוגנט האט אויפגענומען דעם געזאנג פון דער נייער ארגינעלער יידישער ליטעראטור; האט נישט איבערקלייבעריש געשלונגען די ווערק פון פרץ, באלזאק, געטהע א. אנד. אלץ צוזאמען האט זיך דורכגעמישט אין מח און געבילדעט א ווירוואר פון געדאנקען און באגריפן. די פארטיי־לאקאלן זענען שטענדיק פול געווען מיט רעש און געפילדער, אנהויבנדיק פון סקויטן, „פרייהייט", „פועלי־ציון", ביז „צוקונפט" און „בונד". דאס זעלבע אויך אין די אלע אנדערע ארגאניזאציעס, ווי: „בית־ר", לינקע „פועלי ציון", „השומר הצעיר", אלגעמיינע ציוניסטן, „מזרחי", „אגודה" און קאמוניסטן. פרייטיק־צו־נאכטס האט מען קעסטל־אוונטן געמאכט; דער עולם האט געפרעגט און די רעפערענטן האבן פאַרענטפערט פראַגן און „געלעזט" אַזעלכע פראָבלעמען, וועלכע מיניסטאָרן האָבן נישט באוויזן צו לעזן... שבת בייטאג האבן גערעדט פארטייאישע פערזענלעכקייטן, וועלכע מען האט אראפגעבראכט פון סאמע ווארשע. די לאקאלן זענען געפאקט געווען. קעגנערישע פארטייען האבן צווישנרופן געמאכט און אפט אויפגעריסן פארזאמלונגען. נישט איין מאל האט עס דערפירט צו קעגנזייטיקע געשלעגן.

שבת אוונט האט מען געשפילט טעאטער, אדער א „טאנץ־אוונט" געמאכט. די מאדערנע טענץ זענען צום שטעטל נישט דערגאנגען. די כלי־זמרים זענען געווען קריסט־לעכע: איינער מיט אן אויפגעלאָפן אויג און דער צווייטער מיט א קרומען פוס. טאנצן האט די יונגט שטאַרק ליב געהאַט; האט מען געטאַנצט אין די לאָקאַלן, אפילו אויפן שאסיי, וואס פירט צו דער באן און אויף דער הילצערנער בריק. סיי דער „בונד" און סיי די רעכטע „פועלי־ציון", האבן געהאט אייגענע דראמאטישע קרייזן, וועלכע האבן אויסגעפירט פיעסן פון גאלדפאדן, גארדין און אנד.ביידע זענען געשטאנען אויפן זעלבן קינסטלערישן ניווא. האט איינער געהאט א גוטן קאמיקער, האט דער צווייטער געהאט א גוטן טראגיקער; האט איינער פארמאגט א גוטע זינגערין, האט דער צווייטער געהאט א שיינע פרימאדאנע. שבת־צו־נאכטס איז שטענדיק געווען א טומל אין שטעטל; קינדער האבן געבראכט צו דער פארשטעלונג די נויטיקע ריקוויזיטן: א שטריימל, א זשופיצע, א לייכטער, אדער טישטוכער און אנדערע זאכן, אלץ פארן פרייז אריינגעלאזט צו ווערן אן א בילעט. א חבר, א סטאלער, האט אליין די בינע צונויפגעשטעלט. פון וויניק ברעטער, איז זי טאקע ארויסגעקומען פארשמעלט און פארקירצט. האט אן ארטיסט געדארפט דורכשפרייזן די בינע, האט זיך אין מיטן געהוידעט ווי א מאטראץ. די אוונטן פלעגן על־פי רוב זיין געלונגענע, און לאנגע צייטן זענען זיי געווען די טעמע פון געשפרעכן.

אויסער פארוויילונגען און טעאטער־פארשטעלונגען, וועלכע די פארטיי־ארגאניזאציעס האבן מיט אייגענע כוחות דורכגעפירט (זעלטן ווען געבראכט פון דער פרעמד), איז אין שטעטל קיין אנדערע אונטערהאלטונגס־פלעצער נישט געווען. די לעצטע פאר יאר איז דורך א פוילישער איניציאטיוו אראפגעבראכט געווארן א קינא־אפאראטור, וואס האט געוויזן פילמען אין לאקאל פון דער פוילישער פאלקס־שולע. פארן שטעטל איז דאס געווען א וויכטיק געשעעניש. די מערסטע באזוכער זענען געווען יידן. כאטש

די פארהאנדלונגען זענען געווען פון ביליקסטן זשאנער — אלט־געבאקענע פילמען פון די עלטסטע פילם־געזעלשאפטן — דאך האבן זיי געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער באפעלקערונג, וועלכע האט געפונען אין דעם א צעשטרייאונג אין דעם מאנאטאנעם לעבן.

דאס שטעטל האט געהאט א שם אין דער גאנצער אומגעגנט, אז זי פארמאגט גוטע רעדנערישע קרעפטן; האבן די שכנות'דיקע שטעטלעך אפט זיי איינגעלאדן מיט דעפעראטן, מיטן ציל אויפצובויען, אדער שטארקן דארט זייערע פארטייאישע ארגאניזאציעס. אייניקע שטעט, מיט א פיל־גרעסערער באפעלקערונג פון גאוואראווע, האבן זיך ביי אונז אויסגעבארגט רעפערענטן און אנאנסירט דורך ריזיקע פלאקאטן מיט קידוש־לבנה אותיות: „א מאסן־פארזאמלונג מיט דער באטייליקונג פון חבר פלוני־אלמוני פון גאוואראווע!", און דער עולם איז געקומען מאנסווייז זען און הערן. כמעט יעדע פארטיי האט זיך געהאט איר אייגענע ביבליאטעק, ווו דער גרעסטער טייל חברים האבן דארט אויסגעבארגט ביכער צום לייענען. די פארטיי איז געווען א הייליקייט און יעדער האט זיין ארבעט געטאן מיט התלהבות. די ווענט פון די פארטיי־לאקאלן זענען געווען פול מיט לאזונגען, אליין פון חברים געמאלן און געצייכנט; אין זיי האט געשטעקט א שטיק היימישע קונסט.

האט זיך אמאל פארגלוסט א פארטיי צו ברענגען דעם ערשטן ראדיא אין שטעטל, איז דער עולם געקומען הערן און זען „גאטס ווונדער", פארשטענדלעך, פאר אן אפצאל פון צען גראשן איינטריטס־געלט. דער ראדיא האט אבער געהאט איבער זיך אזוי פיל בעלי־בתים, כמעט אזוי פיל, וויפיל חברים עס זענען דארט געווען, און יעדער האט געוואלט וויזן, אז נאר ער אליין פארשטייט דעם סוד פון דעם מעכאניזם און ריכטיקן אנשטעלן — ביז דער ראדיא האט פארלוירן זיין „לשון"...

ווען דער „בונד" האט זיך צעטיילט אויף „בונד" און „קאמבונד", און „פועלי־ציון" האט זיך געשפאלטן אויף רעכטע און לינקע, די ציוניסטן — אויף „על המשמר" און „עת לבנות", און „צעירי ציון" איז זיך צעגאנגען פון די רעכטע „פועלי־ציון" — האט דאס אלץ זיך שווער „איבערגעקאכט" אין קליינעם שטאט־קעסל; די מחלוקות זענען אריינגעדרונגען אין יעדן הויז און באשעפטיקט יעדער משפחה. שבת, ווען דער פאטער האט געפירט טיש און געזונגען „זמירות", האט ער מיט אן איינגעהאלטענעם כעס זיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס פון זיינע זין און טעכטער, וועלכע האבן איינער דעם צווייטן באמיט איבערצוצייגן, אז נאר זיין פארטיי האט דעם מאנאפאל פון פולן אמת און יושר, און אז די קעגנער'ישע פארטיי בלאנדזשעט נעבעך אין דער פינסטער...

איך דערמאן מיך אין א שטורמישע „בונד"־פארזאמלונג, וואס האט געדארפט דעצידירן צווישן „בונד" אז „קאמבונד", צו וועלכער עס איז געשיקט געוואָרן א רעדנער פון ווארשע, וועלכער האט געפרעדיקט פארן „בונד"; האט זיך א חבר פון דער ריי אויפגעשטעלט און אויסגערופן כהאי לישנא: אין דער אמת'ן דארף בלייבן „קאמבונד", נאר, אז עס איז געקומען א חבר אזש פון ווארשע, געלייגט הוצאות און זאגט „בונד", טא זאל שוין זיין „בונד"...

די יוגנט איז געווען הונגעריק נאך וויסן, האט זי אלץ „געשלונגען", וואס מען האט זי דערלאנגט. צוזאמען מיטן דראנג נאך וויסן, איז אויך, אין א נישט קלענערער מאס, געקומען דער דראנג צו געזעלשאפטלעכער ארגאניזירונג. איז קיין ווונדער נישט, וואס די יוגנט איז צוגעפאלן צו כלל־ארבעט מיט איר גאנצן ברען. יעדער ארץ־ישראל־

דוף איז דערפילט געווארן מיט התלהבות. חברים פלעגן אין רעגן און שניי־וועטערס, טאפטשען אין בלאטעס און אין טיפע שנייען, גיין פון הויז צו הויז, בכדי צונויפצוזאמלען די ארעמע פרוטות פארן „קרן קיימת לישראל״.

די יוגנט איז געשטאפט־און געקראפט געווארן מיט ציוניזם. מיט פארחלום׳טע אויגן געקוקט אויף דאס ווייטע אומדערגרייכבארע לאנד. יעדע נייעס אין „היינט״, „מאָמענט״, צי אין „דאָס וואָרט״, וועגן אַ צוגעקומענער קו׳ אין „עין חרוד״, „בית אלפא״, צי אין „נהלל״, איז געווען אין שטעטל א וויכטיק געשעעניש. איז געקומען א שליח פון ישראל, האט מען אים ארומגערינגלט מיט ליבע און ווארעמקייט, און געשלונגען מיט דבקות יעדעס ווארט זיינס. האט מען געהערט, אז עמיצער פון די נאענטע שטעט ארום איז עולה קיין ארץ ישראל, איז די קנאה געווען זער גרויס. די ערשטע חברים, וועלכע האבן זיך מיט געוואלד ארויסגעריסן פון שטעטל, זענען געפארן אומלעגאל — געפארן כלומרשט אַלס טוריסטן; דאָס איז געווען אין יאָר 1932. אין אַ יאָר ארום האט מען זיך אויך אין אונזער שטעטל דערמאנט, און אונז צוגעטיילט עטלעכע סערטיפיקאטן.

די חלוצים־באוועגונג האט אויך פיל בייגעטראגן צו פארווארצלען דעם ציוניסטישן געדאנק אין שטעטל. און א העלן פרימארגן, אין יאר 1925, האבן זיך באוויזן אין שטעטל צוויי בארוועסע בחורים מיט איין מיידל, מיט קוישן אין די הענט; זיי זענען געקומען איינקויפן שפייז־פראדוקטן פארן הכשרה־קבוץ, וואס האט זיך מיט א טאג פריער אריינגעצויגן צו א שכנות׳דיקן פריץ אין הויף. דאס שטעטל האט געקוקט אויף זיי, ווי אויף א בייז וואונדער. די יוגנט האט זיי ארומגערינגלט און זיך דערוווסט, אז זיי זענען סטודענטן פון ווארשע, וועלכע האבן באשלאסן צו פארטוישן זייערע לימודים אויף ארבעט אין ארץ־ישראל. ווי א עלעקטרישער שטראם האט דאס גלייך געווירקט אויף אלע, און האט א לאנגע צייט געדינט אלס איינציקע טעמע פון די געשפרעכן.

דעם ערשטן שבת, גלייך נאכדעם, האט א האלב שטעטל יוגנט זיך ארויסגעלאזט צו זיי אין קבוץ, בכדי מיט די אייגענע אויגן צו זען און זיך איבערצייגן, ווי דער פראצעס פון איבערווינדונג קומט פאר. נאך אייניקע טעג האט זיך אויך אין שטעטל געשאפן א חלוצים־ארגאניזאציע און איז גלייך ארויסגעפארן אויף הכשרה. זיי האבן דורכגעמאכט אלע שווערע צוגרייטונגס־ארבעטן, וועלכע זענען דאן געווען פארפליכטעט, בכדי עולה צו זיין.

די פארטיי־ארגאניזאציעס האבן געמאכט אייניקע פרוון צו ארגאניזירן אין שטעטל פארשידענע קולטור־אינסטיטוציעס, ווי: העברעאישע אוונט־קורסן, קינדער־גערטנער א. א., אבער קיין אריכת ימים האבן זיי נישט געהאט. די בעלי־בתים, וועלכע זענען געווען, מער־ווייניקער, פינאנסיעל גוט איינגעפונדעוועט, האבן דערצו קיין פארשטענדעניש נישט געהאט. להפך, ביי זיי האט עס געהייסן משנה זיין „מעשה בראשית״. מיט קיין גרעסערע געלט־סומע האט די פארטיי נישט דיספאנירט און די איניציאטארן זענען געררודפ׳ט געווארן פון אלע זייטן. דער קאמף פון די עלטערן איז געווען א שטילער, אבער א פארביסענער. די עלטערן האבן פארגעפילט, אז אין דעם אומגלייכן קאמף קעגן זייערע קינדער, זענען זיי פארשפילטע. זיי האבן די קינדער געמוסרט, אפט באגלייט מיט קלעפ, עס האט אבער נישט געהאלפן. ווען זיי וואלטן די קינדער אין קייטן געשמידט, זאלטן זיי אויך די קייטן צעריסן און זיך באפרייט. די יוגנט האט דערשמעקט די פרייהייט און האט פראטעסטירט קעגן דעם איינגעבירגערטן איינטאניקן לעבן, וואס

א שפאציר איבערן שטעטל

גאוואראווע איז געווען פארבונדן מיט דער גרויסער וועלט, מיט צוויי באן־סטאציעס פון דער ליניע ווארשע־לאמזשע: „פאַשעקי" און „גאוואראווא", און דורך דריי הויפט־וועגן, וועלכע האבן געפירט קיין אסטראוו־מאזאוויעצק, רוזשאן און אסטרא־לענקע. דער מרחק פון גאוואראווע ביז ווארשע איז געווען 90 קילאמעטער און ביז לאמזשע — 60. דער טייך „הירש", אן אפפלוס פון „נארעוו", האט דורכגעשניטן דאס שטעטל פון דרום־זייט און אפגעטיילט עס פון דארף ווולקי, ווו עס האבן אויך געוווינט יידישע איינוווינער.

אויף א מרחק פון בערך 2 קילאמעטער איז געשטאנען דאס גוט שטשאווין, וואס האט אנגעהערט צום רייכן פריץ גלינקא. צפונ'דיק פון שטעטל איז געווען דאס דערפל גאווא־רוווקע; נישט ווייט פון דארט — דאס גוט רעמביש, וואס איז א געוויסע צייט געווען דאס אייגנטום פון די יידישע פריצים שטיין און פיין, וועלכע האבן געשטאמט פון יעדוואבנע. אויסער די אויבן־דערמאנטע, האבן דאס שטעטל ארומגערינגלט פאלגנדע דערפער און גיטער: זאמבזשיץ, פאניקווע, בריזשניע, סוכטשיץ, גוטשין, טשירניע, קריסעווע, יאווארעס, דאנילאווע, פאקשעווניצע א. א.

ביים ארייכפאר אין שטעטל פונם הויפט־שאסיי דורך דער בריק, האט פון דער לינקער זייט ארויסגעשיינט דער איינדרוקספולער, רויט־ציגלדיקער בית־המדרש. אויף דער רעכטער זייט — דאס געמויערטע 2־שטאקיק הויז פון אפטייקער גאשטשיצקי און פון פאסט־דירעקטאר ראסול. אין דערנעבנדיקן גרויסן האלץ־בנין איז געזעסן ר' וועלוול בלומשטיין, דער זייגער־מאכער, א טיכטיקער כלל־טוער, א גערער חסיד און דאזאר; זיין פרוי פייגע נחמה, א צדקה־טוערין, איז באריסט געווען אין שטעטל מיט איר חכמה און שארפזיניקייט. זיין שכן, דער „וועגנראווער" שניידער, ר' וועלוול ווייסבארד, האט מיט זיין ברייטן קערפער־געבוי און פאטריארכאלישן אויסזען ארויסגערופן אלעמענס אויפמערקזאַמקייט; זיין זון חנא, היינט אין קאָלומביע, איז געווען פון די גרינדער פון דער „צעירי־ציון"־ארגאניזאציע; זיין צווייטער זון, אברהם, א טוער פון דער לינקער „פועלי־ציון" יוגנט־באוועגונג, איז אומגעקומען אין ווארשעווער געטא. לאנגע יארן האט דאַרט אויך געלעבט ר' יוסף וועלוול גוטמאן, א בלעכער, א בעל־סברא, פון די גערער חסידים, דיינט אין ישראל.

אין דער לינקער זייט פון הויז האט געוווינט ר' ברוך קופערמאן, א דאזאר אין דער קהילה און טוער ביי די האנדווערקער; זיין פרוי חנה רחל האט זיך אויסגעצייכנט מיט איר צדקה־ארבעט און „מתן בסתר". אין נעכסטן הויז האט געהאט זיין בעקריי ר' יואל יעלין, אן אלעקסאנדער חסיד, א גרויסער בעל־צדקה און מכניס אורח. צוזאמען

מיט אים האט אויך געוווינט און דארט געארבעט זיין פלימעניק ישעיהו ראזנבערג, וועלכער האט זיך גערעכנט פאר זיין יורש. אין שמאלן 2־שטאקיקן הויז האט געפירט זיין קאלאניאל־און פארבן־געשעפט ר׳ מנשה האלצמאן, פון די חשוב׳סטע בעלי־בתים אין שטעטל, לאנג־יעריקער דאזאר און בעל־תפילה, א רודף שלום און מושל משלים.

די קאשטשושקי גאס

דאס דערבייאיקע ווינקל־הויז, וואס האט זיך געגרענעצט מיט דער קאשטשושקי־גאס, די אזוי־גערופענע „ברייטע גאס", האט אנגעהערט צום שארפן אלעקסאנדער חסיד און גרויסן למדן ר׳ יונתן זילבערצאן, פון יחוס׳דיקע ווארשעווער משפחות — האט געהאט אן אייזן־געשעפט; זיין איידעם ר׳ יוסף דוד אסטאאשעווער, א חסידישער יונגערמאן, האט געהאט א שפייז־קראם.

אין נעכסטן הויז פון דער קאשטשושקי־גאס איז געווען דאס מעל־און פעל־געשעפט פון ר׳ ישעיהו אייזנבערג, א ייד א תלמיד־חכם, א שארפער ווערטל־זאגער, דער גרינדער און פראטעקטאר פון אלעקסאנדער שטיבל; זיין הויז איז געווען אן אפן־הויז — א בית־ועד־לחכמים. אויף דער צווייטער זייט הויז איז געזעסן זיין שוואגער ר׳ ניסן מאזעס, פון די ראשי השו"בים אין שטעטל, היינט אין אמעריקע; זיינע זין משה און יעקב זענען לומדישע יונגעלייט, בעלי הוראות פון די ליטווישע ישיבות. נאך זיי האט געוווינט ר׳ אפרים בוינעס, א סגי־נהור, וואס איז טאג־טעגלעך אליין געגאנגען אין בית־המדרש אריין און אפילו געדאוונט פון אויסנווייניק ראש השנה און יום כפור פארן עמוד; זיין איידעם, פייוול מאל, געפינט זיך היינט אין אמעריקע. אין דער צווייטער העלפט הויז האט געהאט זיין בעקריי ר׳ מרדכי גורקא, א תלמיד־חכם און גערער חסיד; אנגעפירט מיט דער בעקריי האט זיין פרוי דבורה. די ווייטערדיקע שכנים זענען געווען: נחמיה קאס, פון די ירידים־שוסטערס און די אלמנה חנה פרידמאן, די מוטער פון לייזער פרידמאן, דעם גרינדער און שטיצער פון דער „פרץ"־ביבליאטעק. נאך אייניקע קריסטלעכע הייזער האבן געהאט זייערע וווינונגען: אברהם ראזנבערג, א שניידער, וועמענס ברודער יעקב ראזנבערג פון רוזשאן איז געווען פון די ערשטע דערשאסענע יידן אין גאוואראווע דורך די דייטשן, און אנשל ענגעל, א רימער.

דאס אן־נאמענדיקע געסל, וואס איז אראפ צום טייך, האט זיך אנגעהויבן מיטן הויז פון ר׳ זיינוול בערלינער, דעם שוסטער און זיין איידעם ר׳ ישראל לייב קרוק, דער גמרא־מלמד און שיינער בעל־תפילה. דערנעבן — נח קארוואט, א בעקער, היינט אין ישראל (זיין פרוי מרים, די טאכטער פון ר׳ מרדכי גורקא, איז אומגעקומען אין רוסלאנד), און הערש בערלינער, דער אייגנטימער פון א „גרעמפלארניע" — מאשין צום רייניקן וואל. בשכנות האבן געוווינט: דער קצב פנחס דענדע; מרדכי ליכטמאן, דער א. ג. „קאלטער גלעזער", וואס האט אויך געהאט א מאנגל צו וועש און פאר פסח — א מצות־בעקריי; לייזער ביעליק, דער שוסטער, וועמענס זון, טוביה, איז אין די מלחמה־יארן געווען א פארטיזאן אין די פאלעסיער וועלדער, און דינה דענדע, שוויגער פון לייזער ביעליק. אויף דער צווייטער זייט געסל האבן געהאט זייערע דירות: ליבערקע ברעסלער און זיין זון יעקל, א שוסטער, ווינט איצט אין ישראל און ארטשע טשערווין, דער בעקער — אויך איצט אין ישראל. דערנעבן זענען געזעסן: בערל צירמאן, א לאנג־יעריקער דרדקי־

מלמד, און זיין טאכטער ברײַנע מיט איר מאן אברהם סקשיניא, א יריד־שוסטער פון מאקאווע.

אין דערנעבנדיקן קלײן־אײנגעהויקערט הײזל האט געלעבט אברהם יעקל שיפּער, „דער קאַרטן מאכער", מיט זיין טאכטער חנה, וועמענס מאן איז אלע יארן געווען אין אויסלאַנד; איר מאן האט איר פון דאָרטן געשיקט דעם ערשטן גראמאפאָן אין שטעטל, וואס האט דאַמאָלט געמאַכט א שטאַרקן רושם. קעגנאיבער זיי — בענדעט „דער שטשאווינער שניידער" און זיין זון אלטער, באַקאַנט געווען אלס משכיל און דיכטער, געוווינט די לעצטע יארן אין לאָדזש. דאס ווינקל־הויז צו דער ברייטער גאַס איז געווען דאס אייגנטום פון ר' פייוול בריק, פון פאַך א שוסטער, איינער פון די חשובע בעלי־בתים פון שטעטל; כאָטש א בורח מן הכבוד, דאָך האט מען אים שטענדיק געוויילט אלס גבאי פון בית־המדרש און סגן־גבאי פון דער חברה קדישא; די לעצטע יארן האט ער איינעם פון זיינע צימערן באַשטימט פאַר א הכנסת אורחים; אויך זיין פרוי אסתר רבקה האט זיך אויסגעצייכנט מיט מעשים טובים. דאס דערבייאיקע שײן־געבויט הויז איז געווען דער „בית הרב"; דאָרט, אין דער ברייט־באַקוועמער דירה, איז די לעצטע 12 יאר געזעסן דער גוואַראַווער רב, הרב אלטער בורשטין הי"ד; דאס דאַזיקע הויז איז געווען דער צענטראַל־פּונקט פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן אין שטעטל; דאָרט, אין בית־דין שטוב, זענען פאָרגעקומען די קהילה־זיצונגען, באַראַטונגען און אלערליי קהל־פאַרזאַמלונגען. פון בית הרב האט געפירט א שמאָלער וועג צו דער שטאָטישער מקוה און שוויץ־באָד.

אין שכנות'דיקן 2־שטאָקיק הויז האָבן געוווינט די עשירי העיר, די שוואָגערס ר' יצחק קאָסאָווסקי און ר' מתתיהו ראָזען פון דער האַלץ־בראַנזשע; די דערמאָנטע שוואָגערס זענען געווען פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין שטעטל און געפירט א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט: קאָסאָווסקי — מיטגרינדער און טוער פון דער קרעדיט־באַנק פאַר סוחרים א. נ. „באַנק קרעדיטאָווי", זיין זון חיים איז געווען א תלמיד פון דער לאָמזשער ישיבה, און ראָזען, אן אלעקסאַנדער חסיד — לאַנג־יעריקער גבאי פון דער חברה קדישא. פיל יארן איז געווען זייער שותף און דאָרטן געלעבט, דעם לעצטנס איידעם דוד סעגאַל; זיין פרוי, יהודית, איז אין 1917 געווען מיטגרינדערין פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטעטל; זייער זון חנן, האט געלערנט אין דער אסטראָלענקער פּוילישער גימנאַזיע, — היינט אין אַמעריקע. די לעצטע יארן האָבן דאָרטן פאַרנומען די וווינונג: הערשל קרולעוויטש, א מעכאַניקער און שפּעטער, לייבל קאַפּעטש, א תבואה־סוחר, היינט ביידע אין אַמעריקע. דער וויטערדיקער שכן איז געווען ר' ישעיהו הערצבערג, א תבואה־סוחר, פון די קנאי הדת און גערער חסיד; זיין טאכטער מרים רחל איז געווען די פאָרזיצערין פון „בנות אגודת ישראל" און פון די לייטערינס פון דער „בית־יעקב"־שולע. א סך יארן האט דאָרט אויך געוווינט ר' משה מענדל פאַרבאַראַוויטש, אטוואַצקער חסיד, שטאַרק משמח געווען יידן ביי שמחות, ספּעציעל אין ימים טובים; די לעצטע יארן זיך איבער־געצויגן קיין וואַלאָמין. דאס נעכסטע הויז האט אָנגעהערט צו ר' לייבקע שמעלץ דעם בעדער, א ירא שמים, פון די אויסגעראָפענע אלעקסאַנדער חסידים, און זיין איידעם מאָטל איקולטשיק, א שניידער. דאס לעצטע פראָנט־הויז פון דער דאַזיקער זייט „ברייטע גאַס" האט פאַרנומען ר' שלמה שטערן, א ייד א תלמיד־חכם; זיין זון מענדל האט לאַנגע יארן געלערנט אין די נאָוואַרעדאָקער ישיבות, און די לעצטע יאָרן אַליין געוואָרן אַ ראש־הישיבה, איז באַקאַנט געווען אלס איינער פון די א. ג. „בעלי מוסר". אין הינטערשטן

טייל פון הויז זענען געזעסן: חיים אויסלענדער, דער פאקטער און ראובן בארנשטיין א שוסטער. אראפצו, צום טייך, האט געלעבט דער „וואלאמינער סטאלאר" יעקב קערש; זיין זון לייבל איז געווען פון די גרינדער און פירער פון „בונד" אין שטעטל און שפעטער — פון די פראמינענטע פירער פון „בונד" אין פוילן און דער לייטער פון איר יוגנט־אפטיילונג; ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פאטעטישער רעדנער־קראפט און שארפער פעדער, אומגעקומען ווי א העלד אין ווארשעווער געטא. די ברידער פסח און יונה קערש האבן אייניקע יארן פאר דער מלחמה געלעבט אין וואלאמין; דער לעצטער — היינט אין ישראל. הארט ביים טייך האט געוווינט אסתר מלכה בענגעלסדארף, אן אויבסט־הענדלערין און איר טאכטער חייה רייזל מיט איר מאן מאיר.

די צווייטע זייט קאשטשושקי גאס

די צווייטע זייט קאשטשושקי גאס הויבט זיך אן מיטן ווינקל־הויז פון ר׳ מנשה פיש, א סטעלמאך. די הינטערשטע טייל פון הויז האבן פארנומען: אברהם ברעסלער און משה קלמן שפיטאלעוויטש,ביידע שוסטערס. נאך דעם הויז פון קריסטלעכן פלייש־הענדלער פעליקס דודא, וואס האט זיך גוט איינגעלעבט מיט די יידישע שכנים, האבן געוווינט די ברידער וועלוול און לייבל טויז, מארק־הענדלער, און אקעגן־איבער — מענדל חיים רובין, א שוסטער, וועלכער האט געהאדעוועט א מילך־קו אלס צוגאב־פרנסה. מאיר שווארץ, א שוסטער, איז געזעסן אין זיין פראנט־הויז און פון הינטן האבן געוווינט זיינע לאקאטארינס: רבקה (פערלס) שפיטאלעוויטש און ברײנע ראזנבערג, וועלכע האבן געהאט בשותפות א אויבסט־סטראגאן.

דאס שכנות׳דיקע הויז האט פארנומען חיים טייטעלבוים, א רימער. דער וועג נעבן זיין הויז האט געפירט צו א גרויסן דורכגאנגס־הויף, וווּ עס זענען געזעסן: ר׳ חיים לייב לייבמאן, א שארפער גערער חסיד, א דארפס־גייער, זיין פרוי חנה־ייטע איז געשטאנען מיט א סטראגאן אין גאַס; אברהמ׳ל טייטלבוים, אַ בעל עגלה; אברהם רוזשע, אַ שפיליטער, און חנא אלעק, א קצב; דערנעבן: ר׳ חיים בערלינער, א שוסטער, א גוטמוטיקער ייד, לאנגע יארן געווען דער „סאלטיס" פון שטעטל. זיין זון לייבל איז געווען דער ערשטער קרבן פון א דייטשישער באמבארדירונג; אין דער צווייטער עלפט הויז — זיין פאטער ר׳ ישראל שבתי, אויך א שוסטער. דארט האט אויך געוווינט ר׳ שלמה לייב שאכטער, פון די שיינע אטוואצקער חסידים, א אוהב תורה, געווען א תבואה־סוחר און ווייַן־מאכער, און נח טשערווין, א קצב, היינט — אין אמעריקע. אביסל וייטער: ר׳ מרדכי טרושקעוויטש, שמש פון בית־המדרש, א ייד א למדן, געקאנט גאנץ משניות בעל־פה, פלעגט תמיד זיצן און מעיין זיין אין א ספר; דערשאסן געווארן דורך די דייטשן באלד אין ערשטן טאג פון זייער אריינמארש אין שטעטל. זיין איידעם ר׳ מרדכי צאלקע, א שוסטער, פון די גוטע בעלי־מלאכות, א יודע ספר, היינט אין ישראל. אין ווייטערדיקן פראנט־הויז איז געזעסן ר׳ ישראל מאיר משניות, א ייד א בר־אורין, אנגעשטעקט מיט השכלה, א מדקדק בלבושו, פון די חשובע „מזרחי" חברים אין שטעטל, א תבואה־סוחר; זיין זון מתתיהו, פון די באוווסטזיניקע יונגעלייט, מיטגרינדער פון „בית״ר", היינט אין אורוגוואי. נאכדעם — יוסל ענגעל, א רימער פון פאך און זיין אייניקל נחמן טייטעלבוים, א שניידער.

אין נעכסטן געמויערט הויז האבן געוווינט: חיים צימערמאן, א גוטער מענער־

און דאמען־שניידער, געשטאמט פון פולטוסק משה קאפעטש, א תבואה סוחר, היינט אין אמעריקע; געצל קערש, א סטאלער א. אנד. ווייטער האט געלעבט משה טייטעלבוים, א רימער און פערד־הענדלער; זיין זון שמעון, געבוירן פון א דריילינג, האט לאנגע יארן געלערנט אין ישיבות, געשטארבן אין יונגן עלטער נאענט פארן קריג; זיין צווייטער זון, הערשל, געמשפט געווען פאר קאמוניזם, איז אומגעקומען אין רוסלאנד. בשכנות איז געזעסן פרוי חנה לעווין מיט די קינדער, וועלכע זענען שפעטער געפארן צו זייער מאן און פאטער, ר׳ אברהם לעווין, קיין קובא, היינט — אין ישראל. דערנעבן: חיים פריד געהאט א קאלאניאל־און שפייז־געוועלב, היינט — אין ישראל, און צפורה זילבערשטיין, וועמענס מאן, אברהם דוד, איז נאך זייער חתונה אוועק קיין אמעריקע. שפעטער האט זיך אהין אריינגעצויגן שלום פראסקע, א בהמות־הענדלער. דאס דערבייאיקע צוויי־שטאקיק הויז איז געווען דאס אייגנטום פון ר׳ יצחק צירמאן, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אמעריקע. דארט האט אויך פארנומען א וווינונג זיין טאכטער פייגע, וועלכע האט חתונה געהאט מיט לייבל מאקאווער. זיינע לאקאטארן זענען געווען: יאנטשע פישמאן, א קצב; יעקל זשעלאזני, א רימער, היינט אין ישראל; פייגע יענטע דייטש און אברהם מאיר שמעלץ, א שניידער. פון אויבן איז געווען דער לאקאל פון „צעירי אגודת ישראל". לאנגע יארן האט דארט אויך געוווינט דעם רב׳ס איידעם הרב אהרן טייטלבוים, וועלכער איז שפעטער געווארן ווורקער־נאראזשינער רבי.

אין שכנות׳דיקן געמויערט הויז האט געהאט א רעסטאראן און געשעפט פון שארפע געטראנקען, יחזקאל חן פון שניאדאווע; ער איז געווען א ייד א תלמיד־חכם און א גוטער בעל־תפילה. זייערע שכנים זענען געווען: די אייגנטימערין פון הויז, אלטע צווייבאק און איר זון הערשל, וועלכער האט דארט געהאט א גרויסע שניידעריי. נעבן זיי האט געוווינט אין זיין אייגן הויז: ר׳ אברהמ׳לע גרודקא, א ייד א תלמיד חכם און א שארפזיניקער מח, מלמד פון עלטערע ייִנגלעך; זיין זון דוד אהרון, א סוחר און מיטאייגנטימער פון ערשטן פאסאזשיר אויטאבוס גאווראוואַ־ווארשע, מיטגרינדער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע; געווען אויך א קורצע צייט דאזאר פון דער קהילה; זיין צווייטער זון יהודה גרודקא, א בעקער, און ישראל ביעליק, א שוסטער, די לעצטע 2 — היינט אין ישראל. אויבן איז אויך געווען דער לאקאל פון „מזרחי". ווייטער האט געהאט זיין קאלאניאל געשעפט ר׳ נתן מאנקעטע, א גערער חסיד און טיש־זיצער ביים רבי׳ן. דאס דערנעבנדיקע הויז האט געהערט צו מלכה ווישניא, געשטארבן מיט אייניקע יאר צוריק אין ישראל; די לעצטע יארן האט דארט אויך געלעבט איר צווייטער מאן חיים באטשאן, א ביטע־שרייבער און בוכהאלטער פון דער האנטווערקער באנק.

די לאנגע גאס

אין 2־שטאקיק ווינקעל־הויז, וווּ עס האט זיך געענדיקט די קאשטשושקי גאס און זיך אנגעפאנגען די לאנגע גאס, האט געוווינט הרב ר׳ נפתלי גמרא, א גערער חסיד און א מרביץ תורה, היינט רב אין חיפה; זיינע שכנים: משה שפיטאלעוויטש, געארבעט אין מיל און זייליק דער שוסטער פון טשערווין, פראסקעס איידעם. דערנעבן האט געהאט א קאלאניאל־געשעפט לאה גאווארטשיק מיט איר איידעם דוד שולמאן, א חסידישער יונגערמאן, הורט־סוחר. אין הויף, אין אייגן הויז האט געהאט זיין שניידעריי ר׳ בערטשע גראנאט, א מאדערנער שניידער, א בעל הדרת פנים, געשטארבן מיט אייניקע יאר צוריק

אין ישראל. זיין דירה האט שפּעטער איבערגענומען ר׳ בעריש בארנשטיין, אַ שטעפּער; זיין זון שמחה האט געלערנט אין ווארשעווער ישיבות. אין זעלבען הויף האבן אויך געוווינט: קלאַרא ניקס מיט אירע זין; אברהם קלאס, וועמענס זון שלמה, אן האלב־פּאראליזירטער, איז געווען פּרייוויליקער געהילף פון פּוילישן פּאסט־טרעגער; כאטש ער איז געווען אַנאַלפאַבעט, האָט ער, אָנקוקנדיק אַ בריוו, דערקענט מיט אַ ספּעציעלן חוש, צו וועמען דער בריוו געהערט. ווייטער אין פראנט־גאס האט געהאט זיין סאדע־און ווורשט־פאבריקל, ווי אויך א זיסווארג־געשעפט, משה פּטאש. דערנעבן האט געוווינט: ר׳ נתן שראן, א גרויסער תבואה־סוחר, היינט אין ישראל; אויבן — יצחק דוד תהילים, אויך היינט אין ישראל און יעקל־דוד ניימאנ׳ס טאכטער, צירל קליין מיט איר מאן; די צווייטע העלפט פון אויבערשטן שטאק האט פארנומען דער „בונד" און די „פרץ"־ביבליאטעק. דאן קומען די הייזער פון: ר׳ חיים ברוך שאכטער, שפּיליטער, פון די אטוואצקער חסידים; ר׳ וועלוול יאגאדניק, א גוטמוטיקער הארציקער ייד, גמרא־מלמד און מגיד; ער מיט זיין פרוי זענען פון די ערשטע דערשאסענע דורך די דייטשן; זיין אייניקל, דער איידעם פון זיין טאכטער נחמה, איז הרב באגארד, הויפּט־רב אין בית־שאן. אין הויף האט געהאט זיין וווינונג לייזער קארן, פון קרעמענטשוג, אויך געווען צווישן די ערשטע דערשאסענע. זיין טאכטער לאה איז געשטארבן אין ישראל. זיין שכן ר׳ חיים איטשע חעצראן איז געווען א ייד א למדן, האט געקענט משניות אויף אויסנווייניק; זיינע זין, יחיאלקע און בערטשע, זענען אוועק קיין רוסלאנד און פארנומען דארט הויכע אמטן. די דערנעבנדיקע איינוווינער זענען געווען: חיים ניעדזשוויעצקי, אטוואצקער חסיד, א תבואה סוחר; יוסף׳קע בארנשטיין מיט זיין בשמים־געוועלבל; זיין זון פסח און דוד גלאַגאווער, א שניידער.

די באנקאווע גאס

דאס ווינקל־הויז, וואס האט זיך געגרענצט מיט דער באנקאווע גאס, איז געווען דאס אייגנטום פון ר׳ יעקב שטשעטשינא, א גערער חסיד, מלמד, בעל־תפילה, א ייד א פיקח, פון די אנגענומענע בוררים אין שטעטל. דאן גייט דאס הויז פון ר׳ משה זינדל, א קירזשניער און זיינע איידעמס: ר׳ נפתלי צימבערג, א שניידער, היינט אין ישראל און ניסן פריד, א שוסטער. נעבן זיי האט געוווינט: ר׳ ישעיה נתן קרוק, א מלמד, אויך געהאט א פארבערײַ; זיין טאכטער זייפטל, אן אלמנה, נאכער חתונה געהאט מיט הערש בערלינער; זיין זון מנחם קרוק, אַ שניידער. ווייטער אין גרויסן הויף איז געשטאַנען א געביידע, ווו עס איז געווען די קאשע־מיל פון ר׳ אברהם קרוק און דערנעבן זיין וווין־הויז. בשכנות האט אויך געלעבט דן דשיזא, דער טרעגער, הערש בריקס איידעם. און פרוי היה שרה סארנע, די אלמנה נאך ר׳ ישעיהו יום־טוב, פון די שיינע אמשינאווער חסידים. קעגנאיבער איז געווען די געביידע, אין וועלכער ר׳ יחזקאל טשעכאנאווער האט אמאל געפירט זיין אונטערנעמונג פון ציגל און דאכלקעס, שפּעטער האט זי געדינט פאר א גאראזש פון ערשטן גאוואראווער פאסאזשיר־אויטאבוס. דאס לעצטע הויז האט געהערט צו ר׳ הערשל בריק, א שוסטער, א ברודער פון פייוול בריק.

די ווייטערדיקע איינוווינער פון דאס באנקאווע געסל זענען געווען: שלמה דזשיזע, דער שותף צו קרוקס קאשע־מיל, א זון פון שמואל׳קע דזשיזע; יעקב גורקא, א בעקער, היינט אין ישראל; וועלוול דויטש, דער בעל־עגלה, וואס האט ארויסגערופן אויפזעען אין

שטעטל מיט זיין ערשטער דראזשקע אויף גומענע רעדער; משה אלעק, א קצב און ר׳ הערשל רובין, ציקערל־מאכער און לעקעך־בעקער, גערער חסיד און מיטגרינדער פון דער „בית־יעקב״־שולע; פארברענט געווארן דורך די דייטשן מיט א ספר תורה אויף די הענט אין ווישקאווע. אין הויף האט געוווינט אסתר פראסקע, די אלמנה נאך ר׳ חיים לייב, א קצב; ער איז געווען א שיינער, פריילעכער טיפ, א ייד א גברן, אומגעבראכט געווארן דורך א קריסט אין דלוגאשאדלער וואלד. בשכנות זענען געזעסן: זיין זון שלום, אויך א קצב, היינט אין אמעריקע; שרה גיטל בריק, די אלמנה נאך וועלוול בריק, וועמענס א זון געפינט זיך אין אמעריקע און א טאכטער אין ישראל; ישראל לעווקאוויטש, געשטאמט פון דארף בארוועס און אנשל זימאן, אין וועמענס ניי הויז עס האט זיך אויך געפונען די ארגאניזאציע פון „פועלי־ציון״ (רעכטע) און די ביבליאטעק א. נ. פון י. ח. ברענער. אביסל ווייטער האבן געוווינט: לייב טשערווין, א קצב; יעקל גורמאן, א בעל־עגלה, א ברודער פון מיכאל „דער בייגער״; הערש יצחק מאלאוואני, א מלמד, מיט זיין שוויגער; און יעקל שמעלץ, א קצב.

פון באנקאווע אויף רעכטס איז געווען א זייטיק געסל, וואס האט זיך געגרענעצט מיט באבאווסקיס פעלד, דאס א. ג. „בלאטע־געסל״. דארט האבן געלעבט: אייזיק רויטמאן, דער בעל־עגלה; זיין איידעם, יאסל אגראדניק, אויך א בעל עגלה, מיט זיין עלעגאנטער קאטש; זיין זון לייבל רויטמאן, יעקל טויז איידעם, וועלכער האט צוזאמען מיטן קריסט סאבאטקא, אראפגעבראכט דעם ערשטן לאסט־אויטא אין שטעטל און אליין שאפערירט, היינט — אין אורוגוואי.

די צווייטע זייט באנקאווע גאס

אויף דער צווייטער זייט באנקאווע האבן געוווינט מרדכי און באשע אלעק; ער איז געווען א קצב,ביידע געשטארבן אין ישראל. אין הויף איז געווען דאס הויז פון ר׳ יואל לעווקאוויטש, דער טרעגער; געווען א אינטערעסאנטער טיפ, א ייד א בעל הדרת פנים, א רלמיד חכם, בעל תפילה, א הויכער ברייט־פלייציקער און א גרויסער בעל־כח; אין יעדער פרייער צייט, אין מיטן דער וואך, ווי אין די שבתים, פלעגט ער תמיד זיצן ביי א ספר אין בית המדרש; געשטארבן אין ישראל. בשכנות האבן געוווינט: ר׳ שלמה גארדאן, א ווורקער חסיד, בוי־מייסטער פון הילצערנע בנינים; אהרון יעקב זילבער, א שוסטער פאר ספעציעל עלעגאנטער ארבעט; שרה פראסקע, אן אלמנה, געצויגן פרנסה פון קאלכן הייזער; יהושע טויז (קאוונער), וועלכער איז צוריקגעקומען פון אמעריקע און לייבל גורע, געהאַט דאָרט אן אייגענע טישלעריי, געשטאָרבן אין ישראל. נאָך יעקל אלעק, א קצב, האט געלעבט ר׳ יעקב שפרינצעס, א דרדקי מלמד און שמש; דערנעבן: ר׳ שלמה חיים צימבאל, מאירל׳ס איידעם, שמש און קברן, ווי אויך ר׳ אבא׳לע פאדגורעוויטש, א חומש־מלמד, א בעל־תוקע אין גערער שטיבל, א קליין, רירעוודיק פריילעך יידל, א בעל־חזקה משמח צו זיין שמחת־תורה דעם עולם. דאן איז געשטאנען דער אייגענער בנין פון דער „באנק קרעדיטאווי״, סוחרים־באנק, און אין ווייטערדיקן הויז האט געוווינט יעקל טויז, א בעל־עגלה. אין הויף האבן געהאט זייערע דירות: ר׳ יהושע מאלאוואני, דער מלמד און פרוי עלקע שאפירא, די אלמנה נאכן טשערווינער רב, הרב ר׳ פישל שאפירא זצ״ל.

אין א שיין־געמויערט הויז איז געזעסן ר׳ מאיר וואלף תהילים, א גרויסער סוחר

און באַרימטער פּיקח; זער פיל יידן פון שטעטל פלעגן קומען צו אים פרעגן עצות אין פּריוואַטע און אין געשעפטלעכע ענינים; זיין הויף איז פול געווען מיט בוי־מאַטעריאַלן און ברען־קוילן. זיינע שכנים זענען געווען: בערל וויסאַצקי, א תבואה־און פעל־סוחר; שמחה רייכמאַן, א שוסטער; זיין איידעם לייבל סאַנדאַלע; אהרון שלמה שמעלץ, א קצב; יצחק אזדאַבאַ, א זון פון ר׳ דוד אזדאַבאַ, ביידע שמידן. אַקעגנאיבער איז געזעסן זיין ברודער ר׳ קלמן אזדאַבאַ, אויך א שמיד, וועלכער האט פאַר זיין טאַכטער גענומען א לומדישן יונגן־מאַן פון וואַרשע, ר׳ פייוול לובעלסקי, א מוסמך להוראה, געוווינט פון אויבן. דערנעבן — שמואל דזשיזע (חיזאַק), א שוסטער, און אפּטער איינגייער אין געריכטס־הויז, זיך ליב געהאַט צו מישן אין סיכסוכים צווישן יידן און קריסטן; ר׳ הערשל גלאַגאַווער, פון די שיינע יידן אין שטעטל, א ווורקער חסיד, א מנגן און פון די גוטע גמרא־מלמדים; זיין זון איטשע גלאַגאַווער, אַ תבואה־סוחר, היינט אין אַמעריקע, און הערש־בעל דער שטעפער, א זון פון מענדל מלמד און פון פאַרנט — הערשל בריקס זון, א שנייַדער. נאָך אַלטע „די סטאַלאַרקע” האט געוווינט: ר׳ ישראל יצחק שראַן, א גערער חסיד, פון די קנאים אין שטעטל, א קצב, מהדרין מן המהדרין זענען געווען זיינע קונדן; זיין זון דן שראַן, געאַרבעט ביי גאַלאַנטן אין זיין סאָדע־וואַסער פאַבריקל; ר׳ בן־ציון סאַנדאַלע, א סוחר מכל הבא ביד, א גערער חסיד און א בעל־תפילה; זיין זון יוסל, האט דורכגעמאַכט די קאַצעט־לאַגערן אוישוויץ און דאַכאַו, היינט — אין אַמעריקע; און לייזער באַרנקעוויטש, א שוסטער.

המשך פון דער לאַנגער גאַס

דאָס צווייטע ווינקל־הויז פון דער באַנקאַווע און דער לאַנגער גאַס, האט געהערט צו ר׳ יעקל אַלעיאַרזש, א שוסטער; זיין ברודער ר׳ הערש, האט פאַרברענגט לאַנגע יאָרן אין סיגופים, תפילות און תעניות, און איז שפּעטער געוואָרן דער זאַמאָשטשער רבי אין לובלין; מחמת דעם, וואָס ער אַליין האָט געדינט לאַנגע יאָרן אין צאַר ניקאָלייס אַרמיי, האָט ער שטאַרק מקריב געווען יידישע סאָלדאַטן; ער פלעגט פאַר המוני־עם יידן זאָגן תורה און געפירט זיי אין וועג פון יידישקייט; ער איז נפטר געוואָרן פאַר דער מלחמה און זיין זון ר׳ מאיר האט איבערגענומען די דינאַסטיע. אין צווייטן הויז איז געזעסן ר׳ יצחק רייטשיק, באַקאַנט אונטערן נאָמען איצעלע רייטשיק, א גערער חסיד און למדן; די גאַנצע יאָרן האט ער געהאַט א מאַנופאַקטור געשעפט און לעצטנס איז ער געווען מלמד. דערנעבן — ייטקע מרגולית, א שניידערין. נאָכן קריסטלעכן בעקער צעגלענסקי, האָבן געוווינט: מאיר גורמאַן, א היטל־מאַכער; מיכל גורמאַן, א „בייגער” און אויפן הויף: ישראל אהרן שולץ, א גלעזער; משה בראַכאַנסקי, א קאַמאַשן־שטעפער און לייזער וואַקניאַזש, א טרעגער. בשכנות האט געהאַט זיין דירה ר׳ יוסף באַטשאַן, דעם אַלטן רבס אייניקל, א בן־תורה און מלמד, זיין פרוי און קינדער — היינט אין ישראל.

דער נייער פּראַנט־בנין האָט געהערט צו די צוויי חשוב׳ע בעלי־בתים: ר׳ זלמן ווערמאַן, אַן אַלעקסאַנדער חסיד, א מאַנופאַקטור־סוחר, וועלכער האט געהאַט אַלע זיין גרויסע לערנערס און ר׳ פנחס שיקאַרא, אַן אייזן־סוחר, וועמענס זון, אביעזר, איז געווען פון די גרינדער און אָנפירער פון „בית״ר”. אויבן, איבער שיקאַרען, האט געוווינט משה דוד מאַלאַוואַני, מיטאייגנטימער פון א קליינער מיל, היינט אין ישראל. אין דער קליינער הייזקע דערנעבן האט געלעבט יהודה לייבל קאַס, דער שוסטער. ווייטער אין דער זעלבער

„לאנגער" גאס האט געוווינט שאשקע גיטל אלאקעוויטש, האט געהאנדלט מיט פיש; אירע קינדער געפינען זיך אין אמעריקע, ווי אויך דוד שווארץ, א שוסטער. דערנעבן איז געזעסן ר' הערשל דוד זילבערבערג, א ברוקער, פון די געציילטע יידן, וואס האבן ברוקירט וועגן און שאסייען; געווען א אטוואצקער חסיד און א בעל־תפילה.

די אסטראלענקער גאס

דאס נעכסטע הויז, וואס איז געשטאנען אין ווינקל פון דער אסטראלענקער גאס, האט געהערט צום גאווארעווער חזן־שוחט ר' חיים לייב מאריאנסקי; ער איז געווען דער שטאט־חזן און געדאוונט אין גרויסן בית־המדרש, געווען א גערער חסיד און געשטאמט פון שניאדאווע. מיט אים צוזאמען האט געלעבט זיין איידעם ר' ישראל יצחק בראמבערג, א יונגער־מאן, א תלמיד חכם, האט זיך געלערנט פאר א שוחט. דער חזן האט נאך געהאט 2 זין, איינער, משה און דער צווייטער שלמה'קע, א ישיבה בחור; די גאנצע פאמיליע איז אומגעקומען אין זעמבראווע. אין ווייטערדיקן הויז פון דער אסטראלענקער גאס האט געלעבט יודל קאכאן, דער איידעם פון ר' לייבעלע „ריידער", א שמיד. אין דער צווייטער עלפט האט געוווינט לייבל בריק, א שניידער און יעקל קאכאן, א ליפעראנט פון מילך, וואס פלעגט אפנעמען פון פריצישע הייפן און זי אפשיקן קיין ווארשע; ער האט אויך געהאט א שפייז־קראם.

אין דער זעלבער ריי איז אויך געשטאנען דאס הויז פון ר' יעקל מאלאוואני, א שמיד און זיין איידעם ר' אהרון אראנסאן, א מלמד און מגיד, מחבר פון א ספר; ר' אהרון פלעגט ארומפארן איבערן לאנד און האלטן דרשות און דערביי דערציילט שיינע מעשה'לעך און משלים; ווען ער פלעגט צוריקקומען אין שטעטל, האט ער שטענדיק געהאט פיל נייעס צו דערציילן פון זיינע רייזעס; זיין עלטערער זון, אליעזר, איז איצט אין ארגענטינע, זיין יונגערער זון, מרדכי, איז געווען א ישיבה־בחור און גרויסער למדן. דארט האט אויך געוווינט זיין איידעם הערשל סאנדאלע, א שניידער. נאך עטלעכע קריסטלעכע הייזער איז געשטאנען דאס לעצטע יידיש הויז פון בענדעט וויראסלאוו, א סטעלמעך. פון דער אסטראלענקער גאס איז אראפ א וועג צו די „גלינקעס", דארט האט זיך געפונען די מיל פון ר' אהר'קע מאלאוואני און דאס שטאטישע שעכט־הויז. פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דארט אויך געווען די שטאטישע באד און מקווה. פון דער אסטראלענקער גאס האט געפירט א שאסיי צו דער באן־סטאציע „גאווארעווא" און צו די דערפער: גאווארעווקע, רעמביש א. אנד., ווי אויך קיין אסטראלענקע דורכן דארף בעראוועס. די דאזיקע שאסייען האבן געדינט פאר דער גאווארעווער יוגנט אלס טרעף־פונקט און שפאציר־אלייען, ספעציעל אין די שבתים נאך מיטיק, און אין די אוונטן — פאר פארליבטע פארלעך.

די צווייטע זייט אסטראלענקער גאס

אויף דער צווייטער זייט פון דער אסטראלענקער גאס זענען קיין יידישע הייזער נישט געווען. דארטן האבן זיך געפונען: די שטאטישע פאלקס־שול, די געביידע פון דער ארטיקער שטאט־פארוואלטונג, די א. ג. „קאנצעלאריע" אין די „קאזע" — ארעסט־הויז פאר די גאווארעווער ווידערשפעניקע אויפן אדמיניסטראטיוון געביט. דערנעבן איז געשטאנען דאס הויז פון קריסטלעכן אייגנטימער, ווירעמבעק, ווו עס איז פיל יארן

געווען דער לאקאל פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע „התחיה" און איר ביבליאטעק. דאן הויבן זיך אן צוריק יידישע הייזער: אין א שיין געמויערט הויז, וואס איז געשטאנען פונקט קעגנאיבער דער לאנגער גאס האבן געוווינט: פייגע רבקה גוטמאן, אייגנטימערין פון א שפייז־געוועלב, וועמענס מאן ר' וואלף גוטמאן איז געווען א שיינער ייד, אן אנגעזעענער גערער חסיד, דער א. ג. „רבי", און ר' גדליהו גרינבערג, בעל־הבית פון א גרויסער בעקעריי, אן אויפגעקלערטער גערער חסיד; זיין פרוי חנה געפונט זיך אין ישראל און זיינע 2 זין — אין אמעריקע. פון אויבן האט געוווינט מתת' פריד, א סטעלמעך.

אין דערבייאיקן גרויסן הויף זענען געשטאנען אייניקע גרויסע הייזער, וועלכע האבן אנגעהערט צו ר' יוסל ווערמאן, „דער זילאר", מיט זיין משפחה. ר' יוסל אליין איז געווען א שטריקן־מאכער און פיש־הענדלער, פון די בעלי־בתים תקיפים אין שטעטל; א לענגערע צייט איז ער געווען גבאי אין שול; א קליין־וויקסיקער, א שמייעדיקער, מיט א קלינגנדיק קוויטשיק קול, האט אנגעווארפן א פחד אויף די מתפללים. זיין זון שבתאי ווערמאַן האָט געהאַט אַ האָלץ־סקלאַד, איז געווען פון די סוחרים־טוער און אַ חשוב'ער מיטגליד אין דער „מזרחי" פארטיי. זיין איידעם ר' שלום פלאטקע, געשטאמט פון רוזשאן, איז געווען א גערער חסיד און גרינדער פון דער האנטווערקער־באנק, וואס האט זיך געפונען אין דעם הויף. ר' יוסל האט אויך געהאלטן ביי זיך זיין טאכטער צירל־לאה מיט איר מאן, וועלכער האט געהאלפן דעם שווער דרייען די שטריק.

אין איינעם פון ר' יוסלס הייזלעך האט זיך געפונען די ערשטע יידישע שולע, מיט איר גרינדער און לערער אלטער האכשטיין (צוזאמען מיט מאטל ראמאנער). האכשטיין האט געשטאמט פון לוניניעץ און פארבלאנדזשעט קיין גאוואראווע נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה; ער האט זיך געהאלטן פאר א גרויסן אינטעליגענט; א גאנץ הויכער, א דיקער, מיט א טיפן פליך און שטענדיק שמייכלדיקע אויגן, האט זער ליב געהאט אומצוגיין מיט קינדער — קניפן זיי אין די בעקלעך און גלעטן איבער די קעפלעך. זיין קליינטעלע איז מער באשטאנען פון מיידלעך, תלמידות, ווי יינגלעך; בעיקר האט ער געלערנט שרייבן העברעאיש און יידיש, חשבון און קאליגראפיע; געווען אויך רעליגיע־לערער אין דער שטאטישער פאלקס־שול; ער האט ליב געהאט עפעקטפולע פייערונגען; אין א ל"ג בעומר פלעגט ער שפאצירן מיט אלע קינדער אין וואלד, פארפוצטע מיט בלוי־ווייסע פאפירלעך און געזונגען מיט זיי „יה אלי"; ער האט אויך געהאט א „האבי" פון לייגן קארטן.

לינקס, טיף אין הויף איז געשטאנען דאס הויז און די קאשע־מיל פון ר' יעקב הערש וועגנגראוו און זיין איידעם ר' משה כשר, דער לעצטער פרעזעס פון דער גאווארעווער קהילה. דאס דאזיקע הויז האט מיט איר ברייטקייט און פארנעם, געמאכט א פרעכטיקן איינדרוק. ר' יעקב הערש איז ווייט געווען פון צו זיין א גביר; די 2 בלינדע פערד, וואס האבן געדרייט דעם שווערן, מאסיוון מיל־ראד, האבן נישט געקענט אויסדרייען אויף זיין חיונה; ר' יעקב הערש איז געווען א טיפישער חסיד פון אמשינאווער חדר, שטענדיק גוטמוטיק, פריילעך, ליב געהאט צו טרינקען אביסעלע משקה און משמח זיין יידן. דערנעבן איז געשטאנען דאס קליינע, נידעריקע, האלב־איינגעפאלן הייזל פון ר' אבא'לע ליכטמאן, א גלעזער און בעל־עגלה פון דער „ליניע" גאווארעווע־רוזשאן; ער איז געווען דער אמת'ער פריילעכער דלות; זיין האלב־געפגרטע קליאטשע איז געגאנגען אין שפאן, נאר, ווען ער האָט איר אויפגעזונגען אַ „לכה דודי", אָדער אן אנדער תפילה. זיינע שכנים זענען

געווען: ר׳ אייזיק ראזען, פון די ערלעכע כשר׳ע קצבים; נאך דער מלחמה איז ער אוועק קיין קאנאדע צו זיין זון חנא־מאיר און איז דארט געשטארבן; זיין שוואגער ר׳ בענדעט שעצעך, דער סטעלמעך, וועלכער איז אין די צוואנציקער יארן צוריקגעקומען פון אמעריקע און מיטגעבראכט די דארטיקע מאניערן; ר׳ בצלאל יוסף קארוואט, א ייד א תלמיד חכם און פיקח, א גוטער גמרא מלמד, דערשאסן געווארן דורך די דייטשן, באלד אין ערשטן טאג פון זייער ארייננמארש אין שטעטל.

די צווייטע זייט לאנגע גאס

דאס ווינקל־הויז פון דער צווייטער זייט לאנגער גאס האט געהערט צו ר׳ בערטשע וויראסלאוו, א תבואה סוחר, פון די פריילעכע אלעקסאנדער־חסידים; ער האט ליב געהאט א קידוש׳ל און א מלוה־מלכה, קיינמאל נישט פארדינט געגוג אויף חיונה; זיין טאכטער ציפע, מיט איר מאן שמחה, דער האלץ־טאקער, און זייערע קינדער, זענען אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשן אין דעם ערשטן אינוואזיע־טאג פון שטעטל; זיין זון יצחק איז געווען פון די פאנאטישע טוער פון „פועלי־ציון" (צ. ס.), איז אומגעקומען אין ביאליסטאקער געטא. דערנעבן האט געלעבט ר׳ שמואל קראוויעצקי, א שוסטער; זיין זון יחזקאל איז אומגעקומען ביי דער באלשעוויסטישער אינוואזיע אין יאר 1921, זיין צווייטער זון, ברוך, א פריזיער, געפונט זיך היינט אין אמעריקע.

אין א גרויס 2־שטאקיק הויז איז געזעסן ר׳ יהושע ראזען, לאנג־יעריקער דאזאר און תקיף, טוער ביי די אנטווערקער און זייער באנק; געשטארבן לעצטנס אין ישראל; זיינע איידעמס: ר׳ משולם גאלאווינסקי פון רוזשאן, א בן־תורה, געהאט אין הויף זיין אייל־פרעסעריי און מתתיהו אויסלענדער, א תבואה־סוחר און מילך־ליפעראנט,ביידע אין ישראל; נאך צוויי איידעמס: שלמה געלבארד, א קלעצקער בן־ישיבה, אייניקל פון ווישקאווער רבי׳ן און ברזילי פון אסטראווע, זענען געשטארבן אין די מלחמה־יארן. דארט איז געווען נאך אן הויז, וווּ עס האט געוווינט ר׳ איטשע יאסל טויז, דער קברן און זיין פרוי דבורה, וועלכע איז לאנגע יארן געווען א עסקנית פון דער חברה־קדישא, מיט זייער איידעם לייזער פרידמאן, א בעקער. אביסל טיפער, וווּ עס האט זיך געגרענצט מיט ראטענסקיס אויבסט־גארטן האט געלעבט ר׳ שלום גריינער, א שלאסער, מיט זיינע 3 זין, היינט אין ישראל. דערנעבן — יעקל מארקוס, א טרעגער.

פון פראנט, אין א געמויערט הויז איז געזעסן ר׳ אברהם לוזים, א שמיד, וואס האט אויך געהאט א צוגאב־פרנסה, פון האדעווען עטלעכע קי און פארקויפן זייער מילך. א דאנק זיינע באמיאונגען ביי זיין קרובה שרה גיטל קלאס אין אמעריקע, האט די לעצטע איבערגעשיקט קיין גאוואראווע גרעסערע געלט־סומעס, וואס האט דערמעגלעכט דאס אויפבויען די נייע גרויסע שול; אויף דער מזרח־וואנט איז לכבודה געהאנגען א ספעציעלער טאוול. זיינע שכנים זענען געווען: הערשל אלעק, א קצב, היינט אין אמעריקע און ליפמאן דרעוויאנקא, א טרעגער. דערנעבן פון פראנט זענען געזעסן: די אלמנה נאכן שוסטער בלום, וואס איז געשטארבן אין אמעריקע און איר איידעם אנשל טויז, אן ערשט־קלאסיקער שוסטער־פאכמאן, אַ שטילער אינטעליגענטער מענטש, וואָס איז אומגעקומען אין א דייטשן קאנצענטראציע־לאגער ביי לובלין. ווייטער האבן געוווינט: משה האראוויץ, א בעקער, פון די אנגעזעענע „בונד"־פירער, שפעטער דאזאר אין דער קהילה און נפתלי שמעלץ, א קצב, היינט אין ישראל.

א געמויערט הויז אין א גרויס־שטאטישן פארם האט אויפגעבויט און דארטן
געלעבט אברהם קרוק, דער געוועזענער „סאלטיס״; זיין פרוי צלאווע איז געוועזן פון די
ערשטע דערשאסענע דורך די דייטשן; ביי אים אין הויז האט זיך פיל יארן געפונען
די „ביתר״־ארגאניזאציע; א שטיקל צייט איז דארט אויך געווען די תלמוד־תורה, וואס
איז געגרינדעט געווארן דורכן רב, בכדי ארויסצונעמען די יידישע קינדער פון דער
קריסטלעכער פאלקס־שולע. דארטן האבן אויך געוווינט: יעקל זשעלאזני, א רימער,
היינט אין ישראל, און צאלקע אזדאבא, געהאט א שפייז־געוועלב, וועמענס פרוי, העניע,
געפונט זיך אין ישראל. בשכנות האבן געהאט זייערע דירות: שמעון וואסער, א האלץ־
טאקער און סטעלמעך; ר׳ לייבל קארלינסקי, א גערער חסיד, וועמענס 3 זין און 1 טאכטער
זענען אומגעקומען דורך די דייטשן, 1 טאכטער — אין ישראל; און אייזיק רובין, דער
קצב; די אלע האבן געוווינט אין הויז פון ר׳ יעקב שבתי טרוכנאווסקי און זיין איידעם
ר׳ אברהם שאפראן. ר׳ אברהם איז געווען פון די שיינע בעלי־בתים פון שטעטל, א
אטוואצקער חסיד, א תלמיד־חכם, א בר־אורין און פיקח; געהאט א קאלאניאל־געשעפט,
וואָס איז געווען פון די גרויסע אין גאָוואָראָווע; זיין זון שמחה בונם, האָט אין די יוגנט־יאָרן
געלערנט אין דער לאמזשער ישיבה און ביים רב, שפעטער געווארן דער אנפירער פון
דער „פועלי־ציון״ (צ. ס.) באוועגונג אין שטעטל; ער האט חתונה געהאט מיט נטע ריץ׳ס
בת־יחידה און געווארן א מיטשותף אין דער גרויסער מיל, נאכער אוועק קיין וואלאמין
און דארט אומגעקומען; ר׳ אברהם׳ס 2 אנדערע זין: משה און דוד זענען אויך אומגעקומען
דורך די דייטשן; זיין בכור בנימין און מענדל, ווי אויך איטשע, א תלמיד פון דער
לאמזשער ישיבה, א בעל־הוראה און פירער פון דער „בית יעקב״־שולע, געפונען זיך
היינט אין אמעריקע; אין קאנאדע לעבן: זיין טאכטער רבקה מיט איר מאן שמואל
ראזנבערג, ווי אויך זיין זון ישראל׳קע, א שניידער, פון די „בונד״־טוער אין שטעטל.

אין א קליין הייזל איז געזעסן מרדכי סיראטא פון מאקאווע, א שניידער, אברהם
דעם שמש׳ס א איידעם. די דאזיקע הייזקע האט ער אפגעקויפט פון שמואל וואלף ברוינער,
א סאלדאַט פון דער פוילישער ארמיי, וואס האָט זיך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה
פאַרוואָגלט קיין גאָוואָראָווע אָפצוהיטן די ארטיקע באַן־בריק און שפעטער חתונה געהאַט
מיט יעקל גרינשטיינס, דעם שלאסערס, טאכטער; ברוינערס הויז איז געווען א בית יעד
פאַר דער שטעטלדיקער יוגנט, וועלכע האבן דארט געהערט גראמאפאן־פלאטן און פאלקס־
געזאנגען; געשטארבן מיט אייניקע יאר צוריק אין אמעריקע. דערנעבן איז געזעסן
ר׳ חיים דוד שראן, אטוואצקער חסיד, א תבואה־סוחר; ער און זיין פרוי חיה ביילע זענען
אומגעבראַכט געווארן דורך די דייטשן ביי זיך אין הויז אין דעם טרויעריקן פרייטיק־
צונאכט. דאָס אלטע פארל יוסקע און רחל, שמואל׳קעס, וואס האבן געהאט גרויס אנזען
אין פריצישע הייפן, האבן געוווינט אין זעלבן הויז. אין צווייטן הויז האט געוווינט דער
שטעפער יחזקאל מענדל זאמעלזאן; דערנעבן האט געוווינט זיין פאטער ר׳ ישראל
אליעזר זאמעלזאן, א לעדער־סוחר, אן אפגעהיטענער ייד, שטענדיק עלעגאנט געקליידעט,
שיין פארפוצט די באָרד און די גאָלדענע קייט האט ביי אים תמיד ארויסגעשיינט פון
דער וועסט; ר׳ ישראל אליעזרס צווייטער זון, יודל, איז זיינער צייט אוועק מיט די
באלשעוויקעס קיין רוסלאנד און איז דארט אומגעבראכט געווארן ביי די „רייניקונגס־
אקציעס״ פון 1937; זיין זון יעקב געפונט זיך היינט אין ארגענטינע. אין זעלבן הויז
איז אויך געזעסן זיין איידעם יצחק שניאדאווער, וועלכער איז, קורץ פארן קריג, זיך

צורעקגעקערט אין שטעטל פון ארגענטינע און איז דארט אומגעקומען. בשכנות האט געלעבט ר׳ יעקב לייב אלעיארזש, א שוסטער, א קרוב פון זאמאשטשער רבי׳ן, און פון פארנט — ר׳ יהושע יחיאל ניימאן, דער א. ג. „שיע חיל מיטן חשבון״, אן אלעקסאנדער חסיד; טראָץ זיין קליין־דארן גוף, האט ער געהאט א געזונטע און שיינע שטימע און אן אנגענעמענער בעל־תפילה אין אלעקסאנדער שטיבל; פון זיין האנדלען מיט פריצישע הייפן, האט ער געמאכט א סך געלט, וועלכע האט זיי אבער שפעטער מיט אמאל פארלוירן; זיין זון לייבל איז געווען אן אַרטיסט אין אַ וואַרשאווער יידישן טעאַטער; זיין איידעם, יידל גורפינקל א זייגערמאכער, איז געווען א שטיבל־זיצער און א קנאפער פארדינער; יידלס 2 קינדער, א יינגל מיט א מיידל, איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַ דאָרף ערגעץ הינטער זעמבראווע ביזן יאר 1944 און זענען שפעטער אומגעבראכט געווארן דורך די פאלאקן. טיפער אין הויף האט געוווינט ר׳ אברהם פאטאש, דער שטריקן־מאכער; זיינע 2 טעכטער, דערצויגענע אין „בית יעקב״־שולן, האבן אין ישראל חתונה געהאט מיט רבנים פון דרום־אפריקע און אמעריקע. אין פראנט, אין א שיין הויז האט געלעבט ר׳ ישראל שווארץ, א רייכער טאנדייט־שניידער, און מיכאל שמעלץ, וואס איז שפעטער געשטארבן אין אמעריקע; זיינע קינדער — היינט אין אמעריקע און בראזיל. ר׳ מרדכי שמעלץ, דער קצב, האט אויפגעשטעלט א שיין געמויערט הויז, וווּ עס האט זיך אונטן געפונען זיין וווינונג און יאטקע, און אויבן — זעליג הערצבערג, ר׳ ברוך קופערמאנס איידעם, א תבואה־סוחר. דערנעבן האט געהאט זיין שפייז־געוועלב ר׳ חיים הארעוויץ, א מזרחי־טוער; ער איז אויך געווען א מילך־פאכטער.

דער מארק

דאס ווינקל־הויז, וואס האט זיך געגרענצט מיטן מארק, איז געווען דאס אייגנטום פון ר׳ יהודה שייניאק, א מאנופאקטור־סוחר; ער איז געווען פון די שארפע גערער חסידים און פון די גוטע בעלי־תפילות; א געוויסע צייט זיך געהאט אויך פארנומען מיט קהלישע ענינים; זיין זון חיים איז אומגעקומען פון א דייטשישער באמבארדירונג אין שטעטל סעראצק. אין א דערנעבנדיק 2־שטאקיק הויז האט ר׳ שמואל׳קע צודיקער געהאט זיין וווינונג און אויל־פרעסעריי; ער איז געווען פון די „מזרחי״־טוער און אן אויפגעקלערטער אלעקסאנדר חסיד; אויך געווען דאזאר אין דער קהילה. דאס בשכנות׳דיק הויז האט אנגעהערט צו ר׳ שאול פאטאש, א ווורקער חסיד, געהאט א כשר׳ן רעסטאראן; זיין טאכטער ברײנע, האט דארט געפירט א גרויס געשעפט פון גאלאנטעריע און קאנפעקציע. שפעטער האט דארט געוווינט ישראל הערש יאבלאנקא, א רייכער תבואה־סוחר, זיין פרוי און קינדער — היינט אין ישראל.

אין א גרויס 2־שטאקיק פאמיליע־הויז האט געוווינט די משפחה פון ר׳ יעקב בערל בלומשטיין, מיט זיין איידעם ר׳ זעליג פאפיערטשיק און זיינע 2 זין: ר׳ יחיאל מאיר און ר׳ גרשון; ר׳ יעקב בערלס שטוב, האט געהאט א שם אין שטעטל פון תורה וגדולה במקום אחד; ער אליין איז געווען פון די געהויבענע ווורקער־סקערניעוויצער חסידים און אזוי האט ער דערצויגן זיינע זין און איינגעקויפט זיך שיינע איידעמס; יחיאל מאיר האט געהאט א לעדער־געשעפט און גרשון איז געווען א תבואה־סוחר; ר׳ זעליג פאפיערטשיק האט געהאט א מאנופאקטור־געשעפט און געהאנדלט מיט פריצים, געפונט זיך היינט מיט זיין פאמיליע אין ישראל; ער איז געזעגלשאפטלעך טעטיק, פירט אן מיט „ישיבת עטרת

זקנים" אין יד־אליהו און איז א מחותן מיטן רב הראשי לישראל, הרב יהודה איסר אונטערמאן שליט"א. אין הויף איז געזעסן חיה זעלדע קלעמפנער, „די בלעכערקע", וועלכע האט אלע יארן אויסגעהאלטן לשם מצוה דעם שטעטלדיקן וואסער־טרעגער שלמה עקיבא בעסערמאן; דער דאזיקער שלמה עקיבא איז פון קינדוויז אן געווען נישט ביי די קלארע געדאנקען און דאך געווען באליבט ביי מענטשן; שטענדיק גוטמוטיק, פריילעך און מיט א ניגון אויף די ליפן; זיך אויסגעצייכנט מיט א וווּנדערבארן זכרון, געווען מוזיקאליש באגאבט און... א געוואלדיקער אכלן; עס איז נישט געווען קיין איין שמחה אין שטעטל, ווו שלמה עקיבא זאל זיך נישט פארען, העלפן מאכן די הכנות, אבער גלייכצייטיק געדארפט אים קוקן אויף די הענט, אז ער זאל נישט אויפעסן א גרויסן טייל פון די צוגעגרייטע מאכלים.

פון פארנט, אין א געמויערט הויז האט געוווינט ר' אברהם יצחק גאלאנט, דער א. ג. „קוואשניק", פון די אויפגעקלערטע אלעקסאנדער חסידים און פון די שיינע יידן אין שטעטל; ער האט געהאט א זיסווארג־געשעפט און א ווורשט־און סאדע־וואסער־פאבריקל; זיין געשעפט איז זער געווען באליבט ביי דער יוגנט אלס זאמל־פונקט און צונויפטרעף ביי א גלעזל ביר און גוטן צוקער־ביסן; איבערהויפט פלעגט דארט פיל זיין אין די שבת־צו־נאכטסן, ווי אויך אין די פרייטיק־צו־נאכטסן, ווו ר' אברהם יצחק פלעגט פארטרייעלעך געבן אלעם אויף קרעדיט; זיין זון משה, א ישיבה־בחור, איז פארפייניקט געווארן דורך די דייטשן אין אסטראווע; זיין טאכטער, רבקה, זאל זיך האבן געפונען אין רוסלאנד און זאל האבן דארט דערגרייכט א הויכן אפיצירן־ראנג אין דער „רויטע־ארמיי". אויבן האט געלעבט אירל אפעלבוים, א גוטער דאמען־שניידער, עולה געווען באכן קריג קיין ישראל און דא געשטארבן; זיין פרוי און 2 קינדער געפונען זיך היינט אין לאנד; זיין יונגסטער זון, מרדכי, איז אומגעקומען דורך די דייטשן. אין אן הייזל ווייטער האט געוווינט ר' אברהם קיריס, א שוסטער, ווי אויך זיין זון איטשע וועלוול, אויך א שוסטער, היינט אין ישראל. דערנעבן איז געזעסן יוסל זילבערשטיין, א פריזיער.

נאך ראטענסקין, דעם קריסטלעכן קצב, איז געווען דאס הויז פון ר' דוד דראַניצא (דוד אסטראווער), א שניידער און זיין איידעם ר' נאסקע קאן, געהאנדלט מיט פיש, געווען אייניקע יאר „סאלטיס" אין שטעטל, היינט — אין אמעריקע. אויפן הויף איז געשטאנען דאס הויז פון ר' משה דראניצא, א סוחר, פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דאזאר, היינט, ראש המועצה הדתית אין בית־שאן, ישראל. אין זעלבן הויף איז אויך געשטאנען א גרויסער הילצערנער באראק, וואס האט אנגעהערט צו משה דראניצא און איז דארט געווען טעטיק א קאשע־מיל; אין די שפעטערדיקע יארן האט דער באראק געדינט אלס שטאטישער געזעלשאפטלעכער זאל, פאר גרויסע פארזאמלונגען, טעאטער־פארשטעלונגען, פארשידענע פאראנשטאלטונגען און אנדערע קולטורעלע אונטערנעמונגען. אין דערנעבנדיק הייזל איז געזעסן ר' מיכאל ליווער, א שוסטער און יהודית קאס, א שפיליטערין. בשכנות האט געוווינט ר' יעקב דוד ניימאן, א שפיליטער, ווורקער חסיד, פון די חשוב'ע יידן אין שטעטל; ער האט אויך געהאט דאס אויסשליסלעכע רעכט צו פארקויפן הייזון פאר דער גאנצער געגנט. אין דער צווייטער העלפט פון דעם הויז, וואס האט זיך געגרענעצט מיט דעם גלח'ס גארטן, האט זיך געפונען דאס שטיבל פון די אמשינאווער, אטוואצקער־און ווורקער חסידים.

צוריק צום מארק־פראנט איז געווען א רייע הייזער, וואס זענען געשטאנען אין

צענטער פון מארק־פלאץ. דאס ערשטע — פון ר׳ אשר קוטנער, מיט זיין גאלאנטעריע־געשעפט; ער איז געווען פון די אטוואצקער חסידים ותיקים, דעם פלאץ פון זייער שטיבל האט ער געגעבן במתנה. ווייטער איז געווען דאס הויז פון ר׳ אברהם מרדכי פרידמאן, פון די אלטע געהערער חסידים, א שיינער ייד, א תלמיד חכם, געוו. ראטמאן, פון די אנגעזעענע בעלי־בתים אין שטעטל, באזיצט דאס גרעסטע מאנופאקטור־געשעפט; ער און זיין פרוי רייצע, זענען געווען שטארק אנגענומען אפילו ביי דער ארומיקער קריסטלעכער באפעלקערונג, וועלכע האבן געהאט צו זיי גרויס צוטרוי. מיט זיי האבן אויך געוווינט זייערע זין שלמה און הענעך, ווי אויך זייער איידעם ר׳ לוי ווארשאוויאק, א געהערער חסיד און „אגודה״־עסקן, פון די גרינדער און טוער פון דער „בית יעקב״־שולע, היינט אין ישראל. אויף זיין ארט איז שפעטער אריין ר׳ ישראל בורשטין, א ווארשעווער יונגערמאן, א געהערער חסיד און גרויסער רעליגיעזער עסקן, אויך אנגעפירט מיט דער „בית־יעקב״־שולע; ער איז דערשאסן געווארן דורך די דייטשן אין דארף דזוואנעק.

אין דערבייאיקן 2־שטאקיק הויז האבן געוווינט: איטשע צאלקע, אברהמ׳קע דעם שמש זון, וועלכער האט זיך צוריקגעקערט פון קובא און זיך געעפנט א שיך־געשעפט; דבורה מאשענזאן, וואס האט געפירט א פריזירעריי, געבליבענע נאכן פארשטארבענעם מאן, און דערנעבן האט געהאט זיין קאלאניאל־געשעפט ר׳ אברהם ישראל טרושקעוויטש, א גרויסער למדן, א תלמיד מובהק פון דער לאמזשער ישיבה, דער זון פון ר׳ מרדכי דעם שמש. אויבן האט די לעצטע יארן געהאט זיין דירה ר׳ אברהם צאלקע, דער בית־דין שמש. א קליין זשוואווער יידל מיט א לאנגער בארד, א כל־ולך, אויסגעמישט מיט דער גאנצער שטאט און געוווסט אלעמענס סודות; ער איז געווען פון די פעאיקסטע שדכנים פון דער געגנט; אויך נאכדעם, ווען די קינדער פון אמריקע האבן אים געשטיצט מיט א ברייטער האנט, האט ער אויך נישט געוואלט פארציכטן אויפן פאסטן פון בית־דין שמש.

די קאשטשעלנע גאס


אין דעם עקיקן, שיין געמויערט הויז, וואס האט זיך געגרענצט מיט דער קאשטשעלנע גאס, האט געוווינט ר׳ אלחנן פרידמאן, פון די משכילים און פון די גרינדער פון דער „מזרחי״־פארטיי אין שטעטל; ער האט געהאט א זיסווארג־געשעפט און אויך געווען בוכהאלטער אין „באנק קרעדיטאווי; זיין זון שבתי׳ל איז געווען פון די בית״ר־אנפירער; ער מיט זיין פרוי, דריי זין און צוויי טעכטער, זענען אלע אומגעקומען.

די ווייטערדיקע רעכטע זייט פון דער גאס איז געווען באוווינט אויסשליסלעך פון קריסטן. ביים סוף האט זיך געפונען דעם גלח׳ס פלאץ און אויבסט־גארטן.

פראבאסטווא

אויף א גרויסן פלאץ, אקעגן דער קירכע איז געשטאנען א גרויסע געמויערטע געביידע, וווּ עס האט זיך געפונען דאס פוילישע פאלקס־הויז און דער ערשטער קריסטלעכער קאאפעראטיוו, וואס האט געפירט א שטארקע קאנקורענץ מיט די יידישע סוחרים. אביסל טיפער אין פעלד איז געווען דער קריסטלעכער צמענטער. נאך א ווייטערדיקער רייע פון קריסטלעכע הייזער, האבן אין א זייטיק געסל געוווינט עטלעכע יידישע פאמיליעס: ר׳ מרדכי שניאדאווער, אייגנטימער פון א ווינט־מיל, וואס האט זיך געפונען אביסל ווייטער; דערנעבן איז געשטאנען נאך א ווינט־מיל, וואס האט אנגעהערט צו די שותפים

און באזיצער פון דער קליינער דאמף־מיל: ר׳ חיים קרולעוויטש, א גוטמוטיקער ייד און ר׳ יהושע מרדכי דראזד, פון די געהויבענע אלעקסאנדער חסידים, גוטער בעל־תפילה און א גרויסער תלמיד־חכם. פון דארט צוריק, אין דער ווייטערער געגנט פון „פראבאסטווא״, האבן געוווינט די רייכע ברידער נטע און איסר ריץ, אייגנטימער פון דער שטאטישער עלעקטרע־ווערק און פון דער גרויסער דאמף־מיל, וואס האט באזארגט מיט מעל דער גאנצער געגנט; ר׳ נטע ריץ, א ייד א פיקח, געווען אייניקע יאר פרעזעס פון דער יידישער קהילה, און ר׳ איסר ריץ, פון די גערער חסידים — זענען געווען גרויסע מכניסי אורחים און בעלי צדקות, זער אנגעזעענע בעלי־בתים פון שטעטל; מיט זיי זענען אויך געזעסן זייערע קינדער און דער איידעם פון ר׳ איסר ריץ, ר׳ שלמה אליעזר באטשאן, תלמיד פון דער לאמזשער ישיבה געשטאמט פון רוזשאן. פון „פראבאטססטווא״ האט געפירט א וועג צו די גיטער פון קריסטלעכן פריץ גלינקא און צו זיין רעזידענץ־פאלאץ אין דארף שטשאווין; ער איז געווען פון די גרויסע עשירים אין פוילן און פיל יידן פון גאווארעווע און אומגעגנט האבן געצויגן פון אים זייער פרנסה און געפירט מיט אים גרויסע מסחרים.



דער מאַרק אין די „קאָשטשעלנע״ גאַס, ווי זיי זען היינט אויס.
אין צענטער: דער דענקמאָל נאָך די אומגעבראַכטע איינוווינער.

צוריקוועגס, אין דער ריכטונג צום שטעטל, איז געווען דאָס הויז און גרויס קאָלאָניאַל־און שפּייז־געשעפט פון ר׳ חיים פאַטאַש, אַ וווּרקער חסיד און בעל מנגן. דערנעבן איז געווען א הכשרה־פונקט פון „פועלי אגודת ישראל". דאָן האָט זיך געפונען דער שטאָטישער פּאָסט־בנין און נאָכער דער פאָליציי־קוואַטיר פון שטעטל. נאָכן הויז פון קריסטלעכן שטאָטישן דאָקטאָר גלינקאַ, איז געשטאַנען די גרויסע פאַראַפּיע־קירכע און דער פּאַלאַץ פון פּראַבאַשטש.

די צווייטע זייט קאַשטשעלנע גאַס

נאָך עטלעכע קריסטלעכע געשעפטן, איז געשטאַנען דאָס הויז, ווו עס האָט דאָרט אויך געהאַט זיין קאָלאָניאַל־געוועלב ר׳ יחיאל גערליץ; ער איז געווען א ייד א משכיל און תלמיד־חכם, א חבר פון נחום סאָקאָלאָוו, א רוסיש־און פּויליש־קענער, פלעגט שרייבן ביטעס צו די מלוכה־אינסטאַנצן פאַר די שטעטלדיקע יידן. צוזאַמען מיט אים איז געזעסן זיין זון חיים גערליץ, גרינדער פון דער שטאָטישער גמילת־חסדים קאַסע, היינט אין אַמעריקע. נעבן אים האָט אויך געוווינט זיין עלטערער זון יצחק וועלוול גערליץ, דער איידעם פון ר׳ וועלוול בלומשטיין, אייגנטימער פון אן אייזן־געשעפט און מעכאַניק־ווערקשטעל.

די צווייטע זייט מאַרק

נאָך ראַטענסקין, דאָס גרויסע קריסטלעכע מאַנופאַקטור־געשעפט, איז געשטאַנען א קליין הילצערן הייזל, ווו עס האָט געוווינט ר׳ שמואל אברהם דער שניידער און זיין איידעם ר׳ שמעון אזדאַבאַ, תבואה־סוחר, א גערער חסיד און בעל־קורא. דערנעבן — שרה זילבערשטיין, אלמנה נאָך ר׳ פייוול, שאַרפער אָטוואָצקער חסיד, א ייד א בן תורה. אקעגן־איבער זיי — דער „ראַדשזילאָווער שניידער" ר׳ וועלוול זילבערשטיין, אן ערלעכער ייד און גרויסער בעל־צדקה, געשטאָרבן אין ישראל. בשכנות האָט געוווינט ר׳ מענדל באַטשאַן, זון פון אַלטן גאַוואַראָווער רב, אן איינדרוקספולע פערזענלעכקייט, מיט א שיינעם פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, חסיד און תמים. אין פראָנט האָט געהאַט זיין בעקעריי ר׳ גבריאל יאַלאָוויעץ, א גוטמוטיקער ייד; שפּעטער האָט זי איבערגענומען יעקב כשר, פון וואַנסעווע. אין נעכסטן הויז האָט געלעבט וועלוול באַרג, א שטעפּער, פון פּאַשעקי.

אין א שיין 2־שטאָקיק הויז האָט געהאַט זיין רעסטאָראַן און האָטעל ר׳ משה טענענבוים, לאַנג־יעריקער פּרעזעס פון דער קהילה און עסקן פון „מזרחי". נאָך אים איז געווען דאָס אייזן־געשעפט פון ר׳ ברוך מינץ, א וווּרקער חסיד, ביי וועמען עס פלעגן איינשטיין די חסידישע רבי׳ס, וואָס האָבן באַזוכט דאָס שטעטל. אין זעלבן הויז האָבן אויך געוווינט: פרוי אייטשע מינץ, א סוחרטע און ר׳ פסח שאַכטער, לעצטנס — שוחט. זייער שכן איז געווען ר׳ איטשע מאיר יאַלאָוויעץ, א אלעקסאַנדער חסיד, געהאַנדלט מיט תבואה. אין הויף איז געזעסן ר׳ חיים בער גרודקע, דער שפּיליטער, פון די שיינע יידן אין שטעטל, אן אַלעקסאַנדער חסיד און בעל־תוקע אין דער גרויסע שול. אין פראָנט הויז האָט געוווינט ר׳ גדליהו פשיסוסקער, אן אלעקסאַנדער חסיד, אייגנטימער פון א מאַנופאַקטור געשעפט, און הערש־בערל פיינצייג, א היטל־מאַכער, זיין טאָכטער בלימטשע איז געווען א פעאיקע אַרטיסטין, זיין פרוי טעמע איז געשטאָרבן אין ישראל. דאָן איז געווען דאָס הויז און קאָלאָניאַל־געשעפט פון ר׳ מאיר ראַמאַנער, א גערער חסיד און

למדן, אן עסקן בצרכי צבור, לאנג־יעריקער דאזאר, א ייד א פיקח און בורר ביי דין־דורות. דאס ווייטערדיקע הויז האט אנגעהערט צו ר׳ נתן פארבא, באקאנטער אמשינאווער חסיד, געוועזן פון דער שטיינער־בראנזשע. צוזאמען מיט אים האבן אויך געוווינט זיינע איידעמס: נחמן יארזשאמבעק און הרב נחמן בעלפער, פון די בעסטע לאמזשער ישיבה־תלמידים, היינט אין קאנאדע. דערנעבן האט געלעבט ר׳ ישראל יצחק צודיקער, תבואה־סוחר, אן אלעקסאנדער חסיד. אין הויף האבן זיך געפונען: די גרויסע שול, וואס איז אויפגעבויט געווארן אין יאר תרפ״ה, די אלטע הילצערנע שול, די תלמוד־תורה, אלעקסאנדער שטיבל, גערער שטיבל, „בית יעקב״־שולע, גמילות־חסדים קאסע און „הכנסת אורחים״.

ווייטער אין פראנט אויפן מארק האט געהאט זיין קאלאניאל־געשעפט ר׳ יעקל קלעפפיש, זון פון אלטן גאוואראווער רב, דער „בית אהרן״, און זיין איידעם ר׳ דן ראזענבערג, גרויסער מאנופאקטור־סוחר, מורשה פון „קרן קימת״, עסקן אין דער גמילות חסדים־קאסע. דערנעבן איז געזעסן ר׳ משה סקורניק, פון די משכילים און חובבי ציון, א רעדנער און נוח לבריות, עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין יאר 1935, געשטארבן מיט אייניקע יאר צוריק. אין דער צווייטער העלפט הויז האט געוווינט זיין שוואגער ר׳ אליעזר קשאנזשקא, א ייד א תמים, אן אלעקסאנדער חסיד, געהאנדלט מיט תבואה; זיין פרוי און טעכטער געפונען זיך אין ישראל. דארט האט אויך געלעבט ר׳ חיים מיצנמאכער, א היטל־מאכער, איידעם פון טשערווינער רב ר׳ פישל שאפירא; זיין פרוי און קינדער — היינט אין ישראל, ווי אויך ר׳ משה מאזעס, א יונגערמאן א בן־תורה, תבואה־סוחר, היינט אין אמעריקע.

אין ווולקי

אויף דער צווייטער זייט טייך, אין דערפל ווולקי, האבן געוווינט פאלגענדע יידישע משפחות: ר׳ בענדעט וויראסלאוו, א סטעלמעך, תהילים־זאגער אין בית־המדרש; זיינע א טאכטער געפונט זיך אין ישראל; נחמן יארזשאמבעק, זיין איידעם, אויך א סטעלמעך, היינט — אין ישראל; יעקל בודנע, דער שמיד און משה טויז, אייגנטימער פון א ווערקשטעל, צו פאריכטן לאנדווירטשאפטלעכע מאשינען.

אין פאשעקי

אויף דער באן־סטאציע פאשעקי, 5 קילאמעטער פון גאוואראווע, האבן געוווינט פאלגענדע יידישע משפחות: מאיר ליכטענשטיין, מיט זיין זון יוסף — היינט אין ישראל, וועלכע האבן געפירט א שפייז־געשעפט, צוזאמען מיט זיין איידעם יוסף רעכטשייד; לייבל בארג, אויך געהאט א שפייז־געוועלב, קינדער — אין ישראל, און לייבל תהילים, א עקספעדיטאר.

אין סוכטשיץ

אין דארף סוכטשיץ האבן געוווינט אייניקע יידישע פאמיליעס. אין די איבעריקע דערפער פון גאוואראווער סביבה, האבן די לעצטע יארן קיין יידן נישט געלעבט.

משה צינוביץ
ישראל

הרב ר' שלמה זלמן קלפפיש זצ"ל

ר' אהרן שלמה זלמן נולד בעיר נמירוב במחוז בריסק דליטא, לאביו ר' יעקיל קלפפיש, למדן מובהק, מרביץ תורה ונשוא פנים. מחברים בני זמנו תיארוהו: „רב מובהק בתורה, למד ולימד וקיים הרבה, מעשיו ומעלליו נודעו בשערים ומכובד מאד על כל מקיריו ומידעיו". כדי לזכות את הרבים ולהגדיל תורה ולהאדירה, הוציא ר' יעקיל לאור ספרים חשובים, ביניהם: „זית רענן", „מרגליות התורה", „מלוא־העומר", „משיבת נפש", וחידושי מהרא"ל להגאון ר' אריה ליב צונץ האב"ד פלוצק.

בערוב ימיו עבר ר' יעקיל לגור בורשה, ונהיה לאחד מיקירי העיר ונכבדיה. ביתו הפך לטרקלין התורה בעיר הבירה, וזאת גם בעבור בניו המפורסמים, גדולי התורה והיראה, אנשי שם, שפרסמו את משפחת קלפפיש בכל רחבי המדינה.

בנו הבכור הגאון ר' שמואל זיינוויל, היה רב ומו"צ בקהלת ורשה ונמנה בין גדולי ההוראה. תלמידיו שימשו כרבנים ודיינים בקהלות גדולות בפולין המדינה. הוא כיהן במשרתו הרמה עשרות בשנים. בנו השני הרב אברהם מאיר יצק מים על ידי הגאונים ר' יוסף דב הלוי סולוביצ'יק והגאון הנצי"ב בישיבת וולוז'ין, ואח"כ נתמנה לרב בעיר יבלונקה, ליד ויסוקי מזוב. במחוז לומזה. בנו ר' שמריל לא עסק, אמנם, בהוראה, אבל היה נחשב בין גדולי העיר ורשה ואחד מלמדניה וחריפי המח.

בנו הנידון, ר' אהרן שלמה זלמן, היה גאון, חריף ובקיא בכל מעינות התורה. נתמנה בצעירותו לרב בעיר ויזנה, ואח"כ קבל את כס האב"ד של העיר גובורובה.

את חנוכו היסודי קבל ר' אהרן שלמה זלמן מאביו הגדול בעיר נמירוב מולדתו, וכשהועתק ביתם לורשה, פרש עליו חסותו אחיו הגאון ר' שמואל זיינוויל, ותחת פקוחו והדרכתו גדל ר' אהרן שלמה זלמן ועלה במעלות התורה לגבהים רמים. הוא הפליא את משפחתו ומכיריו בהתמדתו הרבה, והצטיין כחריף גדול ומחדש כביר שאפס קצהו משתקף בחיבורו „בית אהרן", המכיל חידושים נפלאים על מסכתות הש"ס.

בהגיעו לגיל החיתון, בחר בו הרב המפורסם ר' צבי הלוי לוינסקי מסטביסק כחתן לבתו המהוללת, ושם המשיך לשבת באהלה של תורה תוך שקידה והתמדה נפלאה. (הרב צבי הלוי לוינסקי עלה בסוף ימיו לירושלים והוא אבי משפחת גואלמן הנכבדה מידוובנה, סטביסק ובני ברק).

בשנת תרכ"ו או סמוך לשנה זו, נבחר ר' אהרן שלמה זלמן בהשתדלות חותנו רב ההשפעה — לרב בעיר ויזנה. בעיר זו השלים את כתיבת ספרו „בית אהרן" ועטרוהו בהסכמות גאוני הארץ: ר' חיים אלעזר וואקס האב"ד דקאליש, הרעא"ל רקובסקי אב"ד דפלוצק, ור' יוסף חבר אב"ד דידוובנה, חותנו של אחיו ר' אברהם מאיר. הגאונים הנ"ל

משבחים ומפארים את המחבר הצעיר, וכך כותב עליו ר׳ חיים אלעזר וואקס: „רב גדול בתורה ויראה וראיתי גדולי ארץ יעידון ויגידון עליו כי הוא כמעין המתגבר בתורה ויראה״. והאב״ד דפלוצק עוד מוסיף: „זה כמה שנים אשר ידעתיו, משים לילות כימים על התורה והנהו פלג מלא מים כבריכת תעלה״.

אף כי הספר הזה היה מוכן ומסודר לדפוס עוד בויזנה, לא עלה בידי המחבר להוציאו לאור, כנראה, מחמת עניו ודחקו. כי משכורת עיר ויזנה לא הספיקה גם למחיתו. לכן קבל הצעת עיר גובורובה, עיר יותר גדולה ועשירה מויזנה, ועבר לשמש בה כאב״ד באמצע שנות השלשים של מאה זו.

בתחלת כהונתו בגובורובה הגשים את משאת חייו ויסד ישיבה לתלמידים מוכשרים. במחשבתו היתה להקים ישיבה גדולה במתכונת ארצית, אשר תגשר בין יהדות ליטה ושיטותיה בלימוד התורה, לבין יהדות פולין החסידית. אף כי היה „מתנגד״ מושבע ולא נתן בשום פנים להכניס את נוסח ספרד בתפילה למרות שבגובורובה התרכזו חסידים רבים מבית גור, וורקה ואלכסנדר — בכל זאת ידע להעריך את המאור שבחסידות ורצה להשלימו בעומק העיון של שיטת הלימוד הליטאית. אולם מחשבתו נפלאה זו לא יצאה לפועל מסיבת מחלה קשה שהפילהו לערש דוי לשנים רבות. ואכן, את הרעיון הזה אימץ לו הרב הגדול ר׳ אליעזר שולביץ שיסד את הישיבה הגדולה בלומזה.

פרטים על מחלת הרב מוציאים בהסכמת אחיו הגאון ר׳ שמואל זיינוויל לספרו: „אף על פי שזה יותר מעשר שנים שחולה, בכל זאת לא פג טעמו ורוחו לא נמס ואזר כגבר חלציו בגבורתה של תורה לחדש את חידושיו ולהעלותם עלי ספר״. הסכמה זו נכתבה בשנת תרמ״ה, והוצמדה לחיבור הנ״ל עם צאתו בדפוס בשנת תרמ״ו.

הרב ר׳ אהרן שלמה זלמן נפטר בשנת תרמ״ה והוא עדיין לא הגיע לשנות שיבה. הוא לא זכה בחייו לראות את ספרו יוצא ממכבש הדפוס, ורק לאחר פטירתו הוציאוהו לאור בנו ר׳ משה וחתנו ר׳ יעקב.

בנו ר׳ יעקיל, בר אורין וירא שמים מרבים, התגורר כל ימיו בגובורובה. ונספה בעת חורבן העירה בשנות השואה.

משה צינוביץ
ישראל

הרב ר׳ יעקב יהודה כהנא-בוצ׳יאן זצ״ל

היה נצר למשפחת רבנים גאונים, מיחוסי כהונה, דור אחר דור עד שמעון הצדיק. אביו, הרב ר׳ צבי אריה הכהן, היה רב בנמירוב וחיבר את הספרים „תהליכות היבשה״; „חידושי הלכות להולכי יבשה הן בחול והן בשבת לאלה הנוסעים בעגלה שהולכים בסוסים, וכן על ה„פאראווע מאשין״, הנמצאים ומפוזרים בש״ס ופוסקים ושלחן ערוך ראשונים ואחרונים...״, וכן את הספר „תהלוכות המים״, דינים ליורדי אניות. הוא היה בנו של הרב הקדוש ר׳ יצחק אייזיק, המכונה „כהן גדול״, חיבר ספר „שערי יצחק״ על חכמת הקבלה, והיה תלמידו של הרה״ק רבי מרדכי מלכביץ, ובן־בנו של ר׳ יעקב יהודה כהנא, אב״ד וואלפי, שהיה תלמיד מובהק לאדמורי״ם רבי שלמה מקרלין ור׳ יעקב יוסף מאוסטרה בעל ה„תולדות״, ואח״כ יצק מים על ידי החוזה מלובלין.

אף כי מוצא המשפחה היה מליטה הפולנית, דבקה כל המשפחה בתנועה החסידית ונשארו כל ימיהם נאמנים לה ולמנהיגיה, והודות לגדלותם בתורה הוסיפו לתנועה הוד והדר וזכו להוקרה גם מגדולי המתנגדים כמו ר׳ הירשל אורנשטיין אבד״ק בריסק, ר׳ אריה ליב בעל „יפי עינים״, ור׳ שאול אפשטיין אב״ד קוסובה, אבי־אמו של הגאון בעל ה„חזון איש״.

הרב ר׳ יעקב יהודה כהנא אב״ד גובורובה, חיבר בצעירותו את הספר „ושב הכהן״, בו הוא מישב כל קושיא של בעלי התוספות על הגמרא שנשאר ב־„תימא״. ברוב ענותנותו ביקש המחבר לא לסמוך עליו להלכה וחתם את שמו בראשי־תיבות. לספר, שתי הסכמות: מהגאון ר׳ אליהו שיק אב״ד לידה, ז׳אגר וקוברין, ומר שמואל זיינוויל קלפפיש מו״צ בורשה, שהיה קרוב משפחה.

רבנותו הראשונה היתה בעיר ינדזייב במחוז אוסטרוב מזוב. בשם עבר לכהן כרב בעיר סטרדין, אולם, בעולם הרבנות הוא ידוע כ־„בעל שב הכהן מגובורובה״, מקום בו פעל עשרות בשנים, ובו הוא התפרסם גם כצדיק וכאיש מופת. הוא נתמנה לרב בגובורובה אחרי פטירת הרב ר׳ אהרן שלמה זלמן קלפפיש.

הרב ר׳ יעקב יהודה מביא לנו ענין תקנה מיוחדת שתוקנה בגובורובה בענין השחיטה, ונתקבלה באיסור ובחרם במעמד כל בעלי הבתים החשובים: „אין השוחטים רשאים לשחוט גסות כל אחד בפני עצמו, רק מחויבים להיות בצוותא חדא בזמן השחיטה והבדיקה ולהראות סכיניהם זה לזה גם בדקות. ואם לא יהיה שו״ב אחד בביתו, מחויב לבוא השו״ב השני קודם שישחוט להראות סכינו לפני הרב אב״ד. לבד מה שמחייב להראות סכינו לרב דמתא כנהוג. כן על כל אחד ואחד מהם להביא הריאות לבדיקה לפני הרב״. הכתב נעשה בפני מהריל״ג (אולי זה הרב יהודה ליב גורדון, אב״ד לומזה)

ומובא בספר „באר משה" להרב משה נחום ירושלימסקי מתקופת היותו אב"ד באוסטרולנקה.

הרב ר' יעקב יהודה עמד בקשרי מכתבים ושאלות ותשובות בהלכה עם גדולי דורו, עם הגאון ר' מלכיאל טננבוים אב"ד לומזה בעל „דברי מלכיאל", עם ר' משה נחום ירושלימסקי בעל „ברכת משה", ועם ר' ניסן קופרשטוק אב"ד מקוב, מחבר הספר „עני בן פחמא".

בספר „סתירת זקנים" להרב הגאון ר' חיים מרדכי ברונרוט אב"ד צ'כנוב וראב"ד תל־אביב, מתואר הרב ר' יעקב יהודה כהנא, כגאון, צדיק תמים ואיש מופת ששמו הלך לפניו בחריפותו ועמקותו בתורה.


ספר
ושב הכהן
המה חדושים לישב בש"ס כל מקום שתמהו והקשו בעלי התוספות ז"ל על הגמרא והניחו בתימא וקושיא לעורר לתלמידיהם הבאים אחריהם. השותים בצמא דבריהם. שיעמיקו בשיטת הש"ס לתרץ הגמרא כל אחד כפי שיחננו ה' דעת ותבונה. ומצוין בזה ג"כ כל מקום שהתוספות בעצמן הניחו במסכתא זו בתימא. ובמקום אחר תרצו. כאשר מבואר בהקדמה:
אשר הכינו וגם חקרו בקט שכלי הצעיר עבד לתלמידי חכמים ולהוגים בתורת ה' ויראתו מגזע כהנים. מהרי"י בה"ג מהרצב"א זצוק"ל כהנא בעהמ"ח ספר תה"מ ועוד חיבורים שנדפסו מכבר:
וואַרשא
בדפוס ר' פסח לעבענזאהן נ"י
שנת תרל"ט לפ"ק
ВЕШОВЪ ГАКОГЕНЪ
ВАРШАВА
Въ Типог. П. ЛЕВЕНСОНА ул. Францишканская N. 1813.
1879.

שער הספר „ושב הכהן", לרב כהנא — בוצ'יאַן.

בנו בכורו של הרב היה ר' שמואל הכהן, המכונה — שמואלקה סטרדינר. הוא היה מופלג בתורה וחסידות, ובתו פיגא מאטל היתה אשת נעוריו של הרב מצ'כנוב. בנו השני ר' מנחם מנדל הכהן, שקד יומם ולילה על התורה ועל העבודה ותורתו היתה אומנותו. כיהן פרק זמן כשו"ב בגוברובה והתחבב על הציבור בהליכותיו האציליות ובדמותו הפטריארכלית הנאה. הוא הגיע לגבורות, ונפטר בעיר ביאליסטוק בשנת ת"ש, שם ברח מגוברובה מחמת המציק.

הרב נ. תלמוד,
ישראל

אביסל זכרונות וועגן אלטן רב

איך האב געהאט די זכיה צו פארברענגען קרוב צו א יאר אין דער מחיצה פון הרב ר׳ יעקב יהודה באטשאן, דעם אלטן גאוואראוואער רב. איך בין פארערכנט געווען צו די יונגעלייט, וואָס האָבן מיטגעלערנט מיטן רב זיין טעגלעכן שיעור. ער איז שוין דאן געווען א מאן אין טיפן עלטער. א גאנץ הויכער, א מאגערע שטראמע פיגור מיט אן הויכן שטערן און אַ שיטער גרוי בערדל. ער האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם, געגאַנגען טריט ביי טריט, און גערעדט שטיל און פאמעלעך, ווי ער וואלט געציילט יעדעס ווארט. איך האב אים קיינמאל נישט געזען זיך בייזערנדיק, ער האָט אפט געשמייכלט, און כאטש ער איז געווען ארייגעטאן אין לערנען, האט ער דאך ליב געהאט א גלייכווערטל און אן הלצה.

די מאטעריעלע לאגע פון שטעטל איז דאן נישט געווען קיין שלעכטע. דער האנדל מיט די גויישע פריצים האט ארייגעברענגט גרויסע הכנסות. אויך די באציאונגען מיט די גויים זענען געווען גוטע. דער אלטער פריץ מארכוויצקי, פון בריזשניע, האט געהאט א מנהג ארייגצושיקן יעדן ערב־פסח וועגעלעך מיט קארטאפל פאר יידן אן באצאלונג. דעם רב׳ס מאטעריעלע לאגע איז דעריבער אויך געווען גוט און באזירט.

דעם רב׳ס דירה איז געווען א קהלישע — 2 צימערן צוגעבויט צו דער וואנט פון בית־המדרש. אין איין צימער האט געוווינט מענדל, דעב רב׳ס זון, מיט זיין פאמיליע, און אין אנדערן צימער, וועלכער אין געווען איבערגעטיילט מיט אַ פאָרהאַנג, האָט איין העלפט געדינט פאר א בית־דין שטוב, און די אנדערע העלפט — פארן רב׳ס שלאף־צימער.

איבער דעם רב׳ס דירה, אויפן גארן, זענען געווען די גערער־און אלעקסאנדער חסידים־שטיבלעך. די חסידים פון דיביידע רבי׳שע דינאסטיעס האבן זיך נישט פארטראגן קעגנזייטיק, און עס האט געהערשט צווישן זיי שטענדיקע מחלוקת. די אלעקסאנדער חסידים זענען אבער געווען רייכער און שטארקער ווי די גערער, צווישן זיי — גוט פארמעגלעכע און אנגעזעענע בעלי בתים, און זיי האבן געשטיצט דעם רב מיט אלע מעגלעכקייטן, ווייל דער רב איז אויך געווען אן אלעקסאנדער חסיד און זער חשוב אין רבינ׳ס הויף. מען האט דערציילט, אז ביי יעדער שווערער שאלה אין אלעקסאנדער הויף, האט דער „ישמח ישראל" געהייסן פרעגן דעם גאוואראוואער רב. ער האט געהייסן דער „פוסק" פון אלעקסאנדער הויף.

דער רב האט געפירט זיין הויז גאנץ בצמצום, כאטש ער איז געווען גוט סיטואירט, און האט רייך חתונה געמאכט אלע זיינע קינדער און אייניקלעך. איינער פון זיינע

אייניקלעך איז געווען הרב בראנראט, דער טשעכאנאווער רב און שפעטערדיקער ראש בית־דין פון תל־אביב.

איך בין אמאל געזעסןביים רב בשעת א דין תורה. ווען די 2 בעלי־דינים האבן אוועקגעלייגט אויפן טיש יעדער צו 10 גראשן פסק־געלט — האט דער רב שנעל א נעם געגעבן דאס געלט און עס טיף פארשטעקט אין טאש. די זאך האט ביי מיר ארויסגערופן גרויס וווּנדער. האב איך אים געפרעגט, פארוואס ער פארשטעקט אזוי דאס פסק־געלט? האט ער מיר מיט א שמייכל געענטפערט: „איך האב אמאל געפסקנט א דין־תורה, האט דער פארשפילער בעל־דין א כאפ געגעבן זיין פסק־געלט און איז אנטלאפן... זייט דאן בין איך שוין פארזיכטיק".

אן אנדער מאל האב איך אים באגלייט אין א פרייטיק צו־נאכטס פון א „שלום זכר" ביי בערטשע קאלאדזשער פון דער „לאנגער" גאס. פארבייגייענדיק מיין הויז האט זיך דער רב אפגעשטעלט און מיר געהייסן א היים גיין. איך האב זיך געווייקערט: „איך וויל דעם רב באגלייטן ביז אין שטוב, ווייל א תלמיד־חכם דארף נישט אליין גיין ביינאכט צוליבן חשש פון מזיקים".

האט דער רב זיך צעלאכט:

„די גאוואראווער מזיקים האלטן מיך נישט פאר קיין תלמיד־חכם..."

אין אלגעמיין האט די שטאט געהאלטן דעם רב בכבוד, ווייל ער איז פון טבע געווען א גוטער און א בורח מן הכבוד, פיינט געהאט מחלוקת, און נישט ארויסגערעדט קיין הויך ווארט. די שטאט האט אויך אנערקענט זיין גרויס לומדות און ערלעכקייט, וואס איז א מוסטער געווען פאר אלע שטעט ארום.

א. אבינעם
ישראל


דער לעצטער רב

אפילו אין פאריקן דור, דער דור פון פארן חורבן, איז אויך זעלטן געווען צו געפונען א מענטש מיט אזויפיל שלימות, וואס זאל פארקערפערן מיט זיך אזא פערזענלעכן צויבער און נאבעלע אייגנשאפטן, ווי עס איז געווען דער לעצטער גאוואראווער רב, רבי אלטר משה מרדכי בורשטין הי״ד. א ווונדערבאר פאטריארכאליש געשטאלט, א מענטש מיט טאקט און געפיל, שארפזין און גרויסמוט. פול מיט אימפולס און שעפערישן כח. זיין לומדות און פקחות איז געווען א שם־דבר אין פוילן. האט מען אים, טאקע, פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון לאנד גערופן צו אויסגלייכן פארוויקלטע און שווערע דין־תורות, און מענטשן פון נאענט און ווייט זענען געקומען צו אים האלטן א עצה אין יידישקייט, כלל און געשעפטס־ענינים, און ביי אים געפונען א לעזונג און א טרייסט.

קרוב 30 יאר האט דער גאווארעווער רב געפירט זיין עדה דורך שטילע וואסערן, אין רוהיקע און שטורמישע תקופות. זיכער און פעסט האט ער געהאלטן דעם רודער אין האנט, און געלעגט זיין חותם אויף דעם גאנצן געזעלשאפטלעכן און אפילו פערזענליכן לעבן פון שטעטל.

ער איז נישט בלויז געווען דער מנהיג פון שטעטל; ער האט אויך ליב געהאט די שטאט מיט אירע בעלי בתים. נישט איין פראפאזיציע פון איבערנעמען א גרויס־שטאטישע רבנות האט ער אפגעשטויסן מיט ביטול. ווען מען האט אים פארגעלעגט, אין אנפאנג פון די דרייסיקער יארן, די רבנות שטעלע אין אסטראוו־מאזאוויעצק, נאך רבי מאיר דן פלאצקי, כאטש א גרויסע שטאט און א מיוחס׳דיק רבנות — האט ער פאר זיינע מקורבים אויסגעדריקט דעם ווונטש: הלואי ווערט דער פארשלאג נישט אויסגעפירט, ווייל עס איז אים שווער געווען צו שיידן זיך פון שטילן אידילישן לעבן אין שיינעם בכבוד׳יקן שטעטל.

דער רב האט געפירט זיין „מלכות״ ביד־רמה. ער איז אנגענומען געווען, און אליין זיך געפילט, אלס גייסטיקער מנהיג נישט נאר פון די פרומע יידן, נאר פון אלע גאווארעווער איינוווינער. ווען ער האט זיך דערוווסט, אז אין בונדישן לאקאל האט מען אנגעצונדן די עלעקטרע אין שבת, האט ער געשיקט רופן דעם בונדישן פירער לייבל קערש, און אים איבערגעצייגט, אז אין גאווארעווע קאן מען נישט עפנטלעך מחלל שבת זיין. אז א פוטבאל מאנשאפט האט געוואלט איינארדענען א מעטש אין שבת, און עס איז אים נישט געלונגען איבערצוצייגן מיט גוטן, האט דער רב ארגאניזירט א גרופע יידן, אוועק אויפן ספארט־פלאץ, און מיט כח צעטריבן דעם מעטש. כאטש א רודף שלום, איז ער פאר א גערעכטער זאך גרייט געווען צו גיין אין פייער, נישט רעכענענדיק זיך מיט סענטימענטן און באציהונגען.



הרב אלטר משה מרדכי בורשטין, הי״ד, דער לעצטער גאָוואָראָווער רב.

גרויס איז געווען דער כח פון לעצטן גאוואראווער רב אין דרוש. אפילו א פשוט׳ע שיחת־חולין מיט אים, איז געווען א תענוג. זיינע גלייכווערטלעך און אפאריזמען האט מען ארומגעטראגן פון מויל צו מויל. אבער אים פערזענלעך, האט קיין זאך נישט פארשאפט אזויפיל פארגעניגן, ווי זיצן און לערנען. מען קאן אויף אים זאגן: „לא פסק פומיה מגירסא״. געלערנט אין יעדער פרייע צייט, געשריבן חידושי תורה, און איז נישט צופרידן געווען, ווען מען האט אים געשטערט אין זיינע טעגליכע שיעורים. א באזונדער תענוג איז פאר אים געווען צו לערנען מיט יוגנט. אין די ווינטער־אוונטן פלעגט ער לערנען מיט לומדישע בחורים און יונגעלייט, פון חצות ביזן גרויען פרימארגן.

אויך גויים האבן זיך באַצויגן צום רב מיט גרויס רעספעקט. זעלטן, אז זיינס אן אינטערווענץ ביי דער לאקאלער, אדער קרייז־מאכט, זאל נישט ווערן באריקזיכטיקט.

דעם רב׳ס הויז איז געווען א בית־ועד פאר שטאטישע יידן און פרעמדע אורחים. אין בית־דין שטוב זענען שטענדיק געזעסן מענטשן, ווער — א עצה פרעגן, ווער — אין א קהלישער זאך, אדער סתם זיך אראפרעדן פון הארצן. דעם רב׳ס הויז איז געפירט געווארן ברייטהארציק און גאסטפריינטלעך, און האט געדינט אלס מוסטער פאר די גאווראווער איינוווינער.

הרב אלטר משה מרדכי איז געבוירן געווארן אין שטעטל רוזשאן ביים נארעוו, אין יאר תרל״ט, ביי זיין פאטער רבי יששכר דוב בורשטין (אסטראזשינסקי), א תלמיד חכם און ירא שמים, און זיין מוטער רבקה. נאך ייִנגלווייז האט ער זיך ארויסגעוויזן פאר א עילוי מיט א קלארן קאפ און שארפן שכל. זיינע חידושי תורה האבן איבעראשט לומדים. דער ווארשעווער רב ר׳ פתחיה הארענבלאס האט אמאל געהערט נאכזאגן זיינס א פשט׳ל, האט ער אים געשיקט רופן צו זיך קיין ווארשע, פארברענגט א לענגערע צייט און נישט געקאנט זיך אפשיידן פון אים. דער „רוזשאנער עלוי״ האט נישט געוואלט פארן לערנען אין א ישיבה, נישט געקאנט זיך שיידן פון זיינע געליבטע עלטערן. גאנצע טעג און נעכט איז ער געזעסן אין רוזשאנער שטאטישן בית־המדרש און געלערנט מיט התמדה.

צו 17 יאר האט ער חתונה געהאט מיט זיין פרוי געבענדל, די טאכטער פון גרויסן גאון רבי אביעזר שיקארא, פון די גרעסטע לומדים אין געגנט, דער שווער פון וואלער רב הגאון ר׳ אברהם אהרן הענדל, דער רבי און מחנך פון גערער הויף און פון ראדזינער רבין הי״ד.

א פאר יאר האט ער געגעסן קעסט ביי זיין שווער, וואס איז געווען אויך א גרויסער נגיד. דערנאך האט אים דער אמשינאווער רבי, ר׳ מנחמ׳ל, גענומען צו זיך אין אמשינאוו ער זאל זיך חברן און לערנען זיינע קינדער. חסידים האבן שטענדיק דערציילט די גרויסע חיבה וואס רבי מנחמ׳ל האט ארויסגעוויזן צום „רוזשאנער עילוי״. ער האט אים געהאלטן ווי א קינד און געהיטן ווי א אוצר. נאך רבי מנחמ׳לס פטירה, האט ער זיך ווייטער געהאלטן אלס תלמיד־חבר פון ר׳ יאסעלע אמשינאווער ז״ל און הויז־פריינט פון דער גאנצער ווורקער גזע. ער איז געווען דער, וואס האט פארהערט אין לערנען אלע איידעמס־קאנדידאטן פון ווורקער הויף, שפעטער — אויך פאר אנדערע חסידישע הויפן.

אין יאר תרס״ט האט ר׳ אלטערל אנגענומען דאס ערשטע רבנות אין שטעטל טשערווין, נאך דעם טשעכאנאווער רב הרב בראנראט. דארט איז ער פארבליבן 3 יאר, און זיך איינגעקויפט אזויפיל ליבע און פריינטשאפט, אז ביז דעם צווייטן וועלט קריג האבן זיך די טשערווינער יידן געקלאמערט צו אים ווי צו א טאטן.

די צווייטע רבנות שטעלע איז געווען גאווארצע. דארט האט ער דורכגעמאכט דעם ערשטן וועלט־קריג. די שטאט איז פארברענט געווארן. ער האט בייגעשטייערט זיין חלק אין צוריק־אויפבוי פון שטאט און אפגעהיטן זי פון די בייזע מלאכי־חבלה, ביי די צייטן פון: רוסן, דייטשן, באלשעוויקעס און האלערטשיקעס.

זיין ערשטע טאכטער בלומע האט ער חתונה געמאכט מיטן ווורקער־נאראזשינער רבי׳נס זון הרב ר׳ אהרעלע טענענבוים, אן אייניקל פון „ישרש יעקב״. אין צווייטן זיווג איז זי געווארן די פרוי פון ר׳ ברוך טשיזשעווערס אייניקל, בוטשע איידלשטיין, פון די גרעסטע עשירים פון מלאווע. די אנדערע טעכטער האט ער חתונה געמאכט מיט חסידיש־לומדישע יונגעלייט און ווילשטאנדיקע סוחרים.

ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, איז ער פארבליבן אין שטעטל ביז דער לעצטער בעל־הבית איז אוועק פון פלאץ. א פאר מאנאטן האט ער פארבראכט אין ביאליסטאק, דערנאך איז ער אוועק קיין ווילנע. דארט האט ער אנטוויקלט א ברייטע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. ביי אים אין שטוב איז געווען דער זאמלפונקט פון אלע רבנים־פליטים, און איז געווען פארבונדן אין גרויס פריינטשאפט מיטן גאון ר׳ חיים

עוזר גראדזענסקי, רבי אלחנן וואסערמאן, און אויך מיטן אפיציעלן שטאט־רב, סענאטר יצחק רובינשטיין. צו אים אין הויז פלעגן אפט קומען, דער לאדשער קהלה־פרעזעס, לייבל מינצבערג, און סענאטאר טראקענהיים פון ווארשע. ווען די דייטשן האבן פארנומען ווילנע, האט דער גאוואראווער רב דורכגעמאַכט די גאַנצע תקופת־הרצח, און איז עטלעכע וואכן געווען אין דארטיקן געטא. ער האט זיך ארויסגעראטעוועט על־פי נס און אנטלאפן מיט א דייטשישן אויטא קיין גראדנע. דארט איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב פון געטא. פון גראדנע איז ער צוריק געלאפן קיין ביאליסטאק, און איז פארבליבן אין געטא ביז צו דער ליקווידאציע.

17 טאג אין חודש אב, דער חודש פון טרויער און חורבן, האבן די טמא׳דיקע הענט פון די נאצישע רוצחים דערגרייכט דעם גאוואראווער רב, בעת ער איז געזעסן און געלערנט, און האָבן אים אַפגעפירט אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע. ה׳ ינקום דמו.



די רבי׳צין רחל, ז״ל.



דעם רב׳ס טאָכטער ייטע, מיט איר מאַן משה גאָלדפעדער, הי״ד



רחל (לינקס) און זעלדע דעם רב׳ס יינגערע טעכטער, הי״ד



בלומע דעם רב׳ס, הי״ד.

הרב שמואל אהרן הלוי פרדס
עורך קובץ רבני חדשי — שיקאגו

קוים לדמות אצילה

הרב הגאון מהו״ר אלטר משה מרדכי בורשטין, האב״ד דקהלת גובורובה במדינת פולין, היה אחד מגדולי רבנים, גאון וחכם מפואר, חסיד ועניו ובקי נפלא בכל מקצועות התורה.

מתוך שאלות ותשובות שהריצו לפניו מכל פינות פולין, היה אצלו בכתב חיבור גדול, אשר לא זכה להופיע לאור, ונשרף בשריפת עיר גובורובה בשנת ת״ש.

בעיר גובורובה שימש קרוב לשלושים שנה. הרבה קהלות, ביניהן גדולות ומפוארות, פנו אליו בבקשה שיקבל שם משרת אב בית־דין, אבל סירב להפרד מעירו בה ישב בשלוה ובכבוד, והקדיש כל עתותיו ללימוד תורה״ק.

הרב הי״ד היה מאד נכבד בין כל השדרות והשכבות של בני עירתו והסביבה. יפי תוארו וקומתו השאירו רושם גדול על כל רואיו. הרבי זצ״ל מאמשינוב, ר׳ יוסל׳ה אמר אודותיו, שכמו הצדיקים הקודמים, אף הוא לא פגם כלום באתו צלם אלקים שחנן אותו השי״ת.

כשהגרמנים הארורים כבשו את גובורובה, חיפשו את הרב הי״ד ובקשו להרגו. הוא הצליח להסתתר, ומתוך ההחבא הנהיג הלאה את קהלתו. אבל לא רצה לעזבה, עד שגרשו את כל העיר ואז ברח לביאליסטוק, ומביאליסטוק לוילנה.

בוילנה היה אחד ממנהיגי ועד אגודת הרבנים פליטים שברחו מארצות האויב, והצטיין במידותיו הטובות, בהצלה ובהנהגת הועד הנזכר. הגאון ר׳ חיים עוזר גרודזינסקי ז״ל, חיבב אותו הרבה. לעתים תכופות קרא אותו אליו להשתעשע בתורתו ולהתיעץ עמו בכל השאלות אשר עלו לפניו.

מפאת סיבה משפחתית לא עבר הרב הי״ד ליאפן, ונשאר בגיטו וילנה בעת המצוקות הנוראות. הוא היה הראשון שהצליח לברוח מגיטו וילנה לגרודנה. בגרודנה נתמנה לאב״ד וכיהן שם למעלה משנה. כשעשו הצוררים את הגיטו בגרודנה, חזר לעיר ביאליסטוק. בביאליסטוק היה ביתו בית ועד לחכמים. בביתו התאספו תמיד כל הרבנים ובני הישיבות, אשר בקשו מקלט בביאליסטוק. גם העסקנים המפורסמים, ר׳ לייבל מינצברג, מי שהיה ציר הסיים וראש קהלת לודז׳, וכן הסינאטור ר׳ יעקב טרוקנהיים, התיעצו תמיד אתו והיו מיושבי ביתו.

הרב מגובורובה תמך מאד בידי ה„אויפשטענדלער״ בביאליסטוק. ביחד עם הרב יצחק לעווין, חתנו של הרב מישקובסקי מקריניק, התעסקו ליסד חברה מזויינת מאת בחורים לומדי תורה. המורה מ„בית יעקב״, מרת קפוסטה, קנתה אקדחים מעבר לגיטו והניחם בבית הרב לחלקם בין הלומדי תורה. בדרשות נלהבות חיזק לבות בני תורה לעמוד נגד הרשעים בחרב ובקשת.

בחודש אב תש״ג נלקח הרב הקדוש לטרבלינקה. השם ינקום דמו.

(מתוך „הפרדס״, חוברת י״ב, שנה כ״א, אלול תש״ז — ספטמבר 1947.)

יוסף גורקא
ישראל

יידישקייט אין שטעטל

ווי אין רוב שטעט און שטעטלעך אין פוילן, איז אויך אין גאוואראווע דאס פרומע יידישקייט געשטאנען אין צענטער פון יידישן לעבן. אלץ אין שטעטל, אן יוצא מן הכלל, האָט זיך געדרייט ארום דער דאָזיקער אַקס. די שול איז געווען דער צענטראלער צוזאמענטרעף־פונקט פאר דער גאנצער באפעלקערונג. דארט, און אין די אלע חסידים־„שטיבלעך" האט מען תמיד געקאנט הערן דעם קול־תורה — יומם ולילה איז מען געזעסן און געלערנט. די ראשי־הקהל, מיט די רבנים בראש, האבן געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זייער טעטיקייט די רעליגיעזע אינטערעסן. מען קאן זאגן, אז אויך דאס פריוואטע לעבן פון יעדן איינעם איז קאנטראלירט געווארן, דירעקט אדער אומדירעקט, דורך די קהלה־עסקנים און דעם רב, צי ער איז נישט פוגע אין די יסודות פון שולחן־ערוך און אנדערע רעליגיעזע פארשריפטן.

די גרעסטע אויפמערקזאמקייט איז געשענקט געווארן אין שטעטל פאר דער רעליגיעזער דערציאונג פון יונגן דור. די דאגה פון חינוך האט פארנומען דעם הויפט־פלאץ פון אלע ראנד־פראבלעמען, ווייל חינוך איז דאך, טאקע, דער יסוד פון יידישן קיום, ווי די חכמים זאגן: „אם אין גדיים אין תיישים". גאוואראווע האט געהאט צו פארשרייבן גרויסע הצלחות אויפן דערציאונגס־געביט. עס האט עקזיסטירט אין שטעטל א נעץ פון חדרים פאר יינגלעך און א „בית יעקב"־שולע פאר מיידלעך. דער לערן־ניווא איז געווען א הויכער. אויסער דעם, האט גאוואראווע פארמאגט א גרויסע צאל ישיבה־בחורים אין בני־תורה, וואס האבן געלערנט אין די גרעסטע ישיבות אין לאנד.

גאוואראווער איינוווינער האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אהבת תורה, און האבן געשטיצט מיט א ברייטער האנט די לומדי תורה פון שטעטל און פון דער פרעמד. דער גרעסטער טייל בעלי־בתים האבן זיך באמיט, אז זייערע קינדער זאלן ווערן תלמידי־חכמים און האבן זיך געפלייסט איינצוקויפן פאר זייערע טעכטער, איידעמס לומדים. אויף דעם צוועק האבן זיי נישט געשפארט קיין מי און קיין געלט. מיט די גרעסטע אנשטרענגונגען האבן זיי אויסגעהאלטן איידעמס מיט לאנגע יארן „קעסט", כדי זיי זאלן קאנען זיצן און לערנען תורה אן דאגות.

אין לעצטן יאר פארן מלחמה־אויסברוך, האט הרב ר' אהרן וולאדאמירסקי פון ווישקאווע, באקאנט אין די ישיבה־קרייזן אלס ר' אהרן סטאלנער, געגרינדעט אין גאוואראווע א נאווארעדאקער ישיבה. צייטווייליק האט זי זיך געפונען אין בית־המדרש און עס האבן אויך געלערנט קינדער פון דער ארומיקער געגנט, ווי: רוזשאן, אסטראווע,

אסטראלענקע, מאקאווע א. א. די דאזיקע תלמידים האבן געגעסן „טעג" ביי די פארמעגלעכערע בעלי־בתים.

צו דער רעליגיעזער געשטאלטונג פון שטעטל האבן א סך בייגעשטייערט די רבנים, אלע גדולי התורה והוראה, וואס האבן איינגעפלאנצט אהבת תורה און אהבת ישראל צווישן די בעלי־בתים און זיי גערופן צו טאן מצוות און מעשים טובים; בפרט דער לעצטער רב, וואָס איז באַרימט געווען מיט זיין פקחות און שאַרפזין, משכמו ולמעלה גבוה מכל העם. אלע רבנים, ווי אויך די רעליגיעזע עסקנים און מחנכים, האבן אוועקגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זייער צייט און ענערגיע, צו פארשפרייטן יידישקייט, איינפלאנצן ליבע צו תורה, און זיך באמיט צו העלפן דעם יונגן דור לערנען אין גרויסע ישיבות.

אפילו אין די יארן פון נאכן ערשטן וועלט־קריג, ווען עס האבן גענומען, אין דער יידישער גאס, בלאזן ווינטן פון השכלה און פריידענקעריי, און עס האט, פארשטענדלעך, אויך נישט אויסגעמיטן גאווארא — האט דאך אונזער שטעטל נישט פארלוירן איר ספעציפישן, יידיש־רעליגיעזן, אויסזען. עס זענען, טאקע, געווען א סך יונגטלעכע, וואס האבן אוועקגעלייגט די גמרא, אבער פון דער אנדערער זייט האט זיך באלד געשאפן א קעגן־רעאקציע. די רעלעגיעזע יוגנט האט זיך ארגאניזירט, געדינגען א לאקאל, און געפירט א גרויסע אויפקלערונגס־אקציע. דארט האט זיך גרופירט דער גרעסטער טייל חדר־יינגלעך, וועלכע זענען שפעטער געפארן אין ישיבות און געבליבן ביים לערנען.

איינע פון די גרויסע מעלות, מיט וועלכע עס האט זיך אויסגעצייכנט גאווארא איז געווען די, וואס די איינוווינער, חוץ איינצעלנע אויסנאמען, זענען נישט געווען עקסטרעם געשטימט. עס האט נישט עקזיסטירט קיין קיצוניות. דעריבער זענען די פרומע יידן נישט „געקראכן" אויף די דעכער, און די פרייע האבן נישט „קוצי" געווען בנטיעות. אזוי ארום האט דאס גאנצע שטעטל באקומען א האמאגעניש געשטאלט און דוקא לטובת רעליגיע און טראדיציע, אדער ווי מען זאגט: תורה און מסורה.

אברהם לעווין
ישראל

צווישן חסידים

יעדעס מאל, ווען איך באגעגן זיך, אויף די יערלעכע טרויער־אזכרות, אדער אויף שמחות, מיט די איבערגעבליבענע גאוואראווער יידן, נאכן גרויסן חורבן, גייט פארביי מיינע אויגן דער שטאטישער בית־המדרש מיט די חסידים־שטיבלעך — דאס גאנצע אמאליקע שטעטל, מיט אירע הייזלעך און געסלעך, צוזאמען מיט די געשטאלטן, וואס האבן באשיינט דאס שטעטל און זענען אזוי טראגיש פארשניטן געווארן.

כאטש אין גאוואראווע האב איך געלעבט נישט מער ווי 20 יאר (פון 1907 ביז 1927), דאך איז אלץ געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון און זיי זענען ביי מיר פארעכנט פאר די בעסטע יארן פון געזעלשאפטלעכן, גייסטיקן און חברישן לעבן. נישט די 25 יאר לעבן, וואס איך האב פארבראכט אין ווייטן, רייכן קובא, אין נישט די יארן פון מיין זיין דא, אין אונזער לאַנד ישראל, קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט דעם יידישן שיינעם לעבן פון דעם קליינעם ארעמען שטעטל גאוואראווע.

תמיד פעלט מיר די ברידערלעכקייט און היימישקייט פון אמאל, פון יענע טייערע יידן, ווי ר׳ פישל שאַפּירא, דער שפּעטערדיקער טשערווינער רב, זצ״ל, און אנד. זיצן מיט ר׳ פישלען און רעדן אין לערנען, איז געווען אן אמת׳ער נחת רוח. א גרויס פארגעניגן זענען אויך געווען די וועכנטלעכע צוזאַמענטרעפן פון יעדן שבת אין דער פרי ביי ר׳ יואלקע דעם בעקער, ווו מיר פלעגן טרינקען טיי און רעדן דברי תורה. הגם דער טיי האט געהאט א ריח פון טשאלנט, דאך איז ער געווען געשמאקער פון דער קאווע, וואס איך פלעג טרינקען אין קובא, אדער אין אמעריקע.

טייערע, ליבע יידן זענען געווען אין דעם שטעטל, וואס איך האב אין קיין שום אנדער ארט נישט געטראפן. כאטש ר׳ פישל האט שטענדיק זיך געמאטערט מיט די וועקסלען און איז תמיד ארומגעלאפן זוכן א גמילת־חסד, דאך איז ער געווען פרייליך, און ווען מען פלעגט נאר אריינקומען צו אים אין שטוב, האט מען אים געטראפן אריינגעטאן אין לערנען און אויפן טיש פיל מיט ספרים, ווי: גמרות, יורה דעה, רמב״ם א. א. שטענדיק האט ער אויפגענומען מענטשן מיט ליבע און פריינדלעכקייט און ווען עס איז צו אים אריינגעקומען אזעלכער, וואס ער האט געקאנט מיט אים רעדן אין לערנען, דאן האט ער אים שוין נישט אפגעלאזט.

איך דערמאן זיך אן אינטערעסאנטן פאל: ר׳ פישל איז אמאל געקומען צופארן פון טאמאשאוו, ווו ער איז געווען וועגן מסחר־ענינים (ער האט געהאנדלט מיט מאנופאקטור). ווי געוועגלעך, האב איך אים געפרעגט, וואס ער מאכט, האט ער מיר געענטפערט: רוף אריין יונתן (זילבערצאן), איך האב אייך צו ווייזן א שטיקל סחורה. איך האב נישט פארשטאנען, וואס ער מיינט, ווייל די סחורה, וואס ער האט איצט איינגעקויפט, האט ער דאך נאכנישט געהאט באקומען. פונדעסטוועגן בין איך אריין צו יונתן׳ען און געזאגט, אז פישל האט מיר געהייסן אים רופן און האט אונז ביידן

צו ווייזן א גוט שטיקל סחורה. יונתן האט זיך באלד אריענטירט און געזאגט: געוויס האט ער שוין צו ווייזן עפעס אין לערנען, וואס מען האט אים געפרעגט אין טאמאשאוו. און אזוי איז טאקע געווען; מיט התלהבות האט ער אונז געוויזן א קשיא אויף תוספות, וואס מען האט אים געפרעגט אין טאמאשאוו און מיט פרייד אונז דערציילט, ווי אזוי ער האט עס פארענטפערט. אזוי איז ר׳ פישל ז״ל געווען אריינגעטאן אין לערנען. בכל נימי נשמתו היה מחובר עם למוד התורה; שואל ומשיב, מותיב ומפרק.

אין שטוב, ווען דער קונה איז שוין אריינגעקומען, וואס ער האט אים דאך אויסגעקוקט, האָט ער די גמרא נישט צוגעמאַכט, נאָר ארויפגעלייגט אויף איר זיין רויט טאשן־טיכל און גערעדט מיטן קונה ווייטער מיטן גמרא־ניגון. פויערים, וואס פלעגן קומען צו אים קויפן, האבן זיך באצויגן צו אים מיט דרך ארץ. איך בין איינמאל געווען ביי אים אין שטוב, ווען איינער א פויער, א געוויסער סאביעסקי, איז אריינגעקומען עפעס קויפן, דאן, ווען מיר האבן געהאלטן אינמיטן לערנען. פישל האט אים געפרעגט, וואס ער פארלאנגט, האט ער אים געזאגט: איר „מאָדליעט״ זיך, איך וועל צוווארטן. ער איז טאקע געזעסן א שטיקל צייט, ביז מיר האבן צוגעמאכט די גמרא.

דער בעסטער פאַרגעניגן איז געווען שבת און יום־טוב, ווען מעט האָט צוזאַמען קידוש געמאכט יעדער האט לויט זיין מעגלעכקייט געגעבן א חלק אין דער סעודה. מען האט געבראכט פון שטוב פארבייסעכץ און א סך מאל אויך טשאלנט צו ר׳ פישלען און אויסגעמישט אלע „קוגלען״ צוזאמען. ווי אנגענעם עס איז געווען דאס זיצן צוזאמען און פארברענגען מיט שמחה און זמירות. כאטש א גאנצע וואך האט מען זיך געמאטערט מיט זוכן פרנסה, אבער שבת און יום־טוב איז מען געווען זארגלאז, אלע דאגות זענען פאַרגעסן געווארן. שבת צו שלוש־סעודות האבן מיר פאַרצויגן און נישט געוואלט איבערגיין צו וואכנדיק, האט מען נאך מלוה־מלכה אויך צוזאמען געגעסן. קיין ראש־חודש פלעגן מיר אויך נישט דורכלאזן, נאר זיך צוזאמענקומען, אמאל צו ר׳ פישלען און אמאל צו ר׳ יונתן טרינקען א „לחיים״ און זיך משמח זיין.

ווען עס איז געקומען חנוכה, איז געווען גאר פריילעך. יעדן אוונט פלעגן מיר זיך טרעפן אין אן אנדער אַרט: אמאל ביי מיר, אדער יונתן און אמאל ביי מתת׳ן (ראזען), אדער פישלען און חבריש פארברענגט. צווערשט האט מען געמאכט אן „אקע״ און פון יעדן „קאן״ אראפגענומען א פּאָר גראשן, און ווען עס האט זיך שוין געהאט אנגעזאמלט געַנוג אויף צו קויפן א פלעשעלע „ביינציקער״ מיט א פאר הערינג, האט מען אוועקגעלייגט די קאָרטן, געמאכט א „לחיים״ און געפראוועט די סעודה. די בעלת־הבית׳טע האט אונז מכבד געווען מיט לאטקעס און מען האט געזונגען „מעוז צור ישועתי לך נאה לשבח״.

איינמאל איז זיך פארלאפן פאלגנדע געשיכטע: געווען איז דאס אין א מוצאי שבת חנוכה, ווען מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען צו ר׳ פישלען אויף א מלוה מלכה. אזוי ווי דאס איז געווען אום ווינטער, האט ר׳ פישל געבעטן זיין פרוי אפצוקאכן א גריץ, בכדי מיר זאלן זיך דערווארעמען. דערווייל האבן מיר געמאכט אן „אקע״ און ווי דער שטייגער אראפגענומען פון יעדן „קאן״ א מטבע אויף צו קויפן משקה און הערינג. ווען די גריץ איז שוין פארטיק געווען, איז מען געגאנגען צו פאטאַשן און איינגעקויפט די משקה מיט די הערינג. מען האט זיך געוואשן, געטרינקען „לחיים״ און זיך מחיה געווען מיט דער גריץ. דאן האט מען געזונגען „במוצאי יום מנוחה״, גערעדט אין לערנען, געבענטשט צוזאמען און אזוי איז אדורך ביז שפעט נאך חצות. ווען מען איז אראפ

אין דרויסן, בכדי צו גיין א היים, האט אונז א שטארקע קעלט ארומגענומען, א געדיכטער שניי מיט א ווינט האט אונז פארשאטן די אויגן און עס איז געווען שווער א טריט צו שטעלן. נאָך אַ קורצן יישוב הדעת, האָט מען באַשלאָסן נישט צו גיין צו זיך אין די שטיבער, בכדי נישט מטריח צו זיין אונזערע ווייבער אין אזא פראסט אראפצוגיין פון די בעטן און אונז אויפמאכן די טירן, נאר מיר זאלן ארויפגיין אין אלעקסאנדער שטיבל און דארט איבערבלייבן די נאכט. אומר ועושה; מיר זענען אוועק צום אלעקסנדער שטיבל, אבער, ווען מיר האבן געוואלט אויפמאכן די טיר, האבן מיר נישט געקאנט; זי איז געווען פארמאכט פון אינווייניק מיט א האלץ־ריגל. מיר האבן פארשטאנען, אז עמיצער שלאפט דארט, און האט נישט קיין חשק אונז אויפצומאכן. עס איז געווען נאך א טיר פון דער אנדערער זייט שטיבל, אבער אום ווינטער, איז זי געווען פארלייגט מיט האלץ. אזוי ווי איבער דער דאזיקער טיר איז געווען א קליין פענסטערל, האבן מיר באשלאסן איינעם פון אונז אויפהייבן, בכדי ער זאל קענען אפבייגן די האקעס, אריינקריכן אינווייניק און דאן עפענען די טיר. אזוי ווי איך בין געווען דער קלענסטער אין געוווקס, איז דער גורל געפאלן אויף מיר און בלית ברירה האב איך געמוזט דורכפירן דאס שטיקל ארבעט. ווען איך בין אריין אינווייניק, האב איך דארט געטראפן גאנץ געשמאק שלאפן אן ארימאן אונטערן אויוון, און ער האט דאס אזוי צוגעמאכט די טיר מיטן האלץ־ריגל, כדי מען זאל אים, חס־ושלום, דעם דלות נישט באגנב׳ענען...

נאכן באזייטיקן דעם פלאקן, זענען דורך דער טיר אריין: ישראל מאיר (משניות), נתן מאיר (רחל שמואלקעס) און יונתן. מיר האבן קיין חשק נישט געהאט נאך דער סעודה זיך זעצן לערנען, האבן מיר גענומען נאכאמאל שפילן אין „אקע". פארטאג האבן מיר געהערט, ווי איינער גייט אויף די טרעפ; דאס איז געווען ישראל יצחק צודיקער, וואס האט זיך שוין געהאט אויסגעשלאפן און איז געקומען אין שטיבל לערנען. מיר האבן נישט געוואַרט ער זאל אונז פרעגן, פארוואס מיר זענען געקומען אזוי פרי אין שטיבל, נאר האבן זיך גלייך ארויסגעשארט פון דארט און שנעל געגאנגען אין די שטיבער, כדי מען זאל אונז נישט זען אויף דער גאס, ווייל מיר זענען דאך אלע נאך געגאנגען אין די שבת׳דיקע מלבושים — אטלאסענע קאפאטעס א.א.וו. זונטיק פרי איז געקומען שפרינצע, רחל שמואל׳קעס טאכטער, נתן מאיר׳ס ווייב, צו מיין פרוי חנה לאה׳ן און איר געפרעגט: „דיין צדיק איז געווען די נאכט אין שטוב? מיין מאן האט דאך נישט גענעכטיקט אין דער היים, ערשט נישט לאנג איז ער אנגעקומען, וואס זאגסטו דערצו? שיינע יארן דערלעבט, ווער ווייסט, צי זיי האבן נישט געשפילט א גאנצע נאכט אין קארטן?". מיין פרוי האט געשמייכלט, ווייל איך האב איר שוין געהאט באוויזן אלץ צו דערציילן, און זיך אָנגערופן צו איר: „מה רעש, ער איז דאָך נישט פאַרפאַלן געוואָרן!". „און דו לאכסט נאך?!", האט שפרינצע געשריגן אויפן קול, „ווייסט דען וואס דאס הייסט א גאנצע נאכט שפילן אין קארטן?". מיין חנה לאה האט איר בארואיקט: „נאר נישט קיין געוואלדן, עס איז דאך נאר איין מאל אין יאר חנוכה, זאלן זיי מאכן א לעבן". אט אזוי איז מען שטענדיק געווען פריילעך, כאטש כמעט אלע זענען געווען גרויסע קבצנים, דאך איז יעדער געווען א מסתפק במועט — א גייסטיקע צופרידנהייט האט מען תמיד געפילט.

איך וויל דא דערמאנען צדוקן, ישראל יצחק׳ס צודיקערס זון: זיין געשעפט, וואס איז באַשטאנען פון זאלץ, הערינג און נאפט, האט געפירט זיין ווייב און ער האט זיך

תמיד געפונען אין בית־המדרש, אדער אין שטיבל און פילאזאפירט. איינמאל אין א מארק־טאג, דאס איז געווען אין א דאנערשטיק, איז מען געקומען רופן צדוקן און אים געזאגט: „דו שטייסט דא און רעדסט דברים בטלים, און אין קראם זענען דא פיל קונים, דיין ווייב איז אליין און קען זיך נישט קיין עצה געבן, און די קונים גייען אוועק". „און וואס וועט זיין, אז איך וועל אויך זיין אין קראם?", האט ער פילאזאפיש געענטפערט, „וועל איך פארקויפן נאך עטלעכע פונט זאלץ, אדער נאך א פאר קווארט נאפט, צי נאך אייניקע הערינג, וועל איך פארדינען נאך א קאפיקע! און וואס וועל איך טאן מיט דער קאפיקע? — עסן א שטיקל הערינג?! וויל איך נישט עסן דאס שטיקל הערינג און וויל נישט גיין ארבעטן מיט די פויערים!...

איינמאל האט זיין טאטע ר' ישראל יצחק, פארבעטן אין שמיני עצרת ביינאכט, נאך די הקפות, אלע אלעקסאנדער חסידים צו זיך אין שטוב אויף א קדוש. עס איז געווען צוגעגרייט פון כל טוב: בראנפן, ביר, הערינג א.א.וו. מיר האבן זיך דארט משמח געווען, געטאנצט און געזונגען: „אגיל ואשמח בשמחת תורה", „אברהם שמח בשמחת תורה", „יצחק שמח בשמחת תורה" וכו'. האָט חיה זיין ווייב זיך אַנגערופן: „מילא, אברהם, ישראל מאיר, יונתן, טאנצן און פרייען זיך מיט דער תורה, זיי האבן כאטש א גאנץ יאר געלערנט, אבער ראובן, יהושע בערס זון, פארוואס טאנצט ער? — אפשר דערפאר, וואס ער האט געמאכט א גאנץ יאר די „קעקלעס"?... האט מען איר אזוי געגעבן צו פארשטיין: אז, ווען ביי איין ברודער איז א חתונה, פרייען זיך אלע ברידער, און... לאמיר פריילעך זיין!

עס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון נאך א עפיזאד: ווען מתת' ראזען האט זיך אריינגעצויגן צו דער סמעטעליכע אין דער דירה, האט ער שבת פארבעטן די אלעקסאנדער חסידים צו זיך אין שטוב אויף א קדוש. חיים יוסל דער סופר איז אויך געווען צווישן די איינגעלאדענע. ער איז געווען א ייד, וואס זיין גאנץ לעבן איז פול געווען מיט צרות, א שטענדיקער אביון, געלעבט תמיד אין דחקות און מיט שווערער מי האט ער צונויפגעשטוקעוועט דעם שבת; אבער א פריילעכער איז ער דאך געווען. און טאקע אויף דעם דאזיקן קידוש האט ער געמאכט איין „לחיים" נאכן צווייטן, גענומען נאך אביסעלע און נאך א קאפעלע און האט אזוי בגלופינ'דיק גענומען טאנצן אויפן טיש און זינגען „אחד אלהנו שבשמים ובארץ" און מיר האבן אים צוגעהאלפן: „בראשית ברא לערנען מיר, ווייל איז אונז, צו אונזער דינסט, צו אונזער לעבן צוקער זיס". און מיט דעם געזאנג ארויסגעטאנצט אין גאס אריין.

אויך חיים יוסלס שיחות חולין זענען געווען געשמאקע. אז מען האט אים געגעבן קארטאפל צום עסן, פלעגט ער זאגן: איי, א שאד! ווען מען וואלט בעסער די קארטאפל אויסגעקוועטשט און מיר געגעבן דאס ביסל בראנפן פון זיי, וואלט איך מער הנאה געהאט...

קיין גאווארא־וווע פלעגט אפט קומען צופארן פון ווענגראוווע, אדער קאלושין, ר' אברהם לייב, דער „בתים"־פארקויפער, מיט זיין סחורה, ווי: תפילין, מזוזות, ציצית א.א.וו. אזוי ווי ער איז געווען חיים יוסלס א קאנקורענט, פלעגן זיי זיך שטענדיק אריינזאגן. איינמאל איז ער געקומען צופארן קיין גאווארא־וווע אין א גרויסן פראסט. ער איז גלייך אריין אין אלעקסאנדער שטיבל מיט זיין סחורה, א פארשנייטער, א פארפרוירענער און מיט שטיקער אייז אויף דער באָרד און וואנסעס. ער איז תיכף צו צום וואַרעמען אויוון, צוגעלייגט צום אויוון אַ באַק און גענומען קרעכצען. מיר, עטלעכע

יונגעלייט, זענען געזעסן אין שטיבל און געלערנט. אויך חיים יוסל דער סופר האט זיך געפונען אין שטיבל. מיר האבן געפרעגט אברהם לייבן: „וואס איז אייך געשען?" — „א צאָן איז מיר געפרוירן געווארן און איז ווייך ווי פוטער", האט ער אונז געענטפערט. מיר האבן פארשטאנען, אז ער וויל אונז דא עפעס אפטאן, ווייל מיר האבן אים געקענט פאר א גרויסן וויצלער. חיים יוסל האט זיך נישט געכאפט און געזאגט, דאס ער הערט דאָר ערשטע מאָל, אז אַ צאָן זאָל ווערן ווייך. זאָגט צו אים אברהם לייב: „גלויבסט נישט? טאַ טאפּ אָן דעם צאָן, וועסטו זיך איבערצייגן". ווי נאר חיים יוסל האט אריינגעשטעקט צו אים דעם פינגער, נו, נו, האט ער געכאפּט א ביס... „וועסט נאך שטעקן א פינגער צו יענעם אין מויל אריין?!" — האט אים אברהם לייב אריינגעזאגט.

א טייערער ייד איז געווען חיים יאסל. ער פלעגט טענה'ן: ווען איך בין יונג געווען האָב איך געטראכט, אז ווען מען איז יונג, מיט ווארעם בלוט, איז שווער צו באקעמפן דעם יצר הרע; אבער, ווען איך וועל אלט ווערן, דאָס בלוט וועט קעלטער ווערן, וועט לייכטער זיין בייצוקומען דעם יצר הרע. איך בין ברוך השם אלט געווארן און וואס וויזט זיך ארויס? — לא די, וואס דער יונגער יצר הרע איז נישט אוועק, נאר עס איז נאך צוגעקומען אן אלטער יצר הרע...

דאס פריילעכקייט פון די שבתים און ימים טובים איז נישט צו פארגעסן. עס דערמאנט זיך מיר אין נאך א פאסירונג: אין א שמחת בית השואבה, האבן מיר זיך אלע געפונען ביי ר' פישלען. מיר האבן געשאפן א פעסל ביר מיט הערינג, זיך משמח געווען און ארומנעמענדיק זיך אין א ראָד, האבן מיר אנגעהויבן טאנצן. אינמיטן טאנצן, איז אונז נתן מאיר ארויסגעפאלן פון די הענט, ווען א ברעט האט זיך איינגעבראכן אין דער פאדלאגע, און ער איז אראפגעפאלן אונטן. מיר האבן קיין אכט נישט געלעגט אויף דעם און ווייטער געטאנצט. ערשט, ווען חיים יוסל האט אנגעהויבן שרייען, אז נתן מאיר איז ארונטערגעפאלן אין קעלער, זענען מיר אלע אראפגעלאפן זעען, וואס עס האט פאסירט. אבער דער בעל־דבר האט זיך אויפגעשטעלט, ווי קיינמאל גארנישט. מיר זענען צוריק ארויף אויבן און פארגעזעצט דאס טאנצן און חיים יוסל האט אונז צוגעזונגען: „ווויל איז אונז, צו אונזער דינסט, צו אונזער לעבן, צוקער זיס"...

עס זענען געווען א סך יידן אין שטעטל, וואס האבן געווידמעט זייער צייט און כח פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט און פאר ארעמע לייט. איינער פון זיי איז געווען ר' משה יהושע גינזבורג, וועלכער איז אליין געווען א ייד א ארעמאן און דערצו נאך א חלוש, און האט פיל מי און צייט אוועקגעגעבן דאס שאפן א „הכנסת אורחים". אין דעם דאזיקן „הכנסת אורחים" האט ר' משה יהושע אריינגעלייגט זער א סך ארבעט; יעדן פרייטיק פלעגט ער אליין ארומגיין איבער די שטיבער און צונויפנעמען צו עטלעכע קאפיקעס און מיט די קליינע געלטער, וואס ער פלעגט שאפן, האט ער א בית־המדרש ביים „הכנסת אורחים" געגרינדעט. אלע טעג זענען דארט געווען א פאר מנינים מתפללים און יידן, וואס זענען געזעסן און געלערנט.

ר' משה יהושע האט אויך געשאפן געלט פאר די קבצנים, וואס פלעגן קומען קיין גאוואראווע. אין דער צייט, ווען עס פלעגט זיין א מאנגל אין קליין־געלט, איז ער זיי א סך בייהילפיק געווען. צוליב דעם, וואס אין פיל הייזער האט מען די ארעמע לייט אפגעפטערט מיטן תירוץ: „איך האב נישט קיין קליין־געלט", האט משה יהושע געמאכט קוויטלעך פון גראשנס און האלבע־גראשנס און זיי געלאזט אין אומגאנג. יעדער ארעמאן,

וואס פלעגט קומען אין שטעטל, האט ביי משה יהושע׳ן געטוישט עטלעכע גילדן אויף קוויטלעך און מיט דעם האט ער געהאט א רעשטע צו געבן. אויך בעלי־בתים פלעגן קומען צו אים אויסטוישן געלט אויף קוויטלעך. אזוי ארום פלעגן די נדבות־קלייבער שאפן מער געלט ווי שטענדיק, ווייל, אפילו אן ארעמער תושב, וואס האט זיך נישט געקאנט דערלויבן צו געבן א גאנצן גראשן, האט געהאט די מעגלעכקייט צו געבן אן האַלבן גראַשן. נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיטן שטעטל, פלעגן שפעטער די קבצנים צוריק אויסטוישן די קוויטלעך ביי משה יהושע׳ן אויף גאנגבאר געלט.

עס זענען אויך געווען פרויען, וואס פלעגן זיך אפגעבן מיט פארזארגן קראנקע און בויט־באדערפטיקע, צווישן וועלכע עס האבן זיך אויסגעצייכנט רחל, שמואלקעס און חנה רבקה שמעלץ. ווען עס איז אין שטעטל געווען א ארעמע קינפעטארין, אדער סתם א קראנקער, האבן די פרויען שוין געזארגט פאר זיי. זיי האבן שוין געוווסט, ביי וועמען מען קען קריגן א שטיקעלע עוף, צי א גוט ביסעלע יויך, בכדי מיט דעם צו קרעפטיקן דעם אָרעמען קראַנקן. אין שטעטל האָט קיינער נישט געוווסט, פאַר וועמן זיי בעטן דאס ביסעלע געקעכטס.

די דאזיקע פרויען האבן זיך אויך באשעפטיקט מיט „הכנסת כלה״. ווען מען האט געדארפט חתונה מאכן אן ארעמער כלה, האבן זיי שוין געשאפן דעם נדן, ווי אויך קליידער און אנדערע זאכן צום אויסשטייער.

אין שטעטל איז אויך געווען טעטיק א חברה „ביקור חולים״, וועלכע פלעגן באדינען די קראנקע. אויף נאכט־דיזשור פלעגט מען שיקן צוויי פערזאן צו זיצן ביים חולה. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אין שטעטל זענען געווען א סך פאלן פון אנשטעקנדיקע קראנקהייטן, ווי טיפוס, צי אפילו גריפע, וואס דאס מטפל זיין זיך מיט א קראנקן איז געווען פארבונדן מיט סכנה, האט זיך דאך קיינער נישט אפגעזאגט פון דער מצוה. אויך די מצוה פון גמילת חסדים האט מען שטארק מקיים געווען. דאס גאנצע שטעטל האט זיך געדרייט מיט די זעלבע פאר הונדערט רובל. היינט האב איך געבארגט ביי יענעם, און אויף צו־מארגנס האט יענער געבארגט ביי מיר. ווער עס האט נאר געהאט א פאר רובל, אדער זלאטעס אין שטוב, האט געוווסט, אז אויב א ייד קומט בארגן, דארף מען אים געבן. מיטוואך, פארן מארק־טאג, פלעגן די תבואה־סוחרים בארגן ביי די קרעמער, זונטיק, דאקעגן, ווען די קרעמער האבן געדארפט פארן קיין ווארשע נאך סחורה, האבן זיי געליען ביי די תבואה־סוחרים. און אזוי האט זיך געדרייט דאס רעדל.

הגם, ווי שוין דערמאנט, מיט פרנסה איז נישט געווען אזוי לייכט, דאך האט דער עולם געוואלט האבן א חזן אויף שבת. איך געדענק, וואס אין שטעטל האט זיך אפגעטאן ווען מען האט גענומען רעדן, אז ר׳ שמואל נתן דער שוחט איז שוין אלט און מען דאַרף א נייעם שוחט און חזן. די חסידים האבן געזאגט, אז מען דארף נאר א שוחט און נישט קיין חזן; מען קען זיך באגיין אן א חזן. אבער די מתנגדים האבן געטענה׳ט, אז זיי ווילן האבן אין בית־המדרש א חזן אויף שבת, ווייל דאס איז זייער פארגעניגן. דער אלטער רב זצ״ל האט געוואלט, אז זיין זון ר׳ מענדל, זאל ווערן שוחט. דער רב האט מיט אים געלערנט הלכות שחיטה און שמואל נתן דער שוחט האט אים געוויזן ווי צו שעכטן. די אלעקסאנדער חסידים, פארשטייט זיך, האבן געהאלטן מיטן רב און מיט ר׳ מענדלען, ווייל אויך זיי זענען געווען אלעקסאנדער חסידים. חוץ דעם,

האָבן די חסידים געזאָגט, צו וואָס ברענגען א שוחט פון דער פרעמד, אין דערצייט, ווען ר׳ מענדל איז אַן אָרענטלעכער, ערלעכער ייד און פלעגט שטענדיק זיצן און לערנען. אָבער די מתנגדים זענען געווען קעגן דעם ווילן פון די חסידים און ר׳ מענדלען נישט געוואָלט אננעמען און דוקא געפאָדערט א חזן־שוחט.

איין מאָל, אין א הושענה רבה פרי, ווען מען האָט אין אלעקסאנדער שטיבל געהאַלטן אינמיטן דאַווענען, זענען אריין אהין עטלעכע יידן מיט א נישט־דערשאָכטענער גאנדז און זי אראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע. די גאנדז האָט זיך ארומגעשפּאצירט און בלוט איז איר געריננען פון האַלדז. הגם, אזא פאַל קען טרעפן ביי יעדן שוחט, האָבן זיי אָבער אויסגענוצט די געלעגענהייט און געשריגן: „נאָט אייך „שפּיגעלעך״ אייער שוחט!״. ר׳ מענדל איז בעת מעשה אויך געווען אין שטיבל, געשטאַנען א בלאַסער און איבערשראָקענער און געוואָלט זיי באַצאָלן פאַר דער גאנדז, וואָס איז טריפה געוואָרן; אָבער זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס: „מיר ווילן נישט בשום אופן מענדלען פאַר קיין שוחט!״.

א צווייט מאָל האָט ווידער פּאַסירט א פאַל אין דעם זעלבן אלעקסאנדער שטיבל, ווען אין א ראש־חודש טאָג, ביים דאַווענען מוסף, האָבן די קעגנערס פון ר׳ מענדלען אראָפּגעריסן די טרעפּ פון שטיבל און געלאָזט די מתפללים פון אויבן. זיי האָבן מיט דעם געוואָלט אָנלערנען די חסידים, פאַר זייער אונטערשטיצן ר׳ מענדלען. די ידיעה איז דערגאַנגען צו אונזערע ווייבער און נאָך איינציקע שעה זיצן אין „ארעסט״, איז זיי געלונגען צו שאַפן עמיצן, וואָס האָט צוריק פאַראַכטן די טרעפּ. די דאָזיקע געשעעניש איז דאַן געווען דאָס געשפּרעך פון טאָג. דאָס שטעטל איז „געגאַנגען אויף רעדלעך״.

נישט וועלנדיק צוברענגען צו ערנסטע מחלוקות, האָט מען סוף־סוף באַשלאָסן אראָפּצוברענגען א חזן־שוחט פון דער פרעמד. עטלעכע חזנים זענען געקומען יעדער אויף א שבת, געדאַוונט פאַרן עמוד, געזונגען אין בית־המדרש, און אוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט. זיי זענען נישט געפעלן געוואָרן דעם עולם. ביז עס איז געקומען דער חזן ר׳ איטשע מיט צוויי משוררים, וועמענס אַ דאַווענען שבת עס איז געפעלן געוואָרן און ער איז געבליבן אלס חזן־שוחט. זיינע צוויי משוררים זענען געווען: איינער א דערוואַקסענער בחור און דער צווייטער א קליין יינגעלע מיט א שיין קלינגנדיק קול׳כל. ביי זייער ערשטן „קבלת שבת״ האָט דאָס יינגעלע געזונגען „מקדש מלך עיר מלוכה״, אזש אלע זענען אנציקט געוואָרן. אויך די אלעקסאנדער חסידים האָבן מסכים געווען אויף ר׳ איטשען, ווייל ער איז געווען זייערער א חסיד, בפרט, אז ער איז געקומען קיין גאווראָווע מיט דער רעקאָמענדאַציע פון אלעקסאנדער רבי׳ן. די צוויי משוררים האָט מען געשאַפן „טעג״ און אין שטעטל איז געוואָרן שלום און שלוה.

נאָך איטשעס אַוועקפאָרן, האָט מען גענומען פאַר אַ חזן־שוחט ר׳ מליכאל׳ן פון מאָקאָווע. ער איז געווען א גערער חסיד און באַליבט ביי אלע, אפילו ביי די אלעקסאנדער חסידים. ער איז געווען א ייד א בן־תורה און א גוטער חזן־שוחט, מיט אן אנגענעמער שטימע.

נאָך דער פּטירה פון אַלטן רב זצ״ל, איז אויפגענומען געוואָרן אין גאווראָווע אלס רב הרב בורשטין הי״ד. ער האָט גלייך געגרינדעט א „חברה ש״ס״ און יעדן טאָג, בין מנחה למעריב האָט מען אין בית־המדרש באַזעצט די טישן און געלערנט מיטן רב בראש. ווער עס האָט געהאַט עפּעס א שווערע סוגיה, האָט מען עס מיטן רב אויפגעקלערט.

א פאר מאנאטן פאר פסח האבן אלע געלערנט די זעלבע מסכת, כדי צו קענען מאכן דעם סיום ערב פסח, און אזוי ארום צו באפרייען די בכורים פון פאסטן דעם טאג. ביים מאכן דעם סיום האט דער רב געזאגט דעם הדרן מיט א שיינעם פלפול; דאן האבן די בכורים געברענגט משקה אין בית־המדרש אריין, מען האט געטרונקען א „לחיים" און זיך געווונטשן א כשרן און פריילעכן יום־טוב.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאס גאנצע שטעטל, צוזאמען מיטן בית־המדרש, אוועק מיטן פייער און דאס ביסל יידן זענען זיך צעלאפן. אין סוף 1915 האבן זיך טייל יידן צוריקגעקערט קיין גאווראוועֶ. מיר זענען צוריקגעקומען אין 16־טן יאר. די פאר מנינים יידן, צוזאמען מיטן רב, האבן געוווינט אויף פּראבאסטווא. דער בית התפילה איז געווען ביים ר'ב אין שטוב. איך דערמאן זיך, אז ווען איך בין אריינגעקומען דאס ערשטע מאל צום רב, האט ער מיר ארומגענומען מיט אזא ליבע און פריינדלעכקייט, אזש טרערן האבן זיך באוויזן אין זיינע אויגן פון גרויס געריטקייט. ער האט אייניקע מאל איבערגעחזרט: „ברוך השם, אז מיר זעען זיך, עס האט זיך געבענקט נאך מיינע בעלי־בתים". ער האט ציטירט די גמרא אין פסחים פ"ז: „הרבנות מקברות את בעליה, און דער פשט איז, אז, ווען מען איז רב, ווערט מען אויס בעל־הבית איבער זיך און מען איז תלוי בדעת אחרים, בדעת הקהל, בדעת הבעלי־בתים; אבער דאך האט זיך מיר געבענקט נאך מיינע בעלי־בתים".

ווען עס האבן זיך אנגעהויבן אומצוקערן מער יידן קיין גאווראוועֶ און קיין בית־המדרש איז נאכנישט געווען, האט מען געדאווענט אין א שאפע אינמיטן מארק און א טייל האבן געדאווענט ביי יואלקע דעם בעקער. שפעטער האבן: ישראל מאיר משניות, מתתיהו ראזען, איטשע קאָסאָווסקי, משה טענענבוים, חיים בער גרודקע, חנא פרידמאַן, שמואל וואלף ברוינער און ואני בתוכם, געמאכט אונזער בית־התפילה ביי אברהמעלע גרודקע, ווו מיר פלעגן דאווענען יעדן שבת און יום־טוב. מיר האבן אויך דאן געגרינדעט אין שטעטל דעם „מזרחי" און פון דער צענטראַלע אין וואַרשע האָבן מיר באַקומען צוגעשיקט פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, שריפטן, ליטעראַטור א.א.וו. פון צייט־צו־צייט האט אונז באזוכט א רעדנער פון „מזרחי", ווו ער איז אויפגעטרעטן עפנטלעך און אונזער באוועגונג האט זיך כסדר פארגרעסערט. ביי אברהמעלען האבן מיר גוט פארבראכט אין א חברישער אטמאספערע; פארשטענדלעך, אז מיר האבן אויך א בלאט גמרא געלערנט און אין א שבת אדער יום־טוב האבן מיר צוזאמען א קידוש געמאכט. צוזאמען מיט אונז האט אויך געדאווענט משה מענדל פארבאראוויטש. ער איז געווען א פריילעכער קבצן און האט זער שיין געקענט זינגען. ווען עס איז געקומען א יום־טוב, איז געווען מיט אים א פארגעניגן צו פארברענגען ביי א גלעזל משקה. ער איז קיינמאל נישט מיד געוואָרן צו זינגען און טאנצן. איך געדענק א שמחת תורה, ווי ער האט געטאנצט אויפן טיש און געזונגען: „הבן יקיר לי אפרים, אם ילד שעשועים" א.א.וו. ער האט אזוי געקענט זינגען און טאנצן ווי לאנג.

אַט אזוי געדענק איך דאס לעבן פון מיין ליב שטעטל גאווראוועֶ במשך פון די 20 יאר פון מיין זיין דארט. די דאזיקע יארן זענען געווען די בעסטע און פריילעכסטע אין מיין לעבן און וועלן בלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון לעולם ועד.

ליבע און טייערע יידן זענען זיי געווען; די אויבן־דערמאַנטע און אלע אנדערע, מיט זייערע מעלות און אפילו מיט זייערע חסרונות. חבל על דאבדין ולא משתכחין.

יוסף גבעתי
ישׂראל

דער בית־המדרש

דער בית־המדרש האָט געדינט אלס צענטראַלער טרעף־פונקט פון די יידן אין שטעטל. אנהויבנדיק פון די פריסטע מארגן־שעה׳ן, ביז אין דער שפעטער נאַכט אריין, האָט דארט געהערשט א לעבעדיקע באוועגונג פון מענטשן. באגינען, ווען די שטערנס זענען נאך געווען אין הימל, האבן זיך שוין באוויזן אין בית־המדרש די השכמה־יידן, ס׳רוב בעלי־מלאכות און דאָרפס־גייער, וועלכע זענען געקומען אפגעבן זייער חוב דעם בורא עולם, פאר זייער ארויסגיין צו דער ארבעט; געזאגט א „יום״ תהילים, געלערנט א פרק משניות אין דאן געדאוונט בכוונה. שפעטער האבן אנגעהויבן קומען קרעמערס, וועלכע האבן אויפגעמאכט שפעט זייערע געשעפטן, ווייל דער פרימארגן־פדיון איז סייווי געווען א שוואכער. די סוחרים און חסידישע יידן האבן געדאַוונט מיט די לעצטע מנינים, וואָס האבן זיך געצויגן ווייט אין טאָג אריין. קיינער האָט צום דאַוונען נישט פאר־שפעטיקט, ווייל, ווען מען זאל נאר נישט אריינקומען אין בית־המדרש אריין, האט מען שטענדיק געטראפן א מנין. די מתפללים זענען באשטאנען פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. איר האט דארט געקאנט טרעפן די שארפסטע חסידים (זייערע „שטיבלעך״ זענען מערסטנס געווען געשלאָסן אין די פרימאָרגן־שעה׳ן פון די וואָכן־טעג), ביז צו „עמך״־יידן, און אפילו די א.ג. „וועלטלעכע״ — מיטגלידער פון די סאציאליסטישע פארטייען אין שטעטל.

דער בית־המדרש איז געווען אָפן אַ גאַנצן טאָג. עס זענען געזעסן דאָרט און געלערנט יונגעלייט אויף „קעסט״; בחורים צוריקגעקומענע פון די ישיבות, אדער אזעלכע, וואָס האָבן צוליב וועלכע עס איז סיבות נישט געקאנט פאָרן אין ישיבה אריין; עלטערע יידן, וואס האבן שוין נישט געהאט קיין דאגת פרנסה, איבערגעבענדיק זייערע געשעפטן די קינדער; אזעלכע וועלכע האָבן געלעבט אויף „פענסיע״ פון אמעריקע, און סתם יידן, נישט קיין לומדים, וואס זענען געקומען אין בית־המדרש אריין זאגן א פאר קאפיטלעך תהילים. פון צייט־צו־צייט האבן זיך אויך באוויזן סוחרישע יונגעלייט, וועלכע האבן אין די שעה׳ן פון שוואכער באוועגונג אין די געשעפטן, איבערגעלאזט דאָרט זייער ווייבער און געקומען „אריינכאַפּן״ אַ בלעטל גמרא. גלייכצייטיק האָבן זיי זיך ארייגעלאזט אין א שמועס מיט די „קעסט״־יונגעלייט און ישיבה־בחורים איבער פארשידענע וועלט־פראבלעמען, אלגעמיינע פאליטישע פראגן און ארטיקע געזעלשאפט־לעכע ענינים.

א גרויסע באוועגונג אין בית־המדרש אריין איז געווען אין די פארנאכט־שעה׳ן. פון אלע זייטן האבן איילִיק אנגעהויבן אהין שטראמען די יידן, בכדי נישט צו פארשפעטיקן

מנחה. צווישן מנחה און מעריב האבן זיך אויסגעזעצט ארום די טישן יידן פון פארשידענע טיפן און שיכטן.ביים טיש פון דער דרום־זייט, ווו די פענסטער זענען ארויס צום טייך, זענען געזעסן די שטאטישע לומדים, וואס האבן געלערנט דעם „דף היומי״. אקעגנאיבער, ביי א טיש פון צפון־זייט, זענען געזעסן ס׳רוב בעלי־מלאכות און הענדלער, וועלכע האבן געהערט פון זייער רבי׳ן פארטייטשן א פרשה חומש מיטן אלשי״ך, געלערנט א פרק משניות א.א.וו. ביי אן אנדער טיש זענען געזעסן סתם לומדים, וואס האבן געלערנט פאר זיך גמרא מיט תוספות, יורה דעה, רמב״ם, פרקי מוסר, אדער אנדערע ספרים. ביי דעם טיש זענען אויך געזעסן יינגלעך מתמידים, וועלכע האבן איבערגעחזרט די גמרא, וואס זיי האבן געלערנט בייטאג אין חדר. אונטן, ארום די אויוונס און ביי דער ארייגאנגס־טיר, זענען געשטאנען סתם־יידן און יונגעלייט, וועלכע האבן „געכאפט״ א שמועס וועגן דער לעצטער וועלט־פאָליטיק און אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן. זיי האבן אויך נישט פארגעסן אין א ביסעלע שטאטישע רכילות...

ווען עס איז געקומען אַ דרשן אין שטעטל, פון די ספעציעל־באַרימטע מגידים, וואס פלעגן רעדן אין בית־המדרש בין מנחה למעריב, האָבן זיך אלע געשטופט וואָס נעענטער צו דער בימה, בכדי זיי קאנען וואס בעסער הערן. דער מגיד פלעגט אפט דערציילן פארשידענע געשיכטעס, משלים און מעשיות, דורכגעפלאכטן זיי מיט מאמרי חז״ל און מוסר. א באזונדער אינטערעס האט ארויסרופן אין שטעטל, ווען עס פלעגט קומען א רעדנער־גאסט פון ארץ־ישראל, אדער א רעליגיעזער רעדנער, פון דער צענטראלע, וועלכע פלעגן רעפערירן וועגן ציוניסטישע פראָבלעמען. דאן איז דער בית־המדרש געווען געפאקט פון מענטשן פון אלע שיכטן. אפילו אויבן, אין דער ווייבער־שול, זענען געקומען זער פיל פרויען אויסהערן די רעדנער. שעה׳ן לאנג נאך דער דרשה, זענען נאך יידן געשטאנען אויפן מאַרק־פּלאַץ, דיסקוטירט און מסביר געווען איינער דעם צווייטן דאס, וואס זיי האבן נאר וואס געהערט. א סענסאציע אין שטעטל איז אויך געווען, ווען עס פלעגן קומען יונגע חזנים־טאלאנטן און אויפטרעטן אין בית־המדרש מיט א דאווענען. זיי האבן שוין געדאוונט אויף בילעטן. די טירן פון בית־המדרש זענען אפגעשלאסן געווארן און ביים ארייגאנג זענען פארקויפט געווארן איינטריטס־קארטן. ווען עס פלעגן קומען די „ווונדער־קינדער־חזנים״, דאן זענען געגנוג געווען בלויז א צוויי־דריי פלאקאטן מיט זייערע בילדער, וואס זענען געהאנגען אויף די ווינקל־הייזער, און זייער דערפלאג איז געווען א געזיכערטער. דער בית־המדרש איז דאן געווען פול פון עק ביז עק און אפילו די ווייבער־שול איז געווען געפאקט.

ביז אין די שפעטע נאכט־שעה׳ן איז דער בית־המדרש געווען אפן. מען האט נאך דאן געקאנט טרעפן יונגע־לייט מתמידים, אדער אלטע תלמידי־חכמים, וואס האבן געלערנט ביי א ליכטל (ווי באוווסט, האָט די עלעקטרע אין שטעטל געברענט נאָר ביז 11 ביינאכט).

שבת האט דער בית־המדרש באקומען גאר אן אנדער אויסזען. צענדליקער עלעקט־רישע ליכט און בליץ־לאמפן האבן באלויכטן דעם גרויסן זאל. די טישן זענען געווען אין ווייסן באדעקט; דער ארון־קודש איז געווען באהאנגען מיט א רויט סאמעטענעם פרוכת, וואס אויף אים זענען געווען אויסגענייט מיט גאלדענע פעדים צוויי לייבן, וועלכע האבן געהאלטן דעם כתר תורה. טאטעס מיט קינדער, אנגעטאן אין שבת׳דיקע מלבושים, האבן אנגעפילט דעם בית־המדרש. דער רב איז געקומען אייסגעפוצט אין א

זיידענער קאפאטע מיטן גראבן געפלאכטענעם זיידענעם גארטל, מיט די ווייסע זאקן און שווארצע האלבע קאמאשן, און מיט דעם גרויסן שבת׳דיקן שטריימל אויפן קאפ. ביים רב׳ס ארייננקום איז אדורך א שטיליקייט איבערן גאנצן בית־המדרש און אלע האבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער.

פריימיק־צו־נאכטס צום דאווענען, ווי אויך שבת פרי, איז אויך געקומען א גאר גרויסער טייל פון דער יוגנט. עס האבן אויך נישט געפעלט קיין בונדיסטן און אפילו קאמוניסטן, שוין אפגערעדט פון די ציוניסטישע גרופירונגען. מעגלעך, אז זיי האבן דאס געטאן אויס דרך־ארץ צו זייערע עלטערן. עס פלעגן אויך קומען חסידישע זין, וואס האבן שוין נישט געוואלט מער דאווענען אין די „שטיבלעך״.

אויב א גאנצע וואך האט מען אין בית־המדרש געדאוונט סיי נוסח „ספרד״ און סיי נוסח „אשכנז״, איז שבת דער נוסח התפילה געווען נאר „אשכנז״. דאס האט זיך נאך געצויגן פון די צייטן פון הרה״ג קלעפפיש זצ״ל, וועלכער האט דעם נוסח איינגעפירט אין שטעטל, און אזוי איז שוין פארבליבן די גאנצע יארן. בדרך כלל האבן זיך דאך די מתפללים רעקרוטירט פון בלויז „מתנגדים״, איז ממילא זייער נוסח געווען „אשכנז״. די חסידים האבן דאך געהאט זייערע „שטיבלעך״. די לעצטע יארן איז אלס סטאבילער חזן פון גרויסן בית־המדרש געווען ר׳ חיים לייב מאריאנסקי, דער חזן־שוחט. ער אליין איז געווען א גערער חסיד און, פארשטענדלעך, געדאוונט נוסח „ספרד״, אבער אין בית־המדרש האט ער געדאוונט נאר נוסח „אשכנז״.

שבת בייטאג זענען אפט געזאגט געווארן דרשות, דורך מגידים, וועלכע פלעגן בלייבן אין שטעטל אויף א שבת. צוויי מאל אין יאר האט דער רב געהאלטן זיינע טראדיציאנעלע דרשות אין בית־המדרש: „שבת־שובה״, צווישן ראש השנה און יום כפור, ווען ער האט גערופן צו תשובה און מעשים טובים, צו שלום און ליבשאפט פון איין ייד צום צווייטן, זיך מוחל זיין און זיך איבערבעטן און צו פארשטארקן דאס יידישקייט; און די צווייטע דרשה פלעגט דער רב האלטן „שבת הגדול״, וואס איז געווען געווידמעט דעם יום־טוב פסח און זיינע דינים, און גערופן שטרענג אפצוהיטן כשרות. צו די דרשות פון רב האט זיך פארזאמלט די גאנצע באפעלקערונג פון שטעטל, אלע „שטיבלעך״ זענען געשלאסן געווארן, די גאסן און שטיבער זענען אויסגעליידיקט געווארן, אויך די ווייבער־שיל איז געווען איבערפולט.

★

די גבאים פון בית־המדרש זענען געווען: ר׳ דוד דראניצא, ר׳ יוסף ווערמאן, ר׳ פייוול בריק, ר׳ יהושע ראזען, ר׳ מאיר שווארץ א. א. ר׳ מנשה האלצמאן פלעגט דאווענען שחרית, ראש־השנה און יום־כפור. די לעצטע יארן איז געווען בעל־תקיעה ר׳ חיים בער גרודקא. בעלי־קריאה זענען געווען: ר׳ אברהם צאלקע, ר׳ מרדכי טרוש־קעוויטש א. א. די שמשים: בערל צירמאן, יעקל שפרינצעס, מרדכי טרושקעוויטש, שלמה חיים צימבאל א. א. דער בית־דין־שמש איז געווען ר׳ אברהם׳קע צאלקע.

★

דער דאזיקער פראכטפולער בית־המדרש איז אויפגעבויט געווארן אין יאר תרפ״ה, א דאנק דער פרוי גיטל קלאס פון אמעריקע, וועלכע האט צו דעם צוועק איבערגעשיקט קיין גאוואראווע גרעסערע געלט־סומעס.

יוסף זילבערצאַן
ישראל

דאס אלעקסאנדער „שטיבל"

דאס גרעסטע חסידים־„שטיבל" אין שטעטל איז געווען דאס אלעקסאנדער, וואס האט נאך עקזיסטירט א סך יארן פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און איז ווארשיינדלעך געווען פון די ערשטע ארגאניזירטע אלעקסאנדער „שטיבלעך" אין פוילן, ווענענס חסידים עס זענען נאך געפארן צום ערשטן אלעקסאנדער רבי׳ן האדמו״ר ר׳ חנוך־העניך הכהן זצ״ל. די אלטע אלעקסאנדער חסידים, וועלכע זענען דא מיט אונז אין ישראל גיבן איבער, אז פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האבן זיך געפינען אין גאווראראווע ביז א הונדערט אלעקסאנדער חסידים, וואס איז דאן געווען א באדייטנדיקער פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג.

די גאווראראווער חסידים זענען געווען זער אנגעזען ביים אלטן אלעקסאנדער רבי׳ן, דעם בעל „ישמח ישראל", וועלכער האט זיך שטארק גערעכנט מיט זיי. צווישן די אלטע אלעקסאנדער חסידים, וואס זענען געפארן צום „ישמח ישראל", זענען געווען: ר׳ ישראל יצחק צודיקער; ר׳ שמואל נתן ראזען, דער שוחט; ר׳ נחום קשאנזשקא; הרב ר׳ פישל שאפירא, דער שפעטערדיקער טשערווינער רב (מיר שרייבן וועגן אים באזונדער); ר׳ מאנעס דאמב, דער מילנער; ר׳ נחמן משה גאלאנט; ר׳ יחיאל גערליץ, וואס איז א חוץ א ייד א למדן, אויך געווען א משכיל; ר׳ יחזקאל טשעכאנאווער און ר׳ יאסקע (זיין פרוי רחל שמואלקעס, איז געווען באקאנט אלס גרויסע צדקנית, פארנומען זיך מיט כלל־ארבעט און געטאן מענטשן טובות און חסדים). צווישן די אלעקסאנדער חסידים האבן זיך אויך גערעכנט דער אלטער רב, הרב יעקב יהודה באטשאן און זיין זון ר׳ מענדל.

דאס אלעקסאנדער „שטיבל" האט אלע יארן געדינט אלס מקום תורה, דארט איז מען שטענדיק געזעסן און געלערנט. צווישן די סטאבילע לערנערס פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען פאלגנדיקע יונגעלייט: ר׳ חיים נאטע, מאנעסעס איידעם, שפעטער געווארן רב אין טשערווין; ר׳ בעריש טונקעלאנק, יעקב בערלס איידעם; ר׳ זלמן ווערמאַן; ר׳ אברהם לעווין (היינט — אין ישראל); ר׳ ישראל־מאיר משניות; ר׳ פייוול זילבערשטיין; מיין פאָטער, ר׳ יונתן זילבערצאַן או נאך א סך אנדערע.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז צוזאמען מיט אלע הייזער, אויך אוועק מיטן רויך דאס אלעקסאנדער „שטיבל". ווען די יידן האבן זיך צוריקגעקערט נאך דער מלחמה קיין גאווראראווע, האבן זיך די אלעקסאנדער חסידים צוריק ארגאניזירט און געגרינדעט זייער „שטיבל". קיין סטאבילן פלאץ האבן זיי אבער נישט געהאט און

וועגן אן אייגענעם בנין איז צומאל נישט געווען וואס צו טרוימען. צוליב דער גרויסער צאל חסידים, האבן זיי זיך איינגעטיילט אין גרופן: א טייל האבן געדאוונט ביי ר׳ יואלקע דעם בעקער און א טייל — ביי ר׳ יונתן זילבערצאן. א מנין איז אויך געווען ביי ר׳ הערשל ניקס. טיילמאל האט מען אויך געדאוונטביים גבאי ר׳ ישעיה אייזנבערג. שפעטער האבן זיי געדונגען א דירה אויף א „שטיבל״ ביי יאסל דעם רימער. צוליב דעם, וואס ביי די אלעקסאנדער חסידים זענען געווען א סך מזרחיסטן, האבן זיי זיך אפגעטיילט און געשאפן אן אייגענעם מנין ביי ר׳ אברהמ׳לע גרודקע, ווו זיי האבן געדאוונט די גאנצע צייט. ערשט אין די לעצטע יארן איז די אלעקסאנדער חסידים געלונגען אויפצובויען איבערן אלטן בית־המדרש אן אייגן „שטיבל״, ווו עס האבן געדאוונט די גרעסטע צאל זייערע חסידים. בייטאג האבן דארט געלערנט בחורים און יונגעלייט.

די אלעקסאנדער חסידים האבן פארנומען א חשוב׳ן פלאץ אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון שטעטל. דער לאנג־יעריקער פרעזעס פון דער יידישער קהלה איז געווען ר׳ נטע ריק, אן אלעקסאנדער חסיד. אויך דער גבאי פון דער „חברה קדישא״, ר׳ מתתי׳ ראזען, איז געווען אן אלעקסאנדער חסיד. עס איז נישט געווען קיין איין אינסטיטוציע אין שטעטל, ווו די אלעקסאנדער חסידים זאלן נישט זיין אין איר פארטרעטן.

פון די אנגעזעענע אלעקסאנדער חסידים, וויל איך דא דערמאנען אייניקע:

ר׳ יונתן זילבערצאן, מיין פאטער, איז געווען פון די חשוב׳ע חסידים אין לאנד. נאך אלס יונגערמאן, פלעגט ער פארן צום אלטן אלעקסאנדער רבי׳ן, ר׳ יחיאל זצ״ל. ער איז געווען א שארפער למדן און בקי בש״ס ופוסקים און פון די שיינע יידן אין שטעטל. לאנגע יארן האבן די חסידים געדאוונט, אין די שבתים און ימים־טובים, ביי אונז אין שטוב

ר׳ ישעיה אייזנבערג, לאנגיעריקער גבאי פון „שטיבל״, פלעגט יעדן שבת אין בית־המדרש לערנען מיטן „עולם״ חומש מיטן של״ה. ער האט געהאט א חזקה יעדן שבת צונאכטס איינצולאדן צו זיך א גרעסערע צאל חסידים אויף א „גלעזל טיי״ און שמועסן שיחות־חולין;

ר׳ יחיאל גערליץ, א גרויסער תלמיד־חכם און בעל היתר הוראה, שטענדיקער בעל־תפילה אין די ימים נוראים, אין „שטיבל״. ער איז געווען געשעצט און אנגעזען ביי אלעמען;

ר׳ יהושע מרדכי דראזד, שותף צו דער קליינער מיל. א ייד א למדן און ירא־שמים, א גלענצנדיקער בעל־תפילה מיט א הארציקער שטימע;

ר׳ נטע ריק, מיטאייגנטימער פון דער גרויסער מיל און עלעקטרע־ווערק. א פיקח, געשפראד׳ט מיט הומאר, א גרויסער בעל־צדקה און מכניס אורח. ווי שוין אויבן דערמאנט — פרעזעס פון דער קהלה;

ר׳ מתתיהו ראזען, פון די רייכע און אנגעזעענע בעלי־בתים אין שטעטל, פיל מיט חכמה און שארפזין, ליב געהאט צו טאן מענטשן טובות. ער האט געהאט א חזקה אויף „חתן תורה״, און, ווי שוין פריער דערמאנט — געווען לאנג־יעריקער גבאי פון דער „חברה קדישא״;

ר׳ בערטשע וויראסלאוו, א שארפער אלעקסאנדער חסיד, כאטש פרנסה האט ער־



ר׳ מתתיהו ראָזען, ז״ל.

געהאַט בצמצום, דאָך געלעבט מיט בטחון. געהאַט א חזקה צו דאַווענען „פסוקי דזמרה״;

און נאָך, און נאָך טייערע חסידים, האַרציקע יידן, וואָס די מידה פון אהבת ישראל איז געווען ביי זיי איינגעפלאַנצט טיף אין האַרצן און זענען געווען ווייט פון יעדן בלינדן פאַנאַטיזם. האָבן דעריבער געפונען פלאַץ אין אלעקסאַנדער „שטיבל״ געשוואוירענע חובבי ציון, און חסידים, וואָס זענען געווען ווייט פון ציוניסטישן געדאַנק; שאַרפע לומדים — צוזאַמען מיט פשוטע „יידן פון א גאַנץ יאָר״.



ר׳ אברהם לעווין.

זאָל נאָך דאָ פאַרצייכנט ווערן, דאָס צוזאַמען מיט אונז אין ישראל, געפינט זיך איינער פון די דאַמאָלסטדיקע אַנגעזעענע אלעקסאַנדער חסידים, גוטער בעל־תפילה און בעל־מנגן, ר׳ אברהם לעווין. ר׳ אברהם לערנט נאָך היינט מיט אַן עולם, טעגלעך, בין מנחה למעריב, א „שיעור״ אין איינעם פון די בתי־כנסת אין תל־אביב.

יוסף גור
ישראל

דאס גערער „שטיבל"

ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דאָס גערער „שטיבל" אין גאָוואָרעאָווע, איז געגנוי נישט באַוווסט, דאקעגן איז באַקאַנט, אז גערער חסידים זענען שוין אין שטעטל געווען, נאָך אין דער צייט פון ערשטן גערער רבי'ן, האדמו"ר ר' יצחק מאיר אלטער זצ"ל, דער „חידושי הרי"ם".

אין דער צייט פון צווייטן גערער רבי'ן, האדמו"ר ר' יהודה לייב זצ"ל, דער בעל „שפת אמת", איז שוין גענוי באוווסט, אז אין שטעטל איז געווען א שיינע אָרגאניזירטע גרופּע פון גערער חסידים, וואָס זענען געווען שטאַרק אנגעזען אין גערער הויף. עס איז אויך באקאַנט, אז ביים „שפת אמת" זענען געווען גאווארעאווער טיש־זיצערס, וועלכע פלעגן דאָרט אפזיין חדשים לאנג און דער רבי פלעגט זיי מקרב זיין. עס איז מיר דא, אין ישראל, אויסגעקומען צו הערן פון אלטע גערער חסידים, וואס געדענקען אליין און באשטעטיקן דעם פאקט, דאס צווישן די טיש־זיצערס ביים „שפת אמת", זענען אויך געווען גאווארעאווער יונגעלייט.

פון די באוווסטע גערער חסידים אין שטעטל, וועלכע זענען געווען פון די מקורבים פון „שפת אמת", איז אונז באַקאַנט: ר' יוסף זישע, ווי אויך ר' מאטל ליכטענשטיין, וואס האט זיך שפּעטער אריבערגעצויגן קיין אָסטראָווע און איז פּאָפּולער געווען אין די גערער חסידישע קרייזן אלס מאטל „אסטראווער". דער זעלבער ר' מאטל איז אין די שפּעטערדיקע יארן, שוין אין די צייטן פון דריטן גערער רבי'ן, האדמו"ר ר' אברהם מרדכי זצ"ל, געשיקט געווארן קיין ארץ־ישראל (אין 1921) אין שליחות פון רבי'ן. דער רבי האט דאן געבויט הייזער אין יפו און ר' מאטל האט זיך באזעצט אין תל־אביב. אין די שפּעטערדיקע יארן, ווען דער גערער רבי האט אויפגעשטעלט די „שפת־אמת"־ישיבה אין ירושלים, האט אויך ר' מאטל זיך אהין אריבערגעצויגן, ווו ער האט געוווינט אלע זיינע יארן. ר' מאטל איז געווען באַרימט אלס גרויסער למדן, בעל־צדקה און בעל־טובה. אין די לעצטע יארן האט ער זיך אינטערעסירט מיט דער שארית־הפליטה פון גאווארעאווע. אויך זיינע קינדער און אייניקלעך האלטן אן א קאנטאקט מיט גאווארעאווער (ר' מאטל איז געווען א שוואָגער מיט דער משפחה גרודקע). ער איז נפטר געווארן מיט אייניקע יארן צוריק אין ירושלים אין טיפן עלטער.

צו די אלטע גאווארעאווער גערער חסידים געהער אויך ר' שלום אזדאבע, וועלכער איז מיט העכער 50 יאר צוריק אוועק פון שטעטל קיין אמעריקע. ר' שלום איז מיט אייניקע יאר צוריק געקומען קיין ישראל, זיך באזעצט אין בני־ברק און איז ווייטער טעטיק אין די גערער חסידישע קרייזן. פון די אלטע שטעטלדיקע גערער חסידים איז

אויך געווען באקאנט ר׳ יעקלע קארלינסקי און ר׳ יצחק אייזיק גוטמאן.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאס שטעטל האט זיך צוריק גענומען אופבויען פון נאך דער שריפה, איז קיין שום חסידים־„שטיבל" נישט געלונגען צו דערגיין צו קיין אייגענעם בנין. אויך די גערער חסידים האבן געמוזט דאווענען אין פריוואטע שטיבער. אין די ערשטע יארן פון נאך דער מלחמה איז זייער „שטיבל" געווען ביי ר׳ וועלוול בלומשטיין, ווו די חסידים פלעגן זיך צוזאמענקומען אין די שבתים און ימים־טובים, געדאַווענט און געלערנט און געזארגט וועגן פאַרשטאַרקן דאָס יידישקייט אין שטעטל. שפעטער זענען זיי אריבער צו ר׳ יעקב שטשעטשינא אין שטוב דאווענען. הגם זיי האבן נאך קיין אייגן „שטיבל" נישט געהאט, דאך האבן זיך די גערער חסידים געהאלטן געאייניקט, גוט ארגאניזירט און געפארן אפט צום רבי׳ן קיין גער. צוליב דעם, וואס צווישן די חסידים זענען קיין עשירים נישט געווען, האט געדויערט זער לאנג, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אן אייגענעם בנין. זיי איז דאס געלונגען ערשט, ווען אלע אנדערע חסידים האבן נאך מיט יארן פריער געהאט זייערע „שטיבלעך". דאס גערער חסידים־„שטיבל" האט זיך געפינען אין הויף פון בית־המדרש איבערן „הכנסת־אורחים".

אין צאל, איז דאָס גערער „שטיבל" נישט געווען קיין גרויס — קיין סך חסידים זענען נישט געווען, אבער זייער השפעה אין שטעטל איז געווען שטארק קענטיק. די גערער חסידים האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין געזעלשאַפטלעכן און אין פאליטישן לעבן. א סך פון די גערער חסידים האבן זיך אויסגעצייכנט אלס אקטיווע עסקנים און זענען געווען טעטיק אין פיל אינסטיטוציעס און אנשטאַלטן פון שטעטל. פון די ערשטע דאזארעס נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען געווען די גערער חסידים: ר׳ יהודה שייניאק און ר׳ מאיר ראמאנער, דער לעצטער האט געדינט אלס וויצע־פרעזעס פון דער קהלה. די גערער חסידים זענען געווען פון די גרינדער פון דער „אגודת ישראל" און „צעירי אגודת ישראל", ווי אויך פון דער „בית יעקב" שולע און „תלמוד תורה". זיי זענען געווען שטארק טעטיק אין דער חברה „שומרי שבת", ווו עס האט זיך ספעציעל אויסגעצייכנט ר׳ ישעיה הערצבערג. ר׳ ישעיה איז געווען באקאנט אלס קנאי און ער האט געפירט די קאמפן מיט די מחללי שבת, געשטערט זייערע פוטבאל־מעטשן אין שבת א.א.וו. די גערער חסידים, אזוי ווי אין אנדערע שטעט, זענען געווען די גרינדער פון „חברת ש"ס", ווו מען האט געלערנט דעם „דף יומי".

פון די אנגעזעענע גערער חסידים איז כדאי צו דערמאנען פאלגנדיקע:

ר׳ אברהם מרדכי פרידמאן, וועלכער האט זיך גערעכנט אלס אפשטאמיקער, פון דער משפחה, וואס איז געווען צווישן די גרינדער פון גאווארא. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם און איינער פון די רייכע יידן אין שטעטל.

ר׳ מאיר ראמאנער, פון די אנגעזעענסטע בעלי־בתים, א גרויסער תלמיד־חכם און פיקח, געשפילט א גרויסע ראלע אין געזעלשפאטלעכן לעבן. ער איז אויך געווען מיטגרינדער און טוער אין דער סוחרישער באנק, און ווי שוין אויבן דערמאנט — וויצע־פרעזעס פון דער יידישער קהלה;

ר׳ וועלוול בלומשטיין, פון די שארפע גערער חסידים אין שטעטל. א ייד, א תקיף, זיך אקטיוו באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער איז געווען פון די אָפטע פארערס צום גערער רבי׳ן און פון די אנגעזעענע יידן אין שטעטל;

ר׳ יהודה שייניאק, פון די אנגעזעענע גערער חסידים און בעלי־בתים, איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם און אפטער פארער צום „שפת אמת". ער האט זיך גערעכנט פון די קנאים און קעמפער פאר שמירת שבת;

ר׳ יצחק רייטשיק, א ייד א תמים, געזעסן שטענדיק און געלערנט. ער איז געווען בקי אין ספרי חסידות און קבלה, מען פלעגט אים אָפט טרעפן אין „שטיבל" מעיין זיין אין „זוהר";


ר׳ מרדכי לייב גורקא, פון די אלטע חסידים, א ייד, א למדן — יארן געלערנט אין ליטווישע ישיבות. נאך דער חתונה איז ער געווען פון די יושבים ביים „שפת אמת" — אפגעווען ביי אים חדשים. א קלוגער ייד, נישט ליב געהאט זיך צו מישן אין פאליטיק, אבער געווען איבערגעגעבן דעם רעיון פון „אגודת ישראל";

ר׳ איסר ריץ, פון די רייכע יידן אין שטעטל, מיטאייגנטימער פון דער גרויסער מיל און פון דער עלעקטרע־ווערק. אן איבערגעגעבענער גערער חסיד, א גרויסער בעל־צדקה און מכניס אורח;

ר׳ יעקב שטשעטשינא, פון די אלטע גערער חסידים. אן אנגעזעענער קלוגער ייד, פון די בעלי־תפילה אין גערער „שטיבל";

ר׳ ישעיה הערצבערג, פון די שארפע גערער חסידים, אקטיווער טוער פון „אגודת ישראל" און מיטגרינדער פון „בית יעקב". ווי שוין אויבן דערמאנט, איז ר׳ ישעיה געווען שטארק טעטיק אין דער חברה „שומרי שבת";


ר׳ ישראל יצחק שראן, פון די אלטע גערער חסידים, אן אפגעהיטענער ייד און אנגעזעענער בעל־הבית. ער איז געווען טריי און איבערגעגעבן דער גערער טראדיציע;



ר׳ ישראל יצחק שראָן, הי״ד.


ר׳ חיים לייב לייבמאן, א שארפער גערער חסיד אין פולן זינען פון ווארט. געווען איבערגעגעבן דאס חסידות בלב ונפש. זיין גאנץ לעבן איז געווען געווידמעט גערער חסידות. כאטש א ייד אן ארעמאן, האט ער געלעבט שטענדיק מיט בטחון.

זאלן נאך דא דערמאנט ווערן צוויי גערער חסידים, וועלכע האבן זיך ארויסגעהויבן און געפינען זיך מיט אונז אין ישראל:



הרב נפתלי גמרא

הרב ר׳ נפתלי גמרא, פון די אנגעזעענסטע גערער חסידים אין שטעטל, א גרויסער תלמיד־חכם און פיקח. ער איז געווען א סך יאָרן דער בעל־מוסף אין גערער „שטיבל״. געפינט זיך היינט אין חיפה און איז טעטיק דארט אלס רב;



ר׳ לוי ווארשאוויאק

ר׳ לוי ווארשאוויאק, דער איידעם פון א. ד. ר׳ מרדכי פרידמאן, אן איבערגעגעבענער גערער חסיד, פון די שעפער פון „אגודת ישראל״ אין שטעטל און פון איר הכשרה־פונקט אין פאשעקי. ר׳ לוי איז אויך געווען פון די מיטגרינדער פון „בית יעקב״. ער געפינט זיך היינט אין תל־אביב.

אברהם האלצמאן
ישראל

דאס ווורקער „שטיבל"

דאָס לעצטע ווורקער „שטיבל" איז, אייגנטלעך, געווען אַ פאַראייניקונג פון סקערניעוויצער, אמשינאָווער און ווורקער חסידים. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען זיי נאך געווען פאנאנדערגעטיילט לויט זייערע רביים און האבן געדאווענט באזונדער. אזוי, האבן די סקעניעוויצער חסידים געדאווענט ביי ר׳ יעקב יהושע קיריס, ווו בראש זענען געשטאנען די גבאים: ר׳ יעקב בערל בלומשטיין און ר׳ מנשה האלצמאן (דער פאטער פון שרייבער פון די שורות), וועלכער איז אויך דארט געווען בעל־תפילה, און פיל אנדערע אנגעזעענע בעלי־בתים.

דאס אמשינאווער „שטיבל" האט זיך געפינען אין בנין פון בית־המדרש און פון די אנפירנדיקע חסידים זענען געווען: ר׳ ישעיהו יום־טוב סארנע, ר׳ נתן פארבא, ר׳ מאיר וואלף תהילים, ר׳ יעקב הערש ווענגראוו (דער „קאשע־מאכער"), ר׳ אהרן אהרנכאן א.א. עס איז כדאי צוצוגעבן, אז דער לעצטער גאווארעווער רב, הרב אלטער משה מרדכי בורשטין הי״ד, איז אויך געווען אן אמשינאווער חסיד, און פון צייט־צו־צייט פלעגט ער דאווענען א שבת אין „שטיבל".


איך ווייס נישט גענוי די סיבות, פארוואס די דאזיקע צוויי „שטיבלעך" האבן זיך ליקווידירט; א פאַקט איז אָבער, אז די סקערניעוויצער און די אמשינאָווער חסידים האבן זיך געשפירט היימיש ביי די ווורקער. ווארשיינדלעך צוליב דער קרוב׳עשאפט פון זייערע רביים: דער סקערניעוויצער רבי, ר׳ שימעלע זצ״ל (נפטר געווארן אין יאר תרפ״ד), איז געווען אן אייניקל פון רבין ר׳ יצחק׳ל זצ״ל, דעם גרינדער פון דער ווורקער דינאסטיע און מחבר פון ספר „אהל יצחק". רבי יצחק׳ס צוויי זין, ווידער: רבי יעקב דוד זצ״ל איז געוואָרן אדמו״ר פון אמשינאָוו, און רבי מענדעלע זצ״ל איז געווארן דער יורש פון רבי יצחק, דעם אדמו״ר פון ווורקע.

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט זיך דאס ווורקער „שטיבל" געפינען אין בנין פון גרויסן בית־המדרש, צוגלייך מיט אלע אנדערע „שטיבלעך". נאך דער מלחמה, האבן זיך אלע חסידים צוריק אנגעהויבן צו ארגאניזירן, און האבן געשאפן צייטווייליקע „שטיבלעך" אין פריוואטע הייזער. אויך די ווורקער חסידים האבן געדאווענט אין פריוואטע וווינונגען, אבער נישט סטאביל. אמאל האבן זיי געדאווענט ביי ר׳ ברוך מינץ, א צווייט־מאל ביי ר׳ שאול פאטאש און זעלטן אפט האבן זיי געמאכט א צווייטן מנין אין בית־המדרש. דאס האט זיך געצויגן אזוי לאנג, ביז דער ווורקער רבי אליין, ר׳ אברהם משה זצ״ל (א זון פון רבי שמחה בונים זצ״ל, וואס איז נפטר געווארן אין טבריה), איז אראפגעקומען אויף א שבת קיין גאווארעווע (ער איז דאן איינגעשטאנען ביי ר׳ ברוך מינץ), און

עס איז באשלאסן געווארן צו בויען א אייגענעם בנין פאר א „שטיבל".

די יורשים נאך ר' אברהם פייוול ניימאן — דער זון ר' יעקל דוד, און ר' אשר קוטנער, איידעם פון רבקה'לע, ר' אברהם פייוולס טאכטער — האבן פאר דעם צוועק געשאָנקן א פלאַץ, וואס האט זיך געגרענצט מיטן גלח'ס גאָרטן. עס האט זיך גלייך געשאפן א בוי־קאמיטעט פון פאלגנדע פערזאנען: ר' חיים דוד שראן, ר' חיים פאטאש, ר' שלמה לייב שאכטער און ר' מנשה האלצמאן אלס קאסירער. דער בוי־קאמיטעט האט זיך גענומען ענערגיש צו דער ארבעט, מען האט פארקויפט „ציגל" און געשריבן א ספר תורה אויפן נאמען פון וורקער רבי'ן, ר' שמחה בונים זצ"ל, און פארקויפט „אותיות". נאך א געוויסער צייט איז דער בנין געווען פארטיק, און די ימים־נוראים האט מען שוין געדאַוונט אין אייגענעם וורקער חסידים־„שטיבל".

בעל־שחרית פון ערשן טאג ראש השנה איז געווען ר' אפרים בוינעס, ער האט אויך געבלאזן שופר. דעם צווייטן טאג האט געדאוונט ר' חיים פאטאש און געבלאזן שופר האט ר' אברהם שאפראן. ר' מנשה האלצמאן האט געדאוונט מוספים, כל־נדרי און נעילה. צו די גוטע בעלי־תפילות דארף מען צורעכנען: ר' יעקב הערש ווענגראוו, ר' הערש גלאגאווער, ר' חיים ברוך שאכטער א.א. בעל־קריאה און געלערנט מיט'ן עולם א „שיעור", האט דער גרויסער למדן ר' אברהם שאפראן.



ר' אברהם שאַפראַן, הי"ד.

א גוטער בעל־מנגן און שיינער בעל־תפילה איז אויך געווען דער פריילעכער חסיד, ר' משה מענדל פארבאראוויטש (שוואגער פון משה דראניצא). ווען ער פלעגט צוריקקומען אויף א שבת פון ווארשע אין שטעטל אריין, האט ער מהנה געווען דעם וורקער עולם מיט א ספעציעלן דאווענען און מיט נייע חסידישע ניגונים.

צו די מתפללים ותיקים האבן זיך גערעכנט: ר' פנחס שיקארא, הי"ד, און יבל"א, ר' נתן שראן, ר' משולם גאלאווינסקי (היינט —ביידע אין ישראל) א. אנד.

דאס וורקער „שטיבל" איז געווען אנגעזען אין שטעטל און אין דער סביבה.

ג. יוסף
ישראל

דער „פאַרגעשריטענער" מנין

צווישן די בתי־תפילה אין שטעטל האָט זיך אויך אויסגעצייכנט דער אַזוי־גערופענער „פאַרגעשריטענער" מנין. דער דאָזיקער מנין איז געווען אַן אָריגינעלע שאַפונג פון גאָוואָראָווער יונגעלייט, וועלכע האָבן באַשלאָסן, אַז פאַר זיי איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ צו דאַווענען אין די פאַרשידענע חסידים־„שטיבלעך", וווּ זיי זענען שיקאַנירט געוואָרן צוליב זייער קליידונג, ראַזירן זיך און אפשר אויך צוליב „כאַפּן" אַן איבעריקן שמועס בעתן דאַווענען...

צווישן די מתפללים פון „פאַרגעשריטענעם" מנין (אין שאַפּס פלעגט מען זיי אויך רופן: „גלאַטער" מנין...) זענען געווען פון אַלע קרייזן פון די וועלטלעכע יונגעלייט אין שטעטל, אַנהויבנדיק פון ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען, אומפּאַרטייאישע און אַפילו בונדיסטן. צווישן די שעפער פון דעם מנין זענען געווען: יעקב כשר (דער בעקער), דוד אהרן גרודקאַ, משה דראַניצאַ, יעקב גורקאַ, ווי אויך דער בונדישער טוער יוסל זילבערשטיין. דער נוסח התפילה, ווי אויך די מנהגים פון דעם דאָזיקן מנין זענען געווען אין שטרענגן טראַדיציאָנעלן גייסט (מען האָט אין גאָוואָראָווע נישט געטראַכט וועגן אַ רעפאָרם־מנין...), אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע חסידישע מנינים אין שטעטל. צווישן די שטענדיקע בעלי־תפילות זענען געווען: דוד אהרן גרודקאַ, משה דראַניצאַ, דוד גלאַגאָווער, יעקב גורקאַ און אברהם האַלצמאַן, פון די בחורים, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אויך געדאַוונט אין דעם מנין.

כאָטש דער מנין האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אומפּאַרטייאישן, דאָך איז ער געפירט געוואָרן אין ציוניסטישן גייסט; כמעט אַלע נדרים־געלטער זענען געשעפּנדעט געוואָרן פאַר קק"ל. ביי אַלע געלעגנהייטן האָט מען געשאַפן געלט אויף ציוניסטישע פאָנדן. ביי אַ „קידוש" און אַנדערע שבות'דיקע און יום־טוב'דיקע מסיבות זענען געזונגען געוואָרן ציוניסטישע לידער.

די מתפללים פון דעם „פאַרגעשריטענעם" מנין האָבן זיך גערעכנט פאַר אַ געאייניקטער און געשלאָסענער גרופּע. מען האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען און פון צייט־צו־צייט איינגעאָרדנט פאַרשידענע קולטור־רעליגיעזע אימפּרעזעס. ביי די ערשטע „סליחות" איז שטענדיק פאָרגעקומען אַ „מלוה מלכה", וווּ יעקב כשר האָט שוין געהאַט די טראַדיציע פון צוגרייטן ביי זיך אין דער בעקעריי אַ געבראָטן גענדזל... אויך די „הקפות" זענען פאָרגעקומען מיטן פולן טראַסק, זינגענדיק דערביי אויך נאַציאָנאַלע ניגונים.

דער מנין האָט אויך פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון שטעטל. צו די לעצטע קהלה־וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָענט פאַרן לעצטן

מלחמה־אויסברוך, איז דער דאזיקער מנין דערשינען מיט אן אייגענער ליסטע. דער קאנדידאט פון דער רשימה, משה דראניצא, איז געווײלט געווארן אין דער קהלה־פארוואלטונג, ווו ער האט פארנומען דעם פארזיצער־אמט פון דער שחיטה־אפטיילונג. ער האט געקעמפט אריינצובריינגען דעם ציוניסטישן גייסט אין קהלה־לעבן. האט טאקע אין לעצטן בודזשעט פיגורירט א ספעציעלע פאזיציע פון 200 זלאטעס, ווי א שפענדונג פון דער גאווראוועער קהלה פאר ארץ־ישראל.

דער רוב זיינע מתפללים האָבן געטיילט דעם גורל פון אַלע גאָוואָראָווער יידן. א טייל זענען על־פי נס געראטעוועט געווארן און זיי געפינען זיך אין ישראל און אין אנדערע לענדער.



פון רעכטס: לייבל קאַפּטש (מיטן ראָווער). עס זיצן: זעליג הערצבערג, מאיר גאָלדבערג, יצחק דוד תהילים, דוד גלאָגאָווער, איטשע גלאָגאָווער, שלום פראַסקע, מתתיהו אויסלענדער און משה דראַניצאַ. עס שטייען: יוסל זילבערשטיין, אירל אַפּעלבוים און דוד דהרן גרודקאַ.

יוסף גורקא
ישראל

חדרים און מלמדים

אין זארג פון דער קינדער־דערציאונג, האבן א ריי מלמדים גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו לערנען מיטן יונגן דור תורה און יידישקייט. די דאזיקע מלמדים — אנהויבנדיק פון די דרדקי, ביז צו די גמרא־מלמדים — וועלכע האבן דערצויגן די יוגנט צווישן ביידע וועלט־מלחמות, זענען אונז אלע גוט באקאנט. אלע אן אויסנאם יינגלעך אין שטעטל האבן זייערע חדרים דורכגעמאכט. ווער עס האט זיך באנוגנט מיט א בלעטל גמרא, און ווער עס האט ווייטער פארגעזעצט דאס לערנען אין די ישיבות. די „גירסא דינקותא". וואס ער האט אין חדר באקומען, האט קיינער נישט פארגעסן.

אין די ווייטערדיקע שורות, וועל איך זיך באמיען צו שילדערן די גייסטרייכע געשטאלטן פון די דאזיקע דערציער, אזוי ווי איך געדענק זיי:

דרדקי־מלמדים

די דרדקי־מלמדים פון שטעטל זענען געווען: ר' בערל צירמאַן, וואָס האָט געהאלטן פאר א מצווה יעדן פרייטיק, פארן דערנענטערן זיך פון שבת, אויסצורופן: „יידן אין שול אריין"; ר' יעקל שפרינצעס, וועלכער איז די לעצטע יארן געווארן שמש אין בית־המדרש, און ר' ישעיה נתן קרוק, א ייד א קפדן, פאַר וועמען די יינגלעך פלעגן ציטערן בלויז פאר זיין בליק, בפרט פאר זיין... „קאנטשיק".

צו די אנפאנגער־מלמדים, וועלכע האבן איינגעפלאנצט יידישקייט אין די הערצער פון די קליינע קינדערלעך, האבן אויך געהערט די ברידער: ר' הערש יצחק און ר' יהושע מאלאוואני. זיי האבן געהאט א ספעציעלן צוגאנג צו די קינדער און האבן געלערנט מיט הארץ און נשמה.

ר' אבא'לע פאדגורעוויטש

ר' אבא'לע — מען פלעגט אים אזוי רופן צוליב זיין קליינעם וווקס — איז געווען א חומש־מלמד. דער רוב גאוואראווער יינגלעך זענען דורכגעגאנגען זיין חדר. ער איז געווען א זעלטענער מחנך, דערוועקט רעספעקט ביי זיינע תלמידים און געווען זיי איבערגעגעבן בלב ונפש. ר' אבא'לע האט געזארגט פאר די תלמידים ווי א פאטער; אויך זיין פרוי, די רבי'צין, איז זיי געווען געטריי. די יינגלעך האבן זיי אפגעדינט מיט דעם זעלבן: זיי זענען צו זייער רבי'ן געווען צוגעבונדן און אים זער ליב געהאט. זעלטן ווען ער האט זיך באנוצט מיטן „קאנטשיק".


יארן־לאנג, נאכן פארלאזן דעם חדר, פלעגן זיינע תלמידים האלטן פאר א חוב צו באזוכן זייער באליבטן רבי'ן. ער איז געווען א ירא שמים און שארפער חסיד, פון די אפטע פארערס צום גערער רבי'ן.

ר׳ הערשל גלאגאווער

דער גמרא־מלמד ר׳ הערשל גלאגאווער, אדער, ווי ער איז געווען פאפולער אונטערן נאמען: הערשל „דער יאלד״, איז געווען אליין א ייד א למדן און האט דערוועקט צו זיך רעספעקט, שוין בלויז פאר זיין אויסערלעכן אויסזען. שטענדיק איז ער געווען אנגעטאן אין זויבער־געפוצטע מלבושים, א פיין־פארקעמטע באָרד, און האט מער געמאכט דעם איינדרוק פון א רייכן וואַלד־סוחר, ווי פון א מלמד. זיינע תלמידים זענען געווען יינגלעך, וואס האבן שוין אליין געלערנט גמרא מיט תוספות און זיך געגרייט צו פארן אין דער ישיבה אריין. ר׳ הערשל איז נאך געווען מלמד פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה.

ר׳ ישראל לייב קרוק

א ספעציעל חשובן פלאץ אין דער דערציאונג פון דער גאווראווער יוגנט, האט פארנומען ר׳ ישראל לייב קרוק. ער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם און באשאנקען מיט זעלטענע פעדאגאגישע פעאיקייטן. ער איז אויך געווען א טאלאנטפולער לערער און מדריך, גארנישט ענלעך צו קיין מלמד פון אלטן שניט. ר׳ ישראל לייב האט זיך געהאַלטן מאָדערן און פאַרגעשריטן, און ער האט זיך פאַרמאָסטן צו דערציען זיינע תלמידים אין גייסט פון דער צייט — לויטן מוסטער פון די מאָדערנע תלמוד־תורות. אליין א תלמיד פון די גרויסע ליטווישע ישיבות, האט ער אויך מיט זיינע תלמידים געלערנט לויט ליטווישן „שניט״ — אויפן לומדישן שטייגער. זיין חדר איז געווען א מוסטער פון א ישיבה־קטנה, ביי די גרויסע ליטווישע ישיבות. עס איז געווען א גרויסע זכיה פארן תלמיד, ווען ר׳ ישראל לייב האט אים אריינגענומען צו זיך אין חדר;



ר׳ ישראל לייב קרוק, ז״ל.

און נישט יעדער האט טאקע געקאנט צו אים אנקומען. ער האט געזוכט תלמידים מיט גוטע קאפ און מיט א גוטן ווילן צום לערנען. איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואס דער רוב פון זיינע תלמידים האבן פארגעזעצט זייערע לימודים אין די ישיבות, און די ארומיקע ישיבות האבן זיך אויך גערעכנט מיט זיינע תלמידים.

ר׳ ישראל לייב איז אויך געווען א גרויסער חובב־ציון, פון די גרינדער און פירער פון דער „מזרחי״־באַוועגונג אין שטעטל. נישט קוקנדיק, וואס אין די חסידישע קרייזן האָט מען געקוקט קרום אויפן ציוניזם, און די מזרחיסטן זענען אפילו אין געוויסע פאַלן גערודפ׳ט געוואָרן, דאָך האָט ער שטאַלצירט מיט זיין אָנגעהעריקייט צום „מזרחי״. ער פלעגט פּראָפּאַגאַנדירן פאַרן ציוניזם, פאַרקויפט שקלים, געאַרבעט פאַרן „קרן קיימת לישראל״ און געפירט פלאַמיקע דיסקוסיעס מיט זיינע פריינט פון די אגודיסטישע קרייזן. ר׳ ישראל לייב קרוק איז געשטאָרבן אין די מלחמה־יאָרן.

ר׳ אברהמ׳לע גרודקא

צווישן די גרויסע מלמדים אין גאוואראווע, האָט זיך אויך גערעכנט ר׳ אברהמ׳לע גרודקא. אמאָל איז ער געווען א גרויסער תבואה־סוחר, ווען ער איז אָבער געוואָרן א יורד, האָט ער זיך גענומען צו מלומדות. ר׳ אברהמ׳לע איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם און משכיל, הגם זיין אויסערלעכער אויסזען האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א בטלן. ער איז געווען פול מיט תורה און חכמה, אַ גרויסער בעל־דיקדוק, אַ קענער פון תנ״ך, א בקי אין חקירה־ספרים, געוווּסט אויסנווייניק פּרקים פון „מורה נבוכים״ און כוזרי. ער איז אויך געווען א גרויסער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור, געווען קלאָר אין די ספרי השכלה, זיך פאַראינטערעסירט מיט היסטאָריע, נאַטור־וויסנשאַפט א.א.וו.

ר׳ אברהמ׳לע האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַן הפסקה אינמיטן לערנען און דערציילן די תלמידים די גרויסע וווּנדער פון גאָטס וועלט: וועגן חכמת הפיזיק, כעמיע און אַנדערע וועלטלעכע וויסנשאַפטן. אין די גרויסע ווינטער־אָוונטן, ווען דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט, איז ער טיילמאָל אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע תלמידים אויפן הויף און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף די שטערן, אָנגערופן זייערע נעמען: „מאדים״, די „מרכבה״ א.א.וו. דערקלערט זייער גאַנג און דערביי אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין אַסטראָנאָמיע. וועגן דער מיינונג פון די וויסנשאַפטלער, צי אויפן שטערן „מאדים״ איז דאָ א לעבן, האָט ער געגעבן אַזוי צו פאַרשטיין: אַזוי ווי אויף אונזער וועלט איז די גאַנצע נאַטור גרין, אַזוי איז אויפן שטערן „מאדים״ אַלץ רויט, ווייל דער נאָמען „מאדים״ איז פון וואָרט „אדום״ — רויט. די תלמידים האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון מויל, פון זייער באַליבטן רבי׳ן.

ר׳ אברהמ׳לע האָט זיך נוהג געווען יעדן פרייטיק צו ענדיקן די לימודים מיט א שעה פריער, פאַרמאַכן די גמרא און זיך אַוועקזעצן דערציילן פאַרשידענע געשיכטעס. יעדע וואָך האָט ער זיך אויסגעקליבן אַן אַנדער טעמע. ער פלעגט די תלמידים דערציילן וועגן גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן און היסטאָרישע געשטאַלטן, און דערביי איינגע־פלאָכטן גאַנצע קאַפּיטלען יידישע געשיכטע. צי איז דאָס געווען איבער רבי עקיבא און בר־כוכבא, ווי ער האָט מיט באַגייסטערונג געשילדערט דעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד און די ראָל פון רבי־עקיבא; צי — איבער דער תקופה פון בבל מיט זייערע נשיאים, די געשטאַלטן פון רבי יהודה הנשיא, הלל הזקן א. א.; די מקורות פון די גאונים, די וווּנדערלעכע געשיכטעס וועגן רמב״ם, ווען ער איז געווען הויפּט־דאָקטאָר ביים עגיפּטישן קעניג; די מעשה וועגן „אבן עזרא״, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן און אַרומגערייזט איבער דער יידישער וועלט; די טראַגישע געשיכטעס פון גירוש שפּאַניע, גזרות ת״ח ות״ט א.א.וו.

ווען ער פלעגט דערציילן וועגן ארץ־ישראל, האט ער עס געטאן מיט אזא התלהבות, אז ער האט נישט געוווסט ווען צו ענדיקן. אפטמאל איז ער אפגעזעסן מיט צוויי שעה מער ווי געווינלעך. ער פלעגט זיי איבערגעבן וועגן די טערקישע סולטאנען, ווי אזוי מען האט אנדעקט דעם „כותל המערבי", וואס איז לאנגע יארן געווען פארשאטן מיט מיסט; איבער דער „מערת המכפלה", וואָס קיינער וואַגט נישט אריינצוגיין אינווייניק, ווייל א מיסטישער ווינט יאגט פון דארט ארויס; וועגן דעם „קבר רחל", די קברים פון ר' שמעון בן יוחאי און זיינע תלמידים און די אלע מיסטעריעזע מעשיות, וואס האבן זיך געוועבט ארום די מקובלים פון צפת. ווען ער פלעגט בארירן די טעמע וועגן דער ווידער־אויפלעבונג פון ארץ־ישראל און דער „חיבת־ציון"־באוועגונג, האט ער ממש אויפגעשיינט. ער האט מיט באגייסטערונג גערעדט וועגן דעם באראן ראטשילד, וואס האט געקויפט באָדן און געגרינדעט קאָלאָניעס מיט „לשון־קודש" נעמען; איבער משה מאנטיפיארי, דעם גרויסן יידישן שתדלן, וואס איז געווארן אויפגענומען דורכן מעכטיקן צאר ניקאליי און אויסגעפועלט פארלייכטערונגען פאר יידן, און וועגן זיין טעטיקייט פאר ארץ־ישראל. מיט זיינע דערציילונגען און שמועסן האט ער ביי זיינע תלמידים אריינגעבראכט א גרויסע צוגעבונדנקייט צו דער יידישער געשיכטע, א ליבשאפט צו ארץ־ישראל, צו וויסן און ווען לערנען.

ר' אברהמ'לע האט נישט זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל. ער איז אומגעקומען צוזאמען מיט אלע גאווארצווער קדושים אין דער סביבה פון סלאנים, הי"ד. בלויז זיין זון יהודה מיט זיין טאכטער צפורה האבן נאך באוויזן צו קומען אין לאנד אריין אייניקע יאר פארן מלחמה־אויסברוך. זיין יונגער זון חנא, דער בית"רי, וואס האט א קורצע צייט פאר דער מלחמה זיך געגרייט צו גיין צו פיס קיין ארץ־ישראל, צוזאמען מיט דער „ריפעל־גרופע", האט שוין נישט באוויזן צו פארווירקלעכן דעם טרוים. ער, צוזאמען מיט אלע אנדערע משפחה־מיטגלידער זענען אומגעקומען מיט אלע קדושים, הי"ד.

ר' יצחק רייטשיק

אין די לעצטע יארן איז אויך געווען מלמד ר' יצחק רייטשיק, אדער, ווי מען פלעגט אים רופן: ר' איצעלע. צו מלומדות האט ער זיך גענומען נאכדעם, ווי ער איז געווען געצוווּנגען צו ליקווידירן זיין מאנופאקטור־געשעפט.

ר' איצעלע, א גרויסער למדן, א שטארק־פרומער און אפגעהיטענער ייד, האט זיך באמיט צו דערציען די תלמידים אין זיין גייסט. ער איז געשטארבן אין די מלחמה־יארן.

★


אויסער די אויבן־דערמאנטע „סטאבילע" מלמדים, זענען אויך אין שטעטל געווען „צייטווייליקע", אדער „טיילווייזע" מלמדים, וואס מלומדות איז געווען ביי זיי א נעבן־פרנסה, אדער א סעזאן־באשעפטיקונג.

ר' בצלאל יוסף קארוואט

ר' בצלאל, אדער ווי מען פלעגט אים רופן: „צאלע־יאסל", האט געהערט צו די „טיילווייזע" מלמדים. פאקטיש איז ער געווען א סוחר, ער פלעגט האנדלען מיט פיש, תבואה, פאכטן סעדער א.א.וו. קיין פולע פרנסה איז אבער פון דעם אלעם נישט געווען,

האט ער געמוזט אנקומען צו מלומדות. ער איז געווען א ייד א למדן, מיט א שארפן קאפ און פלינקער תפיסה, וואס האט נישט ליב געהאט לאנג צו טראכטן, נאר באלד ענטפערן, און טאקע צו דער זאך. בכלל איז ער געווען אן אומגעדולדיקער און שנעל־דעצידירנדיקער. ער איז געווען א מסתפק במועט, נישט געזארגט צופיל פאר זיך. ווען ער האט נישט געהאט קיין גרויסן דערפאלג ביי מלומדות, האט ער זיך געווארפן אויף מסחר און — פארקערט. ער פלעגט אויך דערטיילן פריוואטע שיעורים אין גמרא מיט די מפרשים, ביי דעם תלמיד אין שטוב.

ר׳ בצלאל יוסף איז געווען פון די ערשטע קרבנות פון חורבן גאוואראווע. ער איז דערשאסן געווארן באלד אין דעם ערשטן פרייטיק, ווען די דייטשישע מערדער זענען נאר אריין אין שטעטל, הי״ד.




ר׳ בצלאל יוסף קאַרוואַט, הי״ד.

ר׳ יעקב שטשעטשינא

ר׳ יעקב שטשעטשינא, דער איידעם פון ר׳ בצלאל יוסף, איז געווען א „טיילווייזער" מלמד. זיין עיקר־פרנסה האט ער געצויגן פון זיין גאלאנטעריע־געשעפט אויף דער „לאנגער גאס". ר׳ יעקב איז געווען א שיינער, איידעלער ייד, מיט א לאנגער בארד און א שטענדיק שמייכלדיקן פנים מיט פריינטלעכע בליקן. ער האט נישט שטאלצירט מיט זיין מלומדות, ער איז געווען מלמד נאָר צוליב נויט — די קראָם האָט נישט געבראַכט די פולע פרנסה פאר זיין שטוב. און אזוי ווי ער איז געווען א מטופל מיט קינדער, האט ער געמוזט זוכן א צוגאב־פרנסה. א שוואכער אין געזונט, האט ער פיל פון זיינע קענטענישן נישט געקאנט איבערגעבן זיינע תלמידים, און טראץ זיין לומדות און גוטמוטיקייט, איז זיין חדר נישט געווען קיין גרויסער.

גלייך נאך דער שריפה פון שטעטל, איז ר׳ יעקב אוועק קיין אסטראווע. דארט האבן אים די דייטשן געכאפט און געצווונגען צו רייניקן די קלאזעטן מיט די בלויזע הענט. שפעטער האבן זיי אים אָפּגעשוירן אן האלבע באָרד פון דערברייט און איז אזוי


ארומגעגאנגען. די צווייטע האלבע בארד האט ער זיך אליין בשום אופן נישט געוואלט אפשערן. ער איז געשטארבן אין די מלחמה־יארן.



ר' יעקב שטשעטשינא, ז"ל.

ר' יוסף באטשאן

א „צייטווייליקער" מלמד איז אויך געווען ר' יוסף באטשאן, דער אייניקל פון אלטן גאוואראווער רב, דעם „ושב הכהן" און איידעם פון ר' יהודה שייניאק. ר' יוסף איז אייגנטלעך געווען א תבואה־סוחר, נאר, אזוי ווי פון דעם האנדל האט ער קיין פולע פרנסה נישט געהאט, האט ער אפט זיך אויך באשעפטיקט מיט מלומדות. ער איז געווען באקאנט אלס תלמיד־חכם און משכיל און זיך גערעכנט פון די אנגעזעענע בעלי־בתים אין שטעטל.



ר' יוסף באטשאן, ז"ל.

אין גאוואראווע זענען אויך געווען „מלמדים־מגידים״, וואס מלומדות און דרשות זענען ביי זיי געווען צוזאמענגעפארט; זיי האבן זיך באנוצט מיט ביידע כתרים.

ר׳ אהרן אהרנסאן

ספעציעל בארימט און באקאנט איבערן לאנד איז געווען ר׳ אהרן אהרנסאן, מחבר פון ספרי דרוש. מערסטנטייל פלעגט ער ארומפארן איבער שטעט און שטעטלעך פון פוילן און האלטן זיינע דרשות, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הארציקייט און פאלקסטימלעכקייט. מאסן מענטשן פלעגן זיך פארזאמלען אין די בתי־מדרשים פון יעדער שטעטל, ווען ר׳ אהרן האט גערעדט. זיינע מעשיות און משלים זענען געווען א שם־דבר אין דער מגידישער וועלט, און נישט איינער פון די בארימטע מגידים, פלעגט נאכזאגן זיינע דרשות און אפט זיך באנוצן מיט זיינע מעשיות און משלים, וועלכע האבן שטענדיק אויסגענומען ביים עולם.

איך דערמאן זיך אין א כאראקטעריסטישן פאל: איינער פון זיינע זין, וואס איז געווען אידעאיש סאָציאַליסטיש געשטימט און ווייט פון צו זיין רעליגעז, פלעגט פון צייט צו־צייט ווערן „אן אנדערער״. ער האט זיך דאן פארלאזט א בארד. ארומגעפארן עטלעכע חדשים איבערן לאנד און נאכגעזאגט זיין פאטערס דרשות. ער האט די דרשות געהאלטן מיט אזא טאלאנט, אז עס איז געווען שווער צו אונטערשיידן פון טאטן ביזן זון. ווען דער שרייבער פון די שורות האט געהאט געלערנט אין איינער פון די ישיבות, ווייט פון גאוואראווע, האט ער צופעליק בייגעוווינט ר׳ אהרנס זונס א דרשה. עס איז כדאי צו ציטירן זיינס א ווערטל, וואס ער האט אריינגעפלאכטן אין א דרשה און האט כאראקטעריזירט דעם רעוואלוציאנערן „עמך״־גייסט: דעם „שיר הכבוד״, וואס מען זאגט שבת נאכן דאווענען, און הויבט זיך אן מיט די ווערטער „אנעים זמירות ושירים ארוג״, האט ער געטייטשט, אז דאס איז געזאגט געווארן אויף משיח׳ס צייטן; ווען משיח וועט קומען, וועט זיין „עניים זמירות״ — די ארימעלייט וועלן זינגען „זמירות״, „והעשירים אהרוג״ — די גבירים, וועלכע האבן זיך נישט גערעכנט מיטן ארימאן, אים געדריקט און נישט געהאלפן, וועלן זיך דאן קיין ארט נישט קאנען געפינען און וועלן געהארגעט ווערן...

ר׳ אהרן פלעגט פארלאזן דאס שטעטל נאך פסח, און זיך צוריקקערן פון זיינע וואנדערונגען איבער די פוילישע שטעט און שטעטלעך, ערשט אין א יאר ארום, צום אנדערן פסח. ווען עס האט זיך אים געגלוסט צו בלייבן א יאר צייט מיט זיין משפחה, האט ער זיך איינגעשאפט אייניקע תלמידים און איז געווארן מלמד. זייענדיק א שטענדיקער אביון, האט ער קיין גרויסע אספיראציעס נישט געהאט און זיך באנוגנט מיט יעדער צאל תלמידים. אין די פרייע שעה׳ן האט ער זיך באשעפטיקט מיטן שרייבן זיינע דרוש־חיבורים. ר׳ אהרן איז אומגעקומען, ווארשיינדלעך, אין לאמזשע, ווו איינער פון זיינע זין איז געווען חזן־שוחט.

ר׳ וועלוול יאגאדניק

נאך א „מלמד־מגיד״ האט גאוואראווע פארמאגט, און דאס איז געווען ר׳ וועלוול יאגאדניק, אדער ווי מען האט אים גערופן „וועלוול ברייזשניער״. ר׳ וועלוול, א הויכער געזונטער ייד, מיט ברייטע פלייצעס, א שארפן בליק און א גרויסן לומדישן שטערן, איז געווען א מלמד פון מיטעלע יינגלעך, וואס האבן נאר־וואס אנגעהויבן לערנען גמרא.

כאָטש א ייד א למדן, מיט ברייטע קענטענישן אין וועלטלעכע זאַכן, דאָך האט ער זיך געהאלטן באשיידן, נישט ליב געהאט זיך צו „שטופן", נישט געמישט זיך אין פאליטיק, און נישט געווען קיין שארפער חסיד, נאר א פשוט׳ער „עמך"־מענטש. דערפאר איז ער געווען זער איבערגעגעבן זיינע תלמידים. מיט זיי האט ער שוין דווקא א סך געשמועסט, געפּרעדיקט מוסר, זיי דערצויגן ליב צו האבן די תורה, צו ווען לערנען און צו זיין ערלעכע יידן.

א לענגערע צייט איז ר׳ וועלוול ארומגעפארן איבערן לאנד, געהאלטן דרשות, און געררופן דעם עולם צו זיין גוט און פרום. ער האט זיך געהאלטן פאר א שטיקל „סאציאליסט" און אין זיינע דרשות האט ער געפּרעדיקט פאר צדק, יושר און גלייכהייט, און, חלילה, איינער טאר דעם צווייטן נישט אויסנוצן. ר׳ וועלוול איז אויך געווען פון די ערשטע קרבנות אין שטעטל. ער איז דורך די דייטשן דערשאסן געווארן נעבן זיין הויז, אין דעם ערשטן פרייטיק פון זייער ארייננמארש.

ר׳ אבא׳לע ליכטמאן

צו די שטעטלדיקע מלמדים מוז מען אויך צורעכנען ר׳ אבא׳לע ליכטמאן, וועלכער האט א סך יארן „געקנעלט" מיט קינדער. ער איז געווען א ייד א יודע ספר און א גוטער בעל־מנגן. אייניקע יארן איז ער אויך געווען בעדער. די לעצטע יארן האט ער איפּגעגעבן ביידע זיינע „פאכן" און איז געווארן א בעל־עגלה אויף דער ליניע: גאווארַאווע—רוזשאן. פון אלע זיינע פרנסות, איז ער געווען א שטענדיקער קבצן.

ר׳ לייבקע שמעלץ

לאנגע יארן האט זיך אויך פארנומען מיט מלומדות ר׳ לייבקע שמעלץ. ער איז געווען אן הייסער אלעקסאנדער חסיד און אפט געפארן צום רבי׳ן. ראש־השנה און יום־כפור פלעגט ער דאווענען פארן עמוד. א געוויסע צייט איז ער אויך געווען גבאי. א ייד א בעל־טובה און בעל־צדקה. די לעצטע יארן איז ר׳ לייבקע געווען בעדער אין שטעטל.



ר׳ לייבקע שמעלץ, הי"ד.

יעקב גורקא
ישראל

„כשר'ע" חדרים

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער צייט פון רוסישן קיסר „עליו השנאבל", האבן אין גאווראַוואָ עקזיסטירט 3 „כשר'ע" חדרים פאר קינדער, אין דריי „טריפ'ענע" חדרים. לאכט נישט רבותי, עס איז טאקע א קוריאָז, אבער אזוי איז עס געווען למעשה.

פאַ־וואס „כשר" און פארוואס „טריף"? וועל איך אייך דערציילן:

ביי דער רוסישער הערשאפט איז געווען א געזעץ, אז אין יעדן חדר אדער שולע, ווו עס לערנען קינדער, מוזן הענגען די בילדער פון קיסר און פון זיין ווייב, און מען מוז לערנען די תלמידים 2 שעה אין טאג די רוסישע שפראך און גראמאטיק. צווישן די עלטערן זענען געווען אזעלכע, וואס האבן, בלית ברירה, מסכים געווען מען זאל לערנען מיט די קינדער אביסל רוסיש. אבער עס זענען אויך געווען אזעלכע טאטעס, וואס האבן געזאגט: „יהרג ואל יעבור"; בשום אופן האבן זיי נישט געוואלט דערלויבן מען זאל לערנען מיט זייערע קינדער „גויאיש". דעריבער האבן זיך געשאפן צוויי סארטן חדרים: די „כשר'ע" — מיט די מלמדים יעקל שטשעטשינא, הערשל „דער יאלד", און יאסעלע מלמד, און די „טריפ'ענע" — מיט די מלמדים מענדעל דער לאמער, ניסקע, און אבא'לע.

אלו ואלו, סיי די „כשר'ע" און סיי די „טריפע'נע", האבן געמוזט געבן דעם קריסטליכן דירעקטאר פון דער שולע, סטאַנקיוס, אין „האנט" אריין, כדי ער זאל נישט דערציילן דעם רוסישן אינספעקטאר, וואס עס טוט זיך ביי זיי. פון די „טריפ'ענע" חדרים האט זיך סטאנקיוס אינגאנצן פאַרהוילן, כאילו ווי זיי עקזיסטירן נישט, און די „כשר'ע" — האט ער, א טאג פארן קומען פון אינספעקטאר, געמוזט אנזאגן די מלמדים, און זיי האבן פיין צוגערוימט די חדרים, אויפגעהאַנגען די בילדער פון קיסר און קיסערינע, און אין דער שעה, ווען דער אינספעקטאָר אין געקומען, האָט מען אוועקגעזעצט דעם יידיש־רוסישן לערער קאווקעוויטש מיטן ווייב, און זיי האבן מיט די קינדער אפגעזאגט די תפילה לכבוד דעם קיסר, און געלערנט אביסל רוסיש.

געווען א צייט ווען די „כשר'ע" חדר־קינדער, האבן געמוזט טאקע יעדן טאג, 2 שעה, באזוכן די אלגעמיינע שולע און לערנען וועלטלעכע לימודים. דאס איז געווען באשטימט צווישן 11 און 1 מיטיק־צייט. די דאזיקע קינדער האבן שפעטער געמוזט אפגעבן דעם „חוב" אין חדר, און האבן דערפאר געלערנט ביז 10 ביינאכט.

דער לערער יעקב קאווקעוויטש און זיין פרוי, זער אינטעליגענטע מענשן, האבן אליין געשטרעבט צו פארשפרייטן בילדונג אין שטעטל. אבער זיי זענען געצווונגען געווען צו טאן דעם ווילן פון די פרומע בעלי־בתים. דאס לערער־פּארל האט זיך אויך באשעפטיקט מיט געבן פריוואטע לעקציעס פאר ייִנגלעך און מיידלעך אין די הייזער פון זייערע עלטערן. זייער זון לאזאר קאווקעוויטש, שוין א געבוירענער אין גאווראַוואָ, איז אויך שפעטער געווארן א לערער פון יידיש און רוסיש. די קאווקעוויטש־משפחה איז געווען אין שטעטל ביז ד'ער גרויסער שריפה. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען זיי שוין מער קיין גאוואראוואָ נישט צוריקגעקומען.

יוסף גורקא
ישראל

ישיבה־לייט

נאכן ערשטן וועלט־קריג, ווען עס האט זיך צוריק אנגעהויבן סטאביליזירן דאס יידישע לעבן אין שטעטל, האבן פיל עלטערן געשיקט זייערע קינדער לערנען אין ישיבות. די ערשטע ישיבה־שוואלבן זענען געווען: משה סארנע, אהרן שראן, בונם שאפראן, אברהם האלצמאן און משה אהרן גראנאט. הגם זיי זענען שפעטער נישט געבליבן אין די רעליגיעזע ראמען, דאך האט זייער ישיבה־דערציאונג געהאט אויף זיי א גרויסע השפעה. די אויפגעלעבטע עמאנציפאציע, די נאציאנאלע־און רעוואלוציאנערע־באוועגונגען אויף דער יידישער גאס, האבן מיטגעריסן א סך ישיבה־בחורים און תורה־לערנער און זיי אריינגעווארפן אין געזעלשאפטלעכן לעבן. זיי, די ישיבה־לייט, האבן געהאלפן אויפשטעלן כמעט אלע פארטיי־פאליטישע און קולטורעלע באוועגונגען אין שטעטל. זיי זענען אויך געווען די פירער און די דערציער פון די יונגט־ארגאניזאציעס. די „גירסא דינקותא" האט זיך שטענדיק ביי זיי ארויסגעהויבן.

מיט דער אריינדרינגונג פון די נאווארעדאקער ישיבות אין פוילן, די א. ג. „מוסרניקעס", האבן זיך אזעלכע ישיבות אויך געגרינדעט אין די שטעט נישט ווייט פון גאוואראָווע, ווי: אסטראווע, אסטראלענקע, פולטוסק, ווישקאווע א.א. די ראשי־ישיבות און מנהלים, וועלכע זענען ארומגעפארן איבער שטעט און שטעטלעך צו ווערבירן תלמידים, האבן אויך באזוכט גאוואראווע. זיי האבן געפירט א גרויסע אויפקלערונג צווישן דער יוגנט, און האבן טאַקע ווערבירט אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע. שוין אין די יארן 5—1924 זענען די בעסערע תלמידים פון ר' ישראל לייב'ס חדר אוועקגעפארן אין דער אסט־אווער ישיבה, און נאך זיי האט זיך אנגעהויבן א גרויסע ישיבות־באוועגונג, וואס האט ארומגענומען א באדייטנדיקן טייל פון דער אונטערוואקסנדיקער יוגנט.

מענדל שטערן

פון די ערשטע גאוואראווער בחורים, וועלכע זענען געפארן אין דער נאווארעדאקער ישיבה, איז געווען מענדל שטערן, דער זון פון ר' שלמה שטערן. ער איז געווען איינער פון די בעסטע תלמידים און א גרויסער בעל־מוסר. אין די לעצטע יארן האט ער פארנומען א גרויסע פאזיציע אין דער נאווארעדאקער ישיבה וועלט. ער פלעגט ארומפארן און גרינדן ישיבות און אליין געדינט א ריי יארן אלס ראש־הישיבה, פון אזא ישיבה, וואס ער האט אליין געשאפן. ר' מענדל שטערן אין אומגעקומען אין די מלחמה־יארן, הי"ד.

פישל קרולעוויטש

פישל, דער זון פון ר' חיים קרולעוויטש, פון דער קליינער מיל, האט זיך גערעכנט

אלס איינער פון די בעסטע בחורים פון דער צענטראלער נאוואַרעדאקער ישיבה אין ביאַליסטאָק. ער איז געווען א גרויסער למדן, באַקאַנט אלס מחדש חידושי תורה, געזאָגט פלפולים, און איז אויך געווען באַהאַוונט אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור. פישל קרולעוויטש איז געשטאָרבן צוויי יאָר פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה און האָט געלאָזן א סך כתבים און חידושי תורה אויף ש״ס, ווי אויך שירים אין עברית.

ירחמיאל ווערמאַן

ר׳ זלמן ווערמאַנס זון, ירחמיאל, איז געווען איינער פון די בעסטע ישיבה־בחורים, וואָס גאוואַראַווע האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט געלערנט אין א סך ישיבות און אומעטום האָט ער זיך אויסגעצייכנט און אַרויסגעהויבן. ער איז געווען א גרויסער מתמיד, געזעסן כמעט טאָג און נאַכט און געלערנט און דערצו איז ער נאָך געווען שטאַרק פרום; זיין אויסערלעך אויסזען — א טיפּיש־חסידישער, מיט א באָרד און פּאות. (גאַוואַראַווע האָט זיך גערעכנט פאַר אַן האַלב־ליטוויש שטעטל, און זעלטן ווער פון די ישיבה־בחורים איז געגאַנגען אין חסידישער הלבשה, מיט באָרד און פּאות. ס׳רוב זענען זיי געווען מאָדערן געקליידעט, לויטן ליטווישן סטיל).

ירחמיאל האָט געלערנט אין א סך ישיבות, צווישן זיי אין ביאַליסטאָק און לאָמזשע. אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען א תלמיד פון לובלינער רב, ר׳ מאיר שאַפּירא זצ״ל. ווען דער לובלינער רב האָט געגרינדעט די באַרימטע „ישיבת חכמי לובלין״, האָט ער זיך צוגעקליבן תלמידים פאַר זיין ישיבה פון די בעסטע עלוים פון אַלע ישיבות אין פּוילן. ירחמיאל האָט געהערט צו זיי און ער האָט געהאַט דעם כבוד צו לערנען אין דער דאָזיקער ישיבה. ער איז אומגעקומען אין שטשיגאָווע, וווּ ער האָט געוווינט די לעצטע יאָרן נאָך זיין חתונה, הי״ד.

משה מאַזעס

משה מאַזעס, דער זון פון ר׳ ניסקע דעם שוחט, איז אויך געווען פון די בעסטע ישיבה־בחורים אין שטעטל און א גרויסער תלמיד־חכם. זייענדיק נאָך א יונגערמאַן, האָט מען אים געוואָלט אויפנעמען אלס רב אין שטעטל וואַנסעווע, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם עול הרבנות. נאָך דער חתונה איז ער געוואָרן אַ גרויסער תבואה־סוחר. ער איז אויך געווען אַן עסקן אין דער „צעירי אגודת ישראל״. ער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע, צוזאַמען מיט זיין פרוי סימע, די טאָכטער פון ר׳ חיים פּאַטאַש, און זייערע קינדער.

יצחק שאַפּראַן

דער יונגסטער פון דער דאָזיקער גרופּע איז געווען יצחק שאַפּראַן, דער זון פון ר׳ אַברהם שאַפּראַן. פון אָנפאַנג האָט ער געלערנט אין נאָוואַרעדאַקער ישיבות, שפּעטער — אין דער לאָמזשער ישיבה און די לעצטע יאָרן — אין חסידישע ישיבות אין וואַרשע, וווּ ער האָט באַקומען „היתר הוראה״. יצחק, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, איטשע, איז געווען חוץ א בן־תורה, אויך א פּאָליטיש־אָרטאָדאָקסישער עסקן און געזעלשאַפטלעכער טוער. ער איז געווען פון די גרינדער פון דער „צעירי אגודת ישראל״ אין שטעטל,

געשטאנען בראש פון „בית יעקב", „בנות אגודת ישראל" א. אנד. איטשע האט זיך געראטעוועט פון פוילן דורך ווילנע און יאפאן און געפינט זיך איצט אין אמעריקע, ווו ער פארנעמט א רבנות־אמט.

יחיאל ניימאַן

יחיאל, דער זון פון ר׳ יעקל דוד ניימאַן, דעם שפּיליטער, האָט זיך נאָך אין די פריע יוגנט־יארן צוריקגעקערט פון די ישיבות. ער האט פארגעזעצט לערנען אין אטוואצקער „שטיבל" און גלייכצייטיק צוגעהאלפן דעם פאטער אין פרנסה. יחיאל איז אויך געווען געזעלשאפטלעך טעטיק אין די „אגודה"־קרייזן. ער איז אומגעקומען אויף פארשיקונג אין סאוויעט־רוסלאנד.

ירחמיאל דראָזד

ירחמיאל דראזד, דער זון פון גרויסן למדן און חסיד ר׳ יהושע מרדכי, האט אויך געלערנט אין פארשידענע נאווארעדאקער ישיבות, ביז ער איז מאביליזירט געווארן אין דער פוילישער ארמיי. ווען ער איז באפרייט געווארן פון מיליטער, האט ער זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט אין די ישיבות, נאר מיטגעהאלפן דעם פאטער אין זיין פרנסה, אין דער קליינער מיל. ווען עס האט זיך ארגאניזירט אין שטעטל דער „החלוץ המזרחי", איז ער געווען אקטיוו אין דער „מזרחי"־באוועגונג. ירחמיאל דראזד, צוזאמען מיט זיין גאנצער פאמיליע, זענען אומגעקומען צווישן די קדושים פון די מלחמה־יארן, הי״ד.

★

די אויבן־דערמאנטע גרופּע ישיבה־בחורים, האבן צוגעברענגט צו א רעוואלוציע אין לעבן פון דער אונטערוואקסנדיקער רעליגיעזער יוגנט. די גרעסערע יינגלעך, וועלכע האבן פארענדיקט דעם חדר, האבן געזען פאר זיך נאר איין תכלית און אידעאל — צו פארן אין ישיבות. אין אייניקע שטובער זענען פארגעקומען קאמפן צווישן די קינדער מיט די עלטערן, וועלכע האבן זיך קעגנגעשטעלט, אז זייערע זין זאלן ווערן „באנק־קוועטשערס". זיי האבן בעסער געוואלט, אז זיי זאלן זיך לערנען וועלכע עס איז מלאכה, אדער גאר צוהעלפן דעם פאטער אין פרנסה. אבער די קינדער, וואס האבן געהאלטן ביים לערנען, האבן זיך מתקנא געווען אין דער ערשטער גרופּע און האבן אויך, ווי זיי, געוואלט פארן „אין דער פרעמד" לערנען, און נאך א „זמן" קומען א היים אויף יום־טוב, אנגעזאפט מיט תורה און ישיבה־גייסט.

די באוועגונג האט געבראכט דערצו אז אין יאר 1926 זענען פון שטעטל ארויסגעפארן אין די אַרומיקע ישיבות לערנען, עטלעכע צענדליק יוגנטלעכע. בלויז קיין ווישקאווע זענען געפארן איבער צען יינגלעך, צווישן זיי אויך דער שרייבער פון די שורות. און ענלעכע צאל איז אויך געפארן קיין לאמזשע. צו דער צווייטער גרופּע האבן געהערט פאלגנדיקע תלמידים:


שמעון טייטעלבוים

שמעון, דער זון פון משה טייטעלבוים, דעם רימער, האט זיך קעגן דעם ווילן פון זיינע עלטערן, ארויסגעריסן פון דער היים און אוועק קיין ווישקאווע אין דער ישיבה, ווו מען האט אים גערן אויפגענומען צוליב זיין גוטן קאפּ אין לערנען. שמעון האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איידלקייט און התמדה צום לערנען. ער איז געווען זער חבר׳יש

און האט געהאלפן שוואכערע תלמידים מאכן די שעורים. די ישיבה האט זער געזארגט פאר אים. וויסנדיק פון וואספאר היים ער שטאמט און ווי אזוי ער איז געקומען צו זיי. שפעטער איז ער געפארן אין גרעסערע ישיבות, און די לעצטע יארן — אין ביאליסטאק. מעגלעך, אז צוליב זיין שוואכן געזונט־צושטאנד האט ער נישט געטארט זיין אין דער פרעמד, בפרט ביי שווערע פאר אים לעבנס־באדינגונגען. אין יאר 1938 איז ער ערנסט קראנק געווארן און געשטארבן.

חיים קאסאווסקי

חיים קאסאווסקי איז געווען דער נאענסטער חבר פון שמעון טייטעלבוים ביי ר׳ ישראל לייבן אין חדר. זיי זענען געווען א „פאר״, וואס האבן געלערנט צוזאמען און ר׳ ישראל לייב האט תמיד שטאלצירט מיט די דאזיקע צוויי בעסטע תלמידים זיינע. ער האט זיי שטענדיק גענומען פאר א ביישפיל, אונטערשטרייכנדיק חיים׳ען, אלס זון פון ר׳ איטשע קאסאווסקי, דעם רייכן האלץ־סוחר, און שמעונ׳ען, דעם זון פון משה טייטעלבוים, דעם רימער... חיים איז נישט געפארן אין די קליינע נאווארעדאקער ישיבות, ווו מען האט געדארפט עסן „טעג״ און אפטמאל שלאפן אויף די בענק אין בתי־מדרשים. זיינע עלטערן האבן אים געשיקט אין דער גרויסער לאמזשער ישיבה אויף זייער חשבון. אזוי האט חיים פארגעזעצט זיינע לימודים אייניקע יארן אין דער לאמזשער ישיבה, ווו ער איז אויסגעוואקסן א למדן און ירא־שמים. ער איז געווען מאָדערן געקליידעט און אויך געלערנט וועלטלעכע בילדונג. נאכן צוריקקערן זיך אין שטעטל, האט ער צוגעהאלפן דעם פאטער פירן זיינע געשעפטן און איז אויך געווען טעטיק אין דער



עס שטייען, פון רעכטס: חיים קאָסאָווסקי, הי״ד, פישל קרולעוויטש, ז״ל און ירחמיאל דראָזד, הי״ד.
עס זיצן: יחיאל ניימאַן, ז״ל, און יבל״א יצחק שאַפּראַן.

„צעירי אגודת ישראל". קורץ פאר דער מלחמה האט ער חתונה געהאט קיין לאמזשע, מיט דער טאכטער פון דער באקאנטער פאמיליע הענדליש, פון דער מאנופאקטור־בראנזשע, און איז אומגעקומען צוזאמען מיט אלע לאמזשער יידן, הי"ד.

יהושע לייבמאַן

א אינטערעסאנטער טיפ צווישן די ישיבה־בחורים איז געווען יהושע לייבמאן, דער זון פון ר' חיים לייבעלע און חנה איטע, וועלכע זענען געווען גרויסע ארעמע־לייט. יהושע, האט שוין אלס אכט־יעריק ייִנגל געשמט פאר אן עלוי. זיין פאטער, וואס איז געווען א שארפער געַרער חסיד, האט אים אויך געוואלט דערציען אין דעם גייסט. האט ער אים פארלאזט לאנגע פאות (זעלטן אין גאוואראווע), און אים אנגעטאן א לאנגע קאַפּאָטע מיט אַ גאַרטל. צו צען יאָר איז שוין יהושע געוואָרן אָנגענומען אין ישיבה און במשך פון איין „זמן" געשפרונגען צוויי כתות און שוין געלערנט מיט דערוואקסענע בחורים צוזאמען.

שפעטער האט יהושע אנגעהויבן לייענען וועלטלעכע ביכער, נישט געוואלט מער לערנען און זיך געחבר'ט מיט ייִנגלעך, וואס זענען ווייט געווען פון די ישיבה־קרייזן. די פרומע עלטערן האבן פון אים פיל געליטן און אים ממש פון דער שטוב פאַריאָגט. ער האט אויפגעהערט צו זיין רעליגיעז, זיך געחבר'ט שוין מיט די „לינקע" קרייזן און געשטאנען נאענט צו דער אומלעגאלער קאמוניסטישער פארטיי. זיי האבן אים באַזאָרגט מיט „רויטער" ליטעראַטור, וועלכע ער פלעגט לייענען ביי זיין פעטער מאיר וואָלף תהילים אויפן בוידעם. נישט האבנדיק זיך ווו אהינצוטאן, האט ער באשלאסן צו ווערן זעלבשטענדיק, און זיך לערנען וועלכן עס איז פאך.

אין א געוויסן טאג איז געקומען א ראדיקאלער איבערברוך אין זיין לעבן — ער האט באַשלאָסן צו ווערן א בעל־תשובה, אין פולן זינען פון וואָרט. ער איז אוועק אין דער באַרימטער „מוסר־ישיבה" אין מעזריטש, ווו ער האט זיך מתוודה געווען פאר ר' דוד בליאכער (באקאנט אלס גרויסער בעל־מוסר), און געפאדערט פון אים א „תיקון". יהושע האט אויך זיך גענומען „שמירת הדיבור" (בכלל נישט רעדן מיט קיין שום מענטשן), עטלעטע יאר, געשלאפן נישט אין קיין בעט (א שטיקל צייט — מיט א שטיין צוקאפנס), לערנען יומם ולילה און בכלל זיך דערווייטערן פון די תענוגי עולם הזה. ער איז געווען געדולדיק און אנטשלאסן און האט אלעס אויסגעפירט, ווי ער האט זיך אנגעצייכנט. אין משך פון דער צייט איז ער אויסגעוואקסן א גרויסער תלמיד־חכם און איז געוואָרן גאר שטארק פרום.

יהושע איז שוין אליין ארומגעפארן איבער פארשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן און געגרינדעט ישיבות, און די לעצטע צוויי יאר פאר דער מלחמה איז ער אליין געווארן א ראש־ישיבה. עס איז אינטערעסאנט צוצוגעבן, דאס אין משך פון די דאזיקע יארן, האט ער קיין איין מאל נישט באזוכט גאוואראווע; ער האט זיך נישט געוואלט דערמאנען אין די נישט פאר אים אנגענעמע צייטן. דאקעגן האט ער געשיצט זיינע עלטערן און פאמיליע, און האט אראפגענומען צו זיך זיינע צוויי יונגערע ברידער. די גאנצע פאמיליע לייבמאן איז אומגעקומען אין די מלחמה־יארן, הי"ד.

מרדכי אהרנסאן

מרדכי, דער זון פון דעם מגיד־מלמד ר׳ אהרן אהרנסאן, איז געווען פון די אויסגעצייכנטע תלמידי הישיבה. ער האט אלע יארן ביז צום מלחמה־אויסברוך, געלערנט אין פארשידענע ישיבות, ספעציעל אין ביאליסטאק און אין לאמזשע. ער איז געווען א גרויסער מתמיד און בקי, און האט, ווי זיין פאטער, זיך אויסגעצייכנט מיט א רעדנער־טאלאנט. מרדכי פלעגט שוין האלטן מאדערנע פארטראגן און מען האט אים פאראויס־געזאגט א גרויסע צוקונפט. אין די מלחמה־יארן האט מען אים געזען אין סאמארקאנד (אוזבעקיסטאן — רוסלאנד). זיין ווייטערדיקער גורל איז נישט באוווסט.

נתן לעווקאוויטש

נתן לעווקאוויטש איז געווען פון די גוטע תלמידים אין דער ישיבה. מען האט געהאפט, אז ער וועט אויסוואקסן א גרויסער למדן. נאך אין די יונגע יארן האט ער זיך אבער דערווייטערט פון דער ישיבה און איז אריינגעטרעטן אין אלגעמיינעם „החלוץ". נתן איז נאך פאר דער מלחמה אוועק קיין ארץ־ישראל, וווּ ער געפינט זיך ביז היינט צו־טאג.

דוד פרידמאן

דוד האט שוין צו צען יאר אויפגעהערט לערנען אין חדר, ווייל זיין מוטער, חנה פרידמאן, די אלמנה, האט נישט געהאט צו צאלן פאר אים קיין שכר־לימוד. זי האט אים געשיקט לערנען פאר א פריזיער און האט שוין פארדינט צו ביסלעך געלט. צו 12 יאר האט ער אבער רעוואלטירט און זיך גענומען צוריק צום לערנען. ער איז אריין צו אברהמ׳לען אין חדר, וווּ ער האט זיך גוט אויסגעצייכנט אין לערנען. צו 13 יאר איז ער אוועק אין ישיבה, וווּ ער איז געווען פון די בעסטע תלמידים. ער האט געלערנט אין א סך ישיבות, און די לעצטע יארן — אין דער נאווארעדאקער ישיבה אין ווארשע, וווּ ער האט באקומען „היתר־הוראה". ער האט חתונה געהאט פאר דער מלחמה, געוווינט אין ווארשא און איז דארט אומגעקומען, הי״ד.

שלמה מאריאנסקי

שלמה, דער זון פון גאווראוואער חזן־שוחט ר׳ חיים לייב מאריאנסקי, האט אלע זיינע יארן, ביז קורץ פאר דער מלחמה, געלערנט אין דער לאמזשער ישיבה, וווּ ער איז אויסגעוואקסן א למדן. ווען ער איז צוריקגעקומען א היים, האט ער זיך געלערנט ביי זיין פאטער שחיטה. ער איז אויך געווען באשאנקען מיט א שיינער שטימע און געטרוימט, אחרי מאה ועשרים, צו ווערן חזן־שוחט אין שטעטל. אין די מלחמה־יארן איז ער צוזאמען מיט זיין פאמיליע, געווען אין זעמבראווע, וווּ זיי זענען אלע אומגעקומען, הי״ד.

די ברידער יודל און מאטקע ריץ

יודל און מאטקע האבן געלערנט אין פארשידענע ישיבות. זיי זענען געווען פון די רייכסטע קינדער אין גאווראווע. זייער פאטער, ר׳ איסר ריץ, א שארפער גערער חסיד, איז געווען דער מיטאייגנטימער פון דער גרויסער מיל אין שטעטל.


נאך א געוויסער צייט האבן זיי זיך צוריקגעקערט פון די ישיבות, ארייננעטרעטן אין בית״ר, און געהאלפן פירן די מיל־געשעפטן. זיי, צוזאמען מיט דער גרויס־פארצווייגטער פאמיליע, זענען אלע אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשן. פון דער גאנצער משפחה־ריק, איז קיין זכר נישט געבליבן, הי״ד.

מאיר ווערמאן

ר׳ זלמן ווערמאנס צווייטער זון, מאיר, האט אויך לאנגע יארן געלערנט אין פארשידענע ישיבות. אייניקע יאר פאר דער מלחמה האט ער זיך צוריקגעקערט אין שטעטל און געווארן א שפיליטער. ער פלעגט טעגלעך פארן קיין ווארשע און צוריק. מאיר איז געווען טעטיק אין „החלוץ המזרחי״. ער איז אומגעקומען אין די מלחמה יארן צוזאמען מיט זיין פאמיליע, הי״ד.

משה גאלאנט

משה, דער זון פון ר׳ אברהם גאלאנט, איז געווען אן איידעלער בחור. צוליב זיין שוואכן געזונט־צושטאנד, האט ער קיין סך יארן נישט געלערנט אין די ישיבות. ער האט צוגעהאלפן זיין פאטער אין געשעפט און זיך געהאלטן צווישן די רעליגיעזע קרייזן. ער איז אויך געווען טעטיק אין דער „צעירי אגודת ישראל״. אומגעקומען צוזאמען מיט זיין פאמיליע, הי״ד.



עס שטייען, פון רעכטס: שלמה געלבאַרד (יהושע ראָזענ׳ס איידעם), ז״ל, אהרן יהודה באַטשאַן (אור אייניקל פון ביידע גאָוואָראָווער רבנים, קלעפפיש—באַטשאַן), און מרדכי אהרנסאָן.
עס זיצן: שלמה מאַריאַנסקי, הי״ד, און יבל״א יעקב מאָזעס און יוסף גורקאַ.

יעקב מאזעס

יעקב, דער צווייטער זון פון ר׳ ניסקע מאזעס, דעם שוחט, איז געווען פון די לומדישע בחורים אין שטעטל. ער האט געלערנט אין די גרויסע ליטווישע ישיבות, די לעצטע יארן — אין דער קלעצקער ישיבה. ער, צוזאמען מיט זיין פאמיליע, געפינען זיך היינט אין אמעריקע.

יוסף גורקא

דער שרייבער פון די שורות, דער זון פון ר׳ מרדכי גורקא, פון די שארפע גערער חסידים, האט פיל יארן, כמעט ביז צום מלחמה־אויסברוך, געלערנט אין פארשידענע ישיבות אין פוילן, צווישן זיי, אייניקע יארן אין ווארשע. ער געפינט זיך היינט אין רמת־גן, ישראל, וווּ ער איז טעטיק אין „הפועל־המזרחי״. ער איז אויך קארעספאנדענט אין „הצפה״ און ארבעט מיט סטאביל אין „ידיעות רמת־גן״.

אביעזר בורשטין

דעם לעצטן גאווראוואער רב׳ס זון, אביעזר, איז נאך יונגערהייט געווען אן עילוי, און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע ברייטע קענטעניש אין לערנען. ער האט געלערנט אין גרויסע ישיבות, צווישן זיי אויך אין דער ווארשעווער „מתיבתא״. די לעצטע יארן האט אביעזר געלערנט אין דער בארימטער „ישיבת חכמי לובלין״ פון הרב ר׳ מאיר שפירא, וווּ ער האט באקומען „היתר הוראה״. ער איז פון די איינצלנע גאווראוואער, וועלכע האבן דורכגעמאכט דעם היטלעריסטישן גיהנום אין די קאנצענטראציע־לאגערן און זענען לעבן־געבליבן. נאך דער באפרייאונג, איז ער געווען פון די פירער פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאנד, און געשטאנען דארט בראש פון „ועד הצלה״. הרב אביעזר בורשטין געפינט זיך היינט אין ישראל, וווּ ער איז לייטער פון דער פאך־און ישיבה־גימנאזיע „תורה ומלאכה״ אין כפר סיטרין, נעבן חיפה. ער איז א מחבר פון אייניקע ספרים און אויך זשורנאליסטיש טעטיק.

יוסף זילבערצאן

יוסף, דער זון פון ר׳ יונתן זילבערצאן, האט געלערנט אייניקע יאר אין ישיבות, שפעטער איז ער געצוואונגען געווען זיך צוריקצוקערן אין שטעטל און העלפן דעם פאטער אין זיין אייזן־געשעפט. ער איז געווען טעטיק, צוערשט אין דער „צעירי אגודת ישראל״, און נאכער אין „החלוץ המזרחי״. היינט געפינט ער זיך אין חולון, וווּ ער איז אקטיוו טעטיק אין „הפועל־המזרחי״. ער איז דער איינציק לעבן־געבליבענער פון דער גאנצער פאמיליע.

★

חוץ די פריער־דערמאנטע, זענען נאך געווען פאלגנדיקע ישיבה־בחורים: יוסף קשאנזשקא, דער זון פון ר׳ לייזער, געלערנט ביז דער מלחמה אין פארשידענע ישיבות, געפינט זיך היינט אין דייטשלאנד; זיין ברודער אברהם, אויך געלערנט אין אייניקע ישיבות, איז היינט אין אמעריקע. די ברידער אייזיק און אליעזר ווערמאן, ר׳ זלמנס קינדער, דער לעצטער — פון די בעסטע תלמידים אין דער קלעצקער ישיבה; זיי זענען אומגעקומען צוזאמען מיט זייער פאמיליע. חיים סקורניק, דער זון פון ר׳ משה, געלערנט אין אייניקע ישיבות; ער איז געקומען קיין ישראל נאך פאר דער לעצטער מלחמה, וווּ ער געפינט זיך היינט אין חיפה. ר׳ ישראל לייב קרוקס זון, יעקב, האט נאכן צוריקקערן

זיך א היים, געגרינדעט דעם „השומר הדתי" אין שטעטל און געווען געזעלשאפטלעך טעטיק; אין די מלחמה־יארן האט ער זיך געפינען אין רוסלאנד און ווארשיינדלעך דארט אומגעקומען. זיין ברודער חיים אביגדור קרוק, פון די בני־תורה אין שטעטל, איז אומגעקומען אין ווילנע. יוסף סאנדאלע, לאנג־יעריקער תלמיד פון אייניקע גרויסע און קליינע ישיבות, איז פון די איינצלנע גאווארעווער לעבן־געבליבענע, וואס האבן דורכגעמאכט די דייטשישע טויט־לאגערן; ער געפינט זיך היינט אין אמעריקע. דוד, דער זון פון ר' ישראל יצחק שראן, אן איידעלער בחור, געלערנט אין פארשידענע ישיבות, אומגעקומען מיט זיין גאנצער פאמיליע. נתן הערצבערג, זון פון ר' ישעיה, א גרויסער מתמיד, געקענט גוט לערנען, אומגעקומען מיט דער גאנצער פאמיליע. באסקע מאנקעטעס זון, שלמה, האט ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה געלערנט אין א סך ישיבות, ער מיט זיין גאנצער פאמיליע זענען אומגעקומען. די ברידער שמואל און ישעיה שטשעטשינא, די קינדער פון ר' יעקב, האבן געלערנט אין אייניקע ישיבות, געפינען זיך היינט אין קאנאדע. ר' יחיאל מאיר בלומשטיינסביידע זין, לייבל און נח, האבן געלערנט אין דער סלאבאדקער ישיבה א לאנגע צייט; די ביידע ברידער זענען אומגעקומען אין די מלחמה־יארן. חיים זילבערצאן, ר' יונתן'ס זון, א ישיבה־בחור, פון די גרויסע בני־תורה, איז אומגעקומען, צוזאמען מיט זיין גאנצער פארצווייגטער משפחה. אברהם און שמואל מאזעס, ר' ניסקע דעם שוחטס זין, געלערנט א צייט אין ישיבות, געפינען זיך היינט אין אמעריקע. שמעון לייבמאן און זיין יונגערער ברודער, די קינדער פון ר' חיים לייבעלע, זענען אויך געווען פון די לומדישע ישיבה־בחורים; זענען אומגעקומען צוזאמען מיט דער גאנצער משפחה. געלערנט אין ישיבות האבן אויך די ברידער שלמה און מרדכי אפעלבוים, יצחק גראנאט א. אנד.

★

איך האב מיר באמיט צו געבן א בילד פון די גאווארעווער בני הישיבות. די אלע אויבן־אויסגערעכנטע זענען ווייט־ווייט נישט אלע. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאגן, אז קרוב הונדערט יונגעלייט האבן במשך פון דער צייט צווישןביידע וועלט־מלחמות געלערנט אין ישיבות. צוליבן לאנגן צייט־אפשניט, האב איך זיך בשום אופן נישט געקאנט דערמאנען אין אלע. איך האב דא, חו"ש, קיינע שלעכטע כוונות געהאט.

איך באגעגן נאך היינט יידן, גדולי התורה, וועלכע האבן געלערנט מיט גאווארעווער בחורים אין פארשידענע ישיבות. אונזערע יונגעלייט האבן זיך געפינען אין צענדליקער ישיבות פון פוילן. לויט זייער צאל, האט מען געקאנט מיינען, וואספאר גרויסע שטאט גאווא־ראווע איז געווען... בלויז איינצלנע זענען געבליבן ביים לעבן. דער גאר־גרעסטער טייל זענען אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשישע רוצחים.

זאלן טאקע מיינע ווערטער זיין א מצבה פאר די טייערע גאווארעווער קינדער, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם. ה' ינקום דמם!

שני אחים

שני אחים, הבדל קטן בגילם; שני אחים — אחד גבוה, רחב כתפים ויפה מראה ושמו אריה, והשני — קצר קומה, פניו רזות ועדינות ושמו נח.

שני אחים, בנים לאב ואם אחד, עטרת משפחתם, חביבים היו על כולם, וכולם הוקירו אותם מאוד; שניהם למדו בישיבת סלובודקה.

אבא עמל קשה בעבודתו, אך שלח לבניו מכל טוב, חבילות מזון וכסף למלא כל צרכיהם, כדי שלא יחסר להם דבר ויוכלו ללמוד תורה בשקידה. כשביקרו לחגים בבית, היה האבא שלחם מיד בחזרה לישיבה, למען לא יבטלו מתלמוד תורה. וכך היה נוהג לומר אבידם, הוא אחי, ר' יחיאל מאיר ז"ל: „די בכך שאני טרוד רובו של יום בדברים בטלים, במקח וממכר, אולם אתם תלמדו תורה; מלמודיכם שואב אני מרץ ועדוד רב".

אפילו בימים הנוראים של פרוץ מלחמת העולם השניה, לא הוציאו ההורים את בניהם מהישיבה, כדי שלא יבטלו מלמוד תורה.

כשכבשו הנאצים את גובורובה, ואני עברתי עם משפחתי לעיירה זמברוב, שהיתה תחת שלטון הרוסים — עבר אחי יחיאל מאיר ז"ל לגור לעיר ביאליסטוק. יום אחד בהיר, בא אלינו בן־אחי נח; הוא בא לדרוש בשלום ההורים. הכנסתיו הביתה וחלקתי אתו את הפת. לאחר ימים מספר נסע להורים, וכמו תמיד, ההורים שלחוהו בחזרה לישיבה.

עברו ימים וחודשים, אבא שלהם נתפס ע"י השלטונות הרוסים, בנסותו לחצות את הגבול לוילנה. הוא נאסר ונשלח לסיביר. גם שאר בני המשפחה נשלחו לאי שם ברוסיה. עדיין היו שני האחים בישיבת סלובודקה.

יום רדף יום, ולילה רדף לילה. אויר־ריח של אבק שריפה, וחרבו של מלאך המות היתה נטויה. על חייו של כל יהודי רחפה סכנת מות. כתמי דם וריח עצמות שרופות, בכי ויללות, מכאובים ויסורים, אור וחושך משמשים בערבוביה וקולות הרצח לא נדמו.

שני האחים, אריה ונח, מתו על קדוש השם; שני האחים, אריה ונח, מסרו את נשמותיהם בטהרה.

עומדים אנו בפני הקב"ה לבקש סליחה וכפרה עבור עם ישראל, ובפינו תפילה, לקבץ נדחי ישראל ולהשיב בנים לגבולם. תהי נשמתם צרורה בצרור החיים.

בת יעקב דוב

הרב יצחק שאפראן
אמעריקע

די „בית־יעקב" שולע

ווען פרוי שרה שענירער ע"ה, האט נאר־וואס אנגעהויבן גרינדן די נעץ פון „בית־יעקב"־שולעס אין פוילן, איז גאָוואַראָווע געווען פון די ערשטע שטעט, וואס האבן באלד דערזען דאס ליכט, וואס איז באהאלטן אין אט דעם געניאלן רעיון, און די רעליגיעזע עסקנים האבן באשלאסן גלייך צו שאפן אזא שולע. די פרוי שענירער אליין איז ספעציעל געקומען קיין גאוואראווע, געהאלטן א פארטראג פאר פרויען און פאר די מענער עסקנים, און די „בית יעקב"־שולע איז דערעפנט געווארן מיט פאראד. כאטש אלע האבן געוווסט, אז „אגודת ישראל" שטיצט און פירט אן מיט דער דאזיקער שולע, דאך האבן אלע שיכטן פון דער שטאטישער באפעלקערונג געשיקט אהין זייערע קינדער. די שולע האט אנגענומען אן אלגעמיינעם און אומפאַרטייאישן כאַראַקטער און געזארגט בלויז פאר דער רעליגיעזער אויסבילדונג און דערציאונג פון די שילערינס.

גאוואראווע האט געהאט א ספעציעלן זכות אין דער „בית יעקב"־צענטראלע, ווייל מען האט פאר דער שולע באשטימט די בעסטע קוואליפיצירטע לערערינס פון קראקעווער „בית־יעקב"־סעמינאר. פון די ערשטע לערערינס זענען געווען: חנה בערלינער, פרומע שרעמער, רחל דהאן, פ. ארלאנסקא א.א. זענען טאקע, די לימודים געשטאנען אויף א זער הויכן ניווא. במשך פון א קורצער צייט האבן די מיידלעך גוט געדאוונט, געלייענט און געשריבן יידיש און העברעאיש און אין צווייטן לערן־יאר האָבן זיי שוין געלערנט תנ"ך, יהדות, יידישע געשיכטע א.א.וו. די גרויסע הצלחה פון דער שולע האט מען געקאנט זען ביי די עפנטלעכע סוף־יאר עקזאמענס, וועלכע פלעגן פארקומען ביי דער אנוועזנהייט פון די עלטערן און פון רב בראש. אלע זענען, ממש, באגייסטערט געווארן, הערנדיק די שיינע געשליפענע תשובות פון די קינדער און זייערע טיפע ידיעות אין דעם גאנצען לערן־מאטעריאל. א ספעציעלן איינדרוק האבן געמאכט די שילערינס פון די העכערע קלאסן, וועלכע פלעגן איבערזאגן גאנצע קאפיטלעך פון ישעיהו אויף אויסנווייניק, גוט אינטערפרעטירנדיק יעדן פסוק און דעם הויפט־געדאנק פון דעם קאפיטל.

אפילו היינט, אין די גוטע צייטן און אין רייכע לענדער, קעמפן שווער די געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס פאר זייער עקזיסטענץ. אודאי און אודאי אין אמאליקן ארימען פוילן. בישט אין איין גרויסער שטאט האבן זיך געשלאסן די „בית יעקב"־שולעס צוליבן דעפיציט און מאנגל אין געלט. דעריבער מעג מען שטאלץ זיין מיט אונזער ארים שטעטל, בעסער געזאגט: מיטן געדעכעניש פון אונזער שטעטל — וואס האט אויפגעהאלטן די שולע, די גאנצע צייט אן איבעררייס, ביז צום אויסברוך פון קריג.

פארשידענע עסקנים האבן זיך פארנומען מיט דער שולע און פארוואלטעט מיט

איר אין דער גאנצער צייט פון איר עקזיסטענץ. איך וויל דא פארצייכנען די נעמען פון די בולט׳סטע אנפירער, וועמען עס איז צו פארדאנקען דעם קיום און דער אנטוויקלונג פון „בית יעקב" אין שטאט. קודם כל — אונזער רב, הרה"ג ר׳ אלטער משה מרדכי בורשטין, הי"ד, וואס איז געווען זייט דער גרינדונג ביז צום סוף, דער ראש וראשון און הויפט־אנפירער פון דער שולע. יעדער וויכטיקע באַשלוס איז געמאַכט געוואָרן נאר מיט זיין הסכמה. א דאַנק דעם רב, האט דער „בית יעקב" געהאט אן אומזיסטן קהל׳ישן לאקאל, אן דירה־געלט. ווען די שולע האט געהאט א דעפיציט, האט ער דאס געהאלפן מיט ראט און טאט אויסצוגלייכן דעם בודזשעט.



אַ גרופע שילערינס מיט דער לערערין פרומע שרעמער, אין דער מיט.
(1928 בערך)

ר׳ לוי ווארשאוויאק האט אויך זיין גרויסן חלק געהאט ביי דער גרינדונג פון דער „בית יעקב"־שולע, און אין די ערשטע יארן פון איר עקזיסטענץ האט ער א סך מסירת־נפש באוויזן פאר איר אויסהאלטונג. נאכדעם, ווי ר׳ לוי ווארשאוויאק איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, ווו ער געפינט זיך ביז היינט־צו־טאג, האט זיין געשעפט איבערגענומען א יונגערמאן פון ווארשע, ר׳ ישראל בורשטין הי"ד, און צוזאמען מיט דער קראַם — אויך ר׳ לוי׳ס גאנצע עסקנות. במשך פון א קורצער צייט איז ער געווארן דער גרעסטער כלל־טוער פון שטעטל אויף אלע געביטן. איך פערזענלעך האב נאכנישט געזען אן עסקן מיט אזוי פיל מסירת־נפש. דער מענטש האט נישט גערוט קיין שעה אין טאג. ער האט פארנאכלעסיקט אלע זיינע פריוואטע געשעפטן, נאר כדי צו העלפן אנדערע מיט א טובה, א גוטן ראט און אלץ וואס נאר מעגלעך. אפילו זיין טראגישער טויט איז אויך געווען פארבונדן, מיט וועלן העלפן א הונגעריק יידיש קינד. איך וויל,



אַ גרופּע שילערינס מיט דער לערערין פּ. אָרלאַנסקאַ, אין דער מיט
(1932)

טאקע, דאַ דערציילן די טרויעריקע געשיכטע פון אומקום פון דאָזיקן אומגעוועגלעך גוטן מענטש ר׳ ישראל בורשטין:

עס איז געווען דאנערשטיק, דעם 7־טן סעפּטעמבער 1939. אין שטאט און ארום איר זענען פאַרגעקומען קאַמפן צווישן דער פוילישער אפּטרעטנדיקער ארמיי און די דייטשן. די איינוווינער זענען אנטלאפן אין די נאענסטע פעלדער און זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, צוליב די פליענדיקע קוילן. מענטשן האבן זיך נישט גערירט פון ארט שעה׳ן לאנג. א קליין מיידעלע האט זיך צעוויינט, זי האט געוואלט עסן. ר׳ ישראל בורשטין האט נישט געקאנט פארטראגן דאס געוויין פון א יידיש קינד, האט ער זיך אויפגעהויבן פון פלאץ און געגאנגען ברענגען א שטיקל ברויט פארן מיידעלע. א מערדערישע קויל האט אים געטראפן גלייך אין הארצן. נאך עטלעכע טעג האט מען אים מקבר געווען אויפן שטעטלדיקן בית־הקרבות. ר׳ ישעיהו הערצבערג, וואס האט זיך מטפל געווען מיט זיין קבורה, האט געפינען ביי אים אין טאש א בינטל שליסלען. ער האט זיי מיר געוויזן און איך האב גלייך דערקענט, אז זיי זענען פון דער „בית־יעקב״ שולע...

איך וויל זיך צוריק אומקערן צו דער געשיכטע פון „בית יעקב״: אין א געווייסן טאג פון אנפאנג יאר 1932, איז צו מיר געקומען ר׳ הערשל רובין הי״ד, מיט א שליחות פון רב, אז איך זאל גלייך צו אים קומען. איך האב געטראפן ביים רב אין בית־דין שטוב א זיצונג פון עסקנים, ווו מען האט באהאנדלט די לאגע פון דער „בית־יעקב״־שולע. פלוצים רופט זיך אן צו מיר דער רב: „איטשע! איך וויל, אז דו זאלסט ווערן דער סעקרעטאר און קאסירער פון דער „בית־יעקב״־שולע״. אויף אזא איבעראשונג האב

איך מיר נישט געריכט. איך האב זיך געפרוווט ווערן: „איך בין דאך א בחור, עס פאסט נישט, די שטאט וועט רעדן...״ א.א.וו. גראד איז ביים רב אין הויז געזעסן דער בארימטער אסטראלענקער מגיד, הרב מרדכי בארבאטעלעס. דאס איז געווען א ייד, א שטיק פייער. ער האט, ממש, געברענט מיט אהבת־ישראל און יראת־שמים. ער האט זיך אויפגעשטעלט און א געשריי געגעבן: „וואס?! חסידים שוטים! יידישקייט טרינקט זיך און מען מוז ראַטעווען!״ נאַטירלעך, אז איך האָב דעם פּאָסטן אָנגענומען און אזוי אים אנגעהאלטן ביזן סוף.

די לעצטע צוויי „בית־יעקב״־לערערינס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי מיין קאַדענץ, האבן זיך ב״ה געראטעוועט. לאה גולעווסקא, היינט — רבי׳צן עפשטיין, האט גאנצע דריי יאר געארבעט אין גאווראוואר „בית יעקב״ און ארויפגעבראכט די שולע אויף א הויכער מדרגה. דעם לעצטן זומער פארן חורבן, האט אין „בית יעקב״ געארבעט די לערערין יענטע וורובעל, היינט — רבי׳צן מאנעס פון קלעוולאנד, אמעריקע. איך האב זי, נאכן קריג־אויסברוך, געטראפן אין לאמזשע און צוזאמען מיט איר אריבער די גרענעץ קיין ליטע.

איך דערמאן מיר אין דער „בית יעקב״־שולע, די שילערינס, די לערערינס און די עסקנים. עס ווילט זיך וויינען און קלאגן אוף די פארלוירענע, מיר דארפן אבער אויך דאנקען השי״ת פאר די געראַטעוועטע.



א גרופע שילערינס מיט דער לערערין רחל דהאן, אין דער מיט.
(1933)

א. ענברי
ישראל

חברה „שומרי שבת"

דער באַגריף און נאָמען פון דער אויבן־דערמאָנטער חברה, קאָן מאַכן דעם פאַלשן איינדרוק, ווי עס וואלט אין גאוואראווע געווען פרצות אין שמירת שבת; ווי מען וואלט, חלילה, געהאנדלט, געפארן, געארבעט אין שבת אדער געהאלטן אפן די געשעפטן. ניין! דוקא אין גאוואראווע איז שבת געווען דער ריכטיקער יום מנוחה ושמחה, די הייליקע מלכת־השבת האט געהאלטן אויסגעשפרייט אירע ווייסע פליגל אויפן שטעטל, גאנצע 25 שעה מיט א פערטל, מיט אלע תוספות שבת פון פארנט און פון אונטן. נישט געווען קיין איין מאן אין שטעטל, א יינגער צי אן אלטער, א בונדיסט צי א גערער חסיד, וואס זאל נישט גיין אין שול אריין דאווענען, אזוי פרייטיק־צו־נאכטס, צי שבת אינדערפרי. אפילו פריידענקער און קאמוניסטן האבן זיך געשלאגן אין בית־המדרש איבער אן עליה צו דער ספר־תורה. איך בין אליין א עדות געווען, ווי א לינקער פארטיי־פירער האט געהויבן די פויסטן אויף אברהמ׳קע דעם שמש, באשר, ער האט אים נישט געגעבן קיין מפטיר אין א יארצייט.

איך געדענק נאך א מעשה פון א פריזיער, נישט ווייט פון בית המדרש, וואס האט „אריינגעשטאכן" אביסל אין שבת. דער רב איז גראד געגאנגען צום דאווענען, און באמערקט, ווי א האלבע טיר פון דער פריזיעריי איז פארמאכט און אינעווייניק באוועגט זיך עפעס. דער רב האט זיך נישט געפוילט, צוגעגאנגען און א ריס געטאן די טיר. איז, טאקע, געזעסן א יונגערמאן מיט אן אנגעזייפטן פנים, און דער פריזיער, מיטן ווייסן פארטעך, האט אים געשאבן די בארד. דער רב האט א בריל געגעבן ווי א לייב: שבת! דער אנגעזייפטער איז ארויסגעלאפן דורך דער אונטער־טיר, און דער פריזיער האט אריינגעכאפט א פאטש, אז ער האט דערזען די שטערן פאר די אויגן...

דאס איז אבער געווען א זעלטענער פאל, ווייל דער זעלביקער פריזיער וואלט שפעטער געווען אנגעטאן זיין נייען סורדוט, און אליין געגאנגען אין שול אריין מקבל שבת זיין.

איז, טאַקע, נישט געווען דער יסוד פון דער חברה „שומרי שבת" אָפּצוהיטן פון חילול שבת. די סיבות זענען געווען גאר אנדערע, מען קאן זאגן — דערציערישע, וואס קערן זיך גאָר אָן צו די ראַמען פון חינוך. בעצם, האט די חברה געקאנט זיך רופן: „שומרי צניעות", אדער „שומרי מסורת", און זייער טעטיקייט האט זיך געקאנט אויס־שפרייטן אויף אלע טעג פון דער וואך. אבער ווער האט עס צייט אין א פראסטן מיטוואך זיך אפצוגעבן מיט קהל׳ישע זאכן? און ווער וועט עס פארזארגן די פרנסה? דעריבער האט מען עס אפגעלעגט אויף די שבת־אוונטן. אויסגערוט, אפגעדאוונט, אפגעגעסן,

האבן זיך די מיטגלידער פון „שומרי שבת" ארויסגעלאזט איבער די גאסן פירן זייער טעטיקייט.

עס דערמאָנט זיך א משל, מיט יענעם יידן, וואס האט געזוכט אן אבידה ביינאַכט אויפן בית־המדרש־הויף. האבן דורכגייער אים געפרעגט: „וואס זוכסטו?" האט ער געענטפערט: „איך האב פארלוירן א בייטל מיט 50 זלאטעס. בעצם האב איך עס פארלוירן ביים טייך אין דער בלאטע, אבער גיי, זוך ביינאכט אין א בלאטע? דא איז ליכטיק, ריין און טרוקן — זוך איך מיין אבידה דאָ"...

די אויפגאבע פון דער חברה „שומרי שבת" איז געווען ארומצוגיין אין פרייטיק צו־נאכטסן איבער די גאסן און געסלעך פון שטעטל און האלטן אן אויג אויף דער שפאצירנדיקער יוגנט, זיי זאלן נישט, חלילה, טאן א זאך פון חילול שבת; עס זאל זיך נישט מיחד זיין א ייִנגל מיט א מיידל, און ווען עס דערנענטערט זיך חצות — אריינטרייבן די יוגנט אין די הייזער אריין.

אין די ערשטע וואכן האט זיך די יוגנט אביסל געשראקן. זיי האבן זיך געהאלטן אין די ראמען, און אזוי ווי „גוטע קינדער" זענען זיי א היים־געגאנגען פרי שלאפן. אבער שפעטער, האט זיך זיי דאס צוגעגעסן. דאס יינגע בלוט האט רעוואלטירט, און זיי האבן אנגעהויבן פירן א שטילן פארביסענעם קאמף מיט די „שומרי שבת"־לייט. זיי האבן זיך באהאלטן אין די פינסטערע ווינקעלעך, אויף די בוידעמס, געקראקעט און געקרייעט ווי די הענער, און חוזק געמאכט פון די צניעות־און שבת־היטער. די „שומרי שבת" האבן זיי געיאגט, נאכגעלאפן, אבער גיי זוך א ווינט! דאס עסק האט אנגעהויבן נמאס צו ווערן. ביז די חברה האט זיך אויפגעלעזט.

די דאזיקע חברה „שומרי שבת", מיטן רב בראש, האבן איינמאל שארף רעאגירט, ווען אין א שבת צו־נאכטס, „בין כסה לעשור", צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, איז אראפגעקומען אן ארטיסטן־טרופע אין שטעטל שפילן טעאטער. דער רב האט געשיקט רופן די ארטיסטן און זיי געוואלט געבן א געוויסע געלט־סומע, דאס זיי זאלן איינפּאקן די פעקלעך און זיך אפטראגן פון שטעטל. די ארטיסטן האבן זיך גע'עקשנט און געוואָלט א סך געלט. דער רב האט געשריגן און געקערט די וועלט: „וואס?! אין „זכור ברית" וועט מען מאכן טעאטערס?! היה לא תהיה!". די פארשטעלונג האט געדארפט פארקומען אין „דאם לודאווי" ביי דער קירכע. די חברה „שומרי שבת" האבן זיך אוועקגעשטעלט ביים אריינגאנג אין זאל, און נישט אריינגעלאזט קיין שום יידישן באזוכער. די טעאטער־טרופע האט געהאט א גרויסן דורכפאל און איז אוועק בחרפה פון שטעטל.

נאך איינמאל האט די חברה „שומרי שבת" געהאט די געלעגנהייט עפעס אויפצוטאן: עס איז געווען א געוויסן שבת נאָכמיטיק, ווען א גאָוואראָווער ספאָרט־גרופע האט זיך פארמאסטן מיט א קריסטליכער ספארט־גרופע אין א פוטבאל־מעטש. א שליח מיוחד האָט אויפגעוועקט דעם רב פון שבת'דיקן נאָכמיטיק־שלאָף און אים דערציילט די מעשה. דער רב האט באלד אלארמירט די מיטגלידער פון „שומרי שבת", און אלע זענען אוועק אויפן ספאָרט־פלאַץ ביים אסטראלענקער וועג. אַ טייל ספאָרט־לייט זענען פאר פחד גלייך אנטלאפן, און די מחוצפים האבן פון שייקע הערצבערג אריינגעכאפט געזונטע פעטש.

זייט אַ דעם אינצידענט, איז אין גאָוואראָווע מער נישט געווען צו פארצייכענען קיין עפנטלעכן חילול שבת.

בר בי־רב,
ישראל

„חברה קדישא"

די איינציקע קהל׳ישע אינסטיטוציע אין שטעטל, וואס האט שטענדיק גוט פראס־פערירט, און געהאט סטאבילע גרויסע איינקונפטן, איז געווען די „חברה קדישא". מיט דער דאזיקער „חברה" האט קיינער נישט געקאנט קאנקורירן, און כל זמן עס איז נאך נישט מקויים געווארן דער „יבולע המות לנצח", איז יעדער איינער געווען א פאטענציאנעלער קאנדידאט, ווען עס איז, שפעטער צי פריער, אריינצופאלן צו זיי אין די הענט אריין...

די גרויסע הכנסות, וואס האבן געשטראמט אין דער קאסע פון דער „חברה קדישא", זענען געקומען פון קבורה־געלט, וואס די „חברה" האט גענומען פון פארשטארבענע גבירים. איז נאך דער גביר ביים לעבן געווען א שטיקל בעל־צדקה, האט זיך די „חברה" נאך באצויגן צו אים מיט חסד. נאר טאמער איז ער געווען אן „עכברא דשכב אדינרי", א קמצן, מיט א פארמאכטער האנט — האט ער נאכן טויט געמוזט אפצאלן דעם קרן מיטן פראצענט צוזאמען. אפטמאל איז אזא קארגער גביר אפגעלעגן א נאכט מיט א טאג צוליב די דינגענישן פון די יורשים, קמצנים בני קמצנים, וואס האבן נישט געוואלט געבן די גרויסע סומע, וואס די „חברה" האט פארלאנגט. עס האט זיך אנגעהויבן א גאנצער האנדל, מיט געשרייען און געוואלדן, מען איז געלאפן צום רב, ביז מען איז צוגעקומען צו א געוויסער פשרה, און מען האט דעם מת באגראבן, שפעט אין דער נאכט, ביים ליכט פון לאמטערנעס.

די גרויסע געלט־סומעס וואס זענען געשטאנען צו דער דיספאזיציע פון „חברה קדישא", זענען קודם־כל פארווענדעט געווארן פאר דער אויסהאלטונג פון בית־הקברות. א קריסטליכער שומר מיט א יערלעכן געהאלט איז געזעסן אין א הויז, וואס די „חברה" האט פאר אים אויפגעבויט אויפן פלאץ פון בית־הקברות. ער האט אפגעהיטן די קברים און מצבות, געפלאנצט בוימער, געהאלטן ארדנונג און ריינקייט, און אכט געלעגט אויפן פלויט, וואס האט ארומגערינגלט דעם בית־עולם, כדי די ארומיקע גויים זאלן נישט פארוועגדן דעם בית־הקברות פאר א פאשע־פעלד פאר זייערע בהמות. דער גרעסטער טייל, אבער, פון די „חברה קדישא"־הכנסות, זענען געגאנגען פאר וווילטעטיקע און פילאנטראפישע צוועקן. אין דער געביידע פון נייעם גרויסארטיקן בית־המדרש, אין „הכנסת־אורחים", אין דער „גמילות־חסד"־קאסע, אין די חדרים — אומעטום האט געשטעקט געלט פון דער „חברה קדישא". אוודאי, איז נישט לייכט אנגעקומען ארויסצונעמען א ממבע פון דער „חברה". ווייל, ווער ווי זיי האבן געוווסט דעם סוד, אז וואס מען לעגט אריין, נעמט מען נישט מער ארויס... און דער גבאי איז אויך טיילמאל געווען

א גביר, א תקיף, אן הארטע ניס איינצובייסן, און גאָרניטש קיין לייכטער געבער. אבער דאך, נאך אביסל השתדלות, פלעגן זיי געבן דאס נויטיקע געלט. האבן זיי דען א ברירה געהאט?

איין טאג אין יאר איז געווען כולו קודש פאר דער „חברה קדישא״; דאס איז געווען ערב ר״ח שבט. אין דעם דאזיקן טאג האבן זיך די „חברה״־לייט אנגעטאן אין די יום־טוב׳דיקע קאפאטעס און געדאוונט מיט א באזונדערן מנין. זיי האבן געפאסט, געזאגט „יום־כפור קטן״, מיט ספעציעל־פארפאסטע תפילות און פיוטים. אין דער זעלבער נאכט פלעגט פארקומען די בארימטע „חברה קדישא״־סעודה, וואס האט געמאכט א גרויסן רושם אין שטעטל, און מען האט פון דעם גערעדט וואכן לאנג.

צו דער דאזיקער סעודה האט מען זיך געגרייט חדשים, און אנגעקויפט מכל טוב ומזמרת הארץ. פישער האבן אנגעטראגן די גרעסטע קארפן און העכטן. געגנדזלערקעס האבן געקראפט שווערע פעטע גענדז, אזוי ווי די קעלבער. פון די קצבים האט מען אויסגעזוכט די פעטסטע ברוסט און ריפ־פלייש, קישקעס און מילצן. נשים צדקניות האבן דאס אפגעקאכט, לשם מצוה, אין גרויסע עמערס, און אנגעפילט די קישקעס מיט בהמה־מח און זעמל־מעל. דער שארף־זיסלעכער ריח פון געבראטנס האט זיך געטראגן איבערן גאנצן שטעטל, און נעבעך, גערייצט די אפעטיטן פון די יידן, וואס האבן נישט זוכה געווען צו זיין „חברה״־לייט. ביים גבאי־שני האט מען געקאכט גרויסע טעפ מיט האבער־גריץ און מערן־צימעס געמישט מיט בינען־האניק. משקאות האט מען צוגעגרייט כיד המלך, און דוקא די שארפע געטראנקען: ווודקע, 96־ער, ווי אויך „האבערבוש״־ביר.

אין דער דאזיקער היסטארישער נאכט איז דאס גאנצע שטעטל נישט געשלאפן. אלץ איז געשטאנען אונטער די פענסטער פון גבאי׳ס וווינונג און מיט קנאה אריינגעקוקט, ווי די „חברה״־לייט ווישן די פארפעטטסטע וואנסעס, און זינגען מיט בגלופנ׳דיקע קולות, „אין כאלקנו״.

ביי דער יערלעכער „חברה קדישא״־סעודה, פלעגט מען אויסקלויבן דעם גבאי פאר דער קומענדיקער קאדענץ. א סך בעלנים זענען געווען אויף דעם שיינעם בכבודיקן פאסטן. אבער, כדי צו ווערן אויסגעקליבן, האט מען געדארפט האבן אביסל זכות־אבות און א „זכות״ אין קעשענע. ווארום, ווער מען קאן מען געטרויען אזוי פיל געלט, אויב נישט א גביר?

פון די גאווראוווער יידן, וואס האבן זוכה געווען צו זיין גבאים פון דער „חברה־קדישא״ צווישן ביידע וועלט־מלחמות, דארף מען דערמאנען: ר׳ יעקב הערש בערלינער, ר׳ ישעיה אייזענבערג, ר׳ פייוול בריק, ר׳ מאיר ראמאנער, ר׳ וועלוול בלומשטיין, און ר׳ מתתיהו ראזען. דער לעצטער איז געווען גבאי עטלעכע יאר, ער האט א סך צייט אפגעגעבן פאר דער „חברה קדישא״ און זיך אויך ברייט געלאזט קאָסטן.

מען דארף אויך דערמאנען דעם „חברה קדישא״־פנקס, וואס האט געדינט, ווי אן אמאליקער „פנקס הקהל״. דארט זענען פארשריבן געווארן אלע תקנות און וויכטיקע געשעענישן פון שטעטל. דער פנקס איז געווען גרויס ווי א ווילנער ש״ס גמרא, געבונדן אין שווארצן לעדער, מיט אן אויסגעצאצקעטן און שיין־געמאלענעם שער. ער איז שטענדיק געלעגן ביים רב צווישן זיינע ספרים, און איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיטן שטעטל, וואס די דייטשן האבן עס אונטערגעצונדן, באלד נאכן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

קהל'ישע אמטן און אינסטיטוציעס

א. בר־אבן
ישראל

דער ארטס־ראט („גמינע")


דער גאווראוועער ארטס־ראט („גמינע"), איז אויך אין די גוטע יארן געווען א יידן־ריינער. כאטש דאס שטעטל איז געווען באזעסן פון כמעט בלויז יידן, האבן די קרייז־ארגאנען דאך געפינען א גוטע המצאה: זיי האבן אנגעשלאסן צום שטעטל אלע נאענטע און ווייטע דערפער, און אזוי ארום קינסטלעך געשאפן א איבערוויגנדיקע קריסטלעכע מערהייט. דער רעזולטאט איז געווען, אז סיי דער פרעזעס („וואיט"), סיי דער סעקרעטאר און אלע באאמטע זענען געווען רעקרוטירט פון בלויז קריסטן.

על־פי רוב איז סיי־ווי געווען דער ארטס־ראט באמינירט פון קרייז־אמט, און מען האט דער יידישער באפעלקערונג נישט געפרעגט ווער עס זאל מיט אים אנפירן. בלויז אין געציילטע קאדענצן זענען אין ארטס־ראט געזעסן די לאוניקעס: אברהם מרדכי פרידמאן, זעליג פאפיערטשיק און חנא פרידמאן.

דער ארטס־ראט האט געהאט א שוואכע השפעה אויפן שטעטלדיקן לעבן, און האט זיך ווינציק געקימערט פאר אירע באדערפנישן. אפילו די מעטריקאציע פון יידישע איינוווינער, ווי: געבורטס־שיינען, טויט־באשטעטיקונגען און חתונה־אקטן, זענען אויך געפירט געווארן דורכן רב. טאמער איז געווען א וויכטיקע ידיעה איבערצוגעבן, אדער א פאראָרדענונג פון דער מאכט, איז דאס געטאן געווארן דורך דער פארמיטלונג פון דעם אזוי־גערופענעם יידישן „סאלטיס". אין די יארן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, האבן אמטירט פאלגענדיקע יידישע „סאלטיסעס": הערשל ניקס, אברהם קרוק, חיים בערלינער און ניסקע קאהן.

דאך, האבן געהערשט נישט קיין שלעכטע און אפטמאל — גוטע באציאונגען צווישן דעם ארטס־ראַט־פרעזעס און דער יידישער באפעלקערונג. עס האט זיך געוואנדען אין דער פערזאן פון פרעזעס. מערסטנטייל איז ער געווען א שטאטישער געבוירענער סוחר, אדער גוטבאזיצער פון דער סביבה, וואס איז געווען גוט איינגעלעבט מיט יידן, און האט ווייטער אנגעהאלטן די זעלבע פריינטשאפט, אויך ווען ער האט פארנומען דעם אמט.

זער אָפט האבן די שטאטישע יידן געהאט אויסצושטיין שיקאַנעס מצד דער ארטיקער פאליציי. א פאליציי־מאן האט דוקא געהאט א גרויסע מאכט אין האנט. ער האט געקאָנט נישט־מיר, נישט־דיר, אָן א פארוואס — באשטראָפן א יידישן סוחר, אדער אַן הויז־אייגנטימער, מיט א גרויסער געלט־סומע, און שפעטער איז געווען א גרויסער קלאפּאָט אפצושרייען די גזירה, אדער צו צאלן טבין ותקילין. נישט איינמאל אין געווען



ר׳ חיים בערלינער, הי״ד

דער פאקט, ווען דער פאליציי־קאמענדאנט האט זיך ארויסגעלאזט מיט זיינע געהילפן איבערן שטעטל, און פארשריבן צענדליקער „פּראָטאָקאָלן״ מיט גרויסע געלט־שטראפן, פאר פארשידענע „עברות״. אין זעלבן אוונט האט דער רב געמוזט איינלאדן דעם קאמענדאנט מיט אלע „קנעפּלעך״ צו זיך אין הויז, געגעבן זיי א „שארפן״ כיבוד, ביז זיי זענען „ווייך״ געווארן און צעריסן אלע „פּראטאקאלן״.

צו דער דיספאזיציע פון ארטס־ראט און דער פאליציי איז געשטאנען א תפיסה, וואס מען האט גערופען: „קאָזע״. דאס איז געווען אזא מין געביידע פון האלץ מיט א פארקראַטעט פענסטערל, וואס דארט האט מען ארייגעזעצט א פארדעכטיקטן אין א פארברעך, אדער פאר עפעס א שטראָף. אממערסטן פלעגן זיצן אין „קאזע״ קריסטלעכע שיכורים; זעלטן ווען — א ייד. אבער, טאמער איז שוין יא געזעסן א ייד, האט אים דאס ווייב געזעלשאפטעט א גאנצן טאג, געשמועסט מיט אים דורכן פענסטערל און אים דורך דעם אריינגעגעבן עסן. אז א ייד זאל דאָרט נעכטיקן איז געווען א זעלטענער פאל.

דער פרידנס־געריכט האט זיך געפינען אין דערבייאיקן ישוב טשערווין. פון־צייט צו־צייט, ביי ספעציעלע פראצעסן פלעגט דאס געריכט אריבערקומען קיין גאווראָווע, און פירן די סעסיעס און פארהאנדלונגען אויפן ארט.

אלע שטייער־ענינים זענען געווען אין די הענט פון קרייז־אַמט אין אסטראלענקע. ביים יערלעכן שאצן דעם אומזאץ פון די גאווראָוועער סוחרים און האנטווערקער, פלעגן בייזיצן אסעסארן, פארשטייער פון אלע בראנזשעס, און זיי האבן געדארפט ארויסזאגן מיינונגען וועגן די אפּגעשאצטע. פון די אסעסארן זענען געווען: מנשה האלצמאן, אברהם ראזענבערג א. אנד.

ביי איין זאך איז דער ארטס־ראט געווען שטארק טעטיק, ספעציעל אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה: ביים באשטייערן יידן צו קויפן געווער פאר דער פוילישער



ר׳ ניסקע קאָהן

ארמיי. דאָ זענען דער פרעזעס מיטן גמינע־סעקרעטאר געווארן שטארקע פאטריאטן. זיי זענען געקומען צום רב, איינגעלאדן די פארמעגלעכע בעלי־בתים, און זיך באמיט וואס מער געלט ארויסצובאקומען פון זיי אויף דעם צוועק. די לעצטע זאמל־אקציע איז געווען באשטימט פאר „ל.א.פ״ („ליגע פאר לופט־פארטיידיקונג״).

דער פארזיצער פון ארטס־ראט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז געווען קאראָלאַק, שפעטער — טשעכאווסקי, פראנטשיק, וויטשיק און אנדערע. אין די לעצטע יארן שוין ביי דער נייער ארדנונג, אַמטירט אלס פארזיצער, סאָבאָטקאַ.


URZĄD
gminy GOWOROWO
powiatu Ostrołęckiego
województwa Białostockiego
№ ....
dn. .... 192 r.
poczta Goworowo

סטעמפל פון „וואָיט״ און אַ בריוו־פאָרמולאַר

א. בר־אבן
ישראל

די יידישע קהלה

דאס לעבן אין אונזער שטעטל איז אנגעפירט געווארן דורך אן אייגענער סוווערענער מאכט, מיט אייגענע געזעצן און פאראָרדענונגען, וואס האט גאר נישט געהאט קיין געמיינזאמעס מיט דער ארומיקער, מען קאן זאגן, פיינטלעכער אטמאספערע.

די יידישע קהלה איז געווען די רעפרעזענטאטיווע פארשטייערשאפט כלפי פנים און כלפי חוץ, פאר אלע אנגעלעגנהייטן פון שטעטל, און איר איינפלוס, צוזאמען מיט דער השפעה פון שטאט־רב — איז געווען דעצידירנד און נישט אפּפרעגבאר. שוין נישט רעדנדיק פון שחיטה, כשרות און ספּעציפיש־רעליגיעזע ענינים, נאר אפילו פראגן פון פערזענלעכן און אלגעמיינעם כאראקטער, זענען אויך גערעגלט געווארן דורך דער קהלה־פארוואלטונג, און יעדער האט געמוזט געהארכזאם זיין, טראָץ דעם, וואס זי האט נישט דיספּאנירט מיט קיין פּאליציי און אנדערע צוואנגס־אויספיר־ארגאנען.

פאר דער ערשטער וועלט מלחמה, אונטער דער רוסישער הערשאפט, האט פארנומען דעם אמט פון קהלה־פּרעזעס יהושע בער וועגנער, דער שווער פון יעקל קלעפּפּיש און מחותן פון אלטן גאווארעווער רב. די דאזיקע זענען געווען: יודל שייניאק, ישעיהו הערצבערג, דוד דראניצא, ברוך מינץ און יעקל שטשעטשינא. אלס קהלה־סעקרעטאר איז געווען באשעפטיקט יחיאל גערליץ. דער דאמאלסדיקער גאווארעווער רב, הגאון ר׳ יעקב באָטשאַן, האט זיך ווינציק געמישט אין דער קהלה־טעטיקייט. אויך די מעטריקאציע פון דער באפעלקערונג איז געווען אין די הענט פון דער קהלה. דער עטאט־אפּצאָל פלעגט מערסטנטייל אפּגענומען ווערן מיט צוואנג — מיט דער הילף פון „וואיט״, וואס פלעגט מיט א גלאָנציקער קייט אויף דער ברוסט ארומגיין אין די הייזער אויפמאנען דאס געלט.

דער שפּעטערדיקער און לעצטער גאווארעווער רב, הגאון ר׳ אלטער בורשטין הי״ד, איז שוין שטארק טעטיק געווען אין קהלה לעבן. ביי אים אין הויז פלעגן פאָרקומען אלע קהלה־זיצונגען, און ער איז, על פי רוב, אויך געווען דער אויספירער פון אלע אנגענומענע באשלוסן און רעזאָלוציעס. עס איז זעלטן געווען א מענטש, וואס זאל זיך ווידערשפּעניקן די החלטה פון דער קהלה און דעם ווונטש פון רב.

אין די שפּעטערדיקע קאדענצן פון דער קהלה, נאך דער ערשטער וועלט מלחמה, זענען געווען די ראשי הקהל: משה טענענבוים, נטע ריץ, און משה כשר. די דאזיקע, פארוואלטונגס־מיטגלידער, זענען געווען: מנשה האלצמאן, מתתיהו ראזען, וועלוול בלומשטיין, מאיר ראמאנער, יהושע ראזען, ברוך קופּערמאן, יעקב הערש ווענגראוו, אברהם שאפּראן, נפתלי גמרא, יעקב כשר, משה דראניצע, דוד אהרן גרודקע, שמואל צודיקער, מתתיהו אויסלענדער און משה הארוויטש. אין רוב קאדענצן זענען אין דער

קהלה־פארוואלטונג געזעסן נאר פארשטייער פון די רעליגיעזע פארטייען און ציוניסטישע שאטירונגען. בלויז אין דער לעצטער קאדענץ איז שוין אויך געווען א פארשטייער פון „בונד" (דער לעצטער קהלה־סעקרעטאר איז געווען חנא פרידמאַן).


די קהלה האט ארויפגעלעגט א דירעקטן עטאט־אפצאל אויף יעדער פאמיליע. אויסער דעם, האט זי נאך געהאט איינקונפטן פון דער שחיטה, מעטריקאציע, בית־עלמין א.א.

די הויפט־אויפגאבע פון דער קהלה איז געווען צו האַבן דעם אויפזיכט אויף די אלגעמיינע און רעליגיעזע אנשטאלטן, ווי: בתי מדרשים, חדרים, מקווה, „הכנסת־אורחים", דערטיילן סאציאלע הילף, און אויפנעמען כלי־קודש — רבנים, שוחטים, חזנים און שמשים.

נאענט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט די קהלה אויפגענומען דעם לעצטן גאוואראווער רב, הראמ"מ בורשטין הי"ד, וואס איז פריער געווען רב אין טשערווין. דער דאזיקער רב איז אויפגענומען געווארן אויף אן אייגנארטיקן ספאָנטאַנעם אופן: ער איז געקומען, צוזאמען מיט אלע ארומיקע רבנים, צו דער לויה פון נפטר־געווארענעם




ר' ברוך קופערמאַן ז"ל



ר' דוד דראַניצאַ, ז"ל


פריערדיקן רב, דעם „ושב הכהן", און געהאלטן א הספד און שול; זיין רעפרעזענטאטיווער אויסזען און דעם שם־טוב, וואס האט אים באגלייט אלס עילוי און פיקח, האט געמאכט א גרויסן רושם אויף די דאזארעס, און באלד נאך דער קבורה פון רב, האבן זיי אים ארומגערינגלט און געווונטשן מזל־טוב. שפעטער האט די קהלה אויפגענומען: איטשע, דעם חזן־שוחט; מלכיאל, חזן־שוחט, וואס איז שפעטער אריבער קיין ווישקאווע; חיים־לייב, חזן־שוחט. און ניסקע, שוחט.

אין די לעצטע יארן פון דער דייטשישער מאכט און באלד נאכן ערשטן וועלט־קריג, האט די קהלה אנטוויקלט א גרויסע הילפס־טעטיקייט צום ווידער־אויפבוי פון שטעטל, מיט דער מיטהילף פון אמעריקאנער „דזשוינט". א לענגערע צייט איז דאן אין גאוואראווע געזעסן א פארשטייער פון „דזשוינט", וואס האט אונטער די דירעקטיוון און אויפזיכט פון דער קהלה, געטיילט הילף פאר נצרכים.



ר׳ אברהם צאַלקאַ, הי״ד

ביי דער דייטשישער הערשאפט פון ערשטן וועלט־קריג און בעת דער באלשעוויס־טישער אינוואזיע, האבן די קהלה־דאזארעס שטארק געליטן, און זענען עטלעכע מאל ארעסטירט געווארן אונטער דער געפאר פון טויט־שטראף; אבער זיי האבן מיט שטאלץ און כבוד געטראגן אט דעם הויכן אמט, וואס דאס שטעטל האט אויף זיי ארויפגעלייגט.



ר׳ ניסן מאָזעס, שו״ב

ד. בקי
ישראל

דאס שול־ און דערציאונגס־וועזן

דער אײנציקער וועלטלעכער לערן־אנשטאלט אין שטעטל, איז געווען די אלגעמײנע פאלקס־שולע, (״שקאָלאַ פּאָווּשעכנאַ״), וווּ עס האבן געלערנט צוזאמען יידישע און קריסטלעכע קינדער. אַ גימנאזיע, אַ פאך־אדער האנדלס־שולע, צי אפילו אוונט־קורסן פאר העכערער בילדונג, זענען אין גאוואראווע נישט געווען. ווער עס האט געוואלט פארזעצן זיין לערנען, נאכן פארענדיקן די פאלקס־שולע, האט געמוזט פארן אין א גרעסערער שטאט, אדער נעמען פריוואטע לעקציעס ביי די זעלבע לערער אויפן ארט. נישט אלע האבן זיך געקאנט דאס דערלויבן.

די „פּאָווּשעכנע״ איז כלומרשט געווען א צוואנגס־שולע, ווו יעדער יונגל און מיידל פון 7 ביז 14 יאר האט געמוזט אין איר לערנען, אבער אין דער ווירקלעכקייט איז אזוי נישט געווען. סיי אין דער צייט פון דער רוסישער הערשאפט, און אפילו שוין שפעטער, אין אנפאנג פון דער פוילישער אומאפהענגיקייט, האבן א סך עלטערן אויסגעמיטן צו שיקן אהין זייערע קינדער. די קריסטן — צוליב זייער אייגענעם שוואכן דראנג נאך לערנען און וויסן; זיי אליין זענען נישט געווען געבילדעט (צווישן זיי א גרויסע צאל אנאלפאבעטן), האט זיי אויך נישט געקימערט, אז זייערע קינדער וועלן נישט קענען. די יידן, דאקעגן, האבן עס געטאן צוליב פרומקייט — זיי האבן נישט געוואלט אז זייערע קינדער זאלן ווערן „גוים״; עס זאלן נישט זיצן יינגלעך מיט מיידלעך צוזאמען, און די יינגלעך — אן היטלען. (פון לערנען אום שבת, זענען די יידישע תלמידים געווען באפרייט).

בכדי אויסצומיידן דאס געזעץ פון צוואנגס־לערע, האבן יידן געזוכט פארשידענע וועגן און מיטלען. די גאר־פרומע עלטערן האבן אין דער שולע אריין נישט געשיקט, נישט נאר זייערע יינגלעך, נאר אפילו די מיידלעך אויך נישט; דאקעגן, די מער „אויפגעקלערטע״, האבן געשיקט נאר די טעכטער. עס איז געווען א צייט, אונטער דער רוסישער הערשאפט, דאס מען האט דערלויבט די יידישע קינדער צו לערנען אין דער פאלקס־שולע נאר א שעה־צוויי טעגלעך. צו דעם צוועק האט מען זיי באפרייט פון חדר און מען האט געלערנט מיט זיי נאר די רוסישע שפראך. דאקעגן, אנדערע קעגנשטאנדן האט מען געמוזט אנקומען צו פריוואטע לערער. אין דער צייט פון דער פוילישער זעלבשטענדיקייט, האבן די פאראינטערעסירטע יידישע עלטערן מיט דער „הילף״ פון דירעקטאר פון דער פאלקס־שולע, איינגאנצן אויסגעמיטן פון צו שיקן אהין זייערע קינדער.

אין די לעצטע צען־צוועלף יאר פארן מלחמה־אויסברוך, האט זיך געמאכט וואס אמאל שווערער מיט ארומגיין דאס געזעץ. די עלטערן האבן שוין, בלית ברירה, געמוזט שיקן די קינדער אין דער שולע אריין. די מער־רעליגיעזע עלטערן האבן געשיקט אהין



יידישע און קריסטלעכע שילער פון „פאָוושעכנע" (4־טע קלאַס) מיט זייער לערער

בלויז זייערע מיידל׳עך (אפילו די, וואס האבן באזוכט די „בית־יעקב"־שולע) און מיט די יינגלעך האבן זיי נאך ווייטער געמאכט פארשידענע תחבולות. א גרויסער טייל האט געשיקט זייערע קינדער לערנען אין ישיבות און אזוי ארום „געלייזט" דאס פראבלעם. דאקעגן די „פרייע" עלטערן האבן שוין געשיקט אויך זייערע יינגלעך, בפרט, ווען אין די לעצטע יארן איז שוין געווען א דראנג נאך וועלטלעכע בילדונג און וויסן.



אַ גרופע שילער פון „פאָוושעכנע" מיט זייערע לערערס (1932)



אַ קלאס פון „פּאָוושעכנע" מיט זייער לערערין (1934)

די לערע אין דער דאזיקער פאלקס־שולע איז געשטאנען אויף א הויכן ניווא. דער גרעסטער טייל שילער זענען געווען קריסטלעכע, פון שטעטל און פון דער סביבה. אויך דער לערער־פערסאנאל איז געווען א קריסטלעכער (אין די לעצטע יארן — שוין אביסל אַן אנטיסעמיטישער), מיטן אויסנאם פון צוויי יידישע לערערינס: טאוב, פון פשעמישל און געניא שטשאַווינאָוויטש, פון קאָלנע, וועלכע האבן געלערנט א סך יארן אין דער גאוואראווער „פּאָוושעכנע" שולע. די פאלקס־שולע האט זיך, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, געפינען צייטווייליק אין א גרויסן בנין אויף „פּראָבאָסטוואָ". ערשט אין אנהויב פון די צוואנציקער יארן האט מען אויפגעבויט פאר איר א פּרעכטיקע געביידע אויף דער אסטראלענקער גאס, נעבן ארטס־ראט, מיט א ספּעציעלן ספּארט־פּלאץ. אויבן האט זיך אויך געפינען די וווינונג פון איר דירעקטאר, סטאַנקיוס.



די לערערין געניא שטשאַווינאָוויטש

די שולע האט געציילט 7 קלאסן, טייל — דאפלטע, ווי אויך א פאָרשולע, מיט די געהעריקע איינריכטונגען.

✶

אויסער דער א. ד. פאלקס־שולע איז נאָך אין שטעטל געווען א פריוואטע שולע פון לערער אלטער האכשטיין.

האכשטיין איז געקומען קיין גאווראָוועּ אין יאר 1916־17, בערך, מיט דער


מאָטל ראמאנער, ז״ל


אלטער האכשטיין, הי״ד


הענעך פרידמאן, ז״ל

משפחה גורקא פון רוסלאנד. אליין אן אפשטאמיקער פון פאלעסיע, האט ער זיך באזעצט אין שטעטל און אויפגעמאכט דארט א שולע. די ערשטע צייטן האט זי זיך געפינען אין הויז פון שמואל׳קע דזשיזע (חיזאק), שפעטער איז ער אריבער מיט זיין שולע אויף „פראָבאָסטוואָ״. בערך א יאר צייט האט ער געהאט די שולע בשותפות מיט מאטל ראמאנער. דער לעצטער האט געלערנט פויליש און דייטש, און האכשטיין — רוסיש, העברעאיש, תנ״ך, יידיש, חשבון און אנדערע קעגנשטאנדן. שפעטער האט זיך ראמאנער אפגעטיילט און דערטיילט לעקציעס פריוואט. פאר פסח פון 1918 איז ראמאנער געשטארבן.

דער איינציקער לערער איז דאן געבליבן האכשטיין. ער האט געהאט פיל ארבעט און געמוזט אנקומען צו א געהילף. הענעך פרידמאן איז געווארן זיין געהילפס־לערער און האט מיט אים צוזאמענגעארבעט א לאנגע צייט. פרידמאן האט זיך ספעציעל אפגעגעבן מיט די קלענערע קינדער. במשך פון דער צייט האט האכשטיין זיין שולע איבערגעפירט אין א באזונדער הייזקע, ביי שבתי ווערמאן אין הויף, און דארטן געלערנט א סך יאָרן.

האכשטיין האט געפירט זיין שולע אין נאציאנאלן גייסט. עס האבן געלערנט ביי אים קינדער, וועלכע האבן צוליב פארשידענע סיבות אויסגעמיטן די אלגעמיינע פאלקס־שולע, און אויך די, וואס האבן זי יא באזוכט, האבן ביי אים באקומען יידיש וויסן און לערע. די קלענערע קינדער האט ער געלערנט אין די פרימארגן־שעה׳ן און פאר דערוואקסענע האט ער ארגאניזירט נאכמיטיק־קורסן. אין די אוונט־שעה׳ן האט ער נאָך דערטיילט פריוואטע לעקציעס ביי די שילער אין די הייזער. האכשטיין פלעגט



דער לערער האכשטיין און זיינע תלמידים (1918 בערך). ערשטע רייע (פון רעכטס): בוטשע גראנאט (?), אליעזר לעווין, פאטאש, הערשקע גראנאט (?), רחל גורקע, חנא אלעק, מרים פאפיערטשיק, גאלדע טייטעלבוים, ניימאן (?), חוה בורשטין און בריינע ברוכאנסקי. צווייטע רייע: בודנע, חוה בלומשטיין, פייגע שייניאק, מרים צודיקער, פעשע טייטעלבוים, חוה אלעק, בריינע ראזען, אסתר לעווין, עטל ניקס, בלומע ראזען, און חוה גורקע. דריטע רייע: זעליג הערצבערג, יעקל (אברהם דעם פריזיערס), הענעך פרידמאן, מענדל טייטעלבוים, מאטעס רובין, האכשטיין, איטשע קיריס, חייה קערש, זעלדע בורשטין, אסתר גאווארטשיק, רחל בורשטין און ליבע פראסקא. פירטע רייע: (א דלוגאשאדלער), יעקל אלעק, אברהם ראמאנער נחמן טייטעלבוים, משה לעווין וועלוועל רובין, הערשל אלעק, מרים ביעליק, יהודית פראסקא, מרים רובין, שרה ראמאנער און מרים בריק.

אויך שרייבן, קעגן באצאלונג, פריוואטע בריוו, אין אייניקע שפראכן, פאר „עמך" -- וואס האבן זיך אליין נישט געקאנט קיין עצה געבן... אייניקע יאר איז ער אויך געווען רעליגיע־לערער אין דער „פּאָוושעכנע".

אלטער האכשטיין האט די גאנצע צייט געפירט אן איינזאם לעבן. ערשט אין די לעצטע יארן האט ער חתונה געהאט. ער צוזאמען מיט זיין פרוי (געשטאמט פון וואָנסעווע) זענען אומגעקומען מיט אלע גאווראוועך יידן.

מיט דער פארשארקונג פון דעם נאציאנאלן גייסט אין שטעטל, איז אויך פארגרעסערט געווארן דער דראנג צו לערנען די העבראישע שפראך. האכשטיין אליין האט נישט באוויזן אלעס אליין בייצוקומען. גאווראווע האט זיך שוין גענויטיקט אין ספּעציעלע גוטע לערער פון העבראיש.

אין די ערשטע צוואנציקער יארן איז צו אונז געקומען דער העבראישער לערער זרח בריק פון לאמזשע. ער האט ארגאניזירט העבראישע נאכמיטיק־און אוונט־קורסן, איינגעטיילט אין גרופּן. אויך יחידים האט ער דערטיילט לעקציעס, אזוי פאר יוגנט און פאר דערוואקסענע. ער האט געלערנט אין שטעטל אייניקע יארן און איז אויך געווען טעטיק אין דער ציוני. אָרגאניזאַציע.

נאך בריקן איז געקומען דער לערער גרינשפּאן פון דלוגאָשאָדלע. ער איז אויך געווען א פּאר יאר אין שטעטל, לערנענדיק די העבראישע שפראך אויף פארשידענע קורסן און אויך פריוואטע לעקציעס.

אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן איז געקומען קיין גאווראווע לערנען העבראיש משה לעווקאוויטש פון פרושניץ־מאקאווע. ער איז געווען א לערער פול מיט איניציאטיוו און ארגאניזאטארישע פעאיקייטן. ער האט געגרינדעט א העבראישע נאכמיטיק־שולע, ווי אייך אוונט־קורסן. ער האט אויך געפירט א יוגנטלעכן דראמאטישן קרייז, וועלכע האבן געגעבן פארשטעלונגען אין עברית.


ווען משה לעווקאוויטש האט נאך אייניקע יאר פארלאזט גאווראווע, איז געקומען אין שטעטל אריין זיין פאטער ר' רפאל לעווקאוויטש פון פרושניץ, א קרוב פון ר' מתת' ראזען. ר' רפאל איז שוין געווען א ייד אן הדרת־פנים מיט א לאנגער בארד, א בן־תורה, למדן און משכיל; א גוטער פעדאגאָג, קענער פון העבראיש און איר ליטעראטור. ער האט אויך געהאט מוזיקאלישע בילדונג — א שטיקל צייט געשפילט אין וואַרשאווער סימפאָנישן אָרקעסטער.

ר' רפאל, ווי די פריער דערמאנטע לערערס, האט דערטיילט לעקציעס צו יחידים (אויך געלערנט פידל שפילן) און גרופּן. ער האט אויך געשאפן קורסן פאר העבראיש, וו עס האבן זיך געלערנט דערוואקסענע און יוגנטלעכע פון די ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

עס איז אינטערעסאנט צוצוגעבן, דאס א לענגערע צייט (אין די יארן ווען גרינשפּאן איז געווען לערער), איז אויך געווען אין שטעטל א לערער פון עספעראנטאָ — א געוויסער פלאָצקער פון אסטראוו־מאזאוויעצק. ער האט בלויז דערטיילט לעקציעס אין דער עספעראַנטאָ־שפראך און געהאט גרויס דערפאלג.

חוץ די אויבן־דערמאנטע לערערס, וועלכע זענען געווען, אזוי צו זאגן, אומפּארטייאישע — האבן נאך אין געוויסע פעריאדן, די פּארטייען אליין, אויף זייער אחריות, אראפּגעבראכט לערערס, ארגאניזירט קורסן, געעפנט קינדער־גערטנער א.א.וו.

אין 1930 האבן די רעכטע „פּועלי־ציון" געעפנט א פרעבל־שולע אין יידיש.



אַ גרופּע תּלמידים פון „ציש"א" מיט זייער לערערין פּעשקע גאָלדמאַן (אויבן רעכטס)

אנגעפירט דורך דער „שול־קולט"־לערערין, ביאַלאָסטאָצקאַ (היינט — אין ישראל). די שולע האט עקזיסטירט נאר א קורצע צייט.

אין די יארן 2־1931 איז אויך געווען טעטיק דער העברעאישער לערער אשר גילבערג (בן־אוני) פון מיזאָטש, וואָלין. ער איז געשיקט געווארן פון דער נציבות בית"ר אין ווארשע, אויסשליסלעך צו לערנען עברית דעם בית"ר און הצה"ר אין שטעטל.

אויך דער „בונד" האט אין די ערשטע דרייסיקער יארן געשאפן א קינדער־גארטן. ווי אויך ארגאניזירט קורסן פאר יוגנטלעכע און דערוואקסענע, וווּ מען האט געלערנט שרייבן און לייענען יידיש. די לערערין פון „ציש"א", שיינע רודניצקא (היינט — דרום־אַפריקע), האט אנגעפירט מיט דעם אלעם, אבער לאנג האט עס אויך נישט עקזיסטירט.

נאך א לענגערן איבעררייס, איז אין יאר 1938 ארגאניזירט געווארן דורכן „בונד" א קינדער־גארטן און א נאכמיטיק־שולע אין דער יידישער שפראך, וואס האט שוין עקזיסטירט ביזן מלחמה־אויסברוך. די לערערין פון „ציש"א", פּעשקע גאלדמאן, פון קאברין, האט מיט דעם אנגעפירט. זי איז אומגעקומען אין די קריגס־יארן.

דער „מזרחי" האט אין יאר 1937 ארגאניזירט א „יבנה"־שולע, אונטער דער לייטונג פון דעם לערער, מגיד, פון בריסק־ליט. מער ווי א יאר האט די שולע נישט עקזיסטירט.

אין די יארן 39־1937 איז אויך געווען אין שטעטל א העברעאישע נאכמיטיק־שולע, וועלכע האט זיך געפינען ביי קרוקן אין דער „לאנגער" גאס, געלייטעט דורכן לערער, פּאָרטנאָי, פון ביאליסטאק. די שילער האבן געטראגן ספּעציעלע אוניפארמען מיט בלוי־ווייסע היטלען. די שולע איז געגרינדעט געווארן דורך משה דראניצא, יעקב כשר און יאסל זילבערשטיין.

אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן איז אויך געמאכט געווארן א פארזוך פון א פּריוואטן העברעאישן קינדער־גארטן, ארגאניזירט דורך דער גננת, רויטער, פון רוטקי (א קרובה פון דער משפחה קאסאווסקי). דער גן האט עקזיסטירט א קורצע צייט.

(וועגן די חדרים און דער „בית־יעקב"־שולע האבן מיר שוין געשריבן אין פריערדיקע קאפּיטלען).

ד. בן-יצחק
ישראל

דער סוחרים־פאראיין

דער סוחרים־פאראיין אין גאוואראווע איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1925, בערך. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען דער פרעמיער און פינאנס־מיניסטער אין פוילן איז געווען דער טרויעריק־באקאנטער וולאדיסלאוו גראבסקי. גראבסקי האט דאן געוואלט סטאבּיליזירן די ווירטשאפט פון פוילן און פעסטמאכן די פוילישע זלאטע, האט ער דעריבער אנגעווארפן א שטייערן־סיסטעם, באזונדער אויף די יידישע סוחרים און קרעמער, וואס איז געווען דאן אומדערטרעגלעך. זיין פינאנס־פאליטיק האט געבראכט צו א צוזאמענבּרוך אין ווירטשאפטלעכן לעבן פון די יידן אין פוילן. זיין שיטה האט גורם געווען, אז פיל יידישע סוחרים, נישט קאנענדיק אויסטראגן דעם שטייערן־לאסט, האבן געמוזט ליקווידירן זייערע געשעפטן. גראבסקיס שטייערן־שרויף האט געגעבן א שטויס צו דער עליה קיין ארץ־ישראל, די אזוי־גערופענע „פערטע עליה" פון פוילן.

נאך דער פילסודסקי־איבערקערעניש (1926), ווען גראבסקי האט פארלאזן זיינע מיניסטארן־פארטפעלן און געווארן פראפעסער פון דער לאנדווירטשאפטלעכער אקאדעמיע אין ווארשע, איז דאך זיין שטייער־סיסטעם געבליבן און ווייטער געדריקט אומברחמנות'דיק די יידישע סוחרים.

דער שווערער שטייערן־לאסט, פון „אַבראטאָווי", „דאָכאָדאָווי", „מאַיאָנטקאָווי" און אנדערע, האט, פארשטענדלעך, אויך נישט אויסגעמיטן אונזער שטעטל. אויך אונזערע סוחרים, וועמענס מערהייט עס האט זיך באזירט פון מיטלשטאנד, האבן זיך איינגעבראכן אונטער דער שווערער משא פון „פאָדאַטקעס" מיט די פארשידענע נעמען. צוליב דער אומדערטרעגלעכער לאגע זייערער, איז געווען א נויטווענדיקייט זיך צו פאראייניקען און מיט געמיינזאמע כוחות אפצושטויסן דעם אנגריף. די הויפט־אויפגאבע איז געווען — דער שטייערן־פּראבלעם.

א גרופּע סוחרים, בראש מיט ר' זעליג פאפיערטשיק, האבן גענומען אויף זיך די איניציאטיוו און געשאפן דעם סוחרים־פאראיין. דער פאראיין האט טאקע געהאט פיל צו טאן. צוליב די גרויסע שטייער־אויסמעסטונגען, ווי שוין פריער דערמאנט, וואס מען פלעגט ארויפלייגן אויפן יידישן סוחר און קרעמער אין גאוואראווע, האט מען געמוזט שיקן ארטיקע סוחרים פון אייניקע בראנזשעס קיין אסטראלענקע אין דער שאצונגס־קאמיסיע, בכדי צו קעמפן, זיך איינרייסן מיט די באאמטע און זיך קעגנשטעלן זייער ווילן. נישט קיין לייכטע ארבעט איז דאס געווען. די דעלעגירטע פלעגן זיך אפט אפזאגן פון דער דאזיקער שליחות, ווייל נישט שטענדיק האט מצליח

געווען זייער השתדלות, און די קרעמער האבן דאך באקומען גרויסע שטייער־אויסמעסטינגען.

דער סוחרים־פאראיין איז אבער כסדר געשטאנען אויף דער וואך, און וואס עס איז נאר געווען אין די ראמען פון זייערע מעגלעכקייטן האבן זיי געטאן. שטענדיק איז געווען נויטיק א אינטערווענץ, א שריפטלעכע, צי מינדלעכע, א שתדלנות, א דעלעגאציע א.א.וו.

מיטן שטארקן זיך פון דעם אנטיסעמיטיזם אין פוילן, געהעצט דורך זייער צייטונג „ספראַוואַ קאַטאָליצקאַ״, וואס האט אויך נישט אויסגעמיטן אונזער שטעטל, זענען ארויס נייע גזירות און פאראָרדנונגען, וועלכע האבן געהאַט פאר א ציל צו באשווערן דאס לעבן פון דעם יידישן סוחר, קרעמער און קליינהענדלער. אזוי, איז אין אנהויב פון די דרייסיקער יארן ארויס א פאראָרדנונג, אויפצושרייבן אויף די שילדן דעם פולן פאר־און פאמיליע־נאמען פון אייגנטימער פון דעם באטרעפנדיקן געשעפט. די כוונה איז געווען א פשוט׳ע — מען זאל וויסן, אז דער בעל־הבית איז א ייד. די יידן, וועלכע האבן געטראגן פוילישע פאמיליע־נעמען, האבן נאך געמאכט פארשידענע תחבולות — זיי האבן נאר געשריבן דעם ערשטן אות פון פארנאמען מיט א גרויסן אות, פארענדיקן מיט „טל־ומטר״־אותיות׳לעך און דעם גאנצן פאמיליע־נאמען מיט גרויסע אותיות. אזעלכע פאמיליע־נעמען זענען געווען איינצלנע אין שטעטל, און דאס האט אויך נישט געהאלפן.

שפעטער, אין דער צייט פון דער „אָזשעם״־פאליטיק פון דער פוילישער רעגירונג, האָט זיך אנגעהויבן א קאפיטל פון באיקאטירן יידישע געשעפטן. עס האבן זיך באוויזן שילדן מיט לאזונגען, ווי: „סוואָי דאָ סוואָגאָ״ א.א. און גערופן די קריסטן נישט צו קויפן ביי יידן. אויב אין אנדערע שטעט האט דאס געבראכט צו קעגנזייטיקע געשלעגערייען, האט דאס אין גאווארעווע געטראגן א שוואכערן כאראקטער, אבער דאך א באיקאט מיט פיקעטן פאר די טירן פון יידישע געשעפטן. דער סוחרים־פאראיין האט אויך דא געהאט פיל צו טאן — ביטעס, אינטערווענצן און דעלעגאציעס צו די געהעריקע מאכט־ארגאנען, איז געווען א טאג־טעגלעכע דערשיינונג.

דער סוחרים־פאראיין האט עקזיסטירט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די „קרעדיט־באנק״

בכדי צו פארלייכטערן די עקאנאמישע לאגע פון די סוחרים, איז געשאפן געווארן א פינאַנסיעלע אינסטיטוציע א. נ. „באַנק קרעדיטאָווי״, ג.מ.ב.א. די באנק איז געגרינדעט געווארן אין דער זעלבער צייט, בערך, ווי דער סוחרים־פאראיין. צווישן די גרינדער זענען געווען: דער פרעזעס פון סוחרים־פאראיין, ר׳ זעליג פאַפיערטשיק, ר׳ מתתיהו ראזען, ר׳ איטשע קאסאווסקי, ר׳ מאיר ראמאנער, ר׳ יעקב שטשעטשינא, ר׳ שמואל וואלף ברוינער א. א. דעם אמט פון קאסירער איז געווען אנפארטרויעט ר׳ איטשע קאסאווסקי, וועלכער האט אים אנגעהאלטן די גאנצע יארן, שלא על מנת לקבל פרס, ביזן חורבן פון שטעטל. פלעגן טאקע צוערשט אלע באנק־אפעראציעס דורכגעפירט ווערן ביי אים אין שטוב. שפעטער האבן זיי געדונגען א לאקאל ביי וועלוול בלומשטיין אין זיין געמויערט הייזל, וואס איז געשטאנען אין מארק (נעבן אירל אפעלבוים). פון דארט זענען זיי אריבער צו אברהם גרודקא, און פארגעזעצט זייער טעטיקייט.

אין יאָר 1929 האט זיך די באנק אויפגעבויט אין אייגענעם געמויערטן בנין, אין א געסל, וואס האט זיך געצויגן פון דער „לאנגער" גאס ביז באָבאווסקיס פעלד, און האט זיך שפּעטער טאקע גערופן די „באָנקאווע" גאס.

די באנק איז געווען אנגעשלאסן צו דער צענטראלער קאָאָפּעראטיווער באוועגונג אין ווארשע, אויף רימארסקע 6, וועמענס קאנטראלע די באנק האט אינטערליגט. דער קאפּיטאל פון באנק איז באשטאנען פון א גרעסערער הלואה פון דער צענטראלע, פּריוואטע פּקדונות און פון „פּאַיען" — אנטייל פון די מיטגלידער מיט א געוויסער סומע, וועלכע איז געווארן אראפּגערעכנט ביים נעמען די הלואה. די הלואות האבן געמוזט זשירירט ווערן דורך צוויי פּערזאנען, און פלעגן צוריקגעצאלט ווערן אין וועכנטלעכע ראטעס. די באנק האט אויך געהאט א קאָנטא אין פּ.ק.א. (נומ' 65,477).

די באנק האט גוט פּראספּערירט, האבנדיק אויך הכנסות פון איינקאסירן וועקסלען. די הוצאות אירע זענען געווען קליינע. נאר דער בוכהאלטער און דער שמש האבן באקומען געהאלטער, אלע אנדערע טוער פלעגן ארבעטן אינגאנצן אומזיסט.

במשך פון די יארן האבן זיך די פּארוואלטונגס־מיטגלידער געטוישט. צו דער לעצטער באנק־פּארוואלטונג האבן אויך אנגעהערט: משה דראניצא, שמואל צודיקער און אנדערע.

★



דער אייגענער בניין פון דער באנק

דער ערשטער בוכהאלטער פון באנק איז געווען משה לעווין, וועלכער האט אויסגעפירט די ארבעט פון דער בוך־פירונג און פון סעקרעטאריאט. ווען ד״ר חיים שאָשקעס, דער באקאנטער עסקן, שרייבער און וועלט־רייזנדער, איז געקומען קיין גאוואראווע אלס רעוויזאר פון דער צענטראלע, צו קאנטראלירן די ביכער, איז ער נתפעל געווארן פון לעווינס בוך־פירונג. שאָשקעס האט אים רעקאמאנדירט אויף א בעסער־באצאלטן פאָסטן — אין א באנק אין גרודשאָנדז. האט טאקע לעווין, אין 1928, פארלאזט דאָס שטעטל און אוועק ארבעטן אין דער גרודזשאָנדזער באנק. פון דארט איז ער שפעטער אריבער אלס בוכהאלטער אין דער באקאנטער פירמע פון גומי־אויסארבעטונגען — פ.פ.ג. אין 1930 האט ער פארלאזט פוילן און אפגעפארן צו זיינע עלטערן קיין קובא. מיט אייניקע יאר צוריק איז ער געווען א צייט אין ישראל און געפינט זיך היינט אין אמעריקע.

נאך אים האט איבערגענומען די בוכהאלטעריע און סעקרעטאריאט פון דער באנק, הערשקע גראנאט, וועלכער האט פריער געארבעט אין דער „האנדווערקער־באנק". ער איז אויך געווען אַ טיכטיקער און זעלבשטענדיקער פאַכמאַן, צו דער צופרידנהייט פון דער פארוואלטונג און די אינטערעסאנטן. ער איז געשטארבן אין יונגן עלטער פון 20 יאר — אין 1932. שפעטער האט געפירט די ביכער און אלע אנדערע באנק־אפעראציעס, דער ענערגישער און פעאיקער פאכמאן, ר׳ חנא פרידמאן. דעם דאזיקן פאָסטן האט ער אנגעהאלטן ביזן אונטערגאנג פון שטעטל.

★

זאל נאך צום סוף דערמאנט ווערן דער איבערגעגעבענער שמש פון דער באנק, שלמה קלאָס. הגם ער איז געווען א שווערער אינוואליד, פלעגט ער שטענדיק ארומלויפן מיט די צעטלען, איינקאסירן וועקסלען און ראטעס־אפצאלונגען, רופן די מיטגלידער צו זיצונגען און האלטן ארדנונג אין באנק. ער איז געווען א ערלעכער טיפּ און אויסגעפירט זיין ארבעט בשלמות. ער ווי אויך זיין פאמיליע, זענען אומגעקומען מיט אלע אנדערע גאוואראווער יידן, הי״ד.

משה גראנאַט
ישראל

דער האַנדווערקער־פאַראיין

די הויפּט־אויפגאַבע פון דער טעטיקייט פון האַנדווערקער־פאַראיין אין שטעטל איז געווען צו צוימען די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן, וואָס האָבן געצילט אַנצוגרייפן דעם פּרנסה־צווייג פון דעם יידישן בעל־מלאכה.


פון די פּויליש־ענדעקישע צייטונגען און פון אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע שופרות האָט מען טאָג־טעגלעך געקאָנט הערן אַן אָפענע העצע, וועלכע האָט געפאָדערט אויפשטעלן פּאַך־צעכן, און, אַז מיטגלידער זאָלן קאָנען זיין נאָר די פּאַכלייט, וואָס זענען דורכגעגאַנגען פּאַך־און בילדונגס־עקזאַמענס. פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע פאָדערונגען זענען געווען גאַנץ קלאָר: טאָטאַל צו פאַרניכטן דעם יידישן בעל־מלאכה און אַ סוף מאַכן צו דער יידישער אַרבעטס־קאָנקורענץ — סיי מיטן כח פון דער פויסט און סיי פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט.

גרויסע שילדן מיט „קידוש־לבנה״־אותיות — „סוואַי דאָ סוועגאָ״, האָט מען אויפגעהאַנגען אויף די קריסטלעכע געשעפטן. נאָר אַדאַנק דער וואַכזאַמקייט פון די פאָרשטייער פון פּוילישן יידנטום: גרינבוים, האַרטגלאַס, טשערניאַקאָוו א. אַנד. איז צייטווייליק געלונגען אָפּצושרייען די גזירה.

צוליב די אָפּטע שיקאַנעס, סיי פון דער צענטראַלער פּוילישער רעגירונג און סיי פון די קרייז־אַמטן, צי פון די אָרטס־ראַטן, וועלכע האָבן כסדר אַרויסגעגעבן נייע פאַראָרדענונגען, גזירות און בעגרענצונגען, איז געווען אומבאַדינגט נויטיק צו שטיין אויף דער וואַך פון היטן די אינטערעסן פון דעם יידישן בעל־מלאכה.

די בעלי־מלאכות האָבן שטענדיק געלעבט אין שרעק, מורא־האָבנדיק פאַר דעם גוי'אישן באַאַמטן. דער לעצטער האָט זיי שיקאַנירט, געפילט זיך ווי אַליין־הערשער. דער בעל־מלאכה האָט אָפט געאַרבעט פאַר זיי אַן באַצאָלונג. אין אונזער שטעטל האָט אַ סך געהאָלפן מיט זיין חכמה און וויסן, מיין ברודער הערשקע ז״ל, וועלכער פלעגט אָפּשטויסן יעדן אַנגריף מיט אַ כוונה צו אונטערדריקן דעם יידישן בעל־מלאכה. אַלס ערשטער בוכהאַלטער און סעקרעטאַר פון האַנדווערקער־פאַראיין איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך קעגן די אַלגעמיינע גזירות און קעגן די צו גרויסע שטייער־אויסמעסטונגען.

עס זענען געווען צייטן, ווען מיין ברודער הערשקע איז געזעסן טאָג־און־נאַכט און געשריבן גוט־סטיליסטישע בריוו אין די געהעריקע אַמטן, מיט ביטעס און אויפקלערונגען. נישט איין מאָל האָט ער אויך מיר איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט. פאַרשטענדלעך אַז דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין אויפטראַג און מיט דער פאַרשטענדיקונג פון



ר׳ בערטשע גראַנאַט, ז״ל

אונזער פאטער, ר׳ בערטשע ע״ה, וועלכער איז דאן געווען פון די בולטסטע טוער (צי גאר — פארזיצער) פון האנדווערקער־פאראיין. די דאזיקע בריוו, ווען זיי זענען אנגעקומען אין געהעריקן אמט, האָבן געמאכט א גרויסן רושם און זענען מערסטנטייל באריקזיכטיגט געווארן.

וואס אנבאלאנגט דער ארטיקער אדמיניסטראציע, ווען עס האט זיך געפאדערט א פערזענלעכע אינטערווענץ — אין דער „גמינע" צי אין דער פאליציי — האט זיך שוין מיט דעם באשעפטיקט מיין פאטער און האט תמיד מצליח געווען. ווען עמיצער איז געקומען צו מיין פאטער און אים דערציילט וועגן זיינע צרות, האט ער גלייך אנגעטאן דעם מאנטל, פאריכט זיך דאס גוט־געפלעגטע בערדל, גענומען דעם שטעקן און מיט א תפילה אויף די ליפן איז ער געגאנגען אויספירן זיין שתדלנות. בלויז דער געדאנק, אז דורך זיינע מעשים קאָן עמיצער געהאלפן ווערן, האט אים צוגעגעבן מוט און ענערגיע.

אין אזעלכע פאלן האט ער נישט ליב געהאט אפצולייגן אויף מארגן, צי אפילו אויף א שעה שפעטער; אן אינערלעכער אינסטינקט צו טאן און העלפן האט אים אינספירירט אלע זיינע פאָזיטיווע טאטן. ער האט צו זיי גערעדט מיט דער פאלקס־שפּראַך. ער איז ביי זיי געווען דער געווינטשענער „זשידעק". די גויים האבן אים ליב געהאט צוליב זיין אפנהארציקייט, לאגישן צוגאנג און זענען אים דערפאר אנקעגנ־געקומען. די „נערוון־צענטראלע" פון די בעלי־מלאכות איז געווען מיין פאטערס שטוב.

די אויפגאבן פון בעל־מלאכה האבן זי צעטיילט אין צוויי ריכטונגען:

א. אין אויסערלעכן פראנט — דער קאנטאקט מיט די רעגירונגס־אמטן,

ב. אין אינערלעכן פראנט — די האנדווערקער־באנק, וואס האט געהאלפן די מיטגלידער אין זייערע פינאנסיעלע שוועריקייטן. די צוויי זאכן זענען געטאָן געווארן, מיט ערלעכקייט און איבערגעגעבנהייט, אונטער דער לייטונג פון מיין פאטער ע״ה.



ר׳ אירל אפעלבוים, ז״ל

דאס שטעטל איז געווען ווייניק באפעלקערט און אן שום סימן פון פאבריקאציע, פאר די, וואס האבן אויסגעוויילט ארבעט, און אן א גימנאזיע — פאר די, וואס האבן אויסגעוויילט זיך צו לערנען. א סך האבן געשיקט זייערע קינדער לערנען תורה אין דער נאענטער לאמזשער ישיבה, אדער אין אנדערע ערטער. די וואס האבן זיך פון דארט צוריקגעקערט, האבן געשטאלטעט דעם א. ג. אינטעליגענטן טייל פון שטעטל. אבער די עלטערן, וואס האבן געזוכט „תכלית״, האבן אוועקגעגעבן זייערע קינדער צו א בעל־מלאכה, און מיט דער צייט איז געווארן א איבערפלוס פון פאכלייט. יעדעס יאר זענען צוגעקומען נייע בעלי־מלאכות, ביז עס האט זיך געשאפן א ווילדע קאנקורענץ צווישן איינעם און אנדערן. זיי האבן געארבעט פון פרי ביז שפעט אין דער נאכט אריין, ביי דער ליכט פון א נאפט־לעמפל, און האבן מיט שוועריקייטן ארויסגעצויגן זייער פרנסה. א טייל האבן געוואנדערט פון שטעטל־צו־שטעטל אויף ירידים. די זענען שוין געווען בעסער סיטואירט. אבער דער גרעסטער טייל איז געווען אנבאלאנגט פון הימל — אז דער ווינטער זאל זיין א קאלטער און דער זומער — א רעגנדיקער, און דאמאלט וועלן די שניידער קאנען פארקויפן זייערע „קורטקעס״ און די שוסטערס — זייערע שטיוול.

אין דער צייט פון נויט האט זיי געהאלפן די באנק, און נישט איין מאל זיי „געשטעלט אויף די פיס״. פארשטענדלעך, אז די באנק האט נישט געקאנט אנטקעגנקומען אלע בויטבאדערפטיקטע; די הלוואות זענען געווען באגרענעצטע און אן געהעריקע גאראנטיעס האט מען בכלל נישט געגעבן. אין דער צייט, ווען די סוחרים־באנק האט געגעבן הלוואות אלעמען, איז די האנדווערקער־באנק געבליבן טריי זיינע אויפגאבן און געגעבן קרעדיט אויסשליסלעך, נאר די אייגענע מיטגלידער.

וועגן א קולטור־טעטיקייט, אז דער פאראיין זאל האבן געפירט, האב איך נישט געהערט. אבער מיר איז באוווסט, דאס זייענדיק פארבונדן צו דער צענטראלע אין

וואַרשע, פלעגן זיי פון־צייט־צו־צייט באַקומען פון דאָרט צוגעשיקט פּרעלעגענטן, וועלכע האָבן גערעדט אויף פאַך־טעמעס. דיסקוסיעס אויפן געביט פון אַרבעט, פלעגן געפירט ווערן דירעקט אין בית־המדרש, פאַר און נאָכן דאַווענען.

דער האַנדווערקער־פאַראיין און זיין באַנק זענען געווען צוזאַמענגעבונדן. אַ טייל טוער זענען געווען אין ביידע ערטער. נאָך מיין פאָטער איז אַלס פּרעזעס פון פאַראיין געוויילט געוואָרן אידל אפּעלבוים, שפּעטער — משה צימערמאַן. אַ געוויסע צייט איז אויך געווען פּרעזעס און באַנק־קאַסירער קלמן אָזדאַבאַ. קאַסירער איז אויך געווען מאיר שוואַרץ; דער שפּעטערדיקער בוכהאַלטער איז געווען יצחק וועלוול גערליץ; דער לעצטער — משה חיים באַטשאַן. פון די אַקטיווע האַנדווערקער־טוער זענען געווען די דאָזיקע: יהושע ראָזען און ברוך קופּערמאַן, ווי אויך שלום פּלאַטקע, שמואל גרינבערג, אַברהם ראָזענבערג און אַנדערע.

די באַנק האָט אייניקע מאָל געטוישט דעם זיץ־פּלאַץ. באַלד, בעת דער גרינדונג, זענען נאָך די באַנק־אָפּעראַציעס געמאַכט געוואָרן ביי קופּערמאַנען אין שטוב. שפּעטער — ביי משה דראַניצאַ, נאָכער — ביי אַברהם קרוק און פון דאָרט — ביי ר׳ נפתלי גמרא. נאָענט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה ווען מען האָט שוין געפילט, אַז עס דערנענטערט זיך די קאַטאַסטראָפע, האָט דער לעצטער באַנק־פאָרזיצער, מרדכי שמעלץ, איבערגעפירט דעם גאַנצן אינווענטאַר אין דער וווינונג פון דעם בוכהאַלטער חיים באַטשאַן און מיט דער הילף פון פאַראיין־פאָרזיצער קלמן אָזדאַבאַ, האָט מען צעטיילט די געלטער צווישן די מיטגלידער. אַזוי האָט מען אַליין, מיט די אייגענע הענט, ליקווידירט דעם האַנדווערקער־פאַראיין מיט דער באַנק, וועלכע האָבן אַ סך יאָרן געהאָלפן דעם בעל־מלאכה אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ. אין אייניקע טעג אַרום האָט דאָס נאַצישע דייטשלאַנד אָנגעהויבן פאַרניכטן דאָס פּוילישע יידנטום.

ב. אל"ף
ישראל

„גמילות-חסד"-קאסע

עס זענען, טאקע, געווען אין גאוואראווע צוויי בענק, וואס האבן געגעבן גרעסערע הלוואות פאר סוחרים, האנדווערקער און קליין־הענדלער, מיטן צוועק צו פארגרעסערן זייער האנדלס־אומזאץ און צו אנטוויקלען זייערע ווערקשטאטן — אבער דאס געלט האט מען באקומען נאך לאנגע פארמאליטעטן, קעגן א פיי־איינצאל און פאר פראצענט, און נישט יעדער האט אויך געקאנט ברענגען די געהעריקע גאראנטיעס און זשיראנטן, וואס די בענק האבן פארלאנגט.

דער גרויסער זארג פאר די ארימע שיכטן פון דער באפעלקערונג, האט דערוועקט דעם רעיון אין מח פון אייניקע כלל־טוער פון שטעטל, צו גרינדן א „גמילות־חסד"־קאסע, וואס זאל בעיקר העלפן די קליינע סוחרים און ארימע האנטווערקער מיט אן אן־פראצענטיקע הלוואה, אויסצוצאלן אין קורצע, אדער לענגערע, ראטעס און אן די קאמפליצירטע באווארענישן פון די רעגולערע בענק.

די דויפט־איניציאטארן פון דער „גמילות־חסד"־קאסע זענען געווען: חיים גערליץ, דן ראזנבערג, פיניע שיקארא און אנדערע. פאר דעם צוועק זענען געזאמלט געווארן געלט פון יחידים, זיי האבן באקומען א סובסידיע פון דער קהלה, און מיט א גרעסערער סומע האט זיך באשטייערט די צענטראלע פון די „גמילות־חסדים"־בענק אין ווארשע.

די קאסע האט זיך געפירט אין א צוויי־צימערדיקן לאקאל פון דער אלטער שול, וואס איז ספעציעל איבערגעבויט געווארן פאר דעם צוועק. במשך פון א קורצער צייט האט זי זיך ווונדערבאר אנטוויקלט, די צאל מיטגלידער האבן זיך פארגרעסערט און איז געווארן א וויכטיקער פאקטאר אין עקאנאמישן לעבן פון שטעטל. עס האבן זיך באנוצט מיט דער „גמילות חסד"־קאסע אזוי דער מיטלשטאנד, ווי ארימעלייט — הענדלער און בעלי־מלאכות, און אלע האבן פינקטלעך צוריקגעצאלט די ראטעס פון די הלוואות.

באלד אין אנפאנג איז די קאסע געגרינדעט געווארן אויפן באזיס פון פרייוויליקייט, און אן א באאמטן־הוצאות. דעריבער האט אין דער ערשטער צייט חיים גערליץ אליין אנגעפירט מיט דער קאסע־בוכהאלטעריע. אבער, ווען די אפעראציעס האבן זיך פאר־ברייטערט, און עס האט זיך געפאדערט לאנגע שעה'ן פון ארבעט, איז שוין גערליץ אליין נישט געווען אומשטאנד דאס אויסצופירן. איז אים איינגעפאלן אן אריגינעלער פלאן: ער האט אויסגעלערנט די בוכהאלטעריע עטלעכע ישיבה־לייט פון שטעטל, און זיי האבן פרייוויליק אויסגעפירט די גאנצע ארבעט, אזוי די בוך־פירונג, דאס ארויסגעבן הלוואות און אננעמען ראטעס־אפצאלן. דער דאזיקער פלאן האט געהאט גרויס הצלחה און איז געווארן א מוסטער אויך פאר אנדערע שטעט.

די „גמילות־חסד"־קאסע האט עקזיסטירט ביז צום אונטערגאנג פון שטעטל.

ב. אבי־עזר
ישראל

הכנסת־אורחים

מחמת דעם, וואס גאוואראווע איז געלעגן אין א צענטער פון יידישע ישובים, מיט אן אייגענער באן־סטאציע, מיט וועגן און טראקטן, וואס האט געמאכט א לייכטן צוגאנג צום שטעטל, און אויך דערפאר, ווייל גאוואראוועד יידן האבן געהאט א שם אין דער גאנצער געגנט, פאר בעלי־צדקה און נדבנים — איז דאס שטעטל געווען א צוציאונגס־פלאץ פאר אלע סארטן בעטלער און ארעמעלייט פון גאנצן לאנד.

די אנגעקומענע קבצנים פלעגן אליין גיין איבערן שטעטל זאמלען נדבות. זעלטן, ווען אן ארעמאן זאל אנקלאפן אין א יידישער טיר און ער זאל נישט באקומען קיין צווייער, א קאפיקע, אן „אנבייסן", א „ווארעמעס", צי א „וויעטשערע".

פון די ארעמעלייט זענען אממיינסטן געווען איינצעלנע פערזאנען — דער הויפט פון דער משפחה, וואס פלעגט אפמאכן זיינע דריי זלאטעס (א טעגלעכער פארדינסט פון א שווארץ־ארבעטער), איבערנעכטיקן און גיין ווייטער. אבער אפטמאל פלעגט זיך אראפלאזן אין שטעטל, מיט א פערד און וואגן א גאנצע ארעמע פאמיליע — א מאן און א פרוי מיט קינדער. זיי פלעגן שוין אפזיצן עטלעכע טעג, און נישט אפטרעטן, ביז זיי האבן געשאפן א מטבע ראוי לשמה און געניצטע בגדים פאר א צולאג.

צו דער דאזיקער קאטעגאריע פון נצרכים, האבן נישט אנגעהערט: מגידים, משולחים פון ישיבות, רבי'שע שליחים פאר „כולל־געלד" און „פיעכאטנע" חזנים. פאר מגידים און חזנים האט מען נאכן דאווענען צוגעשטעלט א טיש צו דער טיר פון בית־המדרש, און נישט ארויסגעלאזט די מתפללים ביז זיי האבן נישט באצאלט דאס „אויסטריט־געלט". פאר ישיבות און „שיינע יידן", האט זיך תמיד אפגעפונען א פארל פון חשוב'ע בעלי־בתים, וואס זענען ארומגעגאנגען איבערן שטאט זאמלען געלט פאר זיי. זיי האט מען, נאטירלעך, געגעבן א סך גרעסערע נדבות; זיי פלעגן שאפן א 25—20 זלאטעס, און אפטמאל — נאך מער.

פאר חשוב'ע אורחים דאט זיך שטענדיק געפונען א שטעטלדיקער בעל־הבית, וואס האט זיי איינגעלאדן צו זיך אויף א נאכט־לעגער. דאקעגן, סתם ארעמעלייט פלעגן איבערנעכטיקן אויף אן הארטער באנק אין בית־המדרש הינטערן אויוון.

מיט די ארעמעלייט, וואס זענען געבליבן אויף שבת, האט זיך באשעפטיקט אברהם צאלקע, דער הויפט־שמש. ער פלעגט זיי טיילן „פלעטן" צו בעלי־בתים, יעדן ארעמען — נאך זיין חשיבות. אן ארעמאן א בן תורה — צו א בעל־הבית א בן־תורה, מען זאל קאנען שבת ביים טיש ריידן א „יידיש ווארט", און א פראסטן ארעמאן — צו א פשוט'ן בעל־הבית. זיינע צעטלעך פלעגן שטענדיק האנארירט ווערן דורך יעדן. טאמער איז

געקומען אן אורח פּרייטיק שפּעט נאך מיטיק און נישט געקריגן קיין „פּלעט" פון אברהמ'קען — האט ער זיך געשטעלט נאכן דאווענען ביי דער טיר און עס האט זיך שטענדיק געפינען א בעל־הבית, וואס האט אים מיטגערופן צו דער שבת־סעודה.

מיט דער מצוה פון הכנסת אורחים, ספּעציעל פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט זיך באזונדער אפּגעגעבן ר' משה יהושע גינזבורג, א ייד א למדן און משכיל, וואס האט געהאנדלט שפּעטער מיט ספרים. ער פלעגט אויך נעמען צו זיך אורחים אין שטוב אריין און זארגן פאר אלע זייערע הצטרכות'ן. געווען א צייט, ווען אין לאנד האט אויסגעפּעלט קליין־געלט און דאס האט געדינט פאר א גוטן תירוץ אפּצופּטרן אן אָרעמאַן מיט „שהי'ה פּהי'ה", האט ר' משה יהושע „געגרינדעט" אן „ארעמעלייט־באנק", און ארויסגעלאזט א „געלט־עמיסיע" מיט זיין אונטערשריפט. בעלי־בתים האבן זיך איינגעקויפט אזעלכע „באנקנאטן" ביי ר' משה יהושע'ן, בכדי צו געבן די ארעמעלייט, און זיי, די ארעמעלייט, פלעגן דאס שפּעטער ביי אים אויסבייטן אויף גאנגבאר געלט.

אין די לעצטע יארן פארן צווייטן וועלט־קריג, האט די קהלה אויסגעבויעט צוויי גרויסע צימערן ביי דער שול פאר אן „הכנסת־אורחים". דארט האט זיך געפינען א גרעסערע צאל בעטן מיט שטרוי־מאטראצן, ווו די ארעמעלייט האבן גענעכטיקט און פארבראכט זייער פרייע צייט. מיט פירוען־בעטלערינס האט זיך באשעפטיקט גיטל לאה מיכאלאוויטש. ביי איר, אין ארעמען שטיבל, פלעגן זיי נעכטיקן, אפּקאכן זיך אביסל עסן און וואשן זייערע בגדים.

גרויסע בעלי מכניסי־אורחים זענען געווען: פייוול בריק, וועלכער האט די לעצטע יארן, איינעם פון זיינע חדרים באשטימט פאר ארעמעלייט; וועלוועל זילבערשטיין (דער „ראדזשילאווער שניידער"), וואס האט צוגעבויט צו זיין דירה א ספּעציעלן צימער און געפירט א „פּריוואטן" הכנסת אורחים, און יואל'קע דער בעקער — געהאט א שם אין דער גאנצער געגנט פאר א מין „כלבא שבוע", פון פארן חורבן ירושלים. עס איז נישט געווען דער הונגעריקער מענטש, וואס זאל אריינגיין צו אים און נישט ארויסגיין קיין זאטער. זיין גאנצע בעקעריי און פּארקויפס־שטעלע האט ער געשטעלט צו דער דיספּאזיציע פון אורחים.

אין גאווראַוואָ זענען אויך געווען צוויי גאסט־הייזער (אכסניה'ס), א.ג. האטעלן, ווו מען האט געקאנט איבערנעכטיקן קעגן א געלט־אפּצאל: ביי משה טענענבוים און שאול פּאטאַש. כאטש די דאזיקע האטעלן זענען געווען על מנת לקבל פרס — פלעגן זיי אויך מקיים זיין די מצווה פון הכנסת אורחים, מיט זייער הארציקייט און גוטער באדינונג. נישט איין מאל פלעגן דארט נעכטיקן יידן אן געלט, און נאך צוקריגן אן „אנבייסן" גראַטיס.

גאוואראווער יידן האבן גוט געוווסט דעם מאמר פון די חכמים: „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה", און זיי האבן דאס, טאקע, אפּגעשאצט און מקיים געווען מיטן גאנצן הארצן.

א. אבי־אוריאל
ישראל

„לינת־הצדק" און „ביקור־חולים"

גאוואראווע האט נישט פארמאגט קיין אייגענעם שטאטישן שפיטאל, און עס האט אויך נישט עקזיסטירט קיין אפטיילונג פאר סאניטאציע און געזונטהייטס־וועזן, נישט ביים ארטס־ראט און נישט ביי דער יידישער קהלה. די באפעלקערונג אליין האט אפגעהיטן ריינקייט, און אויך געזארגט פאר מעדיצינישע הילף ביי א מחלה פון א משפחה־מיטגליד.

אז עמיצער אין א פאמיליע איז קראנק געווארן, האט מען, קודם כל, געהאלטן עצות מיט שכנים, געמאכט א פאר „באבסקע רפואות" און געשיקט רופן גיטל־לאה'ן, זי זאל „אפשפרעכן" אן „עין־הרע". ווען די אלע לחישות און סגולות האבן נישט געהאלפן, האט מען גערופן דעם פעלדשער. ווי נאר ער האט א קוק געטאן אויפן חולה, האט ער שוין געהאט זיין פארטיקן רעצעפט: פאר בויך־וויטיק — אביסל ריצנאייל, קעגן שטעכעניש אין רוקן — א צענדליק באנקעס, און צו קאפ־ווייטיק — אַ פאר „פיאווקעס", אדער „האקן" אן אדער.

איז דאס געווען אַ איבערגייענדיקע קראנקהייט, איז דער חולה ממילא אויפגעשטאנען פון בעט, נאר אפגעשוואכט אביסל פון די באנקעס און בלוט־צאפעניש. טאמער איז דאס אבער געווען אן ערנסטע קראנקהייט, איז דער חולה, נאכן פעלדשערס „באהאנדלונג", ערשט אויף אן אמת קראנק געווארן, און שוין געשמעקט מיט סכנה. דאן איז שוין נישט געווען קיין אנדער ברירה, ווי צו רופן דעם דאקטאר.

פאר א חולה מסוכן האט מען זיך נישט באגנוגנט מיטן דאקטאר אליין, מען האט נאך „איינגעריסן" דעם ארון־קודש, געבראכט חדר־יינגלעך אין שול אריין זאגן תהילים, און „געמאסטן" קברים. פאר א שפיטאל האט מען געציטערט אימת־מות; א שפיטאל האט געשמעקט מיט בית־הקברות. מען האט בעסער גערופן דעם גוטשינער דאקטאר, וואס האט אויך געשמט פאר א שטיקל בעל־מופת, מען האט געבראכט דאקטוירים פון ווארשע, לאמזשע, צי אסטראלענקע, אבי נישט צו שיקן קיין קראנקן אין שפיטאל אריין.

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין גאוואראווע געווען א יידישער דאקטאר, ער האט אבער נישט געהאט קיין „אריכת ימים". די קריסטן האבן אים כמעט ווי באיקאטירט, און פון די יידן אליין האט ער קיין פרנסה נישט געקאנט האבן, האט ער נאך א קורצער צייט געמוזט דאס שטעטל פארלאזן. בדרך כלל האט די באפעלקערונג ליבערשט גערופן די פעלדשערס מיט זייערע היימישע רפואות, ווי די דאקטוירים. אין יענער צייט האבן געארבעט צוויי פעלדשערס: מאשטשיכאווסקי, א פאלקס־דייטש, ער האט געקענט יידיש ריידן און איז אויך געווען א פריזיער, און דער צווייטער איז געווען גוט, א געשמדטער ייד.

זייערע רעקלאמע־שילדן זענען באשטאנען פון דריי גלאנציקע מעשענע טאצן, וואס זענען געהאנגען ביים פראנט־ארייננאנג פון הויז.

נאכן ערשטן וועלט־קריג פלעגן יעדע וואך קומען צו פארן פון אסטראלענקע די דאקטוירים זאַלעווסקי און קאַזלאָווסקי און האבן אויפגענומען קראנקע אין אפטייק. שפעטער האט שוין געארבעט סטאביל דער דאקטאר טשעפיטא. די לעצטע יארן האט גאווארעווע מיט דער אומגעגנט געהיילט דאקטאר גלינקא און האט אויך באדינט די מיטגלידער פון דער קראנקן־קאסע. ער געפינט זיך נאך ביי היינט־צו־טאג אין שטעטל. לאנגע יארן זענען געווען טעטיק די יידישע הייבאמ׳ס: מרים, און חיה שרה — שמואל׳קע דוד׳ס. שפעטער איז אויך געווען א קריסטלעכע אקושערקע.

סטאבילע ציין־דאקטוירים אדער דענטיסטן, זענען נישט שטענדיק געווען אין שטעטל. אייניקע יארן האט ביי אברהם גרודקען געארבעט די דענטיסטין מאניא האפמאן, פון ווארשע. שפעטער האט ביי משה טענענבוימען געארבעט די דענטיסטין פרוי דארא, פון רעמביס. די לעצטע יארן פלעגט קומען א דענטיסטין פוןווישקאווע, 2—1 מאל א וואך. אויך א אסטראלענקער דענטיסט איז אפט געקומען קיין גאווארעווע ארבעטן.

ווי געזאגט, האט מען זיך אין שטעטל געוואנדן צו א דאקטאר, נאר ווען „דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האלז". אבער, אפילו א דאקטאר נעמט נישא אוועק די קרענק מיט דער האנט, מען דארף אויסקויפן א רעצעפט, א גומענע ווארעם־פלאש, אַן אייז־פענכער, א „גראדניק" (טערמאמעטער) און אנדערע „קרייטעכצער". אמאל דארף מען אויך זיצן ביי א חולה, איבערנעכטיקן ביי אים א.א.וו. דערביי איז דאך נישט קיין גרויסער אונטערשיד פון אן ארימאן ביז א גביר, יעדער דארף הילף אין דער צייט פון א מחלה. האבן דעריבער עטלעכע גאווארעווער בעלי־בתים, בראש מיט גדליהו צודיקער, מענדל גוטמאן און קאסאווער, גענומען די איניציאטיוו און געשאפן א „לינת־הצדק". עטלעכע פארלעך האבן זיך ארויסגעלאזט איבערן שטעטל צו זאמלען געלט, און מיט א סובסידיע פון דער קהלה האט מען איינגעקויפט די נויטיקע מכשירים, וועלכע זענען אויסגעבארגט געווארן פאר די קראנקע, קעגן א משכון.

א סך יארן האט אויך עקזיסטירט אין גאווארעווע א „ביקור־חולים", וואס האט געהאט, מער־וויניקער, די זעלבע אויפגאבן, ווי דער „לינת־הצדק".ביידע, סיי „ביקור־חולים", סיי „לינת־הצדק", האבן געהאט פאר זיך איין ציל: העלפן דעם קראנקן אויף אלע אופנים און מיט אלע מיטלען. זיי זענען געווען טעטיק אין שטעטל לאנגע יארן און געבראכט פיל נוצן דער גאווארעווער באפעלקערונג.

פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס

ק. בער
ישראל

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע

ווען אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט איבעראַל דער ציוניזם שוין געהאַט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען, און אין אַ סך גרויסע און קליינע שטעט זענען שוין געווען טעטיק ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס — איז נאָך דער ציוניסטישער רעיון קיין גאַוואַראָווע נישט דערגאַנגען.

אמת, עס זענען געווען יחידים, שוין „אָנגעשטעקטע" מיטן ציוניסטישן געדאַנק, די יוגנט האָט אויף דער טעמע שוין געפֿירט דיסקוסיעס אויף די שפּאַצירן אונטערן שטעטל, צי ביי צוזאַמענטרעפֿן און פּריוואַטע שטיבער, אָבער צו קיין אָרגאַניזירטער טעטיקייט, צו עפֿנטלעכע אַרויסטריטן און אָפֿיציעלער אַרבעט איז עס נישט געקומען. צו דעם האָט מען שוין געדאַרפֿט איבערמאַכן „מעשה בראשית", דאָס האָט שוין געשמעקט מיט אפּיקורסות, מיט רעוואָלוציע, מיט „שמד" רחמנא לצלן — און צו דעם האָט מען געדאַרפֿט האָבן פֿיל מוט און ענערגיע, בכדי זיך אַריינצולאָזן אין אַ קאַמף מיט דער פֿרומער באַפֿעלקערונג פֿון שטעטל. נישט אַלע פֿון דער יוגנט האָבן דאָס געוואָלט טאָן — נישט יעדער האָט זיך געוואָלט אַריינלאָזן אין דעם נישט גלייכמעסיקן פֿאַרמעסט.

די עלטערע „חובבי־ציון" האָבן דאָן עפּעס געפּרוּווט טאָן: ר' משה יהושע גינזבורג פֿלעגט צוזאַמענעמען געלט ביי נאַציאָנאַל־געשטימטע יידן און דורכן ק.ק.ל. קויפֿן ערד אין ארץ־ישראל לשם מצוה און בצנעה, אָבער נאָכן געוויסן דורכפֿאַל, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן זיי אויפֿגעגעבן זייער טעטיקייט.

ר' משה יהושע'ס זון, בנימין, איז געווען כמעט דער איינציקער, וועלכער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיינע שטרויכלונגען, פּראָפּאַגאַנדירנדיק מוטיק זיינע ציוניסטישע אַנשויאונגען, דאַקעגן אַנדערע, זענען געוואָרן פֿאַרפֿאַלגט פֿון זייערע רעליגיעזע עלטערן און פֿון דער עקסטרעם־פֿאַנאַטישער סביבה. אַזוי האָט דער באַוווּסטזיניקער יונגערמאַן אַבֿרהם האַראָוויץ, געהאַט אויסצושטיין פֿיל שיקאַנעס און באַליידיקונגען פֿון זיין פֿאָטער ר' יאָסל, דער מלמד. ביי נחמן טשעכאַנאָווער איז געווען אַ פֿאַל, ווען ער האָט אין אַ פּורים געזאַמלט געלט פֿאַרן ק.ק.ל., האָט זיין פֿרומער פֿאָטער ר' יחזקאל געזאָגט, אַז מיט זיין טאַט, האָט ער דעם פֿריילעכן פּורים פֿאַרוואַנדלט אין אַ תשעה־באָבֿ... אַפֿילו דער „הצפירה", „היינט" און אַנדערע ציוניסטישע צייטונגען, זענען געווען „טריף־פּסול" און מען האָט זיי געמוזט לייענען בסתר. איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, וואָס אין אַזאַ אַטמאָספֿערע איז געווען שווער צו אָרגאַניזירן זיך און גרינדן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

מעגלעך, אז מיט דער צייט, וואלט עס צו דעם יא געקומען; „מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל״ — זאגט דאך א באקאנט ווערטל; עס וואלט אויך ביי אונז אין שטעטל רייף געווארן סוף־סוף דער ציוניסטישער געדאנק און באוווסטזיין, און וואלט דערשינען אין דער עפנטלעכקייט אן מורא. אבער דא איז אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה, דאס שטעטל איז פארברענט געווארן און די באפעלקערונג איז זיך פונאדערגעפארן. ערשט אין 1917, ווען די פליטים האבן זיך אנגעהויבן צוריקקערן, און אנגעהויבן פון דאס ניי ארגאניזירן א יידיש לעבן, דאן האט שוין אויך דער ציוניסטישער געדאנק באקומען אן אנדער לבוש; א גרעסערע צאל מענטשן זענען שוין געקומען צום אויספיר אין דער נויטווענדיקייט פון אן אייגן לאנד. אמת, די רעלעגיעזע יידן האבן זיך ווייטער געהאלטן ביי זייערס, אבער די יוגנט האט שוין רעוואלטירט און זיך אריינגעלאזט מיט זיי אין א קאמף.

★

צו יענער צייט האט שוין עקזיסטירט אין שטעטל א אומפארטייאישע יידישע ביבליאטעק, ביי יהושע בער לעוויטאן אין דער „ברייטער״ גאס. דארט האט זיך רעקרוטירט די גאנצע יוגנט, אן אונטערשיד פון פארטיי־אנשויאונגען, אפילו רעלעגיעזע. אין דער דאזיקער ביבליאטעק פלעגן פארקומען רעפעראטן און דיסקוסיעס אויף פארשידענע טעמעס, בעיקר — ציוניסטישע. בנימין גינזבורג איז געווען דער הויפט־רעדנער. אויך יחיאל פשיסוסקער, חנא ווייסבארד, יהושע ווענגראוו און פיל אנדערע פלעגן אויפטרעטן פארן ציוניסטישן רעיון. פון רוזשאן פלעגט אפט קומען משה רעגאזי און גאר ריידן פארן „בונד״. יעדער איינער האט דארט באקומען א ווארט און געפרעדיקט פאר וועלכע אנשויאונגען ער האט נאר געוואלט. די ציוניסטן זענען אבער געווען א מערהייט און האבן באשלאסן צו „מאכן שבת פאר זיך״.

לייענען מיר טאקע אין „הצפירה״ (נומ. 34 פון 1917 — חשון תרע״ח), אז אין חול־המועד סוכות איז פארגעקומען א ציוניסטישע פארזאמלונג אין וועלכער עס האבן זיך באטייליקט 100 מאן, בערך. די אסיפה האט איינשטימיק באשלאסן צו גרינדן א ציוניסטישע ארגאניזאציע, ארגאניזירן העברעאישע אוונט־קורסן און רעפעראטן אויף ציוניסטישע און וועלטלעכע ענינים, ווי אויך איינארדענען א פארזוויילונגס־אוונט, און די הכנסה זאל זיין באשטימט אויף צו גרינדן א ביבליאטעק. אין ועד זענען אויסגעוויילט געווארן: בנימין גינזבורג, נחמן טשעכאנאווער, מענדל פארבאראוויטש, פסח טרוכנאווסקי, יהודית ראזען און זלאטע פרידמאן. אין דער רעוויזיאנס־קאמיסיע זענען געווארן אויסגעקליבן: חיים מתתיהו עברון און בונם (ווארשיינדלעך — דינה בוינעס).

די פארוואלטונג האט זיך גענומען ענערגיש צו דער ארבעט, אויספירנדיק די באשלוסן פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג. זיי האבן אויך איינגעשאפט א גרעסערע צאל ביכער, לייגנדיק דעם יסוד פון א ציוניסטישער ביבליאטעק. אויך דער לערער האכשטיין איז זיי געקומען צו הילף, אפגעבנדיק זיין שולע־לאקאל צו זייער רשות, ביז זיי זענען שפעטער אריבער אין דער פריוואט־דירה פון דוואשע און ברוך ברה״ב, אין דער „לאנגער״ גאס.



ערשטע רייע (פון רעכטס צו לינקס): זלאַטע פרידמאַן און יהודית ראָזען.
עס שטייען: ציפּע בוינעס רחל פרידמאַן און א יידישע לערערין פון פּויליש (1920‏־1)

נאך דער פארעפנטלעכונג פון דער „באלפור־דעקלאראציע" (נאוועמבער 1917), האבן זיך די ציוניסטישע רייען פארגרעסערט און מיט דער צייט געווארן א כוח. אבער גלייכצייטיק מיט דער „אקטאבער"־רעוואלוציע אין רוסלאנד, וועלכע איז פארגעקומען אין דער זעלבער צייט, האט זיך אויך דער סאציאליסטישער געדאנק איינגעגנבעט אין די מוחות פון דער יוגנט. זיי האבן שוין אנגעהויבן צונויפפארן ציוניזם מיט סאציאַליזם.

הגם די לעגאליזאציע איז געווען אויפן נאמען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האט דאס נישט געשטערט די חברים ארויסצוטרעטן עפנטלעך פאר זייערע אנשויאונגען. פלעגן טאקע פארקומען, אינערהאלב דער ציונ. ארגאניזאציע, דיסקוסיעס וועגן ציוניזם, „צעירי־ציון", „פועלי־ציון" א.א. מיטן צוריקקערן זיך פון רוסלאַנד, פון די ברידער הערשל און שמעון פארבא, האט זיך געשטארקט די פראפאגאנדע פאר „צעירי־ציון". ביי אנדערע געלעגנהייטן — פון אנדערע שאטירונגען. איינער האט זיך באמיט איבער־צוצייגן דעם אנדערן און טראָץ די מיינונגס־פארשידנהייטן, איז דאך געקומען צו אן אויפלעבונג אין דער ציוניסטישער טעטיקייט.

אין דעם לענגערן צייט־אפשניט, ווען די ציונ. ארגאניזאציע מיט איר ביבליאטעק האט זיך געפינען ביי דוואשען, זענען זיי ווייטער גערודפט געווארן דורך די רעליגיעזע קרייזן. די לעצטע האבן פון זיי פארלאנגט, אז די צונויפטרעף־אוונטן (ביים טוישן די ביכער א.א.וו.) זאלן פארקומען באזונדער פאר מענער און באזונדער פאר פרויען, און נאך פארשידענע פאדערונגען, וואס די יוגנט האט זיך זיי קעגנגעשטעלט. בעיקר זענען דא געווען אקטיוו די פרומע עלטערן, וועמענס קינדער עס זענען שוין געווען אונטער דער השפעה פון די ציוניסטן. זיי האבן געוואלט שטערן דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון דער ארגאניזאציע, און אזוי ארום פארמיידן פון זייערע זין און

טעכטער „חרפות און בזיונות"... פלעגן זיך טאקע די ציוניסטן אפט צוזאמענקומען אין אנדערע פריוואטע שטיבער. פון־צייט צו־צייט פלעגן זיי זיך אויך טרעפן ביי משה גראנאט (א ברודערן־זון פון בערטשע גראנאט), וועלכער האט אנגעהערט צום „דריילינג" (ב. גינזבורג, י. פשיסוסקער און מ. גראנאט) פון די קולטור־טוער.

★

אין די 2 יאר פון דער פוילישער אומאפעהנגיקייט האט די ציונ. ארגאניזאציע געפירט א לעבהאפטע טעטיקייט, דאקעגן אין דער צייט פון דער באלשעוויסטישער אינוואזיע (1920), איז שוין געווארן א תוהו־ובוהו אין שטעטל. די ציוניסטן האבן מורא געהאט צו פירן א עפנטלעכע ארבעט און אויך די טעטיקייט פון דער ביבליאטעק איז אפגעשטעלט געווארן. די יוגנט האט זיך ממש אויסבאהאלטן. ווער עס האט געוואלט טוישן א בוך, האט געמוזט פארן קיין רוזשאן. אויף דער דאזיקער קורצער תקופה, איז דערווייל געשאפן געווארן א אומפארטייאישע ביבליאטעק ביי שאשקע גיטל און אברהב אלאקעוויטש אין דער „לאנגער" גאס. עס זענען דארט געווען טעטיק: יעקב גורקא, משה דוד מאלאווני, יצחק דוד קופערמאן, יעקב זאמעלזאָן, לייבל קערש א.א. בנימין גינזבורג האט זיי אויך צוגעהאלפן. שפעטער האט זיך פון דעם אויסגעשיילט א לינקע „פועלי־ציון", אונטער דער אנפירערשאפט פון די ברידער שלאזער און יעקב זאמעלזאן, און א „בונד" — מיט לייבל קערש בראש.

ווען די „רויטע ארמיי" איז אפגעטרעטן פון גאווראווע, איז א טייל פון דער יוגנט אוועק מיט זיי קיין רוסלאנד, און די גאנצע געזעלשאפטלעכע ארבעט, בפרט די ציוניסטישע טעטיקייט האט געמוזט פון דאס ניי רעארגאניזירט ווערן. אבער דא האבן שוין די נייע פוילישע מאכט־ארגאנען אנגעהויבן קוקן קרום אויף זיי און חושד געווען אלעמען אין סימפאטיע צום קאמוניזם. עס איז כדאי צו פארצייכענען פאלגנדיקן פאל:

אין דער דאזיקער צייט זענען אין גאווראווע ארעסטירט געווארן די פירער פון די „צעירי־ציון", בנימין גינזבורג, יעקב קארוואט און הערשל פארבא. אויך אין ווארשע זאלן האבן ארעסטירט געווארן אייניקע צ.־ק.־מיטגלידער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ווי שוואלבע א.א. די דאזיקע ארעסטן זענען פארגעקומען אין צוזאמענהאנג מיט א צירקולאר פון צ.ק., אין וועלכן עס איז גערופן געווארן א קאנפערענץ פון ציוניסטישע דעלעגאטן קיין ווארשע, וואס איז, לשם קיצור, באצייכנט געווארן בלויז מיט 2 „וו".

היות, ווי צופעליג אויפן זעלבן טאג האט דער קאמוניסטישער „אינטערנאציאנאל" גערופן א קאנפערענץ קיין ווין, האבן די פוילישע מאכט־ארגאנען אין אסטראלענקע, פארשטאנען, אז „וו" מיינט — ווין. זיי זענען געווען זיכער, אז אלע זענען קאמוניסטן און מאסקירן זיך כלומרשט אונטער דער ציוניסטישער לעגאליזאציע (אויך די „צעירי־ציון" זענען געווען אונטער איין לעגאליזאציע). די פוילישע פאטריאטן אין אסטראלענקע האבן געמאכט פון דעם א „טראַסק" אין גרויסן פארנעם, דערגרייכנדיק אפילו קיין ווארשע. זיי האבן געוואלט באווייזן, אז נאר זיי איז געלונגען צו אנטדעקן א קאמוניסטיש קעמערל... ערשט נאך א פערזענלעכער אינטערווענץ פון יצחק גרינבוים אין אסטראלענקע, איז דער זינלאזער בילבול אויפגעקלערט געווארן און די ארעסטירטע זענען באפרייט געווארן.



משה דראַניצאַ

אין יאר 1923, בערך, האט בנימין גינזבורג פארלאזט דאס שטעטל און אויך אנדערע אנפירנדיקע חברים זענען אוועקגעפארן. די לייטונג פון דער ציונ. ארגאניזאציע האבן דאן איבערגענומען: משה דראניצא, יעקב קארוואט, יהודית ראזען, דוד אהרן גרודקא, ברוך קראוויעצקי, דוד גלאגאווער א. אנד. אלס מזכיר און ביבליאטעקאר — חיים גערליץ. אויך דער העברעאישער לערער זרח בריק האט א לענגערע צייט פארנומען דעם דאזיקן אמט.

די פרומע יידן האבן זיי ווייטער נישט צורו געלאזט. אויך דער רב האט זיך געלאזט אינספירירן. הגם די ציונ. ארג. איז געווען אפיציעל לעגאליזירט, דאך האט עס געבראכט צו פאלגנדיקן צוזאמענשטויס:

די ארגאניזאציע האט זיך דאן געפינען ביי יאסל ענגעל (דער רימער) אין דער „ברייטער" גאס. די רעליגיעזע האבן אינטערוועניִרט ביי דעם שטאטישן פאליציי־קאמענדאנט, גרושקא, און ער האט איינמאל א אוונט די אנוועזנדיקע מיטגלידער פון דארט פונאנדערגעטריבן און דעם לאקאל געשלאסן, כלומרשט, ווייל זיי זענען קאמוניסטן... עס איז גלייך אוועק א דעלעגאציע צום צ.ק. אין וואַרשע, אין באשטאנד פון משה דראניצא און יעקב קארוואט, און געבעטן זייער אינטערווענץ. די דעלעגאציע האט מיט זיך מיטגעבראכט פון צ.ק. 2 בריוו — איינעם צום פאליציי־קאמענדאנט און דעם צווייטן — צום רב. דער קאמענדאנט האט זיי גלייך אומגעקערט די שליסלען און דעם לאקאל צוריק אויפגעמאכט. דעם קאמענדאנט האט געדראט פאר זיין אומגעזעצלעכן טאט צו פארלאזן זיין אמט. אויך די רעליגיעזע האבן געוואלט באקומען זייער פסק. אבער דער צ.ק. איז נישט געווען פאראינטערעסירט צו פארשארפן די באציאונגען און האט געהייסן דעם ענין פארשווייגן. טראץ אלעם פלעגן דאך די „שומרי שבת" מאכן אפטע וויזיטן אין זייער לאקאל, קאנטראלירן צי זיי צינדן נישט אן חס־וחלילה א לאמפ אום שבת, אדער רויכערן נישט אין דעם הייליקן טאג.



דוד אהרן גרודקא, הי״ד

אבער נישט נאר די ציוניסטישע מיטגלידער זענען געווארן גערודפט דורך די רעליגיעזע. אויך די בעלי־בתים, וועלכע האבן זיי פארדונגען די דירות זענען געווארן שיקאנירט. די זאך האט שוין גענומען נמאס ווערן פארביידע צדדים. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט זיך געמוזט איבערציען צו א קריסט — זיי האבן געדונגען א לאקאל ביי ווירעמבעקן אויף דער אסטראלענקער גאס. דארט זענען זיי געווען א סך יארן.

במשך פון דער צייט איז דער רעליגיעזער דרוק געווארן אלץ שוואכער. די ציונ. ארג. („התחיה״) האט שוין געפירט איר ארבעט אין א רואיקערער אטמאספערע. דער ציוניסטישער געדאנק איז שוין איינגעדרינגען צווישן אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. די ארבעט פאר די נאציאנאלע פאנדן און די שקלים, איז געווארן פארשטארקט. די ציונ. חברים האבן זיך באטייליקט אין טעאטער־פארשטעלונגען, וועמענס הכנסה איז געווען באשטימט אויף צו קויפן נייע ביכער פאר דער ביבליאטעק. צו דער פארוואלטונג האבן שוין אויך אנגעהערט: בונם שאפראן, משה אהרן גראנאט א. אנד. אלס סעקרעטאר און ביבליאטעקאר איז געווען א לענגערע צייט אברהם האלצמאן. אין 1925 האט זי געהאלפן גרינדן דעם הכשרה־קיבוץ אין טשירניע.

אינערהאלב דער ציונ. ארג. פלעגן ווייטער פארקומען דיסקוסיעס און חברים־שמועסן וועגן די פארשידענע שטרעמונגען אין ציוניזם. אין מערץ 1927 איז פארגעקומען א שפאלטונג, און די „פועלי־ציון״־צ.ס. האט זיך אפגעטיילט פון דער ציונ. ארג. (זע ווייטער — „די אנטשטייאונג פון „פ.צ.״־צ.ס.״). עס איז גלייך געווארן געקליבן א נייע פארוואלטונג. משה דראניצא איז ווידער געוויילט געווארן אלס פארזיצער, דוד אהרן גרודקא — וויצע־פארז. און קאסירער, ב. קאסאווסקי — סעקרעטאר א. אנד. אלס ביבליאטעקאר איז צוערשט געווען טעטיק: מתתיהו משניות, שפעטער — אביעזר שיקארא, ווי אויך דער מזכיר.



אַ גרופּע מיטגלידערינס פון דער ציונ. אָרג. עס זיצן (פון רעכטס): הינדע לאה ראָמאַנער, ייטע בורשטין, נעמי צודיקער, און דבורה ראָמאַנער. פון אונטן: שרה גיוונער און בלומע פּארבאַ

ביים סוף פון די 20־ער יארן, מיט דער אנטשטייאונג פון דער רעוויזיאניסטישער באוועגונג, איז שטופנווייז אריבער די ציונ. ארג. צו די רעוויזיאניסטן, וועלכע האבן יארן־לאנג געפירט זייער טעטיקייט אויף דער לעגאליזאציע פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע „התחיה". (זע ווייטער — „די רעוויזיאניסטישע באוועגונג").

אין די דרייסיקער יארן זענען די ציוניסטן געווען פארטרעטן אין פארשידענע אינסטיטוציעס אין שטעטל. אזוי זענען געווען טעטיק אלס דאזארעס: דוד אהרן גרודקא, יעקב כשר און ביי דער לעצטער קאדענץ — משה דראניצא. דער לעצטער האט אויך פארן חורבן פון שטעטל אנגעהערט צו דער פארוואלטונג פון דער סוחרים־באנק, „באנק קרעדיטאווי". אויך אין אנדערע ערטער האבן די ציוניסטן מיטגעארבעט. די גרינדער, הויפט־אנפירער און דער רוב מתפללים פון דעם „פארגעשריטענעם מנין", האבן זיך רעקרוטירט פון די אלג. ציוניסטן.

ליידער האט די מערהייט פון די אנפירער און פשוט'ע חברים, וועלכע האבן זייט יארן געפירט א קאמף פארן ציוניסטישן געדאנק, נישט דערלעבט זיין פארווירקלעכונג. זיי זענען אומגעקומען מיט די זעקס מיליאן יידן אין דער חורבן־תקופה, יה"ד.

רחל ברעסטעל־גורקא
ישראל

מיין טעטיקייט אין „צוקונפט" און אין „בונד"


מיט דער ייִנגער גענעראַציע פון „בונד", צו וועלכער איך האָב אָנגעהערט — האָט אָנגעפירט דער האַרציקער חבר שמחה זילבערשטיין. ער איז געווען אונזער לערער און דערציִער, און מיר האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט ליבע און רעספּעקט. אים צו הילף איז געשטאַנען משה אַלעק. שטענדיק אין אַ גוטער שטימונג, מיט שמייכלענדיקע בלויע אויגן, האָט ער אונז געהאָדעוועט ווי אַ פֿאָטער — קינדער, און מיר האָבן אין אים געפינען אַ זיכערן אָנלען אין אַלע אונזערע ספיקות.

דער אָנערקענטער און אַלגעמיין־באַליבטער פירער פון „בונד" איז געווען דער ליבער חבר לייבל קערש. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקייט צו יוגנט. קינדער האָט ער געהאָלדזט און געקושט, ווי זיי וואָלטן געווען זיינע אייגענע. ער האָט אונז באַגייסטערט מיט זיין פערזענלעכקייט, און אונטער זיין השפעה, זענען מיר גרייט געווען אויסצופירן די שווערסטע אויפגאַבן, נישט פילנדיק קיין מידקייט.

צו די אַרויסגעהויבענע חברים פון „בונד" דאַרף מען צוגעבן דעם חבר איטשע קיריס און זיין פרוי שיינדל, היינט אין ישראל, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען ביים וויגעלע פון „בונד" אין גאַוואַראָווע, און דעם זעלטענעם חבר לייזער פרידמאַן, וועלכער האָט געדינט אונז אַלעמען פאַר אַ מוסטער פון איבערגעגעבנהייט און מסירת־נפש פאַר אַן אידעע. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז לייזער פרידמאַן האָט מיט זיינע אייגענע אָרעמע כוחות אויפגעשטעלט די גרויסע „פּרץ"־ביבליאָטעק אין גאַוואַראָווע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ נייעם אַנצוג, פון קויפן זיך שיך, און פאַר דעם געלט איינגעשאַפט ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. אויך חנא אַלעק, מאיר שמעלץ און משה קאַרוואַט זענען געווען פון די טעטיקע חברים.

מיט דער צייט האָב איך אַליין אָנגעהויבן ווערן טעטיק אין „צוקונפט", די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון „בונד". איך האָב זיך איינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט מיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען און אַנטוויקלט אַ טעטיקייט אויף אַלע געביטן.

אין די ערשטע צייטן האָט דער „בונד" נישט פאַרמאָגט קיין אייגענעם לאָקאַל. מיר, די יוגנט, פלעגן זיך פאַרזאַמלען הינטערן פרייען הימל, אין פאַרשטעטל גאַוואַרווקע, ביי דער באַן־ליניע. שפּעטער האָבן די חברים געדונגען אַ לאָקאַל ביי דער קריסטלעכער פרוי וועגנעלסקאַ. אָבער דאָ איז געשען אַ קוריאָז: אַ סך פון די עלטערע חברים האָבן נישט מסכים געווען, אַז די יוגנטלעכע זאָלן זיך געפינען צוזאַמען מיט זיי אין איין לאָקאַל. שמחה זילבערשטיין איז דאַן אַ ברוגז׳ער אַוועק מיט אונז, און אונז אָפּגעהיטן, אַז מיר זאָלן זיך נישט „צעפליען" אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן גראָד



שמחה זילבערשטיין



משה אַלעק



לייזער פרידמאַן

אנגעהויבן פירן א גרויסע אגיטאציע צווישן דער יוגנט. ענדלעך האט שמחה זילבערשטיין געפינען פאר אונז אן ארט אין דער „פרץ"־ביבליאטעק, ווו מיר האבן אומגעשטערט גענומען פירן אונזער טעטיקייט.

דער יוגנטלעכער כח אין „בונד" האט זיך אנטוויקלט און פאַרגרעסערט. ביי די נעכסטע פאַרגעקומענע וואלן האבן מיר שוין דערגרייכט 2 מיטגלידער אין דער פאַרוואַל־טונג: ישראל שאפּראן און די שרייבערין פון די שורות.



ערשטע רייע (פון רעכטס): שמחה זילבערשטיין, אברהם ראָמאַנער און יוסף יאַגאָדניק. צווייטע רייע: שלום פראַסקע, (נישט באַקאַנט), לייבל קערש און שמואל שעציק. עס שטייען: שרה שמעליץ, איטשע קיריס, שיינדל קארלינסקי, משה אַלעק, מענדל טייטעלבוים, ברײַנטשע ראָזען, לייבטשע גמרא און מלכה וויראַסלאַוו

שפּעטער, האט די אונטערערדישע קאמוניסטישע ארגאניזאציע גענומען אפּרייסן פון אונזז חברים. דא האבן שוין אויך די עלטערע פאַרשטאנען די וויכטיקייט פון דער יוגנט־ארגאניזאציע, און זיי האבן אונז גענומען אפּגעבן א סך חשיבות און אנזען.

די „פּרץ"־ביבליאטעק פון „בונד", האט פארמאגט ביז 6000 ביכער אין דער יידישער און פּוילישער שפּראך, און איז געווען די גרעסטע ביבליאטעק אין שטעטל. זי האט געדינט אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג — פון „בית־יעקב"־מיידלעך און ישיבה־בחורים, ביז קאמוניסטן און אפילו — פּאָלאַקן. א באזונדער אפּטיילונג איז געווען פאר קינדער־און יוגנט־ביכער. איך בין געווען א לענגערע צייט די ביבליאטעקארין, ווי אויך שרה ראָמאַנער.



ערשטע רייע (פון רעכטס): משה שמעלץ און חנא אָלעק. צווייטע רייע: זיסקע טויז, מענדל טייטעלבוים, שמחה זילבערשטיין און ישראל שאַפּראַן. עס שטייען: לייזער פרידמאַן, וועלוול רובין, (נישט באַקאַנט), און נאָסקע קאַרלינסקי.

זער געלונגען איז געווען דער דראמאטישער קרייז פון „בונד". ער איז געשטאנען אויף א הויכן, שיינעם קינסטלערישן ניווא, און האט געשפּילט די בעסטע שאַפונגען פון יענער צייט: „גאט פון נקמה", „דער טויבער", „דארפס־יינג" און נאך אנדערע פּיעסן, וואס האבן געהאט גרויס דערפאלג. דער רעזשיסער איז געווען יאסל זילבערשטיין און איך — שופלאר. דאס שטעטל איז ארעם געווען אין פארוויילונגס־פלעצער, דעריבער זענען אונזערע פאָרשטעלונגען מאַסנהאַפט באזוכט געווארן.

אויפן געביט פון פאלקס־בילדונג, האט דער „בונד" אויך געהאט צו פארשרייבן גרויסע דערגרייכונגען. ביי דער „פּרץ"־ביבליאטעק האבן זיך געעפנט אוונט־קורסן פאר יוגנטלעכע און דערוואקסענע — פאר אנפאנג־קלאסן און פארגעשריטענע. די פרעבל־און באכמיטיק־שולעס פון „בונד" האבן אויך געהאט גרויס דערפאלג. די לערערינס זענען



אַ גרעסערע גרופּע פון „בונד" און „פּרץ"־ביבליאָטעק

געווען: שיינקע דורניצקא און שפּעטער — פּעשקע גאָלדמאַן פון קאָברין.

די לעצטע לערערין, גאָלדמאַן, איז איינגעשטאַנען ביי משה האָראָוויטש, דער קהלה־דאַזאָר פון „בונד". עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל: איך בין אַמאָל אַרויפגעקומען צו איר אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס, און זי געטראָפן זיצנדיק אויפן בעט און יאָמערלעך וויינען. איך בין שטאַרק דערשראָקן געוואָרן. האָט זי מיר דערציילט, אַז זי שטאַמט פון אַ פרומער יידישער שטוב, און זי האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי דער פאָטער מאַכט „קידוש", און אויפן טיש לייכטן די שבת־ליכט — האָט זיך איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ. איך האָב זי גלייך גענומען צו מיר אין שטוב אַריין. ווען מיין שטרענגער פרומער טאַטע איז אַ היים געקומען פון גערער „שטיבל" און געטראָפן די בונדישע לערערין, האָט ער גאָרנישט גערעדט, נאָר געזאָגט: „גוט שבת"! איך האָב אים דערציילט די געשיכטע און זייט דאַן איז זי שוין געבליבן ביי אונז. מיין טאַטע האָט, טאַקע, געהאַט אויסצושטיין אַ ביסל שיקאַנעס פון די גערער חסידים: „ווי פּאַלסטו אויס צו האַלטן ביי זיך אין שטוב אַ בונדישע לערערין?", אָבער ער האָט זיי אָפּגעשטויסן: „אַ יידיש קינד, איז אַ יידיש קינד..." שפּעטער איז זי אַריבער וווינען צו שייקע הערצבערג.

אין אַלגעמיין האָט זיך גאוואראווע אויסגעצייכנט מיט אַ ליבעראַלן צוגאַנג צו יענעמס אידעאַלן. כל מיני אַנשויאונגען און פּאַרטיי־איינשטעלונגען האָבן נישט געשטערט דאָס אידיליש צוזאַמענלעבן פון דער באַפעלקערונג. אין אַ „פּרעסע־טאָג", האָט אפילו ישראל בורשטין, דער קנאות'דיקער אגודה'ניק, געקויפט ביי מיר אַ „פאָלקס־צייטונג", און ווען דער „בית־יעקב" האָט געשפּילט טעאַטער — האָב איך געקויפט אַ בילעט.

צום גאוואראווער „בונד" האָט מען זיך אין דער וואַרשאַווער צענטראַלע באַצויגן מיט גרויס חשיבות. דער טיראַזש פון דער „פאָלקס־צייטונג" אין די „פּרעסע־טעג", איז ביי אונז געווען אַזוי גרויס, ווי אין די באַרימטסטע שטעט, און מיר האָבן, טאַקע, אָפט באַקומען אויסצייכענונגען פאַר דעם. קיין גאוואראווע האָט די צענטראַלע געשיקט די גרעסטע „קאַרפּן־קעפּ", די הויפּט־פירער פון דער פּאַרטיי, ווי: ה. ערליך, וו. אַלטער, י. פּאַט, ב. שעפנער, דינה האַלפּערן א.א. אויך ד"ר י. קרוק און ב. מאַלקין זענען

אויפגעטרעטן ביי אונז מיט רעפעראטן. די ארטיסטן האלצער האט אונז אויך באזוכט.

איך ברענג נאר דא די פרטים, וואס זענען מיר געקומען אויפן געדאנק, שרייבנדיק די דאזיקע שורות. אודאי האב איך א סך פארפעלט און א סך פארגעסן צוליב די טראגישע מלחמה־איבערלעבונגען. עס טוט וויי און ס׳איז שניידט ביים הארץ, ווען מען דערמאנט זיך אין די טייערע חברים און חבר׳טעס, וואס זענען אזוי שוידערלעך אומגעבראכט געווארן דורך די היטלעריסטישע מערדער־באנדעס. עס ווילט זיך דאך פארצייכענען א פאר נעמען פון חברים, וועמענס בילדער ס׳שטייען מיר פאר די אויגן:

משה, חנא און חוה אַלעק, אומגעקומען אין זעלווע, ביי סלאנים; לייבל קערש, אומגעקומען ביים סוף פון די געטא־קאמפן אין ווארשע; שמחה זילבערשטיין, אומגעקומען נעבן באַראַנאָוויטש; משה קאַרוואט, אומגעקומען אין סלאנים; נאסקע קאַרלינסקי, אומגעבראכט געווארן אין באַראַנאוויטש; שלום פּראַסקאַ און גישע אלעק, אומגעקומען ביי מינסק; יענקל אלעק און גאלדע דייטש, אומגעקומען אין רוסלאנד; אנשל טויז, אומגעקומען אין טרעבלינקע; יאסל זילבערשטיין, אומגעקומען אין קארטוז־בערעזע; משה האראוויטש, אומגעבראכט געווארן ביי מינסק; יאסל אַגראַדניק מיט זיין פאמיליע, אומגעקומען אין רוסלאנד; לייזער פרידמאן, אומגעבראכט געווארן ביי נאַשעלסק; אַנשל ענגעל מיט זיין פרוי און טאכטער, אומגעקומען אין רוסלאנד. דוד ווישניא מיט זיין פרוי מאשע; אַלעיאַרזש ישראל נחום; טויז לייבל און וועלוול, ווי אויך אסתר גריינער מיט איר ברודער בערל — אלע זענען אומגעקומען אין די בלוטיקע קריגס־יארן.

זאלן מיינע שורות זיין א מצבה פאר זייער הייליקן אנדענק!



אין א „פרעסע־טאָג" פון דער „פאָלקסצייטונג"

משה גראנאט
ישראל

די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון דער „פועלי ציון" – צ. ס.

די באוועגונג פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל, וועלכע האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו בויען דאס לאנד אויף סאציאליסטישע יסודות, האט אין די צוואנציקער יארן, פארכאפט א גאר־גרויסן טייל פון דער יוגנט. זי האט פארשטאנען, אז כדי געוונט צו מאכן דאס עקאנאמישע לעבן פון יידנטום, מוז דאס פאלק זיך איבערשיכטן אויף אנדערע יסודות — ווערן לאנדווירטן, לעבן אין קאמונע און זיך נישט אפזאגן פון קיין שום פיזישער ארבעט.

אין 25־טן יאר האט זיך די רעכטע „פועלי־ציון" צוזאמענגעגאסן מיט צ. ס. — „צעירי־ציון". דאס איז דאן געווען א וויכטיק געשעעניש. בעסערע ידיעות האבן אנגעהויבן אנקומען פון ארץ־ישראל, וואס האט געשאפן א באזע פאר א ברייט־פארצווייגטער ארבעט צווישן די הארעפאשנע מאסן.

מיט א גרויסער פארשפעטיקונג זענען די ציוניסטיש־סאציאליסטישע געדאנקען אריינגעדרינגען צו אונז אין שטעטל. מיר זענען דאן נאך אלע געזעסן צוזאמען אין דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. עס פלעגן אפט פארקומען דיסקוסיעס וועגן ענדציל פון ציוניזם, וועגן סאציאליזם א.א.וו. אינערהאלב דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האבן זיך אונזערע רייען כסדר פארגרעסערט. מיר האבן זיך אליין נישט געריכט אויף אזא גרויסן דערפאלג. ביז עס איז רייף געווארן דער געדאנק פון זעלבשטענדיק ווערן, אויפהערן צו עסן „קעסט" ביי די אַלג. ציונ. און זיך אפרייסן פון זייער אפיטרופסות.

געשען איז דאס אין מערץ 1927. אייניקע חברים האבן גענומען די איניציאטיוו, מען האט געדונגען א לאקאל און געלייגט דעם גרונטשטיין פון דער פארטיי „פועלי־ציון"־צ.ס. אין גאוואראווע. מיר זענען שנעל געוואקסן. עס איז נויטיק געווען צו שאפן אן אייגענע ביבליאטעק, וועלכע זאל דינען פאר דער קולטורעלער אויסלעבונג פון די חברים. עס האט זיך פארברייטערט דער פירער־קרייז. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר האבן אויך א פאטענציאל פון גוטע אנפירנדיקע כוחות.

דאס איינשאפן כסדר נייע ביכער און אלע אנדערע אויסגאבן, וועלכע זענען פארבונדן מיט אויסהאלטן א פארטיי, האבן אונז אריינגעטריבן אין גרויסע הוצאות. די פינאנסיעלע שוועריקייטן האט פון אונז צוגערויבט א סך צייט. צו דעם צוועק איז ביי דער פארטיי געשאפן געווארן א דראמאטישער קרייז, וואס זאל אריינברענגען הכנסות. אויך דא האט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר פארמאגן אן ארסענאל מיט א טייערן מענטשן־



דער ועד פון „פ.צ.־צ.ס. ערשטע רייע (פון רעכטס): זעליג הערצבערג, יעקב דראָזד, אהרן שראָן, משה סארגע און בונט שאַפּראַן. עס שטייען: יצחק וויראָסלאַוו, פייגע קופּערמאַן, שרה סקורניק, יצחק בלומשטיין, שרה סקורניק, יצחק בלומשטיין, שרה פלאָטקע, שרה סארבע און הענעך פרידמאַן.

מאטעריאל. עס זענען איינגעארדנט געווארן פארלעזונגען פון אייגענע חברים און דעלעגירטע פון דער צענטראלע אין ווארשע, קעסטל־און טאנץ־אוונטן א.א.וו. אבער דאך האט דער בודזשעט־פּראבלעם אונז שטענדיק געדאגה׳ט. ער איז קיינמאל נישט געווען קיין רעאלער, נאר תמיד א „געלאטעטער״.

יעדער חבר האט אויסגעפירט זיין ארבעט שלא על מנת לקבל פּרס. סיי די ארבעט פון פארזיצער, סעקרעטאר, ביבליאטעקאר, שוישפילער, און סיי די פשוטע ארבעט פון חוטב עצים ושואב מים — אלץ איז געטאן געווארן פרייוויליק, מיט שמחה און אָן אייגן־נוצן. אָפטמאל האט מען ממש געטאן עבודת־פּרך, אפּגעבנדיק די בעסטע שעה׳ן פון מעת־לעת פארן דערפאלג פון אלע אימפּרעזן און אונטערנעמונגען.

אין די אוונטן איז שטענדיק דער ארגאניזאציע־לאָקאל פול געווען. דארט האט יעדער געפינען א לעבעדיקע געזעלשאפט. אין לאקאל האט שטענדיק געהערשט א פריילעכע חבר׳ישע שטימונג. די פירער האבן זיך מיט יעדן אינטערעסירט; שטענדיק געוווסט „וועמען דער שוך קוועטשט״. אלע האבן זיך דארט געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ווער עס האט עפּעס געזונגען, ווער עס האט געלאכט פון א גוטן וויץ, אדער פון א פריילעך מעשה׳לה און ווער עס האט זיך געקאכט אין א פארטייאישער דיסקוסיע.

נישט איינמאל האט אויף אונזערער א פארלעזונג, אדער א פארשטעלונג, באזוכט דער דיזשורירנדיקער פאליציאנט. הגם מיר האבן שטענדיק אנגעמאלדן אין דער פאליציי די „אומשולדיקע״ טעמעס מיטן „כשרן״ אינהאלט, דאך זענען זיי אפט געקומען אונז קאנטראלירן. כאטש זיי האבן קיין יידיש נישט פארשטאנען, האבן מיר לשם זיכערקייט אויסגעמיטן אזעלכע ווערטער, ווי: „סאציאליזם״, „קאמוניזם״, „פּראלעטאריאט״ א. אנד.

עס האט שוין אויך פאסירט, ווען דער גוי, דער היטער פון געזעץ, האט נישט געקענט גוט „צעקייען" אן אונטערגעכאפט ווארט, האט ער גלייך אויפגעלייזט די פארזאמלונג, באפוילנדיק אלעמען זיך פונאנדערצוגיין.

ביי ספעציעלע פייערלעכע אימפרעזעס, זענען אויך פלאקאטן אוסגעקלעבט געווארן אין די גאסן. די דאזיקע קונסט־מלאכה האט אויסגעפירט ח' אברהם האלצמאן. זיין ארבעט איז ארויסגעקומען געטאקט און פרעציז, שאפנדיק נייע פארמען פון יידישן אלף־בית. זיינע אפישן האבן געצויגן גרויס אויפמערקזאמקייט. פון זיי האט ארופגעשיינט מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות דער נאמען פון רעפערענט און די טעמע, צי גאר דער נאמען פון א פיעסע. דער פלאקאט איז געווען שיין באפוצט און באציירט מיט פארשידענע ארנאמענטן אין מער בולטע פארבן.

גוטע ידיעות האבן דאן געגומען אנגעקומען פון ארץ־ישראל. עולה זיין זוי אמשנעלסטן, איז געווען דער טרוים פון יעדן ייד. דער ציוניסטישער סאציאליזם איז געווען א באדייטנדיקער פאקטאר אין אונזער נאציאנאלן אויסלעבן זיך. מיטן אויפשטעלן פון קיבוצים און קבוצות, האט מען געזען אונזער אויטאעמאנציפאציע — דאס איבערשיכטן זיך אויף געזונטערע יסודות. כדי דאס דורכצופירן, איז נויטיק געווען זעלבסטאפפערונג און געוואלטיקן אוסדויער. דאס האט געליפערט די צ.ס.—באוועגונג. האט מען דעריבער די פארטיי באגעגנט מיט טיפער אכטונג און גלויבן. די פארטיי האט זיך צעוואקסן און אויסגעברייטערט אירע שיכטן. פון די דאזיקע ראמען האט זיך צעבליט א יוגנט, „פרייהייט" און נאך א יינגערע באוועגונג — „סקויטן".

די באציאונגען פון איין פארטיי צו דער צווייטער, זענען נישט שטענדיק געווען קיין אידעאלע. עס זענען אפט פארגעקומען צאנקערייען צווישן זיי. יעדע פארטיי איז געשטאנען „על קוצו של יוד" — נישט געוואלט נאכגעבן. מערסטענס איז מען אפגעקומען מיט א שארפן ווערטער־אויסטויש. זעלטן ווען עס איז געקומען צו קעגנזייטיקע געשלעגע־רייען. בעסער האבן מיר געלעבט מיט די ציוניסטיש־דענקנדיקע פארטייען. עפעס האט אונז דאך פאראייניקט אַ געמיינזאמער ציל — געהאט א שותפות־געפיל פאר ציונ. אחריות. „החלוץ" און „החלוץ הצעיר" זענען געווען אבסאלוט אויסגעשפראכענע פ.צ.־חברים.

אין גוטע באציאונגען זענען מיר געווען מיט די אלגעמיינע ציוניסטן, פון וועמענס חדר מיר זענען ארויסגעקומען. אין דער זעלבער מאס זענען אויך אנגעהאלטן געווארן באציאונגען מיטן „השומר הצעיר". אפטמאל איז געפירט געווארן א געמיינזאמע קולטורעלע טעטיקייט. איינער האט דעם צווייטן נישט אנגעגריפן. אומגעקערט — נאך געהאלפן מיט וואס מען האט נאר געקאנט. די וועגן זענען, אמת, געווען פארשידענע, דער ציל אבער — דער זעלבער. אין א היבשער דיסטאנץ זענען מיר געשטאנען פון „בית"ר". די זענען אין גרונד־אויס געווען פיינע, בעסערע קינדער, וועלכע זענען נאר געשפייזט געווארן מיט עקסטרעם־קאנסערוואטיווע קאלאריעס. האבן היציק רעאגירט אויף יעדן שארך פון זייער אנפירערשאפט, האבן געהאַלטן פון מיליטערישע כללים, און געווארט שטענדיק אויסצופירן באפעלן פון אויבן. ווען זשאַבאָטינסקי האט געווארפן די לאזונג: „סטאָפּ"! האבן זיי זיך אפגעריסן פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע און געמאכט „שבת פאר זיך". דעם איינגעהאלטענעם אימפולס, האבן זיי אויסגעלאדן צו די ארעמע, שטומע ק.ק.ל.־פושקעס... מיר זענען אבער געווען גדודלדיק און זיך נישט אנגאזשירט מיט זיי אין קיין קאמף, גלויבנדיק, אז דאס איז ביי זיי נאר א פארבייגייענדיקע דערשיינונג.

ערגער איז אבער געווען מיטן „בונד" און דער קאמוניסטישער פארטיי. יעדע אונזערע פארזאמלונג איז באגלייט געווען מיט זייערע צווישנרופן. דער איינציקער צוועק פון זייערע באזוכן ביי אונז איז געווען: שטערן און אויפרייסן אונזערע פארזאמלונגען. מיר האבן זייערע אימפערעזעס קיינמאל נישט באזוכט. האט אמאל עמיצער פון אונז צו זיי פארבלאנדזשעט, איז עס אויך נישט געווען מיטן צוועק זיי צו שטערן. ווייזט אויס, אז זיי האבן אונז נישט געקאנט פארגינען דעם שטארקן וווקס און גרויסן איינפלוס, פון דער פ.צ.־פארטיי. ווייל אין אלץ זענען מיר זיי איבערגעשטיגן, הוץ פון „שלאגנדיקע ארגומענטן" און אין מתנת־יד־מלאכה... געווען איז אויך ביי אונז אין שטעטל א „מזרחי".



פרעזידיום פון דער 1־טער מאי־אקאדעמיע, 1930. פון רעכטס: יצחק בלומשטיין אברהם האלצמאן, חוה סעגאל, בונם שאפראן, יעקב דראזד און יצחק וויראסלאוו.

„אגודה", לינקע „פוע"צ", אבער מיט די אלע זענען מיר אין קאנטאקט נישט געקומען.

טראץ אונזער נעגאטיווער באציאונג מיטן „בונד", האבן מיר דאך אויף איין שטח צוזאמענגעארבעט: דאס אנערקענען און פלעגן די יידישע שפראך. די „פוע"צ"־צ.ס. איז פרינציפיעל געווען פאר „שול־קולט", וועמענס אויפגאבע עס איז געווען, העלפן אין גלות זיך אויסלעבן אין דער מוטער־שפראך — יידיש, אבער אויך גלייכצייטיק אריינפירן דורך דער פראנט־טיר דעם העברעאיש־לשון. דער פארטיי איז פארגעווארפן געווארן מצד די יידישיסטן, אז זי פארנאכלעסיקט די אנגעווייטיקטע פראבלעמען פון די הארעפאשנע מאסן אין גלות, דורך איר פאזיטיווער שטעלונג צו העברעאיש. פון דער אלגעמיין־ציוניסטישער זייט ווידער, איז איר פארגעווארפן געווארן, אז מיטן אנערקענען די יידישע שפראך, טרעט זי ארויס קעגן די אנגענומענע באשלוסן פון ציוניסטישע קאנגרעסן. די פארטיי האט זיך געפינען צווישן האמער און קאוואדלע. א לאנגע צייט



אַ גרופּע פוןְ „פרייהייט”. אונטן: משה שאַפראַן. צווייטע רייע (פון רעכטס): גריגבערג, משה גראַנאַט און יצחק וויראַסלאַוו. עס שטייען: יעלען, וויראָסלאַוו, קאהאַן און שמואל בלומשטיין.

איז די פראגע נישט אראפ פון די פארטייאישע צייטונגס־שפאלטן. אין די אוונטן זענען פארגעקומען הייסע דיסקוסיעס, וועגן דאזיקן פראבלעם. ביז דער צ. ק. האט באשלאסן צו געבן אין דער פראגע פרייע הענט די חברים. זענען טאקעביידע שפראכן דערקלער׳ט געווארן דורך אונז אלס נאציאנאלע. האבן מיר געשטיצט סיי דעם „שול־קולט” און סיי דער „י.ש.א.” (יידישע שול־ארגאניזאציע). פארשטענדלעך, אז אונזער ארבעט אין „י.ש.א.” איז געווען אן אויבערפלעכלעכע. דער „בונד” איז דארט געווען דער אליינהערשער, קיינעם צום „פסוק” נישט צוגעלאזט. מיר האבן דעריבער נאר אנגעהאלטן מיט זיי באציאונגען למען השלום.


איך בין דעלעגירט געווען אלס פארטרעטער פון דער פארטיי אין דעם „יש”א”־קאמיטעט, פערזענלעך געווען מיט זיי אין גוטע באציאונגען, באזונדערס מיט זייער מנהיג לייבל קערש, א בחור מיט מעלות און א געטרייער דינער דער ארבעטער־זאך. פון תמיד האב איך געהאט א יראת־הכבוד פארן יידישן ווארט, כאטש מיין האריזאנט איז געווען עברית. איך האב דאן איינגעזען, און נישט ביי איין געלעגנהייט אויסגעדריקט מיין פערזענלעכע מיינונג, אז א ענגע צוזאמענארבעט מיטן „בונד” אויף אנדערע געביטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן, איז נישט אויסגעשלאסן. ביי א רואיקער, געלאסענער אטמאספערע, האט מען געקאנט פיל אויפטאן מיט בשותפות׳דיקע כוחות. שאפן אן איינהייטלעכן כוח אין שול־וועזן, טעאטער, ביבליאטעק, פראפעסיאנעלע פאראיינען א.א.וו.

א באזונדער קאפיטל דארף געווידמעט ווערן דער יוגנט־באוועגונג אין דער פארטיי, די „פרייהייט”. די עלטערע חברים האבן געטראגן דעם עול פון די פינאנסיעלע אויפגאבן פאר דער ארגאניזאציע. זיי זענען געווען די שפענדער פון קק”ל, קרן היסוד, פ.א.פ., און געהאלפן אויסהאלטן דעם לאקאל, די ביבליאטעק און אנדערע הוצאות. דאקעגן די

„פרייהייט"־באוועגונג איז ווייניק־וואָס באַלאַסטעט געוואָרן פינאַנסיעל. די עלטערע חברים האָבן געזאָרגט, בעיקר, צו דערציִען זי גייסטיק. זי האָט דאָך געדאַרפט זיין די נאָכפאָלגערין — די צוקונפטיקע פּאַרטיי. דער דאָזיקער אַוואַנגאַרד האָט אונז געגעבן פיל האָפענונגען. אַ יונגע חבר'ה אין עלטער פון 18—14 יאָר, אימפּולסיווע, באַוווסטזיניקע, אַ היבשער טייל פון זיי — גאַנץ באַגאַבטע, מיט זעלבשטענדיקער האַנדלונג, און זיכערע טריט, גרייט אויף יעדן רוף. צוקונפטיקע פירער פון דער באַוועגונג.

נאָך אַ ייִנגערע באַוועגונג איז ביי אונז געשאַפן געוואָרן, שיינט מיר אין 30־טן יאָר — דער „סקויט". דאָס איז געווען דער „תינוקות של בית רבן". כדי צוצגרייטן נייע קאַדרן פאַר דער באַוועגונג, איז נויטיק געווען אָנצופאַנגען פון „אלף". געווען זענען דאָס קינדער פון 14—11 יאָר, וועלכע זענען נאָר־וואָס אַרויס פון חדר. אַ טייל פון זיי זענען געוואָרן לערן־ייִנגלעך, און עס איז געווען אַ סכנה, אַז מיר זאָלן די דאָזיקע קינדער פאַרלירן, אויב מיר וועלן זיך נישט אָפּגעבן מיט זיי; בפרט, ווען מיר האָבן געזען אַזאַ ענלעכע טענדענץ ביים „בונד". מיר האָבן זיי נישט געשטאָפּט מיט „תורות". מיר האָבן מער אַכט געלייגט אויף זייער פיזישער אויסבילדונג, געהאָלפן אַרויפציִען אַ לעבעדיקע פאַרב אויף זייערע איינגעפאַלענע, בלאַסע פּנים'ער. געהאַלטן זיי מער אויף דער לופט, געמאַכט אָפטע שפּאַצירן, גימנאַסטישע איבונגען און ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. דאָס איבעריקע איז שוין פון זיך אַליין געקומען. זיי זענען צוגעבונדן געוואָרן צום לאָקאַל, אויפגעהערט זיך צו שעמען, אַנטיילגענומען אין געשפּרעכן, און פאַרבראַכט צוזאַמען פריילעכע אָוונטן. דאָס האָט מיט דער צייט געגעבן גוטע שפּראָצונגען. יעדעס יאָר האָבן מיר געפייערט מיט פּאַראַד דאָס איבערפירן די דערוואַקסענע „סקויטלער" אין דער „פרייהייט"־באַוועגונג.

די „פרייהייט" און „החלוץ" זענען געווען ווי אַ סיאַמער צווילינג, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט פונאַנדערטיילן. ביי זייערע פאַרזאַמלונגען האָט מען שטענדיק



אַ גרעסערע גרופּע פון „פועלי־ציון"־צ.ס. און „פרייהייט"

געזען די זעלבע חברים און חברות. עס איז נישט דורכגעלאָזן געוואָרן קיין איין געשעעניש אויפן ארץ־ישראל־געביט, וואָס זאָל נישט געפינען ביי זיי די געהעריקע, אלזייטיקע באַהאַנדלונג. די פירער פון דער אָרטיקער פּאַרטיי האָבן מיט מסירות, לייב־און־לעבן, זיך מקריב געווען פאַר זייער פּערמאַנענטער אַנטוויקלונג, און זיי האָבן טאַקע קנאיש אויסגעפירט אַלע התחיבות׳ן, וועלכע די באַוועגונג האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט. די אידעאָלאָגישע טעטיקייט האָט דעם ציל דערגרייכט, און א גרויסער טייל פון זיי האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל. בדרך־כלל האָט זיך גאוואַראַווע געוועכנט פאַר אַ פעסטונג פון צ.ס.־געדאַנק. אין דער צענטראַלע אין וואַרשע האָט מען זיך מיט אונז זער גערעכנט.

אונזער ביבליאָטעק א. נ. פון י. ח. ברענער האָט געהאַט א אינטערעסאַנטע היסטאָריע: ווי איך האָב שוין אין אָנפאַנג דערמאָנט, זענען מיר אַלע געזעסן צוזאַמען אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ממילא געווען שותפים צו איר ביבליאָטעק. ווען אָבער עס איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פון ציוניסטישן סאָציאַליזם און מיר זענען אַרויסגעטרעטן פון דער ציונ. אָרג. און געשאַפן א פּאַרטיי פאַר זיך, האָבן מיר אויך געפאָדערט פון זיי, אַז אויך די ביבליאָטעק זאָל פונאַנדערגעטיילט ווערן פּראָצענט־מעסיק לויט דער צאָל חברים און מיר זאָלן באַקומען אונזער טייל. די אַלג. ציוניסטן האָבן דערצו נישט מסכים געווען. אַלס פאַרזיכערונג, אַז מען זאָל זיי די ביכער נישט אַרויסגנב׳ענען, האָבן זיי אויפגעהאָנגען גרויסע שלעסער אויף דער טיר און אויף דער ביכער־שראַנק. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אין דער נאַכט פאַר ראש־השנה פון 1927, זענען 4 פון אונזערע חברים, מיט דער הילף פון נאָכגעמאַכטע שליסלען, אַריין אין לאָקאַל און אַרויסגענומען דעם גרעסטן און בעסטן טייל ביכער. דער חשד איז גלייך געפאַלן אויף אונז און די פּאָליציי האָט אַלעמען גענומען אויף אויספאָרשונגען און געדראָט מיט תפיסה. קיינער האָט גאָרנישט אויסגעגעבן. צוויי מאָל זענען מיר געשטאַנען צום משפט אין טשערווינער געריכט, אָבער צוליבן מאַנגל אין באַווייזן זענען אַלע פרייגעשפּראָכן געוואָרן. אין אַן האַלב יאָר אַרום, ווען די מעשה איז שוין אַביסל פאַרגעסן געוואָרן, האָבן די חבר׳ה אין מיטן דער נאַכט, געבראַכט צו שלעפּן אין לאָקאַל די ביכער, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געווען באַגראָבן אין זעק, ערגעץ אויף „פּראָבאָסטוואָ״, נעבן די יידישע ווינט־מילן. אַזוי אַרום איז אונזער ביבליאָטעק באַרייכערט געוואָרן מיט א גרויסער צאָל ביכער, א דאַנק דער דאָזיקער „ליטעראַרישער״ גניבה...

א געוויסע צייט איז אויך געווען ביי אונז א פּרעבעל־שולע, וועלכע איז שטאַרק געפּלעגט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי. די לערערין ביאַלאָסטאָצקי (היינט — אין ישראל), אויך א פּאַרטיי־חברה, וועלכע איז געשיקט געוואָרן פון דער צענטראַלע פון „שול־קולט״, האָט מיט מסירות אויסגעפירט איר אַרבעט. א פאַרגעניגן איז געווען צו קוקן, ווי די קליינע קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט, געזונגען און געטאַנצט, אַרומגערינגלטע מיט זאָרג און וואַרעמקייט מצד דער לערערין. ליידער האָט די שולע קיין אריכות ימים נישט געהאַט, צוליבן מאַנגל אין בודשעט; די קנאַפּע צאָל פאַרשריבענע קינדער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די פּרעבעל־שולע.

זער א גרויסן טיראַזש האָט געהאַט אונזער טאָגלעכער פּאַרטיי־אָרגאַן „דאָס וואָרט״ און די וועכנטלעכע אויסגאַבע „באַפרייאונג־אַרבעטער־שטימע״, ווי אויך די „פרייהייט״. די הייסע פּאַרטיי־חסידים האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, אַז דער פּאָסט־טרעגער



אַ געזעגנונגס־בילד צום אפפאָר פון שרה און יצחק בלומשטיין און אהרן שראַן קיין ארץ ישראל — אויגוסט 1932.

זאל זיי ברענגען די צייטונג אין שטוב אריין, נאר פלעגן ספעציעל גיין אין פאסט־אמט אריין זי אפנעמען.

אויך אויפן געביט פון ספארט האט די פארטיי פיל אויפגעטאן. מערסטנס איז געשפילט געווארן פוטבאל. באטייליקט האבן זיך נאר די יינגערע חברים. קיין ספעציעלער ספארט־פלאץ איז אין שטעטל נישט געווען, האבן זיך דעריבער די חבר'ה צוזאמענגעקליבן אין די פארנאכטן, הינטערן שטעטל, נעבן מרדכי שניאדאווערס ווינט־מיל און דארטן געשפילט. אין פארטיי־לאָקאַל גופא זענען אינסטאלירט געווען פארשידענע ספארט־מכשירים. אבער דער ספארט איז תמיד געשטאנען אויפן צווייטן פלאץ — נאך דער פאליטישער טעטיקייט.

די יוגנט האט זיך מיט לייב און נשמה מקריב געווען פאר די פרייהייטס־אידייען, פאר דעם חלום צו פארווירקלעכן דעם ארץ־ישראל־אידעאל. דער אידעאל האט זיי אינגאנצן פארכאפט, נישט געווען קיין צייט אויף עפעס אנדערש. זיי האבן ווינציק פון לעבן גענאסן, ווייל אלעס איז נאר געווען א שפרונג־ברעט צום ענד־ציל — ארץ־ישראל. ליידער האבן די מערסטע צאל חברים עס נישט דערלעבט. כבוד זייער אנדענק!

זאלן נאך צום סוף דערמאנט ווערן די חברים־ות, וועלכע זענען במשך פון דער צייט געשטאנען בראש פון דער באוועגונג:

בונם שאפראן, יצחק וויראסלאוו, יעקב דראָזד, זעליג און פייגע הערצבערג, משה שאפראן, רחל קלעפפיש, אלטע זילבערשטיין, שמואל בלומשטיין, לייבל און פערל סאנדאלע (אלע — אומגעקומען), משה סארנע, משה גראנאט, אהרן שראן, חוה סעגאל, אברהם האלצמאן, יעקב גורקא, יהודה גרודקא, ישראל קוטנער (אלע — אין ישראל), יצחק און שרה בלומשטיין, הערשל און חוה קרולעוויטש (אמעריקע).



מיטגלידס־קאַרטע פון „פועלי־ציון" און פון דער ליגע פאַרן ארבעטנדן ארץ־ישראל


ב. קאסאוזסקי
ישראל

די רעוויזיאניסטישע באוועגונג

דער רעוויזיאניסטישער געדאנק איז אריינגעדרינגען אין שטעטל, ערשט אין די לעצטע צוואנציקער יארן. נאך זייענדיק אין די ראמען פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע „התחיה", האט זיך געשאפן א רעוו. גרופירונג א. נ. „השחר", דורך דער איניציאטיוו פון די חברים: מתתיהו משניות (אורוגוואַי), צדוק פּאַרבאַ (אמעריקע), אביעזר שיקארא הי"ד, חוה בורשטין (ישראל), דער שרייבער פון די שורות א. אנד. עס איז נאך דאן געווען די צייט, ווען די דריי ציוניסטישע פראקציעס: „על המשמר", „עת לבנות" און „רעוויזיאניסטן" האבן נאך אנגעהערט צו איין אלגעמיינער ציוניסטישער דאך־ארגאניזאציע; האבן מיר, דעריבער, געפירט אונזער טעטיקייט אינעווייניק. אזוי, פלעגט מתת' משניות ארויסטרעטן זער אפט מיט רעפעראטן אין דעם געמיינזאמען לאקאל, פראפּאַגאַנדירנדיק די אידעען פון זשאַבאָטינסקין. אויך אויף אנדערע אויפטריטן זענען אפן באהאנדלט געווארן רעוויזיאניסטישע פראבלעמען. במשך פון א קורצער צייט, איז אונזער כח און השפעה געוואקסן און דער שרייבער פון די שורות איז אפיציעל געוויילט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער אלג. ציונ. ארגאניזאציע „התחיה". אין א צייט ארום, איז מען אפילו געווארן א מערהייט, און סיי דער לאקאל און סיי די ביבליאטעק איז שוין געשטאנען צו אונזער רשות. לאנגע יארן האבן מיר זיך נאך באנוצט, כלפי דער מאכט, מיט דער לעגאליזאציע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. מיר פלעגן אָפט איינארדענען רעפעראטן, דיסקוסיע־און קעסטל־אוונטן און אנדערע אויפטריטן.

אין יאר 1930, בערך, איז געקומען א פארשטייער פון דער נציבות בית"ר אין ווארשע, און עס איז געגרינדעט געווארן דער בית"ר אין שטעטל. אלס מפקד איז דאן באשטימט געווארן יהודה ריץ און די מפקדה איז באשטאנען פון: חוה בורשטין, שבתי פרידמאן, יוסף קרולעוויטש און שפעטער אויך — יוסף דראזד און מרדכי ריץ. בראש פון הצה"ר איז געשטאנען אביעזר שיקארא.

ביים סוף יאר 1931, האט די נציבות בית"ר אראפגעשיקט קיין גאווראווע דעם אינסטרוקטאר און העברעאישן לערער אשר גילבערג, פון מיזאטש (וואלין), וועלכער האט אנגעפירט מיט דער ארבעט פון הצה"ר־בית"ר. במשך פון דעם יאר וואס גילבערג איז געווען ביי אונז האט זיך די רעוויזיאניסטישע באוועגונג פארגרעסערט און פארשטארקט. ער פלעגט אויך אפט ארויסטרעטן מיט רעפעראטן און עפנטלעכע צווישנפארטייאישע דיסקוסיעס. מיט די חברים גופא האט ער געלערנט העברעאיש, געשיכטע און געפירט שמועסן איבער אקטועלע ענינים.



ערשטע רייע, אויבן (פון רעכטס): ב. קאסאווסקי, חוה בורשטין, יוסף קרולעוויטש, שלמה אַפּעלבוים און דוד בלומשטיין. צווייטע רייע: אביעזר שיקאָראַ, יהודה ריץ, שבתי פרידמאַן, יוסף דראָזד און מרדכי ריץ (אלע — אומגעקומען).

נאָך גילבערגן איז אלס אינסטרוקטאר פון בית״ר געשיקט געווארן יצחק מאק (בן־דרור) פון ווארשע. ער פלעגט קיין עפנטלעכע ארויסטריטן נישט האבן, נאר אויס־שליסלעך געארבעט אינערהאלב דער פארטיי. די בית״רים האט ער געלערנט מארשירן, ספּאָרט און מיליטערישער אויסבילדונג. ווייזט אויס, אז צוליב געלט־שוועריקייטן האט ער ביי אונז לאנג נישט געקאנט בלייבן, און נאָך אן האלב יאר, בערך, האט ער פארלאזט גאוואראווע.

אין דעם זעלבן יאר האב איך זיך צייטוויייליק צוריקגעקערט פון ווארשע, ווו איך האב זיך געלערנט און געארבעט, און בין אויסגעקליבן געווארן אלס מפקד הקן. דעם דאזיקן אמט האב איך אנגעהאלטן ביזן סאמע קריגס־אויסברוך. הגם, איך בין געוועזן מער אין ווארשע, ווי אין שטעטל, דאך זענען די וויכטיקסטע באשלוסן געמאַכט געווארן מיט מיין וויסן און הסכמה און אלע לויפנדע ענינים פון דער באוועגונג אין גאוואראווע, פלעגן ס׳רוב דורך מיר פערזענלעך דערליידיקט ווערן אין דער נציבות און אין מרכז פון הצה״ר אין ווארשע. אין מיין אבוועזנהייט איז די גאנצע ארבעט געפירט געווארן דורך דער מפקדה מיט די סגנים: שבתי פרידמאן, יוסף קרולעוויטש און שפּעטער — שלמה אפּעלבוים. אין די לעצטע יארן האבן צו דער מפקדה אויך אנגעהערט: דוד בלומשטיין און נאכער — אלחנן קאסאווסקי, הערשל גערליץ און אנדערע.

דער בית״ר האט זיך רעקרוטירט פון דרגא ג׳, 18־יעריקע, וועלכע האבן אויטאמאטיש שוין אנגעהערט צום הצה״ר, דרגא ב׳ — יוגנטלעכע פון 14—18 יאר און דרגא א׳ — ביז 14 יאר. יעדן שבת נאָך מיטיק איז אין לאקאל פון קן פארגעקומען א מסדר, ווו אלע זענען דערשינען אין די מונדירן; שפּעטער — א „עונג־שבת" און יעדן פרייטיק־צו־נאכטס — א „קעסטל־אוונט". אין די זומער־חדשים פלעגן מיר זיך יעדן שבת נאכן מסדר,

טרעפן אויסערן שטעטל און פירן לעקציעס און שמועסן איבער אקטועלע ציוניסטישע פראבלעמען, ווי אויך תרגילי סדר. יעדעס יאר, י״א אדר, פלעגט פארקומען א טרומפעלדאר־אקאדעמיע, מיט פארלעזונגען, דעקלאמאציעס א.א.וו. דער בית״ר האט אויך ארויסגעגעבן א וואנט־צייטונג א.נ. „תל־חי״. א ביבליאטעק האבן מיר געהאט אן אייגענע. חוץ די ביכער, וואס זענען אריבער צו אונז פון דער אלג. ציונ. ארג. האט מען אויך צוגעקויפט נייע, און אויך, פארשטענדלעך, פארטיי־ליטעראטור.

ביז אונזער ארויסטריט פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע, האבן מיר פארשפרייט שקלים און אקטיוו געארבעט פארן „קרן היסוד״ און ק.ק.ל., זיך באטייליקט אין אלע אקציעס און אונטערנעמונגען און געשטאנען בראש (ערשטע־צווייטע ארט) פון ק.ק.ל.־זאמלונגען. דאס האט אונז נישט געשטערט צו פירן אויך אונזער טעטיקייט פארן „קרן תל־חי״. חוץ די באזונדערע אקציעס, פלעגן מיר יעדן חודש אויס־ליידיקן די דריי־עקיקע בלוי־ווייסע פושקעס, ווי אויך איינארדענען „בלימל־טעג״.

★

צום סוף יאר 1932 איז יוסף קרולעוויטש געפארן אויף הכשרה קיין אושטשילוג־לאָקאַטשע (וואָלין), גדוד לודמיר. נאכן אפארבעטן דארט א יאר צייט, האט ער באקומען א סערטיפיקאט פון „פאלעסטינע־אמט״. זשאבאטינסקי איז דאן געווען קעגן די אינדיווי־דועלע סערטיפיקאטן, וואס מען טיילט צו די רעוויזיאניסטן. ער האט געוואלט, אז מען זאל זיי אונז צוטיילן אלס פארטיי, געטוי, ווי אלע אנדערע פארטייען און אז מיר אליין זאלן דיספאנירן מיט די סערטיפיקאטן. זשאבאטינסקי האט דאן ארויסגעגעבן א פקודה (מס׳ 60 — ?) דאס מען זאל נישט אננעמען קיין אינדיווידועלע סערטיפיקאטן. קרולעוויטש האט געמוזט פון דעם רעזיגנירן און האט נישט עולה געווען. (געפינט זיך היינט אין אמעריקע).



אַ גרופּע פון הצ״ה״ר־בית״ר מיטן לערער גילבערג אין דער מיט. פון אונטן — בית״רים פון דרגא א׳ (פון רעכטס): ל. טענענבוים הי״ד, גוטמאַן, מ. פרידמאן הי״ד, א. גאַוואַרטשיק און ח. סעגאַל

אזוי ווי דער משא־ומתן וועגן די סערטיפיקאטן איז געווען אַ לאנג־דויערנדיקער, האבן מיר געזוכט פארשידענע וועגן, בכדי עולה צו זיין. פאלגנדיקע בית״ריות האבן אויסגענוצט די דאמאלסטדיקע געלעגנהייטן:

צפורה גרודקא (היינט — קליבארסקי) איז אפגעפארן פון שטעטל אין אויגוסט 1932, מיט אן עקסקורסיע צו דער מכביה׳דע, וועלכע איז ארגאניזירט געווארן דורך אינזש. זשעלינסקי פון לאדזש;

מנוחה גרודקא (היינט — זעלצער) איז געקומען אין לאנד אריין מיט אייניקע מאנאטן שפעטער, אויך מיט אן עקסקורסיע, ארגאניזירט דורך דער פוילישער רייזע־ביורא „ארביס״;



בעת אַ כינוס בית״ר אין אסטראוו־מאז. ל״ג בעומר 1932, נאך די „פ.וו.״ איבונגען. ערשטע רייע (פון רעכטס): שבתי פרידמאן און יוסף דראָזד. צווייטע רייע: אביעזר סאַנדאלאַ, יוסף קרולעוויטש, יהושע טענענבוים, דוד בלומשטיין, גדל באָטשאַן און ב. קאסאווסקי. עס שטייען: יהודה ריץ און די אינסטרוקטאָרן זשאַלאַנדזש און „בן־דרור״.

רחל שאפירא (היינט — זכריהו) איז געקומען אין לאנד נאך סוכות 1936, מיט דער גרופע מאטאציקליסטן פון בית״ר אין ארץ־ישראל, וועלכע זענען געקומען קיין פוילן מיטן צוועק צו מאכן פיקטיווע חתונות און זיך צוריקקערן מיט „פרויען״.

איידל סקורניק איז אין 1936 אפגעפארן קיין ארץ־ישראל צוזאמען מיט איר פאמיליע;

אסתר גוטמאן (היינט — קאנטאראוויטש) איז אויך געפארן אומלעגאל;

★

אין יאר 1933, בערך, האט זיך אין שטעטל געשאפן א בית״רישע פלוגת הכשרה משנה — ווי א סניף פון רוזשאן. דער מפקד הפלוגה איז געווען אליעזר טרעשטשאנסקי

פון ביעלסק־פאָדלאַסק, אן אינטעליגענטער בחור, וועלכער פלעגט אויך פירן די קולטורעלע ארבעט און אפט אויפטרעטן מיט רעפעראטן. די בית״רים האבן געטאן אלע שווערע ארבעט, בכדי זיך אויסצוהאלטן. זיי האבן געארבעט ביי ראזענען און קאסאווסקין אין טארטאק און אפילו זיך נישט אפגעזאגט פון האלץ־האקן. פארשטענדלעך, אז אונזערע חברים האבן צוגעהאלפן שאפן זיי ארבעט, און אממערסטען האט זיך מיט זיי פאראינטערעסירט שלמה אפעלבוים.

די עצם־עקזיסטענץ פון דער פלוגה און די סימפאטיע, וואס זיי האבן געהאט ביי דער גאווראוועער באפעלקערונג, האט נישט נושא־חן געווען ביי די לינקע פארטייען. זיי האבן אלץ געטאן, בכדי זיי צו שטערן, און פון שטעטל פארטריבן. זיי פלעגן אונטערהעצן די גויים, הלמאי די בית״רים נעמען צו זייער ארבעט און פרנסה, און דאס האט דערפירט צו קעגנזייטיקע געשלעגערייען. איינמאל, ביי אזא אינצידענט, איז אפעלבוים פארוואונדעט געווארן, באקומענדיק מיט א מעסער אין רוקן. עס האט זיך דאמאלט אריינגעמישט די פאליציי, וועלכע האט ארעסטירט אייניקע יידישע יונגעליייט און צוגעגרייט א משפט, וואס האט געדארפט פארקומען אין אסטראלענקער קרייז־געריכט. דער פראקוראר האט בעוואלט מאכן פון דעם א פאליטישן פראצעס — זיי משפטן אין פאליטישן טעראר, אומלעגאלער טעטיקייט א.א.וו. די לינקע קרייזן האבן געדראט אונזערע חברים פאר זייער עדות זאגן. ספעציעל איז געווארן געווארנט שלמה אפעלבוים, וועלכער האט טאקע געמוזט פארלאזן דאס שטעטל און איז אוועק קיין ביאליסטאק אין א ישיבה אריין. ווען אונזערע חברים האבן געזען, אז דער משפט קען זיך ענדיקן מיט יארן טורמע פאר די יידן, האבן זיך פון זייערע עדות־דערקלערונגען צוריקגעצויגן און די שלעגער זענען באפרייט געווארן נאך פארן פראצעס. נאך, בערך, א האלב יאר האט זיך די פלוגה אויפגעלעזט.

★

טראץ אונזער שטרייט ווענן סערטיפיקאטן מיט דער יידישער אגענץ, ווי שוין אויבן דערמאנט, איז דאך די הכשרה געווארן פארגעזעצט. אין 1934 איז דורך אונזער באוועגונג פראקלאמירט געווארן א ספעציעלער גיוס אויף צו פארן אין די הכשרות. פון אונזער קן האבן זיך אפגערופן: שלמה אפעלבוים און אברהם מאזעס, וועלכע זענען אפגעפארן אויף הכשרה קיין זעלווע (געגנט: סלאָנים־וואָלקאָוויסק), ווו זיי זענען געווען א יאר צייט. נאכן צוריקקערן זיך קיין גאווראווע, האט אפעלבוים, אלס סגן־מפקד, איבערגענומען די ארבעט אין קן, ביז צו זיין עליה, אין דעצעמבער 1937 (געפארן מיט דער דריטער עליה פון „אף־על־פי״). אין ארץ־ישראל האט ער זיך צוגעשטעלט צו דער פלוגת־הגיוס אין ראש־פינה, ווו ער איז געווען זער טעטיק. נאכן משפט איבער שלמה בן־יוסף, איז אפעלבוים אריבער קיין רמת־גן, געווארן אקטיוו אין די רייען פון אצ״ל אויספירנדיק געוואגטע אויפגאבן. היינט — אנגעזעענער מיטגליד אין „חירות״.

★

דער גאווראוועער הצה״ר און בית״ר האבן אנטיילגענומען אין פארשידענע לאנדעס־קאנפערענצן, וועלכע זענען פארגעקומען אין ווארשע, אויף כינוסים און צוזאמענטרעפן אזוי האט זיך דער קן בית״ר באטייליקט אין א כינוס מחוזי אין אסטראווי־מאזאוויעצק, ל״ג בעומר 1932; אין א כינוס גלילי, זומער אין זעלבן יאר, אין ביאליסטאק,

מיט דער באטייליקונג פון יוסף קלארמאן א. א. זומער 1938 האט דער קן אנטיילגענומען אין א בית״ר־קאלאניע אין דלוגאשאדלע, צוזאמען מיט די קנים פון אסטראוו־מאז., אסטראלענקע, ווישקאוו, און רוזשאן. זער אפט פלעגן מיר אין די זומערדיקע שבתים זיך צוזאמענטרעפן מיט די רוזשאנער בית״רים אין שטשאווינער וואלד.

פון צייט־צו־צייט פלעגן מיר אראפברענגען רעדנער פון ווארשע, וועלכע פלעגן עפנטלעך אויפטרעטן מיט רעפעראטן. אין רוב פאלן, פלעגן מיר צו דעם צוועק דינגען גרעסערע לאקאלן. אזוי האט אונז אייניקע מאל באזוכט ד״ר א. ליפמאן, אשר זעליג לערנער פון „קרן תל־חי״ (אשר נאור — לעצטנס פארשטארבענער מיטראדאקטאר פון „ידיעות אחרונות״), י. ש. פעקער, יוסף כרוסט, יוסף קרעלמאן און אנדערע. אין 1934 האבן מיר אויך אויסגענוצט א באזוך פון ח׳ יצחק גוריון, פון ארץ־ישראל (אין לאנד, נאך פון דער צווייטער עליה — נאך היינט פון די בולט׳ע אנפירער), וועלכער איז געקומען קיין גאוואראווע צו דער משפחה פון יואל׳קע לעווקאוויטש .

בעת׳ן פלעביסציט, אין יאר 1935, וועגן שאפן די נייע ציוניסטישע ארגאניזאציע (נ.צ.א.), האבן אלע געשטימט פאר זשאבאטינסקין. קיין „ברית הקנאים״, די א. ג. „גראסמאניסטן״, איז אין שטעטל נישט געווען. טראץ די פיטעטן : „פאשיסטן״, „ביקסלעך מיט שווערדלעך״, א. א. האבן מיר זיך כסדר פארגרעסערט. די רעוויזיאניסטישע באוועגונג האט זיך גערעכנט צווישן די גרויסע פארטייען אין שטעטל. אין אונזערע רייען זענען אריין א סך ייִנגלעך פון די ישיבות, מיידלעך — פון „בית יעקב״, פון דער פאלקס־שולע און יוגנט פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. במשך פון אונזער קרוב צען־יעריקער עקזיסטענץ האבן מיר געשלאגן טיפעווארצלען. פאר אונזער טעטיקער ארבעט, זענען מיר געווען זער אנגעזעען ביים מרכז הצה״ר און דער נציבות בית״ר אין ווארשע, וועלכע האבן זיך מיט אונז גערעכנט. איך האב אפט אויסגענוצט מיין



אַ גרעסערע גרופע פון הצה״ר און בית״ר



אַ גרופּע בית״רים פוּן דרגא ב׳ (פון רעכטס): גוטמאַן, אסתר גמרא, חנא קאָסאָוסקי, שרה האַראָוויץ, הערשל גערליץ, אסתר דראָזד, איידל סקורניק, בריינע גרודקא און דוד דראָזד.

פערזענלעכן קאנטאקט מיט זיי. אלס אויסצייכענונג פון דער נציבות פאר אויספירן די פּקודות און פאר אונזער טיכטיקער ארבעט פארן „קרן תל־חי״, האבן מיר באקומען א גאלדענעם זשעטאן אויף אונזער דגל. באזונדער האבן, אין 1936, באקומען דעם „סימן הנדר״: דער שרייבער פון די שורות, שלמה אפעלבוים, יוסף קרולעוויטש און אברהם מאזעס.

★

דאס איז, בקיצור, די געשיכטע פון דער רעוויזיאניסטישער באוועגונג, זייט איר גרינדונג, אויפשטייג און טעטיקייט ביז צום חורבן פון שטעטל. מיר האבן דערמאנט בלויז די פערזאנען, וועלכע זענען די גאנצע צייט געשטאנען בראש. מיר האבן אבער אויך נישט פארגעסן אין אלע מיטגלידער אן אויסנאם, אין אלע אחים־יות, פון דרגא א׳, ביז צו די עלטערע חברים, וועלכע זענען געווען איבערגעגעבן דעם ציונ.־רעוו. געדאנק און טריי זשאבאטינסקיס אידייע. דער ציל פאר וועלכן זיי האבן געקעמפט בלב ונפש, האבן זיי שוין נישט באוויזן צו פארווירקלעכן. די היטלעריסטישע מערדער האבן אלץ צעשטערט. בלויז אַ קליינער טייל האט איבערגעלעבט די גרויזאמע מלחמה און דורך פארשידענע וועגן־אומוועגן זענען זיי אנגעקומען קיין ישראל. איינצעלנע געפינען זיך אויך אין אנדערע לענדער. דער גאר־גרעסטער טייל, אבער, האט נישט אויסגעמיטן

די בעסטיאַלישע דייטשיש־נאַציִשע האַנט, און האָבן געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות.

לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן „דום" און מיט יראת הכבוד דערמאָנען אַט די אַלע, וועלכע געפינען זיך שוין נישט מיט אונז. זאָל גאָט נקמה נעמען פאַר זייער אומשולדיק פאַרגאָסן יונג בלוט!



אַ תעודת „בית"ר און אגרת אזרח ציוני (נ.צ.א.). אויבן אין דער מיט: „סימן הנדר".

י. אבי־שׂרה
ישׂראל

„מזרחי", „החלוץ־המזרחי" און „השומר־הדתי"

די „מזרחי"־ארגאניזאציע אין גאוואראווע איז געווען פון די ערשטע ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין שטעטל. די מיטגלידער האבן זיך רעקרוטירט פון די חסידישע און משכילישע קרייזן, און כאטש זיי זענען געווען ווינציק אין צאל, האבן זיי פארנומען א חשוב'ן פלאץ אין געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן פון שטעטל.

אָפּקלאַנגען פון דער אינטענסיווער טעטיקייט פון „מזרחי", באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז צו געפינען אין די באריכטן און קארעספּאנדענציעס פון צענטראלן „מזרחי"־אָרגאַן, „המזרחי", וואס איז דערשינען אין ווארשע. אין נומער 19 פון דאזיקן ארגאן, פון ינואר 1922, ווערט דערציילט, אז די מאכט־ארגאנען האבן לעגאליזירט די טעטיקייט פון „מזרחי" אין גאוואראווע, און, אז עס איז ביי אן אלגעמיינער פארזאמלונג אויסגעוויילט געווארן א קאמיטעט פון 6 חברים: ר' אברהם לעווין — פארזיצער, אלי גרינבערג — וויצע פארזיצער, י. ל. טאנדעטשאזש (איידעם פון ר' מאיר ראמאנער) — סעקרעטאר, חנן פרידמאן — קאסירער, ר' ישראל לייב קרוק און ר' שמואל צודיקער — פארוואלטונגס מיטגלידער. אין א צווייטער קארעספּאנדענץ ווערט איבערגעגעבן א באריכט וועגן דער קולטורעלער טעטיקייט, וואס דער „מזרחי" פירט אין שטעטל; אין נייעם ארגאניזאציע־לאָקאל איז געגרינדעט געווארן קרייזן פאר לערנען תורה, משניות און גמרא; עס איז געשאפן געווארן אן אייגענער „מזרחי"־מנין צום דאווענען. א גרויסן דערפאָלג האט געהאט דער באזוך פון „מזרחי"־פירער ה' זאלקינד, א זון פון כּארקאווער רב. זיינע גלענצנדע רעפעראטן האבן געצויגן מאסן, און א דאנק אים האבן זיך פארשריבן נייע 25 חברים אין „מזרחי".

א גרויסן רושם אין שטעטל האט געמאכט דער באזוך פון „מזרחי"־מנהיג הרב האגער, דער סאָסנאָוועצער רב. ער איז ארויסגעטרעטן מיט עטלעכע רעפעראטן אין דער גרויסער שול, וואס איז געפאקט געווען פול מיט מענער. אויך די פרויען האבן אויסגעפילט די ווייבער־שול. ער האט געהאט די אכסניה ביים רב אין הויז, און כאטש דער רב איז נישט געווען קיין „מזרחי"־סימפּאטיקער, איז ער דאך, לכבוד דעם סאסנאווצער רב און וויזשניצער אייניקל — געקומען אין שול הערן זיינע דרשות. עס האט אויך באזוכט גאווארעווע דער בארימטער מנהיג פון „מזרחי", הרב מרדכי בראָנראָט, דער טשעכאנאווער רב, וואס האט אליין אפגעשטאמט פון גאווארעווע, און איז שפּעטער געווארן ראב"ד פון תל־אביב.

די „מזרחי"־מיטגלידער האבן זיך באטייליקט אין דער אלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט; געזאמלט געלט פאר די פאנדן: „קרן קימת" און „קרן היסוד", פארשפרייט



י. ל. טאנדעטשאַזש, ז״ל

„שקלים״, און אקטיוו אנטייל־גענומען אין קהל׳ישן, עקאנאמישן און קולטורעלן לעבן פון שטעטל.

פון די אויסגערופענע פראמינענטע „מזרחי״־פירער זענען געווען: דער למדן און חסיד ר׳ ישראל לייב קרוק; דער געזעלשאפטלעכער טוער און משכיל ר׳ אלחנן פרידמאן; ר׳ שמואלקע צודיקער, וואס האט לאנגע יארן פארנומען דעם אמט פון מורשה פון קרן־קימת און דאזאר פון דער לעצטער קהלה־קאדענץ; אן איידעלער און ערלעכער געזעלשאפטלעכער עסקן, דער אלעקסאנדער חסיד ר׳ ישראל מאיר משניות; דער האלץ־סוחר ר׳ שבתי ווערמאן; ר׳ שלום פלאַטקע פון די האַנדווערקער־טוער; ר׳ דן ראזענבערג, אויך געווען מורשה פון קרן־קימת, און ר׳ משה סקורניק. דער לעצטער איז געווען א גלענצנדער רעדנער און פילפארביקע פערזענלעכקייט, וואס האט געשפילט א גרויסע ראלע אין שטעטלדיקן לעבן.

אין יאר 1935 האבן זיך אנגעשלאסן אין „מזרחי״ א סך ישיבה־לייט, וועלכע זענען, נאך זייענדיק אין ישיבה, דורכגעדרונגען געווארן מיטן ציוניסטישן רעיון. זיי זענען צוגעטרעטן צו דער יוגנט־אפטיילונג — „החלוץ״־און „צעירי־מזרחי״. די אנפירער זענען געווען: ירחמיאל דראַזד, יוסף גורקא, יוסף זילבערצאן און מאיר ווערמאן.

בערך אין יאר 1936 האט זיך געשאפן אין גאווראווע דער „השומר הדתי״ (אין ישראל רופט מען דאס „בני עקיבא״). צווישן די גרינדער פון „השומר הדתי״ זענען געווען: יעקב קרוק, גדליה צודיקער, מרדכי אפעלבוים, יעקב ראָזען, שמואל שמעלץ א. אנד. דער „השומר הדתי״ האט זיך שיין אנטוויקלט, געהאט א באדייטנדיקע צאל מיטגלידער, צווישן זיי א סך ישיבה־בחורים. זיי האבן געפירט א פארצווייגטע טעטיקייט אויף אלע געביטן, און זענען אנגעזען געווען ביי דער ווארשעווער צענטראלע.

א לענגערע צייט האט דער גאווראווער „השומר הדתי״ ארויסגעגעבן אן אייגענע וואַנט־צייטונג מיט קינסטלערישע צייכענונגען פון מפקד הקן יעקב קרוק.

דער לאקאל פון „מזרחי״ און אירע יוגנט־ארגאניזאציעס האט זיך געפינען א סך

יארן אין דער באנקאווע גאס, ביי ר׳ מאיר וואלף תהילים, און שפּעטער אויף דער קאַשטשושקי גאס, ביי ר׳ אברהם גרודקא. דער לאקאל האט שטענדיק געשפּרודלט מיט טאט און לעבן און מיט פארשידענע פאראנשטאלטונגען. אין לאקאל פון „מזרחי" איז פון־צייט־צו־צייט פארגעקומען מאסן־מיטינגען, מיט דער באטייליקונג פון צענטראלע פּערזענלעכקייטן אין לאנד. איך דערמאן מיך דעם מאסן־מיטינג קעגן דער בריטישער מאכט נאכן פארעפנטלעכן די עליה־גזירה. עס זענען דאָן אויפגעטרעטן רעדנער פון דער צענטראלע, און „מזרחי"־מיטגלידער פון גאווארעווע, צווישן זיי — פון „השומר הדתי". דער זאל איז געווען פול געפּאקט, און פיל מענשן זענען געשטאנען אין דרויסן צוליבן מאנגל אין פּלאַץ.

פון די עלטערע „מזרחי"־מיטגלידער איז כמעט קיין איינער נישט געבליבן לעבן נאכן חורבן. אויך די מערהייט פון יוגנט־חברים זענען אומגעקומען פון די רוצחישע היטלעריסטן, אין די מלחמה־יארן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.



די הנהגה פון „השומר הדתי".

פון רעכטס: גדליהו צודיקער, יעקב קרוק, שמואל שמעלץ און יעקב ראָזען

הרב יצחק שאפראן
אמעריקע

„צעירי אגודת ישראל"

אז די רעליגיעזע יידן אין פוילן האבן זיך גענומען ארגאניזירן אונטער דער פאן פון „אגודת ישראל", האבן אויך עטלעכע גאוואראוועער עסקנים — בעיקר פון די גערער חסידים — גענומען די איניציאטיוו צו שאפן אן אפטיילונג פון „אגודת ישראל" אין שטאט. זיי האבן אראפגעבראכט א רעפערענט פון ווארשע, מען האט געמאכט אן אסיפה, און עטליכע צענדליק חברים האבן זיך פארשריבן פאר מיטגלידער. אבער ביי דעם איז עס פארבליבן. עס איז נישט געפירט געווארן קיין ספעציעלע ארבעט, און מען האט נישט געפילט זייער רושם אין שטאט, ביז עס האט זיך געשאפן די „צעירי אגודת ישראל" — אז ארגאניזאציע פון ברוויזנדיקער יוגנט מיט פרישע יינגע כוחות. זיי האבן געדונגען א לאקאל, באשטעלט א סטעמפל און געדרוקטע פארמולארן, ארויסגעהאנגען א שילד, און אנטוויקלט א פיבערהאפט־קע טעטיקייט, וואס מען האט באלד געפילט אין שטעטל אויף יעדן טריט און שריט.

די „צעירי אגודת ישראל" אין גאוואראווע איז אנטשטאנען אין אנפאנג פון די 30־ער יארן, און איז געקומען אלס א רעאקציע קעגן די פרייע יוגנט־ארגאניזאציעס פון די לינקע און רעכטע סאציאליסטישע פארטייען, און שפעטער — די רעוויזיאניסטישע יוגנט־אפטיילונג, „ביתר". די דאזיקע יוגנט־פאראייניגן האבן אויפגערודערט דאס שטעטל און אנגעצונדן א מחלוקת־פייער צווישן עלטערן און יינגן דור. טאטעס זענען באפאלן די לאקאלן, דעמאלירט זייער מעבל און געשלאגן די קינדער; דער רב האט מרעיש־עולם געווען. פארשטייט זיך, אז געזיגט האט די יוגנט. זייער דערפאלג איז געווען אומגעהויער גרויס. א יינגל, א מיידל פון 13 יאר, האט שוין אנגעהערט צו אן ארגאניזאציע. די פארטייען האבן אנטוויקלט א גרויסע פראפאגאנדע און געארבעט מעשים צו געווינען וואס מער מיטגלידער. אין די לאקאלן האט מען פארבראכט מיט געזאנג און טענץ, מיט לייענען ביכער און הערן רעפעראטן, וואס האט א געוואלדיקן צוציאונגס־קראפט געהאט פארן אונטערוואקסנדיקן דור. אין רעזולטאט איז טאקע דער בית־המדרש לעדיקער געווארן, און פיל ישיבה־בחורים האבן פארלאזט די ישיבות.

עטלעכע באוווסטזיניקע ישיבה־לייט האבן באשלאסן אנצוהויבן א קאמף, און נוצן דאס זעלביקע געווער ווי די פרייע ארגאניזאציעס. זיי זינגען — אויך זינגען, זיי טאנצן — אויך טאנצן. עס איז נאר געבליבן די פראגע פון א פאסיקן לאקאל, און וואס פאר נאמען צו געבן דער נייער יוגנט־ארגאניזאציע. משה זילצערצאן האט פארגעשלאגן: „מזרחי", אנדערע האבן געוואלט „צעירי אגודת ישראל". כדי יוצא צו זיין לכל הדעות, האט מען באשלאסן צו בלייבן אומפארטייאיש, און זיך רופן: „תפארת בחורים".

דער דאזיקער קאמפראמיס איז נישט געפעלן געווארן ר' לוי'ן ווארשאוויאק.

ביי אים האט עס געהייסן נישט מילכיק, נישט פליישיק... ער האט אלארמירט די גערער חסידים און איבערצייגט דעם רב, אז מען דארף דא נוצן דעם נאמען פון „צעירי אגודת ישראל". און אזוי איז עס טאקע געבליבן. עס איז גלייך געשאפן געווארן א ועד פון: לוי ווארשאוויאק, משה מאזעס, חיים קאסאווסקי, איטשע שאפראן א. א., מען האט געדונגען א לאקאל און מיט גרויס פאראד דורכגעפירט די פייערלעכע דערעפנונג. דער רב האט געלערנט מיטן עולם דעם ערשטן בלאט גמרא פון „דף היומי", מען האט געזונגען און פארבראכט ביי געדעקטע טישן לאנגע שעה'ן.


שפעטער איז עמיצן פון אונז איינגעפאלן א רעוואלוציאנערער געדאנק: צו שאפן א מנין פון בלויז יוגנט, ווו דער חזן, בעל־קורא, און גבאים זאלן זיין בלויז בחורים. דער דערפאלג פון מנין איז געווען א געוואלדיק גרויסער. א סך חשוב'ע בעלי־בתים האבן זיך מצטרף געווען צום יוגנט־מנין. אזעלכע שיינע יידן ווי: מאיר וואלף תהילים, אברהם ישראל טרושקעוויטש, איטשע קאסאווסקי, יחזקאל חן, מנשה פיש און אנד. זענען געווארן אונזערע סטאבילע מתפללים. זיי האבן אונז געשטיצט און געהאלפן מיט אלעם. רבי נפתלי גמרא איז געווען אונזער שליח־ציבור אין די ימים נוראים, און געלערנט מיט אונז יעדן שבת, מדרש.

אין א יום־טוב, ווען עס פלעגן א היים־קומען די ישיבה־לייט איז אין לאקאל פון די „צעירים" געווען גאר לעבעדיק. צו די שמחת־תורה'דיקע הקפות איז געקומען אן האלב שטעטל זען די התלהבות'דיקע טענץ. דאס גאנצע הויז האט זיך געשאקלט.

די פאזיציע פון „צעירי אגודת ישראל" אין שטעטל איז געווארן זער שטארק, אזוי ווייט, אז ביי די לעצטע קהלה־וואלן האט זי ארויסגעשטעלט אן אייגענע ליסטע און דורכגעפירט 2 דאזארעס. א דאנק די „צעירים" האט זיך „אגודת ישראל" רעארגאניזירט און געווארן א שטארקער גורם אין שטאט.



„צעירים" פון דער סביבה בעת א צוזאמענטרעף אין דלוגאשאדלע (זומער 1936)



יצחק שאַפּראַן (רעכטס) או מנחמ'ל קאַליש הי"ד, ייִנגסטער זון פון אמשינאווער רבי'ן ר' יאָסעלע זצ"ל, בעת אַ שאַך־פּאַרטיע אין דלוגאשאדלער וואלד. (זומער 1939)

דער אנדענק פון יעדן אומגעקומענעם ייד אין שטעטל איז ביי מיר הייליק און טייער, איך וויל אבער דא נאר דערמאנען עטלעכע חברים פון „צעירי אגודת ישראל" אין שטעטל, פאר וועלכע דער ארטיקל איז דער פאסיקער פלאַץ פאר דעם: דער חבר לייב הערש האלצמאן ז"ל, זיין פשטות'דיקע ערלעכקייט, זיין מסירת־נפש'דיקע ארבעט פאר דער ארגאניזאציע; ווען ער פלעגט מיט זיין שיינער ערלעכער שטימע זינגען „הבט משמים וראה", האט דאס גאנצע שטעטל געציטערט. ווער קאן דאס פארגעסן אזא גוטן, שיינעם חבר ווי חיים קאסאווסקי הי"ד; שעה'ן לאנג פלעגן מיר זיצן פארזונקען אין עולם האצילות און הערן ווי ער שפילט אויפן פידל די הארציקע ניגונים. ווי דערמאנט מען נישט אזא צדיק תמים ווי ר' הערשל רובין, דער צוקערלעך־מאכער; זיין דאווענען, זיין לערנען, זיין זריזות. א פלאם־פייער איז ער געווען פאר יידישקייט.

איך דערמאן זיך א געשיכטע פון אים, וואס עס איז א מצוה מפרסם צו זיין: עס איז געווען אין לעצטן יאר פארן קריג, אין דער נאכט פון פאר ערב שבועות. איך בין צופעליק געווען ביי אים אין הויז, און נישט ווילנדיק, געווען אן עדות אין א געשפּאר צווישן אים און זיין פרוי. ער האט געוואלט פארן אויף שבועות קיין גער צום רבי'ן, און זי האט בשום אופן נישט געוואלט מסכים זיין. כדי צו זיין זיכער, אז ער וועט נישט פארן אן איר וויסן, האט זי פארשלאסן די טיר און גענומען דעם שליסל צו זיך אין קעשענע. וואס האט ער געטאן?

אין מיטן דער נאכט האט ער אויפגעעפנט א פענסטער און איז אנטלאפן קיין גער אין בלויזן כאלאט. מוצאי יום־טוב, ביים געזעגנען זיך, האט אים דער גערער רבי אנגעווינטשן „א גמר טוב". ר' הערשל האט זיך שטארק געוואונדערט: אזא ברכה פאסט דאך פאר יום־כיפור, פאר הושענה־רבה, אבער ווי קומט עס צו שבועות? דער עולם וואס האט דאס געהערט, האט עס אויך געהאלטן פאר א דבר פלא.

אין עטלעכע מאנאטן ארום, ווען דער צווייטער וועלט־קריג איז אויסגעבראכן, איז ר' הערשל רובין אנטלאפן קיין ווישקאווע. נאך דער ערשטער שחיטה, וואס די נאציס האבן דורכגעפירט איבער די ווישקאווער יידן, האט מען ר' הערשלען געפינען אין שול אַ געשאָסענעם, איינגעוויקלט אין א טלית, מיט א ספר־תורה אין די הענט... הי"ד.

הרבנית רבקה ראזענטאל־שטשעטשינא,
אמעריקע

„בתיה" און „בנות אגודת ישראל"

די גאוואראווער „בית יעקב"־שולע פאר מיידלעך, איז געווען פון די ערשטע „בית יעקב"־שולעס, וואס זענען געגרינדעט געווארן אין פוילן ביים סוף פון די 20־ער יארן. פרוי שרה שענירער, די גרינדערין פון קראקעווער „בית יעקב"־סעמינאר און שול־נעץ אין לאנד, איז ספעציעל געקומען קיין גאוואראווע, בכדי אנוועזנד צו זיין ביי דער גרינדונג און דערעפנונג פון דער שולע.

די „בית יעקב"־שולע האט באלד אין אנפאנג פון איר עקזיסטענץ געהאט גרויס הצלחה. עס האבן זיך פארשריבן שילערינס פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג, אזוי פון פרומע, ווי פון פרייע עלטערן, פון רייכן שטאנד און פון ארעמען קלאס.

דער פראגראם פון דער שולע איז געווען א רייכער און האט ארומגענומען אלע זייטן פון יידישן לעבן. מען האט געלערנט תורה, נ"ך דינים, יידישע געשיכטע און מען האט געפירט שמועסן איבער יהדות און רעליגיעזער פילאזאפיע. דאס אלץ איז געגעבן געווארן דורך קוואליפיצירטע לערערינס, דורכגעדרינגענע מיט גלויבן און ערלעכקייט, וואס האבן גערעדט צום הארצן פון די יונגע שילערינס. ביי דער שולע האט אויך עקזיסטירט א דראמאטישער קרייז, וועלכע פלעגן עפנטלעך אויפטרעטן מיט פאר־שטעלונגען, ספעציעל חנוכה און פורים.

עטלעכע מענער־עסקנים האבן זיך באשעפטיקט מיט דער גייסטיקער געשטאלטונג פון דער שולע און מיט אירע פינאנסיעלע פראבלעמען: ר' לוי ווארשאוויאק, היינט אין ישראל, האט פיל בייגעשטייערט צו דער אנטוויקלונג פון דער שולע, און שפעטער — דער אויסגעצייכנטער יונגערמאן ר' ישראל בורשטין הי"ד, וועלכער איז אזוי טראגיש און אכזריות'דיק אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים. אין די לעצטע יארן האט געלייטעט מיט דער שולע ר' יצחק שאפראן, פון די אנפירער פון דער „צעירי אגודת ישראל" אין שטעטל, היינט — אין אמעריקע. די אויבן־דערמאנטע עסקנים און נאך אנדערע, האבן זיך איבערגעגעבן דער ארבעט מיט לייב־און־לעבן. זיי האבן געזארגט פאר דער עקזיסטענץ און אויסברייטערונג פון דער „בית יעקב"־שולע.

ווען עס האבן זיך גענומען בילדן אין שטעטל די יוגנט־ארגאניזאציעס, האט דער „בית יעקב" געזארגט, אז אויך פאר אירע שילערינס זאל אויפגעשטעלט ווערן אזא יוגנט־ארגאניזאציע, און זיך גערופן מיטן נאמען „בתיה". די דאזיקע יוגנט־גרופע האט אנגעהערט צו דער „אגודת ישראל" און איז אנגעפירט געווארן דורך דער לערערין, פארוואלטונג און עלטערע מיידלעך פון דער „בית יעקב"־שולע. שפעטער האט זיך אויך



„בנות"־און „בתיה"־חברות פון גאָווראָווע און אָסטראָלענקע בעת אַ צוזאמענטרעף אין צענטער — די לערערין לאה גולעווסקי (זומער 1936).

געגרינדעט א „בנות אגודת ישראל", פאר דערוואקסענע מיידלעך, וואס האט אנטוויקלט א גרויסע טעטיקייט אויפן געביט פון יידישקייט, קולטור, סאציאלע פראגן, און ספעציעל־ארץ־ישראל. דער ועד איז באשטאנען פון פאלגנדיקע חברות: רבקה שטשעטשינא, איידל קשאנזשקא און מרים רחל הערצבערג, הי"ד. „בתיה"־און „בנות"־חברות האבן



א גרעסערע גרופע פון „בנות"־און „בתיה"־חברות מיט דער ב"י־לערערין אסתר אבערשטיין פון גראַדזע אין דער מיט (ווינטער 1938/39).

געזאמלט געלט פאר דעם „קרן הישוב", געמאכט „בלימל־טעג" און ארגאניזירט פאראנ־שטאלטונגען פאר ארץ־ישראל.

היינט, נאך דעם חורבן, ווען מען מאכט דעם חשבון הנפש, וואס עס איז געבליבן פון דער גאנצער „בית יעקב"־באוועגונג, וואס עס איז געווארן מיט די „בתיה"־און „בנות"־ארגאניזאציעס, נאך דער גרויסער טראגעדיע — איז דער סך־הכל א טרויעריקער. בלויז געציילטע לעבן־געבליבענע געפינען זיך היינט אין ישראל, אמעריקע און אין אנדערע לענדער, אבער דער רוב חברות זענען טראגיש פארשניטן געווארן דורך די נאצישע רוצחים. איך ווייס נישט אויב דאס איז א טרייסט, אבער לויט ווי איך האב געהערט, האבן אלע חברות פון „בנות" און פון דער „בית יעקב"שולע, מקדש־השם געווען ביי זייער לעבן און טויט, און זיי האבן אפילו אין די ערגסטע צייטן נישט פארגעסן, אז זיי זענען שטאלצע טעכטער פון גלארפולן יידישן פאלק.

זאל זייער אנדענק בלייבן שטענדיק פריש אין אונזער זכרון!



פון רעכטס: ברכה גרודקא, יענטע וורובעל (קאליש), פייגל מאנדרא (מלאווע) מרים העצבערג און פראסקא (1939).

אליעזר לעווין
ישראל

„השומר־הצעיר"

דער קן פון „השומר־הצעיר" אין שטעטל איז געגרינדעט געווארן אין סוף 1927. וואס אן אמת, האבן מיר זיך אויף קיין גרויסן דערפאלג נישט גערעכט; קיין געלט אויף צו דינגען א לאקאל האבן מיר נישט געהאט, און כמעט די גאנצע יוגנט האט שוין דאן געהאט אנגעהערט צו וועלכער עס איז ארגאניזאציע, ווי: „פרייהייט", „צוקונפט" א. א. אבער, דערמוטיקט מיט דער הילף פון רוזשאנער ראש־הקן ח' לייבל בוכנער, האבן מיר דאך באשלאסן צו שאפן א קן אין גאוואראווע און מיר האבן זיך טאקע נישט אנטוישט.

א קורצע צייט נאך דער גרינדונג האבן מיר שוין געציילט בערך, א 100 יוגנטלעכע פוןביידע געשלעכטער. די הנהגה איז באשטאנען פון: הערשקע גראנאט — ראש הקן, משה לעווין — סגן און מזכיר, פייגע שייניאק, נעכע שאַכטער און רחל ווייסבארד. אזוי ווי מיר האבן קיין לאקאל נישט פארמאגט, פלעגן אונזערע אסיפות פארקומען אויפן פעלד אונטער דער שטאט. אמאל — אויפן „נייעם וועג", אפט — אויפן וועג קיין פאשעקי, צי גאר אויף „פראַבאַסטוואַ", ביי די יידישע ווינט־מילן. די אסיפות פון די באזונדערע קבוצות, פלעגן פארקומען אין פריוואט־שטובער — פון ראש־הקן, ייטקע ראזען, חוה מאלאוואני א. אנד. אויך פלעגן מיר אפט איינארדענען צוזאמענטרעפן אין שטשאווינער



אַ גרופּע פון „השומר־הצעיר", נאָך דער גרינדונג (1927). פון פאָרנט זיצט די הנהגה. (פון רעכטס): נאכע שאַכטער, הערשקע גראנאט, פייגע שייניאק און משה לעווין.



ערשטע רייע (פון רעכטס): הערשקע גראנאט, נעכע שאַכטער, ראובן שמעלץ, לייבל שוואַרץ און יוסף קרולעוויטש. עס שטייען: לאה זילבער, ייטקע ראָזען, לאה גורקאַ, בלומע גאָוואָרטשיק און יצחק בלום, (1928).

וואלד מיטן רוזשאנער קן פון „השומר־הצעיר". מיר פלעגן דארט פירן שיחות, מאכן פארשידענע איבונגען און באקומען אנווייזונגען (פון זיי — אלס עלטערער קן) וועגן אונזער ווייטערדיקער טעטיקייט.

במשך פון דער צייט זענען מיר געווארן א פאקטאר אין שטעטל. מיר האבן זיך באשטייערט מיט אַן אָפּצאָל פאר די אלג. ציוניסטן, וועלכע האבן אונז טיילוויז דערלויבט זיך צו באנוצן מיט זייער לאקאל. על פּי רוב פלעגן שוין אונזערע אסיפות דארט פארקומען. שפּעטער האבן מיר א לאנגע צייט געהאט א לאקאל צוזאמען מיט די רעכטע „פועלי־ציון". מיר זענען געווען פארטרעטן אין ועד פון ק.ק.ל. און געווען אויף די ערשטע ערטער פון די זאמלער. חוץ דער ארבעט פון אויסליידיקן יעדן חודש די בלוי־ווייסע פּושקעס, דורכפירן „בלימל־טעג" און חתונה־זאמלונגען, פלעגן מיר אויך שאפן געלט ביי אנדערע געלעגנהייטן. מיר האבן אויך אמאל געגעבן א פארשטעלונג א. נ. „החוטפים" („די קאנטאניסטן"), ווו די הויפּט־ראלן האבן געשפּילט: דער שרייבער פון די שורות, נעכע שאכטער און שלמה אפעלבוים — פון וועלכער הכנסה מיר האבן אראפּגעגעבן א העלפט פארן ק.ק.ל. אין יאר 1929 האבן די „שומרי־שבת", מיטן רב בראש, באשלאסן פון דאסניי צו מאכן דעם עירוב אין גאווראוווע. זיי האבן אויפגעשטעלט סלופּעס ארום שטעטל און געצאלט פון אויבן ארויפלייגן די דראטן. אבער קיין בעלן ארויפצוקריכן אויף די סלופּעס איז נישט געווען בנמצא. ווען איך האב מיר דערוווסט פון דאס „שטיקל ארבעט", בין איך אוועק צום רב און אים פארגעשלאגן, אז קעגן אַ געוויסער סומע פאַרן ק.ק.ל. (דאַכט זיך — 1 זל. פון א סלופּ) בין איך גרייט ארויפצוקריכן אויבן און פארלייגן די דראטן. דער רב, וועלכער איז געווען א קעגנער פון ציוניזם, האט נישט גערן מסכים געווען, אבער בלית־ברירה געמוזט איינגיין אויפן „געשעפט".

איך געדענק נישט געגוי וויפיל זלאטעס איך האב „פארדינט״ פארן ק.ק.ל., אבער לויט די געלטער פון יענער צייט איז דאס געווען א היבשע סומע.

אין יאר 1929 האט דער מלאווער גליל פון השה״צ, צו וועלכן מיר האבן אנגעהערט, איינגעארדנעט א מחנה־קיץ אין דארף אלאטאווע פאגאזע (?), אונטער דער אנפירערשאפט פון חבר הייקל. עס האבן זיך דארט באטייליקט קרוב טויזנט „שומרים״, פון רוזשאן, אסטראוו־מאז., אסטראלענקע, מלאווע און פיל אנדערע שטעט. פון גאוואראווע זענען מיר געווען א־20 חברים, בערך. דער קורס, וועלכער איז געפירט געווארן אונטער א



ערשטע רייע (פון רעכטס): שרה דינה ענגעל, נעכע שאַכטער און רבקה גרינבערג
עס שטייען: לאה אַלעק, חנה ליכטמאן, און לאה זילבער, (1931).

ריין־מיליטערישן דיסציפלין, האט געדויערט 2 וואכן. מיר האבן זיך דארט באשעפטיקט מיט ספארט, זיך געלערנט מארשירן, אויסגעהערט פארשידענע רעפעראטן און לעקציעס און זיך צוגעוווינט צו שווערע חלוצישע הכשרה־באדינגונגען. ווען מיר זענען צוריק־געקומען אין שטעטל, האבן מיר אין דעם גייסט געפירט אונזער ווייטערדיקע ארבעט. נישט איין מאל האבן מיר דורכגעמארשירט דאס שטעטל אין דעם פולן אוניפארם, מיט דער פאן, צום טאקס פון טראמפייט — ווי זעלנער.

איניקע יאר איז געווען אונזער קן אין פולן אויפבלי. מיטן טויט פון ראש־הקן,

הערשקע גראנאט, וועלכער איז געשטארבן אין יונגן עלטער, אין 1932, איז די ארבעט געווארן אפגעשוואכט. עס האט נאך אפיציעל עקזיסטירט א צייט, אבער אין 1933, בערך, האט זיך דער קן אויפגעלייזט, און די יוגנט איז זיך צעגאנגען אין די אנדערע עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס.



פון רעכטס: לאה ראַטשטיין, לאה גורקא, פייגע אָזדאָבאַ, אליעזר לעווין, חוה מאַלאָוואַני, נעכע שאַכטער און הערשקע גראַנאַט.

נח קאַרוואַט
ישראל

לינקע „פועלי־ציון"

די לינקע „פועלי־ציון"־פאַרטיי אין גאוואראווע האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1923, בערך. די ערשטע קאָנסטיטואירנדיקע זיצונג און חברים־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי לייזער אלייאַרזש אין הויז, מיט דער באַטייליקונג פון דעם שפּעטער־באַרימטן היסטאָריקער ד"ר עמנואל רינגעלבלום, דעלעגירט פון דער וואַרשעווער פּאַרטיי־צענטראַלע. אין קאָמיטעט זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגענדיקע חברים: אברהם ווייסבאָרד, נח קאַרוואַט, טוביה קאַס, חיה ווייסבאָרד, דער לערער אלטער האַכשטיין א. אנד.

כאָטש ווינציק אין צאָל, האָבן די חברים מיט זייער אידייאישן באַוווסטזיין, געפירט א ברייטע קולטורעלע און פּאַרטייאישע טעטיקייט. מיר האָבן זיך באַטייליקט אין כמעט אַלע ציוניסטישע אַקציעס פון שטעטל. פון צייט־צו־צייט האָבן מיר אויך אַראָפּגעבראַכט רעדנער, פּאַרטיי־טוער פון דער צענטראַלע, וועלכע פלעגן אויפטרעטן אין געדונגענע לאָקאַלן. אַזוי האָבן אונז באַזוכט און געהאַלטן פאַרלעזונגען די ח"ח יעקב זרובבל, פּעטערזייל א. אנד.

די פּאַרטיי האָט זיך שוואַך אַנטוויקלט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין יוגנט־אַוואַנגאַרד. אויפן אָרט פון די חברים, וועלכע האָבן עמיגרירט, אָדער פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זענען נישט צוגעקומען קיין נייע. מיר האָבן אפילו נישט געהאַט גענוג מיטלען צו דינגען אַן אייגענעם לאָקאַל, און די גאַנצע טעטיקייט איז געפירט געוואָרן אין פּריוואַטע הייזער פון די חברים.

אין די לעצטע יאָרן האָבן מיר אונזער אַרבעט געפירט צוזאַמען מיט דער אָרגאַני־זאַציע פון „פועלי־ציון" אין רוזשאַן. עס פלעגן פאָרקומען בשותפות'דיקע צוזאַמענטרעפן אין שטשאָווינער וואַלד. ביי איינעם אַזאַ צוזאַמענטרעף האָט זיך באַטייליקט דער באַקאַנטער „פועלי־ציון"־פירער יעקב זרובבל.

איבער א צוויי־צענדליק עקזעמפּלאַרן פון „פועלי־ציון"־אָרגאַן — „אַרבעטער צייטונג", זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין גאוואראווע. אויך פלעגן מיר שאַפן גרעסערע געלט־סומעס פאַרן „פּאַלעסטינער אַרבעטער פאָנד".

די אָרגאַניזאַציע אין שטעטל האָט געציילט א 35 חברים, בערך. נאָר יחידים פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט. די מערהייט איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דעם פּוילישן יידנטום.

אברהם האלצמאן
ישראל

די „ברענער"־ביבליאטעק

די ביבליאטעק א. נ. פון יוסף חיים ברענער, איז געשאפן געווארן נאכדעם ווי די „פועלי־ציון"־צ.ס. האט זיך אפגעטיילט פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. פריער האט עקזיסטירט נאר די אלגעמיינע ציונ. ביבליאטעק „התחיה", וואס איז נאך געגרינדעט געווארן פארן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה דורך בנימין גינזבורג מיט די פארוו.־מיטגלידער: משה דראניצא (ישראל), חיים גערליץ (אמעריקע), און דוד אהרן גרודקא, הי"ד.

איך געדענק נאך די צייטן, ווען נישט נאר א בוך, נאר אויך א פשוט'ע צייטונג איז געווען „טריף פסול" אין שטעטל; ווען א לייענער פון א „גאזעט" איז אויסגעשטעלט געווען אויף שיקאנעס מצד פרומע קנאים. ביי מיין פאָטער מנשה ז"ל איז געווען אזא פאל: אין יאר 1913 בשעת דעם בייליס פראצעס האט ער איינמאל מיטגענומען אין ווורקער „שטיבל" א „מאמענט", און דער זייגערמאכער יעקב יוסף פלאנטשאק האט א בליק געגעבן אין דער צייטונג זען פרטים פון בארימטן משפט. צופעליק האט דאס באמערקט ר' אברהם פייוול ניימאן און ער האט אויפגעהויבן א גרויס געוואלט: „סטייטש א צלם־בהיכל, א חוטא ומחטיא את הרבים"... אז מיין שוועסטער ייטקע האט געוואלט לייענען א ביכל, האט זי זיך געמוזט פארשרייבן אין דער אסטראווער יידישער ביבליאטעק.

דער ערשטער קערן פון דער „התחיה"־ביבליאטעק האט אויך געהאַט אויסצושטיין סאנקציעס פון די גאווארעווער פרומע קנאים, וועלכע האבן געווירקט אויפן רב ער זאל נישט צולאזן, אז די ביבליאטעק זאל זיך געפינען ביי פרוי דוואשע ברה"ב. אין יענער צייט האבן די מישעניצער היציקע פרומע „קאזאקן" געוואלט דינען אַלס ביישפיל פאר דער געגנט און זיי האבן אויפגעריסן דארט דעם לאקאל פון דער ביבליאטעק און פארברענט אלע ביכער. אין געריכט האבן זיי געטענה'ט, אז זיי זענען גרייט אויף „קידוש השם" אנצונעמען יעדע שטראף... אין גאווארעווע איז צו דעם נישט צוגעקומען. די „התחיה"־ביבליאטעק האט זיך סוף־סוף געפינען א לאקאל און אנגעהויבן פירן א טעטיקייט.

איך האב דאן געלערנט אין דער לאמזשער ישיבה. אויך דארט האב איך אין געהיים געלעזן ביכער און זיך געחברט מיט שמחה סאפירשטיין, דער „היינט"־קארעספאנדענט פון דער לאמזשער געגנט. אז איך בין צוריקגעקומען פון ישיבה, האב איך איבערגענומען דעם ביבליאטעקאר־אמט פון חיים גערליץ, און איך בין גלייכצייטיק אויסגעוויילט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

איך האב אנגעהויבן פירן א אינטענסיווע ארבעט; אייגגעארדנט קאטאלאגן,

געבונדן ביכער און ארגאניזירט א לעזע־זאל פון דער יידישער פרעסע: „היינט", „מאמענט" „אילוסטרירטע וואך", „ליטעראַרישע בלעטער", „וועלט־שפיגל" א. אנד. מיר האבן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע־און פאַרוויילונגס־אָוונטן מיט דער באַטייליקונג פון די חברים: משה סארנע, משה גראנאַט, א. האלצמאַן, בונם שאפראַן הי"ד און יצחק וויראסלאוו הי"ד. מיר האבן אליין געשאפן א „הומאָריסטישע צייטונג" מיט פאַראַדיעס איבער שטעטלדיקע טיפּן און אַלגעמיינע געשעענישן, צוגעפּאַסט צו זייַ מעלאַדיעס פון שלאַגערן, און אויפגעטרעטן מיט פאָרשטעלונגען אין שטעטל און אין דער סביבה. דאָס האָט אַריינגעבראַכט היבשע הכנסות פאַר דער ביבליאָטעק.

איז יענער צייט האבן זיך די יינגערע ציוניסטישע חברים אנגעהויבן גרופּירן אין „החלוץ" פון די רעכטע „פּועלי־ציון". מען האָט זיך אין געהיים פאַרשטענדיקט מיט דער צענטראַלע אויף דזשיקע 11 אין וואַרשע, און זיי האבן אַראָפּגעשיקט דעם פאַרשטייער ח' טיגער. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א קאָמיטעט פון די חברים: משה גראנאַט, א. האלצמאַן, משה סארנע, זעליג רייטשיק, אהרן שראַן, ישראל קוטנער, שמחה בונם שאפראַן הי"ד און יצחק וויראסלאוו הי"ד. אונזער גרופּע האָט גענומען ציען צו זיך א סך יוגנטלעכע פון די בעלי־בתּישע קרייזן. דאָס האָט אַרויסגערופן קעגנערשאַפט, סיי צווישן די עלטערע חברים פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, וואָס האבן אין אונז געזען ווידערשפּעניקע און אָפּטרינניקעס, און סיי צווישן די פירערשאַפט פון „בונד", וועלכע האבן זיך געהאַלטן פאַר די איינציקע פאַרשטייער פון יידישן אַרבעטער. ווען עס איז איינמאָל פאַרגעקומען ביי אונז א רעפעראַט פון ד"ר גליקסמאַן, איז דערשינען אין לאָקאַל א גרעפּע פון „בונד" מיט לייבל קערש בראָש, און זיי האבן גענומען מאַכן אַן אָבסטרוקציע דעם רעדנער. צופעליק איז פאַרביי געגאַנגען דער פּאָליציאַנט לאַדע, און ער האָט באַזייטיקט און באַשטראָפט די שטערער.

עס איז פאַר אונז ענג געוואָרן דער אַלגעמיינער ציוניסטישער לאָקאַל. האבן מיר, אין פּורים 1927, געדונגען אַן אייגענעם לאָקאַל, ביי דער אַקושערקע אויפן אסטראַלענקער וועג. אין דער זעלבער צייט האבן מיר פּראָקלאַמירט די גרינדונג פון דער „יוסף חיים ברענער"־ביבליאָטעק מיט א פייערלעכער מסיבה ווו מען האָט אויך באַגריסט און געזעגנט די חברים משה גראנאַט און שמואל ראָזענבערג (דער מאַן פון פרוי רבקה שאפראַן) וועלכע זענען אָפּגעפאָרן אויף א „החלוץ"־הכשרה.

עס האָט זיך אנגעפאַנגען א ווערבירונגס־אַקציע פאַר נייע ביכער צו דער „ברענער"־ביבליאָטעק. מען האָט זיך גלייכצייטיק געוואַנדן צו די אַלג. ציוניסטן, זיי זאָלן אונז אָפּגעבן אונזער חלק פון דער „התחיה"־ביבליאָטעק, און איבערנעמען די חובות, וואָס מיר זענען נאָך שולדיק געווען פאַר ביכער.

אָבער דאָ האָט אונז דערוואַרט אַן איבעראַשונג. די אַלג. ציוניסטן האבן אונז פּשוט אויסגעלאַכט און ציניש געענטפערט: „פון בית הקברות נעמט מען נישט צוריק"

די דאָזיקע תשובה האָט אונז אויפגעקאָכט די בלוטן. ספּעציעל האָט דאָס מיר פאַרדראָסן, ווייל איך פּערזענלעך האָב די ביכער איינגעקויפט, געבונדן, און איך בין געווען אונטערגעשריבן אויף די וועקסלען, וואָס זענען צאָל־פעליק געווען יעדן 1־טן פון חודש. מיר האבן באַשלאָסן די זאַך נישט צו פאַרשווייגן.

אין צווישן־צייט זענען מיר איבערגעגאַנגען אין א 2־צימערדיקן לאָקאַל ביי קאַטערוואַסן. אַלע חברים האבן זיך אנגעשטרענגט אויסצופּוצן דעם לאָקאַל. מיר האבן

קונה־געווען האָלץ מיט „משיכה״ בײַנאַכט פון די האָלץ־סקלאַדעס פון קאַסאַוּוסקי־ראָזען און שבתי וואַרמאַן, מען האט אליין אויסגעבויט טישן, בענק, שענק און א בינע מיט דעקאָראַציעס. אייל־פּאַרב האָב איך אליין געגומען ביי מיין פאטער אין געשעפט, (מען האט געהאלטן, אז פאר א קולטורעלן צוועק מעג מען „קונה״־זיין מיט משיכה...) און מען האט דעם לאָקאל אויסגעריכטעט שיין און עלעגאַנט.

ווען עס איז, אין כ׳ תמוז, באַשטימט געוואָרן אַ הזכרה־אָוונט נאך הערצלען, האָב איך פאַרגעלייגט אז די הזכרה זאל פאַרקומען אין לאָקאל פון די אלג. ציוניסטן. מיינע חברים זענען אויף מיר בייז געווען, אָבער איך האָב געהאַט אַ כוונה דערביי: בשעת די דרשה׳ס האָב איך מיט קיי־גומי גענומען אַן אָפּדרוק פון שלאָס. דער חבר הערשל קרולעוויטש, פון פאַך א שלאָסער — האט צוגעפּאַסט א שליסל, און איך מיט די חברים ישראל קוטנער, הערשל קרולעוויטש און יעקב דראַזד הי״ד, האָבן אויסגעאַרבעט א פּלאַן ווי אַזוי אָפּצונעמען די ביכער פון „התחיה״, וואָס זענען אַזוי אומרעכטלעך פון אונז צוגענומען געוואָרן.

ערב ראש־השנה בײַנאַכט פון יאָר תרפ״ח, בין איך געגאַנגען מיט מיין פאטער זאָגן סליחות אין וווּרקער „שטיבל״. מיין פאטער איז געווען דער חזן און איך האָב אים צוגעהאָלפן זינגען. אינמיטן דאַווענען בין איך נעלם געוואָרן, און צוזאַמען מיט די אויבנדערמאַנטע חברים „אַרויסגענומען״ פון „התחיה״־ביבליאָטעק עטלעכע זעק מיט ביכער, און זיי באַגראָבן ביי דער ווינט־מיל פון יעקב דראַזד.

אָפּגעטאָן דאָס „שטיקל אַרבעט״, בין איך צוריק אַוועק אין „שטיבל״, און צוזאַמען מיט קהל געקלאַפּט אין האַרצן „אשמנו, בגדנו, גזלנו...״ דער אליבי איז געווען א פּאַרטיקער.

צומאָרגנס איז דאָס שטעטל „געגאַנגען אויף רעדלעך״. א סענסאַציע — באַגנבעט די ביכער פון „התחיה״. באַלד האָבן זיך אָפּגעפונען „יאָר־־עדות״, וואָס האָבן מיר געזען טראָגן בײַנאַכט די ביכער.

עס איז פאַרפירט געוואָרן א משפט אין טשערווינער געריכט. דער הויפּט־עדות פון דער באַשולדיקונג איז געווען לייבל קערש, וואָס האט געוואָלט ווי איך מיין, נקמה נעמען פאַר די 7 טעג אַרעסט, וואָס ער האט געקריגן פאַרן שטערן דעם רעפעראַט פון ד״ר גליקסמאַן.

דער עדות האט זיך אָבער געפּלאָנטערט; ער האט נישט געוווּסט ווער עס האט נאך אַנטייל־גענומען אין דער אַקציע. איך האָב דאָך אליין נישט געקאָנט טראָגן אַלע זעק. ער האט מיר נאָר געזען פון דערווייטנס, און ווי ער האט געזאָגט — דערקאָנט נאָר לויט דער וווּקס. דער עיקר — איך בין פריי־געשפּראָכן געוואָרן, און געהאַט דאָס רעכט אים אָנצוקלאָגן פאַר פאַלש עדות. איך האָב, נאַטירלעך די דאָזיקע פּריווילעגיע נישט אויסגענוצט. מיר האָבן שוין מער נישט געוואָלט אַנציען דעם עסק.

פּסח 1930 האָבן מיר, בשותפות מיט „השומר־הצעיר״, געדונגען א גרויסן לאָקאל און געמאַכט א פייערלעכע דערעפענונג. דאַן האט מען אויסגעגראָבן דעם „שלל״, און אַריינגענומען די ביכער אין דער „ברענער״־ביבליאָטעק.

אוודאי, קוקן מיר היינט מיט אַנדערע בליקן אויף דער דאָזיקער געשיכטע. אַביסל עלטער געוואָרן און מער געזעצטער. אָבער דאָך פאַרשטייען מיר יענע צייטן פון יוגנטלעכן, היציקן ברען, וואָס האט נישט געוואָלט וויסן פון אָפּהאַלט און ברעמזן, ווען עס האט זיך געהאַנדלט פאַר אַן אידעאַלן צוועק און כלל־זאַך.

אהרן שראַן
ישראל

דער קבוץ־הכשרה „פלחה" אין טשירניע

כאָטש דער קבוץ־הכשרה „פלחה" אין טשירניע האָט עקזיסטירט נישט מער ווי א האלב יאָר, דאך האָט ער געהאט צו פארצייכענען א שיין קאפיטל פון ציוניסטישער ארבעט. איך וויל דא דעריבער באשרייבן די געשיכטע פון זיין אנטשטייאונג, טעטיקייט, ביז צו דער אויפלייזונג.

געוועזן איז דאס אין יאר 1925. מיר, א גרופע פון די רעכטע „פועלי ציון", האבן זיך נאך דאן געפינען אין דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. ביי א סך חברים איז שוין רייף געווארן דער געדאנק וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. מיר האבן זיך געוואנדן צום מרכז „החלוץ" אין ווארשע, זיי זאלן שיקן אייניקע חברים אויף הכשרה. דער ענטפער איז געווען א נעגאטיווער, אז קיין פרייע הכשרה־פלעצער האבן זיי נישט, נאר זיי האבן געראטן, אז מיר אליין זאלן שאפן אין אונזער סביבה אַן הכשרה־פונקט און זיי וועלן אונז בייהילפיק זיין.

מיר האבן גענומען די זאך ערנסט. שבת חול־המועד פסח פון זעלבן יאר האבן מיר באשלאסן זיך צו ווענדן צום טשירניער פריץ (א 5–6 קילאמעטער פון שטעטל), ער זאל צונעמען א גרעסערע גרופע יידישע בחורים צו פעלד־ארבעט אין זיין גוט. דער חבר חנא מאיר ראזען (היינט — אין קאנאדע) איז אוועק פארהאנדלען מיט'ן פריץ. דער פריץ האט מסכים געווען. אין א וואך ארום, בערך, האבן מיר געשלאסן מיט אים אן אפמאך אז יעדער חבר באקומט לוין פאַר אַ טאָג ארבעט — אנדערהאלבן זלאטעס, חוץ פאַרפלעגונג און וווינונג.

מיר האבן געבעטן דעם מרכז „החלוץ" אונז צו שיקן נאך קאנדידאטן. פון גאוואראווע זענען געווען פאלגענדע חברים: בונם שאפראן, זעליג הערצבערג, יצחק שפיטאלעוויטש (אלע זענען אומגעקומען), זעליג רייטשיק (היינט — אין בעלגיע), משה סארנע, ישראל קוטנער בערל צודיקער און דער שרייבער פון די שורות (אלע — אין ישראל).

גלייך אין אנפאנג האבן מיר זיך אנגעשטויסן אויף פינאנסיעלע שוועריקייט: מיר האבן געדארפט געלט אויף איינצוקויפן פארשידענע ארבעטס־מכשירים און קוך־געשיר. מיר זענען דאן געפאלן אויף אַן המצאה: אין יענער צייט איז שוין פארטיק געווען דער בנין פון גרויסן בית־המדרש; בין איך מיט יצחק בלומשטיין אוועק צום רב, און געבעטן אים, ער זאל אונז איבערגעבן די מאלעריי־ארבעט. דער רב האט מסכים געווען. מיר האבן באקומען פאר אונזער ארבעט 120 זלאטעס. פאר דעם געלט האבן מיר זיך איינגעקויפט די נויטיקע זאכן און במשך פון עטלעכע טעג זענען מיר שוין געווען גרייט צום אפפאר.



ערשטע רייע (פון רעכטס): אהרן שראַן און זעליג רייטשיק. צווייטע רייע: יענטע וויערניק, מלכה שטערן און גאַרנעק. דריטע רייע: בערל צודיקער, זעליג הערצבערג, צבי פויזנער, קלמן קוראַפּאַטווע, אַש און יצחק שפּיטאַלעוויטש. פירטע רייע: ישראל קוטנער, משה סאַרנע, אסתר מאַנדראַ (אַ ווישקאָווער), חיה בלומע וואָנסיאַק און בונם שאַפּראַן

מיר האבן געדונגען א פערד־און־וואגן, און מיר, די אויבן־דערמאנטע 8 בחורים, האבן גענומען די מטלטלין און אפגעפארן קיין טשירניע. אין דערמאן זיך, דאס מיר האבן געהאט א גרויסע „לויה"; דאס גאנצע שטעטל איז ארויסגעקומען צום בריק באגלייטן די ערשטע פיאנערן פון חלוצישער ארבעט. אנקומענדיק אויפן ארט, האט אונז דערווארט א אנטוישונג: די דירה, וואס דער פריץ האט צוגעזאגט איז נאכנישט געווען פארטיק און מיר זענען, בלית ברירה, פארפארן צום ארטיקן שמיד ר' ברוך פריד ז"ל (זיין זון חיים מיט זיין פאמיליע געפינען זיך היינט אין ישראל). ער האט אונז צייטווייליק איינגעארדנט פון אויבן, איבער זיין קוזשניע, און זיין פרוי האט געקאכט פאר אונז מיטאגן. נישט איין מאל פלעגן מיר אויפשטיין אויסגעשמירטע פון סאדזשעט, מיט א פנים פון פורים־שפילער. טיילמאל פלעגן מיר שלאפן אין א תבואה־שייער אויף שטרוי, ביי דער זייט פון פריצישע פערד. מיר האבן אלץ מקבל־באהבה געווען, און אויפגעשטאנען גאנץ פרי צו דער ארבעט אין פעלד אריין. במשך פון 10 טעג איז פארטיק געווארן אונזער צוויי־צימער־באראק (א האלבער פארשטעקט אין דער ערד).

מיר האבן זיך ווידער פארבונדן מיטן מרכז, זיי באריכטעט וועגן אונזער ארבעט און געבעטן צו שיקן נאך חברים. אין געציילטע טעג ארום זענען געקומען פאלגנדע נייע חברים: פון ווארשע — פויזנער צבי און נאווינא יוסף; פון אטוואצק — פלינט צבי; פון ווישקאווע — מאַנדראַ אסתר (אלע — אין ישראל); פון מאקאווע — וואנסיאק

חיה בלומע (היינט — אין אמעריקע) ; פון אסטראלענקע — חבר אש ; פון דלוגאשאדליע — די חברות: שטערן מלכה (היינט — אין ישראל), וויערניק יענטע און בערנאלץ, און די חברים: קוראָפּאַטווע קלמן און האַלצמאַן ; פון יאדאווע — חברה גארנעק, און אנדערע. מיר זענען געווארן אַ גרופע פון 25 חלוצים־ות און געקאנט פירן א שיינע טעטיקייט. עס איז אויסגעקליבן געווארן א פארוואלטונג אין וועלכער עס זענען אריין אונזערע חברים, זעליק רייטשיק און משה סאַרנע. אלס מזכיר איז געוואָרן געוויילט צבי פויזנער. ער איז געווען א אינטעליגענטער יונגערמאן, געקענט גוט עברית און שוין געהאט פּראַקטיק אין הכשרה־ארבעט, (אן אפשטאמיקער פון רוסלאנד). מיר האבן שוין אויך געפירט א קולטור־ארבעט, געלערנט העברעאיש, געפירט חברים־שמוסען זיך איינגעשאפט א קליינע ביבליאטעק א.א.וו. אויך דער מרכז האט אונז פון צייט־צו־צייט אראפגעשיקט חברים, וועלכע האבן געהאלטן רעפעראטן.

יעדן טאג איז באשטימט געווארן אן אנדער דיזשור־פּארל (א ייגגל מיט א מיידל), וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו ברענגען די ווינונג אין ארדנונג, אָפּקאָכן און ברענגען דעם פרישטיק פאר די חברים אין פעלד אריין. 3 מאל אין דער וואך האט דער דיזשורנער באקומען פון פריץ א פערד־און־וואגן, און איז געפארן קיין גאוואראווע איינקויפן פּראָדוקטן ווי: פלייש, ברויט און אנדערע נויטיקע זאכן.

במשך פון דער צייט האבן מיר זיך צוגעוווינט צו דער שווערער פיזישער ארבעט. מיר האבן געשניטן די תבואות, היי און זיך אומגעגאנגען מיט די בדמות. 3 מאן פון אונזער גרופע: הערצבערג, שפּיטאלעוויטש און איך, פלעגן אין וואלד שניידן גרויסע בוימער, זיי אויפלאדן אויף וועגענער און מיט פערד זיי ברענגען אין הויף אריין. מען האט אונז געלערנט, ווי זיך אומצוגיין מיט די פריצישע פערד. דער „רזשאַנדצע" איז געווען פון אונז צופרידן. מיר האבן טאקע אויסגעפירט די ארבעט נישט ערגער פון די קריסטן.

די גוי'אישע ארבעטער האבן אונז געשראקן, אז ווען עס וועט קומען דער „שניט", וועלן מיר נישט אויסהאלטן און אנטלויפן, ווייל שטיין א גאנצן טאג אין פעלד און שניידן תבואה איז טאקע א שווערע ארבעט. מיר האבן אבער אויך דאס גובר געווען. אייניקע פון אונז האבן דורכגעמאכט א קורצן קורס פון שניידן מיט דער „קאָסע" און האבן גלייך געכאפט די „תורה". די קריסטלעכע ארבעטער האבן אונז, ביים שניידן, ספּעציעל אריינגענומען אין דער מיט, כדי מיר זאלן נישט בלייבן אונטערשטעלונג. אנדערע חברים זענען דאן געווען באשעפטיקט ביים צונויפנעמען די געשניטענע תבואה, זיי בינדן אין „סנאָפּעס" און אויפשטעלן אין „טאָגעס" צום טריקענען. דאס איז אויך נישט לייכט געווען. מיר האבן אלץ געטאן מיט פלייס און ווילן, וויסנדיק דעם ציל, און צו ווייזן, אז אויך יידן קאנען ארבעטן.


דער סדר היום איז געווען מלא וגדוש: צו דער ארבעט איז מען ארויס ביים זון־אויפגאַנג. נאכן אָפּארבעטן א 2—3 שעה, האבן אונז די תורנים געברענגט פרישטיק. אויף מיטיק פלעגן מיר קומען אין שטוב אריין עסן און זיך אביסל אפרוען. צו זון־אונטערגאנג האבן מיר פארענדיקט די ארבעט און זיך צוריקגעקערט א היים. נאכן וואשן־און אפרוען־זיך, און נאכן אוונט־ברויט, האבן מיר געהאט א לעקציע עברית, דאן אן אלגעמיינעם שמועס, געזונגען און געטאנצט. פון צייט־צו־צייט פלעגן א טייל

חברים באַקומען אויף אַן אוונט, צי אויף אַ שבת. חופש און זיך אראָפּכאַפּן אין שטעטל צו באַזוכן די פאַמיליע און פריינט. אויסער דעם פלעגן מיר, כמעט יעדן שבת, האָבן באַזוכן פון אונזערע גאַוואַראָווער חברים.

די חברה „שומרי שבת" פון גאַוואַראָווע האָט באַשלאָסן צו האַלטן די אויפזיכט אויף אונז וועגן כשרות. גלייך דעם צווייטן פרייטיק, ווי מיר זענען נאָר אריין אין אונזער אייגענער „דירה", האָט אונז אָפּגעשטאַטעט אַ באַזוך ר׳ ישעיהו הערצבערג הי"ד. ער איז איינגעשטאַנען ביי דער משפּחה פריד און מיר האָבן דאָן געפּראַוועט אַ שבת כדת וכדין. מיר האָבן אַלע מקבל־שבת געווען, געמאַכט „קידוש", געזונגען „זמירות" און געגעסן אַ שבת׳דיקע סעודה, מיט פיש און אַלע אַנדערע מאכלים. פאַרשטענדלעך, אַז ער האָט אויך באַזוכט אונזער קיך, קאָנטראָלירט דערביי די פליישיקע און מילכיקע כלים און אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט.

אַ חודש שפּעטער איז אונז געקומען באַזוכן אויף אַ שבת, ר׳ אברהם שאַפראַן, הי"ד. ער איז געווען מיט אונז צוזאַמען, געגעסן מיט אונז די קאַלטע מאכלים (קיין „טשאָלנט" האָבן מיר נישט געהאַט ווו צו שטעלן), און אין אוונט האָט ער זיך צוריקגעקערט אַ היים. אויך מיין פאָטער ר׳ ישראל יצחק, הי"ד, פלעגט אונז אָפט באַזוכן. אָבער, בכדי צו פאַרמיידן פון אים אומזיסטע טרחא, האָב איך אים געראָטן צו קומען אינמיטן דער וואָך. נאָכן צוריקקערן זיך פון אַזאַ וויזיט, האָט ער אָפּגעגעבן אַ פּערזענלעכן גרוס די עלטערן פון די גאַוואַראָווער חלוצים, זיי דערציילט, אַז ער האָט קאָנטראָלירט און אַז אַלץ איז בסדר. מיר האָבן טאַקע אָפּגעהיטן כשרות און אויסגעמיטן, ווי ווייט מעגלעך, פון חילול שבת, בכדי אונזערע פרומע עלטערן זאָלן נישט האָבן קיין אומזיסטן עגמת־נפש. אַ פאַקט איז געווען, אַז אַפילו אין פולן „שניט"־סעזאָן האָבן מיר אין די שבתים גערוט.

ל"ג בעומר האָבן מיר באַקומען חופש פון פריץ. מיר האָבן דאָס אויסגענוצט, און אַוועק דורכן וואַלד צופיס קיין דלוגאַשאַדלע. מיר זענען דאָרט אין אָוונט אויפגעטרעטן




אַ באַשטעטיקונג פון קיבוץ נאָכן פאַרענדיקן די הכשרה

מיט א קאנצערט (עס זענען געווען ביי אונז חברים מיט ארטיסטישע פעאיקייטן) און דאס שטעטל האט אונז דאן אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאזם.

נאכן אפארבעטן א האלב יאר, האט זיך אונזער הכשרה־קורס פארענדיקט, און האבן באקומען געהעריקע באשטעטיקונגען פון פריץ. פון מרכז „החלוץ" איז אראפגעקומען א חבר, דורכגעפירט צווישן אונז בחינות און געגעבן „המלצות" א געוויסע צאל חברים, וואס קאנען שוין עולה זיין. פון די גאוואראווער איז באשטימט געווארן משה סארנע און איך. עס איז כדאי צו באמערקן, אז נישט אלע האבן געקאנט אויסהאלטן די שווערע פיזישע ארבעט און זענען נאך באצייטנס צוריקגעפארן.

דער הכשרה־קיבוץ אין טשירניע איז דאן גלייך ליקווידירט געווארן און דעם גאנצער אינווענטאר (מכשירים, כלים, ביכער א.א.וו.), האבן מיר אפגעשיקט צום מרכז אין ווארשע, צוזאמען מיט א קרוב 100 זלאטעס, וואס מיר האבן באוויזן אפצושפארן.

צוליב דער קעגנערשאפט פון זיינע עלטערן, איז משה סארנע דאן נישט געפארן קיין ארץ־ישראל. אויך איך האב נישט געקאנט עולה זיין, ווייל איך בין גלייך גערופן געווארן צום פוילישן מיליטער־דינסט, ווו איך בין אפגעווען צוויי מיט א האלב יאר. ווען איך בין צוריקגעקומען און זיך געווענדעט צום מרכז „החלוץ" וועגן מיין סערטיפיקאט, האבן זיי מיר אפגעזאגט און געהייסן פארן נאכאמאל אויף הכשרה. איך האב מיר אנטזאגט און אפגעפארן צו מיין שוועסטער קיין אסטראוו־מאז.. ווו איך בין געווארן טעטיק אין דער פארטיי („פועלי־ציון־צ.ס.) און אין דראמאטישן קרייז. אין 1930 בין איך צוריק־געקומען קיין גאוואראווע און פארגעזעצט מיין אקטיוויטעט אין דער באוועגונג און אין דעם דראמאטישן קרייז. אין אויגוסט 1932 האב איך ענדלעך „עולה" געווען, צוזאמען מיט מיין פרוי דבורה און אנדערע, וועלכע האבן אויסגענוצט די דאן ארגאניזירטע עקסקורסיעס צו דער „מכבי'אדע" אין ארץ־ישראל.



Zaświadczam
iż p. Szron Aron Mendel był w m. Czerwie jako robotnik rolny, sezonowy w przeciągu sześciu miesiącach, utrzymywał się z własnej pracy i odszedł po skończeniu robót.
W czasie roboty był pilny i pracowity.

Marjan Roszczewski

Czerwie 14 wrześ. 1925.

Własnoręczność podpisu Marjana Roszczewskiego właściciela maj. Czerwie stwierdzam —

Gawarowo 17/IX 1925 r.

Wójt gminy Gawarowo

באַשטעטיקונג פון טשירניער פריץ ראַשטשישעווסקי, נאכן פארענדיקן די הכשרה. זיין אונטערשריפט איז באשטעטיקט געווארן דורכן „וואָיט" קאַראַלאַק מיטן סטעמפל פון דער „גמינע".

לוי ווארשאוויאַק
ישראל

דער הכשרה־פונקט אין פּאשעקי

די הכשרה־גרופּע א.ג. פון באוווסטן אגודה־עסקן און סיים־דעפּוטאט ר׳ אלי קירשברויך, אין פּאַשעקי, איז געשאפן געווארן דורך מיין איניציאַטיוו אין יאר 1934. אין דער דאזיקער הכשרה האבן אנטייל גענומען 12 חברים פון „אגודת־ישראל" אין פּוילן, דערונטער די פאלגנדע 4 חברים פון גאוואראווע: דער שרייבער פון די שורות, אלס גרינדער און פארזיצער, משה מאזעס, יוסף תהלים הי"ד, און משה גאלאנט ז"ל.

דער ארבעטס־פּלאץ פון דער הכשרה איז געווען א בעטאָן־פאבריק אויף דער באַן־סטאציע פּאשעקי, וואס האט אויסגעארבעט בלאקן, טרעטואר־פּלאטן, וואַסער־רערן צו ברונעמס א.א. און האט אנגעהערט צום גאווארעווער בעל־הבית ר׳ מאיר וואלף תהלים. דער ציל איז געווען, אז די הכשרה־חברים זאלן זיך דערווערבן דאס בעטאָן־פאך, וואס איז אין יענער צייט געווען שטארק גאנגבאַר אין ארץ־ישראל.

די חברים האבן געארבעט טעגלעך 8 שעה ביי דעם פאך, דערנאך האבן זיי פארבראכט בצוותא, געדאוונט תפלה בציבור, געלערנט שיעורי תורה און געהערט פארלעזונגען אויף פארשידענע טעמעס.

איך פערזענלעך, האב אנטייל גענומען אין דער הכשרה בלויז 4 מאנאטן. איך בין דורך דעם „פּאַלעסטינא־אַמט" אין ווארשע באזייטיקט געווארן, ווייל א געוויסער רעכטשייד, דער איידעם פון מאיר פּאשעקער, האט בייזוויליק אנגעמאלדן אין „פּאלעסטינע־אמט", אז איך פארלאז די הכשרה יעדן דאנערשטיק, כדי צו האנדלען אויפן מארק.

דער בעסטער ליגן איז א האלבער אמת. עס איז, טאקע, ריכטיק געווען די באהויפּטונג, ווייל איך פלעג יעדן דאנערשטיק פארן קיין גאוואראווע אויפן מארק איינקויפן פּראָדוקטן און אנדערע נויטיקע זאכן פארן הכשרה־פּונקט. אבער די קאָנטראלע פון „פּאלעסטינע־אמט", וועלכע איז געקומען אין א געוויסן דאנערשטיק קיין פּאשעקי און מיך דאָרט נישט געפינען, האבן דעם מאָטיוו נישט אנגענומען, און מיר באזייטיקט פון דער הכשרה. איך בין דאן אריבער אין אן אנדערע הכשרה, נעבן ווארשע.

פון דער פּאשעקער הכשרה געפינען זיך היינט אין לאנד נאר 2 חברים — איך און אלחנן לובארט, וועלכער וווינט אין קרית־מוצקין.

איך וויל ביי דער דאזיקער געלעגנהייט צוגעבן נאך עטלעכע מאמענטן פון מיין כלל־טעטיקייט אין גאוואראווע. איך וויל צושרייבן צו מיין זכות די גרינדונג פון דער „בית יעקב"־שולע, ביי וועלכער איך בין כמעט איינער אליין געשטאנען ביים וויגעלע פון דער גרינדונג. איך וויל נאר דערמאנען די גרויסע מיטהילף פון מרא דאתרא,




די הכשרה־גרופּע מיט ר׳ לוי וואַרשאַוויאַק און צענטער. לינקס־צו: ר׳ משה מאָזעס
און משה גאלאנט ז״ל. עס שטייט אויבן רעכטס: יוסף תהילים הי״ד

הרב אלטר משה מרדכי בורשטין הי״ד, און פון דער רבי׳צין גינעגדל ז״ל, וועלכע האבן פיל צייט און כוחות געווידמעט פאר דער שולע און געשאפן פינאנסיעלע הילף; און אדאנק זיי האט זיך די שולע געקאנט אנטוויקלען און גורם זיין א גייסטיקע רעוואלוציע אין שטעטל. שפּעטער איז שוין געקומען די ענטוזיאסטישע מיטהילף פון א סך שטעטלדיקע יידן. פון דער „בית יעקב״־שולע האט זיך שפּעטער געשאפן די יוגנט ארג. „בתיה״ און „בנות אגודת־ישראל״.

איך האב פיל בייגעשטייערט צו דער אויסברייטערונג פון גערער „שטיבל״. ווען איך בין אנגעקומען קיין גאווארעווע איז געווען א גערער מנין בצמצום אין א פּריוואט־וווינונג, ביי ר׳ וועלוול בלומשטיין. נאך א דורכגעפירטער אקציע איז געדונגען געווארן א לאקאל ביי ר׳ יעקב שטשעטשינא, און דערנאך, מיט דער מיטהילף פון הרב בורשטיין הי״ד, איז אויפגעבויעט געווארן אן אייגענער בנין ביים ביהמ״ד.

דורך מיין איניציאטיוו איז געשאפן געווארן די „צעירי אגודת־ישראל״־ארגאניזאציע וועלכע האט געציילט, באלד אין אנפאנג, 30—40 חברים. דער גרינדונגס־ועד איז באשטאנען פון פאלגנדע 5 חברים: לוי ווארשאוויאק, יצחק שאפראן, ר׳ אברהם ישראל טרושקעוויטש הי״ד, צבי רובין הי״ד, דער צוקערלעך־מאכער, און חיים קאסאווסקי הי״ד. איך בין אויך אויסגעוויילט געווארן אלס פארשטייער פון „אגודת־ישראל״ אין דער פארוואלטונג פון דער שטאטישער „גמילות־חסד״־קאסע.

אויך נאך מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, אין יאנואר 1936, האב איך אנגעהאלטן א ענגן קאנטאקט מיט גאווארעווער יידן, און שטענדיק געווען נייגעריק צו וויסן, וואס עס הערט זיך דארט.



די הכשרה־גרופע ביי דער אַרבעט. פון די גאָווראָווער געפינען זיך אויפן בילד: ר׳ לוי וואָרשאַװיאַק (דריטער פון רעכטס), ר׳ משה מאָזעס (פינפטער פון לינקס), יוסף תהילים הי״ד (צווייטער פון רעכטס) און משה גאָלאַנט ז״ל (פינפטער פון רעכטס).

אברהם האלצמאן
ישראל

די דראמאטישע קרייזן


דער ערשטער ארטיסטישער אויפטריט אין גאוואראווע, האט זיך אנגעפאנגען מיטן חזן ר׳ יוסף חיים, וועלכער האט געלעבט אין שטעטל נאך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער עלטערער דור געדענקט אים גוט, דעם פריילעכן חזן מיט זיין גרופע „פאר־שטעלטע״. די דאזיקע חברה פלעגן זיך אין די פורים־טעג פארשטעלן, און מיט לוסטיקע לידעלעך און פארשידענע קונץ־שטיק, ארומגיין פון־שטוב צו־שטוב נאך „משלוח־מנות״. דאס געלט איז געגאנגען אויסשליסלעך פאר ווילטעטיקע צוועקן, ווי: „מעות־חיטים״, „הכנסת־כלה״, „לינת־הצדק״ א.א. שפעטער, ווען די נצרכים האבן זיך געמערט, און מען האט שוין נישט געקאנט ווארטן פון פורים ביז פורים, פלעגן זיי זיך שוין פארשטעלן אויף יעדער חתונה. זיי האבן געזונגען, נאכגעמאכט פארשידענע טיפן און אזוי ארום פארוויילט די געסט. זיי האבן פארגעשטעלט, ווי אזוי א קאזאק שמועסט זיך דורך מיט א דרדקי־מלמד, אביסל אין רוסיש, אביסל אין פויליש און, פארשטענדלעך, אויך אין יידיש. דאס האט ארויסגערופן גרויס געלעכטער ביים עולם און האבן גערן אריינגעווארפן נדבות אין די פושקעס אריין.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען שוין פארגעקומען אין שטעטל מאדערנע אויפטריטן. מען פלעגט שפילן פיעסן אין א פאסיקן לאָקאַל מיט א סצענע, מיט גרים און דעקאראַציעס. אין יענער צייט איז געקומען פון רוסלאנד משה בענגעלסדארף (אסתר מלכה׳ס א זון), וועלכער האט דארט פארענדיקט אן ארטיסטן־שולע. ער איז אויפגעטרעטן אין גאוואראווע מיט א גרופע אמאטארן, מיט גרויס דערפאלג. עטלעכע יאר האט אויך עקזיסטירט אַ יוגנט־כאר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט משה ברוכאנסקי (א יונגערער ברודער פון חזן מלכיאל). ער איז געווען א גוטער חזן און זינגער און דער כאר האט געהאט א סך עפנטלעכע אויפטריטן.

אין 1922 איז אויסגעפירט געווארן די פיעסע „די שחיטה״ — פון יעקב גארדין, מיט דער באטייליקונג פון בנימין גינזבורג, יחיאל פשיסוסקער, פסח טרוכנאווסקי, איידל לעוויטאן, דוד גלאגאווער, פייגע פיינצייג א. א. עס זענען אויך אויסגעפירט געווארן אנדערע פארשטעלונגען. די הכנסה איז געווען באשטימט פאר דער ביבליאטעק ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. פאר דעם זעלבן צוועק פלעגט מען אויך איינארדענען פארשידענע פארוויילונגס־אוונטן מיט ארטיסטישע פראגראמען. צו י״א אדר האט מען אויסגעפירט דעם איינאקטער „דער שומר״ — פון ז. ווידרעוויטש, „א דאקטאר — א סוחר״ — פון שלום־עליכם, מיט דער באטייליקונג פון שרה גמרא, אברהם ראמאנער א. א.

במשך פון דער צייט האבן זיך די צאל אמאטארן פארמערט; אויך זייערע ארטיסטישע פעאיקייטן האבן זיך אנטוויקלט. מען האט שוין פארמאגט אן אייגענעם רעזשיסער, א גרימירער, א פאראדיע־שרייבער, א סופלאר א.א.

אין 1926 איז אראפגעקומען קיין גאווראווע אן ארטיסטן־טרופע, שיטארסקי־בראפמאן־נוימאן, פון ווארשע. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט געשלאסן מיט זיי אן אפמאך, זיי בייהילפיק זיין מיט טעכנישע־און מענטשן־כוחות, און דערפאר באקומען א געוויסן טייל פון די הכנסות. אונטער זייער לייטונג האבן מיר דאן אויסגעפירט „די רומענישע חתונה", „ווו זענען מיינע קינדער", „דער דבוק", „דער גרויסער מאמענט", „די שווארצע חופה" און „חאשע די יתומה", וועלכע זענען אדורך מיט גרויס דערפאלג. פון די שטאטישע קרעפטן האבן דאן אנטיילגענומען: בונם שאפראן, לייבל קערש, אהרן שראן, אברהם האלצמאן, שמחה זילבערשטיין (סופלאר), שיינדל קארלינסקי, סימע שאכטער, סימע פאטאש א. אנד.



דראמאטישער קרייז ביי די רעכטע „פ.צ." — ערשטע רייע (פון רעכטס): אהרן שראן, בלומע פיינצייג, שרה סקורניק, אברהם האלצמאן און רייזל שניאדאווער. עס שטייען: סימע פאטאש, שמואל בלומשטיין, סימע שאכטער, משה גראנאט, נעכע רייטשיק און יהודה גרודקא.

אין א קורצער צייט ארום איז פון פולטוסק אנגעקומען קיין גאווראווע דער פריזיער יאסל זילבערשטיין. ער איז געווען א יונגערמאן מיט ארטיסטישע־און ארגאניזאטארישע פעאיקייטן און האט אויך געקענט רעזשיסירן און גרימירן. ער האט געשאפן אן אומפארטייאישן דראמאטישן קרייז פון די פריער דערמאנטע, און פון משה דוד מאלאוואני, פייגע שעצעך, לייבטשע גמרא, קלמן קלעפפיש און חיה זילבערבערג. די דאזיקע טרופע האט אונטער זילבערשטיינס רעזשי, אויסגעפירט: „דבורה'לע מיוחסת", „די פארבלאנדזשעטע נשמה", „הערצעלע מיוחס" און אנד.

לאנג האט אבער די אידיליע נישט אנגעהאלטן. אין 1929 איז פארגעקומען א שפאלטונג, וואס איך האב גורם געווען. די געשיכטע איז געווען אין פורים תרפ"ט (1929),

ווען מיר האבן אויפגעפירט די פיעסע „דער בטלן”. איך האב דאן געשפילט די ראל פון דעם לערער בראנין, א ציוניסט, סימפאטיקער פון דער גבירס טאכטער, וואס דיסקוטירט מיט א צווייטן לערער, א בונדיסט, אויך א סימפאטיקער פון דעם גבירס טאכטער. ווען עס איז געקומען צו די ווערטער, וואס בראנין זאגט: „ווען דער ציוניזם פארמאגט נישט מער, נאר די איין מעלה, וואס אזעלכע פארשוינען ווי דו געהערן נישט דארט, און דאס אליין איז שוין ווערט א ציוניסט צו זיין” — האב איך צוגעגעבן, לכבוד פורים, א פאר אייגענע ווערטער: „און צו פארן קיין ארץ־ישראל און נישט אנקוקן אזא ויזתא ווי דו...” נו, האט זיך אנגעהויבן א גאנצע סומאטאכע; יאסל זילבערשטיין האט גלייך רעאגירט פון אונטער די קוליסן. ער האט געפאדערט פון מיר — ווייל צווישן פובליקום זענען אויך פאראן בונדיסטן — זיך עפנטלעך צו אנטשולדיקן פאר פירן אגיטאציע צו פארן קיין ארץ־ישראל — שוין איצט אין מיטן שפילן, אין קעגנפאל לאזט ער נישט פארענדיקן די פארשטעלונג. הגם איך האב מיין טאַט נישט געהאלטן פאר קיין פארברעכן, דאך האב איך איינגעשטימט זיך צו אנטשולדיקן, אבער ערשט נאך דער פארשטעלונג. צוליב דעם, וואס די גאנצע הכנסה איז געווען באשטימט פאר „מעות חיטים”, האב איך נישט געוואלט זיין דער גורם פון היזק. נאך דער פארשטעלונג בין איך טאקע ארויף אויף דער בינע, אבער אנשטאט זיך צו אנטשולדיקן, בין איך ארויס מיט דער מעלדונג, אז עס ווערט געשאפן א נייער דראמאטישער קרייז ביי דער „ברענער”־ביבליאטעק, און די ערשטע פארשטעלונג וועט פארקומען אין דער פסח־וואך. פארשטעגדלעך, אז די דאזיקע דערקלערונג האב איך געמאכט אויף מיין אייגענער פאראנטווארטלעכקייט, נישט באראטנדיק זיך פריער מיט מיינע חברים. א טייל האבן מיר געמוסרט פאר דער „פארקאכטער קאשע”, אנדערע האבן מיר געשטיצט. אבער ווי באשאפט מען פארט א פיעסע, און דערצו זי נאך צוגרייטן אין אזא קורצער צייט?

בין איך געפאלן אויף אן המצאה: אין ווארשאווער טעאטער „סקאלא” האט מען דאמאלט געשפילט „געבראכענע הערצער”. א דאנק מיין קאנטשאפט מיט אן „היינט”־מיטארבעטער, איז מיר געלונגען צו באקומען א קאפיע פון דער דאזיקער, שוין צענזורירטער פיעסע דורכן פוילישן בילדונגס־מיניסטעריום, און בין מיט דעם געקומען צו פארן אין שטעטל אריין. מיר האבן גלייך פונאנדערגעטיילט די ראל און זיך גענומען צו די פראבעס. עס האבן אנטיילגענומען: בונם שאפראן, אהרן שראן (אויך —רעזשי), דער שרייבער פון די שורות (הויפט־ראל — אביגדור, און גרים), שמואל בלומשטיין דוד חצרון, בלומע פיינצייג, נעכע רייטשיק, רייזל שניאדאווער, אלטע זילבערשטיין, סימע שאַכטער, סימע פאטאש, שרה סקורניק א.א. די פיעסע איז געווארן אויפגעפירט מיט א גרויסן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג. פון די הכנסות האבן מיר געדונגען א גרויסן לאקאל פאר דער פארטיי („פועלי־ציון”—צ.ס.) מיט דער „ברענער”־ביבליאטעק, ביי פייוול שראן.

שפעטער איז געלונגען דעם חבר אהרן שראן צו ברענגען פון אסטראוו־מאז. די פיעסע „אומשולדיק שולדיק”, אין וועלכער ער האט דארט בשעתו אנטיילגענומען. די פיעסע איז געשפילט געווארן שוין אין דעם אייגענעם לאקאל, אין דער פסח־וואך פון 1930. די דאזיקע פיעסע האבן מיר אויפגעפירט אייניקע מאל, און עס זענען געקומען אפילו באזוכער פון דער ארומיקער געגנט. נאכער האבן מיר געשפילט „דער פרעמדער” —



איינלאַדונגען, מעלדונגען און פּראָגראַמען פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען
אויפגעפירט דורכן דראַמאַטישן קרייז ביי די רעכטע „פועלי־ציון".

פון יעקב גארדין (דעם 31־טן יאנואר 1931), „צוליב א קינד׳ — שלומקע, ריקל (28־טן פעברואר 1931).

צו יענער צייט האבן גאסטראלירט אין ווארשע ארטיסטן פון אמעריקע, וועלכע האבן מיט גרויס דערפאלג דארט אויפגעפירט, „זיין ווייבס מאן" („סעמקע לץ"). אויך די פיעסע איז מיר געלונגען אראפצוברענגען קיין גאוואראווע און איז אייניקע מאל געשפילט געווארן מיט מיר אין דער הויפט־ראָל (סעמקע לץ). אויך לאה ראזען און מלכה צאלקא האבן אין איר אנטיילגענומען.

מיר זענען געגאנגען פון דערפאלג צו דערפאלג. מיר האבן שפעטער פארגעשטעלט: „די ברידער לוריא", „די שטיף־מוטער", „די רויבער" — פון פרידריך שילער, „דער פאטער" — פון סטרינבערג א. אנד. מיר פלעגן אויך אויפטרעטן מיט אײנאקטערס, סקעטשן, מאנאלאגן, דעקלאמאציעס א.א.וו. די אלע הכנסות זענען געגאנגען אויף איינצוקויפן ביכער פאר דער „ברענער"־ביבליאטעק.

דאס האט אזוי אנגעהאלטן ביזן סוף יאר 1932, ווען אונזערע הויפט־אמאטאר־ארטיסטן האבן חתונה געהאט און זיך צעפארן (דער רוב — עולה געווען). מער קיין פארשטעלונגען האבן מיר נישט געקאנט אויפפירן. דערפאר האבן מיר איינגעארדנט אין חנוכה, דעם יאר, א גרויסן באל מיט אן ארטיסטישן פראגראם; „הומאריסטישע צייטונג", סקעטשן, פאראדיעס א.א.וו., וועלכע זענען, דער רוב, אויסגעפירט געווארן דורך מיר זעלבסט.

נאך דער אויבן דערמאנטער שפאלטונג, האט יאסל זילבערשטיין ארגאניזירט פון דאס ניי זיין דראמאטישן קרייז, אבער שוין אונטערן שילד פון דער „פרץ"־ביבליאטעק („בונד"). במשך פון די יארן האבן זיי אויפגעפירט: גאט פון נקמה" — פון שלום אש, „דער טויבער" — פון דוד בערגעלסאן, „צווישן טאג און נאכט" — פון ש. אנסקי, „הערש לעקערט" — פון ה. לייוויק, „אויפן אלטן מארק" — פון י. ל. פרץ, „דער דארפס־יונג", „הערצעלע מיוחס", „אויפן וועג קיין בוענאס־איירעס", „די קאנספיראטיווע דירה" א. אנד. אויך די אלע פארשטעלונגען זענען אדורך מיט גרויס דערפאלג. עס האבן אין זיי אנטיילגענומען: צפורה חצרון, שיינדל קארלינסקי, מאשע מאלאוואני, לייבטשע גמרא, ישראל שאפראן, לייבל ניקס, חנא אלעק, ליבע גמרא א. אנד. א געוויסע צייט האט געהאלפן ביי די רעפעטיציעס און סופלירט — רחל גורקא.

חוץ די אויבן באשריבענע, האבן נאך עקזיסטירט דראמאטישע קרייזן אין קלענערן פארם אויך אין אנדערע ערטער. ביי דער „בית יעקב"־שולע איז געווען טעטיק א דראמאטישער קרייז פון בלויז מיידלעך. אויך די מענער־ראלן פלעגן אויסשפירן מיידלעך. ביים פארענדיקן א שול־יאר, פלעגן זיי געבן פארשטעלונגען אויף היסטארישע טעמעס. זיי האבן געשפילט: „מכירת יוסף", „מלך אחשורוש", „שמשון און דלילה" א. אנד. די פיעסן פלעגן זיי אויפפירן אין דער ווייבער־שול, אדער אין א שאפע ביי די האלץ־סוחרים ראזען־קאסאווסקי, און אין אנדערע ערטער. זייערע פארשטעלונגען זענען געווען גוט־באזוכטע.

דער „השומר הצעיר" האט אין זאל פון משה טענענבוים געשפילט די פיעסע „החוטפים" (קאנטאניסטן), מיט נעכע שאכטער, אליעזר לעווין און שלמה אפעלבוים אין די הויפט־ראלן. זיי האבן נאך אויסגעפירט אייניקע איינאקטערס.

אויך דער בית"ר פלעגט כמעט יעדעס יאָר, י"א אדר, געבן בילדלעך, איינאקטערס, און אנדערע ארטיסטישע אויפטריטן, וועלכע זענען געווען פארבונדן מיטן **אנדענק** פון יוסף טרומפעלדאר.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז דער גרעסטער טייל פארשטעלונגען אין **שטעטל** זענען פארגעקומען אין דער שאפע פון משה דראניצא.



מיטגלידס־קאַרטע פון דראַמאַטישן קרייז ביי די „פועלי־ציון"־צ.ס.

א. ש. מנחם
ישראל

די ארבעט פאר די נאציאנאלע פאנדן

קרן קימת לישראל

די ארבעט פארן ק.ק.ל. איז געפירט געווארן דורך אלע ציוניסטישע פארטייען. ביי דער דאזיקער ארבעט זענען פארשווונדן געווארן אלע פארטיי־צאנקערייען און פאליטישע דיסקוסיעס. דער איינציקער געמיינזאמער ציל איז געווען צו שאפן וואס מער געלט פארן פאנד.

די הויפט־הכנסות פון ק.ק.ל. זענען געקומען פון די בלוי־ווייסע פושקעס. דאס שטעטל איז געווען איינגעטיילט אין 3 ראיאנען, און יעדן חודש האט אן אנדער פארטיי באקומען צוגעטיילט אן אנדער ראיאן, אויף אויסצולײדיקן די פושקעס. דער דאזיקער סיסטעם איז געווען איינגעפירט, בכדי קיינעם נישט צו בעוולען, ווייל נישט אלע ראיאנען האבן אריינגעבראכט די זעלבע סומען. די דאזיקע ארבעט איז געטאן געווארן, מערסטנס דורך דער יוגנט.

אויסער דעם פלעגן פארקומען אנדערע זאמלונגען, וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן, טיילוויז, דורך עלטערע טוער. יעדעס יאר, ל״ג בעומר, איז געמאכט געווארן א „בלימל־טאג״. צו ראש־השנה פלעגט מען פארקויפן „שנה־טובות״ און לוח׳לעך; ט״ו בשבט און פורים פלעגן פארקומען באזונדערע אקציעס. ערב יום־כפור האט מען געשטעלט „קערות״ אין בית־המדרש, אין אלעקסאנדער „שטיבל״, אין „פארגעשריטענעם״ מנין און, פארשטענדלעך, אויך אין „מזרחי״־מנין. אין אטוואצקער „שטיבל״ איז אין די ערשטע צייטן געווען אויסצושטיין פון די חסידים אביסל שיקאנעס. אבער אין די לעצטע יארן האבן זיי שוין נישט געשטערט. אין גערער „שטיבל״ איז בכלל קיין דריסת הרגל נישט געווען.

חוץ די „נדרים״, ביי עליה לתורה, דורך די ציוניסטיש־געשטימטע מתפללים, פלעגן נאך אויך דורגעפירט ווערן „בלימל״־זאמלונגען אויף התונות און אנדערע פייערלעכקייטן. פון צייט צו־צייט פלעגן פארקומען באזונדערע צווישן־פארטייאישע פאראנשטאלטונגען, וועמענס הכנסה איז געגאנגען אויסשליסלעך פארן ק.ק.ל.

די ארבעט פארן ק.ק.ל. איז געווען זער א אינטענסיווע. יעדע פארטיי האט זיך באמיט צו שאפן וואס מער געלט. אויף די ערשטע ערטער פון די זאמלער, זענען כמעט די גאנצע צייט געשטאנען דער „בית״ר״ און „השמור־הצעיר״ פראפארציאנעל צו דער גרויס פון דער באפעלקערונג, האבן זיך די גאווראוואער יידן גערעכנט פון די גרויסע זאמלער און שפענדער. ביי דער צענטראלע פון ק.ק.ל. אין ווארשע, האט אונזער שטעטל פארנומען אן אנגעזען ארט.

ביי ספעציעל־גרויסע אקציעס, האט די הויפט־ביורא פון ק.ק.ל. אראפגעשיקט צו אונז רעדנער, וועלכע פלעגן, מערסטנטייל, אויפטרעטן אין גרויסן בית־המדרש, מיט רעדעס מעניני דיומא. אזוי האבן אונז באזוכט: פנחס פאגעלמאן, אברהם ביאלאסטאצקי, יחיאל פרענקעל, טענענבוים און אנדערע. דער ועד פון ק.ק.ל. איז באשטאנען פון פארטיי־דעליגירטע חברים. א לאנגע צייט האבן געארבעט פאלגנדע חברים: משה דראַניצא (אלג. ציוניסטן), יצחק וויראסלאוו (פ.צ.־צ.ס.), משה גראנאט (החלוץ), ב. קאסאווסקי (בית״ר), הערשקע גראנאט (השה״צ), א. אנד. שפעטער זענען אויך געווען טעטיק: אברהם האלצמאן, אביעזר שיקארא, א.א. פיל יארן איז דער מורשה פון ק.ק.ל. געווען דן ראזענבערג, דער לעצטער מורשה איז געווען שמואל צודיקער. ביידע האבן אנגעהערט צום „מזרחי״ און זענען געווילט געווארן איינשטימיק.

קרן היסוד


די ארבעט פארן „קרן היסוד״ איז געפירט געווארן נישט סטאביל, איז ממילא נישט געווען קיין אפיציעלער קאמיטעט. די שפענדונגען פארן „קרן היסוד״ זענען געווען פארבונדן מיט גרעסערע געלט־סומעס און דער גרעסטער טייל האט זיך אויף דעם נישט געקאנט דערלויבן. פון־צייט צו־צייט, אבער, פלעגן דאך גאר־וויכטיקע אקציעס דורגעפירט ווערן. די צענטראלע פון „קרן־היסוד״ אין ווארשע, פלעגט דאן אראפשיקן ספעציעלע שליחים, וועלכע האבן געהאלטן רעפעראטן אין גרויסן בית־המדרש און אויפקלערן דעם עולם די חשיבות פון דער דאזיקער אונטערנעמונג. אויף די דעקלארירטע סומעס פלעגט מען אונטערשרייבן וועקסלען אויף לענגערע טערמינען. וועגן אזעלכע ספעציעלע אקציעס האבן אונז באזוכט: אשר קאלאדני, הרב האגער א.א. וועגן דער וויכטיקייט פון די נאציאנאלע פאנדן, פלעגט אפט רעדן אין בית־המדרש דער גייסטרייכער רעדנער און „מזרחי״־עסקן ר׳ משה סקורניק.

מיט די אקציעס פארן „קרן־היסוד״ האבן זיך די ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס וויניק־וואס פארנומען. טעטיק זענען געווען נאר די עלטערע מיטגלידער פון די פארטייען, באקאנטע טוער, וועלכע זענען געווען, סיי צווישן די זאמלער און סיי צווישן די שפענדער.

לומדים, עסקנים, טיפן און געשטאלטן

י. י. טרונק
אמעריקע

נאסקע גאווראווער*)



י. י. טרונק

ווען דאָס חסידים־שטיבל איז אויפגעבויט געוואָרן, האָט זיך פנחס ליכטענבערג אנגעהויבן צוצוקלייבן דאַווענערס פאַר זיין שטיבל. ער האָט נישט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַזאַ פאַרשלומפּערטע חסידאַרניע ווי דאָס „גרויסע שטיבל". סוף־כל־סוף דרייען זיך סוחרים ביי אים אויפן הויף. אַפילו די רייכע דייטשישע וואָל־שפּינערס פון לאָדזש קומען צו אים. צופיל איינרייסן מיטן דייטשמערישן ווייב האָט ער אויך נישט געוואָלט. ער האָט פאַרט געוואָלט האָבן שלום־בית אין דער היים. דעריבער האָט ער זיך אויסגעשטעלט אַ צעטל ווער עס זאָל דאַווענען אין זיין שטיבל. דעם צעטל האָט ער אויסגעשריבן אין דער היים אין זיין קאַבינעט. דער צעטל איז געווען געשריבן מיט אַ פּערלדיקן לומדיש־בגדישן כּתב, און ער האָט אים זאָרגפעלטיק אוועקגעלייגט אונטער די טאַוולען פון אַ מורה־נבוכים. מען מוז מודה זיין: פנחס ליכטענבערג האָט אַפילו אויף דעם דאָזיקן געביט אַרויסגעוויזן מייסטערשאַפט פון קאָמבינאַציע.

קודם־כל האָט ער געזען צו טאָן, אַז ר' לוי קאַהן זאָל ביי אים דאַווענען. מיט דעם האָט ער געוואָלט אַרויסכאַפּן די ראָזשינקע פון „גרויסן שטיבל". ער האָט אויך דערמיט געכשרט דאָס שטיבל אין די אויגן פון זיין דייטשמעריש ווייב, וועלכע איז כּסדר געווען ברוגז אויף דעם דאָזיקן ווילדן איינפאַל צו מאַכן אַ חסידים־שטיבל האַרט אונטער איר נאָז. עפּנטלעך פאַר אַלעמענס אויגן האָט זי דערפאַר געטראָגן די אייגענע האָר אַלס פּראָטעסט. זאָלן אַלע זען, וואָס זי, דאָבזשינסקיס טאָכטער, טראַכט וועגן פנחס ליכטענבערגס „פינצטערע" מעשׂים. ר' לוי קאַהן וואָלט איר באַדאַרפט צו פאַרמאַכן

*) נאַסקע כ"ץ דעם אַלטן ברילאַנטס איידעם.

דאס מ״יל. ווארעם, אויב דער אלטער באראן היינצל שעמט זיך נישט מיט ר׳ לוי׳ן צו חברן צו רעדן מיט אים יידיש און צו פארן מיט אים איבער דער פיעטריקאווער גאס אויף דער רייכער אריסטאקראטישער קאטש, — דארף עס איר, דאבזשינסקיס טאכטער, אנשטיין צום כבוד, אז ר׳ לוי קאהן וועט זיך באווייזן ביי איר אויפן הויף. פנחס׳עס ווייב איז טאקע אביסל אנטשוויגן געווארן, ווען זי האט געהערט ווער עס וועט זיין פון די ערשטע דאוועגערס אין שטיבל. צווייטנס: האט ער מיט ר׳ לוי׳ס פערזאן גלייך פאר אלעמען געגעבן אנצוהערן וואסער שטיבל פנחס ליכטענבערג האט בדעה צו מאכן ביי זיך אין הויז. תורה וגדולה במקום אחד.

יעדער פערזאן, וואס פנחס האט אויסגעקליבן אלס זיינע דאוועגערס איז געווען אן אמתע אטראקציע. און איך וועל אומישנע זיך אפשטעלן אויף עטלעכע פון זיי.

פאר שטיבל־שמש האט ער געמאכט נאסקען פון גאוואראווע. צו דערציילן ווער נאסקע איז געווען, איז נישט פון די לייכטע זאכן. אויך צווישן די זעלטענע לאָדזשער יידן איז נאסקע געווען א זעלטענער ייד. וואסער פרנסה נאסקע האט געהאט איידער ער איז געוואָרן שמש אין פנחסעס שטיבל, איז אויך שווער צו זאגן, מחמת נאסקע איז געווען דער טיפישסטער אנארכיסט, וואס האט ווען עס איז עקזיסטירט אויף דער וועלט. ער האט נישט אנערקענט קיין שום סדר און קיין שום אָרדנונג, קיין שום געזעצלעכע געמיינשאפט און קיין שום געזעלשאפטלעכע התחייבותן פון מענטש צו מענטש. ער איז געווען אן אינדיווידואליסט פון עקסטרעמסטן סארט — און פרנסה איז שוין א געוויסער ארייגפאסן זיך אין א געזעלשאפטלעכן סדר. ער האט געביטן זיינע פרנסות לויט דעם מאָמענטאלן געמיט. דאָ איז ער געווען א מלמד, דאָ האט ער אין א שיינעם טאָג געווארפן דאס מלמדות און אנגעהויבן ארומצוטראגן קאַנען נאפט איבער נגידישע הייזער, אדער גאר שלעפן א וועגעלע אינמיטן דער פיעטריקאווער גאס, באגלייך מיט אלע פראסטע טרעגער, — הגם אלע האבן דא נאסקען גוט געקאנט פאר א שארפן חסיד און פאר א שארפן למדן. נאסקע האט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט, ער האט נישט אנערקענט קיין שום התחייבותן און קיין שום קאנווענאנסן לגבי דער געזעלשאפט.

אליין איז נאסקע געווען א הויכער ייד מיט פלאם־פייערדיקע רויטע האר, מיט א פייערדיקער רויטער בארד, און מיט פלאמיקע רויטע פיאות, וועלכע ער האט תמיד געהאלטן צונויפגעבונדענע אונטערן סאמעטענעם היטל. מען האט נישט געוווסט פארוואס און פאר ווען — נאסקע האט זיך פלוצעם אפגעשטעלט אינמיטן שטוב, צי אינמיטן א טומלדיקער גאס, מיט האסטיקער אומגעדולדיקייט האט ער א בינד־אויף געגעבן די פּאות פון אונטערן היטל. עס האט אויסגעקוקט ווי צוויי שטראמען פייער לאזן זיך אים אראפּ פוןביידע זייטן פנים. און נאסקע איז א צייט ארומגעגאנגען מיט זיינע ארונטער־געלאזטע פאות. מענטשן האבן געקוקט, נאר נאסקע האט נישט געקוקט אויף קיין מענטשן. ביז ער איז מיטאמאל שטיין געבליבן און צוריק פארבונדן די פאות אונטערן היטל.

איך גלויב, אז קיין שום מענטש האט נאך נישט געהאט אנגעזען נאסקעס אויגן. ער האט זיי מיט א ווילדער פארעקשנטקייט געהאלטן טיף אראפּגעלאזענע, סיי ווען ער האט גערעדט מיט עמעצן, סיי ווען ער איז געגאנגען אויפן גאס. איך האב מיר שטענדיק געוווּנדערט, ווי אזוי נאסקע ווייסט ווהין צו גיין, ווען ער קוקט נישט און גייט מיט אראפּגעלאזטע אויגן. קוקן אויף עמעצן, צי קוקן ארויס פון זיך, איז שוין עפּעס ווי א בשותפותדיקייט מיט עמעצן. און פון דעם האט ער נישט געהאלטן. אפילו

זיין שפּראַך איז געווען אַן אַנדערע. ער האָט גערעדט זיין אייגענעם דיאַלעקט, און זיין אויסטערלישן אופן אַרויסגערעדט די יידישע ווערטער. וואָרעם שפּראַך איז דאָך אַ געוויסע געמיינזאַמקייט מיט מענטשן. נאַסקע האָט עס נישט גורם געווען. נאַסקע האָט גערעדט אויף זיין אייגענעם נאַסקישן לשון און מען האָט געמוזט זיין מיט אים גוט באַקאַנט, כדי אים צו פאַרשטיין. למשל, ער האָט נישט געזאָגט „שופר" נאָר „שייפער", נישט „יוצא־זיין" נאָר „ייצע זיין". יעדעס יידישע וואָרט האָט אַנדערש אַרויסגעקלונגען פון נאַסקעס מויל. אַן אמתער אַנאַרכיסט.

אַזוי האָט נאַסקע נישט באַוויזן קיינמאָל אַרויסצופאָרן פון לאָדזש, הגם ער האָט נישט איינמאָל זיך געקליבן צו פאָרן אין זיין שטעטל גאוואראווע. צו וואָס האָט ער פּלוצעם אינמיטן דערינען געהאַט דאָס באַדערפעניש צו פאָרן אַהין, האָט קיינער נישט געוווּסט. ער האָט בלויז געזאָגט: „איך פאָר קיין גאוואראווע". אָבער ער האָט קיינמאָל נישט באַוויזן צו פאָרן. מחמת נאַסקע האָט קיינמאָל ביי זיך נישט געפּועלט צו גלייבן, אַז די באַן גייט טאַקע אַוועק פון לאָדזש לויט אַ פאַר־פּלאַן, און זי האַלט זיך טאַקע אינם פאַר־פּלאַן. אַזאַ מין געזעצמעסיקייט איז אונטער דער באַן און אין שייכות מיט זיין נסיעה קיין גאוואראווע, וואָלט געווען אַפּסאָלוט קאַפּויער קעגן נאַסקעס געמיט. ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז די באַן גייט אַוועק, למשל, פון לאָדזש פיר אַזייגער מיט צען מינוט — האָט זיך נאַסקע פון גרויס חידוש אינמיטן דערין אַ בינד־אויף געגעבן די רויט־פּלאַמיקע פּאות פון אונטער זיין היטל און זיי אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע באַקן. ער האָט שאַרף געקוקט מיט זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויפן דיל און איז ענדלעך געקומען צו דער באַן מיט אַ צוויי שעה שפּעטער. און ער האָט זיך נאָר געחידושט, וואָס די באַן איז טאַקע אַוועקגעפאָרן לויטן פאַר־פּלאַן. אַ משוגענע וועלט אויף אַן אמת? פונדעסטוועגן האָט נאַסקע געגלויבט, אַז היינט איז עס נאָר געווען אַ ווילדער צופאַל, וואָס די באַן איז געפאָרן לויטן פאַר־פּלאַן. מאָרגן וועט זי טאַקע פאָרן בלויז דאַן ווען ס'וועט איר איינפאַלן. נאַסקע איז ווידער געקומען שוין מיט דריי שעה שפּעטער נאָכן פאַר־פּלאַן. ער האָט דערמיט געוואָלט אויסדריקן זיין צוטרוי, אַז די באַן איז נישט משוגע און גייט אין זיינע נאַסקישע דרכים. ווען זיינע אַנטוישונגען מיט דער באַן האָבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און נאַסקע האָט געזען, אַז די באַן מיינט עס נישט אויף קאַטאַוועס מיטן פאַר־פּלאַן, האָט זיך נאַסקע גאָר מיישב געווען, אַז ער וועט נישט פאָרן קיין גאוואראווע.

אַזאַ מין ייִד האָט זיך פּנחס ליכטנבערג אויסגעקליבן פאַר אַ שמש אין זיין שטיבל. ווען אַלע האָבן אים געפרעגט, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַזאַ אויסטערלישער פּרא־אדם זאָל פירן שטיבל־חשבונות, פאַרקויפן עליות און בכלל פירן די ווירטשאַפט פון שטיבל? האָט פּנחס זיך שטיל אויסגעשמייכלט און געזאָגט, אַז עס וועט שוין גוט זיין — ווי אַזוי גוט זיין? שוין די ערשטע וואָכן פון זיין שמשות האָט נאַסקע געוויזן זיין אַנאַרכיזם, און געוויזן האָט ער עס נישט קיין אַנדערן, סיידן ווי דער מעכטיקער צאַרישער מלוכה, נעמלעך: פּנחס האָט אַריינגעצויגן אין זיין שטיבל גאַז־באַלייכטונג. ווען עס איז געקומען דער ערשטער חשבון צו באַצאָלן פאַרן גאַז, האָט נאַסקע זיך נישט געגלויבט, אַז דער שטאַטישער גאַז־אַנשטאַלט מיינט עס אויף אַן אמתן. ער האָט בכלל נישט געהאַלטן פון צאָלן חשבונות. נאַסקע האָט דעם אָפיציעלן גאַז־חשבון אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט. ס'איז פאַרבייגעגאַנגען דער לעצטער טערמין — דער גאַז־אַנשטאַלט האָט געשיקט אַ

משה גראנאט
ישראל

ר׳ משה יהושע גינזבורג ז״ל

די ביכער־קוויטלע פון שטעטל זענען געווען אויסשליסלעך ביי די פארטייאישע ביבליאטעקן: פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע („התחיה״), „פועלי ציון״־צ.ס. (א ג. פון ברענער), „בונד״ (א. ג. פון פרץ) א. אנד. עס זענען געווען אויך אזעלכע, וועלכע האבן „אויסגעשריבן״ ביכער דירעקט פון ווארשעווער יידישע פארלאגן; עס איז אבער אויך געווען אין שטעטל א בוכהאנדלונג, וועלכע האט אנגעהערט צו ר׳ משה יהושע גינזבורג. אמת, נישט קיין בוכהאנדלונג אין פולן זינען פון ווארט, אבער מען האט ביי אים געקאנט געפינען א גאנצן היפשן אויסוואל. געווען איז דאס נישט קיין פראנט־געשעפט מיט פאליצעס אויסגעסארטירטע ביכער, נאר א פריוואט־וווינונג, ווו די ביכער זענען געווען פונאנדערגעווארפן אין צענדליקער פלעצער. דארט איז געווען א סימבאל פון אומארדנונג. עס איז אויך קיין וווּנדער נישט געווען: ר׳ משה יהושע איז שוין געווען א ייד א זקן און נישט־האבנדיק קיין פרוי האט ער אליין געמוזט טאן די גאנצע שטוב־ארבעט אויך; נו, האט ער זיך מיט אלעם נישט געקאנט קיין עצה געבן.

ר׳ משה יהושע איז געווען א גרויסער למדן און א אוהב ספר. שטענדיק פלעגט ער זיצן און מעיין זיין אין א ספר און עס איז אים שווער געווען זיך אפצורייסן פון אים. ער האט זיך נישט גענומען עפעס צו טאן אין שטוב, ביז ער האט דעם ספר נישט

(נאסקע גאווראוואר — סוף)

באאמטן, וועלכער האט פארחתמעט דעם גאז־זייגער און אויף אים אנגעהאנגען א פלאמבע מיט א רוסישן אדלער. א שיינער סטראשונעק פאר נאסקע גאווראוואר! ווען עס איז געקומען בין־השמשות און מען האט באדארפט אנצינדן די גאז־לאמפן אין שטיבל, האט נאסקע נישט געמאכט קיין לאנגע מחזקות. פאר אלעמענס אויגן צוגעגאנגען צום גאז־זייגער ארונטערגעריסן די מלוכהשע פלאמבע, און צוריק דעם זייגער געעפנט. יידן האבן געשריגן, אז נישט בלויז נאסקע וועט דערפאר אוועק אין קייטן, נאר ער וועט אויך מיטשלעפן אין תפיסה אריין פנחס ליכטנבערגן. נאסקע האט נישט געענטפערט.

אגב וויל איך נאך צוגעבן: אין נאוועמבער 1918, ווען די דייטשן האבן געהאט א מפלה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און די אלע פוילישע שטעט האט די באפעלקערונג אנטוואפנט דאס דייטשישע מיליטער — איז אויך נאסקע אינמיטן דערין פון שטיבל ארויסגעלאפן אויף דער פיעטריקאווער גאס. ער האט זיך ארונטערגעלאזט די רויטע פאות און מיט זיינע טיף־אראפגעלאזטע אויגן צוגעלאפן צו א דייטשן זעלנער. דער דייטש האט זיך דערשראקן און נאסקען אוועקגעגעבן די ביקס. נאסקע איז מיט דער ביקס צוריקגעקומען אין שטיבל אריין און זי, די דייטשישע ביקס, אוועקגעשטעלט נעבן ארון־קודש.

[פון בוך „פוילן״ — 3־טער באנד]

געענדיקט. אזוי איז ער געזעסן, סיי ביי זיך אין צימער און סיי אין די תפילה־שעה׳ן אין שול — תמיד איבערגעבויגן איבערן ספר, פארקנייטשט דעם לינקן אויג און נישט געזען, וואס ארום אים טוט זיך. מיט דער גאנצער נשמה האט ער געשוועבט אין די עולמות עליונים. ער איז געווען א בקי אין גאנץ ש״ס און מפרשים און האט אויך ליב געהאט צו לייענען די העברעאישע „וועלטלעכע״ פרעסע. ווען ר׳ משה יהושע איז אריינגעקומען אין שול, האט זיך אפילו דער רב פאר אים אויפגעשטעלט. האט ווער געדארפט פרעגן א דין, אדער אויסגלייכן א שקלא וטריא, האט מען זיך צו אים געווענדעט. ער האט גארנישט געטראכט, שנעל געגעבן אן ענטפער, נישט אוועקנעמענדיק צומאל די אויגן פון ספר.

א זקן מופלג איז ער געווען, אבער קיין ברילן האט ער נאכנישט געטראגן. די פלייצע איז אים שוין געווען איינגעהויקערט פון שטענדיק זיצן איינגעבויגן איבערן ספר. געוווינט האט ער אין דער „ברייטער״ גאס, קעגנאיבער דעם רב, אין איין צימער. אין א ווינקל איז געשטאנען א הילצערנע בעט, וועלכע איז זעלטן געווען ווי געהעריק פארבעט און אין צווייטן ווינקל איז געווען די קיך, מיט כלים ארומגעשטעלט. ביכער, אויסגעצמישט ספרי קודש מיט ראמאנען, האבן זיך געוואלגערט אומעטום: אויפן בעט אויפן טיש, אויף שטולן און אפילו אויף דיל. פלעגט ווער אריינקומען א בוך קויפן, איז אים אויך שווער געווען זיך אפצורייסן פון ספר און ריידן מיט׳ן קונה. געמאכט האט עס דעם איינדרוק, ווי ער וואלט געוואלט וואס שנעלער פון אים פטור ווערן, כדי ער זאל זיך קאנען גלייך אומקערן צו זיין ספר. דערפאר האט מען נישט ליב געהאט ביי אים צו קויפן. ס׳איז שווער געווען זיך מיט אים אויסצוטענה׳ן, און זיך צו באראטן, וועלכן בוך אויסצוויילן. דאס רוב האט דער קונה אליין זיך געמוזט מטריח זיין און איבערקוקן אלע ביכער, ווי זיי זענען נאר צעווארפן געווען, ביז ער האט עפעס געפינען.

מיינע ערשטע ביכער האב איך ביי אים געקויפט, אויסוויילנדיק זיי אליין. דארט האב איך געהאט די געלעגנהייט אריינצוקוקן און זיך צו באקענען מיט מער ביכער. מיין זיין שעה׳ן־לאנג אין זיין צימער, האט אים גארנישט געשטערט; כ׳האב אים נאר נישט געדארפט אפרייסן פון זיין באשעפטיקונג. איבעריקנס, ער האט מיר אפילו נישט געזען.

זיין זון בנימין, שוין אן עלטערער בחור, איז געווען דער ערשטער אינטעליגענט אין שטעטל; דער מנהיג פון דער יוגנט, נאך איידער עס זענען אנטשטאנען די פאליטישע באוועגונגען ביי אונז. ער איז געווען א מענטש מיט הויכער בילדונג, וועלכער האט אריינגעבראכט דעם ציוניסטישן געדאנק אין גאווראווע. ער האט געגעבן אפט פארלעזונגען און דערצויגן א דור פון פארטייאישע פירער.

א בשן
ישראל

ר׳ אברהם מרדכי פרידמאן ז״ל

יעדע יידישע קהלה אין פוילן וואלט זיך געקאנט גרויסהאלטן מיט אזא חשובן בעל־הבית, ווי עס איז געווען ר׳ אברהם מרדכי פרידמאן ז״ל. א ייד א למדן מופלג אין פולן זינען פון ווארט, א פיקח אין מילי דעלמא; מען האט זיך מיט אים שואל עצה געווען אין די פארוויקלסטע געשעפטס־ענינים און אין פערזענלעכע פראבלעמען; א ייד אן עסקן בצרכי ציבור באמונה, און דערצו א עושר, וואס איז אים געקומען נאר פאר זיין אויסער־געוויינלעכער ערלעכקייט. ער איז געווען דער סינאנים פון ערלעכן מסחר. זיינס א ווארט איז געווען הייליק, סיי פאר יידן, סיי פאר גויים. יידן האבן אים שטארק אפגעשאצט און גויים האבן פון אים מער געהאלטן ווי פון זייער גייסטלעכן. מען קאן אויף אים זאגן, אז זיין הויז איז געווען „תורה וגדולה במקום אחד״, און ווען ער וואלט געוווינט אפילו אין ווארשע, זאלט ער אויך פארעכנט געווען צווישן די שענסטע און פארנעמסטע בעלי־בתים פון דער גרויסער הויפט־שטאט.

ווי זאגט די גמרא אויפן פסוק „עזר כנגדו״? — זכה נעשית לו עזר. ר׳ אברהם מרדכי האט טאקע זוכה געווען און זיין פרוי רייצע איז אויך געווען אויסגעצייכנט מיט מעלות ומידות טובות, און איז שטארק באליבט געווען און שטאט פאר איר גוטהארציקייט און אהבת הבריות. ער איז געווען א צייט ראטמאן אין ארטס־ראט, און זי האט געזוכט צו העלפן יתומים און אלמנות; עד האט געטאן צדקה און געזעלשאפטלעכע ארבעט, און זי האט פיל געטאן אין מתן־בסתר און אנדערע סאציאלע הילף. איז טאקע זייער הויז געווען א „בית ועד״ און די שטאט האט זיך געגרויסט מיט זיי.

ר׳ אברהם מרדכי איז געבוירן געווארן אין גאוואראווע אין יאר 1860 ביי זיינע עלטערן שבתי דוד און חיה אסתר, וואס האבן געהאלטן א מאנופאקטור־געשעפט אין שטאט. ער האט געלערנט אין שטאטישן בית־המדרש, און זיך געקלאמערט ביים סאכאטשאווער רבי׳ן, דעם „אבני נזר״, פון וועמען ער האט געקריגן דעם „שניט״ אין לערנען. ער האט חתונה געהאט מיט זיין פרוי רייצע די טאכטער פון יצחק דוד און ריבע אפענהיים, אייגנטימער פון א רעסטאראן אין טשעכאנאוו.

נאך דער חתונה האט ר׳ אברהם מרדכי איבערגענומען זיין פאטערס מאנופאקטור־געשעפט, וואס האט אים געברענגט גרויס פראפיט. זיין פרוי רייצע פלעגט זיך אפגעבן מיטן געשעפט און ער פלעגט לערנען תורה, אדער טאן גמילות־חסדים. ער איז געווען א חסיד בלהב. ער פלעגט אפט פארן צו די רביים פון: נאוואמינסק, פאריסאוו, סאכאטשעוו, און לעצטנס — צום גערער רבי׳ן, ר׳ אברהם מרדכיל׳ע אלטער זצ״ל. ער איז געווען א הייסער אנהענגער פון דער „אגודת־ישראל״־פארטיי, און געשטיצט אלע אירע אקציעס.

ר׳ אברהם מרדכי איז נפטר געווארן אין יאר 1930 אין גאוואראווע, און זיין פרוי רייצע האט ווייטער אנגעהאלטן דעם מסחר צוזאמען מיט איר זון הענעך.

די פרוי רייצע איז אומגעקומען צוזאמען מיט אירע זין אלחנן און העניך מיט זייערע פרויען און קינדער, אין סלאנים — פון די נאצישע מערדער־הענט.

אליהו יעקב ברוכאנסקי
ישראל

מיין פאטער דער חזן־שוחט

מיין פאטער ר׳ חיים מלכיאל האט אפגעשטאמט פון זער א מיוחס׳דיקער משפחה אין לאמזשע. דער ערשטער רב אין לאמזשע, דער בארימטער צדיק ר׳ זלמעלע חסיד, איז געווען זיין עלטער זיידע. מיין פאָטערס פאָטער, ר׳ אליהו, האט זיך אויפגעהאָדעוועט אין סטאלפצע. ער האט געלערנט אין גרויסע ישיבות און איז בארימט געווען פאר א למדן, דערצו איז ער געווען שטארק באגאבט מוזיקאליש. אין די יינגע יארן האט ער געזינגען אין כאר פון בארימטן חזן און קאמפאזיטאר ניסן בעלזער. נאך זיין חתונה מיט מיין באבען גיטע רייזל שיינקאפ, איז ער געווארן חזן־שוחט אין סאכאטשין ביי פלאנסק. דער זיידע האט, אבער, נישט געוואלט בלייבן א גאנצן לעבן ביי א קהל׳ישן פאסטן, האט ער זיך צוריק אומגעקערט קיין לאמזשע, געעפנט א שפייז־קרעמל און געצויגן פון דעם פרנסה.

אלע זיינע קינדער האבן פארמאגט געבוירענע טאלאנטן צו מוזיק, און דער זיידע האט זיי נאך געבילדעט און געלערנט זינגען און קאמפאזיציע. זיין זון מנחם איז געווארן חזן־שוחט אין סעראצק און אין קרעווע. ער האט באזיצן א שיינעם באריטאן און האט אויך גוט געקענט לערנען. דער צווייטער זון יעקב קאפל איז געווען יינגערהייט א עילוי. צו 18 יאר האט ער געקראגן סמיכה פון „חפץ חיים" ער האט יינגלווייז באוויזן וואונדער מיט זיין זינגען. ער האט געדאוונט אין די גרעסטע שולן שטייענדיק אויף א בענקל, ווייל ער האט נישט דערגרייכט צום עמוד. אויך ער האט נישט געוואלט בלייבן ביי דער שטעלע פון חזנות. ער איז געווארן א עברית־לערער אין א לאמזשער מיטל־שול. שפעטער איז ער אוועק קיין אמעריקע און איז געווארן לעקטאר אין א ראבינער־סעמינאר. דער יינגערער זון משה איז געווען א פענאמענאלער זינגער. ער האט א סך פארבראכט ביי מיין פאטער אין שטוב. צו די ימים־טובים פלעגט ער קומען צו אונז קיין גאווארא... צוהעלפן מיין פאטער ביים דאווענען. ער האט חתונה געהאט מיט א גאוואראווער מיידל, רחל, ישראל לייזער זאמלסאנס א טאכטער. עטלעכע יאר נאך דער חתונה האט ער געוווינט אין גאוואראווע, און דארט איינשטודירט א יוגנט כאר ער פלעגט דאווענען ימים־נוראים אין לאמזשער שול. ער און זיין גאנצע משפחה זענען אומגעקומען אין לאמזשער חורבן.

דער יינגסטער זון שלמה איז אויך געווען א שיינער זינגער ער פלעגט מיטזינגען מיט מיין פאטער אין גאוואראווע און שפעטער — אין ווישקאווע היינט געפינט ער זיך אין אמעריקע.

אבער דער באגאבטסטער זינגער פון אלע ברידער איז געווען דער בן הבכור, מיין פאטער חיים מלכיאל ז״ל. די באבע פלעגט דערציילן, אז נאך אלס קינד אין וויג האט אזוי קעגלינגען זיין זיס קול׳כל, אז מען האט באלד דערקאנט אז עס וועט אויפוואקסן א גרויסער חזן. זיין שטימע איז געווען וואונדערבאר, זיין קאלעראטור און געפיל האבן ממש באצויבערט מענטשן. אז ער האט געזינגען פאר די חזנים ניסן בלומענטאל און פנחס מינקאָווסקי אין אדעס, זענען זיי באגייסטערט געווארן פון זיין



ר׳ חיים מלכיאל ברוכאַנסקי, ז״ל

טאַלאַנט. אפילו גויים פלעגן קומען אין שול אים הערן זינגען. ווען ער איז געווען חזן אין מאַקאָווע, איז אין דער שול געווען א באַזונדערע גאַלעריע פאַר גויים פון די הויכע „נאַטשאַלסטוואַ״־קרייזן, וואָס פלעגן קומען אין שול און אויסוואַרטן א גאַנצן דאַווענען ביז ער האָט געענדיקט זינגען.

מיין פאָטער האָט זיך, אָבער, נישט גרויס געהאַלטן פון דעם כבוד, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט. פון נאַטור־אויס איז ער געווען א עניו און א אוהב בריות. ער האָט געהאַט גרויסע ידידים אין די מוזיקאַלישע קרייזן. צווישן זיינע גוטע פריינט זענען געווען: מנחם קיפּניס פון וואַרשע, בירנבוים פון טשענסטאָכאָוו, דיריגענט אייזענשטאַט פון דער וואַרשאַווער סינאַגאָגע, דיריגענט דאַווידאָוויטש פון נאָזשיק׳ס שול, דער חזן הירשאָוו און אַנדערע גרויסע חזנים.

ער אַליין האָט פאַרפאַסט א סך קאָמפּאָזיציעס און פיל חסידישע נגינים, וועלכע ער פלעגט זינגען ביי די „טישן״ פון גערער רבין.

אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין דער מירער ישיבה. נאָך זיין חתונה מיט מיין מוטער רחל לאה, האָט ער אָנגענומען די ערשטע שטעלע פון חזן־שוחט אין סעראָצק ביי וואַרשע. קיין גרויס פּרנסה האָט ער דאָרטן נישט געהאַט, איז ער נאָך א יאָר אַוועק

קיין נאווידוואר און פון דארט קיין מאקאווע. 6 יאר איז ער געווען חזן־שוחט אין מאקאווע און האט תמיד אפגעהיט, אז דער תוכן און טעם פון דאווענען זאל זיין אויף דער געהעריקער הויך. אויף דעם געביט איז ער געווען אַ שטרענגער קפדן. אנערקענענדיק, אז דער מאקאווער רב, ר׳ ישראל ניסן קופערשטאָך, איז אויך געווען אן אויסערגעוויינלעכער בעל־תפילה, האט אים מיין פאטער צוגעהאלפן באזונדערס — ביי „נעילה״, ווען דער רב האט געדאוונט אין דער באוווסטער מאקאווער שול. אבער קיין פרנסה האט ער אין מאַקאָווע אויך נישט געהאט און איז נאך געווארן א בעל חוב.

דאמאלסט האבן די גאוואראווער בעלי־בתים — ר׳ מאיר ראמאנער און ר׳ שייקע הערצבערג, וואס האבן געשטאַמט פון מאקאווע — אים פארגעשלאגן ער זאל ווערן חזן־שוחט אין גאוואראווע. זיי האבן אים צוגעזאגט די בעסטע באדינגונגען און א גרויסע געלט סומע צו באצאלן די חובות.

אויף שבת פרשת שקלים, 1911, איז מיין פאטער אראפגעפארן קיין גאוואראווע מיט א כאר פון 12 פערזאָן, אין וועלכן עס האבן זיך אויך באטייליקט זיינע צוויי ברידער, מנחם און משה. ער האט געדאוונט די שבת־תפילות מיט אזא געשמאק, אז די גאוואראווער יידן זענען „ארויס פון די כלים״. זיי האבן נאָך אזעלכס נישט געהערט. זיי האבן באשלאסן צו פארהאלטן מיין פאטער פאר יעדן פרייז. באלד נאך שבת איז געקומען קיין מאקאווע א דעלעגאציע פון גאוואראווער בעלי־בתים מיט ר׳ דוד ליוועד בראש אלס פאר׳שטייער פון „עמך״ און בעלי־מלאכות, און מיטגעבראכט א גאנצן „זעקל״ מיט געלט. מיין פאטער האט אנגענומען דעם פאסטן.

אין גאוואראווע האבן מיר אין אָנפאַנג געוווינט אין א דירה פון 3 צימערן ביי דוד ליוועד אין הויז, ביז מיר האבן זיך גוט איינגעארדענט. די ליבשאפט פון די גאוואראווער יידן צו אונז איז געווען נישט צו באשרייבן. יעדע נאכט איז ביי אונז אין שטוב געווען שמחה וששון. פון שבת און יום־טוב — רעדט מען שוין נישט. אלע בעלי־בתים, חסידים ווי מתנגדים, זענען געקומען צו אונז זיך משמח זיין און טרינקען א ביסל משקה. אונזער שטוב איז געווען פול מיט געזאנג. דער חזן האט זיך צונויפגעגאסן מיטן שטעטל ווי איין גוף. אלע האבן נאכגעזונגען דעם טאטנס „שטיקלעך״. א „הבן יקיר לי אפרים״, א „התעוררו״, א „כבקרת״ א שטיקעלע „והוא ישמיענו״ זענען געווען די גאנגבארסטע „סחורה״ אין שטעטל. מיט מיין פאטער זענען אויך מיטגעקומען עטלעכע מאקאָווער יונגעלייט און יינגלעך, וואס האבן זיך געלערנט ביים טאטן זינגען און שחיטה. זיין זענען ממש אויפגעכאפט געווארן פון די בעלי־בתים, ווי: גבריאל יאלאוויעץ, אברהם מרדכי פרידמן, איטשע מאיר פרידמאן א. אנד. עס האבן זיך באזונדער אויס־געצייכנט: דאס יינגעלע בנימין מונדזאק מיט זיינע שיינע „סאלאס״; הערש לייבל שטערן פון אסטראלענקע, דעם דיכטער ישראל שטערנס א ברודער; משה בנימין רזשעפקא, א ישיבה בחור געהאט א שיינע באס־באריטאן שטימע און א גוטער סאליסט. פון גאוואראווע אליין זענען געווען: הענעך, יהושע ראזענס אַ קרוב, א גוטער סאָפּראן, שפעטער אוועקגעפארן קיין אמעריקע; ישראל ניקס, א סאָפּראַן; לייב הערש פליישער, דער היטלמאכער, ר׳ חיים לייב פראסקעס איידעם, א טענאר; 2 ברידער פון דער משפחה ליס, טענאר און סאפראן; חנן וויסבארד, א באריטאן, און שפעטער — אברהם האלצמאן, מאטל לערמאן און אנדערע.

צו די ימים־נוראים פלעגט נאך צוקומען מיין פעטער משה, און עס איז געווארן א פולער קאמפלעט, וואס האט באצויבערט דעם עולם. אפילו חסידים פון די „שטיבלעך" פלעגן שנעל אפדאווענען, כדי נאך „ארייננצוכאפן" א פאָר טענער פון טאטן.

אין גאווארצווע איז געווען א טראדיציע, אז דער חזן פלעגט מאכן א סעודה פאר די בית־המדרש בעלי־בתים אין שבת צו־נאכטס נאך סליחות. אבער ביי מיין פאטער האבן אויך די חסידים נישט געוואלט פארציכטן אויף דעם פארגעניגן, און זענען אויך געקומען. פון דעם איז אוסגעבראכן א גאנצע מחלוקה. ר׳ דוד האט געליארמט: „אט האסטו די „שפיגעלעך"! זיי ווילן שוין צונעמען פון אונז דעם חזן אויך"... מיין טאטע האט עס פארגלעטיקט, און עס איז באלד געווארן שלום.

אין יענער צייט האט געלעבט דער אלטער רב ר׳ כהנה־באָטשאַן זצ״ל. ער האט נאר געלערנט תורה און זיך נישט געמישט אין קיין קהל׳ישע ענינים. מיין טאטע האט געמוזט דערפילן א דאפלטע פונקציע: צו פארטרעטן אויף דעם רב אין אלע זאכן. פרנסה איז געווען בריווח און שטענדיק פריילעך און אויפגעלעגט.

אויך אין גאווארצווע האט די גוי׳אישע באפעלקערונג שטארק געשעצט מיין פאטער. ווען מען האט, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ארעסטירט דעם רב און בעלי־בתים בשעת דעם בלבול פון „ערוב־טעלעפאן", האבן זיי מיין טאטן געשוינט. דער קאמענדאנט איז פארבייגעגאנגען אונזער הויז און געזאגט: „דא וווינט אונזער ליבער „שפיעוואק" און „זשעזשאק". צוליב דעם זענען ניצול געווארן א סך מענשן, וואס זענען געזעסן ביי אונז אין שטוב.

אין יענע צייט איז געווען איינגעפירט, אז דער אָרטס־ראַט האט אכטונג געגעבן אויף דער שחיטה צוליב די געלט־הכנסות און היגיענע. דערפאר האט די פאליציי געהאלטן תמיד דעם חלף פון שוחט, און אים אפגעגעבן נאר ביי דער שחיטה אין זייער קעגנווארט. פארשטייט זיך, אז דער שוחט האט ביי זיך געהאט נאך א חלף צו שחטן, ווען ער וויל און ווען מען דארף, אן דעם וויסן פון פאליציי. אבער דער קאמענדאנט האט געהאט א גוטן תירוץ אריינצוקומען צו אונז, טרינקען א גלעזל משקה מיט פארבייסעכץ, און פארברענגען אביסל מיט מיין פאטער.

כאטש מיין טאטע איז געווען א שארפער גערער חסיד, האט ער דאך זער ליב געהאט ארץ־ישראל. ער פלעגט זאמלען געלט פאר די משולחים פון די ארץ־ישראל ישיבות און מקרב געווען די ציוניסטישע יוגנט. די שטעטלדיקע ציוניסטן־פירער: בנימין גינזבורג, יחיאל פשיסוסקער, שמערל פרידמאן, דוד פרידמאן און חנן ווייסבארד, פלעגן אָפט קומען צו אים הערן זינגען א ישראל־לידל.

מיין פאטער האט שטאַרק מדקדק געווען צו הערן לייענען די תורה פון א גוטן און ריכטיקן בעל קורא. דעריבער פלעגט ער גיין הערן לייענען ר׳ יעקל קלעפפיש. דאס איז פאר אים געווען א עונג־שבת. צו שופר־בלאזן האט מיין פאטער תמיד אויס־געקליבן ר׳ חיים בער גרודקא, מיין שפעטערדיקן שווער, וועלכער איז געווען א גוטער בעל־תוקע. ער האט אויך הנאה געהאט פון ר׳ מנשה האלצמאנס א שחרית־דאווענען אין די ימים־נוראים. ער פלעגט זאגן, אז מנשה האלצמאן דאוונט גוט פארן עמוד און קען וונסח־התפילה. צו שלש־סעודות פלעגן זיך אלע מנגנים צוזאמענטרעפןביים רב, און זינגעז צוזאמען זמירות.

עס זענען דאן געווען גוטע יארן אין גאווארצווע. די אידיליע האט אזוי לאנג

יוסף זילבערצאַן
ישראל

מיין פאטער ר׳ יונתן זילבערצאן

מיין פאטער, ר׳ יונתן האט געשטאמט פון זער א מיוחס׳דיקער משפחה פון ווארשע, ווו זיינע עלטערן, חסידישע גבירים, האבן דארט געלעבט זייט דורות לאנג. ער איז געקומען קיין גאווראווע אלס איידעם פון ר׳ חיים אליעזר כהן ע״ה, וואס ער האט גענומען פאר זיין טאכטער חיה לאה.

ר׳ יונתן האט געפירט א גרויס אייזן־מסחר און איז געווען דער הויפט־ליפעראנט פון אייזן־סחורות צו די ארומיקע פריצישע הויפן. מיין פאטער האט זיך גערעכנט צווישן די נגידים פון שטעטל, און טראץ דעם, וואס ער האט געלעבט צענדליקער יארן אין דעם קליינעם ארט, איז ער אין מהות, און אין זיין טאג־טעגלעכער פירונג — געבליבן דער גרויס־שטאטישער טיפּ, וועלכער האט זיך שווער געקאנט אריינפּאסן אין די ענגע ראמען פון א קליין־שטעטלדיקן בעל־הבית. ער האט געשטרעבט, אז די גאוואראווער בעלי־בתים זאלן נעמען א מוסטער פון אים, און נישט פארקערט...

זיין הויז איז געבויעט געווען ברחבות, מיט גרויסע לופטיקע צימערן, און א סטאבילע סוכה, מיט א דאך צום עפענען, און אנדערע גרויס־שטאטישע באקוועמלעכקייטן. אין גאס פלעגט ער ארויסגיין מיט א פיין צוגעשניטענער קאַפּאָטע, בלי רבב על בגדו, און מיט גלאַנציקע געמזע־שטיוועלעך. די באָרד תמיד פאַרקעמט ווי געהעריק. דאס אלץ איז געווען ווייט פון די באגריפן פון א גרויסן טייל פון די שטעטלדיקע בעלי־בתים, וועלכע זענען געוווינט געווען, אז די קאַפּאָטע זאל גלאנצן און נישט די שטיוול...

(מיין פאטער דער חזן־שוחט — סוף)

אנגעהאלטן, ביז דאס שטעטל איז אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פארברענט־און חרוב געווארן.

אפילו נאכדעם, ווען דאס שטעטל האט זיך גענומען צוריק אויפבויען, איז שוין קיין פרנסה דארט נישט געווען פאר מיין פאטער. ער האט מיט א שווער הארץ געמוזט אוועק פון דארטן און איבערגענומען א פּאסטן אין זאַקראָטשים. אין יאר 1921 איז ער אנגעקומען אלס חזן־שוחט קיין ווישקאווע. דא האט מיין פאטער געהאט די מעגלעכקייט צו פירן דאס חזנות אין א ברייטן מאסשטאב. איך און מיין ברודער הערש יוסף, האבן אים צוגעהאלפן אין דער ארבעט. מיין ברודער איז אויך געווען שוחט. אויך מיין שוועסטער ברײנע דבורה און איר מאן מיכאל בראמע זענען געווען מוזיקאליש.

דאס אלץ האט זיך געענדיקט מיטן גרויסן חורבן פון פוילישן יידנטום דורך היטלערן. מיין פאטער האט נאך געהאט די זכיה צו שטארבן אויף זיין אייגענער בעט, אין לאמזשער שפּיטאל, אין טאג י״ח שבט 1940. מען האט אים געלייגט אויפן לאמזשער בית־הקברות, נעבן אוהל פון רב. מיין גאנצע משפחה: די מוטער, ברודער און שוועסטער מיט איר מאן און 2 קינדער, זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם אין סלאָנים.

ה׳ ינקום דמם.

ער איז געווען באליבט און אנגענומען ביי אלעמען, איבערהויפט, ביי דעם בעסערן טייל פון דער שטאטישער באפעלקערונג. אדורכגייענדיק פאר זיין הויז, באזונדערס אין די לאנגע ווינטערדיקע נעכט, האט מען שטענדיק געקאנט הערן דעם קול תורה. דאס האט ר׳ יונתן געלערנט דעם שיעור מיט זיינע דערוואקסענע זין, מאיר און משה. דער פארבייגייער פלעגט זיך א ווײַלע צוהערן און זיך דערביי טראכטן: אט דאס הייסט תורה וגדולה במקום אחד.

מיין פאטער איז געווען פון די חשוב׳סטע אלעקסאנדער חסידים אין לאנד. אלס יונגערמאן איז ער נאך געפארן צום אלטן רבי׳ן, ר׳ יחיאל זצ״ל. די רביים פון אלעקסאנדער גזע, וואס פלעגן באזוכן גאווראראווע, האבן זיך שטענדיק אויפגעהאלטן און געפירט „טיש״ ביי אים אין דויז. ער איז געווען א קרוב פון אמשינאווער רבי׳ן, און ווען עס איז אויסגעפאלן דעם רבי׳נס יארצייט, פלעגט ער גיין אויף קידוש צום רב, הרב בורשטין הי״ד, וועלכער האט זיך גערעכנט פאר אן אַמשינאָווער חסיד.

די יארצייטן פון די אלעקסאנדער רביים, וואס זענען געווענלעך, געווען פארבינדן מיט א סעודת־מצוה, אדער א מלוה־מלכה, פלעגן פארקומען ביי אים אין הויז. אויך שביעי של פסח פלעגט דער עולם קומען צו אים אויף קידוש, און אין שמחת בית־השואבה, האט זיך דער עולם פארזאמלט אין זיין גערוימער סוכה, ווי מען האט פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט אריין, ביי א פעסל ביר, שירים און רקודי־חסידים. אגב, אין דער סוכה פלעגן תמיד עסן זיינע שכנים: ר׳ ישעיה אייזנבערג, זיין איידעם ר׳ יוסף דוד אָסטאַשעווער און יבל״א ר׳ ניסקע מאָזעס, דער שוחט. דאס זיצן אין סוכה מיט אזא גרויסער און פריילעכער חברותא, איז ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון און געהער צו די אנגענעמע זכרונות פון יענער צייט

צוזאמען דערמיט, וואס ר׳ יונתן איז געווען פון די ותיקי החסידות, איז ער אויך געווען א שארפער למדן, א בקי בש״ס און האט זיך אויסגעצייכנט מיט א באזונדער לאגיקביים לערנען. דער רב פלעגט זיך אפט מיט אים באראטן אין שווערע הלכות־פראגן.

ר׳ יונתן האט זיך באמיט צו דערציען זיינע קינדער אויף זיין וועג. זענען טאקע זיינע זין געווען אלע תלמידי־חכמים, און גלייכצייטיק איבערגעגעבענע חובבי־ציון, טריי דעם רעיון פון ציונות הדתית.

מיין פאטער איז געשטארבן אויף זיין בעט אין ווארשע, אין חודש טבת ת״ש, באך איידער דאס געטא האט זיך געעפנט. דאקעגן זיינע זין, מאיר, משה, מיט זייערע פאמיליעס, און זיין יינגסטער זון, חיים אליעזר, אן אויסגעצייכנטער טייערער בחור, זענען אומגעקומען אין ווארשעווער געטא. יוסף דוד אסטאשעווער, זיין איידעם מיט דער פרוי זיין טאכטער ייטקע און זייערע פיר קינדער, זענען אומגעקומען אין דער סלאנימער שחיטה. השם ינקום דמם!

ב. איטשעס
ישראל

ר׳ מתתיהו ראזען ז״ל

ר׳ מתתיהו ראזען ז״ל איז געבוירן געווארן ביי זיינע עלטערן ר׳ ישראל יצחק און רבקה רויזע ראזען ז״ל. זיין פאטער איז געווען פון די שטעטלדיקע אנגעזעענע בעלי־בתים און רייכע יידן. ער האט געהאט א קאלאניאל־געשעפט אויפן מארק, און אויך געהאנדלט מיט פריצים פון דער סביבה.

ר׳ מתתיהו האט אין אנהויב פון היינטיקן יאר־הונדערט חתונה געהאט מיט שיינע קאסאווסקי (יצחק קאסאווסקיס א שוועסטער), זייט דאן האט ער זיך גענומען צו דער האלץ־בראנזשע, צוזאמען מיט זיין שוואגער, וועלכער איז שוין געווען אין דעם מסחר. נאך דער חתונה פון זיין שוואגער יצחק, האבן זיי אפגעקויפט א פלאץ אין דער „ברייטער״ גאס, ווו זיי האבן זיך אויפגעבויט א רחבות׳דיק הויז און פון אונטן געלאזן ארט אויף א האלץ־סקלאד. ביידע שותפים האבן געהאנדלט אין גרויסן מאסשטאב, קויפנדיק גאנצע „דזשאַלקעס״ וואלד ביי די ארומיקע גוט־באזיצער, עס צעשניידן ביי גלינקען איו טארטאק און דעם גרעסטן טייל שיקן אויף עקספארט. א קלײנעם חלק האבן זיי געלאזט פארן ארטיקן מאַרק. פון די גרויסע מסחרים זענען זיי געווארן רייך און האבן זיך גערעכנט צו די עשירים פון שטעטל.

ר׳ מתתיהו האט געפירט א ברייטע שטוב אין א גרויס־שטאטישן פארנעם. תמיד פיל מיט געסט, ס׳רוב סוחרים פון דער פרעמד, קונים פון דער סביבה, ווי אויך פריצים, מיט וועלכע ער איז געשטאנען אין געשעפטלעכער פארבינדונג.

ר׳ מתתיהו איז געווען אן אלעקסאנדער חסיד, הגם איך געדענק נישט, אז ער זאל אמאל האבן געפארן צום רבי׳ן. מעגלעך, אז ער האט איבערגענומען דאס חסידות „בירושה״ פון זיין פאטער ר׳ ישראל יצחק, וועלכער איז געווען א פארברענטער חסיד, פארנדיק נאך צום אלטן אלעקסנאדער רבי׳ן, צוזאמען מיט ר׳ יאסקע פיאַנטניצאַ (אדער פשעניצא — באקאנט געווען אלס רחל שמואל׳קעס מאן). ר׳ מתתיהו האט טאקע צוערשט געדאוונט אין אלעקסאנדער „שטיבל״, אבער שפעטער איז ער אריבער אין „מזרחי״־מנין.

אלס א ייד א נגיד, האט ער שטענדיק זיך ברייט געלאזט קאסטן אויף ווױלטעטיקע צוועקן. איז מען געגאנגען בויען עפעס א געזעלשאפטלעכן בנין, האט ער תמיד מנדב געווען „פאַדוואַלינעס״; און אז דער יסוד איז שוין געווען און מען האט טאקע געבויט, און עס איז נישט געווען מיט וואס צו פארענדיקן, האט ער שוין אויך געזארגט פאר א דאך. זער אפט פלעגט ער מנדב זיין אין „שטיבל״ א „קידוש״, און ביי ספּעציעלע געלעגנהייטן האט ער פארבעטן דעם עולם צו זיך א היים. פאַרשטענדלעך, אז ער האט מכבד געווען דעם עולם פון כל־טוב — כיד המלך.

ר׳ מתתיהו האט געהאט א חזקה אויף „חתן תורה״, וואס ער פלעגט קויפן פאר יעדן פרייז. כאטש די חסידים פלעגן אים טיילמאל ספּעציעל ארײנטרייבן אין געלט, וויסנדיק, אז ער וועט אויף דער מצוה נישט מוותר זיין, דאך האט ער אויף זיי קיין



ר׳ מתתיהו ראזען, ז״ל　　די טאכטער יהודית　　און זיין פרוי שיינע, הי״ד

פאראיבל נישט געהאט און טאקע באצאלט די גרעסטע סומע און נאך מוסיף געווען א „קידוש״ ביי זיך אין שטוב.

ער איז געווען צווישן די מיטגרינדער פון סוחרים־פאריין, פון דער סוחרים־באנק און איז אויך א צייט געווען א דאזאר אין דער קהילה. מען מוז אבער זאגן, אז ער האט דאס נישט גערן געהאט און פלעגט נאך א קורצער צייט זיך אפזאגן פון די אמטן. ביי קהל׳ישע ארבעט פלעגט אפט אויסקומען צו זיין אין קאנפליקט מיט מענטשן, און דאס האט ער נישט געקאנט און נישט געוואלט. ער איז פון דער נאטור־אויס געווען זער א גוטער און סכסוכים האט ער שטענדיק אויסגעמיטן. ער איז אויך געווען אייניקע יאר גבאי פון דער „חברה קדישא״, אבער דאס איז שוין געווען פאר אים א כבוד, א ערן־אמט און נישט מער. אויך דא האט ער זיך ברייט געלאזט קאסטן.

ר׳ מתתיהו איז געווען א מדקדק בלבושו. ווען ער האט געדארפט פארן צו א פריץ וועגן האנדלס־ענינים, פלעגט ער זיך אנטאן אין יום־טוב׳דיקע מלבושים, בכדי צו מאכן דעם געהעריקן איינדרוק. ער איז נישט געשטאנען מיט די גוט־באזיצער אויפן פרייז. קויפן פלעגט ער אויך מיט א ברייטער האנט. „עס וועט זיין פאר אלע״ — פלעגט ער זאגן נאך יעדער גרויסער קניה פון וואלד. און עס איז טאקע ב״ה געווען. ער מיט זיין שוואגער האבן זיך אויסגעארבעט ביי די פריצים א נאמען אלס ארנטלעכע סוחרים און דער נאמען איז זיי שוין געגאנגען פאראויס די גאנצע יארן.

א ייד א פיקח איז ר׳ מתתיהו געווען. ער האט אויך געהאט א חוש פאר הומאר, זיך ליב געהאט צו וויצלען, און גערן אויסהערן און איבערדערציילן א לוסטיק מעשה׳לע. ווען ער פלעגט פארן קיין ווארשע צו די סוחרים זיך מיט זיי אפצורעכענען, האט ער תמיד מיט זיך מיטגעבראכט מתנות פאר די משפחה־מיטגלידער. כאטש ער איז קיינמאל נישט געשטאנען אויפן מקח ביים קויפן זיי, דאך פלעגט ער זיי אהיימברענגען אלס „מציאות״ — שטענדיק זאגן, אז ער האט פאר די זאכן באצאלט פיל ווייניקער... „ביידע האבן הנאה״ — פלעגט ער זיך וויצלען — „די סוחרים, ביי וועמען איך האב געקויפט, און די, וועלכע וועלן זיי נוצן״...

נאך א לענגערער קראנקהייט, איז ר׳ מתתיהו געשטארבן אייניקע יאר פאר דער מלחמה. ת.נ.צ.ב.ה.

★

זיין פרוי שיינע איז געווען א שטילע און באשיידענע, א גוטע פון דער נאטור און א גרויסע בריה. זי איז געווען באקאנט מיט אירע מעשים טובים, אבער נישט געוואלט, אז מען זאל וועגן איר ריידן. איר שטוב איז שטענדיק געווען א „אפענע" האט מען עמיצן מיט עפעס־וואס געדארפט העלפן, איז מען גלייך געקומען צו שיינען. זי האט געגעבן מיט א ברייטער האנט, ווי עס פאסט פאר א גביר׳טע.

איר שטוב האט זי געפירט אין רייכן פארנעם, שטענדיק איז דארט געווען פון כל־טוב. האט איר מאן, מתתיהו, מנדר געווען ביי עליה־לתורה א קידוש, איז דאס שטענדיק געווען, פונקט ווי צוגעגרייט. שיינע איז שטענדיק געגאנגען מיטן דרך־הישר, פשוט נישט געקאנט קיין אנדער וועג. זי האט אויסגעמיטן לשון־הרע, און געלעבט מיט אלע בשלום, נישט הערנדיק קיינמאל פון איר קיין הויך ווארט.

זיי האבן געהאט א בת־יחידה, יהודית. די טאכטער, א בילד־שיין מיידל, האט באקומען די געהעריקע דערציאונג און בילדונג, און זיך גערעכנט צווישן דער אינטעלי־גענטער יוגנט אין שטעטל. פון די עלטערן האט זי געירשנט זייערע מידות־טובות און געווען ביי אלעמען באליבט. אין 1917 איז זי געווען צווישן די מיטגרינדערינס פון דער ציוניסטישער ארג. אין גאוואראווע. לאנגע יארן איז זי געזעלשאפטלעך געווען טעטיק. אין אנהויב פון די צוואנציקער יארן, האט זי חתונה געהאט מיט דוד סעגאל פון כארזשל, א יונגערמאן א בן־תורה און משכיל. זיין פאטער ר׳ יחזקאל איז געווען דארט פון די אנגעזעענע אלעקסאנדער חסידים און גוטער בעל־מנגן. נאך זייער חתונה האט דאס יונגע פארל זיך איבערגעצויגן קיין ווארשע און דארט געעפנט א בערשטן־געשעפט. זיי האבן אבער נישט מצליח געווען, און זיך צוריקגעקערט קיין גאוואראווע. דיביידע שוואגערס האבן אריינגענומען דודן אלס שותף אין זייער האלץ־מסחר, ווו ער איז ס רוב געווען טעטיק אין טארטאק. סעגאל האט גלייכצייטיק פארנומען א געהעריקן פלאץ אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

אין מיטן פון די דרייסיקער יארן האבן זיי פארלאזט גאוואראווע, און זיך מיט זייערע 3 קינדער איבערגעצויגן קיין אסטראלענקע. בעת׳ן מלחמה־ אויסברוך האבן זיי, צוזאמען מיט זייער מוטער שיינע ראזען, געפינען א מקום־מקלט אין סלאנים. שיינע, יהודית, דוד און זייערע 2 קינדער, העלא און משה, האבן שפעטער געטיילט דעם גורל פון אלע סלאנימער קדושים, הי״ד. דעם עלטסטן זון זייערן, חנא, איז געלונגען איבער־צולעבן די מלחמה און געפינט זיך היינט אין אמעריקע, צוזאמען מיט א פרוי און 2 קינדער.

ב קאסאווסקי
ישראל

מיינע עלטערן

מיין פאטער ר׳ יצחק ז״ל

מיין פאטער ר׳ יצחק, אדער ווי מען האט אים גערופן — איטשע קאסאווסקי, איז געווען א זון פון חנא אלטער און פרומע קאסאווסקי, פון אסטראוו־מאזאוויעצק. מיין באבעס פאטער, ד. ה. מיין פאטערס זיידע, ר׳ נח יאשינאווסקי ז״ל, א גרויסער למדן, איז געווען א מחותן פון מאקאווער רבי׳ן ר׳ פישעלע זצ״ל. זיין זון יצחק (מיין באבעס א ברודער), האט חתונה געהאט מיטן מאקאווער רבי׳נס טאכטער, רייזעלע. יצחק און רייזעלע זענען געשטארבן אין ארץ־ישראל און געקומען צו קבורה אין טבריה (אדער צפת), מיט איבער אן האלבן יארהונדערט צוריק.

אונזער משפחה זאל, לויט אלע ווארשיינדלעכקייטן, שטאמען פון שטעטל קאסאווע נאך פון די צייטן, ווען אונזערע אבות־אבותנו האבן באקומען די פאמיליע־נעמען, און פון דאנען טאקע דער נאמען — קאסאווסקי.

די משפחה קאסאווסקי איז געווען א פארצווייגטע און פונאנדערגעשפרייט איבער א סך גרויסע שטעט אין פוילן. זיי האבן זיך געפינען אין ווארשע, ביאליסטאק, גראדנע, וואלקאוויסק, אסטראוו־מאז. און אין אנדערע ערטער. אין לעצטן יארהונדערט — אויך אין אויסלאנד.

מיין זיידע ר׳ חנא אלטער, א ייד א תלמיד־חכם, האט געשטאמט פון אסטראוו־מאז. ער האט געהאנדלט מיט האלץ און האט אויך געהאט א „מיידאן״ (א ספעציעלער אויוון צו „טרייבן״ טערפענטין), אין יארזשאָמבעק, נעבן אסטראווע. פון די דאזיקע מסחרים איז ער געווען א ייד א נגיד. מיין פאטער אליין, פון אלע קינדער, האט איבערגענומען די האלץ־בראנזשע.

אין די אפיציעלע דאקומענטן איז אנגעגעבן, אז מיין פאטער איז געבוירן געווארן אין יאר 1880, אבער פאקטיש איז ער געווען יונגער. דאס איז ספעציעל געמאכט געווארן, בכדי אויסצומיידן דאס דינען אין צארישן מיליטער. עס איז דאן געווען א געזעץ, אז פון א צווילינג דינט נאר איינער; נו, איז ער געווארן א „צווילינג״ פון זיין עלטערן ברודער יחזקאל (א שוחט, די לעצטע יארן געשטארבן אין אמעריקע), און יענער האט שוין אפגעדינט פאר אים... אבער צו דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה איז ער דאך גערופן געווארן, ווייל דער „גרינער בילעט״ האט אים נאר באפרייט אין שלום־צייט.

קיין גאווראווע איז מיין פאטער געקומען, ווארשיינדלעך, נאך דער חתונה פון זיין עלטערער שוועסטער שיינע מיט מתתיהו ראזען, אין אנהויב פון הייַנטיקן יארהונדערט. דאמאלסט האט מתתיהו זיך גענומען צו דער האלץ־בראנזשע און געהאנדלט בשותפות מיט מיין פאטער, וועלכער האט שוין דאס פאך געקענט. זייט דאמאלט האבן זיי שוין צוזאמען געהאנדלט די גאנצע יארן.

באלד נאך דער חתונה, וועלכע איז פארגעקומען אין אייניקע יארן ארום, האבן



ר׳ יצחק און דינה קאסאווסקי, ז״ל

מיינע עלטערן געווינט ביי ברוך מינצן אין הויז. אביסל שפעטער האט מיין פאטער, בשותפות מיט מתתיהון, אפגעקויפט דעם פלאץ ביי א געוויסן מענדל חנה׳טשעס אין דער „ברייטער״ גאס און דארטן אויפגעבויעט פאר זיך א שיינעם דאפל־הויז, ווי אויך א האלץ־סקלאד.

די ערשטע וועלט־מלחמה האבן מיר איבערגעלעבט ביי מיין זיידן אין „מאידאן״, ווו אינצווישן איז דארט מיין זיידע געשטארבן; ערשט בערך אין יאר 1920 האבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין גאוואראווע. מיין פאטער האט שוין באוויזן ביז דאן צוריק אויפפצובויען צוזאמען מיט מיין פעטער מתתיהו, דאס אפגעברענטע הויז און אויך צוגרייטן האלץ צום מסחר.

זיי האבן געהאנדלט אין גרויסן פארנעם און זיך גערעכנט פון די געציילטע גבירים אין שטעטל. זיי פלעגן איינקויפן גאנצע „דזשאלקעס״ וואלד ביי די ארומיקע פריצים, ספעציעל ביי דעם רייכסטן פון די גוט־באזיצער, גלינקא, צעשניטן דאס געהילץ ביי אים אין טארטאק, וועלכן זיי האבן געהאלטן די גאנצע יארן אין ארענדע, און דעם גרעסטן טייל פארטיקן מאטעריאל — עקספארטירן. א קליינעם חלק האבן זיי געלאזט פארן ארטיקן מארק. צענדליקער גוים זענען געווען ביי זיי טעגלעך באשעפטיקט, אנהויבנדיק פון פאכלייט אין טארטאק, ביז פארשידענע שווארץ־ארבעטער, ווי העקער, זעגער („טראטשעס״), פורמאנעס א. א. ווינטער, אין סעזאן פון שניידן די בוימער, האבן זיי געהאלטן נאך צענדליקער ארבעטער, בעיקר — פורמאנעס, וועלכע פלעגן דאס האלץ ארויספירן פון וואלד אויף צוויי קליינע שליטלעך און עס ברענגען אין טארטאק אריין.

ביים קויפן די וועלדער און ביים ארויסבאקומען דעם מאקסימום פון יעדן בוים, ביים שניידן אין טארטאק, איז מיין פאטער געווען א ספעציאליסט (ער איז אפשר געווען מער פאכמאן, ווי סוחר). נאך איידער ער האט צוגעלייגט די „פוטע״ צום שטאם פון בוים, האט ער שוין לויטן אויג געוווסט, וואס און וויפיל דער בוים וועט ארויסגעבן. זעלטן ווען ער זאל האבן געמאכט א טעות.

הגם עס זענען געווען ביי אונז באשעפטיקט „מענטשן”, האט דאך מיין פאטער שווער געארבעט, ממש פון זון־אויפגאנג ביז זון־אונטערגאנג. ספעציעל אין די ווינטער־חדשים האט די ארבעט „געברענט” — מען האט געמוזט באווייזן צו האקן און ארויספירן דאס געהילץ, כל־זמן עס האט אנגעהאלטן דער פראסט און שניי. אין די דאזיקע חדשים פלעגט מיין פאטער פארקויפן אויפן ארט די צווייגן און א טייל ברען־האלץ, און קומען צוריק מיט א היפשן טאג־פדיון. פלעגן מיר נישט איין מאל איבערקלערן, ווען ער פלעגט זיך פארשפעטיקן מיטן צוריקקומען.

מיין פאטער איז פון דער נאטור־אויס געווען א גוטער. נישט נאר צו די אייגענע האט ער זיך פיין באצויגן, נאר אפילו צו די גוים, זיינע ארבעטער. ער האט זיך געמאכט נישט־זעענדיק, ווען א גוי האט „גענומען” אביסל האלץ, אדער עמיצער פון זיי האט „פארגעסן” אומצוקערן א חוב. ער פלעגט אויך נישט שטיין מיט זיי אויפן מקח, אויסמיידן סיכסוכים, פשוט — נישט געוואלט מיט זיי זיך איינרייסן. ער האט זיך באמיט בכלל נישט צו האבן קיין שונאים, ווייל, סוף־סוף, זיין יארן־לאנג מיט גוים אין די וועלדער, האט דאך פארט געשמעקט מיט סכנה.

פארטיקע האלץ (ברעטער א.א.) פלעגט ביי אונז אפט קויפן דער גרויסער װאַרשעווער סוחר, רובינליכט. ער האט צו אונז אראפגעשיקט זיין „מענטש”, שעדלעצקי פון דלוגאשאדלע (היינט — אין ישראל), און פלעגט איבערנעמען דעם מאטעריאל. נאך אזא קניה פלעג איך, אדער מיינע יינגערע ברידער, זיצן לאנגע שעה'ן ביים קוביק־ביכל און לויט דער טאבעלע אויסרעכענען וויפל פעסט־מעטער האלץ עס איז געווען אין דעם טראנספארט.

★

ווי שוין געזאגט, איז מיין פאטער געווען א ארבעטסזאמער מענטש און ליב געהאט ארדנונג. ווען ער האט נאר געהאט א פרייע שעה, אזוי פלעגט ער ארויסגיין אויפן האלץ־סקלאד און רופן אונז קינדער, מיר זאלן אים העלפן צוריק איינלייגן און סארטירן די פארשידענע מינים האלץ, וועלכע זענען במשך פון דער צייט געווארן פונאנדער געווארפן און צונויפגעמישט. אויף סוכות האט ער שוין געהאט זיינע סטאבילע פעטענטן, וועלכע פלעגן קומען בארגן ברעטער אויף סוכות און נאך יום־טוב זיי צוריקקערן. האט יענער צוריקגעבראכט מיט נעגל (טשוועקעס), האט ער אויך נישט גערעדט. עס איז אויך געווען ביי אונז אַ טראַדיציע, דאס צו יעדן ווינטער פלעגט אונזער שותפות־געשעפט, פאנאנדערטיילן צענדליקער מעטער ברען־האלץ פאר נויט־באדערפטיקע.

די גאנצע יארן, וואס מיין פאטער האט געהאנדלט מיט מיין פעטער מתתיהו בשותפות, און א לאנגע צייט אויך מיטן לעצטנס איידעם, דוד סעגאל, איז צווישן זיי נישט פארגעקומען קיינע סיכסוכים און שטרייטן. אלץ איז געווען אין פולער קעגנזייטיקער פארשטענדעניש. האט אפילו עמיצער יא וואס־געטאן אויף דער אייגענער האנט, איז דאס אויך נישט געווען קיין סיבה צו מחלוקות. עס איז געווען צווישן זיי א נישט קיין געשריבענער אפמאך פון צוטרוי און גלויבן.

★

אינזער שטוב איז געווען א רעליגיעז־נאציאנאלע און געפירט זיך אין א ברייטן פארנעם, מיט שיינע נדבות, ווו עס פאסט פאר עשירים. מיין פאטער אליין, איז חוץ

דאס „יידישע" היטל, געגאַנגען קורץ געקליידעט, מיט א קראוואט און א קורץ־געשוירן בערדל ער פלעגט דאוונען צוערשט אין אלעקסאנדער „שטיבל", אבער מיט דער גרינדונג פון „מזרחי"־מנין, איז ער גלייך אריבער אהין. ער האט זיך גערעכנט צו די „מזרחי"־מענטשן און אירע עסקנים.

חוץ מיין ברודער חיים הי"ד, זענען מיר די איבעריקע 3 קינדער, געווען טעטיק אין דער ציונ.־רעוו. באוועגונג. ווען חיים האט באַשלאָסן, אז ער וויל פאָרן אין דער לאָמזשער ישיבה לערנען, האט דער פאָטער גערן אקצעפטירט, אבער אים בשום אופן נישט געלאָזט עסן קיין „טעג", נאר אים אויסגעהאלטן פריוואַט. נאכן ענדיקן די „פאָלקס־שולע", האט אונז דער פאטער געשיקט פארטזעצן דאס לערנען ביי פריוואטע פוילישע לערערס, טראָץ דעם, וואס דאס איז געווען פארבונדן מיט גרויסע הוצאות. איך געדענק נאך, אז א לאנגע צייט, ביז מיין אפפאר קיין ווארשע, פלעגט אויך קומען צו מיר אין שטוב אריין, ר' בצלאל יאסל, לערנען מיט מיר א שיעור, גמרא מיט מפרשים.

★

מיין פאטער איז געווען פון די מיטגרינדער און טוער פון דער סוחרים־באנק — „באנק קרעדיטאווי" אין שטעטל. אויב במשך פון די יארן האבן זיך פארוואלטונגען געטוישט, האט מיין פאטער פארטגעזעצט די ארבעט אן איבעררייס — זייט איר גרינדונג (אין מיטן פון די 20־ער יארן), ביז צום חורבן פון שטעטל. די גאנצע יארן איז מיין פאטער געווען טעטיק אלס קאסירער, געווינענדיק דעם צוטרוי פון אלעמען. די באנק־אפעראציעס האבן באטראפן שווערע טויזנטער זלאטעס, נו, טא ווער קאן מען געטרויען, אויב נישט קיין נגיד?...

מיין פאטער איז געווען א באשיידענער און ערלעכער און איז שטענדיק געגאנגען נאר מיטן גלייכן וועג. וואס ער האט געהאט באשלאסן צו טאן, אדער יענעם צו זאגן, איז דאס געווען אן אונטער־כוונות. אפנארערייי, ליגן־זאגן, אפשלעפן א ענין, האט ער פיינט געהאט בתכלית השנאה. לשון־הרע און מחלוקות האט ער אויסגעמיטן און זיך פון זיי דערווייטערט. העלפן יענעם און טאן טובות, איז ער שטענדיק געווען גרייט. נישט איין מאל פלעגט ער פארנאכלעסיקן זיינע פריוואטע געשעפטן, און גאר לויפן אין באנק אריין דערליידיקן ענינים פון דרינגנדיקע הלוואות, צי גאר פארמיידן, אז עמיצנס א וועקסל זאל גיין צו „פראָטעסט". זער אָפט פלעגט ער פון זיין פריוואטער טאש אויסלייגן אויף צו באצאלן יענעמס א וועקסל, אדער סתם א גמילות־חסד; שוין אפגערעדט פון קלענערע, צי גרעסערע נדבות, וועלכע פלעגן גערן געגעבן ווערן — ווייל אין אונזער שטוב האט מען קיינמאל נישט פארגעסן...

מיין מוטער ז"ל

מיין מוטער, דינה, איז געווען מיט אייניקע יאר יינגער פון מיין פאטער, און האט געשטאמט פון פיאָנטניצע, ביי לאמזשע. איר פאטער האט געהייסן בערל לייב קאוויאר, און די מוטער — לאה. מיין מוטערס משפחה איז געווען א לומדיש־משכילישע, אן אנגעזעענע אין דער גאנצער סביבה. אויך דער דאזיקער זיידע מיינער, איז געווען פון דער האלץ־בראנזשע. ער האט געהאנדלט מיט וועלדער אין גרויסן פארנעם און האט געהאלטן א סך „בראקערס" און ארבעטער. מעגלעך, אז די האנדלס־באציאונגען פון מיינעביידע זיידעס, האט געבראכט צום שידוך פון זייערע קינדער...

מיין מוטער איז געווען א שטילע, איידעלע און באשיידן ביז גאר. א איבערגעגעבענע איז זי געווען נישט נאר פאר אונז, אייגענע, נאר פאר אלע מיט יועמען זי איז געקומען אין באַרירונג. זער אפט האט זי אפילו געשטעלט זיך אין שאטן. קודם־כל האט זי געזארגט פאר אנדערע, דערליידיקן עפעס פאר עמיצן איז געווען אויפן ערשטן ארט, און דאן פאר זיך.

זי האט שוין געהאט „אירע" ארעמעלייט. זיי פלעגן סטאביל קומען יעדע וואך נאך פארטיקע שוין געקאכטע מאכלים און נאך פראָדוקטן. און געגעבן האט זי מיטן גאנצן הארצן.

מיין מוטער איז געווען א מוסטער פון יושר און גערעכטיקייט. קיין עוולות האט זי נישט געקאנט פארליידן. זי איז געווען א מענטש מיט א ווארעם יידיש הארץ און מיט פיל מידות טובות, און האט געדינט אלס ביישפיל פאר אנדערע.

ביי אונז איז געווען, ווי מען זאגט, א „אפענע שטוב". אן אורח אין מיטן דער וואך, צי אויף שבת, איז געווען א אפטע דערשיינונג. אין דער צייט, ווען קינדער פון דער פרעמד פלעגן לערנען תורה אין גאוואראווע, פלעגט מיין מוטער געבן א צוויי־דריי ייִנגלעך „טעג" אין דער וואך. זי האט אויך נישט פארגעסן אין א מלבוש, ווען די תלמידים האבן זיך אין דעם גענויטיקט.

★

נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען מיינע עלטערן פארוואגלט געווארן קיין ביאליסטאק. אין יאר 1940, זענען זיי פארשיקט געווארן דורך די רוסן אויף צפון, צוזאמען מיט אלע „ביעזשענצעס". אויך מיין פאטערס מוטער, ד. ה. מיין באבע פרומע, האט זיך מיט זיי געפינען און איז געשטארבן אויף פארשיקונג אין טיפן עלטער. נאכדעם, ווען מען האט, אין יאר 1941, באפרייט אלע פוילישע בירגער, זענען מיינע עלטערן אפגעפארן קיין אוזבעקיסטאן. קיין פולשטענדיקע באפרייאונג און סוף מלחמה האבן זיי שוין נישט דערלעבט. מיין פאטער איז געשטארבן כ"ב אלול תש"ב (1942), מיין מוטער — מיט אנדערהאלבן יאר שפעטער — ח' אדר תש"ד (1944). זיי זענען געקומען צו קבורה אויפן ארט — אין „קאלכאז קאלינין", כאַדזשאַבאַדער ראיאן, אנדיזשאנער אָבלאַסט. זייער געביין איז געבליבן אין דער פרעמד; ת.נ.צ.ב.ה.



די באבע פרומע, ז"ל



חיים און חיה'טשה, הי"ד



נחמן ז"ל

א. בשן
ישראל

ר׳ משה טענענבוים הי״ד





ר׳ משה, הי״ד — רחל ז״ל

אין געזעלשאפטלעכן לעבן טרעפט מען אמאל אן עסקן מיט אזעלכע איינגעבוירענע אייגנשאפטן, וואס קיינעם וועט נישט איינפאלן צו צווייפלען אין זיין מנהיגות־דעטערמינאציע; עס איז ביי אלעמען א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, אז אט דער מאן דארף האלטן דעם שטאט־רודער אין האנט, און שטיין אין שפיץ פון ציבור און קהל.

אזא סארט עסקן איז געווען דער פאר־לעצטער גאוואראווער ראש־הקהל ר׳ משה טענענבוים.

אין דער תקופה צווישן די ביידע וועלט־מלחמות, איז ער אן איבעררייס געשטאנען אין צענטער פון גאוואראווער קהל־לעבן אלס קהלה־פרעזעס אדער פרנס, און איז געווען דער מיטגרינדער פון אלע יידישע אנשטאלטן און אינסטיטוציעס פון שטעטל.

(מיינע עלטערן — סוף)

איך וויל נאך צום סוף דערמאנען מיין יינגסטן ברודער נחמן, וועלכער איז נאך א קורצער קראנקייט געשטארבן איןווארשע אין יאר 1935, אלט־זייענדיק קוים 13 יאר; מיין ברודער חיים און זיין פרוי חיה׳טשע (פון דער היים — הענדליש), וועלכע זענען אומגעקומען מיט אירע עלטערן, צוזאמען מיט אלע לאמזשער יידן; מיין פעטער זלמן קאסאווסקי, פון אסטראלענקע, מיט זיין פרוי, טאכטער, איידעם און אייניקלעך, ווי אויך זיין ברודער וועלוול; מיין מוטערס גרויסע פאמיליע קאַוויאַר פון ווארשע, אייניקע פאמיליע־מיטגלידער פון דער משפחה לאַוווסקי, פון זאמבראווע און אלע אנדערע קרובים, וועלכע האבן געטיילט דעם גורל פון די 6 מיליאן קדושים. השם ינקום דמם!

ר׳ משה טענענבוים האט פארמאגט א גרויסן פערזענלעכן צויבער, וואס האט אים געהאלפן צו מאכן אן איינדרוקספולן רושם אויף מענטשן, און א דאנק דעם האט ער געהאט דעם געהעריקן איינפלוס אויף די גאווארווער איינוווינער, סיי יידן סיי גויים. פון נאטור־אויס — א גוטהארציקער און א צוגעלאזענער, האט ער זיך פארשאפט אין שטעטל א סך פריינט און אנהענגער, וואס זענען געשטאנען ביי זיין זייט צו הילף ביי יעדער געזעלשאפטלעכער אקציע. ער האט קיינמאל נישט אויסגענוצט זיין הויכער שטעלונג, כדי אנצוווארפן זיין מיינונג אויף יענעם, נאר מיט גוטע ווערטער האט ער זיך באמיט צו איבערצייגן יענעם און האט שטענדיק אויסגעפירט זיינס.

ר׳ משה טענענבוים האט זיך מתפרנס געווען פון א וויין־שענק און אן איינפאר־הויז, וואס ער האט געהאלטן אין זיין גרויסן 2־שטאקיקן בנין אין מארק, א ירושה פון זיינע עלטערן יהושע און הינדע. פון דעם דאזיקן מסחר איז ער צוגעקומען צו א פארמעגלעכן ווילשטאנד. אבער ער האט פארנאכלעסיקט דאס געשעפט צוליב קהלישע ארבעט, און איז שפעטער געווארן א שטיקל יורד מנכסיו. קיינער האט אבער דאס נישט באמערקט אויף אים. שטענדיק א שמייכלענדיקער מיט א גוט ווארט אויף די ליפן.

ר׳ משה טענענבוים איז געבוירן געווארן אין גאווארווע אין די לעצטע אכציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט. ער האט חתונה געהאט אין יאר 1910 מיט רחל, די טאכטער פון חנא אלטער און פרומע קאסאווסקי. פון דער דאזיקער פרוי האט ער געהאט צוויי קינדער: חנה, היינט אין אמעריקע, און יהושע, וואס איז טראגיש געשטארבן יונגערהייט. אין יאר 1935. נאכן טויט פון זיין פרוי רחל, אין יאר 1920, האט ר׳ משה נאכאמאל חתונה געהאט מיט שיינע הענע קרעמער, פון מישעניץ, וועלכע האט אים געבוירן די קינדער: ברוך לייב, שלמה און ישראליק.

די גאנצע פאמיליע פון ר׳ משה טענענבוים איז אומגעקומען דורך די דייטשישע רוצחים אין סלאנים, בשעת דער דארטיקער שחיטה אויף יידן.



ר׳ משה מיט זיינע 3 יינגלעך הי״ד
און תבל״א, זיין טאכטער חנה (רעכטס)



יהושע ז״ל



א חתונה־בילד פון משה טענענבוים און רחל, מיט זייערע משפחות און געסט (1910).

אברהם הולצמן
ישראל

ר' מנשה הולצמן ז"ל

בדחילו ורחימו ניגש אני להדליק נר זכרון לנשמתו ולזכרו של אבי מורי ורבי ר' מנשה בר' מאיר הולצמן ז"ל.

יהודי יקר־ערך היה, נקי כפים ובר־לבב, חסיד ועניו, נעים הליכות ומטיב לכל, רודף שלום ומעורב בבריות. רוב הסגולות הללו רכש אבי ז"ל מאביו ר' מאיר, סוחר עצים עשיר ונדיב רוח, שאף הוא היה מפורסם בלמדנותו ויושרו, בענותו ובמידותיו התרומיות.

אבי ז"ל נולד בשנת תרל"ד את חינוכו קבל בחדר ובישיבות, ויחד עם זה לא הניח ידו מהשכלה כללית; רכש שפות הארץ: פולנית ורוסית, וכן הנהלת חשבונות.

עוד בנערותו חונן אבי בקול ערב ונעים, ידע פרק בתפלה, כשליח ציבור, ובקי במנגינות ובשירה חסידית. הוא דבק באדמו"רים מגזע וורקה, והיה רגיל להשמיע זמירות ליד „שלחנות" של הרבי מסקרניביץ, שכיבד וחיבב אותו מאד.

כששר אבי פעם „שיר המעלות" לפני שולחנו של האדמו"ר, והוא בחור בן שמונה עשרה, שמע אותו איש חסיד ותיק ר' דב פיזמן, דודו של הרב ר' יעקב שלמה פיזמן, דומ"ץ באוסטרולנקה. הוא הוקסם מאישיותו של אבי, משירתו ומחיבתו של הרבי אליו, ונשא חן בעיניו כחתן לבתו שרה, היא אמי ז"ל.

הסבא, ר' דב פיזמן, זכה רק להשתתף בשמחת אירוסין של הורי, ומיד חלה את מחלתו שממנה לא קם. לפני פטירתו אמר לבני־ביתו: „משאיר אני אתכם בידים נאמנות, בידי חתני מנשה, אם כי הוא עדיין לפני הנשואין".

בשנת תרנ"ב עבר אבי לגוברובה, ופתח בה בית־מסחר למכלת, סדקית, צבעים שמנים ומוצרים כימיים. את מסחרו ניהל אבי ביושר ובצדק ומיד רכש את לבם של בעלי האחוזות בסביבה. הם הפכו להיות לקוחותיו התמידיים ושומעי עצתו. בין הלקוחות היו האצילים גלינקה משצ'ווין, רושצ'ישבסקי מצ'ירנה, מרכביצקי מבריז'נה, זמז'יצקי מפוניקבה, כל אנשי המשטרה המקומית ופקידי הממשלה. במשך זמן קצר הצליח אבי לעשות חיל והגיע לידי עושר.

אולם, לא רק במסחר השקיע אבי את מאמציו. הוא נתן את חלקו גם בעניני ציבור. הוא נבחר לפרנס הקהלה מיד אחרי קום מדינת פולין העצמאית. הצטיין כרודף שלום בין יריבים. בהשתדלותו התפייסו שכנים והתפשרו בעלי־דינים, השכין שלום בין איש לאשתו, בין שוחטים לקצבים, ובמיוחד התפרסם כשתדלן אצל שלטונות הממשל. בנועם הליכותיו, ברכות דיבורו ידע לקחת את לב אנשי השלטון, ובכל עת צרה ליחיד ולרבים — פעל לבטל גזירות ולהקל את חומר גזר־הדין. מאז ממלכת הצאַר ניקולי, עד לפרוץ המלחמה, לא פסק מלדבר טוב על עמו לפני מפקדי המשטרה: קולין מוביץ' הרוסי, קנוט, מולסקלסקי וקנובליך הגרמנים, בעת הכיבוש הראשון בשנת 1918, ועד ללסקובסקי, גרושקה וניקל הפולנים. לרבים מהם היה כבר מנהג, לבקר אצל אבי בערבי־שבתות ולטעום „געפילטע פיש". כשעמדו לגייס אברכים לצבא, עשה אבי היכרות עם הרופאים



ר׳ מנשה הולצמן, ז״ל

המחוזיים קוזלובסקי וזלסקי, והם שיחררו על מוצא־פיו את כל מי שביקש.

בחתונת אחותי ייטה, שלח הכומר הראשי של העירה שליח מיוחד עם מכתב ברכה, כדי לכבד את ה„סטרוזקונני פאן מאנאש" הישר וההגון.

פעם אחת העלילה אשה נוצריה על אבי, כאילו מכר סיגריות בלי מכס ובלו. אשה רעה זו שכרה עדי־שקר, וכל כוונתה היתה לשלול את רשיון הממשלתי שהיה לאבי, כדי לזכות בו בעצמה. הכומר הזמין את מזכיר בית־המשפט המחוזי, וממנו נודע לו שמות העדים. הוא קרא לעדים והשפיע עליהם שלא יעידו שקר. הקטגוריה בוטלה והאבא זכה בדין.

אבי התפלל תמיד בבית־החסידים דוורקה. שם עבר לפני התיבה בשבתות, ר״ח ובמוספי החג. פעם קרה ובבית־הכנסת הגדול חלה בעל השחרית של ימים הנוראים; הרב והקהל הפצירו באבא שימלא את מקומו בתפילת־שחרית. מאז התפלל תמיד שחרית של ימים־הנוראים בבית־הכנסת הגדול בנוסח אשכנז, נוסף על מוסף ו„כל־נדרי" שהתפלל בבית החסידים.

בעת עליתי לארץ־ישראל, בשנת תרצ״ג, מסר לי אבי מכתב לרבה של בני־ברק, בנו של האדמו״ר ר׳ שמעו׳לה קאליש מסקרניביץ, ובו הביע את משאלת־לבו לזכות לעלות לא״י ולגור בסביבת הרבי, כדי שיוכל ליהנות מזיוו ולהיות מיושבי שולחנו.

האבא לא זכה לזה. ונפטר בנכר, בערבות רוסיה, בערב ר״ח סיון תש״ב.

ישמשו מילותי אלה נר לזכרו הקדוש של אבי ז״ל.

ש. יצחקי
ישראל

ר׳ אברהם שאפראן הי״ד



ר׳ אברהם און אסתר שאַפּראַן, הי״ד

ר׳ אברהם שאפראן איז געבוירן געווארן אין דלוגאשאדלע, אין יאר 1882. זיין פאטער, ר׳ אליעזר גדלי׳ איז געווען פון די תושבים אין ווורקער הויף, א שארפער חסיד, לויטן קאצקער נוסח, אבער געפארן איז ער צום מיטעלן ווורקער רבי׳ן, ר׳ מענדעלע און שפעטער — צום רבי׳ן ר׳ שמחה בונם, וואס איז נפטר געווארן אין טבריה. ר׳ אליעזר גדלי׳ איז געווען א גרויסער למדן און איז געווארן דער מלמד פון אלע ווורקער קינדער. דער רבי ר׳ אברהם משה׳לה זצ״ל, אפילו ווען ער איז שוין געווען רבי, פלעגט זיך פאר אים אויפשטעלן. דער היינטיקער ווורקער רבי, ר׳ יעקב דוד קאליש שליט״א, וועלכער וווינט אין ברוקלין (ניו־יארק) זאגט, אז אלעס וואס ער קען לערנען, האט ער צו פארדאנקען זיין רבי׳ן ר׳ אליעזר גדל׳ ז״ל. זיין זון אברהם, איז געווען א פרומער חסידישער בחור, געקענט גוט לערנען און שטענדיק מיטגעפארן מיט זיין פאטער צום ווורקער רבי׳ן.

ווען אברהם איז אלט געווען 18 יאר, בערך, האט אים ר׳ יעקב שבתי׳ל פון גאווארעווע גענומען פאר אן איידעם, פאר זיין 17־יעריקער טאכטער אסתר. ווען מען האט אים גענומען צום פארהערן אין לערנען, האט דער פארהערער געזאגט, אז אברהם קען בעסער לערנען פאר אים...

ר׳ יעקב שבתי׳ל איז געווען א ייד א נגיד און ער האט זיך באמיט איינצוקויפן „שיינע" איידעמס. ער איז אליין געווען א גרויסער „מתנגד". מען דערציילט, אז ווען ר׳ יעקב שבתי׳ל האט באטראכט דעם צוקונפטיקן איידעם זיינעם, וועלכער איז געווען א איידעלער און דארינקער בחור׳ל, האט ער אים געפרעגט: ווי אזוי וועלן די דינענקע

פינגער דיינע קאנען מאכן א לעבן ?... זיין פרוי חיה שרה, וועלכע איז געווען א גרויסע צדקנית, האט אים געענטפערט: דווקא אים, מיט די דאזיקע איידעלע פינגער, וויל איך פאר אן איידעם, פאר מיין טאכטער אסתר יאכעט... אויסער א גרויסן נדן, 3—4 יאר קעסט, א ווילנער ש"ס, און די גרויסע לעמבערגער שלחן ערוך'ס. האט ער נאך פארן חתן געמוזט קויפן א טייערן שטריימל, אויף שבת און יום־טוב.

אין די קעסט־יארן איז ער געזעסן אין גרויסן גאוואראווער בית־המדרש און געלערנט. אין יענע יארן איז דער בית־המדרש געווען ממש א גרויסע ישיבה. בחורים פון אלע ארומיקע גרעסערע שטעט, זענען געקומען קיין גאוואראווע לערנען. הגם ר' אברהם איז געווען א גרויסער למדן, דאך האט ער פון קיין רבנות־שטעלע נישט געוואלט טראכטן. „א צו גרויסע פאראנטווארטלעכקייט" — פלעגט ער זאגן. ווען דער גאוואראווער רב פלעגט אמאל נישט זיין אין דער היים, זענען די פרויען שטענדיק צו אים געקומען פרעגן שאלות.

נאך די קעסט־יארן האט ער זיך גאר גענומען צו מסחר און האט מצליח געווען. די געשעפטן זענען אים געגאנגען וואס א מאל בעסער, ביז ער איז געווארן א גרויסער סוחר און עושר. זיין ערלעכקייט איז געווען א שם־דבר. טראץ דעם, וואס ער איז געווען שטענדיק פארנומען מיט מסחר, איז ער יעדן טאג געזעסן און געלערנט. אין ווורקער „שטיבל" איז ער געווען דער בעל־קורא, בעל־תוקע און די לעצטע יארן פלעגט ער אויך לערנען מיטן עולם יעדן טאג דעם „דף־יומי".

אין קהל'ישע ענינים האט ער זיך נישט געוואלט מישן. ביי די לעצטע קהלה־וואלן (אין 1937) איז געקומען צו אים א דעלעגאציע פון „אגודת ישראל", און אים געבעטן, אז ער זאל דערלויבן ארויסשטעלן זיין קאנדידאטור אויף זייער ליסטע. נאך גרויסער מי, האט מען קוים געפועלט ביי אים, אז ער זאל מסכים זיין. ער איז דורכגעגאנגען און צום ערשטן מאל געווארן דאזאר, פארנעמענדיק דעם אמט פון קאסירער. אלע זענען געווען פון אים צופרידן, צוליב זיין אביעקטיווקייט און ערלעכקייט.


ר' אברהם, צוזאמען מיט זיין פרוי און זייערע זין, משה און דוד, זענען אומגעקומען אין די סלאנימער שחיטות, ווארשיינדלעך, כ"ד חשון תש"ב (אין דעם טאג האלטן די קינדער „יארצייט"). זייער זון שמחה בונם מיט זיין פרוי דבורה'קע און קינד, זענען דערשאסן געווארן אין קאסאוו־לאצקי. השם ינקום דמם.



בינם, זיין פרוי דבור'קע, משה און דוד שאפראן, הי"ד

חוה בת יעקב דב
ישראל

חמישה דורות



ר׳ יעקב דב בלומשטיין, ז״ל


משפחתנו הענפה היכתה שרשים עמוקים בעיר גובורובה, והשלשלת המפוארת נתמשכה במשך חמישה דורות. עוד הורי זקני של אמי התגוררו בעירה, ואחריהם: סבא שלי ר׳ מאיר׳קה מטיקטין וסבתא חוה טובה, אבי ז״ל ר׳ יעקב דב בן אריה בלומשטיין ואמי מורתי, אחיותי ואחי וצאצאיהם. הדורות הללו נולדו, חונכו וגדלו בעירה, עסקו במסחר, הקימו בתים והסתעפו, עד שבא עליהם היטלר הרשע ימ״ש והחריב עמל של דורות. אבדתי אחות ואח עם משפחותיהם, והנותר לפליטה נתפזר והתעופף לכל רוח.

גם מנוחת ארבעת הדורות, שעצמותיהם נטמנו בבית־הקברות של העירה — שבתה. עבר גם עליהם הכרת בדמות טרקטור נהוג בידי שכננו הפולנים, שלטשו עין על שטח האדמה הדשנה של בית־הקברות. הם הפכו וחרשו את האדמה וזרעו גרעיני תבואה, כדי להזין ולהשביע את גופם מלשד עצמותיהם של יקירינו.

עיני עיני יורדה מים על שבת בת עמי ועל שבר משפחתי...

דמויות הורי אינן חולפות מנגד עיני. רואה אני את אבי ז״ל, גבוה, זקוף קומה, פנים מאירות, מפיקות מרץ ועוז רוח, וחיוך מאופק על שפתותיו. רואה אני את אמי ז״ל, צנועה, שקטה, צופיה הליכות ביתה המורווח בענייות ואצילות, ורואה הכל בעינים עירניות ופקחיות.

אבי אמי היה איש בעל שאר־רוח ותלמיד חכם גדול. הוא השתייך לתנועת ה„טיקטינר מיוחסים״, שלמדו תורה יומם ולילה, על מנת להביא את הקץ... הוא נפטר בגיל צעיר, כאשר בתה, הלא זאת אמי, היתה כבת חצי שנה בסך הכל. כשגדלה והגיעה



ר׳ זליג פפירצ׳יק

לגיל חופה, התארסה לבחור בן־ישיבה מעיר וונגרוב. בביקורה הראשון בבית הורי החתן, שמעה את משפחת החתן שרים שיר שלא מצא חן בעיניה. היא חזרה לבית בשברון לב והביעה את סירובה להתחתן עם החתן המדובר. החתן לא הסכים לנתוק הקשר ותבעה לדין. אולם, מחמת היותה יתומה נפסק הדין כרצונה. לאחר זמן קצר נפטר החתן והלך לעולמו.

אבי היה החתן הנבחר, ואף שלא הובטח לו נדוניה הסכים לשידוך מחמת אצילותה ויפה העינים של הכלה. כשהתחתנו, הנולדים לא החזיקו מעמד בחיים. הרבי נחומ׳קה מביאליסטוק יעץ לבקש סליחה מהנפטר. ואכן, לילה אחד לאחר חצות, יצא אבי עם מנין יהודים לבית־הקברות, השתטח על קבר הנפטר וביקש סליחה ומחילה. מאז פסקה הגזירה ואבי הצליח לראות בחייו דור ישרים יבורך, בנים הולכים בדרכיו, דרך תורה ומצוה. מתוך שני שלחנות — תורה וגדולה. לאחר שנים מועטות הצליח אבי לקשור קשרים מסחריים עם אצילי פולין בעלי אחוזות שבסביבה, בהיקף רחב, שעל ידי זה הגיע לעושר רב. הודות לנאמנותו וליושר לבו בטחו בו בעלי האחוזות בכל לבם, והוא הפך ליועצם הכלכלי והאישי גם יחד. פרנסתו לא היתה קלה כל עיקר, חרוט בזכרוני אותו ליל חורף חשוך. כבר הגיע חצות ואבא טרם חזר מנסיעתו ל„פריץ". הדרכים בתקופה זו היו משובשות בשודדים וחיתו טרף, והוא במזחלתו הזעירה, יחידי בתוך יער עבות. אמא מעוצבנת ניגשת בכל רגע להשקיף דרך החלון. והנה מצטלצלים הפעמונים. אבא חזר כולו כפור, והוא עוד מרגיע אותנו: „הנה האקדח שקבלתי מידי קולומיאץ, מפקד המשטרה, אין מה לחשוש". אולם, עם זה הוא לוחש לאמא סוד: „מוכרח להסתכן — לנהל בית גדול, לחנך בנים, לתת צדקה לעניים — השם יתברך יעזור"...

אבי היה בעל צדקה גדול, וכן אמא קיימה „כפה פרשה לעני וידיה שלחה לאביון". לכבוד כל שבת היתה רגילה לשלוח אותי עם תבשילי שבת להביאם לבתי עניים. זוכרת אני את העניות המרודה שראיתי בבתים רבים, ואיך שמחו בראותם את מתנת אמי שהוגשה להם בדרך צנועה ועניוות.



ר׳ יחיאל מאיר ולאה בלומשטיין, ז״ל

אבא ז״ל היה חסיד נלהב, ובביתו התאכסן הצדיק ר׳ נחומ׳קה מביאליסטוק בעברו דרך גובורובה. אם כי אבי היה חסיד של רבי שמעו׳לה מסקרניביץ, ובן ביתו, בכל זאת חילק כבוד רב לרבי נחומ׳קה בגלל מעשה הנ״ל.

את הבת המבוגרת, אחותי אסתר, השיא אבי לחתן מיוחס בר־אורין ממשפחה מפורסמת בישראל. הלא הוא ר׳ בריש בן ר׳ פייוול טונקנלנג מורשה, נכדו של רבי מוטלה מורה־הוראה בבירת פולין, וגיסו של האדמו״ר מאלכסנדר והאדמו״ר מיבלונה. החתונה התקיימה בגובורובה והיתה מפוארת ביותר. כל אצילי הסביבה נתנו את מרכבותיהם להביא את האורחים הרבים שבאו לשמחה. הכלה יפת התואר היתה מקושטת בעדיי ספיר ויהלום ולבשה שמלת משי יקרה, הכל כיד המלך.

גיסי ר׳ בריש היה תלמיד חכם וחסיד, והיה סמוך על שלחן אבי עשר שנים רצופות. לאחר מכן עבר לגור בעיר ורשה. בספרו נותן הרב ר׳ מרדכי ברונרוט ז״ל, ראב״ד תל־אביב, סקירה נאמנה על משפחה נכבדה זו.

בנו בכורו של אחותי אסתר נשא שמו של סבו ר׳ מוטלה. הוא היה איש הדור קומה ויפת פה. הוא הוליד שלשה בנים. הבן הבכור גודל וחונך תקופה ארוכה אצל אבי. הבן השני ירחמיאל היה מלוחמי גיטו ורשה ומת מות גבורים בלחמו את מלחמת העם עם הקלגסים הגרמנים. אחותי אסתר עצמה מתה מיתת רעב בגיטו.

לאחותי השניה חנה לקח אבא גם כן חתן מורשה, הוא ר׳ זליג פפירצ׳יק, חסיד ולמדן ממשפחה מיוחסת. אף הוא קבל נדוניה גדולה ומזונות על שלחנו. הוא ישב שנים רבות על התורה ועל העבודה. אנו הילדים הקטנים בבית נרדמנו והתעוררנו תמיד לקול תורתו ולנגונו הערב בעת למודו בגמרא. אבי שיכן אותו ואת משפחתו בדירה מפוארת בתוך בית־הקומה שלו במרכז העיר.

אחי ר׳ יחיאל מאיר בלומשטיין סבל רבות במשך ימי חייו הקצרים. הוא נולד בעת השריפה הגדולה של העירה. כל בתי העיר עלו בלהבות, ואבי העביר את אמי היולדת ואת הרך הנולד לבית איכר בכפר סמוך. בליל שבת הראשון לא היה מנין לערוך „שלום וזכור״, ואבי הצטער על זה הרבה. בזמן מלחמת העולם הראשונה,



ר׳ גרשון ודבורה בלומשטיין הי״ד

בעודו ילד, חלה אחי במחלת אבעבועות. מחמת חוסר רופאים וטיפול רפואי היה שרוי בסכנת חיים, ונפגמו פניו. דבר זה הסב לו סבל רב.

בסוף תקופת המלחמה הראשונה חלו תנודות בנוער היהודי. המפלגות הסוציאליסטיות והציוניות והמהפכה ברוסיה השפיעו רבות על בני הנוער להסיטם מדרך הסלולה והכבושה, ואילו אחי יחיאל מאיר נשאר איתן במעמדו: נאמן לתורה, לדת ולקדשי האומה.

הוא התחתן עם רעיתו לאה, אשה צנועה וטובת לב מאוסטרולנקה, ופתח בית מסחר לעורות ואספקה לסנדלרים. נולדו לו חמישה בנים ובת. הוא השקיע מאמצים לחנך את ילדיו לתורה ומצוות. כשגדלו הנערים שלח אותם לישיבות וסיפק להם כל צרכיהם ביד רחבה.

אחי יחיאל מאיר היה גומל חסד עם אנשים, הקדים שלום לכל אחד ונתן צדקה למעלה מכפי יכולתו. כשנכבשה העירה בידי הגרמנים ברח לרוסיה, ולאחר המלחמה היגר לאמריקה ושם נפטר. ת.נ.צ.ב.ה.

אחי גרשון בלומשטיין הי״ד, לחם מלחמתה של האמת כל חייו. על כל עוול שנעשה למי שהוא, והוא יודע — הגיב בצורה חריפה ללא רתיעה וללא משוא־פנים. כל ימיו עמד כארי לצד החלש והנדכה ונלחם את מלחמתו עד לחרוף נפש. כשהתנפלו, בנערותו, נערים פולניים על נערים יהודים, הוא שאמץ זרועו בעוז ויצא להתקפת נגד.

הוא התחתן עם דבורה בת הרב מצ׳רווין, איש נפלא ותמים דרך, אף בתו היתה צנועת הליכות, ומדקדקת במצוות.

זוכרת אני אותו לילה אחרון של חורבן גובורובה. אחי גרשון הראה בעליל את גבורת נפשו וטוב לבו בסכנו את חייו בהצלת חולים וילדי ישראל. היה זה לאחר יום של הפצצות אוירוני האויב. בביתו של שכננו ר׳ א. י. גלנט התאספו הרבה אנשים למצא מחסה. פתאם הופיעו חיילים פצועים מהחזית והודיעו שהאויב קרב ויש לברוח מהעירה. קמה מהומה גדולה ובהלה. עגלה וסוס נשקלו בזהב. כולם רצו לרוץ מה שיותר מהר. אחי גרשון רתם את עגלתו והטעין עליה אנשים חולים וילדים, מבלי שיקח מחוט ועד שרוך נעל מרכושו. וכך יצא לדרך להציל נפשות, בהפקירו את כל רכושו הוא.

יצחק שאפראן
אמעריקע

ר׳ מאיר זאב הכהן תהלים הי״ד

ר׳ מאיר וואלף תהלים איז געווען אן אפשטאמיקער פון ווורקער רבי׳ן ר׳ יצחקל, און פלעגט פאָרן צום אַמשינאווער רבי׳ן פון דער ווורקער גזע. ער האָט טאקע געהאט אהבת־ישראל פון ווורקע, אבער מיט זיין טעמפּעראמענט און שארפקייט האט ער איבערגעשטיגן אפילו גער און קאצק...

ר׳ מאיר וואלף איז געווען אן הורט־סוחר פון גרויסן פארנעם, א גרויסער איינשטעלער אין האנדל. ער פלעגט קויפן א סך וואגאנעס מיט קוילן, נאפט, צעמענט, וואַפנע א.א.וו. ס׳ריב איז אים דער האנדל געלונגען, ער האט גוט פארדינט און איז געווארן א גרויסער עושר; אבער נישט איין מאל האט פאסירט, אז ער האט דערלייגט צו א טראנזאקציע און געדארפט אנקומען נאך א גמילות־חסד. ער איז אבער קיינמאל נישט געווען געפאלן ביי זיך, שטענדיק מונטער, געהאנדלט גרויס און ווייטער איינגע־שטעלט. מען האט קיינמאל נישט געוווסט, ווען ער פארדינט און ווען ער דערלייגט.

פאר קהל׳שע ענינים, ספעציעל פאר צדקה־צוועקן, ווי „הכנסת־כלה״, העלפן

(דמישה דורות — סוף)

בהגיעו לעיר אוסטרוב־מזוב. עם מטענו החי, מצא את כל העיר סגורה ומסוגרת. הוא דאג להשיג מזון ולהאכיל את מוצליו במרצו ובכספו.

מאז עברנו יחד דרך של יסורים. הגענו לשטח כיבוש של ברית־המועצות וסרנו לעיר זמברוב. אחי נשאר שם ואנו יצאנו הלאה לביאליסטוק.

אחי גרשון בא לביאליסטוק לבקרנו. עצבות רבה היתה נסוכה על פניו, ובפעם הראשונה הבחנתי בו סימני יאוש. הוא הביע את רצונו לעבור אלינו ולגור יחד עמנו בימים הקשים. ראיתיו אז בפעם האחרונה.

גלינו לסיביר הרחוקה והוא חזר לזמברוב, שם נשא את גורלו יחד עם כלל ישראל, ונספה בשואה. ה׳ ינקום דמו.



ר׳ מוטלה טונקלנג, הי״ד

אן אַרעמאַן, אדער א קראַנקן — איז ער שטענדיק גרייט געווען צו אַרבעטן מיט אַלע כוחות. אויף זיין איניציאַטיוו און מיטהילף, האָט „צעירי אגודת ישראל" באַנייט די טעטיקייט פון „לינת־הצדק", איינשאַפנדיק א סך מעדיצינישע כלים, וועלכע פלעגן אויסגעבאָרגט ווערן צו אָרעמע קראַנקע יידן.

צדקה האָט ער געגעבן מיט א ברייטער האַנט. שטענדיק מנדב געווען מער, ווי אן אַנדערער פון זיין שטאַנד. ווען עס איז געווען דער שטראָם פון דער פערטער עליה, איז ער געווען פון די ערשטע צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל, דורך „אגודת־ישראל" און אַהין געשיקט זיין עלטערן זון יצחק דוד. ער האָט געהאַט ביי דעם א גרויסן דורכפאַל, פאַרלוירן א סך געלט און זיין זון האָט זיך געמוזט צוריקקערן, דאָך איז זיין אהבה צו ארץ־ישראל גאָרנישט פאַרמינערט געוואָרן. ווען עס איז אויפגעקומען דער רעיון פון „הכשרות", איז ער געווען דער ערשטער צו דערלויבן „אגודת־ישראל" צו עפענען אן הכשרה־פונקט אין זיין צעמענט־פאַבריקל אין פאַשעקי.

ר' מאיר וואָלף איז געווען א פרום־חסידישער ייד, אָפּגעהיטן יידישקייט אין יעדער קלייניקייט. לעצטענס האָט ער געדאַוונט אין מנין פון די „צעירי אגודת ישראל". ער פלעגט זיך נוהג זיין אין „שמחת־תורה" צו דוכנ'ען ביי תפילת־שחרית, צוליבן טומל, וואָס הערשט אָפט ביי מוסף. די הקפות אין דעם מנין פלעגן זיך פאַרציען, און מען האָט געדאַוונט מוסף זער שפּעט — בערך 4 אַזייגער. מען האָט אָבער ביי אים, בשום אופן, נישט געקאָנט פועל'ן, אַז ער זאָל מאַכן „קידוש" פריער. ערשט ווען מען האָט אָפּגעדאַוונט מוסף, האָט ער „קידוש" געמאַכט. זער כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין התנהגות, איז זיין באַמערקונג צום פסוק: „טוב מעט בכוונה, מהרבה שלא בכוונה". פשוט מיינט מען, אַז מען דאַרף טאָן אַביסל, נאָר מיט כוונה, איידער א סך — אָן כוונה; דאַקעגן ער פלעגט זאָגן פונקט פאַרקערט: מען דאַרף טאָן א סך, אפילו אָן כונה, ווייל פון א סך שלא בכוונה, קומט אַרויס א מעט טוב בכוונה.

ר' מאיר וואָלף איז געווען א ייד, א נידעריקער, מיט נישט קיין ספּעציעלע סמנים פון גבורה, אָבער א קול האָט ער געהאַט, ממש א לייבן־שטימע, וועלכע מען האָט געקאָנט הערן פון ווי־ווייט. איך האָב איינמאָל בייגעוווינט אין בית־המדרש, ווי ר' מאיר וואָלף האָט זיך צעשריגן הויך אויפן קול, מאַנעדיק אַזוי אַרום יושר ביי א געוויסן ענין. די געוואַלדן זענען געווען זיין לעצט געווער, ווען מען האָט אים מיט גוטן נישט געוואָלט מסכים זיין מיט אים.

מען דערציילט, אַז בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה איז ר' מאיר וואָלף פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ווייס־רוסלאַנד, דאַכט זיך, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע מינסק. ווען די רוסן האָבן פאַרשיקט די „בעזשעניקעס" קיין סיביר און אין אַנדערע געגנטן, פלעגן די עשאַלאָנען דורכגיין ווייס־רוסלאַנד, און האָבן זיך טיילמאָל אָפּגעשטעלט אויף דער באַן־סטאַציע, וווּ ר' מאיר וואָלף האָט געוווינט. ער פלעגט אָפט אַרויסקומען צו די טראַנספּאָרטן און זוכן א היימישן פנים, אן אייגענעם. ווען ער האָט אָנגעטראָפן אויף א גאוואַראָווער, האָט ער זיך געפּרוּווט דערנעענטערן און געוואָלט זיי מיט עפּעס העלפן. די נ.ק.וו.ד.־וואַך האָט אים אָבער נישט צוגעלאָזט. פלעגט ער שטיין פונדערווייטנס און באַדויערן זיינע שטאָטישע וועלכע ווערן נעבעך דורך די רוסן אַזוי פאַרפּאַלגט. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש; א סך פון די פאַרשיקטע האָבן איבערגעלעבט די מלחמה און ער מיט א טייל פון זיין משפחה, זענען אומגעקומען. השם ינקום דמם!

מנוחה זלצר־גרודקה
ישראל

נר נשמה למשפחתי



ר׳ חיים בר, בריינה אשתו, ובנותיו: רחל וברכה הי״ד, ותבל״א מנוחה (משמאל)

אבי, ר׳ חיים בר, לבית גרודקה, היה נצר למשפחת חסידים נאמנה, והוא עצמו היה ירא וחרד לכל דין ומנהג של מסורת יהודית.

זוכרת אני את תקופות החגים בבית. רגשי שמחה והתרוממות היו שרויים על פני הורי ואוירת חג מנסרת בחלל הבית. בימים נוראים שימש אבא בעל־תוקע בבית־הכנסת הגדול ששכן ליד ביתנו. הוא הכין את עצמו בחרדת קודש לקראת התפקיד הנעלה של שליח־ציבור לפני הבורא. בחג פורים נוהגים היו השכנים להתאסף בביתנו, ואבי קרא לפניהם את המגילה בקול ערב ובהטעמה לוקחת לב.

עדיין מצלצלים באזני נגוני התלמוד שהשמיע אבי בעת שהיה יושב ולומד בכל שעותיו הפנויות בין ביום ובין בלילה.

איש עבודה היה אבי ונאבק קשה לקיים את משפחתו בכבוד. אולם, תמיד היה שקט ברוחו ועליז, וחיוך נלבב לא מש משפתיו. הוא היה מלא תקוה וחדור אמונה לעתיד טוב יותר. איש טוב ומטיב היה לבריות ולמשפחתו, ואהוב על הכלל, מקטן ועד גדול ללא הבדל, בין דתי בדיעות לבין חפשי.

וכאבי כן אמי, אשת חיל, העניקה מרוחה לבנותיה ולמשפחתה. גם היא עמלה קשות כעקרת בית, בחינוך הבנות, ואף הושיטה יד עזרה לאבי במאמציו לכלכלת המשפחה.

כשעלו שתי הבנות ארצה לא נחה אמא ולא שקטה עד שניצלה את כל מאמציה ושקריה למען לא יחסר לבנות בצעדיהן הראשונים בארץ.

עומדות לנגד עיני אחיותי החביבות והיקרות, צעירות מלאות חיים וחדוה, אשר זה רק עתה התחילו לטעום מעץ החיים, והנה נקטפו באביב ימיהם על ידי רוצחים צמאי דם.

קשה לי להשלים עם הרעיון המר והנמהר שלא אראה עוד את חביבי ויקירי, בני משפחתי, אשר ניספו בצורה כה טראגית. תשמשנה השורות האלה נר לנשמותיהם.

א. בשן
ישראל

ר׳ ברוך מינץ ז״ל

איינער פון די אנגעזעענסטע שיינע טיפּן אין גאווארא וועס איז געווען ר׳ ברוך מינץ. ער האָט פאַרנומען אין שטעטל א חשובן פּלאַץ. ער האט זיך געהאלטן גרויס־מוטיק, שטאָלץ, מיט א נגידישער ברייטקייט פון גרויסשטעטישן פארנעם. ער האט געמאכט א רושם אויף מענטשן, ווי א פארצייטיקער יידישער אדעלמאן. שטענדיק זויבער און ריין אנגעטאן, א שיין פאררויטלט פּנים, מיט א ברייט־צעלעגטע שניי־ווייסע באָרד, א זילבערנעם שטעקן אין דער האַנט, איז ער זיך געגאנגען אין ואס, עקב בצד אגודל, מיט א פּילזאגנדיקער חשיבות.

אַ פארגעניגן געווען אריינצוקומען צו ר׳ ברוך מינצן אין שטוב אריין. אלץ האט דארט געשמעקט מיט גבירישער רחבות: שיינע מאסיווע מעבל, פּלושענע דיוואנעס, א זילבער־און קרישטאל־שאנק. אלץ האט געמאכט א עפעקטפולן איינדרוק. ער אליין איז ארומגעגאנגען אין שטוב מיט א געבלימלטן זיידענעם שלאפראק, ווייכע שטעק־לאטשן מיט א „סקריפּ״, און צוגעטראגן כיבוד די געסט.

ער אליין איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד־חכם, אבער ער האט ליב געהאט צו הערן א „יידישווארט״ און מכבד געווען א בן־תורה מיטן גאנצן הארץ. ער האט שטארק מחשיב געווען, וואס די גמרא זאגט „זה אלי ואנוהו״ — התנאה לפניו במצוות. ער האט נישט געקארגט קיין געלט צו באשיינען און באפּוצן תשמישי קדושה און פאר א מצוה־וועגן. צו סוכות האט ער גנוצט א קינסטלעריש־אויסגעארבעטע זילבער־פּושקע פאַרן אתרוג. א חנוכה־לאמפּ האט ער געהאט, אויך פון זילבער מער ווי א מעטער די הויך, און א שיינעם טערקישן טלית מיט א זילבער־עטרה. פאר א יידישקייט־זאך האט ער געקויפט דאס שענסטע און דאס בעסטע, גארנישט זשאלעווענדיק.

ר׳ ברוך האט געהאט אן אייזן געשעפט אין מארק, און איז א לענגערע צייט געווען א גרויסער נגיד. אין זיינע לעצטע יארן, אויף דער עלטער, זענען זיינע געשעפטן שוואכער געווארן. אבער ער האט ווייטער אנגעהאלטן זיין גבירישן שטאלץ, געפירט א שיינע שטוב, געגעבן נדבות מיט א ברייטער האנט, און אנגעהאלטן זיין מנהג צו טיילן פאר קינדער צוקערוואַרג.

ר׳ ברוך מינץ איז געווען א חסיד נלהב צו די רביים פון ווורקער גזע. אז עס איז אמאָל געקומען קיין גאווארא וועס איינער פון די ווורקער איניקלעך, האט ער געהאט ביי אים זיין אכסניה און געפירט ביי ר׳ ברוכ׳ן די רבי׳שע טישן. מיר געדענקן נאך אלע דעם באזוך אין גאווארא וועס פון ר׳ אברהם משה׳לע אטוואצקער, וואס איז איינגעשטאנען ביי ר׳ ברוכ׳ן אין הויז. דאס גאנצע שטעטל איז דארט געווען ביי די שבת׳דיקע טישן, ביים אפּגעבן קוויטלעך דעם רבין און בעטן א ברכה. כאטש די שטוב און מעבל זענען דאן גוט רואינירט געווארן, האט ר׳ ברוך הנאה געהאט און געשיינט פון נחת.

אין שטאטישע זאכן האט זיך ר׳ ברוך נישט געמישט, נישט געוואלט זיין קיין דאזאר און נישט קיין כלל־טוער. בלויז ביים בויען דאס אטוואצקער „שטיבל״, איז

א ענבר
ישראל

ר׳ מאיר ראמאנער, ז״ל

א למדן צווישן לומדים, א חכם צווישן פקחים און דערצו נאך א פאָלקס־מענטש, אנערקענט פון אלעמען — צו אזא מעמד דארף מען שוין האבן ספעציפישע אייגנשאפטן און א סך גוטע מידות.

ר׳ מאיר ראמאנער, ווי מען פלעגט אים אין שטאט רופן: ר׳ מאיר׳ל — פאר זיין קליינוווקס — איז אן א ספק ווערט געווען אזא אפשאצונג. ער איז אין שטעטל, אי באליבט געווען, אי מען האט דרך־ארץ געהאט פאר אים. טאקע פאר זיין געהויבענער פערזענלעכקייט, איז ר׳ מאיר׳ל שטענדיק געשטעלט געווארן אין שפיץ פון דער קהל־פירונג. ער אליין האט זיך נישט געשטופט צו מזרח. אדרבא, ער איז געווען א ריכטיקער „הצנע לכת״, גערעדט מיט א שטיל קול, ווייט פון מחלוקת, געלאסן, מעסיק און בארעכנט, ווי די טבע איז פון אן אמת׳ן תלמיד־חכם. אבער דוקא די דאזיקע סגולות האבן באוועגן מענטשן צו וויילן אים פאר א דאזאר אין אלע קאַדענצן, און פארשטייער אין פארשידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. דאס אחריות־געפיל פאר א קהל׳ישן ענין איז ביי אים געווען זער גרויס. ער האט א סך מחשבה אפגעגעבן זיינע קהל׳ישע פליכטן. איז טאקע זיין עצה שטענדיק געווען וואגיק — „געוויגן און געמאסטן״. ער האט געזאגט זיין מיינונג מיט ווינציקע געשליפענע ווערטער, מיט א שמייכל אויף די ליפן, באגלייט מיט א שארפזיניק גלייכווערטל.

ר׳ מאיר׳ל איז געבוירן געווארן אין די זעכציקער יאָרן פון פאריקן יארהונדערט, ביי זיינע עלטערן ר׳ אברהם יצחק און פריידע ראמאנער, אייגנטימער פון א גאלאנטעריע־און שפייז־געוועלב, אין מאקאוו־מאזאוויעצק.

ר׳ מאירל האט געלערנט אין מאקאווער שטאטישן בית־המדרש, ווייזט אויס, מיט גרויס התמדה, ווייל ער האט דערגרייכט צו א הויכער מדריגה אין לערנען, וואס האט זיך באזונדער אנגעזען צוליב זיין קלארן לאגישן פארשטאנד און אנאליטישן כח ההבנה. מען דערציילט, אז צוזאמען מיט אים האט אויך דאמאלסט געלערנט אין מאקאווער בית־המדרש נחום סאקאלאוו דער בארימטער „הצפירה״־רעדאקטאר און אלוועלטלעכער ציוניסטער פרעזידענט. ר׳ מאירל האט חתונה געהאט מיט זיין פרוי רייזל, די טאכטער פון אברהם מענדל כהן, וואס האט געהאלטן א שענק אין מאקאווע.

נאך דער חתונה האט זיך ר׳ מאירל אריבערגעצויגן קיין גאווארעווע צוזאמען מיט זיינע שוויגער־עלטערן. זיי האבן ווייטער אנגעהאלטן די שענק און ר׳ מאירל איז געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט.

ר׳ מאירל איז געווען אין שטעטל פון די וויכטיקע „אגודה״־עסקנים, און פון

(ר׳ ברוך מינץ — סוף)

ער אביסל טעטיק געווען. אזוי האט ער ליב געהאט צו לעבן זיין אייגן לעבן, שטיל און רואיק, נישט געלאזט זיך שטערן פון דרויסן.

ער איז געבוירן געווארן אין גאווארעווע אין דארט געשטארבן אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן.

די גרינדער פון דער „בית יעקב״־שולע. אין גערער שטיבל האט ער פארנומען איינעם פון די חשוב׳סטע פלעצער. ער האט אפגעהיטן ווי א אוצר דעם „דף היומי״ און נישט דורכגעלאזט קיין טאג, וואס ער האט נישט אפגעלערנט דעם בלאט גמרא.

אין די לעצטע יארן האט ר׳ מאירל געעפנט א גאלאנטעריע געשעפט פון וועלכער ער האט געצויגן זיין פרנסה נישט בשפע. דאך האט ער געפירט א שיינע בכבודיקע שטוב, און זיך אפגעגעבן אין קהל־זאכן.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז ר׳ מאירל אנטלאפן צוריק אין זיין געבוירן־שטאָט, מאקאווע, און דאָרט איז ער נפטר געווארן אין טאג ט׳ חשון ת״ש. זיין פרוי רייזל, זייער טאָכטער הינדע לאה מיט איר מאַן שלמה חיים צימבאַל, און זייער יינגעלע, יצחקל זענען אומגעקומען אין סלאָנים, הי״ד. זייער טאָכטער פריידקע טאַנדייטשאַזש איז געשטאָרבן אין יאר 1925, איר מאַן יצחק לייב — אין 1957, אין ארגענטינע.



רייזל ראַמאנער הי״ד, יצחק לייב און פריידקע טאַנדייטשאזש ז״ל



ש. ח. צימבאַל הי״ד, זייערע קינדער און זיין פרוי הינדע לאה הי״ד

א. בשן
ישראל

ר' יעקב הערש ווענגראוו

אז עס האט אים אנגעקוקט א מענטש מיט א שארף אויג, וואס איז אביסל באהאוונט אין הסידות, האט גלייך דערקאנט, אז ר' יעקב הערש האט א שייכות מיטן ווורקער חדר. עס איז פשוט אויף זיין פנים אויסגעגאסן געווען אזוי פיל אהבת־ישראל, גוטסקייט און הארציקייט, אז מען האט גלייך דערזען דעם אלטן רבי'נס שיטה, פון „הוי דן את כל האדם לכף זכות", פון נוצן די רעכטע זייט פון דער מטבע, נישט מיט בייזקייט און נישט מיט הארבקייט קאן מען דורכגיין די וועלט; אפילו א פושע־ישראל איז אויך א ייד און מען דארף אויף אים ווירקן נאך מיט גוטנס.

איך גלויב נישט, אז א גאווארעווער ייד האט אמאל, ווען עס איז, געזען ר' יעקב הערשן אין א שלעכטער שטימונג. כאטש זיין פערזענלעכע לאגע איז גארנישט געווען אזא „פויגלדיקע". די צוויי בלינדע פערד, וואס האבן געדרייט זיין קאשע־מילכל, האבן אים זיין גאנצע פרנסה נישט געקאנט אויסדרייען, און, א ודאי, אים נישט געגעבן נדנים פאר די טעכטער. אבער וואס האט פרנסה צו טאן מיט מצב־רוח? א ייד דארף פריילעך זיין, שטענדיק מוטיק און גוט געשטימט, שוין בלויז דערפאר, ווייל מען איז באשאפן געווארן א ייד, ווי די גמרא זאגט: מען דארף בענטשן, אזוי אויפן שלעכטן, ווי אויפן גוטן...

ר' יעקב הערש איז געווען א חסיד א ברען, אזוי ווי די אמאליקע חסידים־ראשונים. ווער עס האט געזען זיין עבודה ביי די ערב פסח'דיקע שמירה־מצות, אדער ביי א חסידישער מלוה־מלכה — ער האט דאך געשיינט מיט קדושה. ער האט נישט ליב געהאט זיך צו פארלאזן אויף יענעם; אליין אנגעלייגט א פייער, ארויפגעצויגן א פארטוך אפגעשיילט די קארטאפל און צוגעשטעלט א חסידישע גריץ, וואס האט געהאט טויזנט טעם... דערביי האט ער זיך צוגעזינגען דעם אלטן ווורקער ניגון מיט אזא דביקות, אז עס האט גערירט דאס הארץ.

א ווױנונג האט ר' יעקב הערש געהאט זער א בריוח'דיקע. א גאנץ הויז מיט א גארטן, פארצוימט און פארפלויטעט, אזוי ווי א פריצישע „פאסעסיע". ער האט אויך געהאט א אייגן געשפאן — א פערד און וואגן, וועלכע ער פלעגט אפט נוצן אויף צו פירן הסידים צו א רבי'ן, וואס איז געקומען צופארן אין א נאענטן שטעטל.

זיין עלטסטע טאכטער האט ר' יעקב הערש חתונה געמאכט מיט א סוחריש־חסידישן יונגערמאן — ר' משה כשר, וואס איז שפעטער געווארן גאווארעווער קהלה־פרעזעס ביי דער לעצטער קאדענץ.

ר' יעקב הערש זאל האבן דורך די רוסן געווארן פארשיקט אין זייערע לאגערן. וועגן גורל פון זיין משפחה איז מיר נישט באוווסט.

א בשן
ישראל

ר׳ פייוול בריק, הי״ד

ר׳ פייוול בריק איז געווען פון די גרויסע כלל־טוער אין שטעטל. נישט געווען קיין איין קהלישע אקציע, אדער אונטערנעמונג, אז פייוול זאל נישט האבן אין דעם א גרויסן חלק. ער איז געווען פון די מיטגרינדער פון א סך אינסטיטוציעס אין שטעטל, און געזארגט פאר זייער עקזיסטענץ.

ער איז געווען א שטילער און א באשיידענער מענטש, נישט געשטופט זיך צו דער מזרח־וואנט, און נישט געזוכט קיין כבוד. שטילערהייט, אָן טומל, האט ער געטאן זיין פרוכטבארע ארבעט לשם־שמים און לשם־מצוה. ביי קהלישע אסיפות האט ער ליב געהאט צו זיצן אין א ווינקל, איינגעהילט אין זיין ציצן כאלאטל, און הערן וואס אנדערע זאגן. זיין אייגענע מיינונג האט ער ערשט געזאגט, ווען מען האט אים געפרעגט.

ר׳ פייוול בריק האט געהאט אין זיך איינגעבוירענע לעבנס־חכמה. א תענוג געווען מיט אים צו שמועסן. מען האט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג. דער רב האט זיך אפט־מאל מיישב געווען מיט אים אין קהלישע ענינים.

ביים בויען דעם גרויסן שטאטישן בית־המדרש, האט פייוול אריינגעלייגט א סך כוחות. אבער ווען מען האט אים געוואלט מאכן פאר א גבאי, האט ער נישט מסכים געווען. א מחלוקה האט ער פיינט געהאט בתכלית השנאה, אבער ווו מען האט געדארפט קעמפן — איז ער גרייט געווען. ער איז אויך געווען אן עסקן אין דער חברה־קדישא, און א שטיקל צייט — גבאי פון דער חברה. באזונדערס האט ער זיך אפגעגעבן מיט די מצוה פון הכנסת־אורחים. ער איז געווען פון די בויער פון דעם שטאטישן „הכנסת־אורחים״. אויסער דעם, האט ער נאך אין זיין אייגענער באשרענקטער ווױנונג אפגעגעבן א צימער פאר אורחים ארעמעלייט, וואס פלעגן ביי אים נעכטיקן און עסן.

פון פאך איז ר׳ פייוול געווען א שוסטער. ער האט געארבעט, בעיקר, פויערישע שיך און שטיוול, און איז געווען גאנץ פארמעגלעך. אבער ער האט זיך נישט געיאגט נאך קיין געלט. ער האט ליבערשט געזוכט ווי א טובה צו טאן מענטשן און העלפן אן אנדערן אין א עת־צרה.

ר׳ פייוול בריק איז געווען דער שטאלץ פון די בעלי־מלאכות אין שטעטל. זיי האבן זיך געגרויסט מיט אים, ווייל ער איז געווען פון די בכבוד׳דיקע און חשובסטע בעלי־בתים אין שטאט.

ר׳ פייוול, אדער ווי מען פלעגט אים רופן, פייוול ירמיהו׳ס, איז אומגעקומען אין די מלחמה־יארן, הי״ד.

א. בר־אבן
ישראל

יואליקע דער בעקער

אין א סך יידישע שטעטלעך זענען ארומגעגאנגען לעגענדעס פון יידן, גייסטיקע העלדן, וואס האבן געאטעמט מיט ליבע און מסירת־נפש פארן פאלק, און זענען גרייט געווען זייער אייגן לעבן צו ברענגען א קרבן פאר דער רעטונג פון כלל. די דאזיקע גבורה פלעגט זיך אַנטפּלעקן, בעיקר, אין שווערע מאמענטן פארן פאלק, ווען דער מלאך־המשחית האט געפאכעט מיט זיין בלאנקער שווערד אויף יידישע קעפּ, באדראָט צו דערטרינקען אין בלוט א יידישן ישוב.

די דאזיקע יידן זענען דוקא געווען פשוט׳ע מענטשן פון א גאנץ יאָר, באשיידענע יידן פון המון־עם, וואס האבן זיך נישט געמישט אין קהל׳שע ענינים, פון קיינעם גארנישט פארלאנגט, און פון יענעם נישט געפאדערט. נאר, ווען עס איז געקומען א מאמענט פון נסיון, האבן אויפגעבליצט זייערע געהויבענע געשטאלטן אין גאנצן ליכט פון גבורה און העראאיזם.

ר׳ יול׳קע יעלין, אדער ווי ער איז געווען פאפולער אונטערן נאמען: „יואל׳קע דער בעקער״, האט אָן שום ספק, אנגעהערט צו דער דאזיקער גבורים־פלעיאדע. די גאוואראווער איינוווינער דערמאנען נאך היינט זיין נאמען מיט א הייליקן ציטער און כבוד, און טראגן זיין געשטאַלט טיף אין די הערצער, ווי א סינאנים פון מסירת־נפש, גבורה און זעלבסט־אָפּפערונג.

לאנגע יארן איז יואל׳קע געזעסן אין שטעטל. זיין הילצערן גאָרנדיק הויז איז געשטאנען אין מיטן מארק, צווישן די הייזער פון ברוך קופערמאַן און מנשה האַלצמאַן. דארט, אין דעם הויז, האט יואל׳קע געהאט זיין ברויט־בעקעריי, די פארקויפס־שטעלע, און א גרויס צימער, וואס האט געדינט פאר א טיי־הויז. אויבן, אויפן גאָרן, איז געווען זיין דירה, וועלכע ער האט באוווינט צוזאמען מיט זיין ווייב רבקה׳לע.

אין יאר פון לעצטן קריגס־אויסברוך, האט יואל׳קע געדארפט אלט זיין א יאר עטלעכע־זעכציק. דאך איז נאך זיין כח געווען אין די לענדן. אליין געבאקן דאס געבעקס, אליין פארקויפט, און האט נאך געקאנט א כאפּ־טאָן א זעקל מעל אויף די פלייצעס מיט א לייכטיקייט פון א יונגערמאַן.

אורטיילנדיק נאך זיין אויסזען, האט מען געקאנט לייכט א טעות האבן, און אָפּשאַצן יואל׳קען פאר א ייד אַ קפדן, אַ רגזן. דאס געל־גרוי בערדל, וואס האט באזוימט זיין מאגערן פנים, איז געווען הארט און שטענדיק פארמעלט; די בלאס־גרויע אויגן — פארשטעלט פון געלע, דיקע ברעמען. זיין איינגעהויקערטער הילך, די הייזעריקע שאַרסטקע שטימע, און די שארפע שטרענגע בליקן, האבן צוגעגעבן זיין פנים א בייזע הארבקייט.

אין אמת׳ן האט אין יואל׳קען געקלאפּט אַ גוט פילבאר יידיש הארץ — פול מיט ליבע און פריינטשאפט צו אלע מענטשן.

יואל׳קעס פערזענלעך לעבן איז געווען דורכגעווייקט מיט צער און יסורים. ער האט, כמעט, נישט הנאה געהאט פון דער וועלט. דרייצן קינדער האט אים זיין ווייב

רבקה געבוירן, און קיין איינס פון זיי איז נישט געבליבן ביים לעבן. ווי שאטנס האט זיך יואל׳קע מיט זיין ווייב ארומגעדרייט, פארשעמטע, פארשלאסן אין זיך און פארכמורעטע.

זיין גאנצע טרייסט האט יואל׳קע געפינען אין העלפן יידן, שטיצן נויט־באַדערפטיקטע און ראטעווען א מענטשן אין אַ צרה. אָט־די הילפס־ארבעט האט ער געטאָן בצנעה, אן רעש און געפילדער, מיט אַ האַרציקער נאַטירלעכקייט.

זיין טיי־צימער איז שטענדיק פול געווען מיט אורחים — ארעמעלייט, דרשנים און משולחים, וואס האבן געקראגן דארט זייער „אָנבייסן" און „וויעטשערע" גאנץ בחינם, מיט א שמייכל אויף די ליפן.

אין די נעכט האט זיך דאס טיי־צימער פארוואנדלט אין א „האָטעל". יואל׳קע האט צונויפגערוקט די טישן און די בענק, רבקה האט אנגעבראכט בעטגעוואנט, און וויפיל אורחים עס זאלן נישט האבן געווען, איז פאר אלעמען געווען אַ פלאַץ צום שלאפן. קיינעמ׳ האט מען נישט לעגיטימירט און נישט נאכגעפרעגט קיין שאלות.

אייגנטלעך איז דאס טיי־צימער נישט געווען באַשטימט נאָר פאר „ארחי־פרחי". אפילו שטעטלדיקע „שיינע יידן", אז עס האט זיך זיי פארגלוסט א הייס, גוט־געצוקערט גלאָז טיי, האבן זיי זיך געזעצט ביי איינעם פון די ברייטע דעמבענע טישן און געטרונקן וויפיל זייער הארץ האט געגלוסט.

דער גרעסטע טומל ביי יואל׳קען איז געווען א שבת אינדערפרי. אזוי ווי אין א בינענשטאָק האט דארט געווימלט פון מענטשן, אריינגייער און ארויסגייער. יעדער הסיד, וואס איז צוריקגעגאנגען פון דער שבת׳דיקער קאלטער מקוה, איז אפגעטראטן, ביי יואל׳קען טרינקען א קאָכעדיק גלעזל טיי. אפילו „מתנגדים", וואס גייען אין מקוה פון איין ערב יום־כפור צום צווייטן, האבן אויך נישט פארפעלט צו טרינקען שבת ביי יואל׳קען א גלעזל „ווארעמס", צו דערווארעמען די פארפרוירענע, פארשלאפענע ביינער פון דער קאלטער נאכט.

דאס שבת׳דיקע טיי־טרינקען איז געווען אוועקגעשטעלט אויף „זעלבסט־באַדינונג", ווייל אין דער זעלבער צייט זענען ביידע, סיי יואל׳קע און סיי רבקה געווען פארנומען מיט טיילן הייס, זודיק וואַסער, פאר קינדער און דינסט־מיידלעך, אהיימצונעמען אין די הייזער אריין.

די שטעטלדיקע יידן האבן גוט אָפּגעשאַצט יואל׳קעס ברייטע האנט און זיין גוט־הארציקייט. אבער קיינער האט זיך נישט פארגעשטעלט, אז ער איז מסוגל צו באווייזן אזא גבורה, ווי ער האט ארויסגעוויזן יענעם שבת פון חודש אלול 1939.

עס איז געווען אין דער וואך, ווען די דייטשן האבן פארנומען גאוואראווע, און זיי האבן אויסגעווײלט דעם טאג שבת, צו מאכן דעם בלוטיקן חשבון מיט די יידן.

באלד פארטאג, ווען דאס שטעטל איז נאך געווען פארזונקען אין א טיפן שלאף, האבן די מערדער אנגעמאכט א ווילדן גיהנום־רעש. זיי האבן געעפנט א געדיכטע שיסעריי, געבראָכן טירן און באפוילן אלע יידישע איינוווינער צו פאַרלאָזן די הייזער. ווער עס האט זיך נישט צוגעאיילט, איז דערשאסן געווארן אויפן ארט. אלע צונויפגעזאמלטע יידן האבן זיי מיט אכזריות אריינגעטריבן אין דער גרויסער שול אריין, און ארומגעשטעלט סאלדאטן פון אלע זייטן. די גאנצע יידישע באפעלקערונג, מענער, פרויען און קינדער זענען אריינגעשטופט געווארן אין ענגשאפט און דערדריקעניש.

מיטיק־צייט האָבן די „ס.ס."־לייט אונטערגעצונדן דאס שטעטל, יעדעס הויז

באזונדער. זיי האבן, מיט א טייוולאנישן שמייכל, פארזיכערט די פארזאמלטע יידן אין שול, אז באלד וועט אויך קומען די רייע צו פארברענען די שול, צוזאמען מיט אלע מענטשן.

די יללות און געשרייען, וואס האבן אנגעפילט דעם בית־המדרש־חלל, האבן געשפּאַלטן הימלען. באזונדערס האַרץ־רייסנד איז געווען דאס געוויין פון די הונגעריקע קינדערלעך, וואס האבן פון פאריקער נאכט גארנישט געהאט אין זייערע מיילער, ווייל צוליב דער גרויסער בהלה האבן די מוטערס פארגעסן מיטצונעמען עסן פאר זיי. און אט רייסן די קינדערלעך שטיקער פון די עלטערן: מאַמע! טאַטע! עסן!...

אלע האבן געזען די ליידן פון די קינדער, געהערט זייער געוויין, אבער קיינער האט נישט געוואַגט אפילו צו טראכטן פון ארויסגיין אין דרויסן שאַפן שפייז. דער „ס.ס."־באַפעל איז געווען דייטלעך און קלאר: „ווער עס וועט זיך באווייזן אין גאַס, ווערט אַן א ווארנונג דערשאסן"... קיינער האט נישט געצווייפלט אין דער ערנסקייט פון דעם באפעל.

יואל'קע איז געזעסן אין א ווינקל פון שול, געקוקט שטאר אויף די וויינענדיקע קינדער און געמורמלט שטיל תהילים. מיטאמאל האט ער זיך א שטעל־אויף געטאן, אפגעשטויסן פון זיך די צונויפגעדריקטע מאסע און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. זיינע פארביסענע ליפּן האָבן געוויזן א פעסטע אַנטשלאָסנהייט. ער האט א פּראַל־אויף געגעבן די טיר אין דער גאנצער ברייט, ארויס און פארשוווּנדן אין דרויסן.

א טויטע שטילקייט איז אריינגעטראטן אין בית־המדרש. א קאנוולסיע־ציטער, פון שרעק, האט ארומגעכאַפּט אלעמען. אָט, באלד, וועט זיך דערהערן דער מערדערישער שאס, געצילט פון די דייטשן, אין קערפּער פון יואל'קען.

אין דער אריינגעטראָטענער טויט־שטילקייט, האט זיך געהערט דאס פייער־קנאקן פון די ברענענדיקע הייזער און די ווילדע געשרייען פון די צעיושעטע מערדער.

דורך די גרויסע שויבן־פענסטער פון בית־המדרש האט מען געזען יואל'קען אריבערלויפן האסטיק די גאַס און אריינגיין אין זיין בעקעריי. נאך א לאנגער ווײַלע איז ער ארויסגעגאנגען צוריק, געבויגן פון א שווערן זאק, וואס ער האט געטראגן אויף זיינע פּלייצעס.

פארבלענדעטע זענען געווען די טמא'דיקע אויגן פון די וואך־סאלדאטן. זיי האבן אפילו נישט געזען דעם אלטן יידן מיט דעם שווערן זאק, וואס איז זיך לאנגזאם געגאנגען מיט א פאַרפלאַמטן קדושה־פנים און מיט שטאָלצע טריט, מיט אזא זיכערקייט און אינערלעכער רואיקייט, ווי ער וואלט געגאנגען צו א שמחה של מצוה.


יואל'קע איז אריין אין שול. — אָט דאַ האָט איר חלות יידן!", האָט ער געזאגט מיט אַזאַ אַיינפאַכער עניוות, „נעמט יידן, גיט די קינדערלעך, היינט איז שבת!...

ר' יואל'קע האט גארנישט געפילט, וויפיל איבערמענטשלעכער כח, גבורה און מסירות־נפש עס איז געלעגן אין זיין דערהאבענער טאַט, וואס ער האט געטאן מיט אזא נאטירלעכקייט און פשטות.

און, אז עס איז דערנאך געשען דער נס, און א דורכפארנדיקער הויכער דייטשישער אפיציר האט באפוילן ארויסצולאזן די יידן פון ברענענדיקן בית־המדרש, האבן אלע צוגעשריבן דעם זכות יואל'קען דעם בעקער, פאר זיין גרויסער מסירות־נפש, צו העלפן ליידנדע יידישע קינדערלעך...

חיים סקורניק
ישראל

לזכר אבי ר׳ משה סקורניק ז״ל



ר׳ משה סקורניק ז״ל

בבואי להעלות זכרונות מעירתנו גובורובה ואודות משפחתי שם, הנני נזכר בתפילת שליח־צבור ביום־כיפור לפני מוסף: „הנני העני ממעש נרעש ונפחד״. כן אני נרעש ונפחד בפני התפקיד הגדול של מפעל ההנצחה לזכר עירתנו גובורובה. מרכין אני ראשי בפני יוזמי ההנצחה ובלבי תפלה: תחזקנה ידי כל אלה שהוסיפו נדבך לזכרון היהדות המפוארת בפולין, למענינו ולמען ילדינו.

במה אתחיל? בנוער הנפלא בעיירתנו; הנוער התוסס, אשר שאף ולחם בכל כוחו לנתק את הכבלים המשעבדים של האדם בתור פרט ושל העם היהודי בכלל; הנוער של עיירתנו אף שהיה מפולג לכל מיני מפלגות מ„פועלי־ציון״ שמאל, עד לבית״ר — שאיפתו היתה אחת: שיבת ציון. הדרכים היו שונים ומשונים, אך המטרה היתה אחת — מדינה יהודית.

זוכרני, שבת אחר הצהרים. אבי ר׳ משה ז״ל ישב בבית־הכנסת וכרגיל למד דף גמרא, ואנחנו בני הנוער התאספנו סביבו. הוא הפסיק לשעה קלה את הלימוד ודיבר אתנו על שיבת ציון ועל חובת הכוננות לעזוב מהר את הגלות, כאילו הרגיש אבי ז״ל, מתחת לסף הכרתו, את הצורך להחפז ולמהר, שמא יהיה מאוחר מדי...

אבי ז״ל היה ציוני נלהב מראשית הוסדה של ההסתדרות הציונית. לדבריו, קיבל פעם מכתב תודה מהרצל עצמו על עזרתו בניהול תעמולה למען הפצת רעיון הציוני בין שדרות רחבות של העם. הוא היה נואם בחסד עליון, בעל כח שכנוע גדול, נאומיו משכו תמיד קהל רב. בגובורובה היה בין מייסדי ה„מזרחי״ ותנועת הנוער שלה.

כשיסד זאב ז׳בוטינסקי את ההסתדרות הציונית החדשה, הצטרף אבי ז״ל לתנועה. הוא דרש בבית הכנסת והסביר, שלא יגישו לנו את המדינה על טס כסף, ושיהיה

ש. ד. ירושלמי
ישראל

הרב ר' חיים מרדכי ברונרוט, זצ"ל

הרב ר' חיים מרדכי ברונרוט זצ"ל נולד באוסטרולנקה, בשנת תרמ"א (1981). אביו, ר' נתן צבי, מוכר ספרים, התגורר שנים רבות בגובורובה, שלחו בגיל צעיר ללמוד אצל הגאון רבי אברהם מסוכצ'וב, ולאחר מכן אצל רבי אליהו זינגר, הרב מקליש. נסמך להוראה בהיותו צעיר לימים על־ידי רבי מלכיאל טננבוים, בעל „דברי מלכיאל", הרב מלומז'ה, רבי משה נחום ירושלימסקי, הרב מקילץ ורבי שמעון דב משדלץ. הוא נשא לאשה את פיגה מאטל בת ר' שמואלקה מסטרדין, בת הרב יעקב יהודה בוצ'יאן מגובורובה.

רבנותו הראשונה היתה בטשרבין, מחוז אוסטרולנקה (תרס"ח—תרע"ד). משם נתקבל רב בעיר חורז'ל, אך לאחר זמן קצר, כשפרצה המלחמה העולמית הראשונה וכל יהודי העיר, שהיתה סמוכה לגבול הגרמני, גורשו מתוכה, הגיע כפליט לוורשה ושהה בה שנתיים. לצורך השעה התמסר לעסקנות ציבורית והיה מראשי וועד העזרה לפליטים. בתרע"ו נתמנה לרב בטשכאנוב וכיהן ברבנות זו עשרים וחמש שנים, בהפסקה של שנתיים (תרפ"ב—תרפ"ג), שבהן שהה באמריקה בשליחות ציבורית יחד עם הרב טרויב מקוטנה. בהיותו באמריקה שימש גם רב בית־הכנסת של חסידי לובביץ' בשיקגו. בתרצ"ט, כחדשיים קודם פרוץ המלחמה העולמית השניה, נסע שוב בשליחות ציבורית לאנגליה ולרגל המלחמה הוכרח להישאר שם שנים אחדות עד שעלה בידו לעלות לארץ.

בפולין נחשב על גדולי הרבנים, היה גדול בתורה ורב־פעלים בעסקנות ציבורית. שנים רבות היה חבר הועד הפועל של אגודת הרבנים בפולין. היה אהוד ומקובל בחוגי הרבנים ומקורב בחצרות האדמו"ריים. אף־על־פי שהיה מחסידי אלכסנדר ואף התייחס על משפחת האדמו"ר מאלכסנדר — היה ציוני נאמן ומראשוני הרבנים בפולין שהתלכדו

(לזכר אבי - סוף)


צורך להלחם עליה ולהקריב קרבנות על מזבח הקמתה. ואכן, כשזכה לעלות לארץ ישראל הושיט עזרתו למחתרת הלוחמת עם המנדט האנגלי. בביתו, בחיפה, הסתיר לוחמי מחתרת עם נשק, וסיכן נפשו בעד הרעיון שהאמין בו.

אבי ז"ל נולד בעיר לודז בשנת 1882, ועבר לאחר חתונתו לגובורובה. הוא עלה ארצה בשנת 1936 ונפטר בחיפה ב־1952.

עירתנו גובורובה הצטיינה בנדיבות לב תושביה והכוננות להושיט עזרה אחד לחברו בכל זמן ובכל מקום. עולה ברעיוני הסיפור של פרץ: „אם לא למעלה מזה". היו בעירתנו כמה וכמה כאלה שאפשר להגיד עליהם: אם לא למעלה מזה.

למרבית הצער והכאב עלתה עירתנו על המוקד ואיננה קיימת עוד. מצווים אנו לא לשכוח את עמלק ומה שעשה לנו. נספר לילדינו על היהדות המפוארת שהושמדה בצורה כה אכזרית. יספרו נא ילדינו לילדיהם עד סוף כל הדורות.

יבוא היום, ואלקים ינקום את נקמתנו בגרמנים הארורים.



הרב ר׳ חיים מרדכי ברונרוט זצ״ל

מסביב להסתדרות „המזרחי״. גילה פעילות רבה בתנועה בכתב ובעל־פה, מילא גם תפקידים בהנהלת התנועה. בתקופה מסויימת היה חבר הועד הפועל של הסתדרות „המזרחי״ בפולין. ביזמתו נוסדה „כנסת רבני המזרחי בפולין״, והוא עמד בראשה. בשהותו באנגליה שימש סגן נשיא „המזרחי״ שם. השתתף בועידות „המזרחי״ העולמי ובקונגרסים הציוניים הי״ב, י״ג וי״ד.

ביקר בארץ בשנת תרפ״ו ובשנת תרצ״ו. התיישב בה בשנת תש״ג ונתמנה ראב״ד בתל־אביב ויפו. במשרה זו כיהן עד יומו האחרון. כמו כן נתמנה יושב־ראש החינוך הדתי בתל־אביב. לאחר פטירת הרב הראשי רבי משה אביגדור עמיאל זצ״ל, היה פעיל בתנועת „המזרחי״ בארץ והפיץ תורה ברבים. פרסם מאמרים רבים בכתבי־העת של התנועה בארץ ובחוץ־לארץ: „המזרחי״, „די יידישע שטימע״, „הצופה״, ועוד. חיבר ספרים רבים בהלכה ובדרוש, שחלק גדול מהם נשאר בכתב־יד.

הופיעו בדפוס: „אוצר החיים״, פיעטרקוב (תר״ץ), חידושים בהלכה ובאגדה; „אומר ודברים״ (תרצ״ה), דרשות על פרשות השבוע, בספרי בראשית, שמות ויקרא (השאר — בכתב־יד); „סתירת זקנים״ (תש״ח), על מאמרי חז״ל בהלכה ובאגדה (חלק נוסף עדיין בכת״י).

פירסם גם מאמרים הלכתיים לבירור שאלת החליבה בשבת (תש״ו), „נסיעה באוירון בשבת״ („סיני״, כרך י״ד, עמוד קכ״ט—קל״ה), תוך ערנות מיוחדת לבעיות הזמן ולצורך בנין היישוב היהודי המתחדש.

הרב ר׳ חיים מרדכי ברונרוט נפטר בתל־אביב, בז׳ אדר תש״י (1950). תנצב״ה.

משה חיים גאלאנט
קאנאדע

הרב ר׳ אברהם מענדל גאלאנט, זצ״ל



מיין פאטער ר׳ אברהם מענדל איז געבוירן געווארן אין גאווראַוועֹ, ביי זיינע עלטערן ר׳ יצחק יעקב און מלכה פערל גאלאנט ע״ה. דער פאטער, א ווורקער חסיד, איז געווען א למדן און גרויסער ירא־שמים, און אין גייסט פון יידישקייט האבן זיי דערצויגן זייער זון, וועלכער איז געווען א גרויסער מתמיד (געלערנט 18 שעה אין מעת־לעת). ווען מען איז נאר געקומען אין בית־המדרש, האט מען אים געטראפן זיצן און לערנען. איז ער טאקע געווארן א בקי אין ש״ס און פוסקים. שפעטער האט ער חתונה געהאט קיין אסטראווע מיט דער טאכטער פון ר׳ ישעיה טלית־מאכער, וועלכער האט אים געגעבן א היפשן נדן און קעסט, כדי ער זאל קאנען זיצן און לערנען, מיט דער אויסזיכט צו ווערן א רב. אבער ער האט קיין רב נישט געוואלט זיין — נישט געוואלט מאכן פון דער תורה קיין „קרדום לחפור בה״, און זיך גענומען צו מסחר און אויך מצליח געווען. דערביי האט ער אין דער פרייער צייט ווייטער געלערנט.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פאראַרעמט געווארן, און אונטערן דרוק פון ווורקער רבי׳ן, צו וועלכן ער פלעגט פארן, האט ער געמוזט אננעמען א רבנות, און געווארן רב אין שטעטל פּאַרעמבאַ, ביי אסטראווע.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער, צוזאמען מיט זיין משפחה, פארוואגלט געווארן קיין רוסלאנד און דאָרט שטאַרק געליטן צוליב זיין פרומקייט. ער איז אפּגעקומען די טעג מיט א שטיקל ברויט מיט וואסער, און ווען עס איז געווען — אויך מיט אביסל קארטאפל. אזוי איז ער איבערגעקומען עטלעכע יאר. נאך דער מלחמה איז ער עוואקואירט געווארן צוריק קיין פוילן. פון דארט — קיין דייטשלאנד אין א לאגער, ווו ער איז געווען רב, ביז ער איז זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און דא נפטר געווארן בשיבה טובה, כ״ה טבת תשט״ו, אין עלטער פון 80 יאר.

יוסף זילבערצאַן
ישראל

חסידישע געשטאַלטן

ר׳ ישעיהו אייזנבערג ז״ל

ר׳ ישעיהו אייזנבערג, לאנג־יעריקער גבאי פון אלעקסנאדער „שטיבל״, איז געווען א טיפּ פון א שאַרפן חסיד, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס ליבע צום פשוט׳ן יידן. יעדן שבת נאך מיטיק האט מען געזען ווי פייוול דער הינקעדיקער גייט צו ר׳ ישעיה׳ן רופן אים לערנען מיטן עולם אין דער גרויסער שול, חומש מיט של״ה. ר׳ ישעיה האט זיך אנגעטאן די אטלאסענע קאפאטע מיט דער הויכער סאמעטענער היטל איבערגעבונדן דעם האלז מיט דער רויטער פאטשיילע און איז אוועק אין שול אריין. דער עולם האט „געשלונגען״ יעדעס ווארט זיינס.

ר׳ ישעיה האָט געפירט דאס גבאות אין „שטיבל״ מיט תקיפות. אויב ער האט באשלאסן, אז מען דארף זאגן ביים דאַווענען פארשידענע פיוטים, ווי: „שירה״ — אין פסח, אדער, די „עשרת־הדברות״ — אין שבועות, האבן שוין דאמאלסט נישט געהאָלפן די פראטעסטן פון די אלטע חסידים, פון איין זייט, און פון די יונגעלייט, פון דער צווייטער זייט, וועלכע האבן געטעהנ׳ט, אז ר׳ ישעי׳ פירט איין נייע מנהגים אין „שטיבל״. די „יוצרות״ האט מען שוין טאקע, יא געזאגט. אלס „נקמה״, פלעגן אים די חבר׳ה כאפן ביי „גרייזן״ אין עברי, ביי דער „שמונה־עשרה״ פון מנחה אין יום־כפור, וואס ר׳ ישעי׳ פלעגט האבן א חזקה צו דאווענען פארן עמוד. אבער טראץ די דאזיקע „אינצידענטן״, איז ער געווען זער באליבט ביי אלע.

ר׳ ישעי׳ האט געהאט א כשרון צו „פאבריצירן״ תורה־ווערטלעך אויפן ארט; אז דער עולם האט געפאדערט מער בראנפן און קיכלעך אויף „קידוש״, פלעגט ער זאגן: „אינו נאכל אלא צלי״ — אז מען עסט, דארף מען צאלן, און קיין געלט איז נישטא... צו זיין האנדל מיט פעל, פלעגט ער טייטשן דעם פסוק אין מגילת אסתר: „ליהודים היתה אורה״ — אז די יידן האבן ליגן פעל (פון ווארט „עור״); „שמחה וששון״ — ווען איז שמחה און פרייד? „ויקר״ — אז די פעל ווערן טייער...

עס זענען מיר איינגעקריצט אין זכרון, פון יינגלוויין, די שבת־צו־נאכטסן, ווען ביי ר׳ ישעיה׳ן אין שטוב פלעגן זיך פארזאמלען חסידים טרינקען א גלאז טיי מיט צוקער צווישן די שטענדיקע באזוכער האבן זיך געפינען: ישראל לייב קרוק, דער מלמד, אברהמ׳לע גרודקא, דער מלמד, משה סקורניק, דער עקספעדיטאר, יודל, דער זייגערמאכער א. אנד. מיר, די קינדער, האבן געוואַרט א גאנצע וואך, בכדי צו הערן די ווונדערלעכע דערציילונגען, וואס מען פלעגט הערן ביים טיש, אנהויבנדיק פון דער „סלוזשבע״ ביי „ניקאלייקען״ מיט די שדים און רוחות, וואס פלעגן שרעקן אויף דער „וואַרטע״, ביז צו די אקטועלע פאליטישע פראגן. וועגן אלץ און אלעמען האט מען גערעדט ביים טיש, און ברײינע זיין פרוי ע״ה איז געשטאַנען גרייט אויף דער וואַך צו דערגיסן יעדן די גלאז טיי.

ר׳ ישעי׳ האט זוכה געווען צו שטארבן אויף זיין בעט. זיין פרוי, ברײנע (קיין קינדער האבן זיי נישט געהאט), איז געשטארבן אויף פארשיקונג אין די סיבירער טייגעס, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה.

ר׳ יחיאל גערליץ הי״ד

ר׳ יחיאל גערליץ איז געווען איינער פון די אינטערעסאנטע טיפן פון אלעקסאנדער „שטיבל״, א ייד א משכיל, תלמיד־חכם און בעל היתר־הוראה, וועלכער איז צוליב פארשידענע אומשטענדן פארוואנדלט געווארן אין א גאַלאַנטעריע־און קאַלאָניאַל־סוחר. ער איז געווען א ספרא רבא — א רוסיש־און פויליש־קענער און געשריבן ביטעס צו פארשידענע רעגירונגס־אמטן אין די דאזיקע שפראכן.

אין די יוגנט־יארן האט ער זיך געחבר׳ט מיט נחום סאקאלאוו, וועלכער האט אים אפילו פארגעלייגט צו ווערן זיין סעקרעטאר. נאכן אריבערציען זיך פון מאקאווע קיין גאוואראווע, האט ער נאך אנגעהאלטן מיט אים א בריוולעכן קאנטאקט. לאנגע יארן האבן זיי געפירט צווישן זיך די קארעספאנדענץ.

ר׳ יחיאל אין געווען אן אפטימיסט פון דער נאטור, שטענדיק אויפגערוימט, און אלץ אויפגענומען מיט א וויץ און שמייכל. ער איז געווען פון די שטענדיקע בעלי־תפילות אין די ימים־נוראים אין „שטיבל״. אומגעקומען אין די מלחמה־יארן.

ר׳ נטע ריץ הי״ד


ר׳ נטע ריץ, דער מיטאייגנטימער פון דער גרויסער מיל און עלעקטרע־ווערק אין שטעטל, איז געווען א הויכער, ברייט־ביייניקער ייד, וועלכער האט געשפראצט מיט געזונדקייט און ענערגישן אויסזען. ער האט זיך גערעכנט צווישן די אנגעזעענע חסידים פון אלעקסאנדער „שטיבל״, ווייל ער איז אויך געווען א נגיד און זיך ברייט געלאזט קאסטן אויף א דבר מצוה.

ביי פארשידענע געלעגנהייטן פלעגט ר׳ נטע פארבעטן דעם עולם צו זיך א היים אויף „פראבאסטווא״, און די חסידים פלעגן קיינמאל נישט חרטה האבן פאר דעם ווייטן וועג, וואס זיי האבן זיך מטריח געווען. ער האט זיי פארגיטיקט מיט בראנפן לרוב, און קוכנס האבן, פארשטענדלעך, אויך נישט געפעלט; איז דאך עפעס ר׳ נטע געווען, ווי שוין דערמאנט, מיטאייגנטימער פון דער מיל.

ר׳ נטע האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין געזונטן פאלקסטימלעכן הומאר, וואס האט געשפרודלט פון אים. אז ער האט א גוטן וויץ געזאגט, האט דער גרעסטער מרה־שחורה׳ניק געמוזט ארויספלאצן מיט א געלעכטער. ער איז געווען אייניקע יארן פרעזעס פון דער קהלה און שטארק באליבט ביי דער יידישער באפעלקערונג, ווי אויך ביי דער קריסטלעכער. ער מיט דער גאנצער פאמיליע זענען אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשישע היטלעריסטן.

ר׳ אברהם יצחק גאלאנט הי״ד

ר׳ אברהם יצחק גאלאנט, אדער ווי ער איז געווען פאפולער א. נ. „דער קוואשניק״, האט זיך גערעכנט פון די אינטעליגענטע אלעקסאנדער חסידים. ער האט געלעזן א ציוניסטישע צייטונג, געווען א שטיקל חוקר, ליב געהאט זיך צו פארטראכטן וועגן יעדן ענין און נישט אננעמען זאכן צו לייכט.



ר׳ אברהם יצחק גאַלאַנט הי״ד

זיין דעליקאטעסן־געשעפט און אפילו די פריוואט־וווינונג זיינע, איז געווען א טרעף־פונקט, באזונדערס, פאר דער רעלעגיעז־נאציאנאלער יוגנט. אינדערוואכנס פון די זומער־חדשים, האט מען געעסן ביי אים א געשמאקן אייז־קרעם און א גוט גלעזל סאדע־וואסער, און אין די פרייטיק־און שבת־צו־נאכטן — א קאלט גלעזל ביר.

ר׳ אברהם יצחק איז געווען א אויסגעצייכנטער בעל־מנגן — פון די גוטע בעלי־תפילות אין אלעקסאנדער „שטיבל". זיין זון משה איז געווען פון די ערשטע קרבנות; די דייטשן האבן אים געכאפט אין אסטראווע אויף ארבעט, און נאכער אריינגעווארפן



די קינדער פון א. י. גאַלאַנט

אין קאלט וואסער, פון וואס ער האט זיך שטארק פארקילט און געשטארבן. ר׳ אברהם יצחק און זיין משפחה זענען אומגעקומען אין דער לעצטער מלחמה.

ר׳ בערטשע וויראסלאוו, הי״ד

ר׳ בערטשע וויראסלאוו איז געווען אן אמת׳ער טיפּ פון אן אמאליקן אלטן חסיד. טראָץ דעם, וואס זיין פרנסה איז געווען בצמצום גדול, איז ער שטענדיק געווען אין א גוטן מצב־רוח. ער האט ליב געהאט צו הערן און דערציילן ספורי חסידים — מעשיות פון רביים און גוטע־יידן. ער איז אויך געווען א בעלן אויף א גוטן טרינק־בראנפן — 95־ער ממש — אויף די חסידישע שמחה׳לעך, וואס פלעגן אפט פארקומען אין אלעקסנאדער „שטיבל״.

ר׳ בערטשע האט געהאט א חזקה אויף „פסוקי־דזמרה״, אין די ימים־נוראים. ער פלעגט דאווענען בקולי־קולות, און איידער ער האט נאך באוויזן צו ענדיקן די ברכות, איז ער שוין געווען הייזעריק...

ער, ווי אויך זיין גאנצע פאמיליע זענען אומגעקומען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה.

ר׳ אבא ליכטמאן, הי״ד

ר׳ אבא ליכטמאן, אדער ווי מען פלעגט אים רופן: אבא דער בעל־עגלה, איז געווען שטענדיק א אויפגערוימטער און פריילעכער ייד — א מין „לוסטיקער דלות״. ער האט אויפגעהאלטן די „קאמוניקאציע״ צווישן גאווראראווע און רוזשאן מיט זיין האלב־געפגרט פערדל און צעבראכענעם וואגן. א נסיעה מיט ר׳ אבא׳ן האט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין איבעריקער באקוועמלעכקייט. עס איז נישט אדורך קיין איין רייזע, אז אינמיטן וועג זאל נישט צעבראכן ווערן א ראד, אדער דער פערד זאל נישט „פארשטרייקן״. דערפאר האט מען געהאט א פולע פארגיטיקונג פון זיין „קינסטלערישן״ פארוויילן די פאסאזשירן.

ר׳ אבא, מיט זיין אנטוויקלטן חוש פאר הומאר, פלעגט גאר האלטן די פאסאזשירן אין געשפאן: אז עס איז געווען בארג־ארויף, האט ער געהייסן די פאסאזשירן מוחל זיין און מקיים זיין די מצוה פון „עזוב תעזוב עמו״ — העלפן שטופן דעם וואגן בארג־ארויף. טיילמאל פלעגט ער גאר איינשטעלן די פאסאזשירן ווי סאלדאטן ביי „אלעקסאנדער טרעסטי״, ווו ער אליין האט געדינט א סך יארן, און זינגנדיק א פריילעכן מיליטערישן מארש, האט ער מיט זיי אזוי אפגעמארשירט א שיינע פאר קילאמעטער. ווען מען האט שוין געזען די רוזשאנער בריק פאר די אויגן, איז שוין נישט כדאי געווען צוריק איינצושטייגן אין דעם צעבראכענעם וואגן.

ר׳ אבא איז געווען א ייד א יודע־ספר, און אויף די ימים־נוראים פלעגט ער זיך ס׳רוב פארדינגען פאר א בעל־תפילה, אין א דארף נישט ווייט פון רוזשאן. שמחת־תורה, כטוב לב ר׳ אבא ביין, פלעגט ער אין אלעקסאנדער „שטיבל״ איבערזינגען די „שטיקלעך״ פון די ימים־נוראים׳דיקע תפילות, און איבערזאגן די דרשה, וואס ער פלעגט האלטן פאר תקיעות אין דעם דאזיקן דארף. ער האט אונז געהאט דערציילט פאלגנדיקע געשיכטע, וואס עס האט מיט אים פאסירט: איינמאל, איז ער געשטאנען ראש־השנה בייכ עמוד און געדאוונט, און פארן פענסטער האט זיך ארומגעדרייט זיין

א בשן
ישראל

ר׳ אברהמ׳קע צאלקע, הי״ד

א שמש אין א שטעטל איז, בדרך כלל, א טיפּ פון א באשיידענעם שטילן ייד, וואס דאנקט גאט אז מען טשעפּעט אים נישט; גיט גערן א חנופה׳לע די בעלי־בתים, און שטארבט דריי מאל אין טאג פון הונגער, א חוץ שבת און יום־טוב.

ר׳ אברהמ׳קע צאלקע איז, טאקע, געווען א שמש אין גאוואראווע, אבער ער האט גאר נישט אין זיך געהאט פון די אויבן דערמאנטע אייגנשאפטן; ער איז דוקא נישט געווען קיין באשיידענער, גארנישט קיין שטילער, ער האט נישט געחנפה׳ט בעלי־בתים, נאר בעלי־בתים האבן אים געחנפה׳ט, און איז רייך געווען, פארמאגט אוצרות מיט געלט.

טא צו וואס האט ער געדארפט דאס שמשות? טאקע סתם אזוי, פאר ווילטאג. בטבע האט ער געמוזט וויסן אלץ, וואס עס טוט זיך ביי יעדן איינעם פון שטעטל. אלס אפיציעלער שטאט־שמש, האט ער געהאט אומעטום צוטריט. ער איז געזעסן ביים רב, ביי אלע אסיפות, אנטייל גענומען ביי אלע קהלה־זיצונגען, און איז געווען „כל־ולך״ מיט אלע שבעה טובי העיר. מען האט געקאנט אויף אים זאגן, אז ער איז געווען דער „דופק״ פון שטעטל, דער פולס, ווו אלעס האט זיך דורך אים דורכגעקאכט. אלע געשיכטעס און געשעענישן פון שטעטל, אלגעמיינע און פערזענלעכע, אלץ איז אנגעקומען צו זיין ידיעה, און ער האט שוין געוווסט ווו צו רעאגירן און ווו נישט.

ער האט גערן געהאט, אז אין שטעטל זאל זיך רודערן. עפּעס א מחלוקה׳לע צווישן חסידים און מתנגדים, אדער צווישן צוויי כבוד־זוכנדיקע בעלי־בתים, איז ביי אים געווען א מציאה. ער האט שוין געזארגט, פאר קאטאוועס־וועגן, אז דאס מחלוקה׳לע זאל זיך נישט אזוי שנעל איינשטילן...

אין שטאטישן בית־המדרש, איז ער געווען ווי א „מלך בגדוד״ — דער גאנצער בעל־הבית. וועמען ער האט געוואלט האט ער געגעבן אן עליה־לתורה, און וועמען ער האט נישט געוואלט — האט ער נישט געגעבן. ער איז געווען דער בעל־תפילה,

---

(חסידישע געשטאלטן — סוף)

פערדל און געקייט גראז. פלוצים זעט ער, ווי דאס פערדל הויבט זיך אן צו דערווייטערן. עס איז אים געווארן נעבעך ביטער און זויער אויף דער נשמה — א חזן קאן דאך נישט אוועקגיין און מיטן דאווענען פון עמוד; און דא — דער סוס גייט ווייטער און ווייטער... וואס הויבט מען אן צו טאן? דא איז ער געפאלן אויף אן המצאה: ביי יעדן ווארט, וואס ער האט געזאגט, האט ער צוגעזונגען — פּררו, פּררו, פּררו, מיט א שרייעדיק־וויינענדיקן ניגון, ביז דאס פערדל האט דאס דערהערט און זיך צוריקגעקערט. דערביי האבן די דארפס־בעלי־בתים „געלעקט די פינגער״ פון דעם בייעם חזנישן ניגון...

ער איז אומגעבראכט געווארן מיט דער גאנצער פאמיליע אין דער לעצטער מלחמה.



ר׳ אברהמ׳קע און לאה צאלקע, הי״ד

דער בעל־קורא, און דער פארזארגער פון פרעמד־צוגעפארענע ארעמעלייט. כאטש עס זענען געווען נאך צוויי שמשים, האט ער נישט מוותר געווען צו באגלייטן דעם רב צום־און פון־דאווענען, און אין אלע אנדערע פלעצער, וווהין דער רב האט געמוזט אפיציעל באזוכן.

פון נאטור־אויס, איז ער געווען אן הארציקער און א פריילעכער, און מען האט אים גערן געזען אין יעדן הויז.

ר׳ אברהם איז געבוירן געווארן אין גאוואראווע. זיין פאטער האט געהייסן נתן קלמן נאך זיין חתונה איז ער געווארן א „בייגער" און זיך געמוטשעט מיט פרנסה. נאר ווען זיינע קינדער זענען אונטערוואקסן, און אוועקגעפארן קיין אמעריקע, האט זיך זיין לאגע געענדערט צום גוטן. זיינע קינדער האבן אים איבערגעשיקט א סך געלט, און ער האט זיך מיט דער צייט גערעכנט פון די שטעטלדיקע נגידים.

פון־צייט צו־צייט, פלעגט קומען פון אמעריקע אים באזוכן איינס פון זיינע קינדער. עס פלעגט דאן זיין א סענסאציע אין שטעטל — אן אמעריקאנער „לאָרד", מיט א העלן קראטן אנצוג, א פאנאמע שטרוי־הוט מיט א גראבן ציגאר אין מויל. אלע פלעגן אים נאכקוקן, און אברהמ׳קע האט געשעפט נחת גאנצע עמערס...

קיין געהאלט פון שמשות האט אברהמ׳קע נישט גענומען. ער האט עס געטאָן לשם־מצוה. און, טאַקע, פאר זיין אייגענעם פארגעניגן אויך...

ר׳ אברהמ׳קע מיט זיין פרוי לאה, זענען נאכן מלחמה־אויסברוך, אריבער קיין סלאָנים און דאָרט אומגעקומען. ער איז שוין געווען אַ קרוב לשמונים, הי״ד.

יצחק ורדי־רוזנבלום
ישראל

תולדות משפחה אחת בגובורובה

גובורובה, העירה היהודית הטיפוסית במרכזה של פולין החסידית, לא היתה שונה באופיה ובצביון חייה משאר חברותיה ושכנותיה. מבורכת היתה בכל הסממנים של „העיירה" על מעלותיה ומגרעותיה; בעלי בתים מכובדים, תלמידי חכמים מחד, ויהודי „עמך" יקרים בפשטותם וטוב לבם מאידך. החיים התרקמו והתרקחו בבתי העץ הקטנים והנמוכים, שהיו פזורים ב„ככר השוק" ובמספר רחובות שהסתעפו ממנה. רסן „המינהל הציבורי" אחוז בידיהם של הרב דמתא ופרנסי הקהל, כל הפעילות החברתית שכנה כבוד בבית־הכנסת וב„שטיבלאך", שהמנצחים עליה — גבאים נשואי־פנים ובעלי תריסין בתורה, או „תקיפים" מכח ממונם.

סדר חייו של בעל בעמיו ב„סתם יום של חול" דומה היה אחד למשנהו: משכים אדם קום לעבודת הבורא, פוסע בחפזה לבית מדרשו או ל„שטיבל" שלו לתפילה בצבור, מפטיר בדף גמרא או פרק משניות, „עין יעקב" או פרק תהלים, איש איש ומנהגו בידו, שב לביתו לפת שחרית ולאחר מכן, פונה לעסקי החולין שלו להביא טרף לביתו.

עסקי החולין, מהם התפרנסו יהודי העיירה, לא הטציינו במיוחד בר־גוניותם. „מרחב המחיה" שלהם השתרע על שטחים מצומצמים ביותר, במסחר הקמעונאי ובמספר ענפי מלאכה שהחזיקו בהם יהודים מדורי דורות. המסחר התרכז בעיקר ב„ככר השוק" על חנויותיו ודוכניו ובהם סחורה קצת מזה וזעיר מזה; סוכר ומלח, נפט ועיטרן, סידקית ושאר ירקות פרנסתם תלויה היתה בעיקר בחסדיהם של „התיירים" דאז — הגויים הכפריים שבסביבה, שהיו נוסעים לעיירה למכור את תוצרתם ולערוך בה קניותיהם, במשך כל ימות השבוע ובעיקר ב„יומי דשוקא". החנוני הזעיר ובעל המלאכה לא ראו ברכה רבה בעמליהם; טבעם של הכפריים „לעמוד על המיקח", לקנות כמויות קטנות ולעתים קרובות אף לקחת בהקפה ולהשמיט חובותיהם. כדי להרויח את לחמו, נאלץ היה החנוני או בעל המלאכה בעיירה, לעבוד ולעמול, הוא יחד עם בני משפחתו, מהבוקר עד הערב.

אולם בנוף זה היו בכל עיירה כמה יהודים יוצאי דופן שמספרם נער יספרם, אשר מצבם הכלכלי היה יותר טוב ומעמדם מכובד בעיני הבריות והם: סוחרי היערות וסוחרי התבואות, המגלגלים בעסקים גדולים; קונים מהפריצים ובעלי האחוזות יערות שלמים ומברים אותם. את העצים היו משיטים ברפסודות על פני נהרות פולין ליצא אותם לחוץ לארץ, קונים תבואות מהגרנות והאספים ושולחים אותן בקרונות לארצות שונות. סוחרים אלה על פי רוב גרו בבית חומה מרווח, התנהגו ברחבות ובנדיבות ודעתם מקובלת על בני העיירה. מעמד דומה להם היה גם ל„סוחרים־הנוסעים", ה„שפיליטערים" בלע"ז שרוב ימיהם בילו בעיר הגדולה בבתי המסחר הסיטונאיים והסוכנים הראשיים של בתי החרושת, מהם היו מזמינים וקונים כל מיני סחורות בשביל בעלי החנויות והדוכנים בעיירה, אף מסחר זה התנהל בהיקף כספי ובריוח ניכר.

משפחת ר' שמואל רוזנבלום אף היא נמנתה על מעמד סוחרי התבואות שבעיירה. ר' שמואל עצמו יליד גובורובה היה ומומחיותו בעסקי התבואה באה לו בירושה מבית

אבא ביחד עם „חזקה" ושם טוב אצל הפריצים ובעלי האחוזות, אשר מכרו לו את תבואותיהם ופרי בוסתניהם וגניהם. במיוחד הצליח בידו המסחר בתבואה, אשר שלח אותה בכמויות גדולות לדנציג וברצות ה' והברכה היתה בשדות ובאסמים ואף המחירים בשווקי העולם היו טובים, ראה גם הוא ברכה במסחרו, כך שמצבו הכלכלי היה בדרך כלל שפיר. אבל לא בגלל כך בלבד היה ר' שמואל מכובד בעיירה, גדלותו בתורה, בקיא בש"ס ופוסקים, פירסמו את שמו מחוץ לתחומי העיירה ולעתים קרובות נתבקש ע"י רבנים חשובים מערי הסביבה לבא ולשמש כבורר ופוסק בענינים מסובכים ובעיקר בקרב אנשי המסחר הגדול. ר' שמואל הסתופף בחצרו של הרבי מאלכסנדר ונמנה על המקורבים אליו ביותר. ידוע היה ר' שמואל גם כבעל־צדקה וביתו פתוח היה תמיד לכל אדם, לעזרו בשעת דחקו בכסף, בעצה ועדוד. את כל זה עשה בענוות רוח, אחוה וריעות. לא ייפלא איפוא, שבמשך שנים מרובות שימש כפרנס הקהל, כשהוא מקובל ואהוב על כל שכבות הצבור.

מקום מגורי המשפחה היה בביתה הפרטי שברחוב הארוך („לאנגע גאַס") ובו חדרים מרווחים ונאים אשר תמיד שקקו חיים תוססים מהמשפחה הגדולה, המסחר ועסקי הכלל. אחד החדרים מופרש היה כמקום לימוד תורה בו בילה את שעותיו הפנויות ובשעותיו המאוחרות של הלילה. בחדר זה עמדו ארונות ומדפים מלאים וגדושים ספרי קודש, ספרי שו"ת ופוסקים, ספרי חסידות ודרוש ומתוך כולם מתנוצץ לו, בכריכתו העורית ההדורה „ש"ס וילנא", שהיה נחשב בימים ההם כנכס יקר, תרתי משמע. אשתו שרה ז"ל, בתו של ר' משה מינץ, צופיה היתה הליכות הבית ומשתפת עצמה כעזר כנגדו בכל מעשה בעלה, הן בעניני המסחר והן במתן צדקה בגלוי ובסתר. ביחוד דאגה להנעים את שהותם של העניים אשר הוזמנו להתארח בביתה והאכילה אותם ממיטב המזון שבמזוה. עיקר כוחותיה ותשומת לבה הקדישה לחנך את ילדיה לתורה ולמעשים טובים בשמשה להם דיגמא ומופת ועל כך אהבוה והעריצוה ללא גבול.

אולם משפחה זו ידעה גם ימים טרופים ורעים. השריפה הגדולה שפרצה בגובורובה בשבת חזון של שנת 1888 בערך, לא פסחה גם על ביתו של ר' שמואל וכילתה את הבית על כל אשר בו ואת מחסני התבואה שהיו בחצר הבית, כשהם מלאים וגדושים. כרבים אחרים בעיירה הצילו רק את נפשם בכפם, בעירום ובחוסר כל. במצב קשה ומדכדך, נאלצו לעבור לגור לבית אחר שברחוב השוק, ירושת אשתו שרה ז"ל מאביה ר' משה מינץ.

אסון השריפה שפגעה במשפחה זו, הביא בעקבותיו אסון המור עוד יותר. בעת השריפה הצטנן ר' שמואל וחלה במחלה אנושה, אשר ממנה לא קם עוד וביום כ"ד בחשון של אותה שנה הלך לעולמו, כשהוא עדיין במיטב שנותיו, בהשאירו אחריו אלמנה יעשרה ילדים. ארבעת הילדים הגדולים אמנם נישאו ויצאו לרשות עצמם בעוד האבא בחיים, אולם ששת הילדים הנותרים, הקטנים והרכים נפלו למעמסת פרנסה וחינוך על שכמה של אלמנה מחוסרת כל לאחר השריפה.

באין ברירה, נאלצה אמא שרה ז"ל, להתחיל הכל מחדש והמשיכה במסחר תבואות. הפריצים ובעלי האחוזות, התייחסו אליה בכבוד רב ועזרו לה על ידי כך, שהיו בעצמם מביאים אליה את התבואות, כדי שלא תצטרך לכתת רגליה לכפריהם. במיוחד העריכו את ישרה וחריצותה. אולם מסחר זה בתבואה הקשור גם בעבודה גופנית קשה ומעייפת, הכביד עליה במאד ונאלצה להמירו במסחר של חמאה וביצים, שבעלי האחוזות היו

מביאים לביתה והיתה שולחת אותם לורשה לסוחרים שונים מדי יום ביומו. לאט לאט הצליחה להחזיר למשפחה את בטחונה הכלכלי ולגדל את הילדים לתורה, ליראת שמים ולדרך ארץ.

וכך חלפו ימים ושנים ומשפחת ר׳ שמואל רוזנבלום, שהורתה ולידתה בגובורובה, התפזרה והסתעפה לכל עבר ורוח:

הבן הבכור ר׳ חיים לייב ז״ל, עבר לגור למישיניץ. היה למדן מופלג, אף הוא כאביו, מחסידי אלכסנדר המובהקים. במישיניץ נחשב בין בעלי־הבתים המכובדים. הבת רבקה ז״ל נישאה לר׳ מרדכי יוסף רוזנבלאט ונשארו לגור בגובורובה. שניהם ניספו במגיפה שהשתוללה בראשית המאה העשרים בגובורובה ובסביבה. השאירו אחריהם שלשה יתומים קטנים אשר נאספו לביתנו והתחנכו במשפחתנו כאחים ואחיות לכל דבר. הבן השלישי ר׳ מרדכי מנחם ז״ל, שימש כדיין ומורה הוראה בקוסוב־טעלאַקי ואף הוא היה ידוע כגדול בתורה ובחסידות.

הבת הרביעית זייפטל ז״ל, התחתנה עם ר׳ אליהו אורז׳ך, אחד מסוחרי היערות הידועים בפולניה. ביתם בורשה, ברחוב מורנובסקי 22, היה לשם דבר בעשירותו ומנהגי האצילות שבו. השאירו אחריהם שתי בנות, שנספו בשואת היטלר ימ״ש.

הבת בריינה, הי״ד, התחתנה עם ר׳ חיים בער גרודקה הי״ד, מגובורובה, המוכר וזכור היטב לכל בני העיירה, כבר אוריין, חכם ונבון, בעל הדרת־פנים, אשר תמיד נסוכה עליהם חיוך של טוב־לב וחדות חיים. ר׳ חיים בער היה נמנה על „הסוחרים־נוסעים״ („שפיליטער״), היה שולח לורשה מצרכי מזון ומביא משם כל מיני סחורות בשביל החנינים ובעלי הדוכנים בגובורובה. לר׳ חיים בער היו בנות, שחלק מהן הקימו משפחות בגובורובה והתערו בה. רק שתי בנות נשארו מכל משפחתו שהושמדה בשואה והן נמצאות בישראל: הגב׳ אלקה, שנישאה לר׳ אליהו ברוכנסקי, בנו של החזן ר׳ מלכיאל והגב׳ מנוחה שנישאה לליליד הארץ ר׳ משה זלצר. שתיהן הקימו משפחות מכובדות בארץ.

הבן ר׳ דוד ז״ל, היה פאר המשפחה כולה. עוד בצעירותו יצא לו שם בקרב הרבנים והלומדים בסביבה כגדול בתורה ובעל מידות תרומיות. בעודו עול ימים הוסמך להוראה ע״י הרבנים מאוסטרולנקה וטשרבין. בענותנותו הרבה סירב בתוקף לכל ההצעות למנותו כרב באחת העיירות. הרב הגאון ר׳ אברהם יוסף צינוביץ׳ זצ״ל, הרב והמו״צ באוסטרוב־מזוביצקי (מחבר הספר „סלסלות יוסף״), נתן עינו בבחור הלמדן המופלג ויפה התואר ולקח אותו לביתו כחתן לבתו נעמי. שידוך זה של בחור חסידי לבית רב ליטאי היה דבר נדיר בימים ההם. ר׳ דוד היה סמוך על שולחן חותנו והתאבק בעפר רגליהם של גדולי הרבנים והאישים, אשר היו מבאי ביתו של ר׳ יוסל׳ה צינוביץ׳ באוסטרוב ולאחר מכן בעברו לכהן כרב ומו״צ בלומז׳ה. ר׳ דוד שלח ידו במסחר ובתקופה מסוימת, כשהיה גר עם משפחתו ברוז׳ן, שימש כספק מאושר לצבא הרוסי. פרנסתו היתה מצויה לו ברווחה ובכבוד ולמרות טרדותיו המרובות לא החסיר אף יום אחד את שעורו הקבוע בגמרא. במסירות יוצאת מן הכלל טיפל בילדיו לחנכם לתורה ודרך ארץ וזכה עוד בחייו לראות פרי הלולים. בתו הבכירה רחל, היתה לגננת בלומז׳ה ופעילה בהסתדרות הציונית במקום, עלתה לישראל, התחתנה עם ר׳ שלמה סלוצקי (בעל ביח״ר לנגרות „ארז״ בת״א). הבן ר׳ שמואל חיים אף הוא יליד גובורובה המשיך את שלשלת הזהב המשפחתית ונחשב כאחד העילויים הצעירים והנודעים בקרב בני הישיבות והרבנים. בגיל י״ח כבר פירסם ספר שאלות ותשובות בשם „בכורי שחר״,

שתכנו משא־ומתן הלכתי עם הגאונים ר׳ חיים עוזר גרודזנסקי מוילנא, הגאון ר׳ יוסף רוזן מרוגצ׳וב, הגאון ר׳ מאיר שמחה מדוינסק ועוד ועוד, בתשובותיהם הם מכתירים אותו בתוארים כאלה, שאף רבנים ישישים היו מתקלסים ומתהדרים בהם. בתקופת הגיטו הוא שימש ברבנות בלומז׳ה, כממלא מקום זקנו הרב ר׳ יוסל׳ה צינוביץ זצ״ל. ניספה בשואה יחד עם יתר בני המשפחה, ההורים ר׳ דוד ונעמי, האח פנחס והאחיות משקה וצפורה הי״ד. הבן ישראל יצחק ורדי (רוזנבלום), למד בישיבות ליטאיות סלונים ולומז׳ה, מכנהיגי „החלוץ המזרחי״ ו„השומר הדתי״ בלומז׳ה, ועד שנת עליתו ארצה 1936, עבד במרכז תנועת ה„מזרחי״ בורשה. בישראל עבד תחילה בועה״פ של „הפועל המזרחי״ והיה פעיל בתנועה זו וחבר במוסדותיה המרכזיים, כעת עובד כפקיד בכיר בעירית תל־אביב, בתור בוחן ראשי במחלקה לבקורת.

הבת דבושה תבל״א, היתה הראשונה, שבהיותה עוד ילדה קטנה, התעופפה מהקן המשפחתי ונדדה לעיר הגדולה ורשה, שם התחנכה אצל בת דודה חנה קרויטמן. שכנה אחת, בעלת חנות מכולת, נתנה בה עיניה בגלל זריזותה והתמצאותה בעניני מסחר והזמינה אותה לעזור לה בעסקי החנות. תמורת עבודתה, סיפקה לה כל צרכיה ואף הפרישה למענה מדי חודש בחדשו, לקופה שמורה, רובל אחד. בכל מיני הזדמנויות היתה מעניקה לה סכומי כסף נוספים, שאף הם הופקדו בקופה זו. תוך תקופה קצרה הצטבר בקופה כארבעים רובל, סכום מכובד באותם הימים. באחד הימים באה אמא ז״ל לבקרה ומצאה אותה עובדת בחנות, הדבר לא מצא חן בעיניה והחזירה אותה לגוברובה. בהיותה כבר „בעלת־הון״ החלה דבושה בעצמה לסחור בקונפקציה ובגיל 17 בערך נעשתה לסוחרת בעלת מעמד עצמאי בעיירה. בשנת 1912 נישאה לר׳ ברוך בהר״ב, בנו של השוחט ר׳ מרדכי מוישקוב ופתחו שם חנות לקונפקציה. במלחמת העולם הראשונה כשנכנסו הרוסים לוישקוב, התנפלו הקוזקים על החנות ובזזו אותה ולא השאירו מאומה מכל הרכוש שצברו בעמל רב. בעירום ובחוסר כל, שבו לגוברובה ושם החלו במסחר של מצרכי מזון. בשנת 1921 נפטר בעלה ר׳ ברוך ז״ל והגב׳ דבושה נשארה אלמנה עם שלשה ילדים קטנים.

באותה תקופה חדרה גם לגוברובה הרוח הציונית וצעירי העיירה וכמה בעלי־בתים מכובדים הקימו בה הסתדרות ציונית. הגב׳ דבושה היתה מן הראשונות שהצטרפו להסתדרות זו ואף היתה חברת ועד. פעילה מאד באסוף כספים למען ארץ ישראל, מכירת שקלים וגם חתמה על עתון „הצפירה״. ב־1920 הקימו ספריה אשר שוכנה בביתה של גב׳ דבושה. הרב מגוברובה, שהיה מתנגד לציונות לא ראה בעין יפה את הקמת הספריה ומה עוד, שהנוער היה מתאסף שם לויכוחים ופעולות תרבותיות. המצב הגיע עד כדי כך, שהרב איים בהטלת חרם על גב׳ דבושה, הספריה ומבקריה. המזכיר של ההסתדרות הציונית היה אז ר׳ בנימין גינזבורג. בערבי ספרות שהיו נערכים על ידו היה קורא מיצירות מנדלי, שלום עליכם, פרץ ועוד. ר׳ בנימין הצטיין גם בשירה ובקולו הערב הנעים בזמירותיו במפגשים החברתיים. באזני רבים מהדהד ודאי עדיין שירו המלבב „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטען״. בהסתדרות ציונית זו פעילים היו ממיטב הצעירים בעיירה, כגון, יהודית רוזן, דוד אהרן גרודקה, דוד הירש ואחיו נפתלי מינץ, יחיאל פשיסוסקר, חיים אלתר, בנו של החייט בנדט, רחל מינץ, שרה טננבוים, ביילה רוזן, אסתר צ׳כנובר, חנה פרידמן ועוד. ליד ההסתדרות היה קיים חוג דרמטי, שהציג את המחזה „מכירת יוסף״ וההכנסה היתה מוקדשת לא״י. כעבור שנים מספר חזרה הגב׳ דבושה

לוישקוב וחידשה שם את חנות הקונפקציה. וכך גידלה את ילדיה באוירה של פעילות צבורית ועסקנות ציונית. בשנת 1935 עלתה לארץ ישראל. באותה שנה נפתחה התערוכה בתל־אביב הקימה שם קיוסק למשקאות. עם הקמת נמל תל־אביב, פתחה בשטחו בית־קפה ומסעדה לפועלי הנמל. אחרי נדודים ותלאות שעדו עליה, הצליחה לפני מספר שנים, יחד עם בעלה ר׳ ישראל חיים אוסנהולץ שיחי׳ לבסס להם בבת־ים חנות למכירת פרחים, המפרנסת אותם בכבוד. בכל מקומות מגוריה ידעו ויודעים מכריה ושכנותיה לספר על מעשיה הטובים ושוב לבה. בני העיירות גובורובה ווישקוב, בצר להם פונים לעזרתה ומקבלים אותה ממנה בסבר פנים יפות וביד רחבה, אף בזמנים כשהיא עצמה היתה במצוקה. משלשת ילדיה זכתה ורק הבן הבכור עלה לארץ והתערה בגבעתיים בתור גנן ובעל חנות לפרחים. בתה פייגה והבן הצעיר אהרן, נשארו בפולין ונספו בשואה.

הבן החמישי בעריש ז״ל היה היחידי במשפחת ר׳ שמואל שעמד למבחן הצבא הרוסי ונתקבל, אולם כמנהג שהיה רווח בקרב הצעירים בימים ההם, ברח אף הוא לאמריקה, עבד שם ועמל קשה, עד שהגיע למעמד סוחר עמיד. במשך שנים מרובות, היה שולח מדי חודש בחדשו סכומי כסף לפרנסת אמו וליתר בני המשפחה בפולניה. הוא עצמו היה איש ישר רודף צדק ונדיב לב. בשנת 1958 נפטר בארצות הברית.

הבן הצעיר ביותר היה הרב ר׳ אהרן, אם כי מקום ומקור גידולו היה במשפחה חסידית, הוא בחר דוקא ללמוד בישיבות ליטאיות ולא ב„שטיבל״. עזב את הבית בגיל צעיר למקומות תורה המפורסמים ביותר, כמו ישיבת ראדין (מקום משכנו של ה„חפץ חיים״ זצ״ל) ולאחר מכן, בישיבת לומז׳ה הגדולה, בה הוסמך גם לרבנות ע״י הרב י. ל. גורדון והרב ר׳ יוסל׳ה צינוביץ׳. בישיבת לומז׳ה נחשב ר׳ אהרן „גובורובר״



שורה ראשונה (מימין): שרה טננבוים, חנה פרידמן. עומדות: דבושה רוזנבלום
אסתר צ׳יכנובר, ביילה רוזן

יעקב גורקא
ישראל

מיין פעטער ר׳ אפרים לייב בוינעס

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט מיין פעטער, ר׳ אפרים לייב בוינעס געפירט א שיינע נגידישע שטוב, און איז גערעכנט געווען אין שטעטל צווישן די שבעה טובי העיר. זיין מסחר איז געווען: א הורט־האנדל פון שפייז־ארטיקלען. גאנצע וואגאנעס מיט רייז, צוקער, נאפט און שוועבעלעך האט ער אימפארטירט פון רוסלאנד און פארקויפט צו דעטאל־סוחרים פון שטעטל. שפעטער האט ער אפגעקויפט פון א רוסישן גענעראל א גרויסן וואלד־שטח נעבן רוזשאן, ער האט אויסגעהאקט די בוימער, צעשניטן זיי אויף באן־שוועלן און דאס עקספארטירט קיין דייטשלאנד. אין מיין פעטערס וואלד

(תולדות משפחה אחת — סוף)

(כך כינוהו שם), בין הבחורים המעולים והמצויינים. בעל מזג טוב היה וחביב על רבותיו וחבריו כאחד. התחתן עם גב׳ רייזל מזמברוב. בעזרת אחיו ר׳ בעריש, נסע לארצות הברית ונעשה שם לרב, מקובל ואהוב בקהילתו אשר בברונקס, נמנה על הרבנים החרדים בארצות הברית. היה מהפעילים בארגון תלמידי ישיבת לומז׳ה, תורם ומתרים למוסדות תורה וחסד. שליחי המוסדות מישראל אשר בקרוהו בארצות הברית והרבנים אשר היו באים מהתם להכי, ספרו עליו מעשים מופלאים על מסירותו ללא גבול למצוות הצדקה, עד שהיה מוסר את הדולר האחרון שבכיסו לכל פושט־יד ללא כל חקירה ודרישה. אף הוא כאחיו בעריש, תמך במשפחתו המסועפת, הגדיל לעשות בפעילותו ב„ועד ההצלה" בתקופת השואה. השתוקק שנים מרובות לעלות לישראל ולפחות לבקר בה, אבל נפטר באופן פתאומי על מזבח עבודת הקודש בי"ט אלול תשכ"ב, כשהשופר בידו לתקיעת התעוררות של חודש אלול לאחר תפילת שחרית, בבית הכנסת שנקרא על שמו, „בית אהרן" בברונקס. הספידוהו גדולי הרבנים בארצות הברית. בישיבת לומז׳ה בפתח־תקוה, נקבע לוח זכרון לזכר פעליו המרובים למען ישיבה זו. דברי הערכה והוקרה חמים נאמרו לזכרו ע"י רבו הרב הגאון ר׳ י. מ. גורדון שליט"א, הר"מ של הישיבה כעת בפתח־תקוה.

הבת הצעירה ביותר במשפחה היתה שיינה ז"ל. התחתנה בקולנה לר׳ זאב זבלוצקי, שאף הוא עסק במסחר התבואה. האמא שרה ז"ל, עברה לאחרונה לגור אצלה לקולנה והתהתנה עם אביו של ר׳ זאב ר׳ נחמן זבלוצקי. לגב׳ שיינה נולדו שבע בנות. כולן הצטיינו ביפין ובחנוכן הטוב. הבת הבכירה סיימה את סמינר „בית־יעקב" בקרקוב והיתה למורה. כל המשפחה נספתה יחד עם יהדות פולין בשואת היטלר ימ"ש.

אלה תולדות משפחה יהודית אחת, אשר ענפיה ופארותיה הסתעפו מהעץ אשר נשתל וגדל על פלגי מי הנהר „הירש", בעיירה הקטנה והנעימה גובורובה. על עץ זה ועצים רבים אחרים עלה הכורת ועקר שרשיהם העבותים. העיירה נמחתה ממפת היהדות ורק אותיותיה הפורחות וצאצאים שרידים נשארו לפליטה, למען ידע הדור והבאים אחריו לספר, יקר ערכה וגדולת רוח אנשיה.

(רוב הדברים נרשמו מפי הגב׳ דבושה אוסנהולץ שתחי׳, בבת־ים)

האבן געארבעט א סך גוי׳שע ארבייטער, אונטער דער אנפירונג פון שבתי קופער און זיין זון שמואל, פון דלוגאָשאַדלע. איך געדענק א פאל, אז אין דעם דאזיקן וואלד האבן אמאל גוי׳ים בארויבט און דערמארדעט צוויי גאווראווער יידן, די ברידער אלטארזש, אברהם יצחק און לייבל, תבואה סוחרים, באגראבענדיק זיי לעבעדיקערהייט. שפעטער האט מען געפינען די מערדער.

מיין פעטער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם. ער האט אין שטוב געהאט א ווילנער ש״ס און א גרויסע שאנק מיט ספרים. ער האט שטענדיק געלערנט אדער מעיין געווען אין א ספר. ער פלעגט אפט פארן צום ווורקער רבי׳ן און איז געווען אן אנגעזעענער חסיד אין הויף. דער בראקער רבי, וואס איז בארימט געווען פאר א בעל־מופת, פלעגט צוויי מאל אין יאר קומען קיין גאווראווע און איינשטיין ביי מיין פעטער אין שטוב. 6 צימערן זענען געווען אין מיין פעטערס דירה, און אלע זענען פול געווען מיט מענשן, וואס זענען געקומען צום רבי׳ן בעטן א ישועה. צוזאמען מיטן רבי׳ן איז שטענדיק מיטגעקומען א משמש און זיינע צוויי זין. דעם רבי׳נס עלסטן זון האט מען געשדכנט מיין פעטערס טאכטער דינה, וועלכע איז אליין געווען אן „אויסגעבעטן" קינד פון רבי׳ן. אין די ערשטע יארן נאך זיין חתונה, האבן זיך ביים פעטער נישט געדאלטן די קינדער. האט דער בראקער רבי געהייסן אנטאן דינה׳ן אין ווייסע קליידער. ביז 15 יאר האט דינה געטראגן די ווייסע מלבושים. דעם רבי׳נס סגולה האט געהאלפן, ווייל דינה און די אנדערע טאכטער, ציפה, זענען שיין און געזונט אויסגעוואקסן, וואס מען האט אנגענומען פאר א מופת פון רבי׳ן.

די מומע צירל, א קליינוויקסיקע און רירעוודיקע יידענע, האט אנגעפירט מיט דער הויז־ווירטשאפט און אויך צוגעהאלפן דעם פעטער אין די געשעפטן. זי איז בארימט געווען פאר א בעלת־צדקה, געהאלפן ארעמעלייט און חתונה געמאכט כלות ביי זיך אין הויז.

פאר די צוויי טעכטער האט מיין פעטער געהאלטן א מלמד, וואס האט מיט זיי געלערנט לשון־קודש און תנ״ך, ווי אויך — לערערס פאר דייטש, רוסיש און פויליש. די עלטסטע טאכטער דינה איז, טאקע, געווען זער געבילדעט און האט גערעדט עטלעכע שפראכן.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דעם פעטערס משפחה פארוואגלט געווארן קיין טיף־רוסלאנד, און ווען זיי זענען צוריק־געקומען קיין פוילן, האבן זיי אלץ געטראפן פארברענט און רואינירט. אפילו דעם וואלד, וואס דער פעטער האט אפגעקויפט ביים רוסישן גענעראל, האט די פוילישע רעגירונג קאנפיסקירט. איין „טובה" האבן זיי אים געטאן: זיי האבן אים געלאזט נעמען געהילץ אויף אויסצובויען א שטוב פאר זיין־און פאר אונזער משפחה. פון די צרות איז דער פעטער געווארן בלינד געווארן, און די מומע צירל איז פון עגמת־נפש געשטארבן.

שוין זייענדיק א סגי־נהור, האט מיין פעטער ממשיך געווען דאָס לערנען מיט התמדה פון אויסנווייניק; ער האט נישט פארמיטן א דאווענען בציבור, און איז ווייטער געווען דער בעל־תוקע פון ווורקער „שטיבל". ער איז געשטארבן אין יאר 1932, אדער 1933.

די עלטסטע טאכטער דינה מיט איר מאן און דריי געראטענע קינדער זענען טראגיש אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשן אין די חורבן־יארן. די יינגערע טאכטער געפינט זיך היינט מיט איר מאן און 2 קינדער, אין אמעריקע.

א. בשן
ישראל

ר׳ וועלוול און פייגע בלומשטיין הי״ד



ר׳ וועלוול און פייגע נחמה בלומשטיין הי״ד

אלס חדר־ייִנגלעך, ווען דער רבי האט געלערנט מיט אונז דעם פסוק: „ראה קראתי בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה", האט זיך אונז פארגעשטעלט אין פאנטאזיע, בצלאל דער משכן־מייסטער, אזוי ווי ר׳ וועלוול דער זייגערמאכער, א הויכער, א שטראמער מיט א לאנגער ווייסער בארד און אראפגעלאזטע שפאקולן אויף דער נאז. פונקט ווי בצלאל האט געמאכט די אלע קינסטלעך־קאָמפּליצירטע משכן־כלים, דעם חושן און אפוד און אלע בגדי כהן, אזוי קאן ר׳ וועלוול מאכן מעשה חושב פון זילבער און גאלד, חרושת אבן ועץ, טאקע ווי אין פסוק שטייט.

עס איז נישט נאר געווען א קינדערישע פאנטאזיע. אזוי איז טאקע געווען אין דער ווירקלעכקייט. אזא קינסטלערישן חוש און גאט־געבענטשטע הענט ווי ר׳ וועלוול האט געהאט, איז געווען א זעלטנהייט צו טרעפן. א זעלטענער גאלדשמיד, א ערשט־קלאסיקער זייגערמאכער, און אפילו אן ארכיטעקט פון א גרויסער מדרגה. ווער עס האט געזען ביים בויען דעם שטאטישן בית־המדרש ווי ער האט אנגעפירט מיט די גויאישע בוי־מייסטערס און יידישע סטאָלערס. נישט קיין „קטלא־קניא׳ס", אבער זיי האבן אים אלעס געפאלגט ווי א בר־סמכה און אויטאריטעט.

אבער ר׳ וועלוול איז נישט נאר געווען א מענטש פון קונסט, ער איז אויך געווען א מענטש פון געזעלשאפט, א ערלעכער עסקן בצרכי־ציבור; כמעט ביי אלע קאדענצן געווען דאזאר אין קהלה, און עס איז נישט געמאכט געווארן קיין איין שטאטישע תקנה אן ר׳ וועלוולס מיטשטימונג. א אמת׳ער פרומער ייד איז געווען ר׳ וועלוול, אַ פייערדיקער גערער חסיד, אבער נישט מיט קנאות און עקסטרעמקייט. ער האט

י. בן־חסיד
ישראל

ר' מרדכי לייב גורקא. ז״ל

ר' מרדכי לייב גורקא ז״ל האט זיך געדעכנט אין שטעטל צו די ערלעכע צניעות'דיקע געשטאלטן. כאטש ער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם און א טיף־באוווסטזיניקער מענטש, דאך האט ער זיך געהאלטן באשיידן, ליב געהאט צו לעבן אפגעזונדערט, ווייט פון כבוד און זיך נישט געמישט אין קיין קהל'ישע ענינים.

ר' מרדכי לייב איז אליין א געבוירענער אין אסטראלענקע. קיין גאוואראווע איז ער געקומען, ווען ער האט חתונה געהאט מיט זיין פרוי דבורה, פון דער בארימטער משפחה פּאָטאַש, וואס האבן זיך געהאלטן פאר די מיטגרינדער פון שטעטל. זיינע עלטערן זענען געווען יידן, פשוטע בעלי־מלאכות. אויך זיינע 4 ברידער און 2 שוועסטער

(הֶעלוול בלומשטיין — סוף)


מכבד געווען יענעמס געפילן, נישט באליידיקט קיין מענטש, נאר פאר זיך איז ער געווען א קפדן און א מחמיר.

זיין פרוי פייגע נחמה איז געווען א זעלטענער טיפ פון א יידישער פרוי. גייסטרייך, שטענדיק פריילעך, מיט א סך ענערגיע, וואס זי האט אויסגענוצט פאר צדקה־און געזעלשאפטלעכער פרויען־ארבעט. ביי אלע פרויען־אסיפות וואס זענען פארגעקומען ביי דער רביצן גענענדל ע״ה, איז זי געווען פון די ראשי־המדברות. זי איז געווען א עכט־קלוגע פרוי, און מיט איר מיינונג האבן זיך אויך מאנסלייט גערעכנט.

זיי, צוזאמען מיט זייער טאכטער רחל און איר מאן יצחק וועלוול געדליץ און זייערע קינדער, ווי אויך זייער זון שמואל — זענען אומגעקומען אין די מלחמה־יארן, הי״ד.



אַ משפחה־בילד. אין דער מיט — אַ טוריסט פון אמעריקע (1936)



ר׳ מרדכי לייב און דבורה גורקא, ז״ל

זענען געווען פאכלייט. זיינע עלטערן האבן אויך פאר אים געזוכט א „תכלית״, אבער אים האט געצויגן צום לערנען. צו 11 יאר איז ער אוועק אין דער לאמזשער ישיבה, וואס האט זיך דאן נאר־וואס געגרינדעט און פון דארט — אין א ליטווישער ישיבה אין אויגוסטאוו, וווּ ער האט געלערנט ביז צו זיין חתונה. אין דער ישיבה האט ער זיך גערעכנט צו די מתמידים, געלערנט טאג און נאכט און זעלטן ווען אהיימגעקומען. ער האט זיך דארט גערעכנט אלס דער „אסטראלענקער עלוי״. אפילו זיין בר־מצוה־שמחה איז אויך מיט א גרויסער פּאַראַד פארגעקומען אין דער ישיבה.

צו 17 יאר האט ר׳ מרדכי לייב חתונה געהאט מיט זיין פרוי דבורה. אירע עלטערן האבן אים צוגעזאגט א גרויסן נדן און אייניקע יאר קעסט. אין גאווראָלווע האט זיך ר׳ מרדכי לייב, דער לומדישע ליטוואק, באפריינדעט מיט חסידישע יונגעלייט, וועלכע זענען געפארן צום גערער רבי׳ן, האדמו״ר ר׳ יהודה ארי׳ לייב, בעל ה„שפת־אמת״ זצ״ל. איינמאל איז ר׳ מרדכי לייב מיט זיי מיטגעפארן צום רבי׳ן און זייט דאן איז אים די שיטה פון חסידות געפעלן געווארן, און געווארן א הייסער גערער חסיד. חדשים לאנג פלעגט ער זיצן ביים רבי׳ן און געלערנט מיט דארשט דעם וועג פון חסידות.

לאנג האט די תקופה נישט אנגעהאלטן. בערך 2 יאר נאך דער חתונה, זענען די עלטערן פון זיין פרוי געשטארבן און ער האט געמוזט איבעררייסן דאס לערנען, און זיך גענומען צו מסחר. ער האט געהאנדלט אין גרויסן מאסשטאב מיט מעל און זאלץ, וואס ער פלעגט אימפּארטירן פון טיף־רוסלאנד. גאנצע וואגאנעס מיט מעל און זאלץ פלעגט ער ברענגען פון כּארקאוו, יעקאטערינאסלאוו און אנדערע מקומות און זיי פארקויפן אין דער גאנצער סביבה ארום. אין דער פרייער צייט איז ער ווייטער געזעסן און געלערנט און אויך נישט פארגעסן זיך אראפּצוכאפּן צום רבי׳ן (ספּעציעל אין די ימים נוראים).

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האבן זיך, פארשטענדלעך, אלע מסחרים אפּגעשטעלט, און ר׳ מרדכי לייב מיט זיין פאמיליע זענען דאן פארוואגלט געווארן קיין פינסק. נאך זייער צוריקקערן זיך אין שטעטל, האט ער זיך שוין צו דעם

מסחר מער נישט געקאנט נעמען, און דעם עול פון פרנסה האט דאן איבערגענומען זיין פרוי דבורה. 8 קינדער זענען שוין געווען אין שטוב (6 מיידלעך און 2 זין) און די הוצאות זענען געווארן וואס אמאל גרעסערע. זיין פרוי האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר קיין שום זאך און געהאנדלט מיט וואס עס האט זיך נאר געלאזט, אבי צו ברענגען פרנסה אין שטוב אריין. ר׳ מרדכי לייב האט איר אין אלעס מיטגעהאלפן. ווען די אלע מסחרים האבן זיך געענדיקט, איז דבורה געווארן א זיסווארג־בעקערין. ביי דעם האבן זיי מצליח געווען און געפירט דאס געשעפט ביז צום חורבן פון שטעטל.

איך וויל דא איבערגעבן א פרט, וואס איז אפשר נישט באקאנט דער ברייטער עפנטלעכקייט: ר׳ מרדכי לייב פלעגט אלע זיינע יארן פאסטן יעדן מאנטיק און דאנערשטיק. אויך אין די איבעריקע טעג פון דער וואך פלעגט ער טועם זיין ערשט 12 א זייגער. צוליב דער ארבעט, פלעגט ער טעגלעך גיין שפעט אין בית־המדרש אריין און איז צוריקגעקומען ממש דער לעצטער. ער פלעגט זיך נוהג זיין צו זאגן יעדן טאג גאנץ תהילים און אויך לערנען, און אזוי איז אריבער א האלבער טאג. צדקה און מתן־בסתר האט ער געגעבן מיט א ברייטער האנט, ספּעציעל פלעגט ער ארויסהעלפן זיינע חברים־חסידים, ווען זיי האבן זיך גענויטיקט אין הילף.

אין די פרייע מינוטן האט ער, אויסער זיין צייטונג „דאס יידישע טאגבלאט", אויך גערן געלייענט דעם „היינט", „מאָמענט" און אפילו די בונדישע „פאָלקסצייטונג". ער פלעגט אויך לייענען וועלטלעכע ביכער, וואס זיינע קינדער האבן געבראכט אין שטוב אריין.

יעדן שבת פרי פלעגן צו אים קומען חסידיש־לומדישע יידן טרינקען טיי מיט צוקער. פון די סטאבילע באזוכער זענען געווען: ר׳ משה יהושע גינזבורג, ר׳ חיים לייב מאריאנסקי, דער חזן־שוחט, ר׳ מאיר ראמאנער, ר׳ יעקב שטשעטשינא, ר׳ שייקע הערצבערג, ר׳ אהרן אהרנסאן, ר׳ ישראל מאיר משניות און יבל״א ר׳ ניסן מאזעס, דער שוחט א.א. דערביי פלעגן זיי כאפן א שמועס מעניני דיומא.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ר׳ מרדכי לייב מיט זיין פאמיליע אריבער קיין ביאליסטאק. דארט איז ער געווען פון די, וואס האבן אליין נישט גענומען קיין רוסישע פּעסער און אויך געעצה׳ט אנדערע דאס צו טאן. פאר דעם דאזיקן „חטא" איז ער און נאך פיל גאוואראווער מיט זייערע פאמיליעס, צוזאמען מיט צענדליקער טויזנטער „ביעזשענצעס" פארשיקט געווארן אין די טיפע וועלדער פון צפון־רוסלאנד. זיין הויז איז דארט געווען א זאמל־פונקט פון דער יידישער אינטעליגענץ. זיי פלעגן קומען הערן וואס דער „סטאַרי פּאַן גורקאַ" זאָגט. אליין א מאמין, האט ער אלעמען געטרייסט און צוגעגעבן מוט, איבערצייגנדיק יעדן, אז די ישועה וועט דאך קומען און מען וועט פון דארט ווערן אויסגעלייזט. קענענדיק גוט רוסיש, פלעגט אפט דער קאמענדאנט פון נ.ק.וו.ד. זיך מיט אים דורכשמועסן. אויך דארטן האט ער מיט מסירות־נפש אפגעהיטן יידישקייט. פאר איינארדענען א מנין ראש־השנה און יום־כפור איז ער אפילו ארעסטירט געווארן. ער איז אבער שטאלץ געווען מיט דעם.

נאך דער באפרייאונג, א דאנק דעם באקאנטן אפמאך צווישן שיקארסקין און דער רוסישער רעגירונג, האט זיך שוין ר׳ מרדכי לייב געפילט שלעכט, און געזען, אז זיינע טעג זענען געציילטע. אים האט געצויגן צו א יידישן ישוב, ווו עס געפינט זיך א יידישער בית־עולם, בכדי ער זאל קאנען קומען צו קבר־ישראל. ער האט געוואלט

מ. רימון
ישראל

ר׳ הערשל גלאגאווער, ז״ל

ר׳ הערשל גלאגאווער איז געווען דער גרעסטער גמרא־מלמד אין שטעטל. מען האט אים גערופן: „דער יאלד״, ווייל ער איז שטענדיק געווען שבת׳דיק געקליידעט, קיין פלעק האט נישט געטארט זיין אויף זיינע מלבושים. ער האט זיך געפוצט און געצירט ווי א בן־מלך. ער האט טאקע אויסגעזען ווי א מאנארך מיט זיין לאנגער ווייסער בארד ביז צום גארטל. ער האט זארגפעליק געפלעגט יעדן האר פון בארד, און האט זיך שטענדיק געהאלטן אין דער מעלה.

עס האט אים קיינער נאך קיין שמייכלענדיקן נישט געזען. ער האט גערעדט ווינציק און איז געווען א גרויסער קפדן. כמעט דאס פארקערטע ווי אין פרק שטייט: „ולא הקפדן מלמד״. ער איז אבער יא געווען א גוטער מלמד. ביי אים האט יעדער יינגל געמוזט וויסן דעם בלאט גמרא. איז דאס נישט געגאנגען מיט גוטן, האט ער עס ארויסגענומען מיט בייזן. ער איז נישט געווען איבערקלויבעריש. אז מען האט געדארפט געבן א פעטשל מיט א קניפ א צולאג, האט ער גארנישט געזשאלעוועט, אבי דאס יינגל זאל פארשטיין וואס די גמרא זאגט. זענען טאקע זיינע תלמידים געפארן אין דער לאמזשער ישיבה, און האבן זיך גארנישט געהאט וואס צו שעמען מיט זייער תורה.

ר׳ הערשל איז אויך געווען א שיינער בעל־תפלה און מנגן. ווורקער ניגונים האט ער געזונגען מיט א סך הארץ און געשמאק. א פארגעניגן געווען צו הערן.

(מרדכי לייב גורקא — סוף)

דווקא פארן קיין בוכאַרע (אוזבעקיסטאן). פארנדיק אהין, מיט א פויליש־מיליטערישן עשאלאן, זענען זיי פארבייגעפארן דאס שטעטל קערמינע (אויך אוזבעק.), א יידישער ישוב נאך פון די צייטן פון 2־טן בית־המקדש, מיט א בית־הקברות נאך פון יענער תקופה. ר׳ מרדכי לייב האט דארטן געוואלט אראפגיין, דער צוג איז אבער געפארן ווייטער. טראָץ די זער שווערע באדינגונגען איז אים דאָך געלונגען זיך צוריקצוקערן.. אין א קורצער צייט ארום, י״ב חשון תש״ב (3.11.1941) איז ער טאקע נפטר געווארן, און אויפן יידישן בית־עולם אין קערמינע געקומען צו קבר־ישראל.

זיין פרוי דבורה ע״ה, וואס איז געווען באקאנט מיט איר צדקה און העלפן נויט־באדערפטיקע, האט אים טריי באגלייט אלע זיינע יארן. אין די שווערע מאמענטן פון זייער לעבן, האט זי אים געהאלפן טראגן דעם יאך פון דער משפחה. זי איז נפטר געווארן ווי א צדקת, אין דער שטאט סאַמאַרקאַנד (אוזבעק.), כ״ג טבת תשכ״ג (1.1943) און דארטן געקומען צו קבורה אויפן יידישן בית־עולם. זייער עלטסטע טאכטער רבקה בייליס הי״ד, איז צוזאמען מיט איר פאמיליע אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשן. זייער טאכטער מרים קאַרוואַט ע״ה, איז געשטארבן אין די מלחמה־יארן אין רוסלאנד, י״ז אלול תש״ב, נעבן קאטאקורגאַן.

זייערע קינדער, וועלכע זענען ביים לעבן געבליבן, זענען: יעקב און יוסף גורקא, רחל ברעסטעל — אין ישראל, חוה קרולעוויטש, לאה לאסט און נחמה עפשטיין — אין אמעריקע.

מ. רימון
ישראל

ר' אלחנן פרידמן, הי״ד

חנא פרידמאן איז געווען א ברויזנדיקער אומצופרידענער טיפ, א מענטש מיט א סך וויסן און בילדונג און א גרויסער פקח — כמעט א דיפלאָמאַט. מען האט אים גערופן חנא רייצעס, אויף זיין מוטערס נאמען. אויך זיין פאטער איז גערופן געווארן אויף רייצעס נאמען. דאס שטעטל האט זיך געהאלטן ביים כלל: נישט צו אנערקענען נעמען און פאמיליע־נעמען לויט די פאקטישע געבורטס־אקטן. פארן שטעטל האט דאמינירט די פערזאן אליין און איר פאפולאַריטעט. רייצע איז געווען די „מירעלע אפרת״ אין דער משפחה. חנא פרידמאן איז געווען א פיפיקער סוחר אין דער קאלאניאל בראנזשע. קיין שפע אין פרנסה האט ער נישט געהאט. אפשר דערפאר, ווייל דאס שטעטל האט קיין כח נישט געהאט דאס צו געבן, אדער צוליב דער אומרואיקייט, וועלכע האט געגעסטלט אין אים, און נישט געלאזט אים אפהיטן דאס געשעפט. ער האט ליבערשט געוואלט זיין אין גאס, און וויסן אלע געשעענישן פון שטעטל, און כאפן א זייטיק פארדינסטל. ער האט אזוי לאנג זיך געדרייט אין דרויסן ביז עס איז אים געלונגען זיך ארויסצוכאפן אויפן אמת'ן פערדל.

אין יענער צייט האבן די ברידער ריץ פון דער דאמף־מיל געקריגן א קאנצעסיע אויף א עלעקטראוויניע, וואס זאל געבן עלעקטריש ליכט פארן שטעטל. חנא פרידמאן איז געווארן דער עלעקטרע־מייסטער־אונטערנעמער, וואס האט געדארפט מאנטירן די עלעקטרישע אינסטאלאציע אין די הייזער און אין די גאסן. ווי אזוי איז ער צו דעם געקומען? מעגלעך, צוליב זיין באקאנטשאפט אין די רעגירונגס־קרייזן. ער האט זיך גענומען צו דעם ענערגיש, און מיט דער הילף פון זיין זון שעפסל, איז די גאנצע ארבעט געטאן געווארן צו דער צופרידנהייט פון אלע איינוווינער, וואס איז זיי שוין נמאס געווארן די נאפט־לעמפלעך מיט די גאגאניקעס.

חנא פרידמאן איז געווען פון די מיטגרינדער און טוער פון „מזרחי״, א גוטער בוכהאלטער און „פראָשעניע״־שרייבער. א לענגערע צייט איז ער געווען טעטיק אלס סעקרעטאר פון דער יידישער קהלה.

ער צוזאמען מיט זיין פרוי און פינף קינדער, זענען אומגעקומען אין סלאָנים, הי״ד.



די פרוי פייגע, די קינדער: שעפסל, יהושע, רבקה, שרה און משה פרידמאן, הי״ד

א. ענבר
ישראל

ר׳ ישראל יצחק שראן, הי״ד

מיט בלויז גענערעלער קאן מען קיין מלחמה נישט פירן. עס מוזן זיך געפינען פשוט׳ע זעלנער, וואס שטעלן אויס זייערע הערצער פאר די קוילן פון שונא, און זענען גרייט פאר א גערעכטע זאך צו גיין אין פייער אריין.

ר׳ ישראל יצחק שראן האט נישט פארנומען קיין קהל׳ישע פאזיציע אין שטעטל; ער האט נישט געשטרעבט צו עסקנות. אבער ווו עס איז געווען א שטרייט, צי א קאמף פאר א יידישער זאך, איז ער געשטאנען אין די ערשטע רייען פון פראנט צו קעמפן פאר זיינע אמת׳ן. צי איז עס געווען א געפלאנטער חילול־שבת פון א פוטבאל־מאַנשאַפט, צי א דערציאונגס־פראגע פון יונגן דור, איז ר׳ ישראל יצחק געווען פון די ערשטע, וואס האבן „געשטעלט א פלייצע״, אָן פערזענלעכע אינטערעסן און חשבונות. ר׳ ישראל יצחק איז געווען א אפגעהיטענער ערליכער ייד פון די שיינע גערער חסידים, און האט זיך כל ימיו מתפרנס געווען מיגיעת־כפיו.

זיין פאטער ר׳ יוסף איז אויך געווען א געבוירענער אין גאווראוווע, פון פאך א קצב, און איז געווען גאנץ פארמעגלעך, ווייל אלע פריצים פון געגנט האבן געקויפט



ר׳ ישראל יצחק הי״ד און חיה ביילע שראַן ז״ל. עס שטייען (פון רעכטס): רייזל, דן און דוד שראַן. אונטן -- דנס קינד שלום הערשל, הי״ד.

א. ענבר
ישראל

ר׳ חיים דוד שראן הי״ד

ר׳ חיים דוד שראן איז געווען א פשוטער ערלעכער ייד מיט גרויס אמונת חכמים, סוחרישער פקחות און אמת׳ער גוטהארציקייט, וואס האט געקאנט דינען אלס מוסטער פאר אנדערע. זיין תבואה־און מעל־מסחר האט ער געפירט מיט יושר און ערלעכקייט. א ווארט איז געווען א ווארט. דערפאר האט ער טאקע געהאט גוט פרנסה, און האט געפירט א בכבוד׳יקע שיינע יידישע שטוב.

ר׳ חיים דוד האט געשטאמט פון אן אלט איינגעזעסענער גאוואראווער משפחה. אויך זיין פאטער ר׳ יוסף איז געבוירן געווארן אין שטעטל, און דארט האט ער חתונה געהאט מיט זיין פרוי צירל די שוועגערין פון רבי אביעזר רוזשאנער, וואס איז געווען דער פאטער פון דער גאוואראווער רביצ׳ן.

אין דער יוגנט איז ר׳ חיים דוד געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט, און דערביי אויך א ביסל צוגעהאנדלט. מחמת זיין ערלעכקייט, האט ער זיך דערווארבן א שטיקל פארמעגן. ער האט חתונה געהאט פון אסטראוו־מאזאוויעצק מיטביילע די טאכטער פון נתן און רבקה גיטל, וואס האבן געהאט א גארבעריי.

ר׳ חיים דוד איז געווען א שארפער ווורקער חסיד, און פלעגט פון־צייט צו־צייט פארן צום רבין קיין אטוואצק. ער האט אויך געדאוונט אין ווורקער „שטיבל" און איז פארעכנט געווען צו די שיינע חסידים.

ר׳ חיים דוד און זיין פרוי חיה ביילע זענען געווען פון די ערשטע קרבנות דורך די נאצישע רוצחים באלד נאך זייער פארנעמען גאוואראווע. זיי זענען טראגיש דערמארדעט געווארן אין דעם טרויעריקן פרייטיק צו נאכטס. הי״ד.

(ישראל יצחק שראן — סוף)

פלייש אין זיין יאטקע, וואס האט זיך גערעכנט פאר די גרעסטע אין שטעטל. אין די יונגע יארן האט זיך ר׳ ישראל יצחק נישט געמישט אין מסחר, נאר געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. אפילו נאך זיין חתונה מיט זיין פרוי חיה ביילע, פון א סוחרים־פאמיליע אין אסטראוו־מאזאוויעצק, איז ער אויך ווייטער געזעסן אין בית־המדרש און געלערנט. נאר דאן ווי זיין פאטער איז אלט און שוואך געווארן, האט ער זיך געמוזט אויסלערנען דאס קצבים־פאך און ער האט געפירט די יאטקע.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, איז די פאמיליע שראן אנטלאפן פון שטעטל און איז אריבער די גרענעץ פון רוסישן באזאצונגס־שטח. זיין פרוי חיה ביילע איז געשטארבן אין דער פרעמד, אין שטעטל דאמבראוויצע ביי ראוונע. ווו ר׳ ישראל יצחק אליין איז אומגעקומען, איז נישט באוווסט. עס זענען אויך אומגעקומען זייערע קינדער: דן, מיט זיין פרוי רייזל און זייער קינד, ווי אויך דוד, הי״ד.

י. אבי־שרה
ישראל

ר׳ חיים לייב מאריאנסקי
דער חזן־שוחט

קרוב צו 20 יאר האט ר׳ חיים לייב געדינט אלס חזן־שוחט אין גאוואראווע. ער איז אויפגענומען געווארן אויפן ארט פון ר׳ מלכיאל, צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פריער איז ער געווען חזן־שוחט אין שניאדאווע. ער האט זיך צוגעשטעלט צום קאנקורס, וואס איז פראקלאמירט געווארן אין שטעטל דורך די גבאים פון שול. ער האט אויסגענומען מער ווי אלע אנדערע קאנדידאטן, צוליב זיין שטארקער שטימע און זיין געשמאק זאגן נוסח התפלה.

כאטש ר׳ חיים לייב האט געשטאמט פון א ליטוויש שטעטל, איז ער אליין געווען אן איבערגעגעבענער גערער חסיד. ער איז אפט געפארן צום גערער רבין, און האט זיינע קינדער דערצויגן אין זעלבן גייסט. ער איז געווען א תלמיד־חכם און א מומחה אין שחיטה.

ר׳ חיים לייב איז געווען א הויכער ברייט־ביינערדיקער, מיט א שפיציקער גרויער בארד. שטענדיק אנגעטאן ריין מיט געפוצטע שטיוול, מיט א רויטער פאטשיילע ארומגעבונדן דעם האלדז, מורא האבנדיק ער זאל זיך נישט פארקילן און קאלע מאכן זיין שטימע. ער האט מערסטנטייל געדאוונט אין בית־המדרש, נאר פון צייט־צו־צייט איז ער געקומען אין גערער „שטיבל" און צוזאמען געלערנט מיט די חסידים „שפת אמת" און דף היומי. ער איז געווען א גוטמוטיקער און א פריינטלעכער. מיט יעדן זיך אפגעשטעלט ריידן און געזאגט א גוט ווארט. ער איז באליבט געווען אין אלע קרייזן פון שטעטל. זיין שטוב איז אפן געווען פאר יעדן. ספעציעל האט ער זיך אפגעגעבן מיט די חברים פון זיינע קינדער. ווען דער שרייבער פון די שורות איז געווארן בר־מצוה, זייענדיק א חבר מיט זיין יינגסטן זון שלמה — האט ר׳ חיים לייב איינגעארדנט א מסיבה ביי זיך אין שטוב פאר אלע חברים. ר׳ חיים לייב מיט זיין פרוי האבן זיך געפארעט ביי דער מסיבה, פונקט ווי פאר זייער אן אייגן קינד. נאטירלעך, האט שוין מיין פאטער געהאט געמאכט א „קידוש" פאר די חסידים אין „שטיבל". עס איז געווען א גענוס אריינצוקומען צו ר׳ חיים לייבן אין שטוב און הערן דערציילן זיינע שיינע געשיכטעס. ווען איינער האט זיך גענויטיקט אין הילף, סיי מאראליש און סיי פינאנסיעל, איז ר׳ חיים לייב שטענדיק געווען אים גרייט צו העלפן.

ר׳ חיים לייב האט געהאט פיר קינדער — איין טאכטער און דריי זין. דער עלסטער איז געווען פארהייראט קיין זאמבראווע. משה, לאה און שלמה זענען געווען אין דער היים. אלע קינדער האט ער דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט. ווען משה האט שוין נישט מער געהאלטן ביים לערנען, האט ער אים אפגעגעבן צו לערנען א פאך, און מקפיד געווען, אז ער זאל נישט אראפ פון יידישן וועג. דער יינגסטער זון שלמה איז געווען א מתמיד. ער האט אים געשיקט לערנען אין דער לאמזשער ישיבה.

א. בן-אבן
ישראל

ר' צבי אלעיארזש
דער זאמאשטשער רבי זצ"ל

מען האט אים אין לובלין גערופן דער זאמאשטשער רבי, אבער פאקטיש איז ער געווען א גאוואראווער געבוירן'ענער פון דער משפחה אלעיארזש. זיין ברודער מאיר יעקב'ס 2 זון: הערש'ל און חיים לייב מיט זייערע קינדער האבן געלעבט אין שטעטל די גאנצע יארן. זיין פרוי, די רבי'צין נעכע, איז געווען מנשה האלצמאנס א שוועסטער.

רבי צבי האט נישט געשטאמט פון קיין רבנישער דינאסטיע. אין די יונגע יארן האט ער זיך געקלעפט אין די רבי'שע הויפן פון ווורקע, ראדזימין און די רוזשינער אייניקלעך. ביי זיי האט ער זיך איינגעזאפט דעם ריח פון חסידות און דורשטיק געשלונגען זייער תורה. מיט די אייגענע כוחות האט ער זיך ארויפגעארבעט צו דער הויכער מדריגה פון זיין א רבי ביי יידן.

אין לובלין איז דער רבי געזעסן אין א גארנדיק הויז אין איינער פון די געטא־געסלעך. זיינע חסידים זענען באשטאנען פון פשוט'ע מענטשן, הארעפּאַשנע בעלי־מלאכות, קליין־הענדלער, טרעגער, בעלי־עגלות; יידן פארביטערטע פון שווערן לעבן, וואָס האבן ביים רבי'ן געפונען א שעה פון נחת־רוח און מנוחת־הנפש, אביסל האפנונג און טרייסט אין זייער צער.

דער אלטער רבי איז נפטר געווארן אין אָנפאנג פון די דרייסיקער יארן. זיין בן־יחיד און יורש־עצר ר' מאיר'קע איז געווארן דער ממלא מקום. ר' מאיר'קע איז געווען א הארציקער איידעלער יונגערמאן, א הצנע־לכת און א גרויסער ירא־שמים. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א גרויסער מאָס אהבת־ישראל — ער האט ליב געהאט זיינע חסידים ווי זיין אייגענער משפחה. די חסידים פלעגן אָפט קומען צום רבי'ן אויסוויינען זייער ביטערן גורל, אדער זיך טיילן מיטן רבי'ן אין זייערע פריידן. עס

(חיים לייב מריאַנסקי — סוף)

שלמה האט זיך אויסגעצייכנט מיט א סך מעלות: געווען א תלמיד־חכם, שטרענג רעליגיעז און מאדערן. ער איז אויך באשאנקען געווען מיט א שיינער שטימע. דעם לעצטן יאר פאר דער מלחמה, האט ער זיך געלערנט שחיטה און זיך אויך געגרייט צו ווערן א חזן. פאר דער טאכטער לאה, האט ר' חיים לייב געגומען אַן איידעם. א חסידישן יונגענמאן, א גרויסער תלמיד־חכם און א מנגן — ר' ישראל יצחק בראָמבערג פון וואַלאָמין.

ווען גאוואראווע איז פארנומען געווארן דורך די דייטשן, איז די משפחה מאריאנסקי אנטלאָפן קיין זאמבראווע צו זייער זון, וואס האט דאָרט געהאט א קאשע־מיל. איך האב זיי דארט געטראפן מיואש און צעבראכן. דאָרט זענען זיי אלע אומגעקומען אויף קידוש השם. עס איז פון זיי קיין זכר נישט געבליבן. הי"ד.



אדמו"ר ר' צבי אלעיארזש זצ"ל

איז אנגענעם געווען צו זען אָט די ערלעכע רויע הארציקייט פון זיינע חסידים, נאטור מענטשן, וואס האבן געמיינט דאס, וואס זיי זאגן, און האבן אין רבי'ן געגלויבט מיטן גאנצן הארצן. די השפעה פון רבי'ן אויף זיי איז טאקע געווען א גרויסע.

זיין פרוי, די יונגע רבי'צין חנה (אגב: ער האט חתונה געהאט מיט זיינער א קוזינע, די טאָכטער פון ר' בונם יצחק האלצמאן פון כארזשל), איז געווען א מוסטער־טיפ פון א יידישער פרוי און מוטער. זיי האבן געהאט אַ איינציק קינד, א מיידל, וואס האט דורכגעמאכט א שווערע קרענק און געלאָזט שטארקע שפורן. די רבי'צן האָט זיך שטאַרק אפגעגעבן מיטן קראנקן קינד. זי האט אויך געהאָלפן דעם רבי'ן פירן דאס רבי'סטווא מיט שכל און טאַקט.

דער יונגער רבי האָט אויך געהאט א סך חסידים אין אויסלאנד. ער פלעגט פירן מיט זיי א ברייטע קארעספאנדענץ. זיי פלעגן אים שיקן פון אמעריקע קוויטלעך און פדיונות און פארלאנגען עצות און ברכות. פאַר די ימים־טובים, אָדער יומא־דפגרא, ווען עס פלעגן אנקומען צענדליקער בריוו, פלעגט מיר דער רבי בעטן אים צוהעלפן ענטפערן די פאָסט. איך האב עס גערן געטאן, ווייל ער איז געווען א אמת־ליבלעכער מענטש מיט א סך הארץ און געפיל. עס איז געווען א פארגענוגן אריינצוקומען צו זיי אין שטוב אריין.

דער רבי מיט זיין פרוי און קינד זענען אומגעקומען פון די נאציס אין איינעם פון די לובלינער קאָנצענטראציע־לאַגערן, הי"ד.

א. בשן
ישראל

ר׳ יעקב שטשעטשינא ז״ל

א מענטש מיט געפיל און טאקט, א חכם־מחוכם, געשפּרודלט מיט הומאָר און שאַרפזין, א תלמיד־חכם מיט א רעפּרעזענטאַטיוון אויסזען — די זענען געווען די הויפּט־שטריכן פון ר׳ יעקל שטשעטשינא ז״ל, אַן אלטגעזעסענער גאָוואָראָווער תושב פון די מכובדים אין שטעטל.

עס איז קלאָר, ווען נישט זיין שלעכטע מאטעריעלע לאגע, און זיין שווערע דאגת־הפרנסה, וואלט ר׳ יעקל דערגרייכט א הויכע שטעלונג אין דער קהל־פירערשאפט. טאקע פאר זיין חכמה, קלאָרן־אַנאַליטישן פארשטאנד און איבערצייגונגס־כח. אבער ווי זאגט דער חכם? — „לא לחכמים לחם״. כאטש ר׳ יעקל האט פארמאגט א אייגן הויז מיט עטלעכע דירות פאר לאקאטארן, א קאלאניאל־און גאלאנטעריע־געשעפט אין א גוטן פונקט — דאך האט ער שווער געצויגן די פרנסה פאר זיין הויזגעזונט. ער האט נאך געמוזט אביסל צוקנעלן מיט חדר־יינגלעך. אגב, האט דאס מלמדות־פאך גארנישט געפּאסט פאר זיין וועזן, כאראקטער און נאטור. ער האט זיך נישט געקאנט אראפּלאזן צו דער מדריגה פון חדר־קינדער. דאס איז נישט געווען זיין פלאץ. ער האט זיך גוט געפילט, ווען ער איז געזעסן ביים רב אלס בורר ביי א שווער־פארוויקלטער דין־תורה. דא האט ער געקאנט זשאנגלירן מיט המצאות, אויסגעפונען לאגישע טענות צו גערעכט מאכן זיין צד. ער איז טאקע געווען פון די חשוב׳סטע בוררים אין שטעטל.

ר׳ יעקל איז געווען א גערער חסיד פון די ליבעראלע, נישט קיין עקסטרעמער. ער האט געקאנט געפינען א געמיינזאמע שפראך אפילו מיט די אפיקורסים. זיינע גלייכווערטלעך און שמייכל האבן געמאכט אַן איינדרוק אויף אלעמען.

ר׳ יעקל איז געבוירן געווארן אין רוזשאן, ביי זיינע עלטערן יצחק אריה און שרה דינה. ער האט געלערנט די גאנצע יוגנט־יאָרן אין בית־המדרש. ער האט חתונה געהאַט קיין גאָוואָראָווע. פון דער ערשטער פרוי האט ער געהאט די טאכטער רחל, וואס האט חתונה געהאט מיט א חסידישן יונגערמאן פון ווישקאָווע. צום צווייטן זיווג האט ער חתונה געהאט מיט חנה עלקע, די טאכטער פון ר׳ בצלאל יאסל קאַרוואַט, הי״ד.

מיטן אויסברוך פון 2־טן וועלט־קריג, האט ר׳ יעקל מיט זיין משפחה מיטגעמאכט דעם גאנצן דערנער־וועג פון גלות. ער איז פארשיקט געווארן קיין צפון־רוסלאנד. דארט האט ער זיך שטארק געמוטשעט, געליטן הונגער. ער איז נפטר געווארן דעם פערטן טאג חול המועד פסח תש״א, און איז באגראבן געווארן אין א וואלד, נעבן דעם קבר פון זיין אמאליקן שכן ר׳ יצחק רייטשיק, ז״ל.

(זע בילד — ז׳ 95)

יוסף גורקא
ישראל

ר' ישעיה הערצבערג הי"ד

ר' ישעיה הערצבערג איז נישט קיין געבוירענער אין גאוואראווע, דאך איז ער געווען געבונדן מיטן שטעטל ווי א געבוירענער פון דורי־דורות. ער האט געשטאמט פון מאקאווע און חתונה געהאט מיט ציפע, מרים רחל'ס, וואס איז געווען א יתומה און האט זיך אויפגעהאדעוועט ביי איר פעטער, דער באקאנטער גאווארואוער גביר, ר' איצל מינץ. ער האט איר געהאלטן ווי א אייגענע טאכטער און האט איר חתונה געמאכט מיט ר' שייקען פון מאקאווע. ר' איצל האט אים צוגעזאגט „קעסט" און האט אים געהאלטן ווי אן איידעם. ר' איצל מינץ איז ווי געזאגט געווען א גרויסער עושר. צו אים האט געהערט א גרויסער חלק פון שטח אין שטעטל, וואס איז נאך זיין טויט פארקויפט געווארן א טייל צו ראטענסקין (דעם סאד און מאיאנטעק), און א גרעסערער שטח צו ר' יעקב בערל בלומשטיין.

באלד נאך זיין אנקומען אין שטעטל איז ר' ישעיה געווארן אנגעזען צווישן די חסידישע יינגעלייט. ער איז געווען א גערער חסיד און איז אפט געפארן קיין גער צום ר'בין און דארט אפגעזעסן א צייט. קיין דאגת־פרנסה האט ער נישט געהאט, וווינענדיק ביי ר' איצל מינץ. ער האט געוווינט אין א שיינער דירה און זיין שטוב האט זיך גערעכנט אלס צענטראלער זאמל־פונקט פון די גערער חסידים אין שטעטל. דארט האט מען געפראוועט קידושים, סעודות מלוה־מלכה; דארט האט מען אויך אפגעהאלטן זיצונגען איבער געזעלשאפטלעכע פראבלעמען אין שטעטל. ר' שייקע איז געווען פון די איניציאטארן אראפצוברענגען קיין גאווארואווע דעם חזן־שוחט מלכיאל פון מאקאווע. ער איז געפארן קיין מאקאווע משפיע צו זיין אויף אים, און ווען די מאקאווער בעלי־בתים האבן נישט געוואלט ארויסלאזן ר' מלכיאלן, האט ער אין מיטן דער נאכט געשאפט א פערד־און וואגן און אים ארויסגעגנב'עט פון מאקאווע, ווען די איינוווינער פון שטאט זענען נאך געשלאפן.

ווען דער גערער רבי האט באפוילן זיינע חסידים צו גרינדן די „אגודת־ישראל"־ארגאניזאציע, איז ר' שייקע געווארן פון די אקטיווסטע מיטגלידער אין שטעטל. ער איז אויך אקטיוו געווען אין „בית־יעקב", „תלמוד־תורה" און אין אלע „אגודה"־אונטערנעמונגען אין שטעטל.

ווען עס האבן זיך אנגעהויבן אין שטעטל ארגאניזירן די פוטבאל־מאנשאפטן און פלעגן שפילן אום שבת, איז ר' שייקע געווארן פון די אקטיווסטע „שומרי־שבת"־מיטגלידער און ער איז ארויסגעגאנגען קעמפן קעגן חילול שבת, און זיי נישט געלאזט שפילן. ער האט זיך נישט אפגעשראקן, ווען ס'האט אים אפילו געדראט צו באקומען קלעפ.

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ר' שייקע נישט געהאט קיין דאגת־פרנסה. נאך דער מלחמה, ווען דאס שטעטל איז פארברענט געווארן, ר' איצל מינץ איז אפגעשטארבן, און זיין זון מענדל האט אין פולטוסק אויפגעשטעלט אן אייזן־פאבריק, און די יורשים האבן פארקויפט דאס פארמעגן מיט די פלעצער — האט ר' שייקע זיך אויפגעבויעט א הויז נעבן ר' מחת' ראזען און האט גענומען האנדלען מיט

ב. אבי
ישראל

ר׳ יודל שייניאק ז״ל

א ריכטיקער טיפּ פון א תלמיד־חכם, וואָס האט נישט מער אין זיין וועלט ווי די דלת אמות של הלכה — דאס איז געווען דער אנגעזעענער גאווראוואער בעל־הבית ר׳ יודל שייניאק ז״ל. זיין הויפּט־באשעפטיקונג איז געווען צו זיצן און צו לערנען. דאָס מאנופאקטור־געשעפט אין מארק האט געפירט זיין כרוי מיט די קינדער. דאך האט ר׳ יודל געפונען אביסל צייט צו פארנעמען זיך מיט קהל׳ישע ענינים און כלל־זאכן: געווען א שטיקל צייט א קהלה־דאזאר, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך פארנומען מיט רעטונגס־ארבעט, און איז כמעט תמיד געווען אַן אסעסאר ביי די זיצונגען פון דער שטייער שאצונגס־קאָמיסיע.

ר׳ יודל איז געבוירן געוואָרן אין טיקטין, אין יאר 1870. ער האָט געלערנט ביים טיקטינער רב און איז געווען פון זיינע גוטע תלמידים. ער האָט חתונה געהאט צו 18 יאר קיין גאווראַוווע מיט גישע, די טאכטער פון גדליה און ייטקע, וואס האבן געהאט א „אלעיארניע״. כאָטש טיקטין איז געווען א ריין־ליטוויש שטעטל, איז ר׳ יודל אין גאווראַווע געוואָרן איינער פון די שארפסטע גערער חסידים און אן אָפטער פארער צום רבין.

גישע, ר׳ יודלס פרוי האט אויך געשמט אין שטעטל מיט איר גוטהארציקייט. זי האט זיך אינטרעסירט מיט ארימע און קראנקע מענטשן, און איז געווען א גוטע איבערגעגעבענע מוטער פאר אירע קינדער.

ר׳ יודל איז געשטאָרבן אין יאר 1929. אין זיין קבר האט מען אריינגעלעגט דעם טיש ביי וועלכן ער פלעגט לערנען יומם ולילה. זיין פרוי גישע, איז געשטאָרבן אויף דער פארשיקונג אין ווייטן רוסלאנד, קאמי־ס.ס.ר. אין יאר 1945.

(ישעיה הערצבערג — סוף)

תבואה. די ערשטע יארן איז אים גוט געגאנגען. נאכדעם, ווי די קריסטלעכע קאָאָפּעראטיוון האבן גענומען באַיקאָטירן יידן, איז ער פאראָרעמט געוואָרן און דורכגעלעבט שווערע צייטן. די קינדער האָבן אים דאן צוגעהאָלפן צו דער פרנסה. דער עלטסטער זון, זעליג, האט געהאָלפן אין תבואה־מסחר; די טאָכטער מרים רחל האט זיך אויסגעלערנט מאכן שייטלען און אָנדולאַציע; די ייִנגסטע טאָכטער האבן געארבעט ביי ר׳ לוי ווארשאוויאק און שפּעטער ביי ר׳ ישראל בורשטין און בייביילע פאטאש, אין זייערע געשעפטן.

אלע קינדער האט ער דערצויגן אין יידישן גייסט. די טעכטער זענען געווען אקטיווע „בית־יעקב״־טוערינס, ספּעציעל — מרים רחל. זי איז געווען פּרעזעסין פון „בנות אגודת ישראל״ און א גוטע רעדנערין. זי פלעגט אויך אויפטרעטן אין ווארשע מיט רעפעראטן. זי איז געווען פרום און ערלעך און ליב געהאט צו טאָן צדקה. עס זענען נאך געווען 2 זין: מרדכי און נתן. נתן איז געווען א פרומער ישיבה־בחור.

די גאנצע פאמיליע הערצבערג איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין די מלחמה־יאָרן, הי״ד.

חוה בערנשטיין־בורשטין
ישראל

ציון לנפש חיה

מיין מוטער, די רביצין גענענדל, איז געווען די יינגסטע טאכטער פון רוזשאנער למדן און גאון רבי אביעזר שיקאַרא. פיר זין און צוויי טעכטער האט געהאט דער זיידע און זיין גאנצע שטרעבונג איז געווען, אז די זין זאלן זיין תלמידי חכמים און די טעכטער חתונה מאכן פאר גרויסע לומדים. ער האט זיין שטרעבונג אויסגעפירט. די עלטסטע טאכטער, די מומע שפרה, האט ער חתונה געמאכט פארן באוווסטן גאון רבי אברהם אהרן הענדל, רב אין ווארשע־וואלע און דער רבי פון גערער און ראדזינער רבי׳ס, און די יינגסטע טאכטער האט ער געגעבן פאר א מאן אונזער גרויסן פאטער, רבי אלטער משה מרדכי בורשטין, רב אין טשערווין און אין גאווארצאווע.

נאך אלס קינד האט זיך דער זיידע געגרויסט מיט זיין מוזשינעקל. זי איז געווען א יפהפיה און א חכמה, און האט פארשטאנען דברי תורה ווי א ישיבה־בחור. דער זיידע איז רייך געווען און האט נישט געקארגט אויף א נדן. דערפאר האט מען איר געשדכנט די יחוס׳דיקע שידוכים. אבער מיין זיידע האט פאר זיך אויסגעוויילט זיין בעסטן תלמיד, און צו 18 יאר איז פארגעקומען זייער חתונה.

דער זיידע האט פארגעפילט, אז זיין טאכטער גנענדל וועט זיין א רביצין און ער האט זי דערצו צוגעגרייט. געלערנט מיט איר און זי צוויי מאל געשיקט קיין אויסלאנד.

נאך א פאר יאר עסן „קעסט" ביים זיידן און אין רבי׳שע הויפן, איז מיין פאטער געווארן רב אין טשערווין. די רביצין האט גלייך ארויסגעוויזן איר געהויבענע פערזענלעכקייט. דאס שטעטל טשערווין איז געווען אמאל א מחלוקה־שטעטל. מיטאמאל האט זיך אראפגעלאזט א מלאך פון שלום. אלץ האט זיך „געקלעפט" צום רב, און איינער איז געווארן א גוטער פריינט מיטן אנדערן. דער חלק פון מיין מוטער איז דערביי געווען זער א גרויסער. מיט איר גוטן כאראקטער, הומאניזם, חכמה און גרויסן טאקט, האט זי פיל געהאלפן איר מאן שטייגן אין לערנען און אין פרסום פון נאענט און ווייט.

אין גאווארצאווע האט די מאמע אנטוויקלט א רבנישע שטוב, וואס איז געווען א מוסטער פאר אלעמען. הכנסת אורחים אויפן ברייטן שטייגער. ארעם און רייך, אלע האט זי אויפגענומען מיט א ברכה און הארציקייט. פאר יעדן האט זי געהאט א דערמונטערונגס־ווארט, און געגעבן פאר בויטיקע, קלוגע און טרעפלעכע עצות. יעדער, וואס איז אריינגעקומען אין שטוב איז ארויסגעגאנגען א דאנקבארער און א צופרידענער.

די מאמע האט גענומען אן אקטיוון אנטייל אין רעליגיעזן־און געזעלשאפטלעכן לעבן פון שטעטל. זי איז געווען פון די גרינדער פון דער „בית־יעקב"־שולע און די פארזיצערין פון קאמיטעט, און זי האט פיל אויפגעטאן אויפן געביט פון חינוך הבנים. די פרוי שרה שענירער האט 2 מאל באזוכט גאווארצאווע. זי איז געווען מיין מוטערס גאסט און האט זיך פארבינדן מיט איר אין גרויס ליבשאפט.

געווען פאלן, ווען דער פאטער איז געקומען אין קאנפליקט מיט א דאזאר

ב. פ. מריב

חנה פאפיערטשיק ז״ל

חנה, די טאָכטער פון ר׳ יעקל בערל בלומשטיין ז״ל איז געווען א שם־דבר אין שטעטל. גאר אין יונגן עלטער האט זי חתונה געהאט מיט דעם גרויסן למדן ר׳ זעליג פאפיערטשיק נ״י, פון א מיוחס׳דיקער ווארשעווער פאמיליע.

6 קינדער האט זי אים געבוירן (אלע מיידלעך), און טראָץ איר שווערער אויפגאבע ביים דערציען זיי, האט זי נאך געפונען פרייע צייט צו טאָן מצוות און מעשים טובים. זי פלעגט ארומגיין שאפן געלט און פראדוקטן פאר א נויטבאדערפטיקטן און אויך העלפן א קראנקן אין וואס נאר ער האט זיך גענויטיקט.

חנה איז געווען זער אן איידעלע און פארמאגט א ווארעם יידיש הארץ. איר אָרט ריידן און באציאונג צו מענטשן, האט ארויסגערופן צו איר כבוד און אכטונג. מיט אלעמען איז זי געווען באפריינדעט, פאר יעדן געהאט א גוט וואָרט, רעספעקטירט אנדערע, און דערפאר איז זי רעספעקטירט געווארן.

זי איז געשטאָרבן אין חודש שבט 1928. 32 יאר איז זי בסך־הכל אלט געווען ווען זי איז נאך א קורצער קראנקהייט אוועקגעריסן געוואָרן פון לעבן. זי האט איבערגעלאזן אירע קינדער, טייל אין אזא עלטער, וואס האבן נאך נישט געקאנט באגרייפן די גרויס פון דער טראגעדיע.

חנה פאפיערטשיק איז געבליבן איינגעבאקן אין די הערצער פון אירע קינדער און משפחה, וועלכע וועלן איר קיינמאל נישט פארגעסן.

אן איבערגעגעבענע „יידישע מאמע״ געווען. ת.נ.צ.ב.ה.

(ציון לנפש חיה — סוף)

אדער אן אנדערן עסקן. די רביצין האָט שוין געוווסט ווי צו פארגלעטיקן און צו באַגאַטעליזירן דעם שטרייט, און דער סוף איז געווען, אַז די מענטשן זענען געוואָרן דעם רב׳ס בעסטע גוטע־פריינט. נישט איינמאל פלעגט זיך דער טאטע מיט איר א עצה האלטן אין א פארפלאנטערטער דין־תורה, אדער א קהל׳ישן ענין. אירע עצות זענען שטענדיק געווען טרעפלעך און גוט.

די מאמע האט זיך געפירט, אז זי האט געדאוונט אלע תפילות ווי א מאנספערשוין, און פון פרוי שרה שענירער האט זי זיך אויסגעלערנט אַרומצוגאַרטלען צו שמונה־עשרה. זי האט אויך נישט אויסן־געלאזן א טאג נישט צו לייענען די פרעסע: דעם „טאגבלאט״ און „היינט״ און אפילו וועלטלעכע ביכער.

עס שטייט מיר נאך פאר די אויגן יענער שרעקלעכער טאג, ווען די משרתת איז געקומען צו מיר אין געשעפט און דערציילט, אז די מאמע איז פלוצלונג שוואך געווארן. איך האב שוין זי געטראפן נישט ביים באוווסטזיין, אבער אירע ליפן האבן געשעפטשעט קאפיטלעך תהלים. א וואך האט זי זיך געמוטשעט. פאר איר בעט זענען געווען פארזאמלט אלע קינדער און אייניקלעך.

זי האט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה אין טאג, ב׳ אייר תרצ״ו.

חיה בת יעקב דב
ישראל

שתי דמויות

רחל שמילקעס

רחל שמילקעס התגוררה עם בעלה בעלית־בית שבביתנו. זקנים מופלגים היו. „שמונים — הוא, שבעים — היא". אותו קראו יוסקה, ואותה — רחל שמילקעס.

שנים ארוכות חיו יחד בדירה הצרת באהבה ורעות כזוג יונים. „יוסקה שלי" — התגאה היא בבעלה, והוא — „רחלה רעיתי".

העירה התיחסה אליה בהערצה ובכבוד רב. ואכן, היא היתה שוה את ההערכה. לא היה גבול לטוב לבה ואצילות נפשה. החיוך לא מש ממנה לרגע, דבריה בנחת ובשלוה והיתה תמיד מוכנה לעזור לזולת בכל כוחה ומאודה.

היא היתה עסקנית בצרכי ציבור, בכל מלא מובן המילים. דאגה לכלות עניות לא רק למצא להן נדוניה וצרכי הוצאות החתונה, אלא דאגה גם למצוא להן חתנים. לחולים וחלושים החביאה באמתחתה קצת מרק־עוף, חתיכת בשר עגל ותרופות לריפוי. קילומטרים של הליכה מדדה האשה הזקנה והישישה בכל יום־ויום. לכפרים מרוחקים הלכה, כדי לבקש מהפריצים טובות בשביל יהודים. בלשון הפולנית המלוטשת שבפיה ביקשה וגם הצליחה להשיג את מבוקשה. כמעט בכל יום סיבבה על הפתחים לבקש כסף לצדקה. כל אחד נענה לה ביד רחבה. היא אף פעם לא סיפרה בשביל מי היא אוספת ומי הוא הזקוק לעזרה.

אף על פי שהזניחה קצת את בעלה בגלל צרכי הכלל, לא התאונן יוסקה מעולם. הוא סבל, אבל לא הוכיח אותה. אדרבא. עוד עודדה להמשיך במעשיה היפים לטובת עניים חולים ומדוכאים.

חנה רבקה

חלה מי שהוא בבית, כאבי גרון, מיחושי ראש ושיניים, הלכו ראשית דבר להזמין את חנה רבקה. היא הסתכלה בחולה בעיניה החודרות, הסתכלה בלשון ובדופק, וקבעה את הדיאגנוזה. היא גם אשר קבעה לקרא לרופא או לא.

היא גרה בבית רעוע בסימטה צדדית שקשתה אליה הגישה. בעלה ובניה השתייכו למשפחת קצבים ותמיד היו עסוקים בשחיטה, ניקור וחיתוך בשר, ולהעלים מה שצריך להעלים מרופא הוטרינרי. גם חנה רבקה עזרה לבעלה במסחר. אבל כשקראו אותה לעזרה נענתה מיד וללא שהיות חשה בצעדים נחפזים להגיש עזרה ראשונה.

מחמת האימון הרב שרכשו אליה תושבי העירה, הצליחה ברוב המקרים להביא תרופה ומזור לכל חולה ולכל מחלה. הייתי נוכחת כשהרופא הפולני התיעץ אתה כשוה בשוה, מה דעתה על המחלה ואיזו תרופה היא מציעה.


אולם, לא בלבד במחלה טיפלה חנה רבקה. היא גם הביאה לחולה דברי מתוקה ומאכלי תאוה. מילת עידוד שלה היתה בכחה להקים את החולה ממיטת חליו.

אכן, אשה נפלאה היתה חנה רבקה. כשהיא לבדה חלתה במחלה קשה, קבלה עליה את הדין כעונש מן השמים, ובשקט נשאה את יסוריה מבלי להתאונן ולספר לאחרים את סבלה.

כשבקה חיים לכל חי, חילקו לה תושבי העירה כבוד רב, וסיפרו אחרי מיתתה את רוב שבחיה ומעשיה הנאים.

א. בית
ישראל

ר׳ ברוך קופּערמאַן ז״ל

ר׳ ברוך קופּערמאַן ז״ל, און תבל״א זיין פרוי חנה רחל

ר׳ ברוך קופּערמאַן איז געווען א מענטש מיט א שפּרודלדיקער ענערגיע, א געבוירענער עסקן בצרכי־צבור און איבערגעגעבענער כלל־טוער. ער איז געווען א דאזאר אין כמעט אלע קאדענצען פון דער קהלה־פּאַרוואַלטונג. ער איז אויך געווען פון די אויסגערופענע האנדווערקער־טוער אין שטעטל.

ער איז געבוירן געוואָרן אין גאוואראווע אין יאר 1883, ביי זיינע עלטערן צבי און יענטע רבקה. אלס יינגל האט ער געלערנט אין דער גאוואראווער ישיבה. שפּעטער האָט אים זיין פאטער צוגענומען צום זוסטער־פאַך, ביי וועלכעס ער האט געמאַכט א שיין לעבן. ער האט זיך אויסגעבויט א הויז אין מארק מיט א גערוימער דירה און א ווערקשטאָט.

ער האט חתונה געהאט מיט חנה רחל (פון די עלטערן — גראנאט), וואס האבן געהאט א קאלאניאל־געשעפט אין שטעטל. זי, זיין פרוי חנה רחל, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע צדקה־מעשים און מתן בסתר. זי איז געווען פון די נשים צדקניות, זי האט געטאָן אירע צדקות בצנעא ובהסתר לשם שמים.

קורץ פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה איז ר׳ ברוך קופּערמאַן מיט זיין פאַמיליע אריבערגעפאָרן קיין אמעריקע. אויך דאָרט האָט ר׳ ברוך אנטוויקלט א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, און איז געווען א אנפירנדער מיטגליד אין גאוואראווער לאַנדסמאַנשאַפט־קאמיטעט. זיין פרוי און קינדער געפינען זיך נאך אין אמעריקע ביז היינט צו־טאג.

ר׳ ברוך קופּערמאַן איז געשטאָרבן אין טאג י״א כסלו תשי״ח, און איז געקומען צו קבורה אויפן גאוואראווער בית־עלמין אין ניו־יארק. ת.נ.צ.ב.ה.

הרב אברהם אלתר קוטנר
רב־ראשי, לוד, ישראל

ר' אשר קוטנר הי"ד

הרבני הר"ח ר' אשר קוטנר הי"ד, נולד בורשה בשנת תר"ל לאביו החסיד המפורסם מחסידי רדזימין.

בנעוריו למד ר' אשר בישיבות והוא היה גדול בתורה ונסמך להוראה, אבל לא שימש ברבנות. התחתן עם אשתו הראשונה בעיר אוסטרולנקה. לאחר פטירת אשתו התחתן שנית בעיר גובורובה.

עסק במסחר וקבע עתים לתורה. היה נדבן וחסיד ובעל מידות תרומיות. מעורב בין הבריות וכל הלך מחשבתו והליכות חייו היו חדורים רוח תורה ואמונה איתנה. תוך למודו ועבודת ה' נזדככו מידותיו עד שהתעלה לאציל רוח ממדרגות עליונות בחסד, במידת ההטבה ובאהבת הבריות, בנכונות לעזור לכל הכושלים במלחמת החיים במעשיו הטובים. לא היה רודף אחרי הכרה ופרסום. נשמע לגדולי תורה ויראה ומקושר היה בכל נימי נפשו להאדמו"ר מרדזימין ז"ל.

בעת גירשו עיר גובורובה ברח לסלונים עם אשתו ובתו, ושם הוציאו אותו הגרמנים להורג בשנת תש"ב. תהא נפשו צרורה בצרור החיים וזכרו ברוך לעד.

★

ר' אשר קוטנער איז געווען פון די חשוב'ע בעלי־בתים אין שטעטל און פון די געהויבענע חסידים אין וורקער־אטוואצקער „שטיבל". ער אליין איז נישט געווען קיין וורקער חסיד. זיין פאטער ר' שמואל זיינוול האט זיך גערעכנט פון די שענסטע ראדזימינער חסידים אין ווארשע. ער איז געווען א בעל־שחרית אין די ימים־נוראים ביים לעצטן ראדזימינער רבין, און נאך זיין פטירה האט מען אים געלעגט נעבן אוהל פון רבין. אבער אין גאווראווע זענען קיין ראדזימינער חסידים נישט געווען, האט זיך ר' אשר געחבר'ט מיט די אַטוואַצקער חסידים, צו וועלכע עס האבן אנגעהערט זיינע קרובים

אין די יינגע יאָרן האט ר' אשר געלערנט אין דער ראדזימינער ישיבה. שפעטער האט ער געדאלפן זיין פאטער פירן דאס לעדער־געשעפט אין ווארשע. אין די אוונטן פלעגט ער פארברענגען אין חסידים־„שטיבל", לערנען אַ בלאט גמרא און שמועסן חסידות.

ר' אשר האט חתונה געהאט קיין אסטראלענקע מיט זיין פרוי יוכבד. איר פאטער אברהם ישראל האט געהאט א ווײַן־שענק דארט. נאך עטלעכע יאר עסן „קעסט" האט ר' אשר אנגעהויבן האנדלען און פירן סחורה קיין ווארשע.

צו דער צווייטער הייראט מיט זיין פרוי רבקה, ביים סוף פון ערשטן וועלט־קריג, האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין גאווראווע און געעפנט א קאלאניאל־געשעפט אין מרק.

ר' אשר איז געווען א טיפישער חסיד מיט אלע חסידישע הוויות, און א גוטמוטיקער אין באַציאונג צו מענטשן. ער האט גערעדט מיט א זינגענדיקן טאָן די ווארשעווער „יאַך"־„שפראַך, און האט ליב געהאט מיט א האנד־מאך מבטל צו מאכן די גאנצע וועלט...

ער איז געווען פון די גרינדער פון אַטוואַצקער „שטיבל", און צוזאמען מיט ר' יעקב דוד ניימאן האט ער געשאנקען דעם פלאַץ פארן „שטיבל".

ער איז אומגעקומען צוזאמען מיט זיין משפחה אין סלאָנים, הי"ד. א. בן

צפורה זאלצבערג־שאכטער
ישראל

ר׳ שלמה לייב
און ר׳ חיים ברוך שאכטער ז״ל

מיט זיידע ר׳ שלמה לייב איז אין גאוואראווע באקאנט געווען אלס א ייד א חכם און א גרויסער בן־תורה, פון די שיינע ווורקער חסידים. ער פלעגט אָפט זיין א בורר ביי גרויסע דין־תורה׳ס און איז געווען דער בעסטער ידיד פון גאוואראווער רב. ווען ער איז געשטאָרבן האט אים דער רב מספיד געווען מיט די ווערטער: „מען האט מיר מיין רעכטע האַנט צוגענומען״. ער האט געהאט 5 קינדער: לאה, פסח, חיים ברוך, סימע און נחמה. פסח איז געווען א תלמיד־חכם און זער אַ פרומער. געדאוונט און געלערנט און נישט געוואָלט קיין סך נהנה זיין פון עולם־הזה. נאך זיין חתונה איז ער געווארן א שוחט. ער איז אומגעקומען פון הונגער אויף דער פארשיקונג איז רוסלאנד, ווייל ער האט נישט געוואלט עסן טריפה. די עלסטע טאכטער לאה איז אומגעקומען מיט דער פאמיליע אין סאקאלאוו, און סימע מיט איר משפחה — אין סלאנים. בלויז נחמה האט זיך געראטעוועט, ווייל זי געווען אויף הכשרה, און אין יאר 1938 האט זי עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

מיין פאטער ר׳ חיים ברוך איז געבוירן געווארן אין יאר 1900. ער האט געלערנט אין דער מאקאווער ישיבה. אין יאר 1924 האט ער חתונה געהאט מיט מיין מוטער ייטקע האלצמאן, און איינגעפירט א שיינע יידישע שטוב. ער האט שיין געקאנט זינגען, מיין פאטער. ביי די שבת־זמירות, פלעגן שטיין מענטשן הינטער די פענסטער זיך צוהערן זיין שיין געזאנג.

אין דעם טרויעריקן שבת, האבן די דייטשן דערשאסן עטלעכע שכנים פון אונזער הויז. אלץ איז פארברענט געווארן און מיר זענען געבליבן בערום ובחוסר כל. עטלעכע טעג האבן מיר זיך געוואלגערט ביי גוים, און דערנאך — קיין ביאליסטאק. מיין פאטער איז געווען א ענערגישער מענטש, ער האט זיך אין ביאליסטאָק גוט איינגעאָרדנט, אבער פאר דער עבירה וואס ער האט נישט גענומען קיין רוסישן פאספאָרט האט מען אונז פארשיקט קיין סיביר. 4 שווערע יאר האבן מיר דאָרט דורכגעמאכט נאר א דאנק מיין פאָטערס ענערגיע און איניציאטיוו האבן מיר ווי׳ עס איז געהאלטן מעמד. מיין טאטע האט געטאן די שווערסטע ארבעט. געזעגט האלץ ביי 50 גראד פראָסט. איינמאל איז א אונטערגעהאקטער בוים אים געפאלן אין קאָפּ. ער איז שווער פארוווּנדעט געווארן, אבער דעם מוט נישט פארלוירן. איך געדענק, פאר א יום־טוב סוכות, איז ער אוועק מיטן פולטוסקער ראש־הישיבה אין טיפן וואלד, אויסגעגראבן א גרוב און פארדעקט מיט צווייגן, כדי מקיים זיין די מצות־סוכה, קיינער זאל פון דעם נישט וויסן.

אין יאָר 1944 האָט מען אונז — אלס פוילישע בירגער, צוריקגעשיקט קיין אוקראינע דער הימל האט זיך שוין געעפנט אויסלייטערן. עס האבן זיך שוין באוויזן די ערשטע שטראלן פון האָפנונג. אזוי, שוין שטייענדיק אויפן שוועל פון באפרייאונג, איז אינז געשען דאס גרויסע אומגליק.



ר׳ חיים ברוך שאַכטער ז״ל

מיין פאטער האט געארבעט צוזאמען מיט ר׳ שלמה געלבאַרט אין א צוקער־פאבריק. א געוויסן שבת ביינאכט, ווען מיין פאטער האט געארבעט נאכט־שיכט, איז געשען אין דער פאבריק א גאז־אויפרייס, און ביידע זענען טראגיש אומגעקומען. מיין פאטער איז דאן געווען אין בליענדיקן עלטער פון 44 יאָר.

זאל זיין נאמען געהייליקט זיין צוזאמען מיט אלע יידישע מארטירער.

★

התעוררתי באמצע הלילה להדי רעש התפוצצות שנשמעו מרחוק. לבי נבא לי רעות. שומע אני בחוץ רעש והמולה. מספרים שקרה אסון בבית החרושת לסוכר, שני עובדים נהרגו. רעד עבר בגופי: הרי אבי עובד שם במשמרת לילה. אולם, מיד דחיתי את הרעיון האיום. לא יתכן, אמרתי, על השלחן מונח עוד החומש שבו למדוני אבי לפני צאתו לעבודה את פרשת השבוע, והנה המלחמה עומדת להסתיים ותקופה חדשה וורודה נוצצת ורומזת מקרוב...

אולם הבשורה האכזרית מגיעה אל ביתנו. „הזקן היהודי בין ההרוגים״. אבי היה אז בדמי עלומיו, בן 44 שנה. הגויים קראהו „זקן״ בגלל זקנו השחור שעיטר את פניו.

עולמי נחרב עלי בחיי. לא יכולתי לקלוט את הרעיון שאבי לא יחזור יותר ולא אראנו עוד.


מאז, מדי יום ביומו, בבקר ובערב, בקור הרוסי הכבד וברוחות העזות של ערבות אוקראינה, הייתי מתרוצץ בסביבה עוינת של גויים לאסוף מנין יהודים להתפלל ולאמר קדיש לזכרו.

יהא זכרו ברוך.

מרדכי שכטר

ג. אבן
ישראל

ר׳ גדליה גרינבערג ז״ל




ר׳ גדליה גרינבערג ז״ל און תבל״א זיין פרוי חנה

אין ר׳ גדליה גרינבערגס בעקעריי האט מען נישט נאר געקאנט קריגן א פריש ברויטל גוט אויסגעבאקן, נאר מען האט אויך געקאנט הערן א שיין וויציק גלייכווערטל און א דבר־תורה. די גירסא דינקותא, וואס ר׳ גדליה האט דערווארבן אין דער לאמזשער ישיבה, איז אים נישט פארלוירן געגאנגען, כאטש ער האט שווער געארבעט אין זיין בעקעריי און נישט קיין צייט געהאט אפצופרישן זיין זכרון פון אמאליקן לומדות. ער איז געווען פון די חשוב׳ע גערער חסידים און געדאוונט אין גערער „שטיבל״ אלע יארן.

ר׳ גדליה האט פארמאגט א סך לעבנסלוסט און איז שטענדיק געווען פריילעך. אין תוך איז ער געווען א שטילער באשיידענער מענטש, נישט ליב געהאט זיך צו מישן אין קהל׳ישע ענינים. אין שטעטל האט מען אים בכבוד׳יק און רעספעקטפול אפגעשאַצט.

ר׳ גדליה איז געבוירן געווארן אין גאוואראווע אין יאר 1888, ביי זיין פאטער יצחק אייזיק דער בעקער און מוטער שיינע גיטל. ער האט געלערנט אין חדר און אין דער לאָמזשער ישיבה. צו 20 יאר האט ער חתונה געהאט מיט זיין פרוי חנה מארמלשטיין פון רוזשאן, און געעפנט אין גאוואראווע די בעקעריי, וועלכע ער האט געהאלטן ביז צום חורבן פון שטעטל.

ר׳ גדליה איז געשטאָרבן אין דער פרעמד, אַנטלויפנדיק קיין לאָמזשע, כ״א חשון ת״ש זיין פרוי, צו לאנגע יאָרן, געפונט זיך אין ישראל.

רבקה ראזענבערג־שאפראן
קאנאדע

מיין זיידע ר' יעקב שבתי ז"ל

איך וויל פרווון דא שילדערן א טיפּישן גאווראַווער ייד, וואס איז דאָרט געבוירן געוואָרן אין יאָר 1850, און כמעט אַלע זיינע יאָרן אָפּגעלעבט אין דאָזיקן שטעטל. דאָס איז מיין זיידע ר' יעקב שבתי טרוכנאווסקי ע"ה, וואָס איז באַקאַנט געווען א. נ. יעקב שעפּסל „דער ליטוואַק". איך וועל פאַרצייכענען עטלעכע עפּיזאָדן פון אים און פון זיין פרוי, מיין באָבען חיה, וועגן וועלכער איך האָב געהערט, ווען איך בין נאָך א קינד געווען. איך וועל אויך דערציילן פאַקטן, וואָס איך האָב אַליין שפּעטער אָבסערווירט און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, נישט געוווּסט דאַמאָלס ווי זיי צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן.

דער זיידע, מיט זיינע צוויי יונגערע שוועסטער, זענען יונגערהייט געבליבן קיילעכדיקע יתומים. ער איז דאַן קוים ניין יאָר אַלט געווען, אָן א גואל און אָן א נאָענטער משפּחה, ווייל זיינע עלטערן זענען אויך געווען בני־יחידים ביי זייערע עלטערן און זענען אויך גאָר יונג געשטאָרבן.

פרעמדע, גוטע מענטשן, וועלכע האָבן אויף די קינדער אַכטונג געגעבן לשם מצוה, האָבן מיין זיידן, צו צען יאָר, אַריינגעגעבן צו א שניידער פאַר א געזעלן. גאַנצע דריי יאָר איז ער פאַרזאָרגט געוואָרן מיט עסן און שלאָפן. דערביי האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַלץ טאָן, וואָס דער בעל־הבית וועט אים הייסן, און אַפילו פאָלגן דער בעלת־הבית'טע אויך. ווייל דאָ קריגט ער דאָך עסן און שלאָפן און מען לערנט אים צו ווערן א שניידער. דער צען־יעריקער שניידער־געזעלן האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז כדי צו ווערן א שניידער, דאַרף מען טראָגן וואַסער פאַר דער בעלת־הבית'טע, ברענגען האָלץ, וויגן דאָס קינד, און ווען זי ליגט אין קינפּעט, דאַרף ער אויך די שטוב רוימען און אויסקערן. ער האָט חלילה נישט פּראָטעסטירט און אוודאי נישט רעוואָלטירט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז א שניידער וועט ער סוף־כל־סוף ווערן און דאָס מיינט דאָך פאַרדינען געלט אויף חיונה און מיט דער צייט אויך ווערן זעלבשטענדיק.

ווען די דריי יאָר האָבן זיך געענדיקט, האָט ער שוין, א חוץ עסן און שלאָפן, אויך געקראָגן באַצאָלט. געצאָלט האָט מען יענע יאָרן אין קליינעם שטעטל (מסתמא אויך אומעטום), נישט יעדע וואָך, צומאָל יעדן חודש, נאָר מיטאַמאָל פאַר א גאַנצן „זמן". ווען דער האַלבער יאָר האָט זיך געענדיקט, האָט ער באַקומען גענוג געלט אויף צו קאָנען זיך באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס, דאָס הייסט — א קאַפּאָטע מיט א פּאָר שיך.

צו אַכצן יאָר איז שוין מיין זיידע געווען א פּאָלנער שניידער און געטאָן א גוטן שידוך זיין כלה, מיין באָבע חיה, האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס. זי איז אויך געווען א קיילעכדיקע יתומה און האָט זיך געהאָדעוועט ביי א פעטער. דער גוטער פעטער האָט „צוגעזאָגט" נדן און מען האָט ביידע יתומים חתונה געמאַכט. דער זיידע האָט זיך שוין דאַן געגרייט צו ווערן א זעלבשטענדיקער שניידער.

גרויס איז געווען זיין אַנטוישונג, ווען דער באָבעס פעטער האָט נאָך דער חתונה,

צו אים א זאג געגעבן: ווו זאל אַ ייד, אזא ארימאן ווי איך, נעמען געלט אייך צו געבן נדן? כ'האב דיר געגעבן א טייער, שטיל און פיין מיידל פון יחסנישע עלטערן, מער קאן איך דיר נישט געבן; פרנסה איז ביי גאט, אז דער אויבערשטער וועט וועלן, וועסטו ווערן א „טאנדייטער" אן דער כלה'ס נדן... און גאט האט טאקע געוואלט, אז וואס דער כלה'ס פעטער האט געזאגט, איז מקוים געווארן. אמת טאקע, נישט אזוי לייכט אבער נאכן בייקומען די אלע שוועריקייטן, האט ער זיך, סוף־סוף, דערשלאגן צו א גוטער פרנסה און די באבע האט אין שטילקייט און פיינקייט געלעבט אירע יארן. זי האט זיך געהאלטן בכבוד'יק און געוועזן אנגעזען ביי אלעמען. ווען זי פלעגט אריינקומען אין „עזרת נשים" האבן זיך די ווייבער פאר איר אויפגעשטעלט. „חיה די צדיק'יסטע", האבן זיי איר גערופן. אכט קינדער האט זי דעם זיידן געבוירן — פיר זין און פיר טעכטער. די עלטסטע פון זיי איז געווען מיין טייערע מוטער, אסתר, הי"ד.

איך וועל זיך איצט צוריק אומקערן צום זיידן: איידער עס איז נאך ביי זיי דאס ערשטע קינד געבוירן געווארן, איז דער זיידע אוועקגעפארן ארבעטן קיין ווארשע, מיטן איינציקן געדאנק און אמביציע, אפצושפארן גענוג געלט און ווערן א בעל־הבית פאר זיך. אין ווארשע האט ער געארבעט אין א שניידער־פאבריק מיט נאך א סך ארבעטער. מיטיק־צייט, ווען אלע ארבעטער זענען געגאנגען אין א גורקיך עסן, האט זיך דער זיידע באהאלטן, אז קיינער זאל אים נישט זען און געעסן א שטיקל טריקן ברויט. ווען זיינע מיטארבעטער האבן אים געפרעגט: שעפסל, ווו האסטו געעסן? האט ער זיי געענטפערט: אט דארטן! אין קעגנאיבערדיקן רעסטאראן...

אזוי האט ער געלעבט אין גרויס שפארזאמקייט עטלעכע יאר אין ווארשע. ווען ער האט געפלעגט, פון צייט־צו־צייט, קומען צו דער באבען קיין גאוואראווע, איז ער געגאנגען צופוס, אבי צו שפארן געלט. נאך יארן לעבן אין גרעסטער קארגשאפט, ער אין ווארשע און די באבע — אין שטעטל, ווו זי האט אויך צופארדינט ביי באקן ברויט און שטעלן טשאלענטער פאר אנדערע — האט דער זיידע אנגעקליבן גענוג געלט אויף צו פארווירקלעכן זיין חלום. דאס לעצטע מאל, ווען ער איז געקומען ווידער צופוס פון ווארשע, האבן זיך ממש ביי דער טיר זיך אויסגעלאזט זיינע כוחות און איז געפאלן אין חלשות. מער האט ער שוין נישט געפרווט צו גיין צופוס.

איינמאל, האט אפילו דער זיידע פארגעלייגט, אז די באבע מיט די צוויי קינדער, וואס זי האט שוין דאמאלס געהאט, זאלן מיטפארן מיט אים וווינען אין ווארשע, אבער דעם פארשלאג האט די באבע קאטעגאריש אפגעווארפן. „אין ווארשע", האט זי געזאגט, „זענען אפילו די שטיינער אויך טריף, וויל זי נישט, אז אירע קינדער זאלן דארט אויסוואקסן גוים". דער זיידע האט נאכגעגעבן, ער האט באלד אויפגעבויט זיך אן הויז אויף דער „לאנגער גאס", געקויפט צוויי ניי־מאשינעס, געבראכט סחורה פון ווארשע, איינגעשאפט זיך געזעלן און געארבעט צו 20־18 שעה אין מעת־לעת. אין גאוואראווע האט מען זיך געסוד'עט, אז יעקב שעפסל האט אין ווארשע געפינען אן אוצר מיט געלט און איז באגליקט געווארן... ווייל, ווי קאן דאס זיין, אז אין געציילטע עטלעכע יארן, זאל מען מאכן אזוי פיל געלט? אָט די לעגענדע איז פארבליבן ווי לאנג ער האט געלעבט. קיינער האט נישט געוווסט אין וואספאר קארגשאפט זיי האבן געלעבט.

דעם זיידענס שניידעריי איז אוועק זער גוט. ער האט גענייט פאר גוים שובעס, קורטקעס און אנצוגער, פלעגט פארן פון יריד צו יריד און פארקויפן די דאזיקע סחורה.

ער האט געוווינען ביי זיינע קונים דעם גרעסטן צוטרוי. „דער ליטוואק נארט נישט אפ" — האבן זיי געזאגט. דאס איז געווען פאר אים די בעסטע רעקלאמע, וואס מען קאן פאר קיין געלט נישט קויפן און דאס האט אים געבראַכט מזל־ברכה. אפילו דער בעל־עגלה, וואס האט אים געפירט אויף די ירידים, האט אויך אין אים שטאַרק געגלויבט. איך געדענק, אז אלע יארן האט ער געהאַט נאר איין פורמאן און האט געהייסן פיאָטער. ווען פיאָטער איז געשטארבן, האט זיין ברודער וואלעק איבערגענומען די לייצעס. און מיט זיין גאנצער מזל־ברכה האט ער ווייטער געלעבט אין קאַרגשאפט.

מיין זיידע האט אבער שוין געהאַט אַן אנדער ציל אין לעבן: נישט צו מאכן זיינע קינדער פאר שניידער נאר פאר לערנער, געבן זיי גרויסע נדנים און זיך משדך זיין מיט ייחוס. אין א געוויסער מאס איז דאס אים טאקע געלונגען; דעם ערשטן זון, חיים זלמן, האט ער חתונה געמאכט מיט ר' ישעיה דימענט'ס טאכטער, רבקה, פון אסטראָווע. ר' ישעיה דימענט איז געווען א ייד א בן־תורה פון גרויסן יחוס, אבער אויך א גרויסער ארעמאן. דערפאר האט דעם נדן געגעבן מיין זיידע, און נישט ווי עס האט זיך דאן געפירט, דער כלה'ס פאטער. דעם צווייטן זון, וועלוול, האט ער חתונה געמאכט מיט דעם וואנסעווער רב'ס טאכטער, פעשקע. פון וואנסעווער רבנות האט דער רב מער ווי א שטיקל ברויט נישט געהאַט. נאך דער חתונה האט דער פעטער וועלוול זיך געדארפט שטעלן צום פריזיוו. דאַן איז א גרויסע קריגעריי אויסגעבראכן צווישן זון און די עלטערן. וועלוול האט געזאגט, אז ער וועט „פאָניען" נישט גיין דינען, ער וויל גאר פארן קיין אמעריקע. ווי א דונער אין א העלן טאג האבן די ווערטער געטראָפן די עלטערן. דאס איז געווען אין אנהויב פון הײַנטיקן יארהונדערט, ווען



אַ משפחה־בילד בעת א שמחה. די צווייטע פון רעכטס זיצט יעקב שעפסלס טאָכטער שרה מיט איר מאַן שמואל שטערן. חוץ די באַצייכנטע (X), זענען אלע אומגעקומען. פון די לעבן־געבליבענע: ישראל טר:כנאוונקי, דערנעבן, זיין פרוי שרה און זייער טאָכטער חוה (קאַנאַדע). נעבן זעלנער שטייט פר:י חיה זמל (ישראל).

קיין אמעריקע פלעגן פארן נאר גנבים, פארברעכער, אדער רעוואלוציאנערן, וועלכע האבן געמוזט אנטלויפן פון דער צארישער מאכט. ווי פאסט דאס אבער, פאר א בעל־הבית׳ישן זון, וואס האט חתונה געהאט מיט א רב׳ס א טאכטער? און ועל כולם, וועט נאך דער זיידע דארפן באצאלן 400 רובל שטראף דעם קייסער, פארוואס דער זון איז אנטלאָפן פון פריזיוו. ועלוול האט זיך אבער אוועקגעשטעלט מיט עקשנות און געזאגט, אז אויב מען וועט אים נישט געבן קיין געלט צו פארן קיין אמעריקע, וועט ער זיך אויפהענגען... די פארצווייפלטע עלטערן האבן געזען, אז דער זון מיינט טאקע דאס וואס ער זאגט, האבן זיי אים געגעבן געלט און ער איז טאקע אוועק קיין אמעריקע. „בעסער האבן א לעבעדיקן זון אין דער טריפה׳ר אמעריקע, איידער א זון א געהאנגענעם...״ — האבן זיי באשלאסן.

ביז מער לייטישערע מענטשן האבן נישט אנגעהויבן פֿארן קיין אמעריקע, האבן די עלטערן זיך געשעמט צו זאגן, אז זיי האבן דארט א זון. זיי האבן זיך נישט פארגעשטעלט, וואס די צייט, מיט די שפעטערדיקע מלחמות און די היטלער־יארן, וועלן ברענגען. און טאקע, א דאנק דעם ערשטן פיאנער פון דער משפחה, וואס האט זיך דאן געלאזט אויף אזא „גליטשיגן, נישט יידישן״ וועג קיין אמעריקע, איז דורך אים אפגעראטעוועט געווארן אזא פארצווייגטע משפחה, וואס געפינט זיך איצט דארט. ווען דער וואנסעווער רב׳ס איידעם איז דאמאלס געקומען קיין אמעריקע און פארזוכט א פּאר יארן דעם טעם פון די „שוויץ־שעפער״, האט ער געזאגט, אז ער וועט בעסער די גאסן קערן און נישט ארבעטן אין קיין „שאפ״. האט ער טאקע געוואשן פענסטער און געטאן אלערליי שווארצע ארבעט. ער האט אויך געשטופט א וועגעלע, אמאל מיט געפרוירענע עפל, טיילמאל מיט שוך־בענדלעך און ווייבערישע זאכן. געשלאפן איז ער ביי א שוסטער אין א קעלער און געצאלט 50 סענט א מאנאט דירה־געלט. צוביסלעך איז ער אריין אין „ביזנעס״ און ווי דער אמעריקאנער שטייגער — גאר רייך געווארן. דער פעטער וועלוול איז שוין איצט א זקן פון איבער 85 יאר, ביז הונדערט און צוואנציק, און לעבט די גאנצע צייט אין אמעריקע.

דאס דריטע פון מיין זיידנס קינדער, איז געווען מיין טייערע מוטער, אסתר. אויך איר האט דער זיידע חתונה געמאכט לויט זיין ווונטש. ר׳ אליעזר גדליה, דער גרויסער למדן פון דלוגאשאדלע, איז געווארן דער מחותן און דער 13־יעריקער אברהמ׳ל, דער עלוי, איז געווארן דער חתן. דער זיידע האט צו דעם זוכה געווען, ווייל ער האט געגעבן א גרויסן נדן: דריי יאר „קעסט״, געקויפט דעם חתן צו דער חתונה א שטריימל, אים געמאכט אן אטלאסענע קאפאטע, געגעבן אים גאנץ ווילנער ש״ס און דערצו אויך א...שיינע, געראטענע 17־יעריקע טאכטער, וואס מיין פאטער האט זי ביז צו דער חתונה נישט געזען. געווען זענען זיידע־באבע זיכער, אז דער איידעם וועט מיט זיין גרויסן קענען לערנען ווערן א רב. מיין פאטער איז אבער נאך דריי יאר עסן „קעסט״ קיין רב נישט געווארן. „כ׳האב מורא״, האט ער געזאגט, „נעמען א שטאט מיט יידן אויף מיינע פלייצעס, א צו גרויסע פאראנטווארטלעכקייט כלפי גאט״.

די מוטער מיינע האט געעפנט א געוועלב און 38 יאר געצויגן פון איר פרנסה. זיי האבן אויפגעהאדעוועט 9 קינדער און געלעבט בשלום ובשלוה. ביז היטלער מיט זיינע הארדעס זענען געקומען און האבן אומגעבראכט זעקס מיליאן יידן, און צוזאמען מיט אלע, אויך מיינע טייערע עלטערן, און מיינע דריי ברידער, בונם, משה און דוד, הי״ד.



וועלוול טרוכנאָווסקי

די באָבע איז געשטאָרבן אין יאָר 1917, דער זיידע אין טיפן עלטער — אין יאָר 1928.

★

ר׳ יעקב שבתי׳ל טרוכנאָווסקי איז געווען אַ שיינער טיפּ פון אַן ערלעכן יידן; אַ פרומער שניידער, געהאַט אַ גרויסן וואַרשטאַט מיט אַרבעטער, געפאָרן מיט זיין פאַרטיקער סחורה אויף אַלע ירידים, אַלע זיינע יאָרן אַליין שווער געאַרבעט, און דאָך האָט ער זיך באַשווירן, אַז ער מוז יעדן טאָג אָפּזאָגן גאַנץ תהילים מיט מעמדות און אַלע סאָרטן פּרשיות, וועלכע זענען נאָר פאַראַן אין די גרויסע דיקע סידורים.

די פראַגע איז נאָר, ווו האָט דער ייד גענומען אַזוי פיל צייט דערצו? ער האָט אָבער געפונען אַ פּשוט׳ע עצה: גלייך נאָך האַלבער נאַכט האָט ער מקיים געווען „וישא יעקב רגליו, וילך״ — גלייך אין בית־המדרש אַריין און אָנגעפאַנגען זאָגן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געדאַוונט פאַרטאָג מיטן ערשטן מנין. קומענדיק אַ היים האָט ער געמאַכט אַ „לחיים״ אויף אַ ביסל ריינעם ספּירט און עפּעס צוגעביסן. נאָכער האָט ער געגעסן פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון ברויט מיט אַ הייסער גריץ. אַזוי האָט געלעבט ר׳ יעקב שבתי׳ל, וועמען מען האָט געהאַלטן פאַר אַ ייד אַ נגיד.

די גאָוואָראָווער יוגנט האָט גוט געקאַנט דעם דאָזיקן יידן; ווען זיי פלעגן נאָך שפּאַצירן נאָך האַלבער נאַכט, פאָרן שלאָפן גיין, האָט שוין ר׳ יעקב שבתי׳ל געהאַלטן נאָכן שלאָפן, און די חבר׳ה האָבן געזען, ווי ער מאַכט שוין ליכטיק אין בית־המדרש און הויבט אָן זאָגן זיין תהילים.

זיין עלטסטער זון וועלוול, וועלכער וווינט אין ניו־יאָרק, אַ ייד אַן עין הרע, שוין אין די אַכציקער יאָרן, זאָגט, אַז ער קאָן ביז היינט נישט פאַרגעסן, ווי זיין טאַטע פלעגט אים ווינטער אין די שטאַרקסטע פרעסט, אין מיטן דער נאַכט, אַרויסשלעפּן פון דער וואַרעמער בעט און אים געצוווּנגען צו גיין אין בית־המדרש לערנען.

זיינער אַ צווייטער זון, ר׳ ישראל טרוכנאָווסקי פון פּולטוסק, וועלכער האָט מיט זיין פרוי און קינדער איבערגעלעבט די מלחמה, וווינען היינט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.

א. שין

א. בשן
ישראל

ר' יהושע ראזען ז"ל



ר' יהושע ראזען און זיין פרוי אלטע, ז"ל

ר' יהושע ראַזען ז"ל איז געווען א טיפּ פון א ענערגישן עסקן און כלל־טוער פאר אלגעמיינע, רעליגיעזע און פּראָפעסיאָנעלע ענינים פון שטעטל. ער איז געווען א פרומער און זער ערלעכער מענטש און זיך באצויגן מיט גרויס ערנסט צו זיינע אויפגאבן.

ער איז געבוירן געווארן אין גאוואראווע, בערך אין יאר 1878, ביי זיינע עלטערן יוסף און חוה ראזען. ער האט זיך אויסגעלערנט דאס שוסטער־פאַך און חתונה געהאט מיט זיין פרוי אלטע, די טאכטער פון ישראל שבתי בערלינער.

באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ר' יהושע אנגעהויבן טאן אין כלל־זאכן. ער איז געווען דאזאר אין רוב קהלה־קאדענצן און פון די גרינדער און טוער פון האנדווערקער־פאראיין און זייער באנק. ער איז אויך געווען א טעטיקער מיטגליד אין דער חברה־קדישא, חברה תהילים, פון די גבאים אין דער גרויסער שול און פון די וואָרט־זאגערס ביי אלע קהל'ישע זאכן.

מיטן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג, איז ר' יהושע מיט זיין פאמיליע אוועק קיין רוסלאנד. דארט איז אים אין יאר 1942 געשטאָרבן זיין יינגסטער זון יעקב, פון די טוערס פון „השומר הדתי" אין שטעטל. ער האט אויך פארלוירן דארט זיין טאכטער חוה גאלאווינסקי און איידעם אברהם ברזילי. זיין צווייטער איידעם, שלמה געלבארד,

איז ביים סוף פון וועלט־קריג אומגעקומען אין אוקראינע, צוזאמען מיט חיים ברוך שאכטער, אין א צוקער־פאבריק, פון א גאז־אויפרייס. אין יאר 1956 איז אין ישראל געשטארבן זיין טאכטער שרה בלומע אויסלענדער.

אין יאר 1949 איז ר׳ יהושע מיט זיין משפחה אנגעקומען קיין ישראל און זיך באזעצט אין בני־ברק. זייענדיק פון דער נאטור־אויס אן עסקן, האט ער באלד אנגעהויבן ווערן טעטיק אין בית־הכנסת פון „פועלי אגודת ישראל" אין שכון. ער איז געווארן גבאי פון „תיקון סופרים", און טראָץ זיין טיפן עלטער האט ער פיל געלייסטעט פאר דער שול.

ר׳ יהושע איז געשטארבן אין חודש שבט תשכ"ד, און מיט אן האלב יאָר שפעטער, אלול תשכ"ד, איז געשטארבן זיין פרוי אלטע, בערך אין זעלבן עלטער. זיי זענען ביידע געקומען צו קבורה אויפן בית־עלמין פון זכרון־יעקב, אין בני־ברק.


ת.נ.צ.ב.ה.



יעקב ראזען ז"ל

י. בן־מרדכי
ישראל

ר' יעקב ראזענבערג הי"ד



ר' יעקב ראזנבערג, הי"ד

ר' יעקב, דער זון פון ר' ברוך ראזענבערג, ע"ה, איז געבוירן געווארן אין גאוואראווע, אין יאר 1882. הגם ער האט שפעטער לאנגע יארן ביז צום מלחמה־אויסברוך, געלעבט אין רוזשאן, דאך האט ער זיך געהאלטן פאר א גאוואראוועער. ער פלעגט אפט קומען אין שטעטל אריין, ווו עס האבן זיך געפינען זיין מוטער שרה גיטל און ברודער אברהם ראזענבערג.

ר' יעקב איז געווען א ייד א ירא שמים און אוהב תורה ובעל חסד און איז באקאנט געווען אלס גרויסער מכניס־אורח. ווען ער האט נישט געהאט קיין אורח אויף שבת, איז אים שווער געווען זיך זעצן צום טיש אליין צו דער שבת־סעודה. ער האט אויך אָנגעהערט צו פארשידענע חברות, וואס האבן געלערנט תורה. דאס האט ער שטארק ליב געהאט.

ר' יעקב איז געווען זער אפגעהיטן אין כשרות. מען דערציילט, אז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אריינגעפאלן צו די דייטשן אין געפענגעניש, האט ער די גאנצע 3 יאר (1914—17) געלעבט בלויז אויף ברויט מיט טיי.

אין רוזשאן איז ר' יעקב ראזענבערג געווען טעטיק געזעלשאפטלעך: ער איז געווען דאזאר אין דער דארטיקער קהילה, ווי אויך מיטגליד אין דער „חברה־קדישא". אין דער „גמילות־חסדים"־קאסע האט ער פארנומען דעם אמט פון קאסירער. ער איז געווען אן עסקן בצרכי צבור באמונה שלמה.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האבן זיך דערנענטערט צו רוזשאן, האבן די יידן פארלאזט זייערע היימען און אנגעהויבן וואנדערן פון ארט צו ארט. ר׳ יעקב מיט זיין פאמיליע איז אוועק קיין גאווארעוו צו זיינע אייגענע. אבער דא איז געשען דאס שרעקלעכע: אין דעם גרויזאמען שבת באגינען, ווען די דייטשן האבן אריינגעטריבן אלע יידן אין שול אריין, און האבן אונטערגעצינדן דאס שטעטל, איז ר׳ יעקב דערמארדעט געווארן. א נאצישע קויל האט א סוף געמאכט צו זיין לעבן. ער איז געקומען צו קבורה אויפן גאווארעווער בית־הקברות. אין זיין לויה האבן זיך באטייליקט פיל גאווארעווער און רוזשאנער בעלי־בתים.

ר׳ יעקב האט איבערגעלאזט א פרוי, חיה שרה, וועלכע וווינט היינט אין ישראל. אויך זיינע צוויי טעכטער, אסתר־הדסה קליין און רחל ראָזענבערג געפינען זיך אין לאנד, מיט זייערע פאמיליעס. זיין זון ברוך און די צוויי טעכטער, ברכה און חנה, לעבן אין רוסלאנד. זייער זון שמואל, מיט זיין פרוי רבקה, די טאכטער פון ר׳ אברהם שאפראן, הי״ד, וווינען אין קאנאדע. שמואל ראזענבערג, א יודע ספר, האט נאך אין פוילן געהערט צו די באוווסטזיניקע יונגעלייט, און איז דאָרט געווען א געזעלשאַפטלעכער טוער. ער, מיט זיין פרוי זענען אין קאנאדע שטאַרק טעטיק צווישן די גאווארעווער לאנדסלייט און האבן פיל בייגעשטייערט צום ארויסגעבן פון דעם דאזיקן ספר.

★

זאל נאך צום סוף דערמאנט ווערן, אז ר׳ יעקבס זון מאיר, איז געפאלן אין שלאַכט פון דער רוסישער ארמיי קעגן די דייטשן. זיינע א טאָכטער, פריידע איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד. פריידעס קינדער: דוב מיט זיין פרוי צפורה און זייערע 2 קינדער, ווי אויך איר טאָכטער רחל מיט איר מאַן אילן און א קינד, לעבן אין ישראל.



ר׳ יעקבס מוטער שרה גיטל ראָזנבערג, ז״ל.

רבקה ווינדערבוים־פראסקא,
ישראל

מיין היים

מיין ברייט פארצווייגטע משפחה איז דורות־לאנג איינגעווארצלט געווען אויפן גאווראָווער באדן. מיר אליין האבן געוווינט אויסער דעם שטעטל, אין א הויז אויפן פרייען פעלד, ארומגערינגלט מיט גרינע לאנקעס און א וואַסער־אָזשערע. ביי אונז אין שטוב פלעגן זיך אפט צוזאמענקומען אלע משפחה־מיטגלידער, שעפן פרישע לופט, פארברענגען צוזאמען אין שבתים און ימים־טובים און פרייען זיך ביי משפחה־שמחות.

אונזער שטוב איז געבענטשט געווען מיט א סך קינדער. מיין פאָטער פלעגט זאגן ביי יעדעס ניי־געבוירענעם קינד: „אט בין איך רייכער געווארן מיט נאך אן אוצר"... מיין מאמע האט זיך אויך קיינמאל נישט געקלאגט אויף איר גורל. עס איז איר קיין זאך נישט שווער געווען פאר אונז קינדער. אלע אירע שענסטע יארן און בעסטע כוחות האט זי אונז אוועקגעשאנקען. אונזער שטוב איז שטענדיק פול געווען מיט קינדערשן געפילדער און געלעכטער.

איך דערמאן זיך דאס יאר, ווען איך האב אנגעהויבן גיין אין דער פוילישער פאָלקס־שול. עס איז דאן נישט אזוי לייכט געווען פאר א יידיש קינד אנצוקומען אין דער שולע. מיין טאטע האט גרויס מי געלעגט און אנגעוואנדען פראטעקציע ביים שול־דירעקטאר, דאס ער זאל מיך דארט אננעמען. בסך־הכל האבן מיט מיר געלערנט אין דער שולע נאך דריי יידישע מיידלעך. עס ליגט מיר נאך אין זכרון אָט דער שפּאָט און געלעכטער מיט וועלכן די פוילישע קינדער האבן אונז אויפגענומען. זיי האבן אונז דערקוטשעט ביי יעדער געלעגנהייט, און די פוילישע לערער האבן גארנישט רעאגירט. די דאזיקע תקופה איז געווען פול מיט פארדרוס און אויפרעגונג. ווען נישט דאס עקשנות און שטארקן ווילן צום לערנען, וואלט איך דעם פארדרוס און בזיון מצד די פוילישע לערער און שילער, נישט געקאנט אדורכטראגן.

מיין פאָטער ר' חיים לייב איז געווען א פאלקסטימליכער ייד. א הויכער פעסט־געבויעטער מאן, מיט א שיין־פארקעמטער בארד, שטענדיק מיט א שמייכל, פול מיט הומאר און גלייכווערטלעך, באליבט און אנערקענט פון אלעמען. ער האט אָרענטלעך פארדינט זיין ברויט. אין אנפאנג האט ער געהאט א שטיקל פעלד און א מילך־פאַקט. שפעטער האט ער אנגעהויבן האנדלען מיט בהמות, שיין פארדינט און געפירט א פשוט'ן שטייגער לעבן.

ביז עס איז געשען דער גרויזאמער אומגליק, וואס האט חרוב געמאכט אונזער שטוב, נאך איידער עס איז געקומען דער חורבן אויפן גאנצן פוילישן יידנטום: א מערדערישע האק פון א גוי האט זיך אראפגעלאזט אויף מיין טאטנס קאפ, און אים פריצייטיק אוועקגעריסן פון אונז. געשען איז דאס, ווען עס זענען געקומען צו אים באקאנטע גויים און אים אנגעבאטן צו קויפן בהמות פאר א צוגענגלעכן פרייז. מיין פאָטער האט גארנישט פארדעכטיקט. ער האט איינגעשפאנט זיין פערד־און וואגן, מיטגענומען מיט זיך געלט, און איז געפארן אין דארף קויפן די סחורה. ער האט געדארפט אוונט־צייט א היים קומען און איז נישט געקומען. עס איז געווארן שפעט ביינאכט,

מיר זענען אומרואיק געווארן, און האבן אלארמירט מענטשן צו גיין אים זוכן. צומארגנס איז שוין דאס גאנצע שטעטל געשטעלט געווארן אויף די פיס. בעלי־מלאכות האבן אוועקגעלעגט די ארבעט, קרעמער האבן געשלאסן די געשעפטן — אלץ איז געגאנגען זוכן. דריי טעג און נעכט האט מען געזוכט דעם טאטן, ביז מען האט אים געפינען אין א וואלד, ליגנדיק אויף זיין וואגן מיט א צעהאקטן קאפ, דער פערד צוגעבונדן צו א בוים, בארויבנדיק דאס געלט וואס ער האט געהאט מיט זיך.

אונזער אומגליק איז גרויס געווען ווי דער ים. דער גאנצער געגנט איז געווען פארזונקען אין א טיפן טרויער. מיר האבן געהאט א גרויסן חשד אויף א געוויסן גוי, אז ער איז דער רוצח. שטארקע שפורן האבן געפירט צו אים. מיר האבן פארפירט קעגן אים א פראצעס, אבער דאס פוילישע געריכט האט דעם מערדער פרייגעשפראכן.

דער אומגליק האט אונזער משפחה גאנץ צעבראכן. אין שטוב בין איך געבליבן מיט נאך דריי שוועסטער, א חוץ די פארהייראטע ברידער און שוועסטער.

דריי שוועסטער זענען מיר היינט אין ישראל פון פאר דעם קריג. מיין מאמע, די יינגסטע שוועסטער און די פארהייראטע ברידער און שוועסטער מיט זייערע פאמיליעס, זענען טראגיש אומגעקומען פון די דייטשישע רוצחים אין די גרויליקע מלחמה־יארן.

ח. ש. קאזשדאן,
ניו־יארק

פעשקע גאלדמאן

אין דעם שול־יאר 1938־39 ארבעט פעשקע גאלדמאן אין גאוואראווע. זי ארבעט אין א נאכמיטאג־שולע מיט קינדער פון „פאוושעכנע" און חדר. זי האט געלערנט די קינדער ריידן יידיש, שרייבן און לייענען. אין די אוונט־שעה'ן לערנט זי מיט א גרופע „סקיפיסטן" (יוגנט פון „בונד"), קינדער פון 12 ביז 16 יאר — וואס אלע ארבייטן שוין. זי באנוצט זיך מיט יעקב פאט'ס „מיין ביכל". איר ארבעטס־טאג הויבט זיך אן 10 אזייגער אין דער פרי און ענדיקט זיך 11 אזייגער אין אוונט. פון 10 ביז 1 בייטאג, ארבעט זי אין א קינדער־היים, פון 1 ביז 7 אוונט — אין דער נאכמיטאג־שול און פון 9 ביז 11 אין אוונט — מיט „סקיפיסטן". (פון א בריוו, פון 20־טן נאוועמבער 1938, צו אירן א באקאנטן, מיט א באמערקונג — „ווי דו זעסט, בין איך א גאנצן טאג ווי אין טאַטשקעס, נישטא קיין צייט דעם אטעם אפצוכאפן").

פעשקע גאלדמאן איז געבוירן אין קאברין, אין יאר 1908 (? — ר.). דער פאטער איז געווען א גלעזער. אין יאר 1931 האט זי פארענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאר אין ווילנע. במשך פון די יארן 1932־39, איז זי געווען טעטיק אויף דעם געביט פון יידישער דערציאונג.

זי איז געווען צוערשט לערערין אין א קינדער־היים אין נאווידוואר (ביי ווארשע), ווו דארט האט זיך געפינען אלס לערערין אין א יידישער שולע, באטשאן. פעשקע גאלדמאן איז אויך געווען לערערין אין ווארשע, קאברין (איר געבורטס־שטאט), זשעטל (ביי סלאנים) און דאן אין גאוואראווע. ווו זי איז אומגעקומען — נישט באקאנט.

(פון „לערער־יזכור־בוך")

חיה שמעלץ
ישראל

ר' מרדכי שמעלץ ז"ל



ר' מרדכי און אסתר שמעלץ, ז"ל

די פאמיליע שמעלץ איז געווען אן אלט איינגעזעסענע משפחה אין גאוואראווע. ר' מרדכי איז געבוירן געווארן אין שטעטל, און האט חתונה געהאט מיט זיין פרוי, אסתר, די טאכטער פון א שכנות'דיקער פאמיליע. באלד נאך דער חתונה איז מרדכי מאביליזירט געווארן אין צאר ניקאלייס ארמיי, וווּ ער האט אפגעדינט גאנצע 4 יאר. דינענדיק אין רוסישן מיליטער האט ער געהאט א שווערן משפט פאר פארטיידיקן דעם יידישן כבוד. עס איז געווען אזא געשיכטע: א יידישער זעלנער איז געשטאנען און געדאווענט אין קאַזאַרמע, האט זיך צו אים צוגעטשעפעט א רוסישער סאלדאט און גענומען פון איבּ חוזק מאַכן. ער האט זיך נישט באגנוגנט מיט דעם, און נאך גענומען אים שטורקען און ציפּן. אין מרדכי'ן האט זיך אויפגעקאכט דאס בלוט, ער האט דעם רוסישן סאלדאט געווארנט איינמאל און נאכאמאל, און ווען עס האט נישט געהאלפן, האט ער א כאַפּ געטאן א בענקל און געווארפן דעם כוליגאן אין קאפּ אריין. דער סאלדאט איז שווער פארוואונדעט געווארן און מען האָט אים אפגעפירט אין שפּיטאַל אריין. עס איז געווארן א גרויסע סומאטאכע — א ייד האט געשלאגן א גוי! קעגן מרדכי'ן האט מען פארפירט א משפט און עס האט אים געדראט א שווערע שטראף. ביים געריכט האָט זיך מרדכי אליין פארטיידיקט. ער האט אזוי געזאָגט: שטעלט אייך פאָר, עס קומט א גענעראַל אין פאָלק, אלע סאַלוטירן פאר אים, נאר איין סאָלדאַט שטייט פון אונטן און שטורכעט און ציפּט און שלאָגט. וואס פאר א פנים וועט עס האבן... אָט שטייט א יידישער סאלדאט און בעט גאט פאר'ן קיסר, פארן פאלק און פאר שלום, און פון אונטן שטייט א סאלדאט און רייסט פון אים שטיקער...

מרדכי איז געווארן פרייגעשפראכן.

באלד נאכן ענדיקן דאס מיליטער־דינסט איז מרדכי ווייטער מאָביליזירט געווארן אין ערשטן וועלט־קריג, ער האט געקעמפט מיט דער צארישער ארמיי אויף פארשידענע פראנטן און איז מיט זיין גאנצן רעגימענט ארייננעפאלן אין דער דייטשישער געפאנגענשאפט.

מיט דער קריגס־ענדע, איז מרדכי צוריקגעקומען אין שטעטל, און גענומען ארבעטן ביי זיין פלייש־פאַך. ער האָט געהאַט גרויס הצלחה, און איז צוגעקומען צו א פאַרמעגן. ער איז געווארן טעטיק אין האנדווערקער־פאראיין, און איז שפעטער אויסגעוויילט געוואָרן אלס פרעזעס פון דער האַנדווערקער־באנק. ער האָט פיל בייגעשטייערט צו דער אנטוויקלונג פון דער באנק.

פון דער נאטור איז מרדכי געוועזן א אויפגערעגטער און א נערוועזער. אויף עפעס אן עולה, פלעגט ער רעאגירן מיט געשרייען און בייזערייען. אבער אין תוך, האט ער געהאט א גוט ווארעם הארץ, און ליב געהאט צו טאן מענשן טובות; געבארגט געלט אן פראצענט, און סתם געהאלפן ווו ער האט געקאנט. געווען אמאל א פאל, וואס ער האט געהאלפן א קריסט אין א שווערער לאגע, און דער גלח אין קירכע האט אים געשטעלט אלס א ביישפיל פאר דער גאנצער קריסטלעכער באפעלקערונג.

מיט די הויכע באאמטע פון שטעטל איז מרדכי געווען אין גוטע באציאונגען. ער האט זיי געגעבן מתנות, און געקאנט ביי זיי אויספועלן פארשידענע טובות פאר מענטשן. עס איז איינמאל געווען א מעשה, פארן 1־טן מאי, האט דער פאליציי־קאמענדאנט געוואלט ארעסטירן זיין זון פאר סאָציאַליסטישער טעטיקייט. מרדכי'ן האט דאס פארדראָסן. א מכלומרשטדיקער גוטער פריינט, און דא גייט ער ארעסטירן זיין זון! מרדכי האט שנעל זיין זון אוועקגעשיקט אין אן אנדער שטעטל. דער קאמענדאנט האט געוואלט דערפאַר אין אים נקמה נעמען. א מאל, א ערב־פסח, האט ער אים באשטראפט מיט א גרויסער געלט־סומע, פאר אביסל מיסט, וואס איז געלעגן פאר זיין הויז. מרדכי האט אויף אים אנגעשריגן און געזאגט דעם אמת אין פנים אריין. דער קאמענדאנט האט אים אַנגעקלאגט אין קרייז־געריכט, פאר באליידן אן אמטלעכן פאָליציי־מאַן בשעת זיין דינסט. קיין אדוואָקאַט צו פאַרטיידיקן אים האט מרדכי נישט געקאַנט קריגן, ווייל זיי האבן מורא געהאט פארן קאמענדאנט. מרדכי האט זיך געמוזט אליין פארטיידיקן. ער האט פארן געריכט דערציילט די גאנצע געשיכטע פון נקמה. און, אז דער קאמענדאנט האט משהד געווען די קריסטלעכע עדות, ווייל ער האט זיי געגעבן צו טרינקן אין א וויין־שענק. מרדכי איז באפרייט געווארן, און דער קאמענדאנט האט פאר גרויס חרפה פארלאזט גאווראָוועו.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האט מרדכי מיט זיין פרוי דורכגעלעבט שווערע צייטן. זיין פרוי האט מיט מסירת־נפש אפגעהיטן יידישקייט. זי האט געהונגערט און נישט ארייננעלאזט אין שטוב קיין טריפה עסן. זיי האבן זוכה געווען אנצוקומען קיין ישראל, ווו זיי האבן נאך געלעבט 7 יאר.

אין יאר 1956 איז ר' מרדכי געשטאָרבן, און אין 8 טעג ארום איז אויך געשטאָרבן זיין פרוי, אסתר. זיי זענעןביידע אלט געווען צו 74 יאר. תנצב"ה.

רבקה ראזענבערג־שאפראן
קאנאדע



בנימין גינזבורג

בנימין גינזבורג

אונזער שטעטל גאוואראווע האט געהאט איר אייגענעם „אחד העם", אין דער גייסטרייכער פערזענלעכקייט פון בנימין גינזבורג.

זיין פאטער, ר' משה יהושע, האט געשטאמט פון דער בארימטער רוסיש־פוילישער יחסנ'ישער משפחה גינזבורג, און איז אליין געווען א גרויסער למדן. דאך, האבן „בייזע צינגער" געזאגט אויף אים, אז ער לייענט „טריף־פסולע" ביכער, והא ראיה: ער ווייסט צו דערציילן א סך וועלטלעכע זאכן און קען אלע נייעס, וואס פארלויפן זיך אויף דער וועלט. טא פון וואנעט קען ער דאס אלץ וויסן, אויב ער לייענט נישט דעם „המליץ" אדער אנדערע אפיקורסישע „גאזעטן"?...

בנימין גינזבורג האט אויך אין די יינגע יארן געלערנט תורה. מען האט אויף אים געזאגט, אז ער האט גאר א גוטן קאפ צום לערנען, און ער וועט אויסוואקסן א גרויסער למדן. אבער עס איז נישט אזוי געווען ווי מען האט פארגעזען. ער האט זיך שפעטער ארויסגענומען פון לערנען תורה און זיך ארייגעלאזט אין לערנען שפראכן, לייענען ביכער — יידישע און וועלטלעכע ליטעראטור, באקומען העכערע בילדונג, און עס האט אים אין קאפ גענומען שפראצן אפיקורסישע געדאנקען.

אין יענער צייט, אין אנפאנג פון הײנטיקן יארהונדערט, איז דער גאוואראווער בית־המדרש פול געווען מיט בחורים און יונגעלייט, וואס זענען געזעסן און געלערנט תורה לשמה. בנימין גינזבורג האט זיך גענומען חברן מיט די „גוטע קעפ" פון די בית־המדרש־בחורים, און זיי אנגעפראפט מיט די נייע תורות; ער האט זיי דערציילט פון שרייבער און ביכער, פון קונסט און וויסן, און זיי געבארגט ביכלעך צום לייענען, פארשטענדליך, בהסתר און מיט גרויס קאנספיראציע.

בנימין גינזבורג האט פארמאגט גרויסע אינטעלעקטועלע כוחות און גערעדט מיט א רייכער, איבערצייגנדיקער שפראך. זיין השפעה האט זיך גלייך געלאזט מערקן אין בית המדרש. א סך בחורים זענען „נחמץ" געווארן און „אראפ פון וועג", צווישן זיי —

מיינער א פעטער. איינמאל, געדענק איך, האט מיין זיידע געפינען אין שטוב א בוך, וואס דער פעטער האט געבאַרגט ביי בנימינען. עס איז געוואָרן חושך אין שטוב. דער זיידע האט זיך שטאַרק אויפגערעגט און געוואָרפן דאס בוך אויף דער ערד, דערנאָך האט ער א כאַפּ־געטאָן א גרויסע שניידערישע שער און צעשניטן דאס בוך אויף שטיקער.

פאַרשטייט זיך, אז מיין פעטער האט שוין מער נישט געבראַכט אין שטוב קיין ביכער. אבער דאס מיינט נישט, אז ער האט אויפגעהערט צו לייענען. ער האט זיך שוין אויסגעזוכט פּלעצער, ווו דעם זיידנס אויגן זאָלן נישט דערגרייכן.

איך געדענק נאָך בנימינען, זייענדיק א קליין קינד, פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָך דער גרויסער שריפה איז ער מיט זיין פאָטער אוועק פון שטעטל, און האָבן זיך צוריקגעקערט נאָך דער מלחמה.

צוריק־קומענדיק אין שטעטל, האָבן זיי געדונגען א דירה ביי מיין זיידן אין הויז. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט זיך נענטער צו באַקענען מיט אים און באַוואונדערן זיין פערזענלעכקייט. איך בין דאַן אַלט געווען 11 אדער 12 יאָר ער האט ליב געהאַט מיט מיר איינצוטענה'ן, און אָפּטמאָל האט ער מיר געפּרוּווט איבערצייגן אין דער וויכטיקייט פון לייענען ליטעראַטור, און, אז מען דאַרף אין גאַוואָראָווע גרינדן א ביבליאָטעק. עס איז מיר באַפאַלן א שרעק פון דעם אפיקורסישן געדאַנק. איך בין נאָך דאַן געווען יונג און פרום, אויפגעצויגן ביי מיינע פרומע עלטערן און זיידן. יעדע נאַכט, פאַרן שלאָף, פלעגט מיר דער זיידע אוועקזעצן ביים טיש און פאַרלייענען א פּרק פון „שבט מוסר", וואס שילדערט דעם גיהנום מיט אַלע פּיטשעוואַקעס; די שטראָף, וואס קומט פאַר יעדער עבירה באַזונדער. פון די דאָזיקע מעשיות פלעגט זיך מיר אַנחלום'ען וויסטע חלומות פון ברענענדיקער סמאָלע, פייער־צינגער און טאַנצנדיקע שדים. איך האָב זיך גאָר שטאַרק געשראָקן פאַרן לעבן פון מיין „זינדיקן" פעטער. אבער ווען איך האָב געזען ווי מיין פעטער לעבט און געדייעט, און עס געשעט אים נישט קיין בייז, האָב איך גענומען פאַרשטיין, אז די סכנה איז נישט אַזוי גרויס; מען קאָן לייענען א ביכל און בלייבן לעבן אויך...

בנימינס אידעע צו גרינדן א ביבליאָטעק אין שטעטל האט זיך גענומען פאַרווירקלעכן. אין אָנפאַנג האט קיינער נישט געוואָלט פאַרדינגען א דירה פאַר דעם צוועק, ביז עס איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע הערש בער דער שניידער. ביי אים האט בנימין געדונגען א לאָקאַל און געגרינדעט די ביבליאָטעק. אין אָנפאַנג — בלויז מיט זיינע אייגענע ביכער, שפּעטער האט זיך געשאַפן א קאָמיטעט און מען האט גענומען צוקויפן נייע ביכער, ביז עס איז אויסגעוואַקסן די גרויסע גאַוואָראָווער ביבליאָטעק.

די ערשטע שטאַטישע ביבליאָטעק איז געווען דער יסוד אויף וועלכן עס האט זיך שפּעטער אויסגעבויט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די יוגנט האט גענומען שטראָמען אין דער אָרגאַניזאַציע, וואס האט זיך נאָכער צעטיילט אין פאַרשידענע שאַטירונגען פון כמעט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען.

בנימין גינזבורג איז געזעסן אין גאַוואָראָווע ביז צו די ערשטע 20־ער יאָרן. דערנאָך איז ער אוועק קיין וואַרשע, אדער לאָדזש, און דאָרט געוואָרן א בוכהאַלטער אין א גרויסער האַנדלס־פירמע. ער זאָל דאָרט אויך האָבן געווען זשורנאַליסטיש טעטיק.

ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע יידישע קדושים, דורך די נאַצישע רוצחים פון צווייטן וועלט־קריג. כבוד זיין אָנדענק!

י. ש. הערץ
אמעריקע

לייבל קערש הי"ד



לייבל קערש, הי"ד.

געבוירן דעם 5־טן אקטאבער 1907 אין שעדלעץ — אומגעקומען אין ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, מאי 1943.

זיינע עלטערן — יאנקל און טריינע — האבן פון שעדלעץ זיך איבערגעצויגן קיין וואלאמין, אין שכנות פון ווארשע. דער פאָטער, א וועלטלעכער מענטש, איז פון פאך געווען א סטאליער. אין יאר 1917 האט זיך די משפחה באזעצט אין שטעטל גאוואראווע, ווו יאנקל איז געווען באקאנט אונטערן נאמען — „דער וואלאמינער סטאליער".

זיינע ערשטע לימודים האט לייבל באקומען אין חדרים, ווי אויך אין א פריוואטער שול. אין די יונגע יארן, שוין אוועק ארבעטן — ער איז געווען א שניידער.

דער קליינגעוואקסיקער, דארער לייבל, האט פארמאגט א ים ענערגיע. זיין לענגלעך, גוטמוטיק פנים האט עדות געזאגט וועגן א מענטש, וואס איז גרייט צו טאן טובות. שטענדיק האט ער געזוכט עפעס צו טאן. א טיפּ פון א געבוירענעם כלל־טוער. אט די אייגנשאפט האט ער געשטעלט אין דינסט פון „בונד".

א בונדיסט איז ער געווען פון די יינגסטע יארן אן. קוים אין עלטער פון 15 יאר, גרינדעט שוין לייבל, אין יאר 1922, אן ארגאניזאציע פון יוגנט־בונד „צוקונפט" אין גאוואראווע. שפעטער איז ער אויך געווען טעטיק אין דער ארטיקער בונדישער ארגאני־זאציע. אין א גרויסער מאס, א דאנק אים, איז די בונדישע באוועגונג אין דעם קליינעם שטעטל פון לאָמזשער ראיאָן געווען זער א רירעוודיקע. לייבל האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט זיין היים־שטעטל אליין. ער האט זיך נישט געפוילט און איז צוגעפאָרן אין די שכנות'דיקע שטעטלעך און דארט געהאלפן מיט וואס ער האט נאר געקענט.

אין יאר 1932 האט אים די פארטיי געשיקט קיין ביאלא־פאדליאסקא אנצופירן דארט

מיט דער ארגאניזאציע. אין דער שטאט איז ער אויך געווען טעטיק אין די פראפעסיאנעלע פאראיינען. צווישן אנדערן האט ער ארגאניזירט די פורמאנעס און טרעגער. מיט זיין געדולד און פעאיקייט אויסצוקומען מיט אלע סארטן מענטשן, איז אים געלונגען צו שאפן אחדות צווישן אט דעם שווערן און רויען עלעמענט.

אין 1934 האט לייבל זיך באזעצט אין ווארשע. דא איז ער געווארן סעקרעטאר פון סאציאליסטישן האנדווערקער־פאראיין. פון צייט צו צייט איז ער געפארן אין דער פראווינץ אויף פארטיי־שליחות׳ן — צו דערליידיקן ארגאניזאציאנעלע ענינים, אדער האלטן א רעדע. דעם „בונד" איז ער געווען איבערגעגעבן בלב ונפש. יעדע ארבעט, וואס ער האט געטאן, איז געווען מיט הארץ. זיין נאמען וואס איז געווען גאנץ פאפולער אין דער בונדישער באוועגונג, קען מען אויך טרעפן אויף די שפאלטן פון דער בונדישער פרעסע, ווו ער האט געדרוקט פארשידענע באריכטן און קארעספאנדענציעס.

אויך די שווידערלעכע יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און פון נאצישע מארד־ארגיעס, איז לייבל קערש געווען אומדערמידלעך. ער איז געווען זער אקטיוו אין דער אונטערערדישער באוועגונג. ער געהערט צום פרעזידיום פון געהיימען צענטראל־ראט פון די פראפעסיאנעלע פאראיינען און צו דער ברייטערער אנפירונג (קאלעקטיוו) פון דער בונדישער ארגאניזאציע און ווארשעווער געטא. געארבעט האט ער אין טעבענס־פאבריק און צוזאמען מיט זיין פרוי שרה (זי האט געשטאמט פון ראדאם, איר פריערדיקער נאמען איז געווען פרידמאן), האט ער אין געטא געוווינט אויף זאמענהאף־גאס. בעת די סעלעקציעס האבן אין זיין וווינונג זיך באהאלטן אייניקע וויכטיקע בונדישע טוער. ער האט א סך געטון צו ראטעווען חברים, וועלכע האבן נישט געהאט קיין ארבעטס־קארטן און האט זיי באהאלטן אין די פאבריקס־בנינים.

ווען עס איז געקומען די צייט פון צוגרייטן זיך צום אויפשטאנד, האט קערש מיטגעארבעט מיט דער יידישער קאמף־ארגאניזאציע. ער איז געווען צווישן די פירער פון די אקטיווע קאמף־גרופן.

לייבל קערש האט פארענדיקט זיין לעבן ווי א קעמפער אין ווארשאווער געטא־אויפשטאנד. ער איז געפאלן פון א נאצישער קויל ארום דעם 10־טן מאי 1943 אויף גענשע 6. (פון בוך „דורות בונדיסטן")



ר׳ יעקל און טריינע קערש, הי"ד

פייגע שייניאַק
אמעריקע

דער בונדישער פירער

דער בונדישער פירער לייבל קערש איז שטענדיק געווען ארומגערינגלט מיט זיינע „חסידים". זיינע פאַרערער זענען געגאַנגען אין גרופּן נעבן אים מיט אויפגעשפּיצטע אויערן, צו קענען אויפכאַפּן א „תורה"־וואָרט פון זייער מנהיג. ער אליין איז געווען א קליין־וויקסיקער, א דאַרער, מיט א גרויסער געדיכטער „טשופּרינע", א לענגלעכע נאָז, איינגעפאַלענע באַקן, מיט א פּאָר שוואַרצע פּיל־זאַגנדיקע אויגן. זיין פאָטער, א פּשוט׳ער ערלעכער ייד, א טישלער פון פאַך, האָט שווער געאַרבעט אויף זיין שטיקל ברויט. זיין מוטער, א פרומע יידענע, דאָס שייטל אַראָפּגערוקט ביז די אויגן, האָט שטענדיק „געפּרעדט" מיט גאָט און געלויבט זיין הייליקן נאָמען.

לייבל קערש האָט געהאַט א גרויסן דראַנג צום לערנען און אַלץ האָט ער דערגרייכט מיט אייגענע כוחות. ער איז געווען דער גרינדער, פירער און וואָרט־זאָגער פון גאַוואַראָווער „בונד". זיין אויפגאַבע איז געווען אריינצוברענגען וואָס מער לערע און וויסן צווישן זיינע חבר׳טעס און חברים, וועלכע האָבן אים פאַרעט און פאַרגעטערט. מיט אויסער־געוויינלעכע אָנשטרענגונגען, מיט דער הילף פון אַלע חברים האָט ער אויפגעשטעלט די „פּרץ"־ביבליאָטעק, די גרעסטע אין שטעטל. לייזער פרידמאַן, א פּשוט׳ער בעקער־אַרבעטער, וועלכער האָט שווער געאַרבעט אויף פּרנסה, האָט דעם גרעסטן טייל פון זיינע פאַרדינסטן אָפּגעגעבן פאַר דער פּאַרטיי־ביבליאָטעק, קויפנדיק כסדר נייע ביכער. יעדער האָט געוווסט, אַז דאָרט קאָן מען קריגן אַזעלכע ביכער, וואָס זענען אין קיין אַנדער ביבליאָטעק נישט בנמצא. לייזער פרידמאַן פלעגט זאָגן: „מיין קאָפּ איז נישט צום לייענען, האַלט איך פאַר מיין חוב צו אַרבעטן און געבן א מעגלעכקייט אַנדערע זאָלן קאָנען געניסן פון קוואַל פון וויסן.

לייבל קערש פלעגט האַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע פּאָליטישע, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס. זיין קול האָט געדונערט, זיין כח־הדיבור איז געווען א שטאַרקער, פיל מיט פּאַטאָס, אין קעגנזאַץ צו זיין שוואַכן גוף. ווען ער האָט גערעדט, האָבן ממש די ווענט געציטערט. זיין שטים האָט אָפּגעקלונגען ווייט.

אין יאָר 1950 האָב איך אין מינכען (דייטשלאַנד), אין א שפּיטאָל, געטראָפן זיין ברודער פּסח. ער האָט מיר דערציילט וועגן אים פאָלגענדעס: לייבל איז געווען פון די אָנפירנדיקע כוחות אין וואַרשעווער געטאָ, און האָט געקעמפט העלדיש קעגן די היטלעריסטישע רוצחים. ער האָט אויך געוועקט און דערמוטיקט אַנדערע צום קאַמף קעגן שונא. מיטן גאַנצן ברען, מיט אַלע זיינע כוחות, ממש ווי א לייב האָט ער געקעמפט קעגן די בלוט־דורשטיקע חיות. זעענדיק שפּעטער, אַז דער נישט־גלייכער קאַמף איז א פאַרלוירענער, און נישט וועלנדיק אַריינפאַלן אין די מערדערס הענט, האָט ער זיך אַראָפּגעוואָרפן פון 6־טן שטאָק. זיין קליינער אויסגעמאַטערטער, אויסגעדאַרטער קערפּער איז געבליבן ליגן אָן באַוווסטזיין. (לויט אַנדערע קוועלעס — זאָלן אים האָבן די דייטשן דערשאָסן). הי״ד.

משה גרנט
ישראל


צבי (הרשקה) גרנט

נר לנשמת אחינו הדגול

כבר יותר מ־30 שנה עברו מאז קופד פתיל חייו של צבי (הרשקה) והמכאוב עדיין צובט את הלב והחלל נשאר ריק ללא תמורה. הידיעה על מותו, אשר אמנם לא באה כחטף הלמה את בני משפחתו, את התנועה הציונית בעיר וכל תושבי העירה כולה. הוא היה דמות אהובה, נעים הליכות ובעל מאור פנים, מקובל על כולם. תמיד ער לכל המתרחש. הופעותיו בפני חבריו לתנועה ובכל ההופעות הפומביות זכו להוקרה ולהקשבה, בשל תבונתו, שיקול דעתו וכושר ניתוחו וגישתו המלבבת הפשוטה והמקרינה. הברקותיו ואמרותיו השנונות נהיו לשם דבר. אורח דיבורו קצוב ומחושב מראש, מלה בסלע ללא עודף כל שהוא. תמיד השכיל לסמר את הנוכחים, הכריחם לשומעו עד הסוף ולקבל דעתו. ידע הוא לחדור לנבכי נשמתו של הזולת. עם אורח החיים שלו העמיד עצמו כדוגמא וכמופת. הוא השתלב באופן אקטיבי בכל מסכת חיינו החברתיים ובמפעל הציונות מטרת חיינו. הוא מיזג בו לא רק את החול היומיומי, אלא גם את הקודש והיפה שמחוץ למסגרת השגרה. הוא חיפש את ההרמוניה שבין החיים האפורים לבין חיים של טעם ותועלת. הוא שאף לקרב ולמזג באופן אמוציונלי בכל נימי נפשו ובכל תהפוכות חייו וליצור שלמות בכל אשר ניסה כוחו. באישיותו הנעלה הקרין סביבו מסירות וקנאות לאידיאל הציוני. הוא ידע לזרוע על תלמי לבותיהם של תלמידיו את גרעיני האהבה למולדתנו. הוא גילה נאמנות ללא גבול, תבונת הדרכה ויכולת אירגון מופלאה, ידע למצות את מטען ידיעותיו ולהפנותם למסלול הנכון. הכל עשה בצנעה, ללא כחל ושרק וללא התבלטות אשר ממנה סלד. תמיד מוקף היה ידידים תלמידים ומעריצים אשר הנחילו לו כבוד ויקר. הכבוד וההערצה שרחשו לו, שמשו לו כמנוף להתמסרות יתר לערכים אשר למענם פעל ונאבק ללא רתיעה ובמצפון בלתי מתפשר. הוא הדליק את הניצוץ החלוצי קנאי אשר נהפך לגחלת לוחשת.

בטוי בולט לחייו הפעילים והתוססים, הוא סדר יומו המלא והגדוש, שקידה בהמשכיות לימודיו, קריאה, נגינה בכינור; כראש הקן של השוה״צ — אספות, ישיבות, הרצאות; עבודתו בבנק הסוחרים כמנהל ספרים להלכה, ואשר למעשה, שימש גם כמנהל בפועל, כבעל החלטה בלעדית, ועל פיו ישק כל דבר ללא כל התיעצות.

ערגה של קדושה שאב מהאטמוספירה הביתית הספוגה ציונות ומאדני המסורה של החדר, ישיבת לומז'ה ובסוף — מלימודיו האוטודידקטיים. בינה, חידוד, שינון ואינטליגנציה מלידה ירש מאמנו המנוחה, חיה, אשר ידועה היתה בהליכותיה הצנועות, באצילות נפשה ובמתן עצות לנצרכות לסבך ולמכלול בעיותיהם.

את סגולתו ומידותיו התרומיות של היחלצות לזולת ספג מאבינו ר' דב נ"י בעל הלב הפתוח, אשר זנק בכל עת לעזרת נזקקים וחולים אשר חייהם תלו מנגד. אלה שיקם בכספים שאסף עד שיכלו לעמוד בכוחות עצמם ואלה שלחם לבתי־חולים עד שהבריאו. זכורני ביום סגריר: כל ארובות השמים נפתחו והמבול איים ממש לחזור על תקופתו של נוח, נפתחה פתאום הדלת ללא דפיקה וללא אמירת שלום נכנס יהודי רטוב עד לשד עצמותיו ובנשימה קצרה מסר לאבי על חולה מסוכן שזה עתה קיבל שטף דם ויש הכרח מידי לאשפוזו בבית־החולים המחוזי שבאוסטרולנקה. אבי החליף בין רגע את מעילו, לקח את מקלו והפליט: רבונו של עולם, עשה למען החולה והפסיק את הגשם למען אוכל אני למלא מצוה גדולה. בצאתו ממפתן הבית, הפסיק הגשם כליל. ראיתי בזה את הנס שקרה עם יהושע בן נון, אשר התפלל: שמש בגבעון דום — והשמש לא שקעה.

צבי מעולם לא התרעם אם הצריך חסד, הטריד את מנוחתו שלא בשעות המקובלות. אלה תמיד באו על סיפוקם. מאבינו המנוח, ירש גם את שקידתו והגינותו. נדוניות ופקדונות, וסתם כסף של „הצדדים" לפני הבוררות, היו מפקידים אצל אבינו ללא סימן של קבלה או מסמך כלשהוא. והוא שמר על כספים אלה כעל בבת עינו ללא כל השוואה לכספו הוא.

ומדי דברי בו, זכור אזכרנו עוד: את סגל המורים שלו, הפולניים, אשר לא הצטיינו באהבת־ישראל התקומם נגדם, בהציגו לפניהם שאלות אשר לא השכילו להשיב מענה עליהם. לא פעם הוא חשף את בורותם. המורים עמדו מולו נבוכים, כתלמיד מפגר בפני מורו. תופעות אלה הורידו את יוקרתם בעיני יתר התלמידים, שגם הם נעמדו בפני חידה של עליונותו, של הילד היהודי החרוץ והפקח. המורים טכסו עצה איך להפטר ממנו. אולם לפני שמצאו פתרון לבעיותיהם, הפסיק צבי את לימודיו בביה"ס, אשר לא ראה בו מוסד ממנו יוכל ללמוד ולהתקדם והתחיל בלימוד אקסטרני לפי מכתבים. וגם כאן עמדו מיד על כוח אישיותו, באשר כל שעור מלווה היה בהצטיינות הגדולה ביותר. תוך תקופה קצרה יחסית הוא שלט בשפה האנגלית על בוריה.

קרה, שנאסר עם קבוצת תלמידיו ליד פסי הרכבת הרחק מהעיר. מפקד המשטרה ידוע היה לשמצה, כאנטישמי מובהק. בכל יהודי הוא ראה קומוניסט. חששו, שמאסר זה יהיה ממושך. אולם, צבי הצליח להכנס עם המפקד לשיחה ערה, והאחרון מוקסם מזהרו, מעוז רוחו ואצילות ליבו, „שוכנע" שאין זו אסיפה קומוניסטית, אלא נוער חובב מטבע המה, ומשוטטים למען הכר את הטבע והנוף היפה שבסביבה. כולם שוחררו מיד והמפקד הזמינו, הדגיש והפציר, לפגישות נוספות למען המשך השיחות המעניינות עם הנער, נפש האמן הזה.

זכורני היטב את חליפת המכתבים בינו לבין מרכז הקואופרציה אשר הפציצו אותו בהפצרות ובכל לשון של בקשה לעבור אליהם למשרה גבוהה. הבטיחו לו עתיד מזהיר. כי לא נעלם מעיניהם הכוכב העולה והמבטיח. אולם הוא קשור היה בכל נימי נפשו למשפחתו, לבנק, ילד טיפוחיו ולתנועה אשר הוא פיתח וטיפח.

שרוי היה במתח עבודה מתמיד אשר מוטטו והוא במלוא פריחתו. כרע, נפל למשכב. על ערש דוי לחם קשה עם מר המוות עד אשר הוכרע וניתק פתיל חייו.

פעולתו נמשכת ע״י האודים המוצלים, תלמידיו, אשר זכו להינצל מהתופת הנאצי. במפעל בנין הארץ אשר נמשך, עולה ומתפתח, צרורים זכרו ודמותו הנפלאה והנשגבה. יעלה ביגון את זכרו, שלא זכה לראות במו עיניו את התגשמות חלומו. תנצב״ה.

★

„משכמו ומעלה" היה — אם כי לא היה בעל קומה גבוהה. עוד בשחר ילדותו התבלט בתפישתו הבלתי רגילה שהיתה בגדר של „מתנת אלהים". מן הסיפור הבא — אותו האמא, מרת חיה ז״ל, היתה מספרת — ניתן ללמוד על אהבתו לעם ולמולדת: בהיותו בבית־הספר העממי, הורה המורה לתלמידים לכתוב חיבור על נושא כלשהוא. צבי ניצל את ההזדמנות ובחיבורו התקיף את האנטישמיות אשר שררה בפולין ואף כתב שיר הלל לעם ישראל אשר „עוד ישוב למולדתו". כמובן שדבר זה לא היה לרוחו של המורה, וכתוצאה מזה, בא מנהל בית־הספר הפולני — מר סטנקיוס — אל אבי המנוח ר׳ דוב (בערטשע) ז״ל והתאמץ לשכנעו, כי חבל על זמנו של צבי בשבתו בביה״ס אשר אינו מסוגל להוסיף לו דבר, היות „וכבר מזמן עבר את הרמה אותה יכול נער לרכוש בבי״ס עממי" וכו׳ וכו׳...

ואז החלה פרשת לימודים ע״י קורספונדנציה. חוץ משפת־אמו — יידיש — שלט צבי בשפה הפולנית, האנגלית והעברית. זכורני כיצד נשא נאום בשפה הפולנית באותו ערב בו הופיע המהפנט המפורסם פרופסור לסינג. כל הציבור הלא־יהודי אשר נכח באולם היה מלא התפעלות מהשפה המלוטשת שבפיו. את שליטתו בשפה העברית הוכיח לי צבי בנאום ששמעתיו בכנוס „השומר־הצעיר". אגב, הוא שימש כראש־הקן של „השומר הצעיר" בגובורובה.

בביתנו היו מילונים לשפות אנגלית, צרפתית ועוד. הוא היה מסוגל להתישב ולקרוא ספר בשפה זרה במשך שעות רצופות בעזרת מילון. פעם העיר כי הוא לוקח על עצמו ללמוד כל שפה זרה תוך חדשים מספר. הקורס להנהלת פנקסים — שאותו גם כן למד דרך קורספונדנציה — גמר בהצלחה ועד מותו שימש כמנהל חשבונות בבנק הסוחרים במקום. כמו כן היה סופר העתון „רוך ספולדז׳ילצ׳י", אשר הוצא ע״י התנועה הקואופרטיבית בורשה. ראוי לציין את כתב ידו — ממש מלאכת מחשבת.


איש רודף צדקה היה צבי. מקפיד על סדר מופתי. לא סבל עוול כלשהוא. בעל לב חם המוכן לבוא בכל עת לעזרת הזולת. רק לאחר מותו נודעו דברים אותם לא גילה אף פעם בחייו. אנשים באו להחזיר כספים אשר לוו ממנו במצוקתם, כמובן ללא ריבית. בעת צרה פנו אליו בבקשת עזרה — ותמיד נענו. גמילות־חסדים זו שקיבלו מצבי — כך טענו האנשים — ממש הצילה אותם. נוסף לזאת היה מוצא זמן להקנות דעת לאחרים בנתנו שעורים במקצועות שונים. מעולם לא חס על כוחותיו, והאמא ז״ל היתה מתאוננת מרות, כי אינו אוכל בזמן וע״י כך הוא מזניח את בריאותו.

מטרתו הקדושה של צבי היתה להרים קרנו של הנוער העברי, להכשירו לעלות לארצנו, כדי לבנותה ולהפכה לדוגמא לעמי תבל.

לשברון לב כולנו שהכרנוהו וידענו — לא זכה צבי ז״ל עצמו לעלות לארץ. לאחר מחלה קשה נלקח צבי מאת משפחתו ומכיריו והוא רק בן עשרים שנה (1932־1912).

יצחק גרנט

ד. אבי-דני
ישראל



אלחנן קוסובסקי, ז״ל

אלחנן, או כמו שכנוהו: חנא קוסובסקי, נולד בגובורובה בשנת 1919, למשפחה מכובדת ומסורתית. אביו ר׳ יצחק ז״ל היה מעשירי העיר, עסקן צבור מפעילי תנועת „המזרחי״ ואחד ממיסדי וממנהלי ה„בנק לקרדיט״. אמו דינה ז״ל היתה מקובלת בעירה, ולבה וביתה פתוחים לכל דורש ונצרך. הילדים קבלו חינוך מסורתי, השכלה יהודית וגם כללית.

כבר בילדותם החדירו בלבם את רעיון הציונות ואהבת ישראל. אין פלא, איפוא, שאלחנן בגיל צעיר מצא את מקומו בבית״ר המקומי. שם הצטיין בעבודתו המסורה לתנועה, ושמש סמל ודוגמא לנוער המקומי בהתנהגותו ההדורה, הליכותיו ועבודתו הציונית.

בתקופת המלחמה עברו עליו כל אימות השואה, ועם סיומה החליט אלחנן לבנות בית בישראל. הוא נשא לאשה את בת־עירו, ידידת־חייו וחברתו בבית״ר, רחל, ממשפחת פפירצ׳יק הנכבדה, ובסוף 1947 עלה הוא ורעיתו מברגן־בלזן לישראל.

בארץ התגייס מיד לצה״ל ולחם את מלחמת הקוממיות עד ליסוד המדינה. כשחזר פצוע־קל לרעיתו ולילדו הקטן אמר: „עזרתי ב״ה להקים מדינה יהודית לילדי, את חלקי כבר נתתי״...

אחרי חבלי קליטה לא מעטים, השיג עבודה בעירית רמת־גן שם עבד עד ליומו האחרון. גם בעבודה זו הצטיין במסירותו הרבה לשביעת רצון האחראים. כמו בגובורובה רכש לו ידידים רבים והיה אהוב על חבריו לעבודה וכל מכיריו.


הוא נפטר לאחר מחלה קשה וממושכת בט״ז אדר ב׳ תשכ״ב (22.3.1962), כשהוא בדמי עלומיו, בגיל 43.

עם מותו איבדה המשפחה בעל נאמן ואב מסור לשני ילדיו, יצחק ומרדכי, את וגיס יקר, רע וידיד נאמן לאנשי עירו ולכל מכיריו.

חייו ישמשו סמל ומופת של מסירות ונאמנות, שקידה בעבודה, חברות ורעות לכל אדם.

יהי זכרו ברוך ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

זכרונות און עפּיזאָדן



י. זרובבל

י. זרובבל,
ישראל

איך געדענק אייך!...

דער אומרו לאָזט מיך נישט צו רו.

ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט און אפּגעמאַכט — קומען זיי זיך צונויף, די קליינע שטעטלעך פון פּוילן, רינגלען מיך אַרום און גיסן־אויס פאַר מיר זייערע טענות און תּביעות:

— פאַרוואָס האָסטו אונז פאַרגעסן און מפקיר געווען? געדענקסטו נישט, סאַראַ אַנגעלייגטער גאַסט דו ביסט ביי אונז געווען, יעדעס מאָל, וואָס דו האָסט אונז באַזוכט, אין וועלכער געגנט פון פּוילן דאָס זאָל נישט האָבן געווען? מיר האָבן דיך מקבל־פּנים געווען צו יעדער צייט, דיר אַנטקעגנגעקומען אין יעדער שעה פון מעת־לעת, גאַנץ אין דער פרי, צי שפּעט ביינאַכט, אין אַ מיטן וואָכן־טאָג, צי גאָר שבת, פרייטיק צו־נאַכטס, נאָך ליכט־בענטשן, אָדער שבת צו־נאַכטס, נאָך הבדלה; מיר האָבן געאיילט דיך מקבל־פּנים זיין אין הייסע טעג, ווען די זון האָט געברענט, און אין קאַלטע, פראָסטיקע נעכט, אין גאָס־רעגן, צי אין שניי־זאַווערוכעס. נישט געווען, חלילה, קיין מניעה פאַר אונז, עלטערע און יוגנטלעכע און אַפילו „יונגבאַר". געוואַרט שעה'ן־לאַנג אויף דער באַן, אויף דער „קאַלייקע", צי אויף דער שיף, ווען מען האָט נאָך געדאַרפט צופאָרן מיט אַ פור אין שטעטל אַריין, אָדער גיין צופוס מיט אומוועגן, כּדי נישט אויפצורייצן פרומע יידן, באַשר דער פּרעלעגענט איז געקומען אום שבת...

פאַרוואָסזשע האָסטו אונז פאַרגעסן, פאַרוואָס דערמאָנסטו אונז נישט?

...געקומען די פינסטערע שעה, ווען היטלערס בעסטיעס האָבן זיך פאַרנומען אויף אונז, צו פאַרטיליקן דאָס פּוילישע יידנטום, האָבן מיר זיך געראַנגלט, יעדער איינער אויף זיין שטייגער. דאָס יידישע שטעטל האָט זיך נישט אונטערגעגעבן דעם ימח־שמו'ניק.

מיר זענען געקראכן אין קעלערס, געקלעטערט אויף בוידעמער, זיך איינגעגראבן אין סטויגן תבואה, אויסגעבאהאלטן אין גריבער און זיך איינגעקווארטירט אין קברים פון בית־עלמינס. דו האסט דאך אונז געקענט ווי אן אייגענער, היימישער, יארנלאנג, געוווסט, אז מיר האבן זיך קיינמאל נישט מיאש געווען. פארקערט, אין די ביטערע מינוטן האבן מיר געקעכלט אין זיך די האפנונג, אז אונזער פאלק וועט נישט אונטערגיין און אז א „פועלי־ציון" מוז זיך ראנגלען ביז דעם לעצטן אטעם־צוג. מיר האבן געהאט די זיכערקייט, אז מירן איבערלעבן אויף דעם נאצישן המן. א סאך פון אונז זענען אומגעקומען: ווער, אין טויט־לאגערן, ווער — צווישן פארטיזאנער אין די וועלדער, מיט געווער אין האנט.

טא פארוואס האסטו אונז פארגעסן?

מ'שרייבט כראניקעס און געשיכטן וועגן גרויסע שטעט, אנגעפאקטע ישובים, וועגן יחידי־סגולה, מענטשן באקאנטע, מפורסמ'דיקע. און ווו זענען מיר? די קליינע שטעטלעך, ווו איז אונזער יזכור?

...אזוי הער איך נאכאנאנד, אן אויפהער אט די שטימען, וואס וועקן כסדר אין מיר דעם אומרו און לאזן אים נישט צורו.

בעט איך זיך ביי זיי: גלויבט מיר אויף נאמנות, אז איר זענט זיך טועה. איך געדענק אייך, געוויס געדענק איך אייך זייער גוט. איר זענט מיר איינגעבאקן אין הארצן און איינגעקריצט אין מוח. קען איך דען פארגעסן דאס שטעטל — ווער און וואס ויאלטן מיר געווען, ווען נישט דאס שטעטל, וואס האט אויפגעהאדעוועט א דור געטרייע שטאלצע יידן, וועלכע האבן מיט זייער טיפער יידישער ליבע, מיט זייער דורשט צום לעבן, אויסגעפורעמט א נייע מאדערנע יידישקייט. נישט קיין דור עם־הארצים, וואס ווייסן נישט, פארוואס און מיט וואס זענען זיי יידן. כ'געדענק אייער יוגנט זענען מיר דאך אלע דעמלט יונג געווען, און די יונגקייט האט געשפייזט אונזערע חלומות, וויזיעס, אידעאלן. נישט געווען קיין פארטיי־פראפעסיאנאלן אין שטעטל, קיין אנגעשטעלטע, וואס די אידייע ווערט לגבי זיי א קרדום לחפור בו, א מקור פאר פרנסה. די רעוואלוציאנערישקייט אין שטעטל איז געווען לשמה. זיי האבן זייער טעטיקייט אין איר נאמען געמיינט מיט אן אמת. מ'האט געפיבערט מיטן אידעאל, געאטעמט מיטן רעיון פון גאולה פאר יידן און פאר דער גארער מענטשהייט, „פאר אונזער און פאר אייער פרייהייט". כ'געדענק אייערע פליינען, אייערע וועלדער, ווו מיר פלעגן שפאצירן, כדי אויסצוטראגן חלומות וועגן דער צוקונפט, כדי צו דערציילן בסודי־סודות, וואס דער צ.ק. האט באטראכט און וואס דער צ.ק. האט באשלאסן, און וואס איר האט אויסצופילן. כ'געדענק, ווי איר האט מקבל־באהבה געווען יעדע רעזאלוציע און יעדע אינסטרוקציע, וויבאלד זי קומט פון צ.ק., ווי זי וואלט געווען א תורה למשה מסיני. כ'געדענק, ווי ס'האבן געפלאמט אייערע אויגן, ווי ס'האבן געשיינט אייערע פנימער, ווי איר האט זיך געפרייט אן א שיעור, ווען ס'איז צו אייך „אראפגעקומען איינער פון ווארשע", איינער, וואס איר האט יארן נאך יארן בלויז געהערט זיין נאמען פון דערווייטנס, געלייענט און געקוויקט זיך מיט זיינעם א מאמר, איינגעחזרט אויף אויסנווייניק זיינעם א זאג, א ווערטל, אן איינפאל, ווער רעדט — א שארפע פּאָלעמיק מיטן פאליטישן קעגנער.

כ'געדענק אייערע שטיבער, די ארעמע היימען מיט ליבער ווארעמקייט און

חברישקייט, וואס האט נישט אויפגעהערט צו קוואלן די גאנצע צייט, וואס דער גאסט פון ווארשע האט געגאסן פון אייער אברהמ׳ישער הכנסת־אורחים.

כ׳געדענק אייערע פאמיליעס, ווו פון קינדווייז אן זענען יינגלעך און מיידלעך אויפגעצויגן געווארן אין אן אויפריכטיק אידייאישער אטמאספער, און ס׳איז געווען אזוי אמת׳דיק, ווען די שפעטערדיקע יוגנט האט דעקלארירט, אז זי איז „פועל־ציוניסטיש״ געווארן נאך ביי דער מאמען אין בויך...

ליידער געדענק איך נישט איבערן־אויף יעדן אייערן ווינקל. אין פוילן זענען דאך געווען אזוי פיל פארווארפענע ווינקלען, וווהין מיר זענען צוגעקומען מיט אונזער וועקנדיקן ווארט. ס׳איז אבער גענוג צו דערמאנען איין נאמען, און באלד שווימען־אויף א ריי שכנות׳דיקע שטעטלעך, וואס האבן זיך געטוליעט צו דעם גרעסערן, מער באקאנטן פונקט און, בלית־ברירה, געווען געצווונגען צו שפאנען צענדליקער קילאמעטערס צופוס, כדי ארייננצוכאפן א לעקציע פון א רעדנער, וואס וועט מסתמא אזוי שנעל נישט באוויזן צו באזוכן זיי ביי זיי, אין דעם נאך קלענערן פונקט.

כ׳געדענק אייך, ארעמע, פארלאזענע שטעטלעך, ווי איר האט מיט הארציקער ליבע און חסידישער התלהבות אנגעצונדן קולטור־ליכטיקייט, אויפגעשטעלט ביבליאטעקן און לייען־זאלן, ווו מען האט געשלונגען שאפונגען פון אונזערע שריפטשטעלער, אויפגעריכט כל־ערליי חברות און געזעלשאפטן פאר אוונט־קורסן, פאר ייווו״א־זאמלונגען, פאר ציש״א־שולן און טעאטער־ליבהאבער. כ׳געדענק און געדענק...

אבער, אין לויף פון יארן, זינט א וואלקן פון בלוט האט זיך אויסגעשפרייט איבערן פוילישן יידנטום, האבן זיך באזונדערע שטעטלעך פארלוירן אינעם גרויסן כלל, איז שווער געווארן צו דערקענען און אויסשיילן דאס איינציקע שטעטל מיט זיינע חברים־אנפירער און חברים־מאסע, זייערע אפיציעלע פריוואטע נעמען און זייערע אונטערערדישע צונעמען, בעת עס ברענט דעם זכרון איין פייערדיקער נאמען: „פועלי־ציון״ אין פוילן.

...עס גייט מיר נאך ווי א שאטן א חבר פון שטעטל און בעט מיך: חבר זרבבל, שרייבט וועגן גאווראוועו, שרייבט!

זאג איך אים צו און לייג־אפ פון טאג אויף טאג. לאמיך זיך גוט דערמאנען: גאווראוועו, אין שכנות מיט רוזשאן, נישט ווייט פון אסטראלענקע, אויפן וועג קיין לאמזשע.

נו, געוויס געדענק איך. געווען א שותפות׳דיקע פארזאמלונג אינעם וואלד רוזשאן־גאווראוועו. נאך פאר מיר איז דארט געווען עמנואל רינגלבלום. אנדערע רעדנער פון ווארשע. אויך איך בין דארט געווען און נתפעל געווארן פון דער ברייטער קולטור־טעטיקייט פון די חברים, פון זייער ארגאניזאציאנעלער עקשנות אויסצוצייכענען זיך און פארגלייכן מיט גרעסערע פונקטן, נישט געקוקט אויף דער קליינער יידישער באפעלקערונג און אפגעלעגנקייט פון דער הויפט באן־ליניע.

ס׳פארדריסט ביז ווייטיק, וואס ס׳איז פארנעפלט דער מוח און כ׳קאן נישט דערמאנען אייניצעלנע נעמען. צוריק געשמועסט, איז אזוי בעסער. ס׳איז דאך, אין סך־הכל, געווען אן אויפטו נישט פון יחידים, נאר פון א פארטיי־קאלעקטיוו, ווו יעדער יחיד האט צוגעטראגן זיינס, און דער קאלעקטיוו האט געשאפן דאס גאנצע.

דעם קאלעקטיוו אין גאוואראווע געדענק איך. אים און זיין אויפטו וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן.

ניין, כ׳וועל אייך נישט פארגעסן, קליינע שטעטלעך פון פוילן. אייער יזכור איז מיט בלוטיקע פעדעם־שטראמען פארוועבט אינעם גרויסן, אוי, ווי גרויסן, יזכור פונעם פוילישן ייד.



דער איינציקער מאטאציקל און שטעטל. פון רכטס: וועלוול באַרג, יצחק קופערמאַן, חנא טייטעלבוים (זיצט אויפן מאטאציקל), משה מאַלאוואַני, לייבל קערש און יעקב גורקאַ (1925).

אינזש. א. רייס,
ישראל



אינזש א. רייס

א פאלקסטימלעך ייִדיש שטעטל

אמאל איז געווען א פויליש ייִדנטום, וואס האט געציילט איבער דריי און א האלבן מיליאן נפשות; א ייִדישער קיבוץ מיט א פולסירנדיקן נאציאנאלן און געזעלשאפטלעכן לעבן, פון וועלכן די שטראלן האבן אויסגעשטראלט ווייט איבער זיין ראם און האבן דערגרייכט ווייטע ייִדישע ישובים, צעשפרייטע איבער דער גארער וועלט. די שטראלן זענען געווען א דערפרישנדיקער רוח פאר ישובים, וואס האבן זיך געראנגלט מיט זיין אריינרייסנדיקן שטראם פון אסימילאציע און אנטפרעמדונג צום ייִדישן פאלק און האבן זיי געשטארקט אין דעם היסטארישן געראנגל.

אין הונדערטער שטעטלעך פון פוילן, האט געלעבט א גרויסער טייל פון דעם פוילישן ייִדנטום. דא זענען אויפגעקומען אין משך פון יארן, וויכטיקע כוחות, וואס האבן געשפייזט דאס ייִדיש נאציאנאלע לעבן פון פוילישן ייִדנטום; פון איין זייט, דער רעליגיעזער טייל, פונעם ייִדישן יישוב, וואס האט זיך אפגעגרענעצט אין דער ישיבה, אינם בית־המדרש, אין דער שול, אינם חדר, ווי מיט א שטאלענעם פאנצער — אקעגן יעדער אויסערלעכער השפעה, און האט געלעבט דורות לאנג זיין אייגענעם לעבן. פון דער אנדערער זייט איז אויפגעשטאנען א ייִדישע יוגנט, וואס האט זיך באפרייט פון די רעליגיעזע באגרענעצונגען, האט אויפגענומען די נייע שטרעמונגען פון דער פראגרעסיווער וועלט און האט זיי פארבונדן מיט זייער הייסן ווילן אויסצוקעמפן פארן ייִדישן פאלק א גלייכבארעכטיקטע פאזיציע אין דער גרויסער וועלט־משפחה פון פעלקער.

דער בונדישער, דער פועלי־ציון געדאנק, דער פראגרעסיווער ציוניסטישער געדאנק בכלל, האבן דא געפינען א פרוכטבארן באדן פאר אנטוויקלונג און פאר שאפונג. פון שטעטל זענען געקומען דערפרישנדיקע כוחות פאר די פארשידענע געזעלשאַפטלעכע

באוועגונגען אין די גרויסע שטעט; זייערע פירנדיקע אינסטאנצן האבן געשעפט פון די שטעטלעך דערפרישונג, איניציאַטיוו, אפט אויך פּאַטאָס פאר דער שווערער ארבעט. דאס שטעטל, בעיקר, האט געגעבן דער חלוץ־באוועגונג אין פוילן, אירע פילע צענדליקער טויזנטער חברים, וואס האבן דאן פארשריבן א פרעכטיקן קאפיטל אין דער געשיכטע פון דער פארווירקלעכונג פונעם ציוניזם.

אין שטעטל האט דער שליח פון דער אנפירנדיקער אינסטאנץ זיך באגעגנט מיט א טיפער און אויפריכטיקער באגייסטערונג פאר די אויפגאבן און די צילן פון דער באוועגונג. דא האבן אים באגעגנט חברים מיט א פאלקסטימלעכער, אויפריכטיקער הארציקייט, און אים ארומגערינגלט מיט פארשטענדעניש און ליבע. אין שטעטל האט מען זיך אפט „אנגעווארעמט" פון דער ספּאנטאנער און ערלעכער באגייסטערונג, וואס האט זיך אנטפּלעקט פאר יעדן אויפטו פון דער צענטראלע. אלע — אויך אנדערש־דענקנדיקע — האבן זיך באציגן מיט דרך־ארץ צו א פארשטייער פון א צענטראלער אינסטאנץ און האבן זיך נישט געהיט, אפילו, דאס צו באווייזן.

בדרך־כלל, זענען אין שטעטל, לעקציעס און פאליטישע פארזאמלונגען געווען מאסן־צוזאמענטרעפונגען און האבן צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט כמעט פון דעם גאנצן ישוב. בדרך־כלל איז אין יעדן שטעטל באשטאנען א לעבעדיקע יידיש־נאציאנאלע קולטור־טעטיקייט, וואס האט באאיינפלוסט אלע טיילן פון ישוב. אויך אין א קליין יידיש שטעטל האט עקזיסטירט א יידישע ביבליאטעק, א יידישער טעאטער־אמאטארן־קלוב, א כאר און עס זענען פארגעקומען שטענדיקע קולטורעלע אימפּרעזעס פון פארשידענעם כאראקטער.

איז עס דערפאר גאנץ נאטירלעך, אז די פילע גרויסע יידישע שרייבער און פאעטן, זענען געקומען פון די שטעטלעך, אז — אין אט די קליינע יידישע ישובים, זענען געווען הויפן פון גרויסע למדנים און אדמו"רים. דא האבן זיך געפארמט און קריסטאליזירט, פארפולקאמט און געשטארקט, גרויסע גייסטיקע פערזענלעכקייטן, וואס זענען מיט דער צייט געווארן באשיינער פון פוילישן יידנטום און אפט אויך פונעם גאנצן יידישן פאלק.

אין א סך פון די פוילישע שטעטלעך האבן יידן געהאט דעם מזל צו זיין א הויכער פראצענט און צומאל אפילו א רוב, פון דער ארטיקער באפעלקערונג. מאנכע פון די שטעטלעך זענען געווען כמעט ריין־יידישע. עס זענען אויך געווען אזעלכע, וואס האבן געהאט א יידישן בירגערמייסטער און אין א סך פון זיי, איז דער רוב פון די ראטמענער געווען יידן. אזוי ארום איז באוויזן געווארן, אז יידן און פוילן האבן די פעאיקייט אנצופירן מיט א שטאט־פארוואלטונג, נישט ווייניקער גוט, ווי די גוים, אויב נישט בעסער פון זיי. די יידישע שטאט־פארוואלטונג האט באוויזן צו אנטוויקלען און אויסצובויען די שטעטלעך, נישט קוקנדיק אויף די שטערונגען, וואס האט געלייגט אין זייער וועג, די קרייז־און צענטראלע פוילישע מאכט.

די צווייטע וועלט־מלחמה האט דאס אלץ צעשטערט. מיט די מערדערישע הענט פון די דייטשן און זייערע העלפער — זין פון אנדערע נאציעס — איז דאס יידישע שטעטל אין פוילן אפּגעווישט געווארן מיט פייער און מיט בלוט.


גאוואראווע, איז אן ספק געווען איינע פון די טיפּישע קליינע יידישע ישובים,

וואס האט זיין חלק אין דעם גרויסן אויפטו פון דעם פוילישן יידנטום. דא, ווי אין אנדערע שטעטלעך אין פוילן, האט באוויזן דער יידישער ישוב די אחריות׳פולע פארשטענדעניש צו שטיין אויף דער הויך פון זיינע אויפגאבן, אלס א נאציאנאלער און קולטורעלער יידישער צענטער. אין גאוואראווע האט פולסירט א ווארעם יידיש געזעלשאפטלעך לעבן. טראץ דעם, וואס דער יידישער ישוב איז דארט געווען פארבונדן מיט קאמף פאר רעכט פון די יידן אין פוילן, אלס נאציאנאלער מיעוט.

עס האבן געווירקט אין גאוואראווע אלע יידישע פארטייען, וואס האבן געווירקט אין דעם אלגעמיינעם לעבן פון די יידן אין פוילן. גאנץ באזונדערס אקטיוו זענען געווען די ציוניסטישע געזעלשאפטלעכע כוחות און בפרט די פונם ארבעטנדיקן ארץ־ישראל.

די פועלי־ציון־צ.ס.־פארטיי אין גאוואראווע האט איר רייכן בלאט אין דער געשיכטע פון דער פארטיי אין פוילן. דער צענטראל־קאמיטעט פון פ.צ.־צ.ס. האט שטענדיק מיט אויפמערקזאמקייט זיך באצויגן צו דער איבערגעגעבענער ארבעט פון די ארטיקע חברים. אן ספק האבן אויך די אנדערע פארטייען געהאט נישט ווייניקער יסוד צו באציען זיך מיט אינטערעס צו די אקטיוויטעטן פון זייערע חברים אין גאוואראווע.

דערפאר איז אויך צו באגריסן דעם אויפטו פון דער שארית־הפליטה פון דעם יידישן ישוב אין גאוואראווע, וואס האט דעם נאבעלן צוועק, צו פאראייביקן דעם זכרון פון די, וואס זענען נישט מער מיט אונז, און פון זייערע מעשים. מיינע זכרונות פון דער איבערגעגעבענער ארבעט, וואס איז געטאן געווארן דורך די חברים אין גאוואראווע, בארעכטיקט מיך דאס צו זאגן.



די פאַרוואַלטונג פון פ. צ. — צ. ס. ערשטע רייע (פון רעכס): זעליג רייטשיק און יהודה גרודקא. צווייטע רייע: אברהם האלצמאן, פייגע שייניאק און יצחק ווירַאסלאוו. עס שטייען: בונם שאפראן, גאָלדע שניאַדאָווער, יצחק בלומשטיין, שרה סקורניק און משה גראַנאַט.

ישראל ריטוב,
ישראל

גובורובה

בעד ערפל סמיך, המפריד ביני לבין אותן שנים, מחזיר אותי לאותו ערב, שעשיתי בגובורובה. הייתי, בשליחות מפלגתי — פוע"צ־צ"ס — באוסטרוב־מזוביצק, ומשם הוזמנתי לביקור של שעות אחדות בגובורובה.

לצערי לא נשארו בזכרוני אלא קוים כלליים, מטושטשים, של עיירה יהודית נחמדה זאת. זוכר אני את שעת בואי אליה; את החמימות הרבה, המופלגת, בה נתקבלתי; את האולם המלא, הצפוף, בו הרציתי, וגל אותה אוירה מסביב לביקורי. הבאתי בשורת ארץ־ישראל, וביחוד — ארץ־ישראל העובדת; בשורת החלוץ והעליה; בשורת התנועה הציונית־סוציאליסטית בפולין ובעולם; ומאידך: קינה על מצב היהודים בגולה, על השכול והכשלון וחוסר התקווה ליהודים, בכלל, וליהודי פולין בפרט. ניבא לבנו ולא ידע מה ניבא.

...לא נשארו בלבי אלא זכרונות קלושים בלבד. אך מאי נפקא מיניה? מה, בעצם, בין גובורובה לבין גרבולין, למשל, או גראייבו או גרבוביץ, או גרודנו, או כל אחת מיתר למעלה משמונה מאות העיירות והערים היהודיות ברחבי פולין? היו הבדלים אלה או אחרים בגודלן, בצורתם במבנה כלכלתן, במספר ואופי מוסדותיהן, אך לא היו, או כמעט לא היו הבדלים בין יהודי פולין, אשר על כולם, כולם שר י. ל. פרץ: „אט אזוי גייען מיר, זינגנדיק און טאנצנדיק, מיר — גרויסע, גרויסע יידן, שבת־יום־טוב'דיקע, נשמה־יתרה'דיקע. אט אזוי גייען מיר, די נשמות פלאקערן..." (כך צועדים אנחנו, בשירה ובריקוד, אנו — יהודים גדולים, גדולים, יהודי שבת ויום־טוב, יהודי הנשמה היתרה. כך צועדים אנו הנשמות לוהטות...).

וודאי לא היו הבדלים בימי השואה בין קדושי גובורובה לבין כל מיליוני הקדושים, אשר גם נשמותיהם וגם גופותיהם להטו באותה להבה, שלאורה חשך עלינו עולמנו ולקו כל מאורות העולם.

★

הייתי אני בפולין, בקיץ 1939, בשליחות התנועה. עברתי את פולין לארכה ולרוחבה, ובכל מקום — בכל קהילה יהודית, ראיתי בעיני רוחי את כתובת־הזוועה: מנא, מנא, תקל ופרסין. כמעט, כמעט ושמעת את שעטת האסון המתקרב ובא. איש לא היה מסוגל לתאר לעצמו את כל עומק האסון וממדיו, אך גם אפס קצהו, כפי שנראה מרחוק, הטיל פחד מוות. אמנם, היו אשר מפני חמת המציק, הייאוש, ומיעוט ראיית האימה, התפללו לקרוב הקץ: „אדרבא, שתפרוץ המלחמה — ויהיה אשר יהיה!", אך אלה לא היו אלא מעטים, אלה שבעיוורונם חשבו, כי שוב אין להם מה לאבד. אהה,

היה גם היה להם מה לאבד! והעם היהודי בפולין היה אפוף תחושה של ערב ימים־נוראים.
בעשרה לאוגוסט עזבתי את ווארשה — בדרכי לג׳נבה, לקונגרס הציוני. בתחנת הרכבת נפרדתי מקהל מלווי כשבלב כולנו ובעיני כולנו שאלה־תמיהה: האם עוד נתראה?
כעבור שלושה שבועות הגיעו מטוסי צלב הקרס והפציצו את ווארשה. התחיל חורבנה של יהדות־פולין, התחיל קץ ההיסטוריה של אלף שנות יהדות־פולין.

★

עברו שמונה שנים. אותן שמונה שנים.
בקיץ 1947 שוב הייתי בפולין. שוב בשליחות התנועה. ב־1939 באתי אל שלושה וחצי מיליון יהודים; ב־1947 — אל רבבות אחדות, אודים מוצלים מאש.
...באתי לווארשה ולא מצאתי את — ווארשה. מצאתי תלי־תלים של חרבות, הריסות, ארובות לא עשנות. עברתי ב„רחובות״ ולא ראיתי — רחובות. אימצתי כל כוח זכרוני וכושר התמצאותי ולא יכולתי לחשוף ולאתר את נובוליפקי, נובוליפיה, קרמליצקה, דזילנה...
כחמשת אלפים היו אז בווארשה; ליתר דיוק — מעבר לווארשה: בפרגה. רובם לא אנשי ווארשה מלפנים. כחמשת אלפים...
הייתי משרך דרכי בין החרבות, עיני — קפואות, לבי — מאובן, וכל כולי — ענן קדיש; לא קדיש דאוריתא, לא קדיש דרבנן, קדיש — דעמא קטילא...
יצאתי מווארשה ונעתי ונדתי על פני פולין. חיפשתי שארית הפליטה פון דעם אויסגעהארגעטן יידישן פאָלק. מצאתי אחד מעיר ושנים מפלך.
נעתי מערבה. מזרחה לא יכולתי: כנופיות משרידי ה„ארמיה קראיובה״ וסתם רוצחים־שודדים היו משוטטים בדרכים ומפילים חתיתם על כל ועל הכל. וכשהיה מזדמן להם יהודי, שוב לא היה יוצא חי מידיהם. בכבישים וכך גם ברכבת. ולא הגעתי לביאליסטוק, אהובת נפשי, ולא למקומות רבים אחרים. רק ללומז׳ה פרצתי לי פעם דרך, וגם על כך נזפו בי חברי: אל תסכן עצמך! — לא הייתי באוסטרוב ולא בגובורובה ולא — לא — לא באותן מאות ערים ועיירות, אשר בשעתן אורח תדיר הייתי בהן.
נעתי מערבה, נעתי כְּצל, וגם לאושוונצים הגעתי. פה מצאתי המוני המונים פון מיין אויסגעהארגעטן פאלק. לא אותם — את נשמותיהם „מצאתי״. ואת מזוודותיהם במחסנים, את שערות האמדות והאחיות והבנות, מאות מאות אלפים של נעליים ובגדי ונעלי ילדים וטליתות ותפילין, — הרבה הרבה מצאתי מאלה וכיוצא, כיוצא בהם באושוונצים. בעלפוני, באבדן חושי, הדהדו בלבי דברי הקללה של שאול טשרניחובסקי:

ארור אתה, גוי אכזרי!
ארור יהיה שמך
לעולמי־עד, ומארת־עליון
תלין נצח עמך!
ארור אתה מכל אדם,
ורבצה בך אלה
כל עוד תראה באור כי יהל,
וירדה אתך שאולה!
ימק אונך, ייבש לשדך,
נפשך חטאה תשא.

ארור בך כל רגש אדם,
רגש כי כילית!
וטבעת בים זבחיך,
תצלול בים הדמעות,
והעירוך לילה לילה
אנקות־חלל, זועות...
ישלח אל בך מגפותיו,
יחיש מועד שברך,
ונבהלת מפניך,
מפניך תברח!

הידהדו בלבי מלים אלה — והן לא מיצו את מלוא הזוועה. הן טשרניחובסקי, לא ראה את אושוונצים. מלים אלו שלו („ברוך ממגנצה") על אשר היה בימי הבינים, אינן מבטאות שבר בת עמנו בימינו אלה. האם יש ביטוי? האם אי פעם יימצא?

★

עוברו עוד 12 שנה. קיץ 1959. שוב שליחות לפולין. הפעם מטעם ההסתדרות, מטעם הקואופרציה. הפעם — אורחה של ממשלת פולין.

...באתי הרבה נשתכח כבר בפולין. הרבה פצעים, צלקות, קרמו עור והעלו בשר. אסוננו אנו עוד נשאר במלוא מערומי אימתו, והוא עוד זעק וזעק.

הפעם היו הדרכים בטוחות גם במערב וגם במזרח, אך, כאורחה של הממשלה, כפוף הייתי לקווי־התנועה שהיא קבעה, ויצא ששוב נעתי מערבה.

נסעתי, בשיירה של מכוניות, מוארשה ועד לזאקופנה וחזרה. עברתי המון מקומות יישוב, בהם בשעתו פרחו ושיגשגו קהילות יהודיות, ועכשיו — בתי־קברות, בתי־קברות, — דממת מות. ולמה לנקוב בשמותיהן של קהילות קדושות אלה? למה?

הייתי גם הפעם באושוונצים ובבירקנאו. הנה המשרפות, תאי־הגזים, חדרי־העינויים, קיר־המוות, בית הניסויים, מחסני המזוודות והבגדים והמשקפיים וסידורי־התפילה...; הנה — תחנת הרכבת, מקומות הסלקציה, הבריכה בה עוד צפים שיירי עצמות...; הנה הבתים והצריפים והמגדלים וגדרות־התיל המחושמלות, הנה ה„מוזיאון" על ממצאי המחנה, הצילומים, המספרים — הנה אושוונצים!

ואתה, כאילו עוד לא היית פה, מתהלך המום, נטול חושים.

★

יהדות פולין!

יהדות מקורית, שורשית, תוססת, סוערת ומסערת. יהדות של מיליונים: המוני פועלים, עובדים, עמלים, — „עמך" — „שער און אייזן"; יהדות של סוחרים, חנוונים; יהדות של אנשי־מעשה, בעלי יזמה ומעוף ומרץ ותבונה ותושיה; יהדות של למדנים מופלגים, גדולי מדע, תורה וחכמה; יהדות של משכילים, סופרים, אמנים; יהדות חסידית נלבבת, נלהבת ומשולהבת, מתענה ומסתגפת ושרה ורוקדת ועולה לרקיעים עליונים של שירה וחדווה ואמונה, שאין לה שיעור ואין לה סוף; יהדות שבין המזרח והמערב, השואבת ולוגמת ומתבסמת מזה ומזה והיא מעכלת ביסומה ומעצבת דמות לעצמה — דמות סמבטיונית — סמבטיון סוער וגועש ופולט מתוכו וזורק על כל סביבותיו גושי יזמה ותורה וחכמה, זורק עד לקתדראות של אוניברסיטאות גדולות בעולם, עד לדוכנים של ישיבות מפורסמות, עד לבמות שלל תיאטראות ותזמורות, עד לכסאות־מנהיגות בתנועות חברתיות ומפלגות ברחבי תבל, עד למטות של מהפכות, עד לראשות במפעלים אדירים... — כאן היתה הציונות העממית, כאן תנועות־הפועלים היהודיות, כאן הציונות הסוציאליסטית והחלוצית...

— יתגדל ויתקדש!

★

כתבתי בכותרות השורות האלה: „גובורובה", יכולתי לכתוב כל שם אחר מבין מאות השמות של הקהילות הקדושות, שעלו בלהבה, ואינן עוד. מאי נפקא מיניה? אל אחד בראנו, שטן אחד היכנו, — מאי נפקא מיניה?

יוסף כרוסט
ישראל



יוסף כרוסט

חברי הבית"רים מגובורובה

כבעד ערפל רואה אני את חברי קן בית"ר בגובורובה. הדמויות טושטשו בעקבות הזמן, עשרות שנים ונהרות דם מפרידים בין הרגע בו אני כותב שורות אלה, לבין השעות המעטות שבליתי בקרב החברים הצעירים של קן זה. מסופקני אם הייתי מכיר בתמונה, אילו היתה בידי עכשו, אף אותם חברים מעטים שאתם באתי במגע מזמן לזמן, או שהיה לי האושר לפגשם בשנים האחרונות ולהזכיר את ימי נעורינו וחלומותינו.

אך גם הזמן לא הצליח לטשטש את התמונה הכללית: עיירה יהודית טיפוסית, בתי עץ קטנים מטים לנפול שכאילו יצאו מתמונה שאגאלית, חדר לא גדול מרוהט בפשטות — שולחן עץ לא מהוקצע, כמה ספסלי עץ מחוספסים, ושתי שורות של נערות ונערים לובשי חולצות חומות ועיניהם לוהטות בברק מוזר שכמוהו לא ראיתי לפני־כן.

✶

הקן בגובורובה לא הוציא מתוכו גנראלים. חוטבי עצים ושואבי מים היו חבריו במובן המלא ביותר של מלים אלה. נפשם כמהה לעלות ארצה, וכדי לזכות לא ברשיון־עליה עצמו, אלא לכל הפחות בתקוה בלבד להיות מועמד עליה כזה, מן ההכרח היה לציית לאחת התקנות המוזרות שהותקנו אי־פעם על ידי המוסדות הציוניים ולצאת ל„הכשרה". שם לא למדו מקצוע. שם סבלו מחסור ורעבו ללחם, כאילו בבתי הוריהם לא ידעו לפני כן מחסור מהו. שם חטבו עצים ושאבו מים, כאילו לא היתה זו העבודה שבה עסקו גם מחוסרי העבודה מביניהם. אך הם עשו כל מה שנצטוו, ועשו זאת באהבה, נשאו עורם בשיניהם וישבו באותן הכשרות חדשים ושנים. רק מעטים מכל אלה זכו להגיע למולדת, ואף אלה — לא ברשיונות עליה הגיעו. השאר נגרפו עם נחשול השואה, ועל שפתותיהם נישאו המלים האחרונות: ציון וירושלים.

אי־פעם, ודאי היה זה עוד לפני מאות בשנים, התישבו אבות־אבותיהם בעיירה

הקטנה גובורובה. לא אדע את קורותיה של עיר זו, כשם שלא ידעתי את קורותיה של עיר מולדתי אני, אוסטרוב־מזוביצק, והיא קרובה לגובורובה. אותם בתים קטנים, אותם בתי־כנסת, ספק בתי מקדש לעבודת אלוקים, ספק בתי מבצר להגנה בפני פורעים, ויהודיהם — אותן דמויות שחוחות וצנומות, יהודים יראי־שמים שידעו מזה דורות שנאת־גויים ושיני כלבים מה הם, יהודים מזי־רעב המסתפקים בקב חרובים מערב שבת עד ערב שבת.

כיצד הגיע הרעיון הציוני הממלכתי לעיירות נידחות אלה, אף זהו פלא שלעולם לא נדע את סודו. אבות הציונות לא הגיעו בכבודם ובעצמם לעיירות אלה, ורק אחד בעיר ושנים במשפחה היו הולכים לעיר הגדולה לשמוע נואם גדול כשבא לספר על בנין הארץ. ומלחמה היתה לצעירי בית״ר מבית ומחוץ. הגיעה עדיהם הבשורה של צבא יהודי מתחדש, ממשיך מסורת המכבים, משהו גונב מפה לאוזן על איש אמיץ וזאב ז׳בוטינסקי שמו, מייסד הלגיון, מגן ירושלים ואסיר עכו. איכשהו הגיעו שמות כפטרסון, מרגולין וטרומפלדור. לבבות צעירים פעמו בהתלהבות ולהט מתחת לקפוטות הארוכות. נערה יהודיה שעזרה לאמה מאחורי הדלפק בחנות הדלה או ליד הדוכן בשוק להרויח את לחמה, עיניה היפות נתמצמצו מרוב התרגשות למשמע הפרעות בחברון ויפו; בחור ישיבה צעיר — אגרופיו הקטנים נתקמצו בזעם עצור ובהחלטה נחושה לשים קץ למצב משפיל זה.

אך הוריהם הרי ציפו באפס מעשה לבואו של משיח, ואילו בחוץ מוקפים היו בוז ושנאה כל אלה שחלמו את חלומה של הציונות הממלכתית.

ואני, תלמיד בגימנסיה פולנית, אף לבי פעם בחזקה, מתחת למדי התלמיד, למקרא הידיעות על תקומתו של דור אחר, ושעותי היפות ביותר היו השעות שבליתי עם אותם נערות ונערים, תופרות עניות ובחורי ישיבה, במועדון בית״ר. לא פעם ראיתי



מימין לשמאל: חוה בורשטין, אסתר גוטמן, מנוחה גרודקה, צפורה גרודקה, אשר בן־אוני, לאה מריאנסקה, מלכה צלקה ורחל שפירה.

כיצד מגיע למועדון, ממש ברגע האחרון, בחור לבוש קפוטה, מסתלק לרגע לחדר צדדי ומופיע משם לבוש חולצת בית״ר, כשפיאותיו מוצנעות קצת מאחורי אזניו, וידעתי את סיפורו: מלחמה לצעיר הזה גם בביתו, ואסור חס וחלילה שאביו יידע כי בנו נמצא ברגע הזה בקן בית״ר. ואז היה לבי מתמלא אהבה עד אין קץ לצעירים אלה. כמתבייש כמעט הייתי על שהשתייכותי אני לבית״ר איננה קשורה במעשה גבורה יום־יומי כמוהם.

קן בית״ר בגובורובה לא הוציא מקרבו גנראלים, חבריו לא השתייכו למוסדות העליונים של תנועה זו, והרי ההיסטוריה של האנושות היא קודם כל היסטוריה של מלכים וגנראלים. כדברי המשוררת הפולנית מאריה קונופניצקה על „המלך היוצא למלחמה ומריעים לו השופרות, ויאש היוצא למלחמה ולוחשים לו אילנות״.

אולם קן בית״ר בגובורובה הוציא מתוכו גיבורים, מעטים מהם זכו בתקופה מאוחרת יותר לחולל מעשי גבורה ממש, אך רובם ככולם זכו לחיות את גבורתם יום־יום כשמלחמה להם מבית, עם דור אבותיהם שחיכה לפעמי המשיח, ומחוץ, עם בני נוער מוכים בסנוורים שציפו לגואל האדום והקיפו בחומת שנאה ובוז את צעירי בית״ר.

✶

עם שלושה מחברי זה הפגישני הגורל פגישה קרובה יותר, ואין ברצוני לפסוח על פגישות אלה.

חוה בורשטין. לפלא היה בעיני דבר השתייכותה של צעירה זו לבית״ר. בתחילה לא ידעתי הרבה עליה. רק זאת שמעתי שהיא בתו של הרב המקומי והיה לי נסיון לא עשיר, אך גם לא משמח ביותר לגבי יחסם של רבנים לתנועות נוער ציוניות. שאפתי בכל מאודי להכיר אותו רב שבתו משתייכת לבית״ר והיא אף במפקדה בקן זה. יתכן שהיו רבים כאלה בתנועת בית״ר בפולין, אני הכרתי רב אחד בלבד, — היה זה הרב יוסף ורטהיים מהרוביישוב, שילדיו השתייכו לבית״ר, וזאת בהסכמתו המלאה. לא זכיתי להכיר את הרב בורשטין. שמעתי שהוא היה איש פיקח וגאון ואפילו ממתנגדי הציונות. אך הכרתי את בתו חוה ואת עבודתה. ידעתי, ואני מטיב היום להבין, כי היא ינקה מבית אביה אותה מסירות, שרשיות ונאמנות לכל ערכי היהדות, ושפתי דלה להביע את אשר אני מרגיש כלפי אותו רב בעיירה קטנה שנתן לתנועת בית״ר (אולי לא בהסכמתו המלאה), את הדבר היקר לו מכל — את בתו.

✶

ביום בהיר אחד הגיע דב קוסובסקי, מפקד קן בית״ר בגובורובה, לורשה. מן הרגע הראשון אהבתי את פשטותו ובלתי־אמצעיותו של צעיר זה. כדברי ז׳בוטינסקי „כגשת ארי אל אריות״, התערב בתוכנו, חברי ההנהגה הארצית של בית״ר, ללא כל רגשי נחיתות, ואנו הרי היינו כבר אז „מנהיגים״ ידועים, ובמקום רכש את אהדתנו. באותם ימים מאושרים היה מרבה לבוא לדירתי הקטנה, ואף זוכרני כיצד שעשע אותנו בציוריו הנאים.

אחר כך חרב עולם שלם. היתה ידיעה משמחת, כאשר בזמן שליחתי בצרפת, מיד אחרי מלחמת העולם, נודע לי שדב נמצא במחנה פליטים בברגן־בלזן. גם שם חזר מיד לפעילות. לא אשכח את הרושם שעשתה עלי פעולתו הראשונה: הוא אסף כל מה שנכתב באותו זמן על השואה, באזור הבריטי של גרמניה. החוברת הביבליוגרפית



על גשר הנהר „הירש". מימין לשמאל: שבתי פרידמן, יוסף קרולביץ', דוד בלומשטיין, דב קוסובסקי, אביעזר שיקורה, גד בוצ'יאן ומשה ריץ.

שהוציא עוד על אדמת גרמניה מהווה תעודה היסטורית שלא תסולא בפז.

★

צדוק פארבה הגיע לעיר מולדתי, אך שהה בה תקופה לא ארוכה. חיש מהר התיידדנו אך מהר גם נפרדו דרכנו. הוא היה בין מייסדי תנועתנו בגובורובה וכעבור זמן קצר הוא היגר לארצות הברית.

לימים, לאחר שעליתי ארצה, חודש הקשר בינינו. עוד באמצעות חליפת המכתבים ידעתי, כי גם בנכר שמר צדוק פארבה על הגחלת, כי הוא דואג לתת לבניו חינוך יהודי מסורתי ולאומי, כי ביתם של סול גיוונר (הוא צדוק) ורייקה (מבית מרקוס — חברת בית"ר אף היא) הוא אכסניה לתלמידי חכמים.

יותר מאוחר נזדמנתי לניו־יורק, לביתם של ידידי הותיקים ומצאתי את עצמי באוירה ארץ־ישראלית, במידה שבכלל תיתכן אוירה כזאת בגולה, בין אצטבאות ספרים עבריים, ישוב בין שני בנים, אברהם ונתן, השותים בצמא כל מלה על ישראל, ובעל־הבית מקדיש עתותיו לעסקנות צבורית, לחנוך עברי וללמוד התורה.

★

אמרתי לעיל, כי קן בית"ר גובורובה לא הוציא מתוכו גנראלים, אלא חיילים פשוטים. חוק ההיסטוריה הוא שהיא כותבת לא על חיילים אלא על גנראלים. שרי האלף, שרי המאה, ושרי העשרה שפעלו בקרב ששים הריבוא בדורו של משה, אותם סמלים, רב־טוראים וטוראים בלשוננו המודרנית, שמותיהם נשחקו בין גלגלי ההיסטוריה, והרי היסטוריה זו בכלל לא היתה נכתבה אלמלי אנשי צבא פשוטים אלה. ואני את דברי אלה הקדשתי לאותם חיילים פשוטים שאף שמותיהם נשחקו, אך הם כתבו בדמם את ההיסטורהי היהודית של דורנו.

ניסן מאזעס, שו"ב
אמעריקע

דער אמשינאווער רבי אין גאוואראווע

דער ערשטער אמשינאווער רבי, רבי יעקב דוד׳ל קאליש, האט צוויי מאל באזוכט גאוואראווע.ביידע מאל איז דער צוועק פון זיין קומען געווען צו מאכן שלום אין שטעטל. דאס ערשטע מאל איז ער געקומען איינשטילן א מחלוקת וועגן שוחטים. עס זענען דאן געווען אין גאוואראווע צוויי שוחטים: ר׳ שמואל נתן שו"ב און ר׳ יעקב מאר׳יאנסקי, דער פאטער פון אונזער באקאנטן ר׳ חיים לייב שוחט. דער לעצטער איז אויך געווען שטאט־חזן, און די בעלי־בתים זענען נישט צופרידן געווען פון זיין חזנות. מחמת דער מחלוקת, האבן א גרויסער טייל יידן נישט געוואלט עסן פון זיין שחיטה, און אפילו ווען דער רבי האט געפירט „טיש" און געגעבן שיריים, האבן עטלעכע עזות׳דיקע בעלי־בתים נישט געוואלט נעמען די שיריים, אלס פראטעסט פון דעם רבינ׳ס שלום־אקציע.

אין דער זעלבער וואך האט געדארפט פארקומען אין שטעטל א סעודת־מצוה מיטן אנטייל פון רבי׳ן. דער רבי האט באפוילן אנצוגרייטן פיש צו דער סעודה. חסידים זענען אוועק צו די גוי׳אישע פישערס, און זיי געבעטן צו כאַפּן פיש. די גויים האבן פאר׳לייגט נעצן אין טייך, און האבן נישט געקאנט כאַפּן אפילו קיין איין פישל. בלית ברירה האט מען די סעודה געגרייט מיט בלויז קאלב־פלייש.

בשעת דער רבי האט געפירט „טיש" פון דער סעודת־מצוה, האט ער א פרעג געטאן: פארוואס עס איז נישט קיין פיש אויפן טיש? א חסיד האט געענטפערט, אז די גויים האבן, בשום אופן, נישט געקאנט כאַפּן קיין פיש. דער רבי האט זיך שטאַרק געוואונדערט: סטייטש?! ווי קאן מען עס עפעס נישט כאַפּן קיין פיש? איז דען אין גאנצן טייך נישטא קיין פיש? אפשר אמאל — האט דער רבי ווי צו זיך גערעדט — ווילן נישט די פיש זיין צוזאמען מיטן פלייש ביי איין טיש?!

חסידים האבן גלייך געפרעגט ר׳ יעקב שוחט, צי ער האט געשאכטן דאס קאלב. ר׳ יעקב האט געהויבן מיט די אקסלען: ער האט דאס קאלב נישט געשאכטן. ר׳ שמואל נתן שוחט — אויך נישט. מען האט גענומען פארשן פונוואנען דאס פלייש שטאַמט. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז צוליב די מחלוקת, האט מען געקויפט דאס פלייש ביי א קצב פון א נאענטן דאָרף. מען האט שנעל געשיקט רופן דעם דארפישן קצב. ער האט גענומען דרייען מיט דער צונג: דא, דארט. בקיצור, ער האט מודה געווען, אז ער אליין האט געשאכטן דאס קאלב...

מען האט שוין אויף דער סעודה נישט געגעסן, נישט קיין פיש און נישט קיין פלייש. די בעלי־מחלוקת האבן אראפגעלאזן די קעפ פאר בושה. זיי האבן שוין געזען צו וואס מחלוקת דערפירט, און דער שלום איז צוריקגעשטעלט געווארן אין שטעטל.

אגב, דער דאָרפישער קצב האט זיך שפעטער געשמדט, און איז געווארן א גלאקן־קלינגער און א שמש אין א דארפישער קירכע.

יצחק דוד תהילים
אמעריקע

דער חרם

ווען מען באשרייבט די געשיכטע פון א שטעטל, איז, בדרך כלל, פאראן א טענדענץ בולט צו מאכן די שיינע און בכבוד׳יקע זייטן פון שטעטל, און פארהוילן די נישט־שיינע געשיכטעס. איך האלט, אז מען טוט א עבירה פאר דער היסטאריע, אויב מען פארבארגט דעם אמת, ווי ער זאל נאר נישט אויסזען, און עס איז א פליכט אויף צו דערציילן א פאקט, וואס דערוועקט נישט קיין געשמאקע דערינערונגען. איך וויל דאָ דערציילן א געשיכטע פון א חשוב׳ן גאוואראווער בעל־הבית, וואס האָט, בעידנא דריתחא, אפגעטאן א מיאוסע מעשה, פאר וועלכער ער האט טייער באצאלט.

עס איז געווען בערך א 10 יאר פאר דעם ער׳שטן וועלט־קריג, בעת עס איז געווען רב אין גאוואראווע הרב יהודה באטשאן. אין איינעם א דאנערשטיקן ווינטער־אוונט, האט ביים רב געהאלטן א דין־תורה, איטשע מאיר [redacted] מיט א בעל־דין. דער רב האט אויסגעהערט די טענות און ארויסגעגעבן א פסק־דין, אז איטשע מאיר איז נישט גערעכט און דאַרף באצאלן זיין בעל־דין א געוויסע געלט־סומע. איטשע מאיר האט זיך שטארק אויפגערעגט און פארגעווארפן דעם רב, אז ער האט נישט גוט אויסגעהערט די טענות. אזוי רעדנדיק האט ער פארלוירן איבער זיך די קאנטראל, און האט דעם אלטן רב געגעבן א פּאַטש אין פנים אריין.

דער רב האט נישט רעאגירט. ער האט זיך א שווייגנדיקער אראפגעזעצט אויפן בענקל און פארבארגן דעם צעפלאמטן פנים פאר בושה.

דער אפקלאנג פון דער שרעקלעכער ידיעה איז באלד אנגעקומען אין שול אריין, ווו עס זענען געזעסן בחורים און יונגעלייט און געלערנט. עס איז געווארן א גרויסער טומל. די בית־המדרש בחורים זענען גלייך ארויס איבער׳ן שטאט, און צוזאמענגערופן די גאנצע באפעלקערונג, אנשים נשים וטף, אין שול אריין. מען האט אנגעצונדן שווארצע ליכט, אויסגעלייגט דאס טהרה־ברעט, דער שמש האט געבלאזן שופר, און מען האט ארייגעלייגט איטשע מאירן אין חרם אריין.

צומארגנס, פרייטיק, זענען די זעלבע בחורים אריין אין דער בעקעריי, האבן ארויסגענומען איטשע מאירס טשאלנט פון אויוון, אנגעבונדן א שטריק און ארומגעשלעפט דעם טשאלנט איבערן גאנצן שטעטל.

דאס שטעטל האט זיך אפגעטרייסלט פון איטשע מאירן, נישט געוואלט מיט אים רעדן און האנדלען. אפילו גויים האבן נישט געוואלט שטיין אין זיינע דלת אמות...

אין עטלעכע מאנאטן ארום, איז איטשע מאירס פרוי פּלוצלונג קראנק געווארן און געשטארבן. איטשע מאיר האט נישט געזען קיין אנדער ברירה פאר זיך. ער האט אויסגעטאן די שיך, און איז א בארוועסער אוועק צום רב מיט א געוויין, ער זאל אים מוחל זיין און מבטל מאכן דעם חרם.

דער רב האט רחמנות געקריגן, מבטל געמאכט דעם חרם און געבעטן די בעלי בתים מען זאל מער נישט רעדן פון דער דאזיקער אומהיימלעכער געשיכטע.

ש. ל. ציטראָן
פוילן

די „עירוב־פרשיות"

צווישן די אַלע בלבולים, וועלכע מ'האָט געמאַכט אויף יידן בעת דעם רוסישן רעזשים פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט פאַרנומען אַ באַזונדער באַדייטנדיקן אָרט, דער בלבול בנוגע דעם „עירוב". די העצער האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין עירוב, אַז די יידן ריידן זיך אין פאַרבאָרגעניש צונויף מיטן שונא און גיבן אים איבער אַלע מיליטערישע סודות. זיי האָט נישט געהאַרט דאָס, וואָס דער דראָט פון „עירוב" גייט באַהאַלטענעהייט נישט אַרויס און גייט אין ערגעץ נישט אַריין — אַז פאַר אַלעמען אין די אויגן הויבט ער זיך אָן, און פאַר אַלעמען אין די אויגן ענדיקט ער זיך. אין ווילנע זענען אָנגעקומען ידיעות פון פאַרשידענע שטעטלעך, אַז מען זוכט דאָרט „עירובין" און, אַז דאָס וואַרפט אַרויף אַ גרויס שרעק אויף דער יידישער באַפעלקערונג. אין מערערע שטעטלעך האָבן יידן אַליין צעריסן די עירובין. באַזונדער האָבן פון דעם געליטן די פּוילישע יידן. דאָרט האָט מען זיך נישט באַגנוגנט מיט זוכן אַליין. דאָרטן האָט מען פאַר געפינען אַן עירוב אַרעסטירט גאַנצע קהלות מיט די רבנים בראָש, און מען האָט זיי באַשולדיקט אין בגידה קעגן דער רוסישער מלוכה.

איינמאָל איז צו הרב רובינשטיין, דעם ווילנער הויפּט־רב, געקומען אַ אָפיציר און האָט אים איינגעלאַדן אין נאָמען פון ראַיאָנס־קאָמאַנדיר צו קומען אין שטאָב 8 אין אָוונט, צו איינעם אַ גענעראַל. קומענדיק אַהין אין דער באַשטימטער צייט, האָט אים באַגעגנט אַ קאָרפּוסנער גענעראַל, וועלכער האָט אים דערקלערט, אַז לויט דעם באַפעל פון ראַיאָנס הויפּט־קאָמאַנדיר האָט ער אים איינגעלאַדן אַלס עקספּערט. דער גענעראַל האָט זיך געקווענקלט ווי אַזוי זיין פראַגע צו שטעלן. ער האָט קענטיק, באַלד נישט געוואָלט אַרויסזאָגן אין וואָס באַשטייט די עקספּערטיזע, כדי הרב רובינשטיין זאָל זיך תיכף נישט אָנשטויסן צו וועלכן צוועק מען פרעגט אים. צום סוף האָט דער גענעראַל זיך אָנגערופן: „וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט פאַר יידן אַ דראָט־שנור?" דער הרב רובינשטיין האָט אים געבעטן ער זאָל זיין פראַגע דייטלעכער פאָרמולירן. דער גענעראַל האָט נאָכאַמאָל געזאָגט: „איך פרעג, וואָס פאַר רעליגיעזע באַדייטונג האָט דראָט פאַר יידן?" הרב רובינשטיין האָט תיכף פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, און האָט געזאָגט: „אויף דער פראַגע קאָן איך ענטפערן, אַז דראָט באַנוצן יידן אויף אַ „עירוב". דערביי האָט הרב רובינשטיין דערקלערט דעם גענעראַל אויספירלעך און באַגרינדעט צו וועלכן צוועק מען מאַכט אַ עירוב לויטן יידישן דין. די דערקלערונג איז געווען מיט אַלע פרטים פאַרשטענדלעך. „אויב אַזוי" — האָט דער גענעראַל איבערגעריסן „פאַרוואָס באַנוצן די יידן אין אַנדערע ערטער אַ דראָטענע נעץ אַנשטאָט אַ עירוב־דראָט?" הרב רובינשטיין האָט אים ווייטער דערקלערט, אַז אין פוילן באַנוצט מען זיך אין פיל ערטער מיט אַ דראָטענער נעץ צום זעלבן צוועק ווי אַ עירוב,

און דאַט אים געַנוי אויפגעקלערט און באגרינדעט דעם יידישן דין. הרב רובינשטיינס ענטפער האָט באַפּרידיקט דעם גענעראַל, און ער האָט אים געזאָגט: „איצט איז פאַר מיר אַלץ קלאָר. איך בין צופרידן פון דיין תשובה. איך וועל דאָס איבערגעבן דעם ראַיאָן הויפּט־קאַמאַנדיר".

וואָס האָט גורם געווען, אַז מען זאָל הרב רובינשטיין אַרויסרופן צו דער דאָזיקער עקספּערטיזע? און וואָס פאַר א רושם זיינע דערקלערונגען האָבן געמאַכט? — דאָס האָט מען זיך דערוווּסט אין עטלעכע טעג אַרום.

א צוויי טעג נאָך דער דאָזיקער מעשה, איז צו הרב רובינשטיין געקומען א דעלעגאַציע פון שטעטל גאָווראָלווע, לאָמזשער גובערניע, וועלכע איז באַשטאַנען פון שטעטלדיקן רב, הרב אַלטער משה מרדכי בורשטין, און פון איינעם פון די דאָרטיקע קהלה־פאַרשטייער. זיי זענען געקומען קיין ווילנע צו דערגיין, וואָס עס הערט זיך מיט זייער משפּט, און צו בעטן מען זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין.

דער גאָווראָלוווער רב האָט דערציילט פאָלגנדעס:

איינמאָל, א דאַנערשטיק נאָך אין האַלבער נאַכט, בעת דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין געשלאָפן, איז געקומען דער קאָמענדאַנט, וועלכער האָט זיך אויפגעהאַלטן 7 וויאָרסט פון שטעטל, מיט א ראָטע סאָלדאַטן, און האָט געמאַכט אַן אָבלאַווע אויף דער דראַטענער נעץ, אויף וועלכער עס האָבן אים, אָן ספק, אָנגעוויזן די שטעטלדיקע קריסטן. געפינענדיק די פאַרדעכטיקע „סיעטקע" האָט ער תיכף געהייסן אויפוועקן אַלע שטאָט־גבאים און צוזאַמענטרייבן זיי אויף א דרישה וחקירה. באַאומרואיקטע און דערשראָקענע האָבן אַלע געענטפערט, אַז די „סיעטקע" האָט געמאַכט דער רב. דער רב האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געמאַכט לויט דער פאַראָרדענונג פון דער רעליגיע. דער אָפיציר איז אָבער אויף אים אַרויפגעפאַלן מיט שרעקלעכע קולות: „דו האָסט געמאַכט א אונטערערדישן טעלעפאָן מיטן שונא, און דרייסט א מח מיט רעליגיע!" דו ווײַסט מיר נישט אָפּנאַרן! דו האָסט נישט געפינען קיין נאַר!..."

זיבעציק פון די גאָווראָלוווער יידן האָט מען אַרעסטירט און אוועקגעטריבן אין דער פינסטערער נאַכט אין דער קאָמענדאַטור, 7 וויאָרסט פון שטעטל. אַזוי ווי עס האָט געפעלט דאָרט פּלאַץ פאַר אַלעמען, האָט מען זיי נישט לאַנג געהאַלטן אין אַרעסט, נאָר מ'האָט זיי מודיע געווען, אַז עס ווערט געפירט א משפּט, און זיי האָבן נישט קיין רעכט צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

דער משפּט איז איבערגעגעבן געוואָרן צום פירשט טומאַנאָוו, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון פראָנט, און ער האָט דאָס איבערגעגעבן א גענעראַל, וואָס זאָל אַרויסרופן הרב רובינשטיין פאַר א עקספּערט.

פון דאַמאָלסט אָן האָבן די דאָזיקע משפּטים אויפגעהערט.

ווי דער גאָווראָלוווער רב האָט דערציילט, איז צומאָרגנס נאָך דער עקספּערטיזע געקומען דער זעלבער גענעראַל קיין גאָווראָלווע צו אונטערזוכן די זאַך אויפן אָרט. ער האָט געשיקט רופן צו אים דעם רב, וועלכער האָט, מיט גרויס שרעק, איבערגעחזרט די זעלבע תשובה: „דאָס איז א ענין פון רעליגיע". דער גענעראַל האָט דאָס טאַקע באַשטעטיקט: „יאָ! איך ווייס שוין אַז דאָס איז לויט דער רעליגיע".

דער גענעראַל האָט באַפוילן אָפּצוגעבן דעם רב 11 פון די 12 אַרעסטירטע

א. בר־אבן
ישראל

אין א שבת צו־נאכטס

דער רויטלעכער מערב־האריזאנט האט זיך געשפיגלט אין די גארן־פענסטער פון די מארק־הייזלעך, געלאשטשעט זיך אין ווייסן בלעך־דאך פון בית־המדרש, און געפירט א מלחמה מיט די טונקל־בלויע שאטנס, וואס האבן זיך געדרענגט פון אלע פינסטערע ווינקעלעך. די פורפור־שטראלן פון דער פארגייענדיקער זון, האבן זיך עקשנות׳דיק באהעפט אין בלויען הימל־ראנד, און נישט געלאָזט די זון פארשווונדן אונטערן ערד־קוגל. עס איז זיי שווער געווען צו שיידן זיך מיט דער געמיטלעכער שבת־דעמערונג שטימונג, וואס האט געהאלטן איינגעהילט דאס שטעטל.

אבער, עס גייען שוין יידן מאכן „הבדלה״, באלד וועט מען דארפן איינהייצן די גיהנום־קעסלען פאר די רשעים נאך דער שבת־מנוחה. פארוויטלטע פאר בושה, וואס אויף זיי ליגט די אומאנגענעמע ארבעט פון ברענען זינדיקע יידן, האבן זיך די שטראלן פארשטעקט אונטערן דעק־מאנטל פון דער ערד, לאזנדיק די טונקעלע שאטנס געוועלטיקן איבער דער ערד.

אויף די מארק־טראטוארן האבן שפאצירט יוגנטלעכע, דיסקוטירט שטיל, ווי זיי וואלטן זיך געשעמט צו שטערן די גסיסה־כארכלען פון אויסגייענדיקן הייליקן טאג. עס האָט זיך באשיינפערלעך געהערט דער וויי־געשריי פון דער שבת־מלכתא, וואס דארף זיך שיידן פון איר געליבטן חתן, דער „כנסת ישראל״.

פון די גערער־און אלעקסאנדער חסידים־„שטיבלעך״, אויבן אויפן שטאק פון „הכנסת־אורחים״ און דער „גמילות־חסד״ קאסע, האבן זיך געטראגן טרויער־פארבענקטע „בני היכלא״־טענער, און אין „מתנגדישן״ בית־המדרש האבן שאטנס זיך געשאקלט אין דער פינסטער, ברומנדיק „לדוד ברוך ה׳ צורי״.

דער שמש האט א קלאפּ געגעבן אין בית־המדרש־בעלעמער: „מעריב״! „הבדלה״־ליכט האבן זיך צעפלאקערט אין די הייזלעך, טאטעס האבן „הבדלה״ געמאכט איבער טיי. און מאמעס האבן פרום געשעפטשעט: „גאט פון אברהם״.

(די עירוב־פרשיות — סוף)

„געפערלעכע סיעטקעס״, און 1 „סיעטקע״ האט ער געהייסן אפשיקן קיין ווילנע.

באאומרואיקט איבער דער אפגעשיקטער „סיעטקע״, איז די דעפוטאציע געקומען קיין ווילנע, און אז זיי האבן זיך דערוווסט, אז דער משפט איז בטל געווארן, איז אין שטעטל געווארן ששון ושמחה, אן אמת׳ער יום טוב.

(„ווילנער זאמל־בוך״, באנד 2, 1918).

דעם שוחט׳ס זון האט אויף א פידעלע אויפגעשפילט „המבדיל״, און יונתן׳ס איידעם, א געל־בערדלדיקער יונגערמאן מיט גרויסע קיילעכדיקע אויגן־גלעזער, האט דער ערשטער געעפנט זיין קרעמל, בארגן א יידן א פאפיראס, אדער א „לויט״ טאבאק, אויף א „פולער וואך״.

בריינע, ר׳ ישעיה שמואל נתן׳ס ווייב, האט אנגעצונדן דעם בליץ־לאמפ און אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר. ר׳ ישעיה אליין האט זיך אנגעטאן דעם געבלומטן שלאפראק, א גלעט געטאן די גרויע שפיצן־בארד, רחבות׳דיק געשארט מיט די שטעק־לאטשן, און צוגעזעצט זיך צום טיש. באַלד וועט קומען דער עולם טרינקען טיי. א מנהג געווען אין שטעטל פון קדמוניות. אז ביי ר׳ ישעיה שמואל נתן׳ס טרינקט מען טיי שבת צו־נאכטס, און טאקע נאר שבת צו־נאכטס, ווייל א גאנצע וואך האט זיך ר׳ ישעיה, א ייד א תלמיד־חכם און א גביר, ארומגעדרייט פארצארגט און פארכמורעט, גערעדט בייז מיט מענטשן, און אפילו זיך געקריגט מיט זיין בריינען — נאר אזוי ווי עס איז געקומען דער הייליקער שבת, איז ר׳ ישעיה געווארן גאר אן אנדער מענטש. זיין לשון איז זאנפטער־און ווייכער געווארן, די מאטע וואכעדיקע אויגן האבן באקומען א גלאנץ, דער צעאקערטער שטערן האט זיך אויסגעגלייכט, העכער געווארן, זיין טונקל גרויע באַרד איז ווייסער און לענגער געווארן. א ברייטער שמייכל האט זיך צעלייגט אויף זיין פנים, און מיט זיין בריינען האט ער געלעבט ווי צוויי פארליבטע טייבעלעך — בריינעשי און ישעיה׳לע...

דער קאנטראסט פון חול ביז שבת איז ביי ר׳ ישעיה׳ן אזוי גרויס געווען, ווי דער אונטערשייד פון זיינע צוויי מסחרים, פון וועלכע ער האט געצויגן זיין פרנסה: מעל און פעל. די מעל איז געשטאנען אין א לאנגן ווייסן קאסטן אין קיך־און עס־צימער, און די געזאלצענע פעלן זענען געלעגן ביי דעם אַרויסגאַנג פון דער הינטערשטער טיר אין הויף אריין. דער געשטאנק פון די רויע פעלן האט געשלאגן אין נאז אריין פון דערווייטנס.

איז אבער געקומען דער ליבער שבת, זענען די פעל־ריחות פארשווונדן, אויף זייער אָרט האט געררייצט די נאזלעכער א זיסער ריח פון לאקשן־קוגל, און א גדעמפטער גערוך פון קארטאפל־טשאלנט, וואס האט זיך געטראגן פון בריינעס ברייטן קאפל־אויוון.

די קדושה פון שבת איז נישט באַלד אוועק פון ר׳ ישעיה׳ן מיט דער הבדלה צוגלייך. א גאנצן מוצאי־שבת ביז חצות האט נאך אנגעהאלטן ביי אים דער שבת־גלאנץ, פאר דער הנאה־וועגן פון גרויסן עולם, וואס איז געקומען טיי טרינקען אויף א „פולער וואך״.

דער ערשטער וואס האט געעפנט די טיר מיט א ברייטן „גוטוואך״, איז געווען ר׳ ישראל לייב דער גמרא־מלמד. א הויכער, אנגעבויגענער, קורצזיכטיקער ייד, מיט א פארקיילעכדיק בלאנד־בערדל, ווי עס וואלט, חלילה, געווען צוגעשוירן. ער האט ליב געהאַט צו זינגען א זמר׳ל, און האט בשעת־מעשה אליין שטארק הנאה געהאַט. נאך אים זענען געקומען א גאנצע גאלעריע טיפּן פון שטעטלדיקע בעלי־בתים: יודל דער זייגערמאכער, א קורץ דאר מענטשל, מיט א שווארץ דראטן בערדל. ער איז נעבעך געווען אן ארעמאן אין „זיבן פאלעס״ און א גלאז טיי מיט צוקער איז ביי אים געווען א „נאָווינע״. טאקע ממוצאי־שבת למוצאי־שבת האט ער עס



א בליק אויפן שטעטל פון דער בריק. לינקס — דער בית־המדרש

אין מויל נישט געהאט; חנא פרידמאן, א געל־בערדלדיקער דורכגעטריבנעער פיקח. ער האט „גוואַלדאָוונע" געשריבן פויליש און גערעדט מיט א גוי, ווי א ייד מיט א ייד...; לייבקע דער בעדער, אן אלעקסאנדער חסיד, וואס האט געדאוונט „אנהויבן" ימים־נוראים אין בית־המדרש. א באנקעס־שטעלער און א „עין־הרע"־אפשפרעכער, און פון אלע פרנסות צוזאמען האט ער קוים געהאט שבת צו מאכן; שייקע דער תבואה־סוחר, וואס האט שטענדיק געהאלטן א שטרוי אין מויל, א שנעלער, א „נח לכעוס" און א „פחז כמים". ער האט געדאוונט שנעל, געעסן אייליק און, אפילו, געשווינד געשלאפן...; ר' אברהמ'לע מלמד, א קליין פלינק יידל, מיט שארפע שפיציקע אויגן, א ייד א חריף, ליב געהאט צו זאגן א גלייכווערטל, מיט א הייזעריק קוויטשיק קול'כל; ר' חיים לייב חזן־שוחט, א הויכער מאסיווער ייד, א מאיעסטעטיש געשטאלט, מיט א קורץ ברייטער טונקל־בלאנדער בארד, וואס האט זיך אנגעהויבן ערשט וואַקסן פון אונטערשטן קין. ער איז געווען א מפונק מיט אויפגעפאסטע מאניערן, ער האט אלע מאל אונטערגעהוסט, אויספרובירט, צי די שטימע איז אים נישט, חלילה, פארלוירן געגאנגען איז מיטן דרינען... ר' יעקל, דעם אלטן רב'ס זון, א פארכמורעטער, האט שטענדיק גערעדט מיט א ניגון פון א גמרא'ס קשיא, און ר' משה סקורניק, א ייד א משכיל מיט א שען־פארקעמטע פירקאנטיקע באָרד, קלוגע שארפע אויגן, אונטערן א ביינערנעם ברילן־געשטעל, וועלכער האט געקענט האלטן א רעפעראט מיט „פרעמד־ווערטער"... ער האט געהאט א שיין־קלינגנדיקע מעטאלענע שטימע, און האט געקענט דערציילן שיינע פארכאפנדיקע מעשיות. האט טאקע ר' משה אויסגעפילט כמעט דעם גאנצן „פראגראם" פון אוונט, און נאך יעדער מעשה האט ברײנע, ישעיה שמואל נתן'ס, אנגעגאסן א פרישע „רונדע" טיי פארן עולם.

(„קענעדער אדלער" 16 יאנואר 1959)

יוסף זילבערצאן
ישראל

אין א ווינטערדיקן שבת־פארטאג

א מחיה׳דיקע שבת־רו איז אויסגעגאסן איבערן שטעטל. נאך א וואָך פון שווערער ארבעט, פון האנדל־וואנדל, זענען די שטעטלדיקע איינוווינער פארזינקען אין טיפן שלאָף און געפינען זיך אין קעניגרייך פון זיסע חלומות...

דאַ־דאָרט ווערט די נאכט־שטילקייט געשטערט דורך געשטאַלטן, וואָס שלייכן זיך ארויס פון געסלעך און הויפן. איינגעהילטע אין שווערע ווינטער־מאנטלען, מיט שאלן איבער די קעפּ, זעען זיי אויס ווי באשעפענישן גארנישט פון דער וועלט... דאס זענען די השכמה־יידן, וואָס וועקן אויף דעם טאג, זיי איילן זיך אין בית־המדרש אריין, ווען די וועלט איז נאך פארזינקען אין טיפן דרימל.

אט שיילט זיך ארויס דער סילועט פון מרדכי דעם שמש, מיט דעם הויכן סאמעטענעם היטל אויפן קאָפּ, און מיט דער רויטער פאטשיילע איבערגעבונדן דעם האַלז. אט גייט פייוול בריק, מיט זיין שנעלן גאנג, און פון דער „לאנגער״ גאס גייען יאסל ווערמאן און זיין זון זלמן, ועלכער טראגט א גרויסע ווילנער ש״ס־גמרא אונטערן ארעם.

די לבנה לייכט נאך אין איר פולער פראכט, און קוקט אַראָפּ פאַרוווּנדערט אויף די געשטאַלטן, וואס שלייכן זיך איצט אין מיטן מאַרק. די שטייול סקריפּען און קרעכצן ביי יעדן טראט אויפן פארפרוירענעם שניי. עס הערט זיך א הילכיקער „קראַ״, „קראַ״ פון די צעשראקענע קראָען, וואס האבן אין אט דעם שניי גענורקעט.

אַן אנגענעמע ווארעמקייט נעמט אַרום, ווען מען קומט אריין אין בית־המדרש. די צוויי גרויסע קאכל־אויוונס, אנגעהייצטע דורך דעם שבת־גוי, צעשפרייטן א ליבע ווארעמקייט. די בליך־לאמפן לייכטן מיט א העל ליכט. אין משך פון א קורצער צייט, ווערט דער בית־המדרש אויסגעפילט. דער עולם צוזעצט זיך ארום די טישן. אין הלל צעגיסט זיך דער טרויעריק־זיסער גמרא־ניגון פון די לומדישע יידן. ביי די טישן נעבן די אויוונס זיצט „עמך״ ביי אַ קאַפּיטל תהילים. דעם פיין און יסורים, וואס זיי זענען אויסגעשטאנען במשך פון דער וואָך ביים ארומוואנדערן איבער דערפער און ירידים, אין די קוזשניעס און ווערקשטאטן, גיסן זיי איצט אויס אין די הארציקע קאַפּיטלען, וואס דוד המלך ע״ה האט געשאפן פאר די געיאגטע און געפּלאגטע פון אלע צייטן...

מיר, יונגע בחורים, פלעגן אויפשטיין שבת פארטאג, נישט צוליב דעם, וואס די תורה האט אונז „געבערנט״, נאר פשוט, צוליב יוגנטלעכער נייגעריקייט, און שפּעטער זיך צו קאנען בארימען פאר חברים מיט דעם פריען אויפשטיין...

אונז האט געצויגן ספעציעל צו די טישן, ווו עס זענען געזעסן די „תהילים״־יידן. דאָרט האט מען געקאנט הערן די לעצטע פאסירונגען פון דער וואָך און פארשידענע

מעשׂיות, וואס זענען אויף אן אייגנארטיקן קינסטלערישן אופן ארייגעפלאכטן געווארן אין די מזמורים פון תהילים. אט איז א מוסטער: אשרי האיש, אשר לא הלך בעצת רשעים... אין דלוגאשאדלע איז געווען א גרויסער יריד... ובדרך חטאים לא עמד... נאר די פרייזן זענען געווען טיף אין דער אדמה... כי אם בתורת ה׳ חפצו... דאס קעלבל איז געווען א ווילדע מציאה... ובתורתו יהגה יומם ולילה... נאר דער שוחט האט דאס טריפה געמאכט...

לייכט און אנגענעם האט זיך געצויגן די צייט, ביז עס האט אנגעהויבן גראען אויף טאג. דאן האבן די „מתנגדים״ אפגעדאווגט בהשכמה און געאיילט א היים צום פעטן טשאלנט און קוגל, און נאך צו באוויזן צו כאפן א שבת׳דיקן נאכמיטיק־שלאף אין דעם קורצן ווינטער־טאג. די חסידישע יידן האבן אין בית־המדרש נישט געדאוונט, נאר אוועק צו יואל׳קען דעם בעקער, ווו עס האט שוין אויף זיי געווארט קאכעדיקע טיי, וואס מען האט ארויסגענומען פון דעם גרויסן אויוון. כאָטש פון דעם טיי האבן זיך געפילט די ריחות פון די פארשיידענע טשאלענטער, וואס האבן זיך אין אויוון געפינען — האבן זיי דאך געטרונקען מיט גרויס הנאה. נאכן צעווארעמען זיך ביי די עטלעכע גלעזער טיי מיט צוקער, זענען זיי אוועק דאווענען יעדער אין זיין „שטיבל״.

אזוי האט דאס שטעטל געלעבט יאר־איין, יאר־אויס — סיי ווינטער, סיי זומער, ביז דעם „שווארצן שבת״ פון 9־טן סעפטעמבער 1939, ווען די היטלערעסטישע מערדער האבן זייער ווילדער רציחה אויסגעגאסן צוערשט אויף די השכמה־יידן. דער ערשטער קרבן איז טאקע געווען ר׳ מרדכי דער שמש הי״ד. די פארורויכערטע ווענט פון בית־המדרש זענען געבלבן שטיין ווי א טרויעריקע מצבה אויף דעם יידישן שטעטל. און זיי ווען דערציילן, אז געווען איז אמאל... אמאל... און דער „אמאל״ איז בסך־הכל מיט א וועלכע 25 יאר צוריק.... געווען א יידישער יישוב, וועלכער האט געלעבט אין משך פון יאר־הונדערטער, מיט זיינע פריידן און ליידן און איז שוין מער נישטא...

פייגע שייניאק
אמעריקע

שבת אין שטוב

געווידמעט מיינע טייערע עלטערן גישע און יצחק יודל שייניאַק.

דער טיש ווייס געדעקט, די מאמע צינדט ליכט,
שעפטשעט א תפילה פארשטעלט דאס געזיכט.
דער קאפ פארהילט, זי מאכט א ברכה —
א, לעבעדיקער גאט! — געזונט און הצלחה!
דער מלאך פון שבת געקומען אצינד,
צעשפרייט די פליגל אויף הויזגעזונט,
דער ווייך זיך רויטלט, חלות אויפן טיש,
און געשמאקע ריחות פון יויך און פיש.

דער טאטע מאכט קידוש, ברומט זיך א ניגון,
צעשטראלטע אויגן, געטלעך פארגעניגן,
הייליקע זמירות — א לויב און א ברכה,
פאר קעניגלעך רחבות, פאר שבת־מנוחה.
עס בלאנקט דאס הויז, ריין און ליכטיק,
אין אלע ווינקעלעך — שבת׳דיק ציכטיק;
די יידישע מלכה, די שיינע פרינצעסין,
זי מאכט פון גרויען וואכן פארגעסן...

שרה־צימערמאן־ראמאַנער
ישראל

יוגנט־זכרונות

אונזער משפחה איז צוריקגעקומען פון מאסקווע קיין גאוואראווע אין יאר 1918. איך בין דאן געווען אין שול־עלטער. מען האט מיר דערציילט, אז עס איז דא אין שטעטל א לערער, א געוויסער האכשטיין, וואס לערנט מיט קינדער יידיש, רוסיש און תנ״ך. ער האט אונז באזוכט אין שטוב. דעם אמת זאגנדיק, איז ער מיר אין ערשטן אויגנבליק נישט געפעלן געווארן. ער האט גערעדט מיט א מאדנעם רוסישן אקצענט, און נישט געהאט קיין היימישלעכן אויסזען. אבער ווען איך האב אנגעהויבן לערנען ביי אים און איך האב געהערט ווי ער לערנט תנ״ך מיט אזא שיינעם ניגון, האט איך געענדערט מיין מיינונג וועגן אים. מיין ברודער מאטל איז אויך געווען א לערער. ער האט געלערנט מיט אונז, א גרופע מיידלעך, פויליש. די שולע איז געווען אין אַן האלב־חרוב הייזל ביי יאסל דעם „זילארזש״ אויפן הויף. טאקע א בידנער צימער, אן באקוועמלעכקייטן, אבער מיר האבן נישט געהאט קיין אנדער מעגלעכקייט ווו צו לערנען.

אין יענער צייט איז מיין ברודער מאטל פלוצים קראנק געווארן און איז געשטארבן. זיין טויט איז געווען א שווערער קלאפ פאר אונזער משפחה און א גרויסער פארלוסט פאר אלע שול־קינדער פון שטעטל, וואס האבן ביי אים געלערנט. אין א יאר שפעטער האט זיך געעפנט אין שטעטל די פוילישע פאלקס־שולע. אין דער ביי געעפנטער שולע האבן זיך פארשריבן די יינגערע קינדער. פאר אונז, שוין אביסל דערוואקסענע — איז שוין געווען צו שפעט. מיר האבן זיך גענומען אינטערעסירן מיט די ארגאניזאציעס, וואס האבן זיך נאר־וואס געגרינדעט. עס האבן זיך דאן געשאפן: די ציוניסטישע ארגאניזאציע, דער „בונד״, „פועלי־ציון״. א ביבליאטעק האט זיך געגרינדעט ביי דער גלעזערקע שאשקע גיטל אין שטוב. מיר האבן דארט גענומען ביכער צום לייענען. די ארגאניזאציעס האבן איינגעארדנט יעדן פרייטיק צו־נאכטס „קעסטל״־אוונטן. דאס האט אונז געגעבן אביסל אינהאלט אין לעבן. מיינע חברות פון יענע צייט זענען געווען: רחל און זעלדע בורשטין, עטקע פרידמאן, מרים צודיקער, אסתר גאווארטשיק, רייזעלע גערליץ, טויבע קופערמאן, גאָלדע שניאדאווער און חיה פּאַטאַש, פון די אלע אויסגערעכנטע זענען געבליבן לעבן: טויבע, אסתר און רייזעלע, אין אמעריקע, און איך — אין ישראל. ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות שטייען זיי מיר פאר די אויגן. ווי ליב און טייער זיי זענען מיר געווען, ווי שיין און גוט מיר האבן פארבראכט צוזאמען די קינדער־יארן. עס איז דאך אזא אינטערעסאנטע תקופה געווען. כאטש מיר האבן נישט געהאט די מעגלעכקייט פאר רעגולערע בילדונג, האבן מיר זיך באמיט אליין צו לערנען און לעזן ליטעראטור, אזוי אז מיר זענען גארנישט געבליבן הינטערשטעליק פון יוגנט אין אנדערע גרעסערע שטעט.

ליידער, צו מיין גרויסן צער, איז אלץ מיט איין מאל פארשניטן געווארן, און עס איז נישט געבליבן קיין זכר פון אלע, וואס זענען מיר געווען ליב און טייער איך בייג מיין קאפ פאר זייערע אומבאקאנטע קברים. איך פיל מיך עפעס, ווי איך וואלט געווען שולדיק אביסל אין דעם גרויסן אומגליק. אבער צי האב איך דען זיי געקאנט העלפן?!

חרוב איז אויך געווארן אונזער גאנץ שטעטל. די יידישע הייזער מיטן האב און גוטס, און די יידישע געשעפטן געפינען זיך היינט אין גוייאישע הענט. ליידער וועלן מיר שוין קיינמאל נישט קאנען זען אונזערע ליבע היימען, ווו מיר זענען געבוירן און דערצויגן געווארן.

איך קאן נישט פארגעסן די שבת׳דיקע טעג, ווען מיין פאטער ע״ה פלעגט זיך אויפהויבן באגינען לערנען. זיין הארציקן ניגון ביים לערנען וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן. כאטש א פרומער גערער חסיד געווען, האט ער פארשטאנען זיינע קינדער מיט זייערע ניי־צייטישע פארלאנגען. ער האט זיי נישט געשטערט אין זייער געזעלשאפט־לעכן לעבן. אדרבא, ער פלעגט אונז נאך מונטערן צו גיין פארברענגען אביסל און פארוויילן זיך, לויט די מעגלעכקייטן פון שטעטל.

איך וואלט נאך מער געשריבן, אבער מיין הארץ ווייטיקט מיר צופיל, ווען איך דערמאן מיך אין גרויזאמען אומקום פון מיין פאמיליע, מיינע עלטערן, מיין שוועסטער הינדע לאה מיט איר מאן שלמה חיים צימבאל און זייערע קינדערלעך שרה׳לע און יצחק׳ל.

זאלן די דאזיקע געשריבענע ווערטער מיינע, זיין א מצבה אויף זייערע אומבאקאנטע קברים.



ערשטע רייע (פון רעכטס): אסתר גאַוואַרטשיק און מרים צודיקער. צווייטע רייע: שרה ראמאנער און רייזל גערליץ. עס שטייען: רחל בורשטין. גאָלדע שניאַדאָווער און זעלדע בורשטין

הרב מנחם בעלפער,
אמעריקע

פיר יאר אין גאוואראווע

ווען איך בין אלס יונגער בחור׳ל אנגעקומען פון מיין געבורס־שטאט, לוצק, אין דער לאמזשער ישיבה, איז מיר צופעליק אויסגעקומען צו זיצן נאענט מיט איינעם א בחור׳ל, חסידיש געקליידעט, מיטן נאמען בונם שאפראן, פון גאוואראווע. עס איז מיר דאן אפילו אויפן געדאנק נישט געקומען, אז מיט יארן שפעטער וועלן גרויסע געשעענישן פון מיין לעבן זיין פארבונדן מיטן דאזיקן שטעטל. נאר ווי זאגט א פאלקס־ווערטל? — „מה שלא יעשה השכל — יעשה הזמן״. אין יאר 1935 בין איך אנגעקומען קיין גאוואראווע אלס איידעם פון ר׳ נתן פארבא ז״ל.

דעם אמת זאגנדיק, האב איך זיך אביסל געשראקן פארן געדאנק צו באזעצן זיך און וווינען אין א חסידישן שטעטל. איך בין דאך געווען א תלמיד פון א ליטווישער ישיבה, מאדערן געקליידעט, און איך האב זיך פארגעשטעלט, אז אלע גאוואראווער יידן, פון גרויס ביז קליין, טראגן חסידישע קאפאטעס מיט קיילעכדיקע „פוילישע היטעלעך״, און זענען פייערדיקע חסידים, ביי וועמען עס איז א גרויסע מצוה צו רודפ׳ן א ליטווישן „מתנגד״... אבער נאכן באקאנען זיך מיטן עולם, האב איך זיך ארומגעזען, אז מיין שרעק איז אביסל געווען איבערגעטריבן. א גרויסער פראצענט פון דער יוגנט איז געווען מאדערן געשטימט, און אפילו די רעכט־חסידישע יונגעלייט, זענען אויך געווען אנדערש, ווי איך האב זיך פארגעשטעלט. די חסידישע אויסגערופענע יונגעלייט, ווי ר׳ חיים לייב׳ס (שוחט) איידעם, ר׳ ישראל בורשטין, וואס האט אנגעפירט מיט דער „בית־יעקב״־שולע, און אנדערע — זענען געווען פון מיינע בעסטע ידידים.

ביי דער געלעגנהייט וואלט איך אויך געוואלט דערמאנען איינס פון די זאכן, מיט וואס דאס שטעטל גאוואראווע האט זיך אויסגעצייכנט: דאס שטעטל האט פארמאגט איינעם פון די גרעסטע רבנים אין פוילן, הרב משה מרדכי בורשטין, הי״ד. מיט זיין לומדות, מיט זיין חכמה און פקחות און מיט זיין שיינעם אויסזען, איז ער געווען אן אויסנאם צווישן רבנים. יעדעס מאל, ווען מיר פלעגט אויסקומען צו פארברענגען מיט אים אין דברי תורה, אדער מילי דעלמא — איז דאס געווען ביי מיר א גייסטיקע איבערלעבעניש.

א שטיקל צייט נאך מיין אנקומען אין שטעטל, האט זיך אריינגעקליבן אין גאוואראווע נאך א „ליטוואק״: דאס איז ר׳ יחזקאל חן, הי״ד, וואס האט געעפנט א געשעפט פון וויין און שארפע געטראנקען. ר׳ יחזקאל איז געווען א ייד א תלמיד חכם און משכיל. מיט זיין ברודער, דעם שניאדאווער רב, הרב דוד חן, האב איך צוזאמען געלערנט אין דער לאמזשער ישיבה. ביי ר׳ יחזקלען אין שטוב האב איך זיך באקאנט

מיטן מאקאווער רבין, וואס איז געקומען קיין גאוואראווע גרינדן א מאקאווער חסידים־„שטיבל". איך, צוזאמען מיט ר' יחזקלען האבן, טאקע, געדאוונט אין דאזיקן „שטיבל", ביז צום מלחמה אויסברוך, און דארט האב איך אויך געלערנט מיטן עולם, יעדן טאג, א בלאט גמרא.

אזוי האט זיך דאס לעבן געצויגן געמיטלעך און רואיק, ביז עס איז געקומען די שרעקלעכע מלחמה און א סוף געמאכט צו אלעס.

דעם ערשטן דייטש מיטן רוצחישן פרצוף, האב איך דערזען פרייטיק דעם 8־טן סעפטעמבער 1939. איך און מיין פרוי פריידע שפרה הי"ד (זי איז אומגעקומען זומער 1942 אין שטעטל דאמבראוויץ ביי סארנע, וואלין), צוזאמען מיט נאך א 20 יידן, האבן זיך דאן געפינען ביי א פריץ אין א גוט, עטלעכע קילאמעטער פון שטעטל. מיר זענען אזוי געזעסן אין א צימער. פלוצלונג האט זיך אויפגעריסן די טיר און א דייטש, מיט אן אויסגעשטעקטער ביקס, האט ארויסגעריטשעט ווי א ווילדע חיה: „הענדע האך!", „איר יידן האט דעם קריג געוואלט, צוליב יידן ועלן דייטשן פאלן אויף שלאכט־פעלדער!". ער האט זיך אויסגעדרייט און פארלאזט דעם צימער. דעם זעלבן טאג, פרייטיק, האבן מיר זיך דורך זייטיקע וועגן צוריק אריינגעשלייכט אין שטעטל. מען האט גראד געטראפן א מאמענט, ווען דייטשן האבן געכאפט יידן צו דער ארבעט. מיר האבן זיך ווי עס איז אויסגעדרייט פון דער דאזיקער כאפעניש און אין דער פינסטער זענען מיר אפגעזעסן ביז מארגן.

שבת אינדערפרי. דאס גאנצע שטעטל ברענט ווי דער גיהנום. געשאסענע יידן ליגן אין גאס. דייטשן האבן מיר געכאפט און מיט נאך עטלעכע הונדערט יידן גענומען טרייבן קיין דייטשלאנד. מיר זענען אנגעקומען אין שטעטל רוזשאן. מען האט אונז אריינגעפירט אין א באמבארדירטן קלויסטער און ענג צוזאמענגעפרעסט אונז אין א קליינעם שטח. אריינטראכטנדיק אין דער ביטערער לאגע, האב איך זיך דערמאנט אין א סגולה פון גרויסן צדיק, אז ווען מען געפינט זיך אין א גרויסן לעבנס־געפאר, זאל מען זאגן א געוויסע צאל מאל, די תפילה „נשמת כל חי". נישט טראכטנדיק קיין סך, האב איך גענומען זאגן „נשמת". נאך עטלעכע מאל זאגן, איז אריינגעקומען א דייטש און ארויסגערופן מיין שוואגער נחמן יאזשאמבעק, הי"ד, וועלכער איז געזעסן נעבן מיר. איך האב ווייטער געזאגט „נשמת" מיט כוונה. ווען איך האב שוין געענדיקט די גאנצע צאל, איז מיין שוואגער צוריק געקומען מיט 2 טאמאטעס אין האנט. ער האט פארן דייטש געמאכט א געוויסע ארבעט און דערפאר באקומען 2 פאמידארן. עס איז מיר געווארן א ביסל לייכטער אויפן הארצן. איך האב דאס אנגענומען פאר א סימן, אז די סגולה האט געהאלפן, און איך וועל מיט גאטס הילף איבערלעבן די צרות.

פון רוזשאן האט מען אונז ווייטער געטריבן איבער שטאק און שטיין, ביז מען האט אונז, דעם 12־טן סעפטעמבער, געבראכט אין א דייטשישן לאגער פון מזרח־פרייסן. עטלעכע טעג נאכן אנקומען אין לאגער, חלומט זיך מיר אזא חלום: איך בין שוין באפרייט; אן אובאקאנטער מענטש פרעגט מיך, ווי לאנג איך בין געווען אין לאגער, און איך ענטפער אים — 17־18 טעג. דער חלום האט זיך ארויסגעוויזן פאר ריכטיק. פונקט צום 18־טן טאג, שבת חול המועד סוכות, דעם 30־טן סעפטעמבער, איז צו אונז אין לאגער געקומען א דייטשישער אפיציר און געהאלטן אזא רעדע: אזוי ווי היטלער האט נישט ליב קיין יידן, און וויל נישט, אז זיי זאלן זיך געפינען אויף דער דייטשישער

יעקב כץ
ישראל

טוב שכן קרוב

גובורובה ודלוגשודלה, שתי עירות סמוכות ודומות זו לזו היו. אותו מספר האוכלוסיה בערך, אותם בתי עץ נמוכי קומה מכוסי אזובי קיר, ואותו כיכר השוק ורחובות הכרוכים בו כתנוקות בסנור אמא. אולם, היה בגובורובה משהו ספציפי שלא היה דוגמתו בעירות השכנות. כעין אוירה של אצילות והרחבת הנפש היתה שפוכה עליה. התושבים העריכו את ערכם העצמי, הקפידו בלבושם ובלשונם, והנוער שבעירה, מכל הגוונים, חי חיים תוססים במישור האירגוני והחברותי, שאפו לרכישת השכלה ודאגו לתיקון העולם.

הייתי יליד דלוגשודלה והיו לי קרובים וידידים רבים בגובורובה, ולא עברה שנה שלא ביקרתי בה פעמים מספר. המרחק בין שתי העירות היה בסך הכל כשלשת רבעי שעה נסיעה ותמיד הייתי אחוז התרגשות כשנסעתי לעיר חמודה ורבת חן זו.


עולים בזכרוני רישומים של הדמויות שהכרתי בגובורובה וראויים להנצחה בספר זכרון, הן אלה שקדשו שם שמים ושם העם וניספו בשואה האיומה, והן אלה שנשארו לפליטה וחיים אתנו היום.

לא מש מזכרוני אותו אברך המשי, אציל הרוח ונקי הדעת ר׳ פייוול לובלסקי מתלמידיו המובהקים של הגאון הורשאי רבי אברהמה׳לה שצוצ׳ינער, מי שהיה מגדולי תלמידיו של האדמו״ר מסוכצ׳וב, בעל „אבני נזר״. ר׳ פייוול היה יליד ורשה ולמד בצעירותו אצל הגאון ר׳ נתן שפיגלגלס בישיבתו ברחוב שליסקה בורשה, ואחר כך למד אצל רבו האמור ונסמך להוראה וסמיכות רבנים. הוא נשא את בתו היפה־פיה של ר׳ קלמן אוזדובה, יהודי פשוט, נפח ממקצועו, אבל תמים דרך, ירא שמים ובעל מידות טובות. הוא זכה לחתן מפואר זה בגלל חיבתו לתורה והוקרת רבנן. ר׳ פייוול אכל כמה שנים „קעסט״ אצל חתנו והשתלם בתורה ויראה. אולם, לא שאף לרבנות והתחיל לעסוק במסחר רהיטים. מסחרו התבסס ומצבו הכלכלי היה שפיר, עד שפרצה המלחמה ונהרג יחד עם משפחתו על קידוש השם. הי״ד.

(פיר יאָר אין גאוואראווע — סוף)

ערד, דעריבער וועט מען אלע יידן פירן צו דער נייער דייטשיש־רוסישער גרענעץ, און אלע יידן וועלן מוזן אריבער צו די רוסן. ווער עס וועט נישט פאלגן דעם באפעל — וועט ווערן דערשאסן.

דעם זעלבן טאג האט מען אונז צוגעפירט צו א באן־סטאנציע, פארלאדנט אין פראכט־וואגאנעס, און אונז צוגעפירט ביז אסטראלענקע. דאָרט האָט מען אונז געהייסן גיין צו די רוסן.



על יד דף גמרא. השני מימין יושב הרב אביעזר בורשטין. על ידו עומד המחבר יעקב כיץ.

זכור לי הבחור המצויין, למדן בעל מחשבה ובעל מידות תרומיות, ר׳ פישל קרולביץ ז״ל בן ר׳ חיים, בעל טחנת קמח. הוא למד אתי יחד בישיבת „בית יוסף״ נווהרדוק באוסטרוב־מזוביצק. היה בעל כשרונות נעלים ועצומים. מתמיד גדול, למד יומם ולילה, משכים לבא ומאחר לצאת מבית המדרש. כל לילות יום חמישי היה ער כל הלילה ולמד בשקידה. היה בעל זכרון נפלא ובעל מוסר גדול. לפתע חלה במחלת ריאות קשה ונפטר עוד לפני פרוץ המלחמה.

באחד הביקורים בגובורובה השפעתי על בחור צעיר אחד, דוד שרון הי״ד, שילך ללמוד בישיבת לומז׳ה המפוארת. הוא שמע לעצתי והתחיל ללמוד במרץ ובשקידה. עד מהרה נתחבב על בחורי הישיבה והמשגיח קירב אותו מאד. באחד הימים הבחנתי בחדר האוכל של הישיבה שדוד שותה מים בכמויות בלתי רגילות. בהיותי גבאי של „עזרת חולים״, סיפרתי זאת למשגיח, והוא צוה עלי לקחת אותו לרופא הישיבה, ד״ר ליכטר, לבדיקה. הרופא קבע שדוד חולה במחלת סכרת ומצבו מסוכן. כל התרופות לא הועילו הוא נספה בהתחלת השואה.

יבדל לחיים האברך המופלא והמצויין ר׳ יצחק שפרן, תלמיד חכם מבחירי ישיבת לומז׳ה. בעל כח ארגון גדול, מיושב ושקול בדעתו. מיוזמי וממייסדי „צעירי אגודת ישראל״ בגובורובה ומפעילי הרעיון האגודאי. הוא ניהל את בית הספר החרדי לבנות „בית יעקב״ בהצלחה גדולה, והיה מקובל מאד על חבריו. היום הוא חי בארצו־הברית.

תקופה קצרה למד אתי יחד הרב אביעזר בורשטין בן רב העיר. היה בעל תפיסה מהירה בתלמוד. עוד בצעירותו היתה לו נטיה לכתיבה והעלאת זכרונות וכשרונו זה התפתח. כבוד רב לגובורובה שהוציאה איש סופר תלמיד חכם ואיש ציבור שעשה הרבה אחרי המלחמה בגרמניה בהצלת שארית הפליטה. גם כאן בישראל תופס מקום נכבד בניהול מוסד גדול וכתיבת מאמרים בעתונות הארץ וחוץ לארץ.

אהרון אחרון חביב. גיסי ואחותי היקרים ר׳ נתן ודבורה שרון. היה להם בגובורובה בית מסחר של תבואה וקמח ובית קומה במרכז העיר. גיסי קנה למפרע את יבול השדות של הפריצים בסביבה. הוא טחן את התבואה בטחנת הקמח של האחים רייך ומכר קמח למאפיות העיר, לדלוגשודלה, וכל עירות הסביבה. בימות השוק, המה הבית כמו בכוורת. סוחרים יצאו ונכנסו מכל ענפי המסחר. זה בא להציע סחורה וזה בא לבקש גמילת חסד עד אחרי השוק. אף אחד לא הושבו פניו ריקם. ואכן, זכות זו עמדה להם בחלקה בשנות השואה.

כשפרצה המלחמה ונכנסו ההיטלריסטים לעיר, עברה עליהם טרגדיה איומה. עוד ביום הראשון לכניסתם ירו הנאצים והמיתו את אביו ואמו של גיסי והוא הביאם לקבר ישראל. לאחר מאורע מחריד זה עזבו את גובורובה וטולטלו לדלוגשודלה, טיקטין וביאליסטוק, ולבסוף הגיעו לרוסיה.

גם ברוסיה עבר עליהם משבר נפשי גדול. בנסעם ברכבת בצפיפות גדולה, אבדו להם שנים מילדיהם. שנה שלימה חיפשו אותם בכל רחבי רוסיה, עד שמצאו אותם במקרה בבית איש מגובורובה, מר נוסקה קוהן. רק בהגיעם לישראל בא קץ לתלאות ונשמו לרווחה. פתחו בתל־אביב בית מסחר יחד עם הילדים וב״ה רואים שכר מעמלם.

עוד רחבה היריעה ורבה הגלריה של דמויות העירה גובורובה. היתה זאת עיר ואם בישראל למופת. עיני בוכיה ולבי דוי על חוט חיי העירה שנפסק באמצע.



א גרעסערע גרופע פון „השומר הדתי״ (זע זייט 173)

הרב צבי א. סלושץ
ישראל

מסורת חיים

קרוב אני לעיירה גובורובה, אם כי את פניה לא ראיתי מעולם. יש לפעמים, ששמיעה גדולה מראיה. שמעתי כל כך רבות אודות העיירה — על רבניה, חסידיה ואנשי מעשה שבה, עד שדמות העיירה מצטיירת בעיני בהמחשה, כאילו היתה עיר מכורתי ומקום מולדתי.

נין ונכד אנכי מצד רעייתי לאדם דגול, אציל שבכהונה, ר׳ מנדל שו״ב ז״ל, בנו־בכורו של הכהן הגדול מאחיו, הרב הגאון ר׳ יהודה כהנא־בוצ׳יאן זצ״ל, ששמש שנים רבות כרבה של גובורובה ואגפיה.

במסורת המשפחה ישנה מסכת של מעשים ומנהגים ממקור מחצבת זקני הדגולים שעברו, כשלשלת זהב, מדור לדור, דברים המעידים על צדקתם וגדולתם; וגם על יושר לבם של בני העיירה אתם התגוררו שנים רבות. קצרה היריעה מלגולל את כל מסכת הסיפורים ששמעתי, ונאמנים דברי חז״ל: „אם לא ראיתם את הארי, צאו וראו את רבצו״. רואה אני את הצאצאים שגדלו בתוך העיירה ובסביבתה שמעשיהם מוכיחים על המסורת המפוארת שספגו בילדותם, ועליהם אני קורא: אשרי מולדתם!

שמעתי על בתי־המדרשות של גובורובה שהמו נער וזקן הוגי תורה ויראי ה׳. שמעתי על אנשי־מעשה בצדקה וחסד, שמעשיהם נשאו לנס ולדוגמא בסביבה קרובה ורחוקה, ושמעתי על מוסדות־ציבור מפוארים, שפיתחו פעולות נרחבות בשטחים שונים, שאף הם הוו דוגמא לעיירות הסמוכות, והעידו כמאה עדים על ערנותם וכושר ביצועם של אנשי גובורובה. אשרי מי שראה אותה בתפארתה!

העיירה גובורובה היהודית אינה קיימת עוד. יחד עם כל ערי ישראל בפולין שבקה רוחה וחייה, ועדיין לא קנן המקונן על חורבנה ולא הוקמה מצבת־עד לזכרה. והנה אנו מצווים כל עוד חזינו מבשרנו את האימה הגדולה — לזכור ולהזכיר, לנו ולדורות אחרינו, את תפארת גדולתה בקיומה, ואת הטרגדיה האיומה של חורבנה. אם כי קבעו חז״ל: „גזרה על המת שישתכח מן הלב״ — אין הגזירה חלה על עיר ואם בישראל. זכרון עיר נחרבת, אי אפשר לשכוח לעולמים; גזרו על מת ולא על קדושים וטהורים שמסרו נפשם על קדושת־השם ותורתו. התעוררות יוצאי גובורובה להנציח את זכר קהילתם שהיתה ואינה — דבר בעתו הוא. על הדור הנוכחי מוטלת החובה לקיים: „למען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעוללו בנו הנאצים הארורים״, כדי לתת חומר עיון לדורות הבאים, שיקשרו עצמם בקשר של קיימא עם העבר המפואר, ויכירו וידעו את צביון החיים של העיירה הטמונה בה הרבה מן הפולקלור היהודי הטיפוסי, וילמדו פרק בחיי גבורת עם ישראל.

רווחת דעה בין הסטוריונים רבים שיש להסתפק בספרי הזכרונות של ערי בירה וערים גדולות, אשר בכוחם לבטא לדורות את הקיפי וממדי החורבן. לדעתם יש כפילות בהעלאת זכרונות של עיירות קטנות ואין בהם כדי להוסיף חומר בעל ערך היסטורי. אין הנביא ישעיהו אומר כן. הנביא מדגיש: „כי כה אמר רם ונשא שוכן עד וקדוש שמו מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח להחיות רוח שפלים...״ (נז, טו) ודרשו חז״ל: „ממרום אני עם דכא ושפל רוח שאני מרכין את שכינתי עליו״. דווקא בעפר העיירות הקטנות היו טמונות פניני מרגליות יקרות, ואותם יש להחיות ולהנציחם לדורות כי השכינה נמצאת דווקא בדכא ושפל רוח.

הנצחת העיר גוברובה ע״י גילוי האוצרות הגנוזים במחבואה — אוצרות הרוח והמעשה, תביא טל חיים לדור הממשיך, לחבר חוליות בשרשרת הזהב של קיום עם ישראל הנצחי.

יצחק ראמאנער,
ישראל

מיין משפחה

כ׳דערמאן זיך מיין הארציקן זיידן,
עליו־השלום, זאל רוען אין גן־עדן,
זיין הדרת־פנים, די מילדע בליקן,
מיט רחמים צו מענטשן קוקן.
ר׳ מאיר׳ל, דער פרנס הקהל,
געוועגט זיין ווארט מיט וואגשאל,
ער האט נישט גערעדט פיל,
דאס געזאגטע — געזאגט שטיל.
און וואגיק, מיט לאגיק און טאקט,
פארבונדן מיט מענטשן אַ קאנטאַקט,
פרנסה, טאקע, געצויגן שווערלעך,
אבער, קודם־כל, יידישלעך און ערלעך.
מיין באבע רייזל, ווי די אמאליקע פרויען,
פול מיט גערעכט גלויבן און טרויען,
געטראגן דעם יאך, געוויזן וווּנדער,
געהאלפן אין פרנסה געהאדעוועט קינדער.

מומע הינדע־לאה, אַ כשר׳ע נשמה,
שטיל, באשיידן, אַ גרויסע חכמה,
מיט שלמה־חיים איר מאן, צופרידן,
געלעבט אידיליש, ווי גוטע יידן.
ביי שמחות, אין אַ יום־טוב, צוזאמען,
קינדער געטרייע, מיט טאטע־מאמען,
די פרייד, טיף און גרויס,
די שכינה גערוט אין הויז.
די מלחמה האט געמאכט אַן עק,
די גוטע צייטן זענען אוועק,
ווו זענען זייערע הייליקע ביינער,
צעשפרייט אויף די פעלדער ווי שטיינער.
מיין אויג גיסט אַ טרער,
איך שרייב נישט מער,
ווו געפינט מען אַ גערעכטן?
ווו ביזטו — נעכטן?...

שרה בלומשטיין־סקורניק,
אמעריקע

מיין וועג קיין ארץ־ישראל

שוין פון מיין פריסטער קינדהייט האט מיך פארפאלגט דער געדאנק, אז מען האט אונז יידן נישט ליב און מיר זענען איבעריק אין פוילן. איך בין נאך דאן געווען צו יונג צו פארשטיין, אז נישט נאר אין פוילן האט מען אונז פיינט, נאר אויך אין דער גאנצער וועלט.

אונזער פאמיליע איז געווען די איינציקע יידישע משפחה אין א פוילישן דארף. איך און מיין שוועסטער רבקה זענען געווען די איינציקע יידישע קינדער אין דער דארטיקער פוילישער שולע. די קריסטלעכע קינדער האבן אונז פארפאלגט אויף טריט און שריט; זיי האבן אונז געשלאגן, נאכגעווארפן שטיינער און אנגעטאן פארשידענע אנדער צרות. מיין מאמע האט אונז געוואלט ארויסנעמען פון דער שולע. „מען וויל אייך נישט האבן דארט", האט זי אונז געזאגט, „און בכלל דארפן מיידלעך נישט קיין שולע". אבער איך האב זיך דוקא פארעקשנט און באשלאסן, אלע שונאים אויף צו להכעיס, צו גיין ווייטער אין דער שולע. כאטש מיין קינדיש הארץ איז געווען פול מיט ווייטיק, נישט אזוי פון די קלעפ, וואס איך האב באקומען, ווי פון דער חרפה, וואס מען באליידיקט מיך אלס א יידיש קינד. איך האב אויף מיין קינדישן אופן באשלאסן נקמה צו נעמען: ווען עס איז ארייננעקומען אין קלאס דער פוילישער רעליגיע־לערער, האב איך זיך, דעמאנסטראטיוו, נישט אויפגעשטעלט, נאר געבליבן זיצן אויפן פלאץ, אלס תשובה פאר זייערע מיאוסע באליידיקונגען.

מיר האבן זיך שפעטער אריבערגעצויגן קיין גאוואראווע. באלד ווי עס איז געגרינדעט געווארן דער „החלוץ" אין שטעטל, בין איך געווען פון די ערשטע זיך אנצושליסן אלס חברה, און ווען מען האט אנגעהויבן צו זאמלען געלט פארן „קרן קיימת לישראל" — בין איך געגאנגען פון הויז צו הויז בעטן געלט, כאטש עס איז אין יענע צייטן געווען א גאנץ גרויסע סכנה ארייננצוקומען אין עקסטרעם־פרומע הייזער בעטן געלט פאר ארץ־ישראל. עס איז דאן שווער געווען צו איבערצייגן יידן, אז זיי דארפן האבן אן אייגן לאנד. אזוי ווי א ווארעם אין כריין, האבן יידן נישט געפילט ווי ביטער עס איז דער גלות. אז עס האבן אנגעהויבן צו קומען שליחים פון ווארשע צו פארשטארקן די „החלוץ"־באוועגונג, האב איך זיי פארשאטן מיט פראגעס וועגן ארץ־ישראל. איך האב זיי אזוי פיל פראגעס געשטעלט, ביז איינער האט מיר געענטפערט: „עס איז צופיל פראגעס פאר אזא יונג מיידל, דו מוזט אליין פארן קיין ארץ־ישראל צו געפינען די תשובות אויף אלע דיינע שאלות". ווייזט אויס, אז איך האב מער געוואלט וויסן, וויפיל זיי האבן געקאנט דערציילן.

איך געדענק א פאל: אין יאר 1929, ווען עס זענען אויסגעבראכן די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל, האט מיין פאטער געבראכט א היים די צייטונג „היינט". דארט איז פארעפנטלעכט געווען א רוף צום וועלט־יידנטום, פון דוד בן־גוריון, צו



אויף דער שיף. אויבן לינקס שטייען: שרה און יצחק בלומשטיין און אהרן שראַן.

ראטעווען די ברידער אין ארץ־ישראל. אלע אין שטוב האבן זיך צעוויינט פון צער. איך בין דאן צוגעגאנגען צו מיין מאמען און איר געזאגט: „וואס וויינט מען? לאמיר פארן קיין ארץ־ישראל!". מיין מאמע האט מיר אנגעקוקט מיט רחמנות און געפרעגט: „פון וואס וועלן מיר לעבן אין ארץ־ישראל?". איך בין נאך צו יונג געווען צו ענטפערן אויף דער דאזיקער פראגע. אבער ביי מיר אין הארצן האט זיך איינגעקריצט א הייסער פארלאנג, אז ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך אליין עולה זיין און אריבערברענגען דארט מיין גאנצע פאמיליע. איך האב זיך געשעמט צו זאגן עס הויך, ווייל איך האב געוווסט, אז מען וועט לאכן פון מיר. אז איך בין עלטער געווארן און שוין אפן געזאגט אז איך שטרעב צו פארן קיין א״י, האט מען מיר א נאמען געגעבן: בעלת־חלומות. אבער א שטארקער ווילן ברעכט אייזן. אלע שוועריקייטן זענען צעשמאלצן געווארן פון דעם שטארקן פארלאנג. בן־גוריון׳ס רוף האט מיר ווי א גלאק געקלינגען אין די אויערן, ביז איך האב טאקע שפעטער זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, און אריבערברענגען מיין פאטער ע״ה, 2 ברידער און 2 שוועסטער.

דאך דריקט אין מיר א שולד־געפיל אנטקעגן מיין טייערער שוועסטער גיטל, מיט איר מאן עזרא בערגמאן און זייער טעכטערל שרה, הי״ד. ער, מיין שוואָגער, איז געווען א קעגנער פון מיין פלאן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. נישט, חלילה, דערפאר, ווייל ער האט נישט ליב געהאט א״י, נאר ער האט געהאלטן, אז עס איז נאך נישט געקומען די צייט פון גאולה, בפרט א מיידל אליין אן די עלטערן אין א פרעמד, ווייטן לאנד. מיין שוואגער איז געווען א העכסט־אינטעליגענטער און געלערנטער מענטש, און האט געקאנט מאטיווירן וואס ער זאגט. דאס האט מיר נאך מער פארדראסן. מיר האבן געהאט א סך וויכוחים. נישט איך האב אים געקאנט איבערצייגן, און נישט ער האט געקאנט ענדערן מיין מיינונג.

דאן האט זיך אריינגעמישט מיין שוועסטער. — „שרה!", האט זי געזאגט — „דו וועסט נאך אונז בעטן, מיר זאלן דיר שיקן געלט אויף הוצאות צוריק א היים". איך בין געווארן שטארק אויפגערעגט און זיי געענטפערט: „איר וועט נאך מיר בעטן, איך זאל אייך אריבערנעמען קיין ארץ ישראל"...

ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, אין יאר 1939, האב איך געקריגן א הארץ־רייסנדיקן בריוו פון מיין שוועסטער און שוואגער. זיי האבן געבעטן איך זאל זיי ראטעווען. איך בין גלייך געפארן קיין ירושלים צו דער עליה־אפטיילונג פון סוכנות. דער באאמטער האט מיר אנגעקוקט, ווי איך וואלט פון זינען אראפ. ער האט מיר צו פארשטיין געגעבן, אז איך בין די איינציקע, וואס האט אראפגעבראכט אזא גרויסע משפחה, און עס איז פון מיין זייט כמעט ווי א חוצפה צו בעטן נאך סערטיפיקאטן. איך האב זיך דאן גארנישט פארגעשטעלט, וואס פאר אן אומגליק עס גרייט זיך פאר יידן אויף דער וועלט.

מיין שוועסטער גיטל, מיין שוואגער עזרא און זייער טעכטערל שרה האבן מעטגעמאכט דעם טרויעריקן גורל פון אלע פוילישע יידן. ליידער בין איך גערעכט געווען מיט מיין תשובה. אבער, אך און וויי צו דעם גערעכטן! וויפיל זאלט איך געגעבן נישט גערעכט צו זיין...

די יארן האבן גארנישט פארהיילט מיין וווּנד. דער קבר פון מיין שוועסטער, שוואגער און טאכטער איז נאך אלץ אפן. עס איז א שרעקלעך געפיל שטענדיק דאס צו געדענקען.

זאל דער „ספר יזכור" זיין א מצבה פאר די טייערע פארפייניקטע נשמות פון אונזערע קדושים.



3־טע קלאס „פאָווּשעכנע" (1934). לינקס — די לערערין געניא טאַוב (זע זייט 124).

יצחק בלומשטיין,
אמעריקע

מיטן רבי'נס הסכמה

אין די לעצטע יארן פאר דעם צווייטן וועלט־קריג, איז די לאגע פון די יידן אין פוילן געווארן אומדערטרעגלעך, ספּעציעל פאר די יידן אין די קליינע שטעטלעך. עס איז, ממש, נישט געווען וואס צו טאן און צו וואס זיך צו נעמען. די יוגנט טראכט אבער פון א תכלית: מען ווערט עלטער, מען וועט דארפן חתונה האבן, בויען א יידיש הויז, און עס איז גאר נישטא קיין אויסזיכט ווי זיך איינצואָרדענען און צוקומען צו א פרנסה. דער אנטיסעמעטיזם האט זיך פארשטארקט פון־טאג צו־טאג. די פּאָלאַקן האבן צוגערויבט אלע פרנסה־קוואלן פון יידן, פּשוט, ארויסגעריסן דעם ביסן ברויט פון מויל. דער יונגער דור איז געווען פאריאושט און האפנונגסלאז. עס איז נישט געבליבן קיין אנדער ברירה, ווי צו עמיגרירן קיין אויסלאנד.

מיר, א גרופּע חברים און חברות פון „פּועלי־ציון", „החלוץ", האבן באשלאסן, אויב שוין יאָ עמיגרירן, איז דער בעסטער פּלאץ ארץ־ישראל, דאס צוגעזאגטע יידישע לאנד.

אבער עס רעדט זיך אזוי לייכט — פארן. כדי צו פארן דארף מען געלט און א סך געלט, און געלט האט דער טאטע און וויל נישט געבן. עס האט זיך אנגעהויבן און שטוב א פּרשה פארן. דער טאטע האט זיך עקשנות'דיק געהאלטן ביי זיינס: א קינד דארף מען האלטן ביי זיך, האבן א ביסל נחת. ווער וועט דאס אכטונג געבן אויף יידישקייט? און בכלל, ווי שיקט מען אוועק א קינד אין אזא ווייטן וועג? מיין מאמע האט שוין אביסל ווייטער געקוקט: „וואס פאר א תכלית איז צו זי־צן אין שטוב און עסן פון גרייטן? ווי קאנען יונגע מענטשן מאכן א לעבן אין אזא קליין שטעטל, ביי אזא אנטיסעמי־טיזם און ביי אזא קאנקורענץ? אין מיטן פון אזא הייסער דיסקוסיע, רופט זיך אָן מיין מאמע צום טאטן:

— וועלוול! אפשר איז א יושר זאלסט א פאָר־געבן קיין גער צום רבין, הערן, וואס „ער זאל לעבן" וועט זאגן?

מיין טאטע האט מסכים געווען.

די מאמע האט איינגעפּאקט די אַטלאסענע קאַפּאָטע, א ביסל ריין וועש, דעם טלית און תפילין און דער טאַטע איז אוועקגעפארן קיין גער אויף שבת.

זונטיק מ־טיק־צייט, איז דער טאטע צוריקגעקומען פון גער, אבער ער האט קיין ווארט נישט דערמאנט, וואס דער רבי' האט געזאגט, נישט — יא, און נישט — ניין. איך בין שוין געווען זער נייגעריק צו הערן, וואס דער רבי האט געזאגט. מיין מאמע האט שוין אויך געוואלט הערן דאס הייליקע ווארט פון רבי'ן.



מען געזעגנט זיך

ביים מיטיק עסן, האט די מאמע זיך נישט געקאנט מער באהערשן, און זי האט דעם טאטן געפרעגט: נו, וועלוול! וואס האט דער רבי געזאגט?

מיין טאטע האט באדויערנדיק צוגעשאקלט מיטן קאפ:

— ווייסט וואס, פייגע נחמה, דער רבי האט געזאגט? — „און אז דו וועסט זאגן: ניין, וועט דיר עפעס העלפן?"...

אין דער דאזיקער תשובה פון רבי'ן האט דער טאטע געזען, אז דער רבי איז מסכים צו מיין נסיעה, און איך האב מיך טאקע, גענומען גרייטן עולה צו זיין קיין א"י.



ביים אפפאָר פון דבורה ראָמאַנער און צפורה גרודקא, (1932).

אהרון שראָן
ישראל

פארט א ייד קיין ארץ־ישראל

זינט עס האט זיך, אין 1932, אנגעהויבן פון גאווראוווע די עליה־באוועגונג קיין ארץ־ישראל, זענען ביז דאן געמאכט געווארן אייניקע נישט געלונגענע פּרוּוון צו פארן און באזעצן זיך אין לאַנד. אין אנהויב פון די צוואנציקער יאָרן איז אברהם דוד רובין מיט זיין פרוי רבקה צירל געפארן קיין א״י, אבער אין א צייט ארום האבן זיי זיך צוריקגעקערט אין שטעטל. מען האט זיך דאן אויף זייער חשבון געוויצלט, אז איינע פון די סיבות פון זייער ירידה איז געווען, וואָס מען האט זיי אין א״י אפגענארט — אנשטאט קארטאָפל האט מען זיי ארייגעלעגט אין זעקל אריין... מאראנצן.

דער צווייטער פרוּוו איז געמאכט געוואָרן אין יאָר 1924. עס זענען דאן געפאָרן: דער מיטגרינדער פון „מזרחי״, ישראל לייב טאַנדעטשאַזש (אברהם ראַמאַנערס איידעם), וועלכער איז דורך ארגענטינע געפארן קיין א״י; חיים שייניאַק, וועלכער האט זיך צו דעם צוועק אויסגעלערנט סטאָלעריי ביי א קריסטלעכן פאכמאן אויף „פראַבאַסטווע״; און יצחק דוד תהילים. אין 1925 איז אויך אפגעפאָרן אין לאַנד אריין אונזער בן־עיר אליהו בראכאנסקי, דורכן ווישקאווער „החלוץ״. אויך די גרופּע האט זיך נישט געקאנט אַקלימאַטיזירן, און אין א צייט ארום האבן זיי זיך צוריקגעקערט אין זייערע היימען. טאנדעטשאַזש איז צוריקגעפארן קיין ארגענטינע און געארבעט דאָרט אלס לערער אין דער „ביאַליק״־שולע ביז זיין טויט, אין יאר 1957. (זיין זון יצחק געפונט זיך היינט אין ישראל).

די פארגרעסערטע עליה פון אונזער שטעטל קיין א״י האט זיך, ווי שוין אויבן דערמאנט, אנגעהויבן אין אויגוסט 1932. אייגנטלעך איז דאס געווען א אומלעגאלע עליה, ווייל קיין סערטיפיקאטן האט מען נישט באקומען. מען האט אויסגענוצט די עקסקורסיעס, וועלכע זענען דאן ארגאניזירט געווארן אין פוילן צו דער „מכביאדה״ אין ארץ־ישראל. די זענען געקומען אלס טוריסטן און זענען שוין דאָ געבליבן.

צו דער ערשטער גרופּע האבן אנגעהערט: מיין פרוי דבורה (ראמאנער), חוה סעגאל מיט איר מאן און צפורה גרודקא. אין א וואך ארום זענען געפארן: שרה און יצחק בלומשטיין ווי אויך דער שרייבער פון די שורות.

וואס עס האט זיך דאמאלט אפגעטאן אין שטעטל, איז נישט צו באשרייבן. די געזעגנונגס־אָוונטן, וואס זענען פאר אונז איינגעאָרדנט געווארן, זענען געווען איינדרוקספול. דאס גיין געזעגענען זיך פון שטוב צו שטוב, איז, ממש, נישט צו פארגעסן. די חברים פון „פועלי־ציון״, בית״ר און אנד. ארג., קרובים און סתם ידידים, האבן אונז באגלייט ביז פאשעקי. דער „פרייהייט״ איז געקומען מיט די פענער. אנדערע

זענען מיט אונז מיטגעפארן ביזווארשע. דער פעראן איז געווען פול געפאקט מיט מענטשן. די באַן האט נישט גערירט פון אָרט, ביז מיר האבן פארענדיקט זינגען „התקוה" און „תחזקנה". אין פשעטיטש האבן אונז אַפגעוואַרט רבקה ראזנבערג־שאפראן און רויזקע שניאדאווער, וועלכע האבן זיך אויך מיט אונז הארציק געזעגנט.

אין ווארשע האבן מיר איבערגענעכטיקט און פון דאָרט געפארן מיט דער באן קיין קאָנסטאַנץ (רומעניע). אויפן וועג האבן מיר זיך באקאנט מיט נאָך אזעלכע „עולים" ווי מיר און צוזאמען שוין אנגעהאלטן א נאָענטן קאָנטאַקט. אויף דער שיף האבן מיר שוין געפירט א קאָלעקטיוו לעבן מיט א בשותפות'דיקער קאסע. אונזער ראש־הקבוצה איז געווען א געוויסער גאסנער פון ראוונע, שוין אן עלטערער מענטש, זער א אינטעליגענטער און קלוגער, מיר האבן אים גערופן נישט אנדערש ווי „אבא".



ביים אָפּפאָר פון מנוחה גרודקאַ (1933).

קומענדיק אין חיפה'ר פּאָרט האט אונז קיינער נישט אפגעוואַרט. יעדער האט געמוזט אויף זיין אייגענער האַנט זוכן א וועג זיך איינצואָרדענען, כאָטש פּראָוויזאָריש.

נאָך עטלעכע טעג בין איך אוועק אין דער „הסתדרות" בעטן ארבעט אלס נייער עולה פון פוילן. אבער קיין ארבעט איז דאן נישט געווען. אויף מיין ביטע האט מען מיר איבערגעוויזן קיין רחובות, וווּ איך האב געהאַט א רעקאָמענדאַציע פון מיין פרויס עלטערן, צו א געוויסן אבראמיצקי. מען האט מיר דאָרטן צייטווייליק אויפגענומען און האב זיך גלייך געוואנדן צו דער לשכה נאָך ארבעט. מען האט מיר געשיקט אין א פרדס. דער מנהל האט מיר אנגעקוקט, דעם נייעם חלוץ מיט די קורצע הויזלעך און מיר גלייך צוגעטיילט א „פּאסיקע" ארבעט: ער האט מיר צוגעפירט צו א גרויסן הויפן מיסט, געהייסן אנפילן אין א זעקל, נעמען עס אויף דער פּלייצע און ארום יעדן בוים צוביסלעך באמיסטיקן. דאס מיסט איז געווען נאס און שווער, און בין געווארן פארנעצט ווי גרויס איך בין געווען. ווי עס איז צו זען, איז דאס נישט געווען קיין...

שמעקעדיקע ארבעט, אבער דאך האב איך עס מקבל־באהבה געווען. די דאזיקע ארבעט פלעג איך אויספירן בקבלנות און פארדינט דערביי 12 פיאסטער א טאג.

אין דער צייט ווען איך האב געארבעט אין רחובות, איז מיין פרוי געווען אין תל־אביב און צוביסלעך פארדינט ביי איר פאַך אלס שניידערין. זי האט געאַרבעט ביי א פרוי ווו זי האט דאָרט געגעכטיקט, קעגן באצאלונג, אויף דער פאַדלאָגע. איך פלעג אויף יעדן שבת קומען קיין תל־אביב. אזוי ווי מירביידע האבן שוין באוויזן אפצושפארן אביסל געלט, האבן מיר גענומען קלערן וועגן א תכלית. מיר, אויך שרה און יצחק בלומשטיין, וועלכע זענען נאך אלץ געווען צייטווייליק ביי זייערע קרובים, האבן באשלאסן צו שאפן א בשותפות׳דיקן ארט, ווו דעם קאפ אוועקצולייגן. מיר האבן געדונגען א צריף אין שכונת נארדוי, צוזאמען מיט א קליין קיכל און האבן זיך אלע אהין אריינגעצויגן. מיר האבן געקויפט אביסל מעבל און קיך־כלים און געפירט א בשותפות׳דיקעווירטשאַפט. אזוי ארום האב איך שוין פארלאזט מיין ארבעט אין רחובות און געבליבן סטאביל אין תל־אביב.

מיין פרוי האט שוין פארדינט 15 פיאסטער א טאג און איך האב קיין ארבעט אין ת״א נישט געקאנט באקומען. איינמאל דערמאן איך זיך, אז אין יאר 1920 האב איך זיך געהאט געלערנט פאר א היטל־מאכער, ביי לייב הערשן, און פראבירט מזל אין דעם פאַך. עס איז מיר טאַקע געלונגען צו קריגן ארבעט אין א געשעפט פון היטלען. פאר 10 שעה — 15 פיאסטער. אויך גוט. מיין מייסטער איז געווען פון מיר צופרידן און פלעגט מיר נאך טיילמאל צוגעבן א מתנה אין דער פאָרם פון א פעקל צוגארעטן „כרמל״ פאר אן האלבן פיאסטער. נאך 2 חדשים ארבעט האב איך באקומען אַן הוספה און שוין פארדינט 18 פ׳ א טאג. איך מיט מיין פרוי האבן שוין געהאט צוזאמען



ביים אָפפאָר פון רחל שפירא (1936)

33 פ׳ טעגלעך דאַן א שיינע סומע. מיר האבן באשלאסן צו מאכן א סיורפריז אונזערע עלטערן אין גאווראראווע: מיר האבן זיי געשיקט 2 פונט שטערלינג (28 זלאָטעס א פונט) אלס מתנה. דאס שטעטל איז דאן „געגאנגען אויף רעדלעך״ — אין אזא קורצער צייט שוין באוויזן אָפּצושפּארן געלט און שיקן א היים?

אויך שרה מיט יצחק׳ן האבן געארבעט, זי — ביי טריקאָטאַזש און ער — אַלס „טאָבאָרשטשיק״ און מאלער.ביידע האבן שען פארדינט, אזוי, אז מיר האבן זיך שוין געקאנט דערלויבן אויף באזונדערע וווינונגען. איך האב געדונגען א קליינעם צריף, ד׳ על ד׳, אין שכונת טרומפּעלדאָר און געצאָלט 75 פיאסטער א חודש. מיר האבן אויך צוגעקויפט מעבל: אַ שראַנק פאר 4.5 פונט, א טיש פאר 1.5 פ׳, 2 שטולן צו 25 פיאסטער און א קיך־טישל פאר 12 פ׳. מיר האבן ווייטער ביידע געארבעט און פארדינט, געלעבט מיטן היינט און גארנישט געזאָרגט אויף מאָרגן. פארגעסן טיילמאָל אין א אונט־ברויט און געגאנגען טאנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אריין.

ווען איך האב געפאָדערט 25 פיאסטער א טאג פאר מיין אַרבעט, האט מיר דער בעל־הבית נישט געוואלט דערלייגן. איך האב דעריבער פארלאזט דעם פּלאַץ און דורך דער לשכה באקומען אַרבעט ביי בנין. איך האב טאַקע באקומען 32 פ׳ א טאג, אבער די ארבעט איז געווען זער א שווערע. איך בין שוין אפילו שפּעטער דערגאנגען ביז 60 פ׳ א טאג. מיין פרוי האט שוין אויך פאַרדינט ביז אַן האלבן פונט א טאג און מיר האבן זיך שוין דערלויבט צו דינגען א גרעסערן צריף — פאר 2 פונט א חודש דירה־געלט.

אין יאָר 1933 איז געקומען אין לאַנד אריין אברהם האַלצמאַן מיט זיין פרוי. זיי האבן זיך געדונגען, נישט ווייט פון אונז, א צריף פון 2 צימערן, ווי אויך א מכולת (שפּייז־געוועלב). יעדן שבת אין אוונט פלעגן מיר זיך אלע גאוואראווער טרעפן ביי אונז און פארברענגען צוזאמען. האלצמאַן פלעגט שפּילן אויפן פידל, מיר פלעגן זינגען און עס איז געווען פריילעך.

אין א צייט אַרום האט זיך האלצמאַן געקויפט א מגרש אין רמת־יצחק, זיך דאָרט אויפגעבויט א וווינונג און א מכולת, און פארלאָזט תל־אביב. אין 1936, ווען שרה׳ס משפחה (סקורניק) איז געקומען אין לאַנד אריין און זיך באזעצט אין חיפה, האט זי מיט יצחק׳ן אויך פארלאזט תל־אביב און זיך איבערגעצויגן קיין חיפה.

מיר, די אויבן־דערמאנטע, זענען געווען די ערשטע פּיאנערן פון שטעטל, וועלכע זענען געבליבן אין לאַנד, טראָץ אלע שוועריקייטן. שפּעטער האבן שוין א סך נאכגעטאָן אונזער ביישפּיל. עס זענען דאַן געקומען פאָלגנדע פאמיליעס און איינצלנע פּערזאָנען: אין יאָר 1933 — משפּ׳ גראנאט משה און גרודקא מנוחה; אין 1934 — פּראסקא (ווינדערבוים) און סקורניק (בר־כוכבא) רבקה; אין 1935 — משפּ׳ וואַרשאוויאַק, גרודקא (בראַכאנסקי) עלקע, באטשאַן יעקב, משניות דוד און לעווין אליעזר (פון קובא); אין 1936 — משפּ׳ גרודקא יהודה, משפּ׳ סקורניק משה, משפּ׳ צודיקער דב, משפּ׳ גראנאט בערטשע, פּראסקא (שטראסבערג) נעמי און שפּירא (זכריהו) רחל· אין 1937 — אַפּעלבוים שלמה. אין 1938 — ראמאנער (צימערמאַן) שרה, שאכטער (געלבפּיש) נחמה, און מאלאוואַני (ווינער) חוה. אין די דאזיקע יאָרן זענען אויך געקומען אהרון תהילים און אסתר גוטמאַן (קאַנטאַראַוויטש).

ווי אזוי איך האב אַראָפּגעבראַכט מיין שוועגערין שרה ראמאנער, איז אַן

אינטערעסאנט קאַפּיטל פאר זיך, און עס איז כדאי צו פארצייכענען:

ווי שוין אויבן דערמאנט, בין איך נישט געקומען צוזאמען מיט מיין פרוי, און אין די אפיציעלע דאקומענטן האב איך נאך פיגורירט אלס בחור. איך האב דאס אויסגענוצט און בין אוועק אין דער מחלקת עליה פון דער „סוכנות" בעטן א דרישה (סערטיפיקאַט) פאר מיין „כלה" שרה ראַמאנער. איך האבן דאן געשריבן צו שרה'ן, אז זי זאל מיר שיקן אירס א בילד מיט דעם „געהעריקן" צושריפט אויף דער צווייטער זייט — „פאר מיין חתן"... איך האב אויך באשטעלט ביי איר „ליבע־בריוו" מיט ספעציעלע טעקסטן. איך בין געווארן אין דער סוכנות אן אַפּטער אריינגייער, כסדר זיי בייגעלעגט די נאר־וואס אנגעקומענע „ליבע־בריוועלעך" מיט די פאטאגראפיעס און געפאָדערט דרינגענד מיין ביטע צו דערליידיקן.

ווען מען האט מיר אזוי אפגעשלעפט א לענגערע צייט מיט „לך־ושוב", האב איך זיי איינמאל געמאכט אזא סקאנדאל, אזש אוסישקין ז"ל איז אריינגעלאפן אין צימער זען וואס עס האט פאסירט. ווען ער איז פון פקיד (מיכאלי האט ער געהייסן) געוויר געווארן אין וואס דא האנדלט זיך, האט ער אים געהייסן טאן וואס מעגלעכעס, אז מיין „כלה" זאל וואס שנעלער באקומען די דרישה.



א. שראַן (לינקס) מיט א חבר ביי בנין־ארבעט.

אין א צייט ארום איז טאקע שרה געווארן ארויסגערופן אין ווארשעווער „פאלעסטינע־אַמט" און באַקומען א סערטיפיקאט. ווען זי איז אנגעקומען, אין יאר 1938, אין לאנד אריין זענען ארויף אויף דער שיף: דאבקין, מיכאלי א. אנד., האט דער לעצטער אנגעוויזן דאבקינען אויף שרה'ן, אלס מיין „כלה"...

אויך ביי היינט־צו־טאג, ווען מיכאלי (מנהל פון ציווילן לופט־פעלד „דב") באגעגנט מיר, שמייכלען מיר איינער צום אנדערן, דערמאנענדיק זיך אין מיין דאמאלסדיקער סצענע אין דער „סוכנות"...

די אלע אויבן־אויסגערעכנטע האבן באוויזן צו קומען אין לאנד אריין נאך פארן מלחמה־אויסברוך און האבן זיך אלע דא איינגעאָרדנט (חוץ שרה און יצחק בלומשטיין, וועלכע זענען צוליב משפחה־אנגעלעגנהייטן אפגעפארן אין יאר 1945 קיין אמעריקע). דער גרעסטער טייל פון דער שארית־הפליטה איז נאך דער מלחמה, דורך וועגן און אומוועגן, געקומען אין לאנד אריין. היינט ציילן מיר דא קרוב 150 משפחות, כן ירבו.

חזן נתן סטאלניץ
קאנאדע



חזן נתן סטאלניץ

גאוואראווע
אין מיינע אויגן

הגם אליין בין איך נישט קיין יליד גאוואראווע, דאך בין איך אבער ענג פארבונדן געווען דורך משפחה־פעדים מיטן שטעטל. איך האב דאָרט געהאט א שוועסטער חיה ביילע מיט איר מאן ישראל יצחק שראן הי״ד, און אויך א מומע, ביילע מיט איר מאן חיים דוד שראן הי״ד.

אין מיין פריער יוגנט האב איך פון צייט צו צייט באזוכט גאוואראווע. איך בין דאָרט שטאַרק באגייסטערט און באווירקט געווארן פון דער הערשנדיקער אטמאָספערע וואס איז געווען דורכגעדרינגען מיט טיפן רעליגיעזן גייסט, אנגעפילט מיט חסידישער התלהבות און אהבת העם און האט אלעמען געהאלטן פארקנופט און פאראייניקט ווי איין גרויסע משפחה.

עס איז א הייליקע מיסיע ארויסצוגעבן דעם ספר הזכרון לקהילת גאוואראווע. דאס וועט זיין א גייסטיקע מצבה נאך דעם דאָרטיקן פארשניטענעם יידישן קיבוץ, וואס האָט געשפרודלט און געברויזט מיט פּילזייטיקער טעטיקייט, ווי א סך אנדערע גייסטרייכע קהילות אין פוילן, וועלכע זענען אזוי אכזריות׳דיק אומגעבראַכט און פארניכטעט געווארן דורך דער ווילד־בלוטיקער נאצישער ממשלת זדון ימח שמם וזכרם.

מעמקי דליבא שליס איך מיר אן אין צער פון די בני גאוואראווע, וואס האבן פארלוירן זייערע נאענטע און טייערע, און וואס גייען איצט בויען א מאנומענט צו זייער הייליקן אנדענק און דעם אנדענק פון שטעטל. איר מעגט ווירקלעך זיין שטאָלץ מיט דעם זכות, וואס די השגחה העליונה האט אייך געשענקט, צו קאנען זיין פאקטישע מיטבויער אויפן הייליקן באָדן פון אונזער אויפסניי־ווערבירטער נאציאנאלער יידישער היים.

א. ב. שושני
ישראל

א מעשה פון חמץ אום פסח

אין איינעם פון די חול־המועד פסח־טעג פון יאָר 1931, האט דער באַרימטער פובליציסט און באַליבטער פאָלקס־שרייבער יאושזאָן־איטשעלע, פארעפנטלעכט אין ווארשעווער „היינט" אַ מאמר א. ג. דער „יום־טוב שני", אין וועלכן ער האָט באהאנדלט דעם כאראקטער פון יום־טוב שני של גליות, וואס עקזיסטירט נישט אין ארץ־ישראל, און איז נאר געשאפן געווארן, מחמת ספיקא דיומא, בלויז פאר די גלות־לענדער.

אין דאזיקן ארטיקל האט דער מחבר נישט געהאט קיינע כוונות צו מינדערן, חלילה, פון קדושת יום־טוב אחרון של פסח. יאושזאָן־איטשעלע איז אליין געווען א רעכט־פרומער ייד, א שומר תורה ומצוה, און איז ווייט געווען פון יעדן רעפאָרם־רעיון, אדער זלזול אין טראַדיציע.

די גאוואראווער לצים האבן באַלד דערשמעקט, אז פון דאזיקן מאמר קאן מען מאכן „מטעמים" פאר די רעדאקטארן פון אגודיסטישן „דאס יידישע טאגבלאט", וועלכע האבן אין יאָשזאָן־איטשעלע געזען א געפערלעכן קעגנער, וואס האט זיי מיט זיין שארפער פען אנגעטאן צרות־צרורות. מחמת דעם כלל פון „שנאה מקלקלת את השורה", האבן די גאוואראווער לצים אפגעשאַצט, אז די רעדאקטארן פון „טאגבלאט" וועלן פון גרויס איילעניש און נקמה־גיריקייט — נישט צופיל קאָנטראָלירן, נישט מדייק זיין אין פּרטים, און נישט נוצן קיין לאגיק — האבן זיי אנגעשריבן א מכלומרשטע איינלאדונג צו אַ געוויסן חבר, אז ער זאל קומען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אחרון של פסח נאך מיטיק, ווו עס וועט פארקומען א מסיבה און מען וועט דיסקוטירן איבער יאושזאָן־איטשעלעס ארטיקל. די דאָזיקע איינלאדונג איז געשריבן געוואָרן אויף אן אפיציעלן בריוו־בויגן מיט א סטעמפל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. דאן איז צו דעם בייגעלייגט געווארן א בריוו פון א מכלומרשטן גאוואראווער בעל־הבית, וואס וויינט מיט ביטערע טרערן אויפן חורבן, וואס איז פארגעקומען ביי דער מסיבה אין דער ציון. ארג., אז מען האט דארט געגעסן חמץ און געטרינקן ביר, און געמאכט אש אין בלאטע פון אחרון של פסח, און דאס אלץ — צוליב יאושזאָן־איטשעלע...

עטלעכע טעג נאך פסח, אין א שיינעם פרימארגן האט געפלאַצט די „באָמבע" מיטן ווארשעווער צוג איז אנגעקומען דער „טאגבלאט". מען מאַכט אים אויף און עס ווערט שווארץ פאר די אויגן: איבער אלע 6 שפאלטן פון דער צווייטער זייט — א פעטער קאפּ מיט „קידוש־לבנה"־אותיות: „חילול יום־טוב אין גאוואראווע"; „חמץ אום פסח, שומו שמים!". דער רעדאקטאר אליין האט געהייליקט א גרויסן לייט־ארטיקל:

ענדלעך דעמאסקירט את דעם מענטש, וואס פירט אראפ די יידישע מאסן פון גלייכן וועג... ראגאווי האט געשיט פעך און שוועבל אויף דעם מסיח ומדיח, וואס וויל גאר מבטל מאכן דעם יום־טוב שני. אייזיק בער עקערמאן האט אנגעשריבן אן ארטיקל פיל מיט עפיטעטן און גלייכווערטלעך אויפן חשבון פון יאושזאַנען: א פעטער! מען האט דיר געכאפט בעת־מעשה... די געשיכטע גופא איז צעלייגט געווארן אויף אלע טעלערלעך, מיטן פולן טעקסט פון בריוו און איינלאדונג, מיט עדי־ראיה און עדי־שמיעה. עס עקט זיך די וועלט!

דאס שטעטל איז „געגאנגען אויף רעדלעך". מען וואלט שוין אפשר אליין געגלויבט אין דער מעשה — עס שטייט דאָך בפרוש גֶעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס. אבער דער אדרעסאט פון דער איינלאדונג, דער שטאט־משוגענער שלמה עקיבא בעסערמאן — האט באלד עדות געזאגט, אז דא איז א פארקאכטע קאשע מיט א לצים־שפיל פון גרויסן פארנעם.

עס האבן באלד גענומען פליען טעלעגראמעס און הכחשות — לא דובים ולא יער. ערשטנס איז אלץ געווען כשר לפסח למהדרין מן המהדרין, ווי עס פירט זיך אין אלע יידישע שטעט און שטעטלעך, צווייטנס, איז גאר אינגאנצן קיין מסיבה נישט פארגעקומען אין דעם טאג...

דער רב איז, נעבעך, באלד געפארן קיין ווארשע אראפנעמען דעם שאַנד־פלעק פון זיין עדה. ער האט פארעפנטלעכט אין „טאגבלאט" אן אויפקלערונג, אז די גאנצע מעשה איז א מעשה־קונדאס. ר' משה טענענבוים האט אין נאמען פון דער יידישער קהלה אפגעשיקט הכחשות אין „היינט" און אין „מאמענט". יאושזאן־איטשעלע האט געהאט גוט מאטעריאל פאר א נייעם פעליעטאן, און דער „טאגבלאט" האט ארויפגעווארפן די גאנצע שולד אויף דער ציונ. ארג. אין גאווראַרוועָ, וואס האלט הפקר אירע בריף־בויגנס און סטעמפלען, און יעדער לץ קאן זיך אנשרייבן א גוט יאר. (פאַקטיש האבן זיי זיך באנוצט מיט א שוין־לאנג ארויסגעגנב'עטן סטעמפל פון דער ציונ. ארג.).

די דאָזיקע געשיכטע איז געווען דאס געשפרעך פון טאג אין גאנצן לאנד. אנדערע האבן געקריצט מיט די ציינער און אראפגעלאָזט די אויגן פאר בושה, און אנדערע האבן געלאכט אין די פויסטן פון לצים־שפיצל, וואס די גאווראַרוועָר ווייס־חברה'ניקעס האבן אפגעטאן.



„דאָס יודישע טאַגבלאַט"

היינט

דער „היינט"

דער „יום-טוב שני"

מען קאָן אַליין זיין דער שאַרפסטער
נעגנער פון די, וואָס פערלאַנגען און
בּעדינגען, מען זאָל איינפיהרען רעפאָר,
מען אין אידישען דת, מחמת פון דער
ערפאַהרונג ווייסען מיר, אז דער דאָזי-
נער וועג האָט צו קיין גוטס נישט דער-
פיהרט, אז קוים איז געגעבען געוואָרען
רשות צו ברעכען און צו שניידען ד...
דינים פון שלחן-ערוך לויט'ן „אי...
איינזעהען", לויט דער פ...
...וצות
פערשטאַנד און פון ...
...האָבען מיר
דער צייט פון ד...
...וקלערען, אז דער
במעט ש...
...איז שוין אנגענומען און
...ס געוואָרען דורך אלע אידען
...שך פון דורי-דורות: אומזיסט זענען
אונזערע ווערטער געווען, מיר זענען
נישט ביכולת געווען זיי איבערצייגען.
מיט גרוים מיה האָבען מיר קוים גע-
פועלט ביי זיי און זיי האָבען מסכים גע-
ווען צו האַלטען געשלאָסען די קראָמען

און פעסטגעשטעלט דעם אָנהויב פון יע-
דען חודש אויפ'ן גרונד פון עדות...
בע האָבען געזעהען די בעגיי...
לבנה, און עס זענען ...
געוואָרען שליחים...
אידישע ...
חוד...
...ופלט
„רעפאָרם",
...טע, עוקר זיין א
, גילטיג פאַר'ן גאַנצען
... „ דאָ אָבער האַנדעלט זיך עס
... סאַ זאַך, וועלכע איז פאַר א געווי-
סען טייל אידען, וועלכע וואוינען עט-
ליכע טעג ווייט פון אונז — סיי-ווי
נישט גילטיג). כ'האָב נאָר סתם אזוי גע-
וואָלט דאָ בלויז פערצייכנען די אונ-
היימליכע מחשבות און רעיונות, וואָס
קומען אויפ'ן געדאַנק פון יעדען אידען,
בשעת ער איז זוכה צו פייערען א יום-
טוב אין ארץ-ישראל, און נאָכמעהר —
בשעת ער קומט צוריק פון דאָרט אין
גלות אריין...

ב. יאושואהן

דער מאמר „דער יום־טוב שני", דערשינען אין „היינט" ד' חוה"מ פסח,
כ' ניסן תרצ"א (7.4.1931).

ה. יופטום
ישראל

הערות למאמר

הרעש שקם — וליתר דיוק: שהקים „דאס אידישע טאגבלאט", בטאונה של „אגודת ישראל" — בעקבות מאמרו של אבי ז"ל „דער 'יום־טוב שני'", אין כמובן לראותו אלא על רקע הימים ההם: על רקע המאבק החריף שהיה נטוש בין המחנה הציוני לבין ה„אגודה" וחלקו של אבי בו.

ההתקפה שבה יצא ה„טאגבלאט" לא ידעה רסן: ההאשמה החמורה שהנה בא אבי „להסית ולהדיח" לביטולו של ה„יום־טוב שני" הוטחה מבלי להניח מקום אף לשגגה. והכוונה היתה שקופה למדי. המערכה שאבי ניהל נגד „אגודת ישראל" — בשל עמדתה כלפי הציונות וגם כלפי בעיות פנים, שנגעו לחיי הקהלה — היתה חריפה ולעתים כוונו חיציה אף ל„חצרות" הרביים; ופגיעתם של מאמרי אבי היתה קשה — השפעתם היתה רבה מאד — ואחד הקשיים שבו נתקלה המערכה־הנגדית נעוץ היה בכך שאי־אפשר היה להעלות כלפי אבי את הטענה השיגרתית של „אפיקורסות" וכדו', היינו, את הטענה של גישה שלילית לגבי היהדות החרדית או הדת. אמנם, בסערת הפולמוס הושמעה לעתים גם נימה זו, אבל בחצי־פה בלבד, שכן היה אבי ידוע כיהודי דתי, שומר מצוות ומקפיד על קלה כעל חמורה. והנה, כשהופיע המאמר הנ"ל, עלתה ההזדמנות „להוריד את המסווה" (כפי שכתבו) ו„לגלות לעין כל", שהנה לאמיתו של דבר אין כאן אלא העמדת פנים בלבד, שהנה הוא אף „מדיח" לביטולו של חג!

ועד היכן הגיעה סערת המערכה ועד היכן הגיע ליבוי היצרים! ביום השבת שלאחר פרסום המאמר, התפרצה קבוצת בחורי־ישיבה אל בית־הכנסת „חברה ש"ס" שבו התפללנו, וניסו להתנפל על אבי — דבר שנמנע ע"י המתפללים, אשר עצרו בעדם וגרשום. ולא זו בלבד: מ„אי־שם" אף הופיע כרוז שהטיל את אבי ב„חרם"...

ה„טאגבלאט" לא הירפה מהנושא ימים רבים ויום־אחרי־יום הופיעו בו מאמרים ואורגנה „תנועת מחאה" בערים ובעיירות שונות, שתבעו להטיל את ה„היינט" בחרם ולאסור את קריאתו על כל יהודי חרד — וברור, כי אכן זו היתה הכוונה והמגמה העיקרית: להטיל את חותם ה„אפיקורסות" על אבי ועל ה„היינט" כאחד.

אגב, זכורני ערב אחד, באותו שבוע, הלכתי עם אבי אל מערכת ה„היינט". אחד מבעלי העתון, ש. י. יצקאן ז"ל, לא הסתיר את חששותיו מהשפעתה האפשרית של מערכה זו על קוראיו החרדים של העתון ומתוך פיזור־נפש העיר לאבי: „וכי למה זה היה נחוץ?... הערה זו הקפיצה את אבי במידה שרק לעתים רחוקות ראיתיו כך והשיב

ליצקאן בכעס: אם אין הדבר לפי טעמך, עשה לך את העתון בלעדי!... יצקאן הצטדק ולא הירפה מאבי עד שהניח את דעתו.

*

מה הניע את אבי לכתוב את המאמר?

את התשובה לכך יש למצוא קודם־כל בתכונה היסודית שאפיינה את דרך כתיבתו; את גישתו לכתיבה, את התכונה אשר ביסוד אישיותו: שמעולם לא חשש להביע את אשר חש. הכתיבה מעולם לא היתה לגביו מלאכה ו„מקצוע".

אבא היה בעל־מזג טוב, נוח לבריות ובעל נפש רכה ופיוטית. אבל עם זאת — היה בעל אופי מוצק. ברגע שהגיע לכלל דעה, אי אפשר היה להניעו ממקומו. בעניני ציבור לא ידע פשרות. זר היה לו הריפרוף „על פני השטח", שנא את ה„גמגום", כשם שלא גרס כתיבה „לתפארת המליצה"; תמיד חתר לתמציתם של דברים ואל הקורא בא תמיד עם דעה מגובשת וברורה. ומעולם לא עלה על דעתו „לעשות חשבון": האם הרעיון שהוא מעלה יהיה פופולארי או לא, האם ימצאו הדברים חן בעיני הקורא או לאו. כתיבתו לא ידעה חשבון, זולת החשבון האחד: חשבון הנפש. ואמנם, כאן היה שוקל הרבה, שוקל ובוחן באמת־המידה של הבנתו ומצפונו. וזה קבע. רק זה. כי על כן לא היתה גם כתיבתו אלא המשך ישיר לאישיותו ומה שהטיף לאחרים היה מקיים בגופו ולא ידע פשרות גם כלפי עצמו. איש־אמת היה. הכרתו הפנימית היא שהדריכה אותו ולא ידע רתיעה — ומכאן גם נבעה החריפות שבה כתב.

מאמר זה על ה„יום־טוב שני" מהווה ביטוי דראסטי לכך; שכן, כפי שציינתי, היה אבי שומר מצוות ואף מחמיר וברור, כי כל רעיון של „תיקונים" היה רחוק ממנו כמרחק מזרח ממערב. המאמר עצמו חוזר ומדגיש נקודה זו. כל הרישא של המאמר עומדת על השלילה שבתנועת הריפורמה „אשר התחילה בתיקונים פעוטים כגון הוצאת ה'יקום פורקן השני' מהסידור והביאה אף להמרת יום־השבת היהודי ביום הראשון הנוצרי"... ואמנם, אף למותר לציין, כי אכן לא ל„תיקון" התכוון המאמר והיה בכך משום עוול וחטא לייחס לו כוונות כגון זו.

המאמר, שנכתב לאחר ביקור בארץ־ישראל, מציין את ההרגשה המשונה העולה „מיד ביום השני של פסח, כשמסביב חול, כשמסביב יהודים נוסעים, סוחרים, עובדים, החנויות פתוחות ובתוך כל החולין הזה יושבת לה קבוצת יהודים־של־חג, יהודי־גולה ש'דעתם לחזור' ועורכים את ה'סדר' כהלכתו... והתמונה משונה עוד יותר באחרון־של־פסח: אתה נמצא בבית דתי; כל בני־הבית נתונים כבר בחול של ששת־ימי־המעשה, לגבי כולם כבר נגמר החג ורק אתה חייב להיות עוטה חג; בעל־הבית מתפלל תפילת־מעריב־של־חול עם 'אתה חוננתנו' ואת — מעריב־של־חג עם 'אתה בחרתנו'; בני־הבית אוכלים כבר מאכלי־חמץ ואתה חייב ב'כולו מצה' עשרים וארבע שעות נוספות... וכל זה מעלה בך מעצמו תרעומת ומחאה: היתכן כי אותו יום עצמו יהיה קודש ליהודי אחד וחול לשני?..."

במאמר־תגובה חריף („שמד־שטיק") להתקפות ה„טאגבלאט", כתב אבי בין השאר: שאמנם, כל עוד אנו בגולה, חייבים אנו לקיימו, אך אין זאת אומרת כי אסור לנו להצטער על כך. בלבנו פנימה ודאי שהיינו רוצים כי יו"ט שני זה לא יהיה קיים. ישנם דברים רבים אסורים אשר בכ"ז מותר לרצותם. וכך אומרים חז"ל: 'אל תאמר אי־אפשי בבשר־



ר׳ משה יוסטמן־יאושזון ז״ל
אביו של בעל־המאמר.

חזיר אלא אפשי, אבל מה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי׳... כן, אסור לנו, למשל, לבטל את התשעה־באב, אשר אף יהודי, והיהודי הדתי ביותר, לא יבקש שיהא עומד וקיים לעולם. כל עוד אנו בגולה חייבים אנו לשמור ולקיים בהקפדה את ה„יום־טוב שני״, אבל אין בכך כדי לאסור עלינו לראותו כעול כבד, מעין עונש לגולה — וכך התייחסו אליו חכמינו, כפי שמראה המאמר הנפלא ב׳שיר השירים רבה׳ פרק א׳ על הפסוק ׳אל תראוני שאני שחרחורת׳: ׳אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה על שלא שמרתי יום־טוב אחד כתקונו בארץ־ישראל, הריני משמרת שני ימים טובים של גלויות בחוץ־לארץ. סבורה הייתי שאקבל שכר על שניהם ואיני מקבלת שכר אלא על אחד. רבי יוחנן הוי קרי עליהון (יחזקאל ד׳) ׳וגם אני נתתי להם חוקים לא טובים׳... מאמר חז״ל זה מדגיש במפורש כי ה„יום־טוב שני״ הוא עונש ועד כדי כך, שעל שמירת החג של יומיים אין מקבלים שכר אלא בעד יום אחד בלבד... ור׳ יוחנן אף בתבטא ואומר כי יו״ט שני זה הוא בכלל ׳חוקים לא טובים׳, חוק אשר אמנם חייבים לקיימו, אבל אשר בכל־זאת אינו נמנה עם הדברים הטובים והנוחים... לו היה קיים אז עתון־של־„אגודה״, התוכלו לשער בנפשכם איזה רעש היו מקימים נגד רבי יוחנן על ביטוי זה, ׳חוקים לא טובים׳!?...״

✶

בסיום המאמר „דער ׳יום־טוב שני׳״ נאמר: „איני טוען, חלילה, ל׳ריפורמה׳ ולביטולו של חג זה... אך רציתי כאן לציין את המחשבות וההרהורים העולים ביהודי כשהוא זוכה לחוג חג בארץ־ישראל ויותר מכך — כשהוא חוזר משם אל הגולה״.

ובמשפט זה נעוץ אולי עיקר המניע לכתיבתו.

אבי ראה בציונות את התחיה הלאומית פשוטה כמשמעה והאמין בהתגשמותה בכל להט נפשו — אף בימים הקשים ביותר שעברו על הישוב — ובבנין הארץ רזזה את העתיד שאליו יש לכוון כל מאמץ. ציונותו היתה כרוכה בעצמה שבה כאב את כאב

הגלות; את כאבם של יהודי פולין — את סבלם, דלותם, את המלחמה המתמדת על פת לחם, את הרדיפות שנרדפו ואת יום המחר שניצב לנגדם תמיד בערפל הכבד של גלות מדכאה. כל כתיבתו לא היתה אלא קריאה למרד, לאי־השלמה עם גלות זו. ולא היה בעיניו דבר חשוב מזה של העלאת הקשר בין העם והארץ, מהפניית כל הכוחות העצומים הגלומים ביהדות פולין — שידע את גדלותה וקשור היה אליה בכל נימי נפשו — ההולכים ונאכלים במלחמת־הקיום שהמציאות כפתה עליה — אל מטרה זו, אל קרן־אור זה, שבה ראה את ההצלה, את המחר.

ואם עלתה בו, בעת ביקורו בארץ, „ההרגשה המשונה" בימי ה„יום־טוב־שני", נראה לי, כי אכן גם מכך נבעה: מהרגשה זו שיש כאן משום הבדלה בין היהודי בארץ לבין היהודי בגולה — והרגשה זו לא נתיישבה עם תחושתו ועם הכרתו בכורח לחולל „שינוי ערכין", שיחדיר בעם את תודעת הקשר־ללא־סייג עם הארץ ואת הכרת מרכזיותה של ארץ־ישראל בתודעתו הלכה למעשה.


שמד־שטיק

אין צוזאמענהאנג מיט מיין פעליעטאן
וועגן „יום־טוב שני" איז דאס אגודה־
דע בלעטעל אינ'ם נומער פון פאריגן
פרייטאג, באלד צוזאמענגעם נאך יום־
טוב, ארויס מיט א געוואלדיג־שטורמי־
שען זעקס־שפאלטיגען מאמר וועגן דעם
„שענדליכען אטענטאט פון
אויף'ן אידישען דת"
„דאס גאנצע וועגן עס
די לעצ מאמר אין „שיר
קאפיטל א', אויפ'ן פסוק
„ראוני שאני שחרחורת", געמיינט:
„אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה על
שלא שמרתי יום־טוב אחד כתקנו בארץ־
ישראל, הריני משמרת שני ימים טובים
של גליות בחוץ לארץ. סבורה הייתי
שאקבל שכר על שניהם ואיני מקבלת
שכר אלא על אחד. רבי יוחנן הוה קרי

דישען שפיטאל, וואו ער איז געזעסען
און געפרעסען א סעודה בגלוי־ראש
מעגליך דערביי די „חברים"
מערען פון די או
לען עם
„חזרת
און איהר געמאכט
„לא עבדתי את
כי אם אחת"
אויב די יונגער
און ווארפט פון זיך ארויף דעם על פון
תורה און אידישקייט
דעם גרעסטען חלק
שענע מעשים און
מיט אייערע
אייערע
געמיינהייטען און שמד־שטיק!

ב. יאשוזאת.

המאמר „שמד־שטיק" הופיע ב„היינט" מיום כ"ה ניסן תרצ"א (12.4.1931)

ב. דינעס
ישראל

א מעשה מיט „נאדליטשבאווע"

געוועז איז דאָס אין אנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, ווען מיין יארגאנג האט זיך געדאַרפט צושטעלן צו דער מיליטערישער מעדיצינישער קאמיסיע אין אסטראלענקע. עס זענען שוין דאַן נישט געווען די צייטן פון מאַכן זיך א „פייפקע" אין אויער, א „הויכע" פלייצע, זיך אָפּהאַקן אַ פינגער פון דער האַנט אָדער פוס, צי אַן אַנדערן קערפּערלעכן פעלער. מען האָט זיך, מערסטנטייל, פארלאזט אויפן גורל און... אויף געלט. איך, אלס זון פון רייכע עלטערן האב זיך קיין סך אויפן גורל נישט געוואָלט פארלאזן, און ליבערשט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג — זיך ארויסדרייען פון מיליטער־דינסט מיט דער הילף פון „מזומן".

מיין פאָטער, וועלכער האָט געהאַט א ברודער אין אסטראלענקע, האָט באַשלאָסן צו אים אראָפּפארן און אויפן אָרט זען „עפּעס טאָן". מיין פעטער האט באקאנט מיין פאָטער מיט א „מאכער", און יענער האט קעגן 100 דאלאר, זיך אונטערגענומען צו „מאכן", מיט דער הילף פון מיליטערישן דאקטאר, אז איך זאָל אינגאנצן באפרייט ווערן פון מיליטער. כדי דער דאקטאר זאל מיר דערקענען, האט ער מיר געהייסן זיך ארויפקלעפּן א רונדיק שווארץ שטיקל פלאסטער אויף דער רעכטער זייט פון פנים. נאטירלעך אז מיין פאָטער האָט די דאָזיקע סומע איינגעלייגט ביי אַ דריטער פערזאָן, און געקומען א היים א פרייל עכער, אַ קלייניקייט? — איך וועל נישט דארפן פארשווארצט ווערן אנדערהאלבן, צי צוויי יאר.

אַ נאַכט פארן שטעלן זיך צו דער קאמיסיע, האבן מיר, מיליטער־פּליכטיקע, טייל דערשלאָגענע פארן מאָרגנדיקן גורל, און טייל אויפגעמונטערטע (אזעלכע ווי איך), גענומען פּראווען די טראַדיציאָנעלע „פוילע שטיק": מיר האבן גענומען ראטענסקיס שילד מיט די געמעלן פון חזיר־פלייש־אויסארבעטונגען, און אויסגעטוישט אים מיט א שילד פון א חסידישן סוחר; מיר האבן צוגענומען די הילצערנע פּראנט־שטיגלעך פון א סך הייזער, בכדי יענער זאל ביים ארויסשטעלן מאָרגן פרי די ערשטע פוס גלייך אַראָפּפאַלן אויף דער ערד... מיר האבן מענטשן געוועקט צו „סליחות", געמאלדן וועגן שריפות, גניבות און אנדערע „חכמות"...

מיט דער ערשטער באַן זענען מיר גאַנץ פרי אנגעקומען קיין אסטראלענקע. מיר האבן זיך גלייך געשטעלט צו דער מיליטערישער קאמיסיע. איך מיט מיין „סימן" גיי א זיכערער צו צום מיליטערישן דאקטאר, וועלכער האט מיר גוט באטראכט פון אלע זייטן, און קוק אויף אים, צי ער באַמערקט דעם באַשטימטן צייכן אויף מיין פנים.

דאָס באטראַכטן מיר אזוי לאַנג און גוט, האט, וואס אן אמת, ארויסגערופן ביי

מיר אַ געוויסן פאַרדאַכט. איך בין כמעט זיכער געווען, אז ער קאָן ביי מיר נישט געפונען קיין מינדעסטע זאַך צוליב וועלכעס ער זאָל קאָנען מקיל זיין און מיר באפרייען (סוף־סוף בין איך דאָך געווען פולשטענדיק געזונט, אָן דעם קלענסטן פעלער). אָבער די דאָזיקע ספקות האָב איך געפרווט אליין אַוועקטרייבן, ווייל... 100 דאָלאַר גייען דאָך נישט צופּוס.

ווען איך האָב שפּעטער באַקומען מיין באַשטעטיקונג, האָב איך שוין אויפגעהערט צו קלערן און פילאָזאָפירן, און געזען, אז די בראָך איז פאַרטיק. מען האָט מיר צוגענומען צום מיליטער ווי קיינמאָל גאָרנישט — קאַטעגאָריע „א״.

פאַרשטענדלעך, אז מיין פאָטער איז גלייך אראָפּגעפאָרן צום „מאַכער״ מיט א „ויצעקו״! און מיט גאַנצע טענות, פאַרוואָס ער האָט מיר אראָפּגעפירט פון וועג א.א.וו. נאָר גיי רעד צו דער וואַנט, אז עס איז שוין נאָך אלעמען. בקיצור: עס איז געבליבן, אז דאָס געלט בלייבט ווייטער איינגעלייגט, און אז ער וועט מיר „מאַכן״ פאַר א „נאַדליטשבאַווי״, ד. ה. איך וועל נישט דאַרפן דינען, בלייבנדיק איבערן קאָנטיגענט. אויך גוט!

לאַנג, אָבער, בין איך א פרייליכער נישט ארומגעגאַנגען. אין איין־קע מאָנאַטן אַרום באַקום איך א רוף־צעטל פון מיליטער זיך צוצושטעלן אין 81־טן פּולק אין גראָדנע. איך דריי דאָס צעטל פון אלע זייטן, אפשר איז דאָ אריינגעפאַלן א טעות — טראַכט איך מיר, אָבער ניין. עס שטייט דייטלעך אַלץ געשריבן. אפילו די גענויע דאַטע מיט דער שעה, ווען איך דאַרף מיר שוין געפינען אין די קאַזאַרמעס. מיין פאָטער איז ווידער אראָפּגעפאָרן צום „מאַכער״ קיין אסטראָלענקע, און דאָס מאָל שוין מיט אַ גרעסערן „ויצעקו״!! אָבער שריי „חי־וקיים״, אז א דריטע „קאָמבינאַציע״ מיט נייע אילוזיעס קאָנען שוין נישט קומען אין באַטראַכט. עס איז נישט געבליבן קיין אנדער ברירה, ווי אָפּצונעמען די געלט צוריק און... מאַכן א שווייג.

מיין פאָטער האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין די גאַנצע געשיכטע שטילשווייגנד, און אנגעהויבן נאַכפאָרשן, וואָס האָט דאָ פּאַסירט. ארויסגעוויזן האָט זיך, אז דער דאָזיקער „מאַכער״ פלעגט פאַר יעדער מיליטערישער קאָמיסיע צונויפקלייבן א שפּאָר ביסל אזעלכע 100־דאָלאַרדיקע „פּאַציענטן״. איז אזא איינער טאַקע אויף אָן אמת באפרייט געוואָרן מחמת זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד — איז אים געבליבן די גאַנצע סומע אין טאַש. איז ווידער זיינער א „פּאַציענט״ נישט באפרייט געוואָרן, האָט ער נאָך פאַראָבירט זיין מזל צו „מאַכן״ אים פאַר א „נאַדליטשבאַווי״, ווייל אויך צו בלייבן איבערן קאָנטיגענט איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. נו, איז ווידער געבליבן ביי אים די 100 דאָלאַר אין קעשענע. און אויב מען איז נישט באַפרייט געוואָרן נישט דאָ און נישט דאָרט, האָט ער צוריקגעגעבן דאָס איינגעלעגטע געלט. מען האָט דערציילט, אז נאָך יעדער קאָמיסיע איז אים תמיד געבליבן א שיינע צאָל „קליענטן״, וועלכע זענען באפרייט געוואָרן, אָדער געבליבן איבער דער צאָל.

מעגליך אז מיט א קליינער צאָל „פּאַציענטן״ פלעגט ער זיך טיילן מיט די דאָקטוירים, און זיי האָבן באַפרייט נאָר די, וועלכע האָבן געהאַט עפּעס אַ שטיקל „שאלה״, אָבער מיט אזעלכע ווי איך, אָן דעם מינדעסטן פעלער, און בפרט די לעצטע צייטן, האָט ער שוין „געאַרבעט אויף דער אייגענער האַנט״, אָן שותּפים, און געצויגן פון דעם גאַנץ שיין פּרנסה... ווייל וואָס האָט ער געהאַט דאָ צו ריזיקירן? כנגד האָט

א. גאַוואַראַוועך
אמעריקע

שטעטלדיקע קונדיסים

די „שפּיצלעך", וואס מיר האָבן אָפּגעטאָן יינגלווייז אין שטעטל, האָבן פאַרשאַפט מענטשן פיל דאגות, זענען אָבער געווען מלא טעם. „חברה" האָבן שוין אויסגעשפּירט מיט זייערע שאַרפע נעז די שוואַכע פּונקטן פון דעם־אָדער יענעם בעל־הבית, אויסגעפונען דאָס „הינער־אויג", ווו דער שוך דריקט, און א טרעט געגעבן מיטן גאנצן כח, אַז פונקען זאָלן פליען...

אַזוי האָבן מיר, למשל, אויסגעפונען, אז ישׂראל־שעפסל, האָט א ספּעציעלע הנאה פון זאָגן „קדיש" נאָכן דאַווענען אין בית־המדרש. דעריבער פלעגט ער בלייבן זיצן אין שול בייַנאַכט נאָך מעריב, ביז דעם לעצטן „מנין" און... „האַקן" קדישים.

ישׂראל־שעפסל איז געווען א ייד פון א יאָר 70, א דאַרער און א הויכער, א לאַנגן אויסגעצויגענעם פּנים מיט א שמאָלער דינער נאָז, באַצירט מיט א שיטער גרוי בערדל. אין די יונגע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען ביי די כוחות, האָט ער געאַרבעט שוסטעריי — געמאַכט שטיוול און זיי פאַרקויפט אויף די ירידים. אַז ער איז אַלט געוואָרן, די הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן און די אויגן — צו טרערנען, האָט ער אָפּגעגעבן די מלאכה, און געזעסן גאַנצע טעג אין בית־המדרש, זומער — אין פּאָליש, און ווינטער — ביי די גרויסע „קאַכלאַנע" אויוונס, ביי וועלכע ער האָט געוואַרעמט זיינע אַלטע צעבראָכענע ביינער. א גאַנצן טאָג איז ער געזעסן א פאַרשמאַכטער, אָן סימנים פון לעבן, נישט גערירט מיט קיין אבר, ערשט, ווען א מנחה־ומעריב חזן האָט אויסגעלאָזט „עלינו", דאַ איז ער מיטאַמאָל לעבעדיק געוואָרן, זיך אויפגעשטעלט אין דער גאַנצער הויך, אויסגעצויגן דעם גאַרגלדיקן האַלז, און געזאָגט דעם „יתגדל ויתקדש" מיט גרויס פאַרגעניגן.

מיר, ווייסע חברה׳ניקעס, פלעגן אין די גרויסע ווינטער־נעכט זיך לאַנג זוימען אין בית־המדרש, מכלומרשט צו לערנען א בלעטל גמרא; אין דער אמת׳ן, אָבער, ווי נאָר די לעצטע בעלי־בתים האָבן פאַרלאָזט דעם בית־המדרש, האָבן מיר אָנגעהויבן פּראַווען די „פּוילע שטיק" — רויכערן פּאַפּיראָסן, שפּרינגען איבער די טישן, אָדער

(א) מעשה מיט „נאָדליטשבאָוּוע" — סוף)
ער דאָך קיינמאָל נישט איינגעלייגט! און אַז ער האָט די „בישט־געלונגענע" קליענטן צוריקגעגעבן דאָס געלט, איז ער דאָך אוודאי געווען אַן אָרענטלעכער מענטש!

און איך? — איך האָב אָפּגעדינט גאַנצע אַנדערהאַלבן יאָר אין גראָדנער 81־טן פּולק, ווי א... טאַטע.

הויבן א באנק מיט די ציין... ישראל־שעפסל פלעגט אויך פארבלייבן שפעט אין שול. ער האט זיך נישט געאיילט א היים צו גיין אין חרוב'ן קאלטן שטיבל. בעסער זיצן ביים ווארעמען אויוון אין בית־המדרש און דרימלען.

ווי נאר מיר פלעגן זען, אז ישראל־שעפסל דרימלט, האט זיך איינער פון דער „חברה" אוועקגעשטעלט אונטער זיין פלייצע און הויך אויסגעשריגן: „ונאמר והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד". אן אנדערער פלעגט אויסרופן: „רבי ישראל־שעפסל! א קדיש!" ישראל־שעפסל האט זיך געטאן א שטעל אויף, אנגעצויגן דעם לענגלעכן האלז און טיף זיך געשאָקלט: „יתגדל ויתקדש"... און מיר פלעגן זיך קאַטשען פאר געלעכטער. ווי נאר ער האט ווייטער איינגעדרימלט, האט זיך ווידער איבערגעחזרט דאס גאנצע שפיל.

מיר האבן אזוי לאנג אנגעהאלטן מיטן „עסק", ביז עס איז איינמאל, אינמיטן אזא „קדיש", אריינגעקומען אין שול ר' חיים־לייב דער שוחט. אז ער האט געזען, ווי ישראל־שעפסל „האקט" א „קדיש", און מיר דרייען זיך אין דריי פאר געלעכטער, האט ער געמאכט א גרויסן געוואלד; „לאבוזעס!" — האט ער געשריגן, „שם שמים לבטלה..." ער האט געדראט מיט דערציילן די מעשה דעם רב. דאמאלסט האבן מיר ערשט צורו געלאזט דעם אלטן ישראל־שעפסל.

✶

ערנסטער איז געווען דער שפאַס מיטן אלטן יעקל דעם קצב. ער איז אויך געווען א ייד פון א יאר 70, א קליינער, א דארער, הויט און ביין. ער איז געווען דער גרינדער פון א דינאסטיע קצבים, וואס האבן באזארגט דאס שטעטל מיט כשר פלייש. דער אלטער ר' יעקל האט אמאל, אין די יונגע יארן, פארמאגט א סך ענערגיע און געפירט דאס שטעטל פאר דער נאז... אויף דער עלטער האבן זיינע קינדער און אייניקלעך איבערגענומען די פרנסה, און ער איז געווארן א שטענדיקער יושב אין בית־המדרש — געזעסן ביים אויוון און געזאגט תהילים, פיפנדיק א „פייקע טיטון".

כאטש ער איז שוין געווען אלט און שוואַך, דאך האבן מענטשן מורא געהאט מיט אים אנצוהויבן. ראשית, האט נאך קיינער נישט פארגעסן זיין אמאליקער גבורה, כאטש פון דער דאזיקער גבורה איז שוין קיין שפור נישט געבליבן. והשנית, האט נאך דער „מויל־אפאראט" פונקציאנירט ביי אים מיט דער גאנצער פארע. ער האט נאך געקאנט געבן א „שיט" מיט „ברכות", אז מען זאל נישט וויסן ווו א טיר עפנט זיך... א ספעציעלער מייסטער איז ער געווען אין דער דאזיקער מלאכה. דעריבער האבן מיר וייסע־חברה'ניקעס, עס נישט צופיל ליב געהאט.

אז ער האט אונז אמאל אין אן אוונט געפאקט רויכערן סיגארעטן, האט ער געעפנט א „מענה־לשון" און געסטראשעט צו דערציילן די מעשה אונזערע עלטערן. מיר האבן באשלאסן זיך אויסצוקויפן פון אים מיט א פארציע טאבאק. יעדן טאג האבן מיר געמוזט צושטעלן „לא־יחרץ"־טאבאק פאר זיין פייקע. דערפאר האט ער געהאלטן אונזער סוד. מיר האבן אבער אים נישט געקאנט אנזעטיקן. ער איז געווען א ליידנשאפטלעכער רויכערער און פארברויכט מענגעס טאבאק. דערצו איז ביי אים דער אפעטיט געוואקסן מיטן עסן, געוואלט נאך און נאך. אונזער קליין־געלט האט נישט געקלעקט אים צו קאנען זעטיקן און עס זאל נאך עפעס בלייבן פאר אונז. האבן מיר דעריבער, באשלאסן אים אפצוגעוווינען פון רויכערן... ווי אזוי? מיר האבן

צוגעטראכט אזא פלאן: צו דער פארציע פון זיין טאבאק האבן מיר צוגעמישט אביסל פולווער פון שיס־קאַרקעס פון קינדער־ביקסלעך, און דאס דערלאנגט אים צום רויכערן. מיר אליין האבן זיך אוועקגעזעצט פונדערווייטנס, זען וואס עס וועט געשען.

יעקל האט זיך בנעימות׳דיק אנגעפילט די לולקע, זי אנגעצונדן, זיך ברייטלעך צעזעצט ביים אויוון, ארויסלאזנדיק וואלקנס רויך פון מויל. ער האט קענטיק גרויס הנאה געהאט פון שמעקעדיקן טאבאק, ווייל ער האט פארמאכט די אויגן און איז פארזונקען געווארן אין אלטע זכרונות, צודרייענדיק די וואנסעס פון גרויס פארגעניגן.

פלוצים — טראך! עס האט זיך געהערט א שאס, וועלכער האט אין דער שול־אקוסטיק אפגעקלונגען ווי אן הארמאטן־קנאל. די פיפקע איז העט־ווייט אוועקגעפלויגן ביז צום ארון־קודש, און דער אלטער יעקל איז, נעבעך, ארויפגעשפרונגען אויפן טיש פון גרויס פחד...

מילא, דאס ביסל קללות וואס האבן זיך א שאט געטאן אויפן אדרעס פון דער פוילישער רעגירונג און איר טאבאק־מאָנאָפּאָל, ווען כאָטש א העלפט ווערט מקוים...

אז מיר האבן זיך שוין בארואיקט פון לאכן, האבן מיר מיט תמימות׳דיקע פנימ׳ער געפרעגט: — ר׳ יעקל, וואס איז געשען?

— א שוואַרץ יאָר אויף דער פוילישער מלוכה, וואס פאר א טאבאק זיי גיבן. טפוי זאלן זיי ווערן! שיעור נישט דערהרג׳עט געווארן, חלילה! אז דערהרג׳עט זאלן זיי ווערן אין א שיינער לבנה־נאכט... דאס איז געווען יעקלס תשובה.

בקיצור, אונזער פלאן האט זיך פולשטענדיק איינגעגעבן. נאך עטלעכע „עקס־פלאזיעס״ האט יעקל אויפגעהערט צו רויכערן...

★

דער פאל מיטן פאלשן אלארם האט שוין גראדע געדראט צו ברענגען ערנסטע פאלגן. מיר האבן זיך, טאקע, געהיטן לאנג, נישט דערציילט קיינעם דעם סוד, ווער עס זענען געווען די איניציאטארן פון דעם „שפיצל״.

געווען איז עס אין די לעצטע יארן פארן צווייטן וועלט־קריג. פוילן האט זיך גענומען ערנסט גרייטן צו א מלחמה און פארברייטערט די קריגס־אינדוסטריע. דער באפעלקערונג האט מען געלערנט ווי זיך צו שיצן פון א לופט־אנגריף. אויך אונזער שטעטל איז געפלאנט געווארן פון אזא לופט־אנפאל פון „שונא״, און דער „וואָיט״ האט געלאזט אויפקלעפן גרויסע פלאקאטן אין וועלכע עס איז געווען געמאלדן מיט „קידוש־לבנה״־אותיות, אז דעם קומענדיקן מאנטיק וועט דער „אנגריף״ אויסגעפירט ווערן. צו דעם צוועק איז געווארן אויפגעהאנגען אויף א סלופ אינמיטן מארק א שטיק אייזן. „ווען עס וועט זיך דערהערן דער גאָנג״ — איז געשטאנען ווייטער אין די פלאקאטן — „זאל זיך די באפעלקערונג שנעל באהאלטן אין די הייזער, דארט מוזן אלע פארבלייבן ביז עס וועט קומען דער סיגנאל, אז אלץ איז רואיק״.

דער צוגעזאגטער „אלארם״ האט אין שטעטל ארויסגערופן גרויס אויפזען. א גאנצע וואך פריער זענען קופקעלעך מענטשן געשטאנען אין מארק און דעבאטירט וועגן דער גרויסער „לופט־אַטאַקע״, וואס דארף פארקומען מאנטיק. יודע־חן, סטראטעגיקער פון „פּאַניע״ און „עסטרייכער״, האבן ארויסגעזאגט זייער מיינונג איבערן 42־ער הארמאט פון „יעקע גנב״ און ווי די „עראפלאז־מעכאניקע״ ארבעט אין דער לופט. אין די פאראיינען, אין שול און אין מקוה, איבעראל איז דאס געווען דאס געשפרעך פון טאג.

ויהי ערב ויהי בוקר, ע'ס איז געקומען מאָנטיק דער „יום־הדין״. אַזוי ווי עס איז נישט געווען אָנגעגעבן אין די פּלאַקאַטן די שעה פון אַלאַרם, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן גאַנץ פרי. די מענער זענען אַוועק אין שול אַריין דאַווענען מיטן ערשטן „מנין״ — וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, זאָל מען קודם כל זיין אָן אָפּגעדאַווענטער, און ווייבער זענען שנעל געלאָפן איינקויפן געבעקס מיט מילך, זאָל כאָטש זיין עפּעס צו דערכאַפּן דאָס האַרץ פאַר די קינדערלעך.

אַז מיר האָבן דערשמעקט דעם גרויסן טומל איבערן אַלאַרם, איז אונז איינגעפאַלן אַ ווילדער געדאַנק: מיר זאָלן מקדים זיין דעם אַלאַרם און אים טאַקע אַליין אויספירן... געזאָגט און געטאָן! איינער פון אונזערע „חברה״ האָט געבראַכט פון זיין פאָטערס אייזן־געשעפט אַ גלאָק, אַ צווייטער איז מיט אים אַרויף אין דער ווייבער־שול און מיר אַלע האָבן זיך געשטעלט אין פאַרשידענע ווינקלען אין בית־המדרש אונטן. דער פּלאַן איז געווען: ווי נאָר דער גלאָק נעמט קלינגען, הייבן מיר אָן לויפן צו דער טיר פון אַלע זייטן און מאַכן אַ גרויסן טומל.

ווי נאָר דער חזן האָט אָנגעהויבן זאָגן די „הויכע שמונה־עשרה״, באַלד נאָך „קדושה״, האָט זיך פּלוצים דער גלאָק צעקלינגען מיט אַ געהילך. מיר האָבן באַלד גענומען לויפן אין שול ווי פאַרסמ'טע מייז און געמאַכט אַ געוואַלדיקן רעש. פון גרויס צעמישעניש האָט קיינער נישט באַמערקט, אַז דער געקלאַנג קומט פון דער ווייבער־שול. אַלע זענען זיכער געווען, אַז דאָס אַלאַרמירט מען פון דרויסן. דער עולם האָט איילי'ק גענומען אַראָפּלייגן די תפילין, אַראָפּציען די טליתים און זיך געשטופּט צו דער אַרויסגאַנג־טיר. אַנדערע זענען געשפּרונגען דורך די פענסטער, נאָך מיט די טליתים אויף די אַקסלען און געלאָפן אין בהלה דורכן מאַרק צו זייערע הייזער.

אַז די מענטשן אין מאַרק האָבן געזען די בהלה און דאָס ווילדע לויפעניש, האָבן זיי שנעל פאַרמאַכט די לאָדנס, פאַרקלאַפּט די טירן און געלאָפן... ווייבער האָבן היסטעריש געשריגן: געוואַלד! ווו זענען די קינדער? ווײַ איז מיר! ווו איז שפּרינצע? ווו איז דבורה מענטשן ראַטעוועט!...

די גויים, וואָס האָבן געוווינט אין די פּעריפעריעס, האָבן אויך נאָכגעטאָן דעם בײַשפּיל פון די ייִדן: פאַרהאַקט די טיר און לאָדנס, און אַראָפּ אין קעלער. עדי־ראיה האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז געלאָפן, ווי אַ נישט־דערשאַכטענער אָקס, צו זוכן שוץ פון לופט־אַנגריף...

די אָפּערע האָט זיך אָנטדעקט, ערשט נאָך אַ גאַנצער שעה ליגן אין די קעלערן. קיין ער'אָפּלאַן איז נישט געקומען, און דאָס אָפּרופן דעם אַלאַרם האָט מען אויך נישט געהערט. מענטשן האָבן גענומען ווערן אומגעדולדיק, אַרויסגעשטעקט צוערשט די נאָז אין דרויסן, דערנאָך אַרויסגעשטויסן די קערפּערס, געקוקט אין הימל אַריין — עס איז גאָר נישטאָ!...

ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז עס איז געווען אַ מעשה־קונדס... דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָט שיעור אַ שלאַק באַקומען פון גרויס פאַרדראָס. אַ גרויסע געלט־פּרעמיע האָט ער באַשטימט פאַר אויפדעקן די „פאַרברעכער״.

צו אונזער גרויסע פרייד, האָט קיינער, אויסער אונז, נישט געוווּסט ווער עס האָט געמאַכט דעם פאַלשן אַלאַרם.

(„דער אַמעריקאַנער" — 8.11.1957)

א. גאוואראווער
אמעריקע

אנגעלערנט דעם „מחותן"

אברהמ׳ל איז נאך יינגלווייז געווען אן עילוי. זיין פאָטער, א שיינער אנגעזעענער בעל־הבית אין שטעטל, האָט געשעפט נחת פון זיין געראטענעם זון, און האט שטענדיק דערציילט פאַר זיינע פריינט, די צוגעשפיצטע חכמות און חידושים פון זיין בחור׳ל. געהאָפט האט ער, זיין פאטער, אז זיין זון וועט אמאל ווערן א גרויסער רב ביי יידן און וועט פארשיינען זיין עלטער. דערפאר האָט ער אים אָפּגעגעבן צו די בעססטע מלמדים און נישט געקארגט קיין געלט פאר שכר־לימוד. אברהמ׳לס מלמדים האבן אויך נישט געפּנען גענוג ווערטער צו לויבן זייער עילוי׳אישן תלמיד. האבן אבער פארשוויגן די קונדס׳ישע שפיצלעך, וואס דער דאָזיקער עילוי האָט זיי אליין אנגעטאָן.

א קליין־וויקסיקער מיט רויטע בעקעלעך און קליינע שפּיציקע אויגעלעך, וואס האבן זיך אומרואיק באוועגט, האָט זיך אברהמ׳ל געדרייט איבער די גאסן פון שטעטל, געוויגט מיטן קעפל גייענדיק, צוטראכטנדיק דערביי ווי עפעס אפצוטאן עמיצן א „שפיצל": פסח ביים סדר, צו „שפוך חמתך", ווען דער רב עפנט די טיר פאר אליהו הנביא, אריינשטעלן דורך דער אָפענער טיר א האנט מיט א שטעקן... אין א שפעטן פרייטיק־צו־נאכטס — זיך אוועקשטעלן ביים אלטן אברהם־יאסלס פענסטער און נאכמעקען די שטים פון זיין קו. דער אלטער אברהם־יאסל, נעבעך איז אראפּ פון בעט אין די אונטערוועש, און ארויס פון שטוב זוכן זיין „לאקישקע", וואס איז דערווייל רואיק געשלאפן אין שטאַל...

נאך זיין „בר־מצווה", האט אים זיין פאטער אוועקגעשיקט לערנען אין דער לאמזשער ישיבה. דאָרט, האָט ער געטראַכט, וועט זיך פארווירקליכן זיין אלטער טרוים, אברהמ׳ל זאל ווערן א גרויסער למדן, ער וועט טאן מיט אים א רבנישן שידוך און ער וועט האבן א זון א גרויסן רב בישראל.

געשען איז אבער גאַנץ אנדערש. אברהמ׳לס אומרואיקער וועזן האט אים נישט געלאָזט איינזיצן אין ישיבה, עס האָט אים געצויגן אין גאַס. דאָרט האָט ער באקענט חברים, געלעזן צייטונגען און ביכער און איז געווארן א...ציוניסט.

די ישיבה איז אים ענג געווארן. דער „משגיח" האָט געקוקט אויף אים קרום. נאך א קורצער צייט איז אברהמ׳ל צוריק אהיימגעקומען קיין גאוואראווע. מכלומר׳שט האט ער נאך געלערנט א שיעור ביים רב, דער קאָפּ איז אים אבער שוין נישט געווען ביים לערנען. ער האט גאר בעת־מעשה געטראַכט וועמען און ווי אזוי אפצוטאן א „קאַוואַל", אז דאס גאנצע שטעטל זאל רעדן...

אברהמ׳ל האט נישט „געארבעט" אליין. ער האָט געהאַט צו זיך א גאנצע כאָפּטע

ווייס־חברה׳ניקעס, וואס האָבן אים פאַרערט, און געהאָרכזאַם אויסגעפירט זיינע פּלענער. דער „גענעראַל־שטאַב״ האָט זיך געפונען אין וואָרקער „שטיבל״, וווּ ער פלעגט קומען כלומר׳שט לערנען. דאָרט זענען צוגעטראַכט געוואָרן אַלע „שפיצלעך״, אויסגעאַרבעט געוואָרן די „פּלענער״ און צעטיילט די „אויפגאַבן״. ווען אַלץ איז שוין געווען „פיקס און פאַרטיק״, האָבן זיי זיך ווייטער געשמאַק צעלערנט...

אברהמ׳ל האָט שטענדיק געהאַט זיין פּאַרטיקן „אַליבי״. קיינמאָל האָט מען אים נישט געכאַפּט ביי דער האַנט. כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער „טל־ומטר׳ל״ (אַזוי פלעגט מען אים אָפט רופן פאַר זיין קליין־וויקסיקייט), איז דער גורם פון אַלע „צרות״... אפילו די געליטענע „קרבנות״ אַליין, האָבן אים סוף־כל־סוף מוחל געווען פאַר זיינע שמד־שטיק, ווייל אַלע האָבן אָפּגעשאַצט זיין וויל־לערנען, געוווּסט, אַז אַן עילוי האָט אַ „פּלי־קאָפּ״, און מען קאָן אויף אים נישט קיין סך פאַריבל האָבן...

זיין פאָטער האָט געפרוווט ווירקן אויף אים מיט גוטן און מיט בייזן, עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אברהמ׳ל איז אויף אַן אמת געכאַפּט געוואָרן אויף דער „מעשה״. ער איז געוואָרן גאָר טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און געאַרבעט פאַר ק.ק.ל.

אין דער דאָזיקער צייט זענען זיינע „שפיצלעך״ ס׳רוב געווען „פּאָליטישע״. ער האָט זיך אָנגענומען די קריוודע, וואָס געוויסע „קנאים״ האָבן געשטערט די ציוניסטישע אַרבעט אין שטעטל, און פלעגט זיך דעריבער אין זיי „נוקם״ זיין .

איינער פון די גרעסטע „קנאים״, וואָס האָט אייפעריק געקעמפט מיט די ציוניסטן איז געווען איסר דער מילנער. עס איז געווען אַ פאַל. ווען ביי איסר׳ן אין שטוב איז פאָרגעקומען אַ חתונה און ווי דער שטייגער איז מען געקומען זאַמלען פאַר ק.ק.ל., האָט ער צעריסן די „בלימלעך״, אַרויסגעכאַפּט די בלוי־ווייסע פּושקע און די זאַמלער ממש אַרויסגעטריבן.

איסר איז געווען אַ שאַרפער גערער חסיד מיט אַ רויטער ברייט־געדיכטער באָרד, דיקע צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען, וואָס האָבן האַלב פאַרשטעלט די אויגן און אים צוגעגעבן אַ בייזלעכן אויסדרוק אין געזיכט. ער איז געווען אַ ייד אַ שווייגנדיקער, נישט דרייסט געקוקט יענעם אין די אויגן, אָבער אַ גרויסער עקשן און אַ „צעקאָכטער״, ווען ער האָט זיך אויפגערעגט. ווייי איז געווען צו דעם, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין כעס. געוווינט האָט איסר הינטערן שטאָט, אַראָפּצו אויף „פּראַבאָסטוואַ״. וווּ ער האָט געהאַט צוזאַמען מיט זיין ברודער, נטע, אַ גרויסע דאַמף־מיל און גרויסע שפייכלער׳ס מיט תבואה. זיי זענען געווען גרויסע גבירים. איסר האָט שוין געהאַט דערקאָקסענע קינדער, צווישן זיי אַ טאָכטער, וואָס איז שוין געשטאַנען אין שידוכים.

אברהמ׳ל האָט נישט געקאָנט אַריבערגיין שווייגנדיק איבער די שיקאַנעס, וואָס ער מיט זיינע חברים זענען אויסגעשטאַנען פון די ציוניסטישע קעגנער. ער האָט באַשלאָסן אויסצוגיסן דעם גאַנצן „שפוך חמתך״ אויף איסר׳ן, ספּעציעל פאַרן שטערן די „בלימל״־זאַמלונג פון ק.ק.ל. ער זאָל האָבן צו געדענקען אויף „קינדס־קינדער״....

האָט אברהמ׳ל זיך „נוקם״ געווען אין אים אויף פאָלגנדן אופן: ער האָט געלאָזט אָפּדרוקן גרויסע רבנישע חתונה־קאַרטעס, אין וועלכע עס איז געווען געשריבן, אַז ער, איסר, דאַנקט דעם ליבן באַשעפער, וואָס ער האָט דערלעבט חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער הבתולה (דאָ קומט דער נאָמען), מיט איר אויסדערוויילטן, החתן התורני

המופלג (דאָ איז געווען אַ נאָמען פון דער „הפטורה״). די חתונה — איז געשטאַנען ווייטער אין אָפּגעדרוקטן חתונה־בילעט — וועט פאַרקומען אם־ירצה־השם בשעה טובה ומוצלחת, פרייטיק, פרשת..., אזוי־פיל טעג אין ניסן. אַלע פריינט און באַקאַנטע זענען געלאַדן צו קומען זיך פרייען מיט דער שמחה, און מיט גאָטס הילף ביי זייערע קינדערס חתונה וועט ער, איסר, זיי אָפּדינען מיט דאָס זעלבע...

דער דאָזיקער פרייטיק איז גראַד אויסגעפאַלן ערב שבת הגדול, דעם 1־טן אַפּריל פון די ערשטע דרייסיקער יאָרן. די חתונה־קאַרטן האָט אברהמ׳ל צעשיקט צו דער גאַנצער ברייט־פאַרצווייגטער משפּחה איבערן גאַנצן לאַנד.

אויסער דעם האָט אברהמ׳ל אַרויסגעשיקט צוויי בריוו צו די באַרימטע חתונה־קאַפּעלעס אין ווישקאָווע און אָסטראָלענקע, און צו אַ צוויי באַרימטע בדחנים, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן צו קומען פרייטיק מיטיק־צייט צו דער חתונה, פאַרוואָס זיי וועלן גביריש באַהאַנדלט ווערן. די גאַנצע אַקציע איז געהאַלטן געוואָרן שטרענג בסוד פאַר די שטעטלדיקע מענטשן.

דער דאָזיקער פרייטיק („פרימאַ־אַפּריליס״), איז גראַד געווען אַ שיינער פרילינגס־טאָג. אַ העלער בלויער הימל איז אויסגעשפּרייט געווען איבערן שטעטל. די זון האָט היימישלעך געוואַרעמט די מאַרק־הייזלעך, און אַרויסגעטריבן פון זיי די מענטשן אין גאַס אַריין. אויף די הילצערנע בריקלעך פאַר די קרעמלעך, זענען געזעסן די קרעמער און געוואַרעמט די פון נאָכן שווערן ווינטער, אויסגעפרוירענע ביינער. ביי די יאַטקעס זענען געלעגן די הינט פויל אויסגעצויגן אויף די רוקנס. אַן אומעטיקע שטילקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויפן שטעטל.

פּלוצים, עס פאָרן אַריין פון דער בריק־גאַס מיט אַ געטראַסק צוויי פורלעך מיט דעם באַקאַנטן ווישקאָווער אָרקעסטער, און לאָזן זיך גלייך דורכן מאַרק צום „טיפּלע״־געסל. איידער עס איז נאָך צייט געווען איבערצוקלערן דאָס ווילדע געשעעניש, און עס קנאַלט אויף אַ מוזיק פון דער אָסטראָלענקער גאַס. דאָס פאָרט דער אָסטראָלענקער אָרקעסטער, וואָס אַרבעט שוין אויף די „כלים״, גלייך אַריינפאָרנדיק אין שטאָט. אַ קלייניקייט! איסר דער מילנער מאַכט חתונה אַ טאָכטער...

באַלד דערנאָך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די דראָזשקעס און „גומקעס״ פון באַן־סטאַציע, אָנגעפּיקעוועט מיט אויסגעשטראַנצלטע געסט, ווייבער אין זיידענע רעטאַנדעס מיט קינדער אויף די הענט, מענער מיט זשופּיצעס, שטריימלעך און קיילעכדיקע היטעלעך, פרײלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן שוין באַוויזן נאָך אין צוג צו כאַפּן אַ „לחיים״...

„מזל־טוב!״, האָבן זיי זיך צעשריגן צו די שטעטלדיקע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אין „קופּקעלעך״ אויפן מאַרק.

דער עולם האָט געעפנט די מיילער, געהויבן מיט די אַקסלען, נישט געהאַט קיין אָנונג, וואָס עס קומט דאָ פאָר...

זעענדיק, אַז אַלץ פאָרט אין דער „טיפּלע״־גאַס, האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטאָן אין יענער ריכטונג. ערשט איצט האָבן זיי דערזען, אַז די גאַנצע „מאַכערייקע״ גייט אַריין אין איסר דעם מילנערס הויף. איסר שטייט מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט, צעפּלאַשעט די פּונק־רויטע באָרד, ווייסט נישט וואָס צו טאָן; דאָ כאַפּט ער זיך אַרום מיט שמחה, מיט זיינע קרובים און פריינט, קושט זיך מיט זיי, און דאָ שרייט ער און בייזערט זיך אויף די כלי־זמרים: „וואָס האָט איר געוואָלט פון מיינע יאָרן האָבן?!״.

יעקב גורקא
ישראל

צוויי עפּיזאָדן

א פּשרה מיטן רב

געווען איז דאָס אין יאָר 1920, נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטרעטן פון פּוילן. במשך פון דער צייט, וואָס זיי זענען געווען אין גאוואראָווע, איז די גאַנצע ציוניסטישע־און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט געוואָרן אָפּגעשטעלט. אויך די ביבליאָטעק האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. ווער עס האָט געוואָלט לייענען א בוך האָט זיך געמוזט מטריח זיין אַזש קיין רוזשאַן. מיר, וועלכע האָבן זיך דאַן גערעכנט צו די יינגערע, האָבן גענומען די איניציאַטיוו אויפצושטעלן צוריק א ביבליאָטעק. א לעגאַליזאַציע האָבן מיר באַקומען אָן שוועריקייטן פון אַסטראָלענקער קרייז־אַמט. עס איז אונז אויך געלונגען צונויפצושאַפן איייניקע הונדערט ביכער. אָבער די שוועריקייט איז געווען צו באַקומען א לאָקאַל. מען האָט אונז מורא געהאַט צו פאַרדינגען א וועלכע עס איז דירה, צוליב די שיקאַנעס פון די פרומע יידן. סוף־סוף איז אונז געלונגען צו דינגען א דירה ביי אַבֿרהמ׳קע דעם גלעזער אין דער „לאַנגער" גאַס. עס איז גלייך אויסגעקליבן געוואָרן א פאַרוואַלטונג מיט לייבל קערש אַלס פּאַרזיצער, עטקע פרידמאַן, ביבליאָטעקאַרין, יעקב זאַמעלסאַן, קאַסירער א. א. כמעט יעדן אָוונט פלעגן מיר טוישן ביכער. א 2—3 מאָל אין וואָך האָט דאָרט געהאַלטן לעקציעס אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס בנימין גינזבורג. מיר פלעגן אויך אויפטרעטן מיט טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

א לענגערע צייט האָבן מיר אַזוי געפירט אונזער טעטיקייט, ביז א גרופּע פאַנאַטישע יידן זענען אַוועק צום רב און אים דערציילט, אַז מיר קומען זיך צוזאַמען יינגלעך מיט מיידלעך, און מען דאַרף זען עפּעס טאָן, כל־זמן עס איז נישט צו שפּעט...

(אָנגעלערנט דעם „מחותן" — סוף)

„וואָס פאַר אַן אַנשיקעניש אויף מיר?!". און זיי שרייען הויך: „מזל־טוב מחותן!... מירטשעשעם ביי אַלע אייערע קינדער!..."

מילא, אַלע אורחים זענען שוין פאַרבליבן אויף שבת ביי איסרן, ווייל עס איז שוין נישט געווען קיין קאָמוניקאַציע צוריק צו פאָרן. אויך די קאַפּעליע האָט ער געמוזט ביי זיך איינאָרדענען, והעיר גאוואראָווע צהלה ושמחה...

ר׳ איסר האָט שוין פאַרזאָגט — זייט דאַן — זיינע אייניקלעך, נישט צו טשעפּען זיך מער מיט די ציוניסטן.

(„דער אַמעריקאַנער", נו. 24, 24.6.1957)

צוערשט האט מען זיך גענומען צו אברהמ׳קען דעם גלעזער, פארוואס ער האט אונז פארדינגען א דירה. מען האט אים אפילו געדראָט מיט ארייַנלייגן אין חרם. אבער אברהמ׳קע איז געווען מיט אונז פארבונדן מיט א „קאנטראקט" און מיר האבן אים פון דעם נישט געוואלט באפרייען; זענען זיי געפאלן אויף א המצאה: אין איינעם א ווינטערדיקן פרייטיקדיקן טאג, האבן זיי אראפגענומען פון אונזער ביבליאטעק־דירה די טירן מיט די פענסטער און אונז געמאכט „אויס קעפעלושן־מאכער"...

די מעשה האט אונז שטאַרק פארדראָסן. גלייך אויף צו־מארגנס, שבת פרי, זענען מיר אוועק אין בית־המדרש און נישט געלאזן פארזעצן דאס דאווענען, ביז מען וועט אונז נישט צוריקגעבן די טירן מיט די פענסטער. גלייך נאך שחרית איז בנימין ארויף אויפן באלעמער און אנגעהויבן ריידן און די איבעריקע זענען געשטאנען ביי די טירן און קיינעם נישט ארויסגעלאזט. בנימין האט ספעציעל לאנג פארצויגן מיט זיין „דרשה" און דאס האט ארויסגערופן אין שול א גרויסן טומל. די מתפללים האבן געזען, אז זיי וועלן שוין נישט קאנען ממשיך זיין דאס דאווענען, האבן זיי



עס זיצן (פון רעכטס צו לינקס): יצחק קופערמאן, יעקב גורקאַ, און קלמן קלעפפיש.
עס שטייען: זעליג הערצבערג, משה דוד מאַלאַוואַני און מתת׳ אויסלענדער

זיך געלאזט צו די טירן א היים צו גיין. אבער, אזוי ווי מיר האבן זיי פארשטעלט דעם ארויסגאנג, האבן זיי בלית־ברירה אנגעהויבן צו שפרינגען דורך די פענסטער, איבעלאָזנדיק אונז אליין. מיר האבן דאך באשלאסן זיך צו האלטן ווייטער ביי אונזערס: שטערן אזוי לאנג דאס דאווענען, ביז מען וועט אונז נישט צוריקגעבן די טירן מיט די פענסטער.

דער רב איז אבער געווען א ייד א פיקח, און ער האט גלייך געזען, אז מיט בייזן וועט ער מיט אונז גארנישט מאכן, האט ער מיט אברהמ׳קע דעם שמש אונז באפוילן, אז מיר זאלן קומען צו אים מיט א דעלעגאציע אויף אונטערהאנדלונגען. מיר האבן אויסגעקליבן די פאלגענדיקע 5 פערזאן: לייבל קערש, משה דוד מאלאוואני, קלמן קלעפפיש, יצחק קופערמאן און דער שרייבער פון די שורות. דער רב האט

געגעבן צו פארשטיין, אז מען טאר דאך פארט נישט, עס זאלן זיך צוזאמענקומען יינגלעך מיט מיידלעך, א.א.וו. מיר האבן ארויסגעלייגט אונזערע טענות. בקיצור, נאך א לאנגן משא־ומתן איז מען געקומען צו א פשרה מיטן רב: די מיידלעך מעגן קומען נאר טוישן ביכער און נישט פארהאלטן זיך דארט, און אז פרייטיק זאל מען אנצונדן דעם לאמפ פאר ליכט־בענטשן. מיט דעם האט זיך אונזער סיכסוך געענדיקט. מיר האבן גלייך צוריקבאקומען די פענסטער מיט די טירן און... שלום על ישראל.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז דעם רב׳סביידע טעכטער אליין (רחל און זעלדע), פלעגן ביי אונז טוישן ביכער.

אנגעלערנט א כוליגאן

די געשיכטע איז זיך פארלאפן אין יאר 1936. די צייט פון „אוושעם" און פיקעטן פאר די יידישע געשעפטן איז שוין געווען א טאג־טעגלעכע דערשיינונג. דער אנטיסעמיטיזם איז שוין אפילו ביי אונז אין שטעטל ארויס אין דער עפנטלעכקייט.

איך האב דאן געארבעט ביי יואל׳קען דעם בעקער. איינמאל אין א זונטיק נאכמיטיק, שטיי איך אזוי אין זיין געוועלב און קוק ארויס דורכן פענסטער, אויפן מארק. פלוצים דערזע איך ווי עס גייט זיך א שכור׳ער כוליגאן, אן אויסגעפוצטער לכבוד זונטיק און פארטשעפעט יידן. ער האט אפילו ארויסגעצויגן א מעסער און זיך פארמאסטן אייף יידישע בערד. דער כוליגאן האט נאך געדראט, אז אט־אט ועלן קומען אים צו הילף זיינע חברים און מען וועט אויסשטעכן אלע יידן. עס איז גלייך געווארן א סומאטאכע אין שטעטל, די גאסן זענען געווארן אויסגעליידיקט און מען האט זיך פארשלאסן אין די שטיבער.

די מעשה האט מיר זער אויפגערעגט. איך גיי ארויס אין דרויסן און דערנענטער זיך צום אויסוורף. עס ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז אַדאַם שפערלינג פון וואלקע, א צופעליק באקאנטער מיינער. ווען איך האב אים אויפמערקזאם געמאכט אויף זיין אויפפירונג און אים געזאגט: „אויב דו ביזט שיכור, טא גיי שלאפן", ענטפערט ער מיר גאר: „פאַרשיווי זשיד" און פארמעסט זיך אויף מיר מיטן מעסער.

איך בין דאן געווען פונקט אין מיטן דער ארבעט, די הענט אויסגעשמירט פון א קארן־טייג און געהאלטן מיט זיך א ליידיקן מעל־זאק. איך האב לאנג נישט געקלערט, און דערהערנדיק דעם כוליגנס תשובה, אים גלייך „מכבד" געווען מיטן זאק אין די אויגן, צוגעבנדיק אים נאך א פאר קלעפ מיט די הענט, אויסשמירנדיק אים דערביי זיין נייעם אנצוג, און זיך אפגעטראגן. פאר גרויס חרפה איז אויך דער אויסוורף תיכף פארשוונדן.

עס האט אבער לאנג נישט געדויערט און במשך פון אן האלבער שעה האט ער זיך צוריקגעקערט מיט א פארשטארקונג פון נאך 5 שקצים. זיי זענען גלייך אריין צו יאל׳קען מיר זוכן, אבער, פארשטענדלעך, איך בין שוין דארט נישט געווען. איך האב א לענגערע צייט זיך נישט באוויזן אין גאס, מורא־האבנדיק פאר נקמה. אבער עס איז כדאי געווען — אנגעלערנט א כוליגאן!

משה פארנע
ישראל

מעשה שטן

(מעשה שהיה)

הושענה־רבה ביינאכט אין שטעטל. אין טייך־געסל האט געבלאזן אן אומהיימלעך ווינטל. פון די סוכות־שפּאַרונעס האט ארויסגעשיינט ליכט. יידן, טייל אנגעטאן אין ווייסן, האבן עפּעס איבערגעביסן נאכן דאווענען מעריב. מען דארף באלד צוריקלויפן אין שול אריין זאגן תיקון. עס איז א יום־טוב׳דיקע שטימונג געמישט מיט אומעט. איין קלייניקייט! הושענה־רבה איז דאך גלייך צו יום־כיפור. דער הימל שפּאלט זיך, און מען לייגט דארט, אויפן הימל, ארויף דעם לעצטן זיגל אויפן קוויטל...

א בלאסע לבנה האט זיך געשפּיגלט אין „הירש״־טייכל. יעקב שלמה דער שמיד איז ארויס אין דרויסן זען צי די לבנה שלאגט אפּ א שאָטן פון זיין מאגערן הויכן גוף. עפּעס איז דער שאטן אים נישט געפעלן. א שלעכטער סימן: ווער ווייסט צי ער וועט דאס יאר דורכגיין מיט גאנצע ביינער...

עפּעס וואס האט א פלעסקע געטאן אין טייכל. יעקב שלמה האט א ציטער געטאן. ער האט זיך דערמאנט, וואס בצלאל יאסל, פון דער „חומש״־חברה האט געלערנט, אז אין דער הושענה־רבה נאכט שוועבן ארום מתים ביים שיין פון דער לבנה־ליכט, כדי צו קריגן א תיקון פאר זייערע זינד...

א ווייס געשטאלט האט זיך אים פלוצים א שטעל־געגעבן פאר די אויגן. יעקב שלמה׳ן האט זיך א מיש געטאן אין קאפּ.

— א גוט יום־טוב ר׳ יעקב שלמה! איך בין מאשע לאה די גלעזערקע, דיין שכנ׳טע. מיין מאן וויל דיר בעטן, זאלסט אים וועקן פארטאג צום דאווענען. ער פילט זיך נישט מיט אלעמען.

יעקב שלמה האט שווער אפּגעכאפּט דעם אָטעם:

— גוט, גוט, איך וועל אים שוין וועקן.

גאנץ פארטאג, איידער די הענער האבן נאך געקרייעט, האט יעקב שלמה אנגעקלאפּט ביים שכן אין פענסטער. ער האט געגליט פון היץ און נישט געקאנט צומאל אויפשטיין. האט מאשע לאה זיך שנעל אנגעטאן און איז אוועק מיט יעקב שלמה׳ן אין שול אריין.

א פינסטערניש האט איינגעהילט דאס שטעטל. נאך גאר פרי געווען. א פויערי׳ש פורל מיט היי האט זיך באוויזן אין מארק־גאס. יעקב שלמה האט עס געוואלט קויפן, מאשע לאה — אויך. עס האט זיך אנגעהויבן א דינגעניש. יעקב שלמה איז געווען אויפגערעגט. א גאנצע נאכט נישט געשלאָפן, געהאט וויסטע חלומות — האט ער מאשע לאה׳ן געגעבן א שטויס. מאשע לאה האט דעריבער געכאפּט א שטיק האלץ פון וואָגן

און דערלאנגט יעקב שלמה׳ן אין קאָפּ אריין. יעקב שלמה האט א דריי געטאן מיטן קאָפּ, און איז אומגעפאלן א פארחלש׳טער. א געוואלט! מענטשן האבן זיך אויפגעוועקט. עס איז געווארן א אנלויף. מאשע לאה איז פארשווונדן ווי אין וואסער אריין.

די קינדער פוןביידע צדדים זענען אנגעלאפן. מען האט זיך, מעשה־שטן, גענומען שלאגן ווי די גויים. א נס איז געווען, וואס דער רב איז פונקט אנגעקומען. ער איז געגאנגען דאוונען אין שול אריין — האט ער זיי צעטריבן.

אבער וואס! א גאנצן הושענה־רבה האט מען זיך געשלאגן. דא האט דער צד אנגעהויבן, דא — יענער צד. פנימער צעקיילטע און צעביילטע. שכנים האבן שוין נישט קיין כח געהאט אפצורייסן די שלעגערס. יעקב שלמה׳ס יורשים האבן געשריגן: ווי געפינט מען נאר מאשע לאה׳ן!

אוונט־צו. עס האט זיך גענומען דערנענטערן שמיני־עצרת. דאס טייך־געסל האט אביסל פארגעסן אין דער מעשה. עס איז דאך יום־טוב. חסידים טאנצן דאך מיט דער תורה, אפילו אין שמיני עצרת. פון די פענסטער האט געשיינט ליכט. מען האט געהערט קידוש־מאכן נאר ביי יעקב שלמה׳ן און ביי מאשע לאה׳ן אין די שטיבער איז געווען פינסטער, ווייזט אויס, אז עס גרייט זיך עפעס.

אויף צומארגנס, שמיני־עצרת אינדערפרי, האט מען געפינען מאשע לאה׳ן א טויטע. צי זי האט געקריגן א פּאַפּלעקסיע פון עגמת־נפש, אדער, ווי גאר אנדערע האבן געזאגט: אז מען האט געפינען אויף איר קערפּער סימנים פון קלעפּ, און דער צונג איז ביי איר געווען צעביסן. א סימן: יעקב שלמה׳ס זין זענען באלד נעלם געווארן. מען האט זיי געזען פארן קיין אמעריקע. אין שטעטל איז געווארן טרויעריק. מען האט גאר נישט געפילט קיין שמחת־תורה. קינדער האבן זיך דערציילט מעשיות פון טויטע פון שדים מיט רוחות.

מאכט זיך אין עטלעכע טעג ארום, אז ישעיה יום־טוב האט איבערגעלאזט זיין קליינעם זון אין בשמים־געוועלבל פון טייך־געסל, אין זי, ישעיה יום־טובס יידענע האט געוואשן וועש אין קעמערל. פלוצים האט דער ייִנגל א געשריי געגעבן „שמע ישראל״! און איז פארחלש׳ט געווארן. אז ער איז צו־זיך געקומען, האט ער דערציילט א מורא׳דיקע מעשה. נישט מער און נישט ווייניקער, נאר אז מאשע לאה איז אריין אין קראם, און אים אנגעקוקט מיט גרויסע פאַרגלאָצטע אויגן...

באלד האבן זיך געפינען נאך עדות, שוין דערוואקסענע מענטשן, וואס האבן געזען א ווייס געשטאלט מיט א מאדנעם שטריימל, ווי א הייפּטל קרויט, דרייט זיך ארום ביינאכט אין די גאסן. עס איז אנגעפאלן א פחד אויפן שטעטל. מען האט בודק געווען די מזוזות. עס האט שוין געהאלטן ביים שיקן א משלחת אויפן בית־הקברות בעטן ביי מאשע לאה׳ן מחילה..

ישעיה יום־טוב איז אוועק צום רב: „רבי! ראטעוועט!״, האט ער געיאמערט. „אז עס קומט די נאכט איז דאס לעבן קיין לעבן נישט...״

דער רב האט זיך אביסל פארטראכט, און אים אזוי געזאגט:

— נאכאמאל, אז עמיצער וועט זען דאס געשטאלט, זאל ער זיך נישט פארלירן, עס אנכאפּן פארן קאלנער, און א קוק געבן ווער דאס איז.

אין זעלבן אוונט האט א גרופּע יוגנטלעכע שפּאצירט אויף דער „ברייטער״

חנא וויסבארד
קאלומביע

שטעטלדיקע קוריאזן

א מת — א „נאוואבראניעץ"

שמילקע „חיזאק" איז נישט געווען פון די גרויסע צעלייגערס אין שטעטל. מיט פרנסה איז ביי אים שטענדיק „שמאל" געווען. תמיד פלעגט אים צופעלן א טאג אין דער וואך, אויף צו קאנען „מאכן שבת". האט אים, טאקע, זיין ווייבל צוגעהאָלפן מיט וואס זי האט נאר געקאנט, בכדי צו פארדעקן דעם „לאך". אין יעדן סעזאן האט זי זיך אויסגעזוכט א צוגאב־פרנסה. ווינטער האט זי זיך באשעפטיקט מיט פליקן פעדערן און זומער מיט אויבסטן. גרעסערע איינקונפטן האט זי געהאט אין זומערדיקן שטשאוו־סעזאן. זי פלעגט דאן יעדן באגינען ארויסגיין א קילאמעטער־צוויי אונטערן שטעטל, אנקלייבן א זעקל שטשאוו־בלעטער און נאכער עס פארקויפן איבער די שטיבער. אז עפיזאָד פון אזא שטשאוו־קלייבן וויל איך טאקע דא דערציילן:

געווען איז דאס אין א זומערדיקן טאג פון יאר 1908, בערך. ווי געוויינלעך, איז זי, שמילקעס ווייב, אויפגעשטאנען באגינען, ווען עס איז נאך געווען פינסטערלעך, און זיך געלאזט אין וועג ארײן מיט א לעדיקן זעקל אויף צו קלייבן שטשאוו. דאס מאָל האט זי אויסגעקליבן דעם שטח נעבן בית־עולם — אזוי איז איר איינגעפאלן. זי גייט אזוי איינגעבויגן און קלייבט די שטשאוו־בלעטער, און זי האט גארנישט באמערקט, ווי זי פארקריכט אזוי ממש אויפן בית־הקברות.

ווער עס געדענקט, זענען ביים סאמע איינגאנג פון בית־עלמין געשטאַנען 2 הויכע מצבות פון איצל מינץ און פרוי ע"ה. שמילקעס ווייב, זעענדיק, אז זי געפינט זיך שוין ממש אויפן „גוטן אָרט", האט זי זיך שנעל געוואלט צוריקציען, ווייל דאָרט טאָר מען דאָך נישט קלייבן. אבער פון גרויס איילעניש און געוויסנסביסן, האט זיך איר, ווארשיינדלעך, א מיש געגעבן אין קאָפּ, און אט האט זי שוין באשיינפערלעך געזען, ווי די 2 ווייסע מצבות באוועגן זיך, און די זענען נישט אנדערש ווי... מתים ר"ל.

(מעשה־שטן — סוף)

גאס. פלוצים, דאס ווייסע געשטאלט לויפט פארביי. זיי האבן זיך דערמאנט אין רב'ס ווערטער. זיי האבן זיך איינס דאס אנדערע אנגעהאלטן פאר די הענט און נאכגעלאפן דאס געשטאַלט.

ערשט ביים בלאָטע־געסל, פארסאפעטע, פארהאוועטע, האבן זיי דאס געשטאלט אנגעכאפט. ווייסט איר ווער עס איז געווען ?... העבריק דער „פּאַראָבעק" פון פעליקס דעם קיילער. עס האט זיך אים פארגלוסט אביסל שפאס צו מאכן, און איבערשרעקן די יידלעך...

זי האט א געשריי געגעבן „שמע ישראל" און אנגעהויבן צו מאכן „ויברח". אבער דא האט זיך איר קלייד פארטשעפעט אין א קליין בוימעלע. זי וויל לויפן פארויס, אבער זי קאן נישט, פונקט ווי די מתים וואלטן איר צוגעהאלטן. זי מאכט געוואלדן, אבער שריי „חי וקים", אז מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש.

בקיצור, זי האט שוין איבערגעלאזט דאס גאנצע פעקל מיטן שטשאוו, און נישט טויט נישט לעבעדיק זיך קוים דערשלעפט אין שטוב אריין. א קורצע צייט האט זי נישט געקאנט קומען צו זיך. ווען זי האט זיך שוין געהאט אביסל בארואיקט, האט זי דעם מאן דערציילט די גאנצע געשיכטע. דערביי האט זי צוגעגעבן, אז איצט איז איר שוין קלאר געווארן, הלמאי עס שטארבן אזוי פיל קליינע קינדער אין שטעטל, ווייל... די מתים דרייען זיך ארום פראנק און פריי אויפן בית־הקברות.

שמילקע, דעהערנדיק די מעשה פון זיין פלונית'טע, איז גלייך אוועקגעלאפן צום דאמאלסטיקן רב, דעם אלטן הרב באטשאן און אים דערציילט די פאסירונג מיט זיין ווייבל. ער האט געבעטן מרעיש־עולמים זיין אן זען עפעס טאן, אז די קינדער־מגיפה זאל אויפהערן.

דער רב האט אים געפרווט בארואיקן און צונישט מאכן די גאנצע געשיכטע. ער האט אים געזאגט, אז בדרך הטבע, ווען עמיצער שטארבט און מען באגראבט אים, רירט ער זיך שוין מער נישט פון ארט און די גאנצע מעשה לייגט זיך עפעס נישט אויפן שכל הישר. — „כ'ווייס וואס א יידענע דערציילט..."

אבער שמילקע האלט זיך ביי דאס זייניקע. רבי — זאגט ער — איך האב אליין געזען די צעריסענע קלייד פון מיין אשה, וואס איז געקומען פון ראנגלען זיך מיט די מתים. אפשר — שרייט אויס שמילקע — איז גאר דעם מת געווען א „נאוואבראַניעץ" און ווייסט נישט פון די אלטע געזעצן...

גאט איז „זשעדנע" אויף א שטיקל תהילים...

געווען איז דאס, אויב איך האב נישט קיין טעות, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאס שטעטל האט זיך שוין געהאט צוביסלעך צוריק אויפגעבויט, און אויך דער קליינער הילצערנער בית־המדרש איז שוין פארטיק געווען.

איינמאל, אין א שמחת־תורה נאך מיטיק, איך גיי מיר אזוי פארביי דעם דאָזיקן בית־המדרש, און הער א קלאנג פון א וויינענדיקן ניגון: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים..." די זאך האט מיר פאראינטריגירט, טראכטנדיק: ווער קאן דאס זיין? איך בין נישט פויל, גיי אריין אינווייניק און זע, ווי ישראל הערש זיצט ביי א תהילים און איז מיט התמדה ממשיך, מיטן זעלבן ניגון, דאס קאפיטל.

— ר' ישראל הערש, רוף איך מיר אן צו אים, איצט אום שמחת־תורה, ווען דער עולם איז בגלופין, פריילעך, מען טאנצט אין די גאסן, זיצט איר גאר דא און זאגט תהילים, דערצו נאך מיט אזא וויינענדיקן ניגון?

—יא, ענטפערט ער מיר, צי ווייסטו דען נישט, אז דווקא איצט איז דער רבונו־של־עולם „זשעדנע" נאך א שטיקל תהילים?...

★

אן אייגענער „שד"...

דאס האט פאסירט אין איינער א פינסטער׳ער ווינטערדיקער נאַכט פון די ערשטע צוואנציקער יארן. עס האט שוין זיכער געמוזט זיין נאך חצות, און בנימין גינזבורג גייט זיך אזוי אליין פארביי דעם מארק און הערט פון דערווייטנס, ווי עמיצער קלאפט וועש ביים טייך.

וואלט דאס געהערט א פשוט׳ער ייד, קלערט ער נישט קיין סך, לויפט אוועק צום רב, וועקט אים אויף, שאפט א מנין יידן און מען הויבט אן צו זאגן תהילים. ווייל ווער קאן דען קלאַפּן וועש אין מיטן דער נאכט, אויב נישט קיין שדים, רוחות און נישט־גוטע? אבער בנימין איז דאך געווען א היינט־וועלטיקער, באוווסטזיניקער און אויפגעקלערטער יונגערמאן, וואס איז אים בכלל אופן געדאנק נישט געקומען וועגן וועלכע עס איז טייוואלים. אים האט פראסט און פשוט פאראינטריגירט, וועלכע באלעבאסטע עס קאן דאס זיין, וואס האט אויסגעקליבן אין מיטן נאכט אלס פאסיקע צייט צו וואשן וועש.

אן מורא איז ער געגאנגען אין דער ריכטונג פון וואנען דער קול פון קלאַפּן האט זיך געהערט. ווען ער קומט צו אויפן אָרט, און קוקט זיך גוט איין אין דער פינסטער, גלויבט ער נישט אליין זיינע אייגענע אויגן. אנשטאט א יידענע, ווי ער האט זיך פארגעשטעלט, איז גאר געזעסן א ייד מיט א גרויסער בארד און מיט א „קייאַנקע" געקלאַפּט די וועש אויף א שטיין.

— וואס איז מיט אייך, ר׳ משה?, רופט זיך אפ בנימין. אזוי שפעט אין דער נאכט, זיצט איר גאר און וואשט וועש?

— וואס דען האסטו געוואלט?, ענטפערט אים ר׳ משה, אז איך זאָל מיך אוועקזעצן אין מיטן העלן טאג און וואשן צוזאמען מיט אלע יידענעס?...

ש. צ.



א שפאציר אויפן „הירש"

א. ב. שושני
ישראל

שלמה עקיבא, דער שטאָט־נאַר


נישט געווען קיין יידיש שטעטל אין פוילן, אָן איר שטאָט־נאַר. אָט אזוי ווי א שטעטל האָט געדאַרפט האָבן איר פעלדשער, בעדער, נאַכט־שומר, און הייבאַם — אזוי האָט זיך געמוזט אפזוכן א שטאָט־משוגע׳נער, וואָס האָט אנגעהערט צום גאַנצן ציבור און קהל האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר זיין אויסהאַלטונג.

געוועגלעך, זענען די שטאָט־נאַראָנים געווען האַלבע אידיאָטן, מעלאַנכאָליקער, אָדער ווילדע בריות, וועלכע האָבן אנגעטאָן שאָדנס די איינוווינער. גאווראָווע האָט געהאַט מזל. איר שטאָט־נאַר איז דווקא געווען א גוטמוטיקער, א שמייכלענדיקער, גערעדט זינגענדיק, און געבראַכט גרויס נוצן מיטן טראָגן וואַסער אין די הייזער, מאַכן א שליחות און טאָן א געפעליקייט פאַר יעדן איינעם.

שלמה עקיבא בעסערמאַן איז געווען א גאווראָוועער געבוירענער פון א שיינער בעל־הבתישער משפחה. זיין פאָטער ר׳ לייבל, אַן ערלעכער ייד מיט א לאַנגער ווייסער באָרד און א יודע ספר איז געווען אַ מלמד אין שטעטל און א בעל־תוקע אין דער גרויסער שול. זיין ברודער אביעזר איז געווען רב אין קאַמאַראָווע. זיין צווייטער ברודער, צדוק, האָט זיך געהאַלטן פאַר א פילאָזאָף, געלייענט ליטעראַטור און ליב געהאַט צו דיסקוטירן.

ווי שלמה עקיבא אליין האָט דערציילט, איז ער אלס קינד אַראָפּגעפאַלן פון א בוידעם און פון דעם האָט זיך ביי אים גערירט דער מח. זיין פאָטער האָט אים אַרומגעשלעפּט צו אלע דאָקטוירים פון דער סביבה. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מעגלעך, אַז עס איז ריכטיק געווען זיין השערה. עס קאָן אויך זיין, אַז ער איז געבוירן געוואָרן א „גערירטער אויפן מח״. איין זאַך איז קלאָר: זיין פאָטער האָט אנגענומען אלע מיטלען אים צו העלפן. דערפאַר איז שלמה עקיבא געווען שטאַרק צוגעבונדן צום פאָטער. נאָך דער פטירה פון פאָטער, (שבט תרע״ג), איז שלמה עקיבא, איינמאָל אַוועק אויפן בית־הקברות און גענומען אים אויסגראָבן פון קבר. ער האָט אים געוואָלט צוריקברענגען מיט כח אין שטוב אריין...

שלמה עקיבא איז געשטאַנען צום פריזיוו נאָך אין די רוסישע צייטן — פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מיליטערישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אים חושד געווען אַז ער מאַכט זיך ספּעציעל משוגע, כדי מען זאָל אים באַפרייען פון מיליטער־דינסט. מען האָט אים אָבער נישט באַפרייט, נאָר אפּגעשיקט אין זייערן א שפּיטאָל אויף אָבסערוואַציע. נאָך אַן האַלב יאָר האָט מען אים ערשט באַפרייט, און איז צוריקגעקומען



שלמה עקיבא פאָזירט פאַרן פאָטאָגראַפיסט — ביי דער ארבעט

אין שטעטל אַן אויסגעפּאַשעטער, אויסגערוטער, א פריילעכער און געקוואלן פון גרויס שמחה...

שלמה עקיבא האט געהאט א פענאמענאלן זכרון. ער האט געדענקט אלטע געשיכטעס פון קינדווייז אָן, און האָט דערקאַנט מענטשן, וואָס ער האָט נאר איינמאל אין לעבן געזען זייט יארן לאנג. ער האט זיך באזונדער „ספּעציאַליזירט" ביים דערקאנען טליתים. צווישן צענדליקער טליתים האט ער געקאנט אנווייזן צו וועמען יעדער טלית געהערט און קיינמאל קיין טעות נישט געהאט. געווען פאלן אין שמחת־תורה, ווען פארשידענע טליתים האָבן זיך אויסגעמישט און די בעלי־בתים אליין האבן זיי נישט געקאנט דערקאנען. האט מען געשיקט רופן שלמה עקיבאן, און ער האט אלעמען אויסגעטיילט דעם טלית אָן וואַקלעניש.

שלמה עקיבא איז אויך געווען א גרויסער „מייסטער" אין עסן. זיין מאגן האט אויפגענומען מענגעס מיט שפייז — ממש אָן אַ גרענעץ. ער האָט גארנישט געוווּסט פון קיין זעט. אין אלגעמיין איז ער געווען ערלעך און קיינמאל נישט אנגערירט יענעמס רכוש. וואָס שייך אבער עסן — דאָ האָט אַלץ געהערט צו אים. ווי איז געווען צו דער בעל־הבית׳טע, וואָס האָט ארויסגעשטעלט די שבת׳דיקע פיש אויפן פענסטער צום אפּקילן. שלמה עקיבא פלעגט זיך אונטערגנב׳ענען און אויפעסן דעם גאנצן קילא פיש און אפילו צוויי אויך. דערנאך האט ער פארלעגט זיך די הענט אויף הינטן, ברייטלעך שפּאצירט אין מאַרק, און זיך צוגעזונגען: „איי זענען יענטעס פיש געווען געשמאַק, מחיה נפשות!"

נישט איינמאל האט זיך די בעל־הבית׳טע דערוווסט פון „אומגליק״, ערשט נאכן הערן שלמה עקיבא׳ן זינגען. דאָך, איז קיינער נישט בייז געווען אויף אים. יעדער האט געוווּסט אז אויב מען לאזט די פיש אויפן פענסטער אן שמירה — געהערן זיי אויטאמאטיש צו שלמה עקיבא׳ן...

אין זיינע פרייע שעה׳ן, נאכן אפטראגן וואסער צו זיינע קליענטן, פלעגט שלמה עקיבא זיך ברייט אויסזעצן אין בית־המדרש ביים אויוון, אדער אין אלעקסאנדער „שטיבל״, אביסל דרעמלען, אדער אונטערברומען זיך א ניגונ׳דל. זיין גוטער זכרון האָט אים אויך געדינט צו געדענקן ניגונים. ער האט געהאט א גוטן חוש פאר זינגען, און האָט געדענקט יעדן ליד, וואָס ער האָט געהערט, אויפן נאמען פון בעל־מנגן. מנהג געווען אים צו פרעגן: „וואס פאר א ניגון האָט געזונגען ישראל לייב צו „יצוה״? — האט ער גלייך געענטפערט און אויפגעזונגען. אָפטמאָל פלעגט ער ריידן צו זיך אליין, פירן אַ גאנצן ויכוח מיט זיך אָן אַ סוף.

שבת פלעגט ער עסן ביי ר׳ ישעיה שמואל נתן׳ס, די גוטע שבת׳דיקע סעודה. ערשט דערנאָך — ארומגיין אין די הייזער און כאַפן ביי דעם אביסל שטאָלענט, און ביי יענעם — א שטיקל קוגל. סתם אַ שטיקל חלה — איז אויך געווען אַ ענין.

אַ טובה צו טאן א מענטשן, אַדער העלפן יענעם טראָגן א שווער פעקל, איז שלמה עקיבא שטענדיק גרייט געווען, אפילו אינמיטן דער נאַכט, נישט, חלילה, על מנת לקבל פרס. די שטאָט־מענטשן האבן אים ליב געהאט. איז ער אמאל קראַנק געוואָרן, האבן אלע געזאָרגט פאַר אים, ער האָט געפעלט אין שטעטל... אמאל האט אַ פייער, א רוצח פון א נאענטן דאָרף, אים אראפגעווארפן פון עטלעכע טרעפּ, און ער איז געבליבן ליגן א פארחלשטער. דאָס גאנצע שטעטל איז דאן „געגאנגען אויף רעדלעך״, מען האָט דעם פויער געוואָלט ממיתן. טרעגער און קצבים האבן אים „מכבד״ געווען מיט טויטע שלעק.

שלמה עקיבא האט געהאט זיין שטענדיקע אכסניה ביי חיה זעלדע קלעמפנער, די „בלעכערקע״. די דאזיקע גוטע פרוי האָט אים אויסגעהאלטן לשם מצוה, געגעבן עסן, געפלעגט, זיין וועש געוואשן, און אים געהאלטן ווי אן אייגן קינד. דערפאר איז ער טאַקע, שטענדיק געווען ריין, גוט־און וואַרעם אנגעטאָן, און גוט אויפגעהאלטן. אויך ער איז געווען זער צוגעבונדן צו איר.

שלמה עקיבא איז אומגעקומען אין די מלחמה־יאָרן.

מ. רימון
ישראל

שטעטלדיקר פאלקלאר

(נעמען און צונעמענישן)

זעלטן געווען צו געפונען א מענטש אין שטעטל, וואס זאל נישט האבן געהאט א צונעמעניש אלס צוגאב צו זיין נאמען און פאמיליע־נאמען. די צונעמענישן זענען געטיילט געווען אין פארשידענע קאטעגאריעס. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען גערופן געווארן לויטן פאך פון בעל־דבר. דער אייגנטלעכער פאמיליע־נאמען איז איבערהויפט נוצאלז געווען. ער האט נאר געדינט פאר די שטייער־אמטן און ברייור־טרעגער. אזוי האט מען גערופן: יואל׳קע דער בעקער, וועלוול זייגער־מאכער, אייזיק קצב, זיינוול שוסטער, יאסל רימער, בעריש דער שטעפער, יאנקל סטאלער, לייבקע בעדער, ישראל לייב דער מלמד, שמעון סטעלמעך, אברהם יאסל דער שמיד, נטע דער מילנער, ישראל אהרן דער גלעזער, יאסל זילארזש, מרדכי דער שמש, ניסקע דער שוחט, אבא בעל־העגלה, מיכל דער בייגער, יעקב הערש קאשעמאכער, אברהם יצחק דער קוואשניק, הערשל ציקערל־מאכער, בערטשע שניידער, יאסל וועלוול דער בלעכער, חיים פאקטער, דן דער טרעגער, יאסל פריזיער חיה די פישערקע א. א. עס האט אויך פאסירט, אז דאס פאך אליין איז נאך ווינציק געווען, האט מען צוגעלייגט צו דעם נאך א „ביילאגע". ווייל עס האט דאך געקאנט פאסירן, אז אין שטעטל זאלן זיין צוויי שמידן מיטן זעלבן נאמען, האט מען ביי איינעם געמוזט אונטערשטרייכן: דער קאלטער שמיד, אדער דער קאלטער שניידער, דער קאלטער שוסטער, דער קאלטער גלעזער א.א.וו. דאס האט געהייסן א שלעכטער בעל־מלאכה, אן פעאיקייטן, אן געשמאק — א פשוט׳ער טאנדייטניק... א טייל האט מען גערופן לויטן בארוף, ווי: שיע דער דאזאר, חיים דער סאלטיס א. א.

עס איז געווען א קאטעגאריע צונעמענישן לויט דעם יחוס־אבות. עס האט נישט גראד געמוזט זיין א מאן. אזוי האט מען גערופן: חנא רייצעס, יאנקל דער זאוועליכעס, מענדל ציפעס א. א. די פרויען, אויף וועמענס נעמען מען האט גערופן די מענער, האבן געפירט א פאטריארכאלישן שטאט. אזוי איז געווען די א. ד. רייצע, א קלוגע פרוי, ביי וועלכע פיל מענטשן זענען געקומען זיך עצה׳נען. עס זענען אויך געווען פאפולער: יהיאל מאנעסעס, שייע שמואל נתן׳ס, אברהמ׳קע נתן קלמנס, רחל שמואל׳קעס בערטשע קאלאדזשער, משה הינדעס, א. א.

עס האט זיך דעצידירט די פיזישע זייט פון מענטשן, ווי: דער גרויסער מרדכי, דער הויכער שמש, דער קליינער אברהמ׳עלע, דער קליינער מאיר׳ל, אברהמ׳ל טל־ומטר, דער שלאסערל א. א. טייל האט מען צוליב זייער קליין־וויקסיקייט גלייך גערופן: אבא׳לע, איצעלע א. א.

עס זענען אויך געווען צוגערייזטע פון אנדערע שטעט. זיי האט מען גערופן לויט די שטעט פון וואנען זיי שטאמען: דוד אסטראווער, וועלוול דער ראדזשילאווער, משה פאשעקער, וועלוול דער בריזשניער, יידל מאקאווער, וועלוול דער ווענגראווער, אדער דער טשערווינער שוסטער, דער מאקאווער שניידער א. א.

די געזיכטס־פארב האט אויך געשפילט א ראלע, ווי למשל: דער געלער אייזיק, דער שווארצער אברהמ׳ל, די שווארצע דבורה א. א. עס איז אויך ביי אונז געווען סתם כשר׳ע פאמיליע־נעמען, ווי: גמרא, משניות און תהילים.

אייניקע פרויען האט מען גערופן לויטן פאך פון זייערע פארשטארבענע מענער. אזוי צ. ב. ש.: אלטע די סטאלארקע, חיה זעלדע די בלעכערקע, מלכה די היטל־מאכערקע, שרה גיטל די שמידקע, די פרעזעסקע, א. א.

די אלע צונעמענישן זענען געווען מבחינת לא מעלה ולא מוריד. עס זענען אבער געווען צונעמענישן, וואס איז שוין געווען אין זיי א טאָן פון באליידיקונג. פון ריין עטנאגראפיש־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפונקט וואלטן זיי דאך געדאַרפט פארצייכנט ווערן. אזוי ווי איך וויל דא קיינעם נישט פוגע בכבוד זיין, וועל איך מיר באגנוגענען מיט דאס אויבן געבראכטע, כאטש די גאלעריע איז זער גרויס...

גובורובה ב„הצפירה", בשנת 1887

סיום ש"ס

„הצפירה" מספר 24, 1887

מגאוואראווע (פלך לאמזא) מודיע ה׳ יעקב צבי הכהן כי ביום ג׳ פרשת שמות חגגה שם חברת ש"ס את חג הסיום הגדול בבית המדרש של גבאי החברה ה׳ יהושע גינזבורג נ"י, והרב הגאון אב"ד העיר דרש דרוש נחמד מעניני דיומא לכבוד התורה ולומדיה. החזן עם להקת משורריו שרו שירים נאים וזמירות נעימות לכבוד החברים הנכבדים, וכל העיר צהלה ושמחה.

בדרך אגב מעיר הסופר את אזני הגבאי, כי לא נכון לקבל בין חברי החברה הנכבדה אנשים שאינם בני תורה והש"ס כספר החתום הוא לפניהם...

כמעט עלילת־דם

„הצפירה" מספר 115, 1887

גאוואראווע כ"ח אייר. אתמול בבוקר באה אשה נוצריה לבית תפלתם ועמה ילד בן שש שנים ומיד נאבד ממנה, ועד הערב בקשוהו ולא יכלו למצוא אותו. ואלפי תודות לה׳, הנוצרים שבמקומנו יושבים שלוים אתנו. עם כל זה כבר אמרו רבים מהם כי שמעו מאבותיהם כי היה כבר לעולמים שנאבד ילד נוצרי ומצאו אותו אחר כך שחוט בבית המדרש. ובודאי גם היום היהודים סחבוהו וטמנוהו באחד המקומות לצורך דמו. וכל היום השמיע הפעמון על אבידת הנער ואמו צעקה בחוץ על הנער הנאבד. עד כי לעת ערב בא אחד הנוצרים מכפר זאבין הסמוך לעירנו ואמר שהילד נמצא שם כי טעה בדרך. וכאשר שאלו מהיכן הוא, לא ידע לבטא שם מקומו וחשבו שהוא מכפר הנ"ל. וחמת הנוצרים שככה.

ובכן מחויבים אנו להודות לה׳ על ילדי הנוצרים שאינם נאבדים.

(משה יהושע גינזבורג)


בינם העלער

בינם העלער
ישראל

אויף פוילישע פעלדער

אויף פוילישע פעלדער — צעוואָרפענע ביינער,
אויף אַלטע בית-עלמינס — פאַרלאָזענע שטיינער —
ווער דאַרף זיי איצט האָבן?

די טויטע, אַזוי ווי מען האָט זיי געלאָזן —
זיי ליגן אין ווערן פאַרוואַקסן מיט גראָזן —
ווער וועט זיי באַגראָבן?

אַזוי ווי מען האָט זיי צעשאָסן צוזאַמען,
עס קלאַמערט זיך אַלץ נאָך דאָס קינד צו דער מאַמען —
ווער וועט זיך צעשרייען?

אַזוי ווי מען האָט זיי אין געטאָ פאַרשאָטן —
זיי ליגן אין זאַמד און אין ציגל פאַרקנאָטן —
ווער וועט זיי באַפרייען?

אין דערפער און שטעט שטעלט זיך איין שוין דער שלום,
זיי זינגען שוין לידער און קאָכן מאכלים
און לאַכן ביים עסן,

און מיינען, אַז טויטע קאָן קיינער נישט וועקן,
אַז אַלץ, וואָס מען קאָן מיט דער ערד נאָר פאַרדעקן,
מוז ווערן פאַרגעסן.

ד״ר אריה ליאון קובובי
יו״ר הנהלת יד־ושם — ישראל

„אם כי נידונו למוות, לא איבדנו את צלם הא־לוהים"

כשאנו מתייחדים השנה עם זכרם של ששת המיליונים שהושמדו ושל קהילות ישראל שנחרבו על־ידי הנאצים ועוזריהם, מן הראוי שנלמד הפעם את לקח השואה לאור רשימותיו ומפעלו של ההיסטוריון של גיטו ורשה, ד״ר עמנואל רינגלבלום.


מה היה הכוח שהניע את רינגלבלום וחבר עוזריו ממבצע „עונג שבת" להעלות יום יום על הנייר, בשקידה שלא נתנה להם מרגוע, את שחזו ושמעו, כאילו דאגה זו לרשום את התלאות ואת הפורענויות ולמסור אותן לדורות הבאים, היתה הצוו העליון של חייהם? אין זאת, אלא מפני שראו את פעולתם כשליחות עליונה. ואמנם רשאים אנו לראות אותם כיורשיהם וממשיכיהם של אותו „גבר שראה עוני בשבט עברתו", כי, לפי הגדרתו של דובנוב, אנו עם שהיה „היסטורי בכל הזמנים", והתודעה ההיסטורית שלנו נובעת מההכרה, כי מוכים, מעונים, מושפלים ונרצחים, אין אנו אף פעם אבק עפר היסטורי וכי לכל מה שעובר עלינו יש משמעות עמוקה, משמעות לדורות.

היתה גם מטרה מיידית לקבוצת רינגלבלום, והיא לנסות לגלות לעולם את רצח העם היהודי. נוצר הרושם לאחרונה כאילו לא ידעו האומות, משך כל שנות המלחמה, על האסון שפקד אותנו. נכון הדבר שעד יוני 1942 הקיפה חומת שתיקה את מלחמת הכליון בעמנו, ושהיטלר הצליח לנטוע בבעלות הברית את הפחד, שמא יבולע למאבקן, אם יגלו עניין בגורל היהודים. אך ביוני נפרצה החומה, וב־26 באותו חודש כותב רינגלבלום, שהאזין לשידור בריטי: „בשבועות האחרונים הביא הרדיו האנגלי בלי הרף ידיעות על האכזריות ביהודי פולין: חלמנו, וילנה, בלז׳ץ וכדומה... מילאנו את הובתנו... אף מותנו לא יהיה לשווא... גילינו את התכנית השטנית של השונא להשמיד את יהדות פולין, אשר הוא זמם לבצע אותה בחשאי... ואם אנגליה תעמוד בדיבורה כשאיימה באמצעי תגמול — אז אולי ניצלנו".

איך העריכו רינגלבלום וחבריו את אורח חייהם? את התשובה אנו מוצאים באיגרת מיועדת לניו יורק אשר הוא ואדולף ברמן כתבו ב־1 במארס 1944, שבוע ימים לפני מותו, המתחילה בשורות המזעזעות: „אנו כותבים לכם בשעה בה 95% של יהודי פולין כבר הלכו לעולמם ביסורים איומים" ואשר בה אם אומרים: „הסיסמה של האקטיב החברתי היהודי היתה: לחיות בכבוד ולמות בכבוד". ואיך הם מפרטים מלים אלה? הם מייחדים סעיף ל„אפופיאה הנפלאה של הלחימה בנשק: ההגנה בגבורה על גיטו ורשה, המאבק הנהדר בביאליסטוק, המערכות בטארנו, בנדין, צ׳נסטוכוב ומקומות אחרים",


אך מקדישים את עיקר האיגרת למעשי העזרה ההדדית ולעבודה הרוחנית. וכך הם אומרים: „(הסיסמה) התבטאה בפעולה התרבותית הנרחבת, שהתפתחה, למרות העריצות ללא תקדים, הרעב והמצוקה, והיא גדלה בהיקפה ובעומקה, עד למות הקדושים של יהדות פולין". וכך כתב רינגלבלום עוד ביוני 1942, מבלי להעלים את הצללים, את מעשי השחיתות והבגידה: „ואם ישאל העולם: מה חשבו אנשי המוסא־דאג של גיטו ורשה, אשר הבינו שהמוות לא יפסח עליהם, כפי שלא פסח על היישובים היהודיים בעיירות הקטנות, ייאמר — כי אם נידונו למוות, לא איבדנו את צלם האלוהים".

ואיך העריכו את מותם? לעומת הוויכוח העלוב, אשר הדיו נשמעים עוד היום, אם יש לראות במות ששת המיליונים מות קדושים, כדאי להביא את עדותו של רינגלבלום על מותו ועל מות משפחתו. כאשר נתגלה לו, בשבתו בבית הכלא „פאוויאק", סיכוי־מה להצלה בלי אשתו ובנו, הגיב: „אני מעדיף למות על קידוש השם יחד אתם". וכשם שמשפחתו מתה על קידוש השם, כך מתו על קידוש השם כל משפחות העם הנכחד. רינגלבלום ידע כי הרוב המכריע של ששת המיליונים, על־ידי סירובם לוותר על כבוד האדם, על־ידי הזדהותם עם גורל עמם, על ידי הקדשת הימים שנשארו להם לערכי־רוח ולמעשים טובים, יישארו צרורים בצרור החיים הנצחיים של אומתנו.



אנדרטה לזכר גבורי גיטו וארשה. (בחזית — מרדכי גובורצ'יק)

הרב יצחק ידידיה פרענקעל
ישראל



הרב י. י. פרנקל

„את אחי אנכי מבקש"

מיט א שווער הארץ, מיט אַ לאסט אויף דער נשמה, בין איך געפארן קיין פוילן, מיט דער דעלעגאציע פון מדינת ישראל צו דער צוואנציקסטער יארצייט פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד — צו זוכן רעשטלעך פון דער גרויסער טראגישער שריפה — רעשטלעך פון דעם גרויסן פוילישן יידנטום, פון די מיליאנען קדושים וטהורים. אלט און יונג, פרויען און קינדער, גאונים און צדיקים, רבנים און אדמו"רים, חסידים און אנשי־מעשה, תלמידי־חכמים און פשוטע יידן, ערלעכע און ריינע, ארבעטער און הארעפּאשנע יידן, פאעטן און וועג־ווייזער, מענטשן פון גייסט, העלדן און טרוימער, שעפער און קעמפער — אט דאס אלץ, וואס איז דורך די נאצישע הארדעס דערמארדעט, פארברענט, דערשטיקט, פארגאזט און אפּגעמעקט געווארן פון דער וועלט. — — —

נאך 30 יאר פון מיין פארלאזן פוילן בין איך געפארן זוכן, אויב נישט מיינע ברידער, מ׳שטיינס געזאגט — כאָטש די קברים פון מיינע ברידער! אבער אפילו דאס האבן די חיות אונז נישט איבערגעלאזט. — זייער אש איז צעזייט און צעשפּרייט איבער די געוועזענע טויט־לאגערן; — די ערד אנגעזאפּט מיט זייער בלוט, איז שוין ווידער פאראקערט; די שולן און בתי־מדרשים — טייל חרובע, טייל דינען אלס שטאלן פאר פערד; די בתי־קברות פון אונזערע עלטערן — צעשטערט; די מצבות וועלכע האבן דערציילט טויזנט יאר היסטאריע, טויזנט יאר יידיש גרויס שעפעריש־און גייסטיק־רייך יידנטום — אויך זיי זענען מער נישטא, זיי דינען אלס שטיינער צו פוילישע שאסייען...

יא! אזוי האט געקלאגט דער נביא ירמיהו, דער נביא פון חורבן: „גדול כים שברך, מי ירפא לך" — „גרויס ווי דער ים איז דיין בראך, ווער וועט דיר היילן?" יא! גרויס ווי דער ים, און טיף ווי דער ים, און אויך אכזריות׳דיק ווי דער ים! א חורבן אויף דער יבשה, א שריפה, אן אויפרייס, א ערד־ציטערניש — אלץ בלייבט א זכר, אז עס האט דא עפּעס עקזיסטירט, עפּעס האט דא געלעבט און געאטעמט, אנדערש אבער איז א קאטאסטראפע אויף דעם ים, די איז פילפאכיק טראגישער, ווייל:

אט האט ערשט געאטעמט און געלעבט א שיף מיט מענטשן, מיט שטרעבונגען, מיט צילן, מיט ליידנשאפטן, יעדער איינער — א גאנצע וועלט, און אין געציילטע מינוטן איז אלץ אונטערגעגאנגען, און דער ים — ווי קיינמאל גארנישט, שטראמט זיך ווייטער, שפילט זיך מיט זיינע פאלדן אין די זון־קאלירן, פלעסקעט זיינע לייכטע כוואלעס, בייטנדיק זיינע בלאע קאלירן, אקוראט, ווי נישט ערשט, מיט אייניקע מינוטן צוריק, האט זיך דא אפגעשפילט א שרעקלעכע טראגעדיע, ווי מיט אייניקע מינוטן צוריק וואלטן זיך דא נישט געראנגלט מאמעס מיט קליינע קינדער, אויסהויכנדיק זייער לעצטן אטעם־צוג מיט פארשטיקטן וויי־געשריי.

אט־די אכזריות פון ים איז דער שרעקלעכסטער טייל פון דער טראגעדיע פון חורבן. און אט די טיפקייט פון דער טראגעדיע האט אונז געטראפן! די יידישע שיף, דאס פוילישע יידנטום איז פארשלונגען געווארן אין תהומות, אין די וויסטע אפגרונטן, אבער דער פעלקער־ים שטראמט ווייטער, ווי מיר וואלטן נישט עקזיסטירט — — —

און עס רייסט זיך ארויס פון די טיפענישן פון אונזער נשמה, דער וויי־געשריי פון ר׳ נתן נטע האנאווער, וועלכער האט געלעבט אין דער צייט פון כמעלניצקיס פאגראמען און שחיטות:

א. איה מעון האריות חכמי ישיבות,
איה בית נדיבות,
איה סופר, איה שוקל, גודר משובב נתיבות,
איה המשפט בין דם לדם ודברי ריבות,
איך תשתפכנה אבני קודש בראש חוצות,
ומקדשי מעט כאבני קיר מנופצות.

ב. פולין העדינה לתורה ולתעודה,
למיום סור אפרים מעל יהודה,
עתה גולה וסורה, שכולה וגלמודה.

ג. מה אעידך ומה אדמה לך ארץ פולין,
יגעתם באלו הנשרפים, ובפרק כיצד תולין,
שניתם באלו הן הנחנקים, ובפרק חולין,
בפרק אלו הן הלוקין, ובפרק אלו הן הגולין.

אזוי האט מען געקלאגט אין יענע צייטן, און אזוי קלאגן מיר — אזוי אין אונזער קלאג־ליד פון פוילן דאס וויגעלע פון תורה און חסידות:

גייסט, איידלקייט, און קוואל פון גוטע מידות,
ווארעמקייט, הארציקייט, און פול מיט התלהבות,
ביזט היינט א פארזינקענע אין תהומות,
ווי א שיף אין ים פון חורבן און רציחות,
רשעים האבן דיר פארוואנדלט אין א בית־הקברות,
וואס האט פארשלונגען די גופים און נשמות,
בלייבסט אויף אייביק דער גרעסטער חורבן פון אלע חורבנות,
האסט נישט געלאזט קיין זכר, ווי א בית־הקברות אן מצבות.

עס איז נאך נישט געבוירן געווארן דער טראגעדיע־מקונן, וואס זאל ברענגען

צום אויסדרוק דעם פארנעם פון דעם חורבן. די מענטשלעכע שפראך איז צו ארעם אין ווערטער, וועלכע זאלן דערציילן די „שיינקייט" פון דער „קולטור" פון 20־סטן יארהונדערט.

די וועלט איז נישט אויפגעציטערט געווארן, די זון האט נישט אויפגעהערט צו שיינען, די ערד האט זיך נישט געטרייסלט, ווען מען האט אין איר באהאלטן טויזנטער לעבעדיקע צאפלדיקע מענטשן, און מיט אכזריות דערשטיקט זייער לעצטן טויט־געשריי — — —

„כל הגוים סבבוני כדבורים דועכו כאש קוצים" — אלע גוים, אפילו די, וועלכע האבן מאביליזירט זייערע קרעפטן איינצולעשן די וועלט־שריפה — האבן זיך באצויגן צו אונזער שריפה, ווי צו א שריפה פון דערנער און שטעכיקע געוויקסן, וואס קיינער איז נישט פאראינטערעסירט איינצולעשן. אט אזוי האט אויסגעזען דער „חסד לאומים" — דער גוי׳אישער יושר!!

אט אָ דער גֶעפיל האט מיך באגלייט די גאנצע צייט פון דער נסיעה — און איך האב געהאט דעם געפיל, אז די גאנצע צייט באגלייטן מיך מיליאנען נשמות, מיט וועלכע די לופט איז פול — און מאנען ביי מיר און ביי אייך חשבון הנפש! — ביי מיר און ביי אייך! אבער נישט ביי דער גוי׳אישער וועלט. — „ביים קאזאק מאנט מען נישט קיין יושר" — עס וואלט זיין לעכערלעך דאס צו מאנען. ביי א וועלט, וועלכע האט געקאנט גלייכגילטיק פארטראגן, אזא חיה׳שע מערדערישע אויסראטונג פון מיליאנען־צענדליקער מענטשלעכע לעבנס — קאן מען פון קיין מאראל און מענטשלעכקייט נישט מאכן קיין קאריקאטור און פרעגן: פארוואס? און פארוואס?

אויב מאנען איז ביי זיך! איר לעבן־געבליבענע רעשטלעך פון פוילישן יידנטום — און די זענען שוין אויך נישט קיין יונגעלייט — וואס האט איר געטאן, אז דאס עראאישע קאפיטל „פויליש יידנטום" זאל נישט אפגעמעקט ווערן? אויב גאוואראווע איז אונטערגעגאנגען, זאל כאטש זיין א „גאוואראווע של מעלה" — א „ספר גאוואראווע"!

ווען משה רבנו האט געזען, אז דער עולם, וואס האט געליטן פון עמלקן האט אים שנעל פארגעסן, און ער האט געמוזט מאנען און שרייען, געוואלד! „זכור את אשר עשה לך עמלק", געוואלד — „אל תשכח"! — האט אים ג־ט געזאגט: „כתוב זאת זכרון בספר" — — — פארשרייב כאטש אין א ספר, זאלן די קומענדיקע דורות וויסן ווער עמלק איז! און זיך נישט לאזן פארנארן פון זיינע „קולטור"־פראזאלאגיעס. זאל ווערן פארשריבן אין „ספר גאוואראווע" די ליכטיקייט, לויטערקייט פון די כשר׳ע יידן, וואס מיט פארברענטע ליפן און פארטריקנטע מיילער פון דורשט — שפרייזן צום טויט מיטן „אני מאמין"! אין די אויסראטונגס־לאגערן, אין די גאז־קאמערן ביז צום קרעמאטאריום — „אני מאמין"! אין בונקערס, אין בהמות־וואגאנעס, אין אור־וועלדער, אין פינסטערע פראסטיקע סיביר־נעכט — „אני מאמין"! אין געטא אין פארטיזאנקע, אין קאמף און אין נקמה — „אני מאמין"! קיין קראפט אין דער וועלט קאן נישט ארויסרייסן דעם „אני מאמין"!

זאל ווערן פארשריבן אין „ספר גאוואראווע" דער געשריי פון די, וואס קאנען נישט שרייען — ביז עס וועט זיך הערן דער בת־קול: „מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה, יש תקוה לאחריתך ושבו בנים לגבולם".

יצחק ראמאנער
ישראל

אזוי האט זיך עס אנגעהויבן

(פראגמענטן פון א פארלוירענעם טאג־בוך)

27.8.1939. דאס שטעטל קאָכט ווי אַ קעסל. גרופּקעלעך מענטשן אויף די גאסן און פאר די געוועלבער דיסקוטירן: וועט אויסברעכן אַ קריג מיט דייטשלאנד, צי נישט? דן, אַ הויכער און מאגערער יונגערמאן מיט א צעשויבערט קורץ בערדל וויל איבערצייגן זיין גרופּע, אז א מלחמה איז אַן אומגלויבלעכע זאך. ער באגרינדעט דאס מיט פארשידענע ציטאטן פון צייטונגען, אז עס האַלט גארנישט דערביי... פאלט אים אריין איטשע מאיר, א ייד פונקט דער היפך פון אים: נידעריק מיט א נישקשה׳דיק בייכל — „וואס רעדט ער דער שוטה? איך קאָן דעם יעקע ווי מיינע צען פינגער. ער זויגט נאך פון זיין מאמעס מילך די יניקה פון קריג. סוף־כל־סוף וועט פוילן האבן דעם זעלבן גורל ווי די אנדערע לענדער, וואס היטלער האט איינגענומען. ווי דען אנדערש? אונזערע פּאַלאַקן האבן דען אין זינען די אויסערלעכע געפאר? זיי קעמפן נאר קעגן „זשידאָ־קאמונא״, אז א פּוילישער קונה זאל חלילה נישט אריינטרעטן אין א יידיש געוועלב. אזא פאָלק מיט אזא רעגירונג מוז ביים ערשטן צוזאמענטרעף מיט אַ פיינטלעכער אַרמיי זיך צעפאלן ווי א קארטן־שטיבעלע״.

דאס גרופּעלע פארגרעסערט זיך, עס קומען צו אלץ נייע מענטשן: סוחרים׳לעך, וואס איז זיי שוין נמאס געווארן צו זיצן און אויסקוקן א קונה, און סתם בטלנים און ליידיק־גייערס, וואס טוען א גאנצן טאָג גאָרנישט און ווילן איצט הערן אביסל „פּאָליטיק״, עפּעס נייעס.

1.9.39. נאר־וואס האט דער ראדיא נאכאמאל איבערגעגעבן די ידיעה, אז דאס פאשיסטישע דייטשלאַנד איז באפאלן די פּוילישע רעפּובליק. דער ספּיקער רופט דער באפעלקערונג צו רו, אָרדנונג און גרויסמוטיקייט. „מיר וועלן זיי ווייזן די שטענדיקע שונאים פון פוילן. וואס באדייט א פּוילישער זעלנער״. „אפילו קיין קנעפּל וועל מיר זיי נישט געבן״.

איבער די גאסן און געסלעך פון שטעטל צעטראָגן זיך די ראדיא־ידיעות בליץ־שנעל און שוין מיט אביסל גוזמאות. יעדער איינער גיט עפּעס צו: דער דייטש איז שוין 23 קילאמעטער אין לאנד, נאך דער גרענעץ ביי מלאווע. ער גייט אין פארשידענע ריכטונגען. איין ארמיי — אין דער ריכטונג קיין גאוואראווע. ווייבער, טראגנדיק די עמערס וואַסער פון דעם נייעם „פּלומפּ״, דעם א. ג. „ארטעזיסקן ברונעם״, שטעלן זיך אויף א ווײַלע אוועק און זיפצנדיק גיבן זיי איבער די נאר־וואס געהערטע נייעס.

זיי פאַרברעכן מיט די הענט און פּרוּוון זיך אַליין טרייסטן, אַז גאָט ברוך־הוא וועט זיך מרחם זיין און אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. מיט בטחון אין האַרצן צעגייען זיך די פרויען יעדע צו איר הויז, און פאַרנעמען זיך ווייטער מיט זייער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, נישט אָפּגעבנדיק זיך אַליין קיין דין־וחשבון, וואָס עס דערוואַרט אונז.

5.9.39 היינט זענען אָנגעקומען צו אונז די ערשטע פּליטים פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס ליגן נענטער צו דער גרענעץ. די איינוווינער האָבן זיי אויפגענומען, ווי עס פּאַסט פאַר יידן. מען האָט זיי אָפּגעגעבן צימערן, און ווו עס איז געווען אַ ביסל ענגער — אפילו די בעטן און אַליין געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע: „ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר וועלן זיצן אויף אונזערע ערטער״.

אויף דער גאַס איז טומלדיק. יונגע מענטשן טראַכטן ווו צו לויפן. ווו עס איז בעסער, ווייסט קיינער נישט.

6.9.39. מיר זענען היינט געוואָרן אויפגערודערט מיטן באַוויזן זיך פון די ערשטע דייטשישע עראָפּלאַנען. מיט זייער גערויש האָבן זיי אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די איינוווינער. זיי זענען געפלויגן זער נידעריק און ביי דער „פּאָווּשעכנער״ שולע האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן אַ באָמבע. איין קינד איז לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן און איין דערוואַקסענער — שווער. אין אייניקע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. דאָס איז געווען דער ערשטער דייטשישער קרבן.

7.9.39 די דייטשישע אַרמיי דערנענטערט זיך צום שטעטל אַלץ נענטער און נענטער. ביים רב אין שטוב קומען פאַר באַראַטונגען צווישן די פּני העיר, וועגן וואָס ווייטער צו טאָן: צי בלייבן און איבערוואַרטן די שלאַכטן, אָדער לויפן קיין וואַנסעווע. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס האָבן זיי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט זיך כמעט דאָס גאַנצע שטעטל געלאָזט אין דער ריכטונג קיין וואַנסעווע. יעדער האָט זיך געמאַכט אַ פּעקעלע פון דאָס נויטיקסטע און איז געגאַנגען. פון דער אָסטראָלענקער זייט איז דער הימל געווען רויט פון די שׂרפות. אויפן וועג באַגעגענען מיר אייניצעלנע זעלנער פון צעקלאַפּטן פּוילישן מיליטער. פאַריאָוש׳טע גייען מיר ווייטער. אָנקומענדיק קיין וואַנסעווע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן שוין דאָס שטעטעלע פאַרנומען און שוין באַוויזן אפילו צו דערמאָרדן אייניקע יידן. פון שלאָפן איז שוין קיין רייד נישט געווען. מיר זענען ווי עס איז איבערגעזעסן די נאַכט. ווי נאָר עס איז טאָג געוואָרן, האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע געקומענע יידן מוזן זיך אומקערן אויף זייערע ערטער.

8.9.39. דער צוריק־מאַרש איז אַ טרויעריקער. מידע שלעפן זיך די מענטשן מיט זייערע פּעקלעך אויף די פּלייצעס. ווען די דייטשן גאָפּעלט עמיצנס אַ פּעקל, הייסן זיי אים שטיין בלייבן און „באַפרייען״ אים פון דעם. זאָלן זיי נעמען וואָס זיי ווילן, אַבי דאָס לעבן צו שענקען. אָנקומענדיק אין שטעטל האָבן מיר אַלץ געטראָפן גאַנץ, אַזוי ווי מיר האָבן איבערגעלאָזט. עס איז ערב־שבת און ביי יעדן איז צוגעגרייט, ווי געוויינלעך, אַ שבת־סעודה. מיר עסן האַלב אין דער פינסטער און טראַכטן וואָס עס וועט ברענגען מיט זיך די נאַכט, אָדער דער מאָרגן. מיט טרויעריקע געדאַנקען ווערן מיר מידע אַנטשלאָפן.

9.9.39. פאַרטאָג ווערן מיר אויפגעוועקט דורך א גרויסער שיסעריי. די דייטשן שיסן אריין אין די שטובער, און ווער עס באַווייזט נישט ארויסצולויפן ווערט דערשאָסן. מיר לויפן שוין אויף טויטע. מען טרייבט אונז אויפן מארק. די דייטשן האבן ארויסגעלאזט א קלאנג, אז די יידן האבן דערשאָסן זייערע 2 סאָלדאַטן, און אַלס נקמה ווילן זיי פארברענען דאָס שטעטל. עס גייען שוין ארום דייטשן מיט נאפט און פאקלען, זיי באגיסן די הייזער און צינדן זיי אונטער. די שרפה צעפלאַקערט זיך.

מיר זענען דערווייל פארזאמלט אויפן מארק. ארום אונז, אויף די באלקאנען, שטייען זעלנער מיט מאשין־געווער געווענדעט צו אונז. זיי באפעלן צו קני׳ען. מיר מיינען, אז מען גייט אונז שוין שיסן, אבער מען פאטאגראפירט אונז נאר. דאן ווערן מיר געטריבן אין בית־המדרש אריין. דאס פייער אין שטעטל צעפלאַקערט זיך אלץ שטארקער און שטאַרקער, און מיר, אין בית־המדרש, צונויפגעשטופטע און צעדריקטע ווארטן אויפן סוף. אויך דער הויף פון בית־המדרש איז איבערפולט און צוזאמענגעפרעסט. פון אלע זייטן היטן אונז סאָלדאַטן, אז מיר זאָלן נישט אַנטלויפן. ווו איז דען דא צו לויפן? אין וואַסער אריין? דער ארון־קודש איז אָפן. דער עולם בעט צו גאָט, וויינט און שרייט. די ווייבער ספאזמירן, און די קליינע קינדער, נישט וויסנדיק, וואָס דאָ קומט פאר, צעכליפען זיך אויך גאר שטאַרק. איך זינק אין שוואַרצע געדאנקען. צי שוין איז דאס טאקע דער סוף? צי איז דער גורל פון דער גאנצער קהלה יידן פארברענט צו ווערן אין אייגענעם בית־המדרש? — — —

איבערגעריסן האבן מיר די געדאנקען, די אויפגעריסענע טיר. מענטשן שטופּן זיך צום ארויסגאַנג און אויך דורך די פענסטער שפרינגען זיי. וואס טוט זיך דא? צי זענען מיר ווירקלעך געראַטעוועט? און וואס ווייטער? נאר עס איז נישטא קיין צייט צו קלערן. דער גַעדראנק ווערט אלץ שטאַרקער און איך ווער מיטגעריסן מיטן שטראָם.

קוים ארויס מיט גאנצעביינער און מען טרייבט אונז אלע דורך דער בריק אויף דער צווייטער זייט פון טייך. פון דערווייטנס זעען מיר, ווי פון צודיקערס „אַלעיאַרניע" זעצן ארויס געוואלדיקע פלאמען. עס ברענט דאס הילצערנע הויז מיט די פעטן פון אינווייניק ווי אין גיהנום. מיר דערוויסן זיך אונזער נס: עס זענען צופעליק דורכגעפארן עטלעכע הויכע אָפיצירן און נישט געלאָזט אונז פאַרברענען. אזוי ארום זענען מיר ניצול געווארן פון א זיכערן טויט. מיר רוען אויפן פעלד ווו די בהמות פלעגן זיך פאַשען און ווידער מיט פחד פארן מארגן. אוי, האבן מיר מקנא געווען די בהמות!...

יעקב גורקא
ישראל

טאג־בוך פון א מאביליזירטן

דאנערשטיק, ד. 31־טן אויגוסט 1939

דאנערשטיק בין איך מאביליזירט געווארן אין דער פוילישער ארמיי. איך האב מיר געדארפט צושטעלן קיין ווארשע־פראגע, אויף יאגעלאנסקע 46. איך פאר מיטן צוג קיין ווארשע, וועלכער איז שוין פול מיט מאָביליזירטע. פון ווארשעווער באַן־הויף ווערן מיר, אונטער א שטרענגער מיליטערישער וואַך, אָפּגעפירט אין די געהעריקע זאמל־פונקטן. איך קום אן צום געגעבענעם פּלאַץ.

די אומאָרדנונג איז זער אַ גרויסע. מען זעט, אז די גאַנצע מיליטערישע אנפירער־שאַפט איז זער דענערווירט. ביז 10 ביינאכט האבן זיי קוים באוויזן צו דערליידיקן א קליינע צאָל מאביליזירטע. יעדער איינער האט באקומען א מונדיר, ביקס און גאז־מאַסקע. עס זענען נאך געבליבן אַ 200 מאן, בערך, און איך בתוכם. גוט אויסגעהונגערטע, פון א גאנצן טאג נישט עסן, האט מען אונז פון דאָרט געפירט א 2 קילאמעטער אין אַ מיליטער־קוך. און דאן, אין א זאל אויף איבערצונעכטיקן אויף דעם הוילן דיל.

פרייטיק, ד. 1־טן סעפטעמבער

פרייטיק פרי האט א העכערער אפיציר געהאלטן פאר אונז א רעדע, און צוו. אנד. מיטגעטיילט, אז די דייטשן זענען באפאלן פוילן און עס קומען שוין פאר שלאַכטן ביי דער גרענעץ, און אז יעדער פון אונז זאל זען וואס שנעלער פארן אין זיין פ.ק.או. איך האב מיר געדארפט צושטעלן קיין לאמזשע.

די באַן קיין לאמזשע האט ערשט געדארפט אפגיין 6 פארנאַכט. איך האב דערווייל אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך אראפּגעכאַפּט צו אונזער בן־עיר אברהם ווייסבארד, אויף פאַוויע 25. איך האב קוים באוויזן ביי אים עפּעס אפּצועסן און זיך אביסל אויסרוען, און מען הערט שוין ווי ווארשע ווערט באָמבאַרדירט דורך דייטשישע עראָפּלאנען. עס זענען שוין פאראן פיל קרבנות. די סירענעס פייפן כסדר און דער ראדיא טיילט וואס אמאל מיט: „נאַדכאַדזשי״. עס זענען גלייך געוואָרן שטערונגען אין דער טראמוויי־קאָמוניקאַציע און איך בין קוים מיט צרות אנגעקומען צום וואקזאל.

דאָרט זענען געשטאַנען פרויען און געטיילט יעדן מאָביליזירטן עסן. אין צוג האט מען אריינגעלאָזט נאר מיליטער־פליכטיקע. מיר פארן אין פינסטערע וואגאנעס. ווען מיר זענען דורכגעפארן גאוואראווע האָב איך באַשלאָסן אראפּצוגיין, און אויפן אָרט, אין דער היים, וועל איך באשליסן, אדער איך בלייב, אדער ווייטער פארזעצן די רייזע קיין לאמזשע. אין שטוב בין איך אָנגעקומען ארום 2 ביינאכט. איך האָב

שוין דאָרט געטראָפן מיין פרויס עלטערן פון מישעניץ, ווי אויך פליטים פון רוזשאַן.

שבת, ד. 2־טן פעפטעמבער

אזוי ווי איך האב געזען, אז דער באלאגאן אין מיליטער איז זער גרויס, האב איך באשלאסן צו בלייבן אין גאווארשאווע. מיין פאטער האט מיר אבער געראטן צום פארן, ווייל לויט די מעלדונגען, קומט טויט־שטראָף פאר נישט צושטעלן זיך צום מיליטער. בבלית־ברירה בין איך צוריק אוועק צו דער באַן־סטאציע. מיט מיר האָט זיך אויך געפונען משה צימערמאַן, אויך א מאָביליזירטער. קיין צוג קיין לאמזשע איז שוין נישט געגאנגען, מיר האָבן נאָך באוויזן צו פארן מיט א לאָקאָמאָטיוו ביז שניאדאווע. מיר זענען דאָרט אַנגעקומען ארום 2 בייטאָג. פון דאָרט האבן מיר געמוזט גיין צופוס קיין לאָמזשע. משה צימערמאן האט זיך גלייך צוריקגעקערט קיין גאווארשאווע און איך מיט אַ גרופע קריסטן האבן זיך געלאָזט גיין קיין לאָמזשע.

צוליב די קאמפן ארום לאָמזשע האט זיך די פ.ק.או. שוין געפונען אויפן וואקזאל. איך האב מיר דאָרט גלייך געמאלדן. מען האט מיר תיכף געגעבן א מיליטערישן שינעל און א היטל ווי אויך אַ פונקציע: צו ארבעטן אין דער קוך, און געהייסן גלייך איינשטייגן אין ווארטנדיקן צוג.

ארום 2 בייַנאַכט זענען מיר אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג קיין שעדלעץ.

זונטיק, ד. 3־טן סעפטעמבער

זונטיק, אזוי ווי עס האט נאר אנגעהויבן צו טאָגן, האבן גלייך דייטשישע עראפלאנען אנגעהויבן באָמבאַרדירן אונזער צוג. דער צוג בלייבט שטיין און מיר אלע צעלויפן זיך אין דערנעבנדיקן וואַלד. ערשט אין אייניקע שעה׳ן ארום האבן מיר געקאנט פארזעצן אונזער רייזע.

אויף יעדער סטאציע זענען געווען פארזאמלט פיל מענטשן. מען האט אונז געוואָרפן עסנווארג, זיסווארג און בלומען אין די וואגאנעס אריין. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אנגעקומען קיין ביאלא־פאדל. דאָרט איז געווען א עראָפּלאַן־פאבריק און דער דייטש האט שוין באוויזן צו מאכן פון איר אַ בארג אש.

מאנטיק, ד. 4־טן סעפטעמבער

אין ביאלא־פאדל זענען מיר געווען עטלעכע טעג אין די שייערן ביי די ארומיקע פויערים, און נאכער האט מען גענומען אונז ארגאניזירן. מען האָט אונז איינגעטיילט אין „קאָמפּאַניעס״, „דרוזשינעס״ א.א.וו. מיר האט מען באשטימט פאר א גראנאטן־ווארפער. אבער אין מיטן דרינען האט אונז דער דייטש דערשנאַפּט און אנגעהויבן אונז צו באווארפן מיט באמבעס פון זייערע עראָפּלאנען. עס זענען גלייך געווען הרוגים און פארוווּנדעטע. מען הייסט אונז לויפן אין דערבייאיקן וואלד וואס טיפער. דאָרט זעצט מען פאר דאס ארגאניזירן, און מיר הויבן גלייך אן צו מארשירן פארויס.

אין מיטן גיין ווערט א בהלה. עס קומען אָן ידיעות, אז דייטשן יאגן אונז. מיר קריגן א באפעל צו לויפן אין דער ריכטונג קיין בריסק־ליט. דער כאַאָס איז געווארן וואס אמאל גרעסער. די נאַכט איז צוגעפאלן און אין דער פינסטער האבן מיר געהאט פארשידענע מכשולים. אויפן וועג האב איך פארלוירן א שיך און קוים געקאנט מיטלויפן.

שבת, ד. 9־טן סעפטעמבער

אנקומענדיק קיין בריסק, האבן מיר, א 4 יידן, זיך אָפּגעטיילט פון דער

קאָמפּאַניע, און געגאנגען אין שטאָט אריין קויפן עפּעס צו עסן. דערווייל האבן די דייטשן אנגעהויבן צו באָמבאַרדירן די שטאָט. איין באָמבע איז געפאלן נעבן אונזער באהעלטעניש און מיט ניסים זענען מיר לעבן געבליבן.

צוריקקומענדיק, זענען שוין אלע (א 3000 מאַן בערך) געווען גרייט צו מארשירן ווייטער, קיין קאָברין. מיר זענען אריין אין די רייען און אנגעהויבן גיין, אבער נאכן דורכמאכן א 2 קילאמעטער קומט א באפעל זיך צו פארנעמען צו דער בריסקער פעסטונג (די באַרימטע בריסקער פאָרטן) און דאָרט איבערנעכטיקן. מיר זענען שוין געבליבן דאָרט אייניקע טעג.

דאנערשטיק ד. 14־טן סעפּטעמבער, ערשטער טאָג ראש־השנה

אינדערפרי ווערט אלעס צוריק אָרגאניזירט. די וואס האבן געהאט די פולע אויסשטאטונג און מונדירן זענען געשיקט געווארן אויפן פראָנט. איך, וואס האב געהאט נאָר 1 שיך, און ענלעכע, וואס האט זיי נאָר וואס געפעלט, זענען דערווייל געבליבן. מיר זענען געווען א פאַר־הונדערט מאַן. איך האָב דאָרט געטראָפן זעליקן דעם שוסטער (געשטאַמט פון טשערווין), שלום פּראָסקעס א שוואגער. און מיר האלטן זיך שוין צוזאמען. ביים איינשטעלן זיך צו דער נייער ציילונג, האט דער דייטש געעפנט אויף אונז א שטאַרקן פייער פון ארטילעריע און עס זענען דאן געפאלן א סך קרבנות. איך מיט זעליקן האבן נאך באוויזן זיך ארויסצושאַרן דורך א לאָך פון דער פעסטונג און אויף אלע פיר זענען מיר אזוי פארקראָכן ביז א וואסער. דאָרט האבן מיר געטראָפן נאך פוילישע זעלנער און מיר זענען שוין געווען א גרעסערע גרופּע. פון דערווייטנס האבן מיר געזען ווי די פעסטונג ברענט שוין. מיר גייען דורך פעלדער, ביז מיר קומען אָן צו א באַן־סטאַציע. א באַן־ארבעטער האט אונז מיטגעטיילט, אז בריסק איז שוין פארנומען דורך די דייטשן און אונז אנגעוויזן דעם וועג קיין וולאָדאַווע, וווהין מיר זאלן זיך ריכטן.

שבת, ד. 16־טן סעפּטעמבער

קיין וולאָדאַווע אופן בוג, זענען מיר אנגעקומען שבת פרי, דער עולם איז געווען ביים דאווענען. די יידן האבן אונז געגעבן א שטוב זיך אויסצורוען און אפּצועסן. נאך מיטיק האָט מען דאָרט צוריק אָרגאַניזירט די פאַרשידענע פליטים־זעלנער. מען האָט אונז איינגעשטעלט אין רייען און אנגעהויבן צו מארשירן אין דער ריכטונג פון כעלם. איך מיט זעליקן האבן באשלאָסן זיך אפּצוטראָגן... מיר זענען ארויס אומבאַמערקט פון די שורות און אריין צו א יידן אין שטוב אריין. דאָרט האבן מיר באקומען ציווילע קליידער און אויך ביי אים איבערגענעכטיקט.

זונטיק, ד. 17־טן סעפּטעמבער

זונטיק פרי זענען שוין די דייטשן געווען אין וולאָדאַווע. עס דויערט נישט קיין פאָר שעה׳ן און עס פאנגט זיך אָן א פרישער קאמף צווישן די פּאָלאַקן און די דייטשן. מיט אַ סך קרבנות און פארברענטע הייזער ווערט וולאדאווע צוריק איבערגענומען דורך די פּאָלאַקן. מיט אַ טאָג שפּעטער איז שוין אבער דער דייטש צוריק אין שטאָט.

דינסטיק, ד. 19־טן סעפּטעמבער

עס גייען ארום דייטשישע זעלנער און זאמלען צונויף אלע יונגע מענער, יידן און קריסטן. די יידן ווערן אריינגעטריבן אין שול אריין און די קריסטן —

אין קלויסטער. אין גרויסער ענגשאפט, אן עסן און אן טרינקען, שטארק באוואכטע, ווערן מיר דאָרט געהאלטן א גאנצן מעת־לעת.

מיטוואך, ד. 20־טן סעפטעמבער

מיטוואך האבן די דייטשן גענומען 15 ערוב׳ניקעס פון די שענסטע בעלי־בתים פון ווֹלאדאווע און אונז אלע האט מען באפרייט. איך מיט זעליקן האבן באשלאָסן זיך צו לאזן אין וועג אריין א היים, צוריק קיין גאווארעווע. געמעגט האָט מען זיך באוועגן נאָר ביז 6 אוונט. מיר זענען גלייך ארויס פון שטאט, אפגעגאנגען א פאר קילאמעטער און גענעכטיקט אויף א סטאגע היי.

דאנערשטיק, ד. 21־טן סעפטעמבער

קיין גאווארעווע האבן מיר געדארפט דורכמאכן א מהלך פון א 300 ק״מ. צו עסן האבן מיר באקומען אין די דערפער. בייטאג האבן מיר מארשירט און אין די אוונטן, ווען עס איז שוין געווען קאלט, זענען מיר, ס׳רוב, געשלאפן אין די ווייסן אויף די סטאָגעס היי. מיר זענען געגאנגען דורך פארטשעוו, ביז מיר זענען אנגעקומען קיין ראדזין־פאדל.

פרייטיק, ד. 22־טן סעפטעמבער, ערב יום־כפור

פרייטיק פרי זענען מיר אנגעקומען קיין ראדזין און מיר זענען גלייך אריין צום רבי׳ן אין שטוב. דער רבי האָט אונז געגעבן אָפּצועסן מיטיק און אונז געראטן צו גיין א היים צו אונזערע פרויען און קינדער. מיר האבן געמארשירט אזוי א שיינע פאָר טעג דורך לוקאוו, שעדלעץ, ביז מיר זענען אנגעקומען קיין סאָקאָלאָוו. דאָרט האבן מיר גענעכטיקט ביי א גאווארעווער פאמיליע: שלמה לייב שאכטערס א טאכטער, מיט איר מאן און קינדער. פון דאָרט זענען מיר געגאנגען קיין קאָסאווע, מאלקין, ביז מיר זענען אנגעקומען קיין אָסטראָוו־מאז. אין אסטראווע האב איך געטראפן מיינע עלטערן, שוועסטער און ברודער. מיין פרוי און קינדער זענען געווען אין אסטראלענקע.

איך קום קיין אסטראלענקע און נעם זיך גלייך צו דער אַרבעט. איך מיט א חבר האבן אויפגעעפנט א קליינע בעקעריי און אנגעהויבן צו באקן געבעקס. אבער די דייטשן האבן זיך פון דעם דערוווסט און אונז אלע מאל צוגענומען דאס ברויט, ביז מיר האבן אויפגעהערט צו באקן.

אין איינעם א טאָג גייט ארויס א באפעל פון די דייטשן, אז אין פארלויף פון 24 שעה מוזן אלע יידן פארלאזן אסטראלענקע און אריבער צו די רוסן. איך האב דורכגעשווארצט די גרענעץ קיין לאמזשע. דאָרט האב איך זיך דערוווסט, אז מיינע עלטערן מיט די קינדער געפונען זיך אין ביאליסטאק. איך מיט מיין פרוי און קינדער זענען געקומען אהין און געפרוווט זיך איינארדענען, אבער עס איז מיר נישט געלונגען. ווי אלע אנדערע צענדליקער טויזנטער „בעזשעניקעס״, האָם איך אויך נישט געקאנט קריגן קיין דירה און ארבעט. אין א קורצער צייט ארום זענען מיר אריבער קיין וואלקאָוויסק, ווו איך האב מיר איינגעארדנט ביי מיין פאַך.

לאַנג האָט דאס נישט אנגעהאלטן. די וואס האבן נישט גענומען קיין רוסישע פעסער, זענען פארשיקט געווארן אין די סיבירער סטעפעס און אויף צפון צו די ווייסע בערן. אין 1941 איז אויסגעבראכן די דייטשיש־רוסישע מלחמה און עס האבן זיך אנגעהויבן ניי צרות. אויך די פליטים וואס האבן יא גענומען רוסישע פעסער האבן

משה מאלאוואני
ישראל

דער חורבן

קלאנגען האבן זיך געטראגן אין דער לופטן ווי שווארצע קראען: די דייטשן זענען שוין אריס אין זייער מארש אויף פוילן, דא און דארט האבן זיי שוין באמבארדירט; ישובים פארניכטעט, געזייט טויט. פון יעדנס אויגן האט ארויסגעקוקט פחד און בהלה. וואס טוט מען? וווהין לויפט מען? וועט מען דען פון טייוולס לאפעס ארויס א לעבעדיקער? נישט בעסער איז דאס ווארטן אויפן גרויל, ווי דער גרויל אליין.

עס איז אויסגערופן געווארן א מאביליזאציע פון מיליטער־פליכטיקע. אבער, ביז וואס־ווען, איז שוין אסטראלענקע געווען פארנומען דורך די דייטשן. יעדער האט געזוכט אן אָרט, ווו דעם קאָפּ צו פארשטעקן. האט מען זיך, אויף דערווייל, אריינגעצויגן אין די קריסטלעכע פארשטעטלעך: גאָוואַרוווקע, „פּראבאסטווא" און אומגעגנט. דאַנערשטיק, ד. 7־טן סעפּטעמבער, איז שוין דאס שטעטל געווארן אויסגע־ליידיקט. דאס האב און גוטס, וואס איז אנגעזאמלט געווארן פון דור־דורות שווערער פראצע, האָט מען פארשטעקט, ווו עס האט זיך נאָר געלאזט. עס האט נאך געגעסטעט א פונק פון האפנונג, אז אפשר וועט נאך געלונגען דאס צו ראטעווען.

אויף צומארגנס, פרייטיק פרי, האבן זיך שוין באוויזן די דייטשן אין שטעטל. זיי האבן גלייך ארויסגעהאנגען מעלדונגען, אז אלע יידן אין מיליטער־עלטער זאלן זיך צושטעלן, אין קעגנפאל, וועלן זיי דערשאָסן ווערן. איך האב מיר פּראָבירט צוערשט אויסצובאהאלטן, אבער צום סוף באשלאסן נישט צו ריזיקירן מיטן לעבן און זיך צוגעשטעלט אויפן זאמל־פּלאַץ. אויך די צוריקגעקומענע פון די ארומיקע דערפלעך זענען געווארן אָפּגעשיקט צום קאנצענטראציע־פּונקט אויפן מארק־פּלאַץ. די פרויען, קינדער און עלטערע, האָט מען דערלויבט צו בלייבן אין די הייזער. מען האט אפילו נישט געשטערט די פרויען צו באזאָרגן אונז מיט עסן. איך האָב געזען, אז פון דעם זיצן דאָ וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען. איך און נאך אייניקע, האבן אויסגענוצט דעם טומל, און אנטלאפן צוריק אין אונזערע שטיבער. פארנאכט האט מען די אלע

(טאָג־בוך פון א מאָביליזירטן — סוף)

נישט באוויזן זיך צו ראטעווען. זער א סך גאוואראוועור האבן דורכגעמאכט דעם סלאנימער גיהנום. מיר, ווי א סך אנדערע איז געלונגען איבערצולעבן די מלחמה, דורכמאכנדיק פארשידענע גילגולים. נאכן קריג האב איך זיך געפונען אין א „די־פּי" לאגער אין דייטשלאַנד, צוזאמען מיט מיין פרוי און קינדער. אין 1948 זענען מיר לעגאל אנגעקומען קיין ישראל און געפינען זיך דא ביז היינט־צו־טאג.

צונויפגעזאמלטע אויסגעשטעלט צו פירווייז און אונטער א שטאַרקער וואַך זיי אפגעפירט קיין פּאַניקווע.

שבת, ארום 4—5 פרי האבן די דייטשן געעפנט א ווילדע שיסעריי אויף די הייזער. איך הער שוין א בראזגעריי און אונזערע פענסטער, באגלייט מיט ווילדע קללות און געשרייען פון די דייטשן: „אלעס ראוס! לאוס!" אנגסטן זענען מיך באפאלן. איך האב געמיינט, אז דא ענדיקט זיך עס. געוויס וועלן זיי מיר דערשיסן. איך האב זיך דאך אויסבאהאלטן פון זיי. איך בין שנעל ארויס אין גאס, און דא האב איך זיך שוין אנגעטראפן אויף א גרעסערער צאל הרוגים. איך האב אייניקע דערקענט, צווישן זיי מרדכי דעם שמש און יעקל כשר׳ס א יינגל. אויך קריסטן זענען געווען צווישן די דערשאָסענע, באשר, מען זאל האבן פון זייער הייזער געשאסן אויף דייטשן. מען האָט אונז באפוילן צוזאמענצונעמען אלע טויטע קערפּערס אין הויז פון ר׳ ישעיה אייזנבערג. מען האָט זיי איינגעלייגט אין רייען איינם אויפן אנדערן. אין דער זעלבער צייט האט שוין דאָס שטעטל געברענט פון דריי זייטן: פון פרידמאנס זייט, בשכנות פון קלויסטער, די „לאנגע" גאס און די „ברייטע" גאס.

עס איז געקומען א באפעל זיך צו קאָנצענטרירן אויפן מאַרק. די קראנקע, וועלכע די דייטשן האבן געפינען אין די הייזער, האבן מיר געמוזט טראגן צום זאמל־פּלאַץ. מיר איז אויסגעקומען צו ברענגען יאסל דעם שטריקנמאכער. מיינע 3 קינדער, וועלכע זענען פון די איבערלעבונגען שטאַרק איינגעשלאפן, האבן נישט געהערט וועגן דער גאנצער אקציע. ערשט, ווען די דייטשן האבן זיי מיט זייערע ביקסן־קאלבעס אויפגעוועקט, זענען זיי געקומען צו לויפן אויפן מארק. ארום 11 א זייגער פאר מיטיק, האט מען די מחנה פונאנדערגעטיילט: די יידן האט מען אריינגעפירט אין שול אריין אין די קריסטן — אין קלויסטער. אין שול האבן מיר זיך געפינען א קנאפּע צוויי שעה. ווען די פייער־פלאמען האבן זיך שוין געהאט דערנענטערט צו דער שול, האבן די דייטשן פון דאָרט ארויסגעפירט אַ טייל מענער און אונז אויסגעזעצט אין דרויסן נעבן דער בריק. די שרעקלעכע יללות און געשרייען פון די ווייבער אין דער שול, האבן געריסן הימלען, אט־אט ווערן זיי אלע פארברענט. אין דעם איז דורגעפארן א אויטא מיט הויכע דייטשישע אפיצירן. ווען זיי האבן דערהערט דעם געיאמער פון דער שול, האבן זיי זיך פארהאלטן. עס איז אויסגעשטיגן א גענעראל, און געפרעגט די סאָלדאַטן, וואס עס קומט דאָ פאר. ווען ער האט דערהערט, אז מען גייט דא אלע פארברענען, האט ער דאס נישט דערלויבט צו טאן. די שפאנונג האט שוין אביסל נאכגעלאָזט און מען האט אונז אפילו דערלויבט אריינצוגעבן וואסער צום טרינקען פאר אונזערע פארשמאכטע און פארחלש׳טע פרויען און קינדער.

דערווייל האט מען אונז מענער אוועקגעפירט קיין ווולקע. דאָרט האָט דער דייטש געהאַלטן פאר אונז א רעדע, אז נאר די יידן זענען שולדיק אינם קריג און אז די יידן זענען רויבער, פארברעכער מערדער א.א.וו. ער האָט אונז גלייך געהייסן אפּגעבן דאס געלט און אלע ווערטפולע חפצים, ווען נישט ווערן מיר אויפן אָרט דערשאָסן. פאַרשטענדלעך, אז מיר האבן אויסגעפירט דעם באפעל. מען האָט אונז ווידער איינגעשטעלט צו פיר אין א רייע און אזוי אפגעמארשירט ביז פּאשעקי (5 ק"מ). דער שאסיי איז שוין געווען באלאגערט פון דייטשן. זיי האבן פון אונז חוזק געמאכט,

פירנדיק מיט א פינגער איבערן האלז, וואס האָט געדארפט באדייטן, אז מען פירט אונז צו דער שחיטה. באַלד איז אנגעקומען קיין פּאשעקי א צווייטע פּארטיע, פון וואנסעווע, יידן מיט קריסטן, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפינען משה צימערמאן, יעקב כשר א.א. זיי האבן אונז אלע צוזאמען אוועקגעפירט קיין רוזשאן צום בירגרע־מייסטער אויפן הויף. פון דאָרט האבן מיר אפּגעמארשירט צום קלויסטער. דארט זענען מיר געזעסן ביז פארנאכט אין געהאקטע צרות — אָן עסן און אָן טרינקען. א ביסל שפּעטער איז אנגעקומען פון גאוואראווע נאָך א פּארטיע מענער. פון זיי איז מען ערשט געוווּיר געווארן דעם גורל פון אונזערע פרויען און קינדער. זיי האבן דערציילט, אז ווען דאס פייער האט שוין געלעקט די שול־ווענט, האבן ערשט די דייטשישע סאדיסטן זיי ארויסגעלאָזט און זיי געהייסן אריבערגיין אויף דער צווייטער זייט טייך, דורכן וואסער. מיר האבן אביסל פרייער אפּגעאטעמט, אבער דאָך געוועזן באזארגט וועגן זיי. ווי אזוי וועלן זיי זיך אליין אן עצה געבן? ערשט אין אוונט האט מען אונז געטיילט ברויט מיט וואסער.

זונטיק, 9 פרי האט מען אונז מיט לאַסט־אויטאס אפּגעפירט קיין מאקאווע. מיר האבן די שטאט געטראָפן א גאנצע. אויסער אייניקע צעשטערטע הייזער. די יידן דאָרט האבן זיך כמעט פריי באוועגט. טייל האבן אונז צוגעבראכט עסן צו די אויטאס. מיר האבן לכתחילה געמיינט, אז דער דייטשישער צאָרן האט אביסל נאכגעלאזן. אבער דא האבן זיי ווידער באוויזן זייער אמת׳ן פרצוף: ווען א יידיש מיידל האָט זיך צו אונז דערנענטערט מיט א ביסל עסן, האט איר א דייטש דורכגעשטאָכן א פוס מיטן שטילעט וואס אויפן ביקס.

ביז 5 נ. מ. האבן מיר זיך געפינען אין א שאָפּע פון די פייערלעשער. מען האָט אונז געגעבן אפּצועסן ברויט מיט קאווע און נאָך א ברויטל פאר 3 פערזאָן אין וועג אריין. אונטער דער שטאָט האבן געווארט אויף אונז טראקטארן מיט צוגעטשעפּעטע וואגאניעטקעס צו לאזן זיך אין ווייטערדיקן וועג. מען האט אונז אנגעפראפט אין די וואגאניעטקעס ווי די הערינג און מיר זענען אפּגעפארן קיין פּרושניץ. נאך אן הפסקה פון א האלבער שעה האט מען פארטגעזעצט דאס פארן און ארום 11 ביינאכט איז מען אנגעקומען קיין מלאווע. די שטאט איז ליכטיק געווען פון פייער. געדיכטע וואלקנס רויך האבן זיך געריסן אין דער הויך. שוין 10 טעג ווי די שטאָט ברענט אן אויפהער. נאכן פארן א גאנצע נאַכט איז מען אנגעקומען קיין אלענשטיין (דייטשלאנד). ביים אויסשטייגן האט מען אונז געווארנט, אז פאר פרוון אנטלויפן, וועט מען 10 אנדערע דערשיסן. אונטער א וואך האט מען אונז געפירט צופוס אויפן שאסיי און די ארומ־שטייענדיקע דייטשן האבן פון אונז חוזק געמאכט: „דאס איז דער מארש פון די יידן נאך בערלין" — האט איינער אויסגערופן, און אלע האבן געפּלאַצט פון געלעכטער. מען האט אונז אריינגעפירט אין אַ לאגער ביי טאנענבערג, וואס איז באשטאנען פון הילצערנע באראקן און פּאַלאַטקעס, ארומגעצוימט מיט שטעכל־דראט און גוט באוואכט דורך זעלנער. דארט האָבן מיר שוין געטראפן די גאוואראווער יידן, וועמען מען האט אוועקגענומען פון מאַרק. איך דערמאן זיך אייניקע נעמען: שמואל צודיקער, דן ראזנבערג, וועלוול גערליץ, אייזיק ראזען, מרדכי דעם שמש זון, וועמען מיר האבן איבערגעגעבן די טרויעריקע ידיעה וועגן גרויליקן טויט פון זיין פאטער, כדי ער זאל

קאנען קדיש זאגן, א. אנד.

אין דאזיקן לאגער זענען מיר געבליבן ראש־השנה און יום־כיפור און מיר האבן דאָרט אפגעריכט דאס ימים־נוראים׳דיקע דאווענען. א שטשוטשינער ייד האט געזאָגט „כל־נדרי". זיין זאגן האט זיך צוגעפאַסט צו אונזער טרויעריקער לאגע און געקומען צום אויסדרוק, וואס עס איז געווען אויפן הארצן. ביטערע טרערן האבן מיר דאן פארגאסן. דער „שמע קולנו, ה׳ אלהינו, חוס ורחם עלינו" און דער „אבינו מלכנו קרע רוע גזר דיננו", האט זיך געריסן צום כסא הכבוד מיט געוואלד. יום־כיפור האבן מיר קיין עסן נישט באקומען. „אין אזא טאָג פרעסט דאָך נישט די שייסע" — האבן די דייטשן געזאגט. יעקל כשר, וועלכער האט זיך געפינען אין לאגער צוזאמען מיט מיר, האט מיר געפרעגט אויף זיין יונגל, וועלכער איז אים פארלוירן געגאנגען אין דער גרויסער בהלה. איך האב אבער נישט געקאנט פועלן ביי זיך אים מיטצוטיילן די טרויעריקע בשורה, אז איך האָב אים געזען ליגן אויפן גאוואראווער מאַרק א דערשאָסענעם.

אין דאזיקן לאגער האט זיך אויך געפינען א גרעסערע צאל פּאָלאַקן. זיי האבן באקומען א דערלויבעניש אונז צו ראבירן: זיי האבן אונז אויסגעליידיקט די טאַשן, אראפגעצויגן די מלבושים, שיך א. אנד. זאכן. מיר האבן זיך שוין צוביסלעך געהאט צוגעוווינט צו די צרות. איינמאל האט אונז דער לאגער־קאמענדאנט צוזאמענגערופן און געהאלטן פאר אונז א רעדע, אז פוילן וועט פונאנדערגעטיילט און די גרענעץ צווישן די רוסן און די דייטשן וועט זיין די ווייסל. גאווראַווע האט געהערט צו די רוסן. ער האט אונז אלע געהייסן זיך רעגיסטרירן און אנגעבן פון וואנען מיר שטאמען, בכדי יעדן צוריקשיקן אין זיין ווינאָרט. פארשטענדלעך, אז מיר אלע האבן אָנגעגעבן — גאווראָווע. אין דריי טעג ארום רופט ער אונז ווידער, און טיילט אונז מיט, אז אין דער גרענעץ־צעטיילונג איז פאָרגעקומען א ענדערונג, און אז די פאקטישע גרענעץ וועט זיין דער טייך בוג, און גאווראָווע וועט בלייבן ביי די דייטשן. מיר זענען געווען אין גרויס פארלעגנהייט. וואלטן מיר פריער נישט געהאט אנגעגעבן גאווראווע, וואלטן מיר אן ספק געקאנט אנגעבן יעדער אנדער שטעטל פון דער רוסישער זייט. אבער דא האבן מיר שוין נישט געהאט קיין ברירה. דעם דריטן טאג חול־המועד סוכות האט מען אונז אלע רעגיסטרירטע יידן צוגעפירט צו דער באַן־סטאציע אלענשטיין און אונז אריינגעפאקט אין פראכט־וואגאנעס. אונז „דייטשישע" יידן האט מען געגעבן באפרייאונגס־צייגענישן און אפגעשיקט מיטן צוג קיין אסטראלענקע. דער לאגער־פירער האט אונז אבער אנגעזאגט, אז אונזערע שיינען זענען מער נישט גילטיג ווי 3 טעג און נאכער מוזן מיר אריבער צו די „שמוציקע רוסן". קומענדיק קיין אסטראלענקע האב איך די שטאט געטראפן א גאנצע. איך האב דאָרט באגעגנט מערערע גאווראווער, צווישן זיי: צפורה משניות א. א. פון דאָרט זענען מיר געגאנגען צופוס קיין גאווראווע, א מהלך פון א 25 ק"מ. מיין פאטערס הויז, וועלכע האט זיך געפינען אויף די „גלינקעס", ווי אויך אונזער ווינט־מיל זענען געשטאַנען אומבארירט. דאס שטעטל איז שוין געווען פארברענט, עס זענען נאר געבליבן די קוימענס, נישט־דערברענטע האלץ, הויפנס ציגל און אש. מיר צוריקגעקומענע האבן זיך ווי־עס־איז איינגעארדנט ביי קריסטן פון דער סביבה. גויים האבן מיר געבראכט

תבואה צו מאלן, און איך האב נאך א וואָך צייט געארבעט.

אין א 8 טעג ארום, א זונטיק 10 פרי, זענען אויסגעקלעפּט געווארן מעלדונגען אין די גאסן, אז אלע יידן מוזן זיך גלייך פארזאמלען אין הויף פון קלויסטער. קיין סך יידן זענען אין שטעטל נישט געווען. די מערהייט איז שוין געהאט אריבער די רוסישע גרענעץ, וואס האט זיך געפינען נאך טשערווין (בערך א 15 ק״מ). דאָרט איז שוין אויך געווען דער רב, דער שוחט מאריאנסקי א. א. מיר האבן זיך אלע פארזאמלט אין קלויסטער־הויף. עס האבן זיך צווישן אונז געפינען: די ברידער נטע און איסר ריץ, די קרולעוויטשעס, שניאדאווערס, אברהם ענגעל, ישראל אהרן דער גלעזער א. א. דער בירגערמייסטער, דער פאָלקס־דייטש, בוססע, האט געהאלטן פאר אונז א רעדע, ווידער מיטן זעלבן נוסח; אז די יידן זענען שולדיק אין קריג א.א.וו. ער האט אונז געראטן וואס שנעלער אריבער צו די „שמוציקע רוסן", ווייל ער וועט אונז קיין שוץ נישט קאנען געבן קעגן די צעהולעטע סאָלדאַטן. צום סוף האט ער זיך נאך איבער אונז איזדעקעוועט, אויסקלייבנדיק פאלגנדיקע „פּארווייילונג": ער האט די ברידער נטע און איסר ריץ געהייסן ברענגען א וואגן און בעזעמס, פארקערן דעם גרויסן פלאץ נעבן קלויסטער, ביזן הויז פון יחיאל גערליץ, דאן צוזאמענגעמען דאס מיסט אויפן וואגן, געהייסן נטע'ן זיך איינשפאנען און איסר זאל דעם וואגן אונטערשטופּן און דאס מיסט אוועקפירן צו זיך א היים... ביי עלטערע קריסטן האט דאס ארויסגערופן א עקל, אבער די יינגערע האבן געקוואלן פון נחת, צוקוקנדיק זיך, ווי די דאזיקע 2 שיינע בעלי־בתים ווערן דערנידעריקט ביז דער ערד. שפּעטער אביסל האט מען אונז פרייגעלאזן.

פארשטענדלעך, אז מיר אלע זענען געלאפן צו דער רוסישער גרענעץ. איך מיט מיין שוואגער האבן געקויפט א פערד־און וואגן, ארויפגעלייגט אביסל מטלטלין, און דורך בריזשניע און פּיסק זענען מיר ביי טשערווין אריבער צו די רוסן. איך האב נאך באוויזן „איבערצוגעבן" מיין ווינט־מיל וואַלדמאַנען, א פאָלקס־דייטש, וועלכער האט אויך געהאט אזא מיל בשכנות פון מיר. ער האט זיך נאך אויפגעפירט כלפי מיר אנשטענדיקער ווי די פּאַלאַקן, וועלכע האבן געוואָלט ממש מיט כח מיר לעבעדיקערהייט ירשנ'ען. דאָרט האבן מיר אביסל פרייער אפּגעאטעמט, זיך אויסגערוט און אדורכגעשלאפן די נאכט רואיק. אויף צומארגנס זענען מיר אוועק קיין ווישאַנגע קאָשטשעלנע (ביאַליסטאקער קרייז) דורך פּאפּאטש. דאָרט האבן מיר געטראפן שלמה עקיבא'ן. די רוסן האבן אים זער גערן געהאט און ער איז געווען פאר זיי א פּארווייילונג. ווי שטענדיק, האט מען אים אויך דא נישט געקאנט זאט מאכן. איינמאל האבן אים די רוסן געפּרוווט אנזעטיקן, דורך געבן אים 8 לעבלעך ברויט (מער האבן זיי אליין נישט געהאט), אויפצועסן מיט איין מאל. זיי זענען אבער ביי אים ווארשוונדן אין מאגן ווי קיינמאל גארנישט...

אין מיינע ווייטערדיקע וואנדערונגען, האט דער גורל געוואלט, אז איך זאל אויסמיידן סלאנים. דאָרט האבן זיך פיל גאוואראווער באזעצט און זענען שפּעטער אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשישע בעסטיעס.

איך האב זער פיל מיטגעמאכט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. נישט איין מאל האב איך געזען דעם טויט פאר די אויגן. מיט ניסים זיך שטענדיק ארויסגעראטעוועט.

אז עס איז באשערט צום לעבן קומט מען איבער אלע יסורים און שטרויכלונגען.
נאכן קריג, זייענדיק אין פוילן, האב איך באשלאָסן זיך אַראָפּצוכאַפּן קיין גאָוואָראָווע. עפּעס אַן אינערלעכער גֶעפיל האָט מיר אַהין געצויגן הגם איך האָב שוין מיט מיינע אייגענע אויגן געזען, ווי דאס שטעטל איז חרוב, דאך האב איך געוואָלט נאָך אַ בליק טאָן. איך האב גלייכצייטיק געוואָלט דערליידיקן געוויסע פּערזענלעכע ענינים.

געווען איז דאס אין יאר 1948. קיין איין ייד האב איך דאָרט נישט געטראָפן. געזעצטיקט האב איך ביי ד״ר גלינקא. זיין פרוי האָט ביטער געוויינט פאר מיר, וואָס קיין יידן זענען מער אין שטעטל נישטאָ. איך בין נישט זיכער געווען, צי דאָס איז אויס מיטלייד צום דערהרג׳עטן פוילישן יידנטום, צי פאר פרנסה, וואס איז פון זיי אוועקגענומען געווארן. יידן זענען דאָך ביי דער מינדעסטער קלייניקייט געלאָפן צום דאָקטאר. אַ גוי האָט זיך שטענדיק באנוצט מיט „באַבסקע״ מיטלען. ווען ער האט געהאלטן שלעכט, האט מען גערופן דעם גלח... זי האָט אבער געהאלטן אין איין קלאָגן.

אויף מערערע פּלעצער האבן שוין קריסטן באוויזן זיך אויפצובויען הייזער. אזוי האט וואַיטאַצקי אויפגעבויעט א הויז און א גאלאנטעריע־געשעפט אויף גערליצעס פּלאַץ. די מאנקא, וועלכע האט געטראגן וואסער אין יידישע הייזער, האָט זיך אויפגעבויעט א געוועלב אויף שאול פּאָטאַשעס פּלאַץ. וואַווזשענטשאַק — אויף יואל׳קע דעם בעקערס פּלאַץ. קאמיעניעצקי — אויף קלאָס׳ס פלאַץ. אויף גמרא׳ס פּלאַץ — א גוי פון יאַוואָרעס. אויך ווולקער גויים האבן געבויט הייזער אויף מערערע פלעצער. די נייע גרויסע שול, וועלכע איז געווען א פראכט פאר דער גאַנצער יידישער אומגעגנט, איז צענומען געווען ציגל ביי ציגל, מיט וועלכע די גויים האבן זיך באנוצט צו בויען זייערע הייזער. פון בית־הכנסת איז קיין זכר נישט געבליבן. אויפן פּלאַץ האט מען אויסגעבויעט א חזיר־מאַרק.

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין שטעטל נאכאמאל, אין 50־סטן יאָר. מערערע גויאישע הייזער זענען נאך צוגעקומען. עס האָט מיר ארומגענומען א פחד, זיך צו געפינען איין ייד צווישן אזוי פיל קריסטן. הגם זיי האבן געקוקט צו מיר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, אבער אין זייערע אויגן האט מען געזען, אז זיי זענען דורשטיק נאך יידיש בלוט. איך בין שנעל פון דאָרט אנטלאָפן און „פארזאגט א צענטן״ מער אהין נישט צו פארן. נו, היינט בין איך דא אין ישראל ביי זיך אין דער היים.

אויפגענומען: משה גראנאט

O. U. den 23.9.39

Truppenteil
Feldpostnummer 17 383
Postsammelstelle Berlin.

Beitreibungsbescheinigung.

~~Von der Gemeinde~~ ...., Kreis ....
~~(oder entsprechender Verwaltungsbezirk)~~
Von dem Kopowski .... in Szczawin ...., Kreis Ostrolenka ....
sind heute beigetrieben worden:

8	Stk.	Kanthölzer	10 x 10 cm	à 5,50 m lg.	} 89 cbm.
10	"	"	10 x 10 "	à 4.50 " "	
5	"	~~Bohlen~~ "	12 x 12 "	à 4.00 " "	} 102,5
15	"	"	12 x 12 "	à 5.50 " "	cbm
5	"	Bohlen	7 cm stark	3.00 " "	} 53
11	"	"	7 " "	3.50 " "	cbm.
~~7~~	~~"~~	~~"~~	~~5 " "~~	~~3.50 " "~~	~~1-3 cbm~~
50	"	"	5 " "	3.00 " "	150 "
50	"	"	5 " "	3.00 " "	150 "
23	"	"	7,5 " "	3.00 " "	69 "

Bezahlung ist nicht erfolgt.



Stempel.

Mákow ...., den 23. Sept. 1939

F. Mie...
Hauptmann u. Komp. Chef.

א דייטשישע באשטעטיקונג פון האָלץ־מאטעריאל וואס זיי האבן גענומען ביי קאסאווסקין און שטשאַווין , די 23.9.39, מיט דער צושריפט, אז עס קומט נישט פאר דעם צו באצאלן.

שמואל דראניצא
ישראל

א חודש מיט די דייטשישע בעסטיעס

פרייטיק, דעם 1־טן סעפטעמבער 1939, דעם טאג ווען היטלר־דייטשלאַנד האט דערקלערט קריג פוילן, וועל איך קיינמאל אין מיין לעבן נישט פארגעסן. עס איז געווארן מיטאמאל אַ גרויסע סומאטאכע אין שטעטל. יידן זענען ארומגעגאנגען צערודערטע און נישט געוווסט, וואס מען הויבט אן צו טאָן. צומארגנס, שבת פרי, ווען מיר זענען געקומען אין דער גרויסער שול דאווענען, האבן מיר דורכן פענסטער געזען אנקומען פון בריק די ערשטע גרופעס פליטים קיין גאווראאווע. די זענען געווען יידישע פאמיליעס פון רוזשאן און אנדערע שטעטלעך, וועלכע זענען געלעגן נאענט נעבן דער דייטשישער גרענץ. מיר האבן זיי געהאָלפן צייטווייליק זיך איינארדענען. אבער די נערוויזיטעט ביי אלעמען איז געוואקסן פון שעה צו שעה. זונטיק זענען די צוגעקומענע יידן געלאפן ווייטער, ווער קיין אסטראווע און ווער אין די ארומיקע דערפער, ווו עס האבן זיך געפינען יידן. די בהלה איז געווארן גרויס און מיר האָבן נישט געקאָנט אנטשליסן וואס מיר זאלן טאָן — בלייבן צי לויפן. איינער האט געקוקט אויפן צווייטן. ערשט מיטוואך, ד. 6־טן סעפטעמבער, ווען עס איז אנגעקומען די ידיעה, אז די דייטשן זענען שוין אריין קיין ווישקאווע, און האבן דארט דערשאָסן א גרויסע צאָל יידן, האבן מיר באַשלאָסן, ענדלעך, זיך צו רירן פון אָרט. אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. די דייטשן זענען אונז שוין פארגעלאפן. גלייך אין זעלבן טאָג בערך 7 אינדערפרי, זענען היטלעריסטישע עראפלאַנען דורכגעפלויגן גאווראאווע און אראפגעווארפן די ערשטע באָמבע. צופעליק איז זי געפאלן אויסערן שטעטל, אבער די שפליטערס האבן געטראפן אין לייבל בערלינער (חיים דעם „סאלטיס״ א זון), וועלכער איז שפעטער פון די שווערע ווונדן געשטאָרבן.

פון לויפן איז שוין נישט געווען וואָס צו טראַכטן, ווייל די דייטשישע עראָפלאנען זענען געפלויגן גאר נידעריק און האבן באשאָסן דער ציווילער באפעלקערונג. פארלויפיק האבן מיר באשלאסן זיך אויסצובאהאלטן. איך מיט מיין ברודער משה, אייניקע שכנים מיט אונזערע פאמיליעס, זענען אריין צו זאמבזשיצקין אין א קעלער און דאָרטן זיך אויפגעהאלטן ביז נאך מיטיק. ארום 5 א זייגער, בין איך ארויס פון קעלער אין גאס אריין זיך דערוויסן וואָס עס הערט זיך. פלוצים זע איך פון „פראבאסטווא״ זייט לויפן פוילישע זעלנער, וועלכע האבן איבערגעגעבן, אז די דייטשן האבן דורכגעבראָכן די פוילישע פארטיידיקונגס־ליניע ביי דעם נארעוו, און אז זיי זענען שוין אין רוזשאַן. איך בין צוריקגעלאפן אין קעלער און איבערגעגעבן אלעמען די ידיעה. תיכף האבן מיר, מיט אונזערע פרויען און קינדער זיך געלאָזן לויפן קיין וואָנסעווע. דאָרט זענען

מיר אנגעקומען ארום 8 אווגט. אבער אויך די וואנסעווער יידן האבן זיך געפאקט. אויף אונזער פראגע — וווהין? האבן זיי אונז געענטפערט: „ווו די אויגן וועלן טראגן". קיין פלאן צו בלייבן דארט איז שוין, אלזא, נישט געווען, און אזוי ווי איך האב געהערט, אז מיין שוועסטער שרה מיט איר מאן נאסקע קאהן און זייערע קינדער געפינען זיך אין דארף באגאטעלעס, זענען מיר אויך געגאנגען אהין. שפעט ביינאכט זענען מיר אנגעקומען קיין באגאטעלעס. דארט האבן מיר געהערט, אז די דייטשן זענען שוין אריין קיין גאוואראווע און וווהין צו לויפן איז שוין נישטא.

פרייטיק דעם 8־טן סעפטעמבער זענען די דייטשן אריין קיין וואנסעווע און פון דארט האבן זיי מארשירט קיין אסטראווע. אזוי ווי באגאטעלעס ליגט נעבן דעם הויפט־שאסיי, וואס פירט קיין אסטראווע, האבן די דייטשן דעם דארף באשאסן און אין געציילטע מינוטן איז דאס גאנצע דארף געשטאנען אין פלאמען און אייניקע קינדער זענען דערביי געהרג׳עט געווארן. מיר האבן שנעל פארלאזט דאס ברענענדיקע דארף. אבער, וווהין לויפט מען ווייטער? בלית ברירה האבן מיר באשלאסן זיך אומצוקערן צוריק קיין גאוואראווע. פרייטיק א גאנצן טאג זענען מיר געגאנגען אין די גרויסע היצן דורך הינטערוועגן, בכדי אויסצומיידן די דייטשישע זעלנער, וועלכע האבן זיך געפינען אויף די וועגן. ביינאכט ווען מיר זענען אנגעקומען קיין ווולקע, האבן מיר געזען, אז די בריק ווערט באוואכט דורך דייטשן, זענען מיר געווען געצוווּנגען אריבערצוגיין דורכן טייך. אז מיר זענען אנגעקומען אין אונזערע היימען, האבן מיר זיך פון רוזשען דעם שפיליטער דערוווסט, אז ערשט היינט, פרייטיק, זענען די דייטשן אריין קיין גאוואראווע, און האבן גלייך אויפגעהאנגען פלאקאטן, אז אלע מענער ביז 40 יאר מוזן זיך צושטעלן, און אז עס האבן זיך שוין געמאלדן, נתן שראן, משה צימערמאן וועלוול רובין און אנדערע. א גאנצע נאכט האב איך קיין אויג נישט געקאנט צומאכן. געטראכט און געוויינט. באגינען שבת דעם 9־טן סעפטעמבער, איך גיי ארויס אין גאס געוויר ווערן עפעס נייעס, הער איך א שיסעריי און מען שרייט: „יידן, ראטעוועט!" אבער דא באמערק איך, אז אויך די דייטשן צילן אין מיר. עס איז מיר געלונגען צו אנטלויפן און זיך אויסבאהאלטן צווישן די סטראגאנעס, וועלכע זענען נאך געבליבן פון דאנערשטיקן מארק־טאג. לויפנדיק האב איך באמערקט א סך געשאסענע יידן, צווישן וועלכע איך האב דערקענט: מרדכי דעם שמש, אברהם יעקל, דער „קארטן־מאכער", און יעקל ראזנבערג פון רוזשאן, וועלכע זענען געלעגן טויטע אויף דער ערד. איך בין דערוויל אריין צווישן המון יידן וועלכער איז געווען צונויפגעזאמלט אין מיטן גאס און דייטשן מיט מאשין־געווער שטייען ארום און היטן זיי. פרויען מיט קינדער שטייען און וויינען, און עס שפילן זיך אפ הארצרייסנדע סצענעס. פון דערווייטנס באמערק איך, ווי בצלאל יאסל קארוואט לויפט צו זיין טאכטער חנה עלקע שטעטשינע. זייענדיק שוין נאענט ביי איר שטוב, אויף ראג „באנקאווע" גאס, ווערט ער דורך א דייטש דערשאסן. אנטקעגנאיבער זע איך, ווי די דייטשישע באנדיטן שטייען נעבן וועלוול „בריזשנערס" הויז און שיסן אריין אינווייניק. וועלוול און זיין פרוי זיינען אויפן ארט געהרג׳עט געווארן. דאן לויפט ארויס לאה קארן מיט א געוואלד אז נאר־וואס האבן די דייטשן דערשאסן איר פאטער לייזער („קרעמענטשוק"). דאס בלוט ווערט מיר פארגליווערט אין די אדערן. דאס זענען געווען די ערשטע קרבנות.

וועלכע איך האב געזען מיט מיינע אויגן. נאך יידן זענען אומגעקומען ביי דער שחיטה פון דעם „שווארצן שבת".


מיר זענען אזוי געשטאַנען אין גאַס ביז 8 פרי. דאַן קומט א באפעל, אז אלע ייִדן זאָלן ארויסנאם זאָלן אריין אין דער גרויסער שול. מען האָט ארייננעשטופט דארט־וויפיל מען האט נאר געקאַנט. פיל זענען געבליבן אין הויף. די יללות פון די פרויען און קינדער, זענען געגאנגען עד לב השמים. דאַן מעלדן ווידער די דייטשן, אז מענער ביז 40 יאָר זאָלן זיך פרייוויליק אליין צושטעלן, און ווער נישט — וועט גלייך דערשאָסן ווערן. עס איז נישט געווען קיין ברירה, א סך האבן זיך גלייך געמאלדן. מען האט אונז אוועקגעזעצט אויסער דער שול, נעבן דער בריק, אונטער א וואַנט. אין דעם זע איך, ווי דייטשן פארן ארום איבערן שטעטל און באגיסן די הייזער מיט ברען־שטאָף. אט גייט שוין א רויך פון קאַשע־מאכערס הויז און דאס גאנצע שטעטל ארום הויבט גלייך אן צו ברענען. די פלאַמען דערנעענטערן זיך שוין צו דער גרויסער שול. די הילפס־רופן און די האַרץ־רייסנדיקע געשרייען ווערן וואס אמאל שטאַרקער, און די דייטשן שטייען ארום מיט געווער און לאזן קיינעם נישט ארויס.

אונז מענער האבן די דייטשן געהייסן זיך איינשטעלן צו 4 אין א רייע און האבן אַפּגעמארשירט קיין רוזשאַן. זיי האבן אונז ארייננעפירט, אין ארטיקן קלויסטער און זענען דאָרט איבערגעזעסן ביז זונטיק אינדערפרי, דעם 10־טן סעפטעמבער. פון דארטן האבן זיי אונז מיט אויטאס אוועקגעפירט קיין מאקאווע, ווו מען האט אונז שפעט ביינאכט איינגעקווארטירט אין א שאפּע פון פייערלעשער צום נעכטיקן. אינדערפרי האָט מען אונז ווידער געהייסן איינשטייגן אין אויטאס. דורכן פענסטער האב איך באמערקט, ווי 2 דייטשן מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן אין די הענט פירן שמואל בלומשטיינען. וואס עס איז מיט אים ווייטער געשען איז מיר נישט באוווּסט. פון דאָרט האט מען אונז געפירט דורך מאקאווע, פּרושניץ, און מלאווע — קיין דייטשלאַנד. אין דייטשלאַנד האָט מען אונז ארייננעפירט אין לאגער אלענשטיין, ביי טאנענבערג (מזרח־פרייסן), וואָס איז געווען באַשטימט פאר קריגס־געפאנגענע און ציווילע מיליטער־פליכטיקע מענער. די באציאונג פון די דייטשן צו אונז, איז נאָך דאן געווען א דערטרעגלעכע. מען פלעגט אונז פירן יעדן טאג צו פארשידענע ארבעטן און דאס איז געווען אונזער גאנצע באשעפטיקונג. שלאפן פלעגן מיר אויף שטרוי אין הילצערנע באראקן.

דארטן האבן זיי אונז געהאלטן ביזן 29־טן סעפטעמבער. אין דעם טאג איז געקומען א באפעל, אז אלע יידן זאל מען פון לאגער באפרייען. מען האָט אונז ארויסגעגעבן ספּעציעלע „באפרייאונגס־שיינען", אונז צוגעפירט צו דער באַן און איינגעשטיגן אין ספעציעל פאר אונז צוגעגרייטע לאַסט־וואגאנעס. מען האָט אונז ארייננעשטופּט ווי די הערינג. מען האָט זיך ממש נישט געקאנט באוועגן. 2 טעג און 2 נעכט זענען מיר אזוי געפאָרן שטייענדיק, אָן ברויט און אָן וואסער, ביז מיר זענען אנגעקומען קיין אסטראלענקע. דאָרט האבן די דייטשן קאָנטראָלירט אונזערע „שיינען" און אונז געהייסן גיין קיין גאווראראווע. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין גאווראראווע האבן מיר דאָס שטעטל נישט דערקענט — אלץ פארברענט, בלויז הויפנס אַש. די מערהייט יידן זענען זיך צעלאפן און א טייל האט זיך געפינען ביי די ברידער ריץ

אין דער מיל. די באגעגעניש מיט אונזערע משפחות זענען געווען אויסגעמישט מיט פרייד און געוויין: זיי זענען געווען פארזאָרגט וועגן אונזער גורל, מיינענדיק, אז די דייטשן האָבן אונז דאן גלייך אומגעבראכט, און מיר זענען געווען זיכער, אז זיי אלע זענען אומגעקומען אין די פלאמען פון ברענענדיקן בית־המדרש. נאכן איבערגעבן זיי די געשיכטע פון אונזערע איבערלעבונגען, האבן זיי אונז דערציילט וועגן זייערע ניסים. אט ווי אזוי עס איז פארלאפן: ווען דאס הויז פון נתן פארבא האָט שוין אָנגעהויבן ברענען און די פלאמען האבן שוין דערגרייכט ביז דער שול, און די תפילות און געוויינען פון די יידן זענען שוין דערגאנגען ביזן זיבעטן הימל — איז פלוצים פון „פראבאסטווא" אנגעלאפן אַ אויטאָ מיט הויכע דייטשישע אָפיצירן און שטיין געבליבן ביים בריק נעבן דער שול. די אָפיצירן פון אויטא זענען אויסגעשטיגן און געפרעגט די זעלנער, וועלכע האָבן געהיטן די שול, וואָס עס געשעעט דאָ. ווען זיי האָבן דערהערט, אז מען גייט דא פארברענען די שול צוזאמען מיט די יידן, האבן די אָפיצירן געזאגט, אז אזעלכעס קאָן מען נישט טאָן, און געהייסן אלע יידן באפרייען. די זעלנער האָבן דעם באפעל אויסגעפירט. זיי האָבן געעפנט די טירן מיט די פענסטער פון דער שול און די יידן זענען מיט גרויס שמחה אין געאייל פארלאזט די שול און דורכן טייך אריבער אויף דער צווייטער זייט. אויפן פעלד זענען זיי נאָך געווען אַ 3 טעג אונטער אַ שטרענגער שמירה און דאן אוועק אויף „פראבאסטווא" און אין אנדערע ערטער.

די יידן האבן אין דעם געזען א דאָפלטן נס: ווייל ווי אזוי, האבן זיי זיך געוואונדערט האָט בכלל אַן אויטאָ געקאָנט דורכפארן צווישן ברענענדיקע הייזער?



דער דענקמאָל נאָך די קרבנות
אין לאגער אוישוויץ

פסח טשערווין
ישראל

א בליק אויף צוריק

דאנערשטיק פארטאג ד. 31־טן אויגוסט 1939. די זון האט נאר־וואס געווארפן אירע ערשטע שטראלן אויפן נאסן טוי, פון שטיין־ברוקירטן מארק. עס עפענען זיך האסטיק טירן, און עס באוויזן זיך האלב־פארשלאפענע געשטאלטן. מען איילט זיך — היינט איז, ווי געוויינלעך, דער מאַרק־טאג. קינדער גייען שוין מארגן אין דער שולע, היינט איז דער לעצטער טאָג פאַרן נייעם לערן־יאָר. לויפן זיי אָפּגעבערענטע, אויסגערוטע פון די זומערדיקע וואקאציע־טעג. פון די ארומיקע דערפער ציען זיך קאלאנעס מיט וועגענער געפאקטע מיט אלערליי פראדוקטן, תבואות און בעלי־חיים, וואס די פויערים פירן צו פארקויפן אין שטעטל. עס האט זיך אנגעהויבן דער האנדל־וואנדל. דא־דארט שטייט א יידישער בעל־מלאכה און קלאפט זיך מיט א גוי איבער די הענט, ווילנדיק אים פאהאנדלען א פאר שטיוול, א בגד צי א היטל. ווייבער גייען און טאפן די עופות, מעסטן „אויפן אויג״ די וואג און זוכן מציאות.

דער דאנערשטיק, איז אבער געווען אנדערש פון אלע אנדערע מארק־טעג. עס האט עפעס וואס געפעלט. יידן זענען געשטאנען אין גרופקעלעך און געסוד׳עט זיך, די לופט איז געווען אומרואיק — עס האט געשמעקט מיט שטורם. א גרופע מענטשן האט זיך פלוצים געלאזט לויפן צו פעלעקן דעם קיילער, ווו עס איז געווען א ראדיא־אפאראט, צו הערן די לעצטע נייעס. עס האט זיך טאקע געהערט פון דארט א פעסטע מענער־שטימע: „מיר וועלן אפילו נישט אפגעבן קיין קנעפל פון אונזער פוילישן מונדיר״. ווייבער האבן גלייך אנגעהויבן ווישן זייערע אויגן מיט פארטוכער, און די מענער האבן שווער געזיפצט. די פויערים האבן גלייך איינגעשפאנט זייערע וועגענער און מיט א ווילדער שנעלקייט געיאגט צוריק א היים. דער רוישיקער און פריילעכער מארק איז געווארן פוסט און אומעטיק.

הגם איך בין נאך דאן געווען זער יונג און פיל נישט פארשטאנען די ערנסטקייט פון דער לאגע, אבער זעענדיק דעם ליידיקן מארק האט מיר פארקלעמט דאס הארץ און איך בין מיט א געוויין געלאפן א היים. דאָרט האב איך אנגעטראָפן אויף א רעדל ווייבער, אלע האבן עפעס געמאכט מיט די הענט, א טייל האבן ממש געוויינט. די מאמע, דערזעענדיק מיר האט א פלעסקע געטון מיט די הענט און זיך צעוויינט, זאגנדיק: „וואס וועט איצט זיין מיט אונז, ווו וועלן מיר אהינקומען? פארלאזן א היים, דעם טאטן וועט מען באשטימט אוועקנעמען אין מיליטער אריין״.

דער טאטע איז געקומען פון דער בעקעריי א פארמעליקטער, א בלאסער, נאר א רואיקער און געזאגט צו אונז: „נישט געדאגה׳ט, מיר וועלן זיך ווי עס איז אן עצה געבן. דערווייל ווייסט מען נאך גארנישט״. איך האב באטראכט דעם טאטנס פעסט־

געבויטע פיגור, מיט די צוויי בלוי־שטאלענע אויגן און געקומען צום באשלוס, יא, אויף אים מעג מען זיך פארלאזן; מיט אים וועלן מיר נישט פארפאלן גיין.

צומארגנס, פרייטיק, ווייבער לויפן, קויפן וואס עס לאזט זיך, קאכן, גרייטן צו דעם שבת, אבער דאס זיפצן האלט אָן. „זאל גאָט שומר ומציל זיין" — הערט מען אויף שריט און טריט. פלוצים האט זיך דערהערט א זשומעריי פון א עראפלאן און גלייך נאך דעם א אויפרייס. דער גאנצער ארום האט זיך א טרייסל געטאן. א דייטשישע באָמבע איז געפאלן נעבן דער פאָלקס־שולע, און עס זענען שוין פאראן די ערשטע קרבנות. עס האט שוין איצט קיינער נישט געצווייפלט, די מלחמה האט זיך אנגעהויבן.

דער שבת׳דיקער טאג איז געווען א רואיקער, אבער מען האט געפילט, אז נישט אויף לאנג. א גאנצע וואך נאכדעם, זענען פון די ארומיקע שטעט און שטעטלעך געקומען קיין גאוואראווע פיל יידישע פאמיליעס. דאָקעגן מענטשן פון גאוואראווע זענען געלאפן ערגעץ אנדערשווו. די באפעלקערונג פון שטעטל האט זיך כמעט פאַרדאָפלט. יעדע שטוב האט ארייננגענומען א פליטים־פאמיליע. אויך די שול און אנדערע קהל׳ישע ערטער זענען געווען איבערפולט. מיינע עלטערן זענען געווען פון די וואס האבן פארלאזט גאוואראווע און געפאָרן קיין אסטראווע. בלויז די נויטיקסטע זאכן האבן מיר מיטגענומען, און די רעשט האבן מיר באגראבן אין אונזער שטאל. אין גאנץ פוילן האט געהערשט א בהלה. מען איז געלאפן פון שטאט צו שטאט, מיינענדיק תמיד, אז דאָרט איז בעסער. אבער אומעטום איז געווען דאס זעלבע. די מורא פאר דער מלחמה און דער פחד פאר די דייטשן איז אונז כסדר נאכגעגאנגען. די וועגן זענען פיל געווען מיטן אפטרעטנדיקן פוילישן מיליטער. פארשטויבטע און פארשוויצטע זעלנער און אפיצירן זענען געלאפן אין א גרויסער אומאָרדנונג, אפשטעלנדיק זיך פאר יעדן טייכל און ברונעם, געטרונקען אין געאייל אפילו שמוציק וואסער. נאך זיי, מיט א ווילדער שנעליקייט, האבן געיאגט די דייטשן מיט באקוועמע טראַנספּאָרט־מיטלען. אנגעפרעסענע, אויסגערוטע, גוט־געקליידעטע, זענען זיי אריין אין יעדער אָרטשאפט מיט געזאנג, זייענדיק גלייך ארום זיך חורבן און טויט. פוילן איז געפאלן, אין צוזאמען מיט איר, אונזער שטעטל, אונזער היים. דער אינסטינקט צום לעבן האט אונז אבער ווייטער געיאגט. וואוהין ?...

ווען מיר זענען צוריקגעקומען קיין גאוואראווע איז שוין דאס שטעטל געלעגן אין חורבות. נאָר די איבערגעבליבענע, פארברענטע קוימענס האבן איינזאם, ווי יתומים, געשטעקט אין דער לופט און אנגעווארפן אן אימה. שטיל איז געווען ווי אויף א בית־הקברות. די פארבליבענע יידן, פון די וואס האבן זיך צוריקגעקערט נאך דער שריפה, האבן זיך צייטווייליק באזעצט אין „פּאָסטערונעק" פון דער פאליציי. דאָרט האט אויך געוווינט ד״ר גלינקא. א טייל האבן זיך „איינגעאָרדנט" אין דער קליינער און אין דער גרויסער מיל. איך האב זיך געלאזט אויף א „שפאציר" איבער דעם ארט, וואס האט געהייסן גאוואראווע. אלץ, אלץ איז געווען פארברענט, קיין איין גאנץ הייזל איז נישט געבליבן. ווו־נישט־ווו האבן זיך נאך געריכערט נישט דערברענטע זאכן. כמעט אומעטום האבן זיך ארומגעוואלגערט, פון פייער אויסגעבויגענע טעפּ, שיסלען, אייזערנע בעטלעך, געשטעלן פון ניי־מאשינען און אנדערע מעטאל־ברוכווארג. אַלץ איז געווען אפגעמעקט, אפגעווישט מיט דער ערד צוגלייך. דאס ברוויזנדיקע שטעטעלע,

פול מיט לעבן, איז געלעגן אין אש. די איינציקע זאך, וואס איז געבליבן פאר א זכר, איז די וואסער־פּאָמפּע אין מיטן מארק. איז טאקע דאָרט געווען דער זאמל־פּונקט פון די אלע, וואס האבן געגישטערט הינטער די חורבות, מיט דער האָפענונג צו געפינען נאך עפּעס א ווערטפולע זאך. אומעטיק און שטום האבן זיך מענטשן געביטן מיט די בליקן, און זיך צעגאנגען.

איך האב מיר א גאנצן טאג ארומגעדרייט איבער די „גאסן", דערמאנענדיק זיך, אז אט ערשט, מיט געציילטע טעג צוריק, האבן זיך קינדער געשפּילט אין „קלאסן", מיט א באל, געשפּרונגען איבער שטריק און פריילעך געמאכט דעם ארום. אט־א דא איז געווען פּאַטאַשעס זיסווארג־געשעפטל, אויבן — די „פּרץ"־ביבליאטעק, אביסל ווייטער — דאס באנקאווע געסל, ווו עס האט זיך אויך געפינען די יידישע שולע, און איך אלס תלמיד, האב געדארפט אויפטרעטן אויף א קינדער־פאָרשטעלונג. אט איז די לערערין, א הויכע, שווארצע־חנ'עוודיקע, וועלכע פלעגט יעדן פרימאָרגן, פארן אנהויבן די לעקציעס, קאָנטראָלירן צי מיר האבן ריינע הענט. פלוצים פארגנב'עט זיך גאר אין מיין 11־יעריקער נשמה, דאס געשטאלט פון דעם סטעלמאכס טעכטערל פון ווולקע... איך גיי פארטראכט און עס דאכט זיך מיר, ווי דאָס אלץ וואָלט געווען מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאך א קינד געווען. די פּאר וואכן מלחמה האבן מיר ערנסטער־און רייפער געמאכט.

איך „שפּאציר" ווייטער, און אין מיין מוח טראגן זיך פארביי בילדלעך פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט: א שבת'דיקער זומער־טאג, די זון קריכט פויל ארויס אויפן האריזאנט, אזוי ווי די מענטשן פון זייערע געלעגערס. די וואך איז אוועק אין געערויש און אין געיעג נאך פּרנסה, שבת איז מען פויל אפילו צו טראכטן. יידן גייען געלאסן אין שול אריין, פירנדיק פאר די הענט זייערע קינדער. אָנגעטאָן אין ריינע אויסגעפּוצטע בגדים, גיי איך אויך מיט מיין טאטן, ווי עס פּאסט פאר א גמרא־ייִנגל. אבער אינמיטן פארשווונדעט די ערנסטקייט. מיר ציט גאר צום טייך, ווו דאס וואסער איז אזוי זויבער־ריין, אז מען זעט קלאר דעם באדן מיט די העלע שטיינדעלעך. איך גנב'ע זיך ארויס פון דער שול, און אט בין איך שוין ביים טייך. אין א מינוט ארום — איך שווים שוין צום צווייטן ברעג, ווו די גראז איז אזוי הויך און גרין און שמעקט מיט אלע ריחות. די „לאנקע" איז ווי א אויסגענייטער טעפּיך באוואקסן מיט בלימעלעך פון אלע קאלירן.

איך טרוים ווייטער: מיטיק־צייט. שלמה עקיבא לויפט ארום פון־שטוב צו־שטוב צו „באארבעטן" די קוגלען מיט די „רייבאקעס". אביסל שפּעטער — דער עולם ווערט פארזונקען אין א געשמאקן נאכמיטאק־שלאף, אבער די יוגנט ווערט קיינמאל נישט מיד. טייל גייען צו דער אייזערנער באן־בריק זיך ברענען אויף דער זון און באדן אין טייך, א טייל ווילן זיך גראד אויסבאהאלטן אין שאטן, ביי סטאנקיוסן אין סאד, און זענען זיך מחיה מיט א צייטיקער פּרוכט. אט איז שוין שבת צו־נאכטס. דאס עלעקטרישע ליכט באלייכט שוין די שטיבער און גאסן. פון די הייזער הערט זיך דער קול פון „הבדלה". די יינגלעך מיט די מיידלעך שפּאצירן ארום פראנק־און פריי איבער די גאסן געארעמט, און גיבן טעמעס אויף פליאָטקעס פאר די יידענעס, וואס זיצן אויף די „בריקלעך" און באריידן זיי גלייך אויפן אָרט...

איך מיין פאנטאזיע זע איך די ערב־פּסח'דיקע פרילינגס־טעג, דאס שטעטל

קאכט ווי א קעסל. מען קאלכט די שטיבער, אדער מען קלעפט זיי אויס מיט פאפיר. מען רוימט, מען כשר'ט און מען גרייט זיך צו פסח. ביי חיה'ן דער „קאלטער גלעזערקע" גייט אן א גאנצע „פאבריק" — מען באקט מצות. א געקלאפעריי פון וואלגער־העלצער און „שטופל"־רעדלעך. דער „קאלטער גלעזער" אליין, בכבודו ובעצמו, שטייט ביים פלאַמענדיקן אויוון און שרייט: „אַ מצה אין אויוון אריין"! לייבל, זייער זון, א יונג ווי א ריז, א מייסטער אויף אלץ, געוואלדעוועט: „א מצה צום שטופלען"!, און ווארפט דערווייל א בליק אויף די וועלגערינס... איך דריי זיך ארום צווישן אלע און פרוּוו יעדן עפעס העלפן, אבער זיי זענען מוחל מיין הילף. מען שטעקט מיר אריין א הייסע, ווייכע מצה אין האנט אריין און מען איז מיר משלח פון דאַרט...

די ערשטע סדר־נאַכט. פון אלץ און אלעמען שמעקט מיט ריי־ניקייט און פרישקייט. עס גלאַנצן זיי זילבערנע לייכטערס. אלץ ארום איז פריילעך. דער טאטע זיצט ווי א מלך און איך פרעג מיט חשיבות די קושיות. צו „שפוך חמתך" עפן איך מיט מורא די טיר און ווארט אויף אליהו הנביא. ווי געוויינלעך האב איך אים נישט באמערקט, ווער איך דערפאַר אביסל ברוגז, און דער טאטע לאכט. אויף צומארגנס, גייט מען זיך באווייזן פאר חברים, מיט א ניי אנצוגל און סקריפנדיקע שיך. ווו זענען זיי איצט מיינע חברים?

איך דערמאן זיך אין זיי, ווי מיר פלעגן זיך צוזאמענקומען ביי משה דראניצא אין דער שאַפּע און אויסטראכטן פארשידענע שפילערייען. קינדערשע, נאאיווע שפילערייען, אבער ווי שיין זיי זענען געווען. וויפיל „מלחמות" מיר האבן געפירט; ווי „העלדיש" עס האבן געקעמפט יינגלעך פון איין גאס מיט יינגלעך פון דער אנדערער גאס. ווי זענען זיי איצט אַט די יינגלעך? ווי זענען פארשוווּנדן די גאסן?

שטום, קיינער ענטפערט נישט, נאר אומעטיקע ווינטן וואיען און שפילן זיך מיט די אפגעריסענע דראטן פון די סלופעס. א צעבראכענער קער איך זיך אום צוריק א „היים". דאס לעבן פאַדערט דאס זייניקע. מיין פאטער האט זיך גענומען צום באקן ברויט און די פרויען האבן געקאכט עסן אויף צוויי אונטערגעשטעלטע ציגל. מען מאכט פלענער, מען טראכט וועגן מארגן. וואס וועט זיין ווייטער?

נאך מיטיק זענען פלוצים, מיט גרויס רעש, פארפארן פינף דייטשישע זעלנער אויף מאטאציקלען פארן „פאסטערונעק", מיט שטאלענע העלמען אויף די קעפּ און אויטאמאטישע ביקסן. דער עולם איז זיך צונויפגעלאפן, בכדי צו הערן עפעס נייעס. די דייטשן האבן אנגעהויבן האווקען אויף זייער הינטישער שפראך און גענומען נישטערן איבער זיי פיל־צאליקע צימערן פון געוועזענעם פאליציי־אמט. זיי האבן דארטן געפינען פאַליציי־היטלען, קוילן, דאקומענטן און פארשידענע אנדערע זאכן. די מענער האבן זיי געהייסן ארויסטראגן די פאפירן אין דרויסן און זיי פארברענען, אונטערטרייבנדיק זיי דערביי מיט די קאלבעס פון די אויטאמאטן. יחיאל גערליץ, א ייד שוין אין די יארן, איז עפעס פארוואס נישט געפעלן געווארן די דייטשן און האבן אים ספּעציעל אומברחמנות'דיק געיאגט. „שנעלער דו פערפלוכטער יודע", האבן זיי צו אים געריטשעט, ווייזנדיק דערביי מיט דער האנט אויפן האלז. יחיאל איז אנידערגעפאלן און א שווערער נאצישער שטיוול האט זיך אראפגעלאזט אויף זיין פנים.

דעם פאטער מיינעם, אלס יונגסטן פון דער גרופע, האבן זיי באשולדיקט אין אָרגאַניזירן א פארטיזאנער־גרופע. איינער, א יונגער ס.ס.־מאן, מיט אן אייזערנעם

קרויץ אויף דער ברוסט, האט מיט רציחה גענומען מיין פאטער און מיט זידלערייען און קלעפּ אים צוגעשטעלט צו א בוים, און לאנגזאם אנגעשטעלט אויף אים דעם אויטאמאַט. דאס בלוט איז מיר פארגליווערט געווארן, און איך האב בעת־מעשה נישט געוווסט ווי צי רעאגירן. די רעשט קינדער האבן זיך באהאלטן ארום דער מוטער און צוזאמען אלע ביטער געוויינט. איך האב זיך געוואלט ווארפן צום דייטש, אבער מיין מוטער האט מיר פון דעם אפגעהאלטן, בכדי אויסצומיידן נאך א קרבן. אבער דא איז געשען א נס: אין הויף איז געשטאנען א קליין הילצערן הייזל פון גערטנער, אין וועלכעס עס האט איצט געווינט א פוילישע פאמיליע. פלוצים עפנט זיך דארט די טיר, און א יונגע פרוי לאזט זיך לויפן צום פלאץ פון דעם בלוטיקן ספעקטאקל. דאס איז געווען וולאדקא, די זעלבע וולאדקא, וואס פלעגט ביי אונז וואשן וועש און אין די שבתים — אונטערהייצן די הויוונס. קענעדיק יידיש, האט זי זיך מיטן דייטש צונויפגעשמועסט און האט אפגעפירט דעם אויטאמאט אין א זייט. דער דייטש, האט שמייכלענדיק, דאך אראפגעלאזט א קלאפּ אויפן פאטערס קאפּ, און ארומנעמענדיק וולאדקען זיך געלאזט צוזאמען צום שטיבל. ווי דאנקבאר מיר זענען אט דאן געווען דער פּראָסטער פרוי, וואס טראָץ דעם אויפגעבלאזענעם אנטיסעמיטיזם, האט זי אפגעראטעוועט מיין פאטערס לעבן.

אין זעלבן טאג האבן מיר באשלאסן צו פארלאזן גאוואראווע. יאסל אגראדניק מיט זיין פאמיליע זענען געווען מיט אונז צוזאמען. האבן מיר איינגעשפּאַנט זיין דאראָזשקע און זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון שניאדאווע. ווו עס זענען שוין געווען די רוסן. דער פערד גייט לאנגזאם ארויף אויף דער בריק. איך ווייס נישט פארוואס עפּעס איז די הילצערנע בריק גאנץ געבליבן. דער פאטער פארציט אן אלט רוסיש געזעגענונגס־לידל. עס ווערט נאך מער אומעטיקער. איך פיל ווי עס רייסט זיך אפּ עפּעס ביי מיר אין הארצן. איך פיל, אז גאוואראווע וועל איך שוין מער קיינמאל נישט זען. איך פארמאך די אויגן און בילדלעך אפגעריסענע ווי שטיקלעך וואלקנס פליען פארביי מיין זכרון: אט זע איך זיך צווישן קינדער אין חדר ביי דעם רבי'ן אברהם ישראל. דער רבי כאפּט א דרימל, און מיר כאפּן דערווייל א שפּיל אין קנעפּלעך. אט וועקט זיך דער רבי אויף און שלאגט מיטן פאסעק אויף רעכטס און לינקס. ווינטער, חבר'ה שליטלען זיך, גליטשן זיך אויפן טייך, באווארפן זיך מיט שניי. מען מאכט שניי־„מענטשן", מיט צוויי האלץ־קוילן אנשטאט אויגן, א רויטע מערן־נאז און מיט א בעזים אין דער זייט. שיין זענען די ווינטער־טעג אין שטעטל. די דעכער אנגעטאן אין שנייאיקע „היטלען", דער מארק גלאנצט מיט טויזנטער ברילאנטן־מיראַזשן...

פון די טרוימען וועקט מיר אויף א פריילעכער אויסגעשריי פון א „רויט־ארמייער" — „זדראסטוויטיע טאָווארישטשי!". מיר זענען שוין אין שניאדאווע, אויף דער סאוויעטישער זייט. איצט האב איך פארשטאַנען, אז גאוואראווע מיין געבורטס־שטעטל, איז שוין ווייט ווייט אונטער מיר — ווייט ווי א חלום.

איך האב איבערגעלעבט די מלחמה, איך געפין זיך היינט אין ישראל. אבער גאוואראווע, ווו איך בין געבוירן־און דערצויגן געוואָרן און פארבראכט מיינע שענסטע קינדער־יארן, וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן! אייביק וועל איך דיר געדענקען, מיין געליבט שטעטעלע !...

חיה בורשטין־בערנשטיין
ישראל

די לעצטע „כל־נדרי״־נאכט

די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, בין כסא לעשור, זענען געווען אומעטיקע און כמורעדיקע. די זון האט זיך פארשטעלט הינטער א דיקן וואלקן־מאנטל. זי האט זיך געשעמט פאר די צרות און בושות, וואס מען האט אונז, גאוואראווער יידן, אפגעטאן אן א שום זינד און עולה. דאס שטעטל איז געווען פארברענט, אַש און גרוזן. די שארית־הפליטה האט זיך קאָנצענטרירט ביי די ברידער ריץ אין זייער דאמף־מיל, וואס האט זיך געפונען הינטערן שטעטל, און איז א דאנק דעם נישט פארברענט געווארן. די ברידער ריץ האבן אפגעגעבן אלע זייערע צימערן און וווינונגען, וואס זענען געשטאנען אויפן שטח פון דער מיל, פאר די נשרפים און געליטענע שטאטס־לייט. די רעשט פארבליבענע האבן זיך געדונגען צימערן און די ארומיקע קריסטלעכע הייזער. מען האט זיך געקלאמערט צוזאמען אזוי ווי שעפסן, וואס זענען ארומגערינגלט פון א סטאדע צעררייצטע וועלף.

מיין משפחה, וואס איז באשטאנען פון מיין פאטער, די רבי׳צן מיין שטיפמוטער און איך, האבן זיך באזעצט ביי ר׳ נטע ריץ אין א באקוועמען לופטיקן צימער. עס איז גאר נישט צו דערציילן די איידלקייט און הארציקייט מיט וועלכע די משפחה ריץ האט זיך באצויגן צו מיין פאטער ז״ל. בדרך כלל האבן זיך אלע געהאלטן ווי איין משפחה. מען האט זיך ממש געטיילט מיטן ביסן, און איינער האט דעם אנדערן געהאָלפן מיט וואס ער האט געקאנט. די צרות און איבערלעבונגען האבן אלעמען פאראייניקט.

עס האט זיך דערנענטערט דער הייליקער טאג יום־כיפור. עס איז נישט געווען מיט וואס צו פארפאסטן דעם יום־כיפור׳דיקן תענית. אלע מעל־רעזערוון פון דער מיל האבן די דייטשן צוגענומען. אלע זענען געווען פארדאגה׳ט, און מיין פאטער האט זיך זער איבערגענומען, וואס יידן וועלן נישט קאנען מקיים זיין די מצוה פון עסן ערב יום־כיפור און קאנען, חלילה, נכשל ווערן אדער פארשוואכט זיין אין יום־כיפור אליין. מיר איז איינגעפאלן א געדאנק: איך וועל צוגיין קיין סוכטשיץ, ווו עס וווינט דער אמאליקער „וואיט״, קאראלאק, א גרויסער אוהב־ישראל, און אים בעטן ברויט. איך האב מיין פאטער דערציילט מיין געדאנק. ער האט זיך געווייקערט: א ווייטער וועג קיין סוכטשיץ. מען מוז גיין צופיס, און די וועגן זענען בחזקת סכנה. ער האט זיך פארטראכט א לענגערע צייט, און מיר אנגעקוקט מיט פאטערלעכע פארזאָרגטע בליקן. מיטאמאָל האָט ער אנגענומען אַ באשלוס: „גיי מיין קינד און ברענג ברויט פאר אלע גאוואראווער יידן״. איך האב שוין מער נישט געפילט קיין פּחד, און זיך געלאָזט אויפן וועג קיין סוכטשיץ.

איך האָב מיט זיך מיטגענומען אסתר לאה גמרא און זיך געשלייכט אויף זייטיקע וועגן, פילנדיק אבער די ברכות, וואָס באַגלייטן אונזער וויכטיקע שליחות. צו אונזער גרויס גליק האָבן מיר נישט אָנגעטראָפן אויפן וועג קיין דייטש, און מיר זענען מיט הצלחה אָנגעקומען אין הויז פון „וואַיט" קאַראַלאַק. מיר האָבן אים געטראָפן זיצן אין דער כאַטע מיט זיין משפחה. ער האָט אויף אונז אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרווינדערטע אויגן, ווי ער וואָלט געזען לעבעדיקע מתים. ער האָט באַלד באַפוילן זיין פרוי זיך שטעלן באַקן ברויט, און ער האָט דערווייל זיך אויסגעפרעגט מיט גרויס אינטערעס אויף זיינע יידישע פריינט. קודם האָט ער אונז געגעבן אָפּצועסן צו דער זעט, און אונז די גאַנצע צייט געטרייסט, אַז מיר וועלן איבערקומען די צרות. דאָס ברויט איז פאַרטיק געוואָרן מיטיק־צייט. מיר האָבן זיך געמוזט צווײַלן, כדי צו ברענגען דאָס ברויט פאַרנאַכט צו דער סעודה מפסקת. קאַראַלאַק האָט אונז געגעבן 6 גרויסע לאַבנס ברויט, און מיר האָט ער ספּעציעל געגעבן אַ ברויט און זאַכן פאַר מיין פאָטער דעם רב. ער האָט אונז געבעטן, אַז אויב מען וועט אונז כאַפּן זאָלן מיר נישט זאָגן אַז ער האָט אונז דאָס געגעבן. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אונז באַגלייט צו אַ הינטער־וועג און געהייסן זיך היטן אַזוי פאַר די פּאָלאַקן ווי פאַר די דייטשן.

מיר זענען בשלום אָנגעקומען אין דער מיל. אַלע יידן זענען געשטאַנען אויפן וועג און אונז אויסגעקוקט ווי משיח'ן. אין מיין פאָטערס אויגן האָב איך דערקאַנט סימנים פון צער און געוויסנסביסן, פאַרוואָס ער האָט אונז דערלויבט צו מאַכן אַזאַ געפערלעכן וועג. אָבער די שמחה פון צוריק־קומען, דערצו נאָך מיט ברויט, האָט פאַרדעקט די עגמת־נפש. די שמחה פון אַלע מענטשן איז געווען גרויס. מיין פאָטער האָט פאַרטיילט דאָס ברויט, יעדן זיין חלק. דער ריח פון פרישן ברויט האָט אַלעמען דאָס האַרץ דערקוויקט און געררייצט די אַפּעטיטן, און יעדער האָט זיך געפרייט מיט דעם חלק, וואָס ער האָט געקריגן פון רב פאַר זיך און פאַר זיין משפחה נאָך דעם תענית.

מען האָט זיך געזעצט צו דער ערב יום־כיפור'דיקער „סעודה". יעדער איז פאַרזינקען אין געדאַנקען: אַט נישט לאַנג צוריק, איז מען געווען אַ בעל־הבית פאַר זיך, אַ היים, אַ פאַמיליע; ווי עס איז — אַ ביסל פאַרזאָרגט פאַר דער צוקונפט, און מיטאַמאָל אַזאַ חשכות; דייטשישע מערדער, וואָס זוכן יידיש בלוט, די פּוילישע שכנים געוואָרן איבערנאַכט שונאים, און דאָ איז מען נע־ונד, פינסטער פאַר די אויגן. ווער ווייסט, צי די דייטשן וועלן נישט אויסנוצן דעם הייליקן יום־כיפור, כדי זיך איזדעקווען אַביסל איבער דאָס ביסל פאַרבליבענע יידן אין שטעטל. ספּעציעל האָט זיך געשראָקן אונזער משפחה, ווייל עס איז צו אונז דערגאַנגען ידיעות, אַז די דייטשן זוכן אַרום מיין פאָטער, און עס האָט נאָך ווער דערציילט, אַז איינער פון די גלחים זאָל האָבן אויסגעזאָגט, אַז דער רב געפינט זיך ביי די ברידער ריץ אין מיל.

מיטאַמאָל האָבן מיר דערהערט ווי עס פאָרט אַריין אַן אויטאָ אין הויף פון מיל, און אַט הערן זיך שוין ווילדע געשרייען פון די דייטשן. זיי פאַרלאַנגען פון נטע ריץ, אַז ער זאָל אַרויסגעבן דעם רב. מיין פאָטער האָט זיך באַהאַלטן אַ קורצע צייט אויפן בוידעם. אָבער הערנדיק, אַז די דייטשן גייען נישט אַוועק, איז ער אַרויס פון באַהעלטעניש און איז אַ שטאָלצער צוגעגאַנגען אַנטקעגן די דייטשישע מערדער. עטלעכע ס"ס־לייט האָבן אים אָנגעהויבן שלאָגן און רייסן פאַר דער באָרד. אַן אָפיציר האָט געגעבן

דעם רב א באפעל: אין משך פון 3 טעג מוז ער צושטעלן צום דייטשישן אַמט אייניקע קילאגראם גאָלד און אלע ווערט־זאַכן, וואס איז געבליבן ביי די יידן. ער האט אויסגעשאָסן פון זיין פיסטאָלעט און איז מיט א ווילדן געלעכטער אוועק מיט זיין באנדע. עס איז געוואָרן א פּאַניק, ווו נעמט מען גאָלד, אז עס איז אפילו קיין אייזערנער טשוואָק נישט געבליבן פון פארמעגן. דערצו האבן זיי נאָך געמאכט דעם רב פאר אַן ערוב, אז אויב ער וועט נישט צושטעלן דאס גאָלד צו דער צייט — וועט ער דערשאָסן ווערן, און דא איז שוין יום־כיפור.

די זון רוקט זיך, זי גייט איר וועג. עס ווערט בין־השמשות. מענטשן האבן געבעטן, אז יעדער זאל דאווענען פאר זיך. מיין פאטער האט נישט מסכים געווען: „אויב מען האָט נאָך די זכיה צו זאגן כל־נדרי בציבור — דארף מען דאס אויסנוצן". אין גרויסן זאל ביי נטע׳ן האט מען פארהאנגען די פענסטער מיט א שווארצן שטאָף. די געראטעוועטע ספר־תורה׳ס האט מען געלעגט אויפן טיש. א נר־תמיד האט געצאנקט מיט א שוואך ליכט. מענטשן מיט געשוואלענע אויגן האבן זיך אריינגעשלייכט ווי שאטנס. קינדער האבן זיך געקלאמערט צו די טאטעס, ווי זיי וואלטן געפילט דאס גרויסע געפאר. עס זענען נישט געווען קיין מחזורים, דערפאר האט יעדער געדאווענט פון הארצן און געזאגט זיין אייגענע אימפּראוויזירטע „תפילת־זכאי". מען האָט נישט געבעטן קיין פרנסה און נחת פון קינדער. מען האט נאר געבעטן א שטיקל נאקעט לעבן און גיכע ישועה פארן פאָלק ישראל.

עס איז נישט געווען ווער עס זאל זיין חזן צו כל־נדרי. קיינער האט נישט געוואָלט זיין דער שליח־ציבור פון אזא צובראָכענער עדה. מיין פאָטער האט מיט א געבראכענער שטים אנגעהויבן זאגן כל־נדרי. זיין פנים האט געלויכטן פון קדושה. די פרויען האבן זיך פארזאמלט אין א נעבנדיקן צימער, ווו די פאָדלאָגע איז נאס געווען פון טרערן. מיר, די מיידלעך: איך, ליבע קאסאווסקי, מרים רחל הערצבערג, די שוועסטער גמרא א. אנד. האבן זיך ארומגעשטעלט ארום הויז פון דרויסן, כדי צו אלארמירן ווען עס וועלן זיך דערנענטערן די דייטשן. עס האט נישט לאנג געדויערט און עס האט זיך דערהערט א רויש פון א אויטא־מאטאר. דייטשן מיט מאשין־געווער האבן זיך ווי מחבלים אראפגעלאזט אויפן הויף. זיי האבן אלעמען ארויסגעיאגט אין דרויסן, אויסגעשטעלט אין א רייע און אנגעצילט אויף זיי דאס מאשין־געווער. אלע זענען זיכער געווען, אז עס האט געשלאגן די לעצטע שעה. אן אפיציר האט ארויסגערופן פון דער רייע מיין פאטער און געזאגט: דו „געטלעכער מאן" ארויס! זיי האבן אים געהייסן נעמען א סידור אין האנט מיט א ליכט. דערנאך האבן זיי ארויסגערופן פון דער שורה נטע ריץ, יואל׳קע בעקער, איצעלע רייטשיק, און האבן אנגשטעלט אויף זיי אנגעלאדענע ביקסן. מען האט שוין אנגעהויבן זאגן וידוי. דא איז ארויסגעשפרונגען א יינגער ס"ס־מאן מיט א פילם־אַפּאַראַט און געמאַכט א רייע אויפנאמען פון די צום טויט דערשראָקענע יידן. זיי האבן ווייטער אויסגעשאסן אין דער לופט און אוועק פון וואַנעט זיי זענען געקומען.

מען איז אריין צוריק אין הויז פארענדיקן די תפילה. מער האט שוין קיינער נישט געוויינט, נישט געקרעכצט. דאס מעסטל צרות האט זיך שוין איבערגעגאסן.

אוי לעינים שראו זאת — —

במכתב שבא לתל אביב מהרב מגוברובה (עיירה במחוז אוסטרולאנקו בפולין) אנו מוצאים עדות נאמנה ומחרידה על מעשי הזוועה של ה... הנאציים.

הרב כותב: „מאות פעמים כבר עמדנו על סף המות מוכנים למיתת ירית. ותודות לאל שהותיר לנו בחסדו את החיים. האמן לי, יקירי, אילו באתי לספר לך את כל אשר עבר עלינו, לא היית מאמין למשמע אזניך. לא יאמין איש, „היאמן כי יסופר?" כי אשר היה בגוברובה לא היה בשום עיר. דמה בנפשך, כי לעיני שחטו הגרמנים 72 איש מנכבדי בעלי הבתים שלי — נדמו כבהמות לטבח. נשים וילדים שרפו חיים. את כל יתר יהודי העיירה, במספר אלפיים איש, דחקו לבית הכנסת והעלו אותו באש. אין ספק שכל הקהל היה נשרף באש, אלמלא נס מן השמים שאותה שעה עבר במכוניתו קצין גרמני ובשמעו את היללות האיומות העולות מבית הכנסת, ציוה להוציא את האנשים מהבית הבוער. הניצולים עברו על פני הנהר אל השדה. שם היו שלושה ימים ללא אוכל. אני הסתתרתי בבית הקברות. גם פה מצאוני הגרמנים והתחילו לענותני, אך עלה בידי להימלט מידם ולברוח לרוסיה. הנקל לאמור „לברוח". מאות פעמים אמרתי וידוי עד שראיתי את רוסיה בעיני. העיירה נשרפה כולה ונמחה זכרה, כאילו לא היה כאן מעולם ישוב. — — ברוסיה נדדנו מעיר לעיר עד שבאנו לביאליסטוק. פה סבלתי חבות. רעבנו, פשוט, ללחם. נוסף על כך סבלתי הרבה מחילול הדת והיהדות. לא יכולתי לראות זאת. „אוי לעינים שככה רואות". החלטתי איפוא לנסוע לוילנה השייכת לליטא

מגלת יסורים מפולין

הרב מגוברובה, עירה במחוז אוסטרולנקה בפולין, מספר במכתב שנתקבל בתל־אביב: מאות פעמים כבר עמדנו על סף המות, מוכנים למיתת ירייה ותודות לאל, שהותיר לנו בחסדו את החיים. האמן לי, יקירי, אלו באתי לספר לך את כל אשר עבר עלינו לא היית מאמין למשמע אזניך. לא יאמין איש „היאמן כי יספר?", כי אשר ב... בגוברובה לא היה בשום עיר. דמה בנפשך, כי לעיני שחטו הגרמנים 2 איש מנכבדי בעלי הבתים שלי — נדו כבהמות לטבח. נשים וילדים שרפו חיים. את כל יתר יהודי העירה במספר אלפים איש, דחקו לבי הכנסת והעלו אותו באש. א... ספק שכל הקהל היה נשרף באש אלמלא נס מן השמים, שאותה שעה עבר במכוניתו קצין גרמני. ובשמעו את היל...ות האימות העולות מבית הכנסת צוה להוציא את האנשים מהבית הב... הנצולים עברו על פני הנהר אל השדה שם היו שלשה ימים ללא אכל. אני הסתתרתי בבית הקברות. גם פה מצא... הגרמנים והתחילו לענותני. אך עלה בי... להמלט מידם ולברוח לרוסיה. הנק... לאמר „לברוח". מאות פעמים אמרתי ודוי עד שראיתי את רוסיה בעיני העירה נשרפה כלה ונמחה זכרה כאל לא היה כאן מעולם ישוב.

דער ערשטער אלארם־רוף וועגן גאוואראווער חורבן, געשיקט דורכן רב אנהויב 1940, געדרוקט אין „דבר" (אויבן) און אין „הגה".

הרב יצחק שאפראן
אמעריקע

למען תזכור...

דער געבאט פון „למען תזכור", איז געזאגט געווארן ביי יציאת מצרים: עס איז א מצוה צו געדענקען און צו דערציילן די צרות און די נסים, וואס דאס יידישע פאלק האט דורכגעלעבט אין מצרים; און די דאזיקע מצוה שפרייט זיך אויס אויפן גאנצן לעבן פון יידישן מענטש — ביי קריאת־שמע, ביים שבת־קידוש, ביים בענטשן, ביים וואכעדיקן, שבת־און יום טוב־דאווענען, אין די תפילין, אין וואג און שאל — אומעטום: למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים.

כ׳האב שוין געפרעגט פיל תלמידי חכמים: צי איז דער שיעבוד מצרים געווען א פארגלייך צו די צרות, וואס דאס יידישע פאלק האט דורכגעמאכט אונטער די נאצים ימ״ש? „קיין פארגלייך" — האט מיר יעדער געענטפערט. אזא פארשקלאפונג, אזעלכע פייניקונגען, אזעלכע שרעקלעכע מיתות־משונות, און אזא גרויסע צאל פארפייניקטע, 6 מיליאן קדושים — איז נאך נישט געווען זייט בריאת־העולם. אויך די נסים פון די געראטעוועטע שארית־הפליטה, זענען אויך אויסערגעוויינלעכע, נישט צום באגרייפן. יעדער געראטעוועטער ייד קאן דאך א גאנצן בוך שרייבן, מיט וואס פאר א נסים ער איז ארויס א לעבעדיקער פון נאצי־גיהנום.

איך בין בלויז עטלעכע וואכן געווען אונטער די נאצים, און איך בין צוויי מאל געווען צוגעשטעלט צום וואנט צום שיסן. דעם ערשטן יום־כיפור, צוויי אזייגער ביינאכט, איך בין דאמאלסט געווען ביי מיין פעטער ר׳ שלמה שאפראן אין אסטראוו־מאז. האבן 2 נאצים אויפגעבראכן די טיר און אריין אין הויז. איינער האט מיר און מיין פעטער ארייגעשטופט אין א ווינקל. אין איין האנט האט ער געהאלטן א געלאדענעם רעוואלווער, אין דער אנדערער האנט — א עלעקטריש לעמפל. ער האט מיט א הייזעריקן קול געררעוועט: געלט, אדער איר ווערט גלייך דערשאסן! פארשטייט זיך, אז איך האב אים אלץ אוועקגעגעבן. אין צווייטן צימער האט דער אנדערער נאצי ימ״ש, געטראפן מיין קוזינע מלכה שאפראן פון אסטראלענקע. זי איז דאן געווען א 20 יאר אלט, און א שיין מיידל. דער נאצי האט זי געוואלט פארגעוואלטיקן. זי האט אבער געשטעלט א שטארקן ווידערשטאנד, און זיך נישט געלאזט רירן. זי האט אים געזאגט, אז זי איז א רעליגיעז מיידל, זי וועט זיך בעסער לאזן שיסן און נישט באגיין אזא פארברעך. ווען דער נאצי איז אריין אין אונזער צימער האט ער דערציילט דעם צווייטן נאצי, אז זי איז זער איינגעשפארט, „ניקס צו מאכען"... ווען זיי זענען ענדלעך אוועק, האט מיין קוזינע מיר געזאגט: יצחק! איך שווער, אז ער האט מיר גארנישט געטאן. מיין קוזינע מיטן פעטער, מומע און אלע קינדער זענען שפעטער אומגעקומען אין די סלאנימער שחיטות. הי״ד.

מיר האבן נישט היינט קיין משה רבנו, וואס זאל אונז געבן א תורה מיט מצוות, זכר ליציאת אייראפע. מיר האבן נישט קיין מרדכי ואסתר, וואס זאלן אונז שרייבן א מגילה צו לייענען כאטש איין מאל אין יאר. לאמיר זיך באגנוגענען צייטווייליק מיט דעם וואס מיר האבן. מיר האבן לאנדסלייט וואס גיבן ארויס א „יזכור־בוך". דאס דארפן טאן אלע לאנדסלייט פון יעדער שטאט און שטעטל. ווייל יעדע שטאט האט איר אייגענע „מגילה". ווי הייליק איז ביי אונז יידן א „יארצייט" נאך עלטערן? וואס פאר א אויפטרייסלונג איז געווען אין אונזער שטאט, ווען הבחור הצדיק ר' ירוחם פישל קרולעוויטש איז געשטארבן פארן קריג? ווי הייליק איז ביי חסידים א „יארצייט" נאך זייער רבין? טא וואס דארפן מיר שוין טאן צו פאראייביקן דעם „יארצייט" נאך אונזערע רביים, רבנים, ברידער און שוועסטער, חברים, גוטע פריינט און כל ישראל צוזאמען, וועלכע זענען אומגעקומען על קידוש השם אזוי אכזריות'דיק?

די געשיכטע פון יציאת מצרים האט זיך אנגעפאנגען מיט 70 נפשות, פון וועלכע עס האט זיך אנטוויקלט דער כלל ישראל. דער חורבן פון אונזער שטעטל, ווען די נאצים זענען אריין, שבת דעם 9־טן סעפטעמבער 1939, האט זיך אנגעפאנגען מיטן דערשיסן 70 מענטשן און פארברענען דאס גאנצע שטעטל. וואס פאר א „למען תזכור" האבן שוין די חכמים פון היינטיקן דור צוגעטראכט וואס מען דארף טאן טאג־טעגלעך, און איינמאל אין יאר, כדי דאס אלעס נישט צו פארגעסן?...

מיר, דער ערשטער דור פון חורבן וועט דאס, אפשר, נישט פארגעסן. איך גלויב, אז יעדער איינער פון אונז, ווו ער גייט און ווו ער שטייט, אפילו ביינאכט אויפן געלעגער — שטייט דער גאנצער חורבן פאר זיינע אויגן. אבער מיר דארפן דאך אויך טראכטן וועגן אונזערע קינדער און דורות שפעטער, אז אויך זיי זאלן נישט פארגעסן!

מיר טארן נישט, אבער, אויך פארצווייפלען. צופיל זארג איז מעשה־שטן, ווייל דאס האט דאך דער שטן־המשחית היטלער ימ"ש, געוואלט אונז אריינטרייבן אין פארצווייפלונג און יאוש. אויב דער חורבן איז יא געווען אזוי גרויס און שרעקלעך, זענען דאך די איינצעלנע געראטעוועטע, פארבונדן געווען מיט גרויסע אויסערגעוויינלעכע נסים. דארפן דאך די געראטעוועטע דאנקען השי"ת פאר די גרויסע נסים ונפלאות, וואס האט מיט זיי פאסירט. וואס דער נס איז גרעסער, דארף אויך די פרייד זיין גרעסער.

איך וועל קיינמאל אין לעבן נישט פארגעסן אט די פריידיקע אויפטרייסלונג. ווען איך בין ארויס, נאך דער מלחמה, פון געטא שאנכיי אין כינע, און איך בין ענדלעך אנגעקומען קיין אמעריקע. פארשטענדלעך, אדם קרוב אצל עצמו. מיר האבן צוערשט געטרויערט אויף אונזערע עלטערן, ברידער און דאס שטעטל גאווראוווע, ווו איך האב אזוי פיל יארן אוועקגעגעבן אויף יוגנטלעכער דערציאונג. איך האב איבער 6 יאר געארבעט אין דער „בית יעקב"־שולע אלס פארוואלטער, סעקרעטאר, קאסירער און אליין געגעבן לעקציעס פאר „בתיה" און „בנות" — אלעס, על מנת שלא לקבל פרס. און ווען היטלער האט דאס אלץ אפגעווישט, האב איך ביי זיך געטראכט: רבש"ע! איז דען שוין מיין גאנצע „לשמה"־ארבעט געווען אומזיסט?! נישט געבליבן קיין זכר, אלץ פארן טייוול?! א שטיקל צייט שפעטער האב איך אין ניו־יארק געטראפן דעם שוחט'ס טאכטער פייגע מאזעס, היינט — ראזען, און רבקה שטשעטשינא, היינט — רבי'צין ראזענטאל, די בעסטע מיינע תלמידות, חברות פון „בנות". מיין פרייד איז געווען אין לשער. כ'האב שפעטער אויסגעפינען, אז אויך אין ישראל זענען דא

גערעטעוועטע חברות פון „בנות", די טייערע שוועסטער רחל און שרה זילבערשטיין און אנדערע. אויך חברים פון די „צעירים" האבן זיך געראטעוועט: די ברידער מאזעס אין אמעריקע, אנדערע — אין ישראל. דעם רב׳ס בן־יחיד, הרב אביעזר בורשטין, האט זיך געראטעוועט. אלע האבן שוין יעצט חתונה געהאט, האבן קינדער, פירן פיינע ארטאדאקסיש־יידישע היימען. אויך אנדערע מענער און פרויען פון אונזער שטעטל האבן זיך געראטעוועט. זען מיר דאך, אז דער טייוול האט אלעס נישט פארניכטעט. דער יידישער המשך ווערט פארגעזעצט. ועל כולם, הכל מודים, אז מיר האבן א אתחלתא דגאולה. נאך טויזנטער יארן האבן מיר צוריק זוכה געווען צו א יידישער מדינה. דאס אליין טרייסט אונז און דערפרייט אונזערע פאריאמערטע הערצער.

מיר מוזן זיך אנשטרענגען צו אביסל שמחה, צו דעמאנסטרירן פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט, אז עם ישראל חי וקיים לעולם ועד!...

א. בן־עיר
ארגענטינה

א ל ג י ה

עיני עיני יורדה מים
על עירי גובורובה ששבקה חיים,
זאת עיר מולדתי,
חונכתי בה וגדלתי,
עתה השממה
נמחתה מאדמה.
איש ואשה, נער וזקן,
כגויל נשרף, נשחט כצאן,
ידי טמאים
לדם צמאים,
כחיות טרף

תקעו החרב.
הלכו למות כשליחי הכלל,
לכפר בדמם עוונות הקהל,
גועו בשבילנו
ובשביל בנינו,
ולכל עמנו
בדורות אחרינו.
לרוצחים הקללה, ימח זכרם,
ולכל שונאינו בתוכם,
יבולע המות, לא ישופך דם,
ישרור שלום בין עם לעם...

ב. אביעזר
ישראל

דף גמרא הצילני...

המחנה בבליז׳ין, מחוז קילצה, הכיל ארבעה מפעלי ייצור גדולים, בהם עבדו עבודת כפייה כאלפיים יהודים.

במחנה זה לא היו תאי גזים ובתי משרפות כדוגמת מחנות השמדה באושביץ. כאן פעלו הנצים בשיטה אחרת: ניוון וכלייה ע״י עבודת פרך והרעבה. הכלואים עבדו עבודות קשות ומפרכות במשך 12 שעות ביממה, וקיבלו מנות אוכל כל כך זעומות, שהכמות שנועדה לחודש היתה מספיקה בצימצום לכדי שיעור סעודה אחת.

הרעב האיום ששרר בבליז׳ין אכל את האסורים האומללים בכל פה והטביע בהם את סימניו אחר שבועות מעטים בלבד: רגליים נפוחות, בטן צבותה, ראש מוגדל ונפוח וכו׳.

מפקד המחנה האחרון היה קצין ס״ס גבוה, בשם הרץ, חתנו של גנרל גרמני רב השפעה, שבזכותו הצליה להשתמט מהחזית, ובאמתלה של פיקוד במחנה העבודה נשאר בעורף מבלי לסכן את עורו. הוא עצמו לא הרים יד להכות יהודי, ואף מנע את ה„שארפירר״ בוסקה, סאדיסט מלידה, מהתעלל באסורים בנוכחותו — דבר נדיר בזמנים אלה — אך לא נקף אצבע לשינוי משטר ההרג במחנה; לפיכך אף הגבור שבעצורים לא היה מחזיק מעמד יותר משנה אחת.

מקום עבודתי היה במפעל הסריגה, בו היינו מייצרים ומתקנים גרבי צמר למען חיילי הרצח והאוכלוסיה האזרחית הגרמנית. היו מועסקים כאן כארבע מאות יהודים, מחולקים לשני משמרות.

באחד הימים הבחנו, שפחת מספר העובדים בצורה ניכרת, שמכונות רבות הושבתו מחוסר ידים עובדות. נאמר לנו כי רבים חלו בשפעת, אך בין העובדים עבר לחש שמחלה זו — מגיפת טיפוס היא, ושהרופאים היהודיים, וכן ה„שטורמבאנפירר״ הרץ, משתדלים להסתיר את הדבר, מתוך פחד שמא יחוסל בגלל זה המחנה ואז גם הרץ יעבור לחזית.

שורות העובדים נתדלדלו מיום ליום, אך כמות האוכל לא נשתנתה. הבריאים ניצלו את ההזדמנות הזאת: כל אחד מהם מילא פעמים אחדות את קערתו, שהיתה תלויה לו בחבל על מתניו.

יום אחד, בבלעי מנה גדושה של אוכל, הרגשתי פתאום שכבדו עלי אברי. נסיתי לקום ממקום שבתי וראשי עלי סחרחר. מיד נולד בי החשד, כי הנה גם אני נלכדתי בפח ולקיתי בטיפוס. בשארית כוחותי סחבתי את רגלי אל בית־החולים.

צריף העץ בו שכבו החולים, נועד בשעתו להיות אורווה לסוסים. אורכו היה כ־30 מטר ורוחבו 9 מטרים. לא היו בו חלונות אלא אשנבים צרים במעלה הגג, שבעדם חדרו קרני אור חיוורים וקלושים. משני עברי הקירות עמדו אצטבאות בנות קומתיים,

ועליהן היו שרועים החולים, צפופים ודחוקים. באורח רשמי היו החולים תחת פיקוח רופא יהודי ואחות מבין האסורים, אך למעשה הסתפקה האחות בלבושת סינור לבן ובישיבה בפרוזדור הכניסה. אף הרופא לא עשה הרבה כדי להיטיב את מצב החולים. ואמנם לא היתה להם אפשרות לעזור בלי סמי־מרפא, כשהם לבדם אחראים לארבע מאות חולים ולמעלה מזה. לכן, על החולה עצמו היה לדאוג קודם כל למצוא לעצמו מקום משכב, שעליו יניח את עצמותיו היבשות. אם היה לו מכיר ורע בין הבריאים, שסיפק לו מזון להשיב נפשו, יכול היה להחזיק מעמד איך שהוא, ואם לא — כי אז שכב ללא אוכל עד שהוטב לו ויכול לקום ולדאוג לצרכיו, או — סופו שהובל ע״י קבוצת „המקברים״ אל מחוץ למחנה... המכסה היתה: 30 עד 50 מתים ליום.

בעבורי לא היה כבר מקום על האצטבאות, לכן יעצתני האחות להשתרע על הרצפה. וכי היתה לי ברירה? כרעתי תחתי על קרשי הרצפה השחורים, לא הרחק מתנור הברזל שעמד באמצע הצריף. עצמותי רעדו מקור וחום גם יחד, פשטתי את סחבות בגדי ופרשתים על אברי הקודחים והקפאים חליפות. לא נשארתי יחידי על הרצפה; עד מהרה נתווספו עוד כמה חולים שהוטלו לידי.

אש בערה בגופי ויובש מחניק מילא את גרוני ונצוצי אש ניתזו נגד עיני. ניסיתי לקום — וצנחתי מאפיסת כוחות, אולם בעקשנות חולנית עשיתי מאמץ והתקדמתי בזחילה עד לדלת הצריף. שם, בפינה, עמדה חבית מלאה מים. באין ספל טבלתי את פני בתוך המים הקרים ושתיתי לרוויה... מיד אחזתני קדחת „כפולה״ ושיני דא לדא נקשן. חזרתי בחילה ל„מיטתי״ ושקעתי בתרדמה.

אחרי ימים, שבועות, או חדשים — ניטשטשה בי כל הרגשת הזמן — פקחתי את עיני והסתכלתי סביבי בתמהון: היכן אני נמצא? בתרדמה שנמשכה מי יודע כמה זמן הייתי שרוי בעולם אחר, בצל ביתי ומשפחתי, לצד חברי ומכירי, ולבי היה טוב עלי. הצטערתי צער רב, ששירת חלומי באמצע נפסקה...

בצריף שרר חושך, וריח של טחב ורקב עלה בנחירי. הרצפה היתה מלאה חולים שהתפתלו מכאב ובקשו עזרה, אולם — קולם קול קורא במדבר.

הרגשתי הכללית היתה בכי רע. החום הגבוה לא ירד, ועצמותי הדוויות שהיו מוטלות זמן רב על הרצפה, הכאיבו לי מאד. נוסף לזה הציקו לי העוברים והשבים בצריף, שדרכו על גופי בעברם ממקום למקום. לא אחת דרך מישהו בכל כובד משקלו על רגלי. זה גזל ממני את אפשרות המנוחה ומתח את עצבי עד לכדי פקיעה. התחלתי לטכס עצה: איך לצאת מהמצוקה ולזכות, לפחות, למשכב נוח יותר על קרשי האצטבאות?..

בכל יום נשתחררו מקומות על האצטבאות אחר אלה שמתו או הבריאו, אולם המקומות שנתפנו, נתפסו תיכף ומיד ע״י חולים שכוחם היה עמהם לקום ולעלות על האצטבא, או הוחרמו ע״י הרופא לחולים „מיוחסים״.

הגעתי לידי מסקנה, שאני מוכרח להגיע בכל מחיר למקום מנוחה, אם אינני רוצה לאבד כל תקווה לצאת חי מהרפת הזאת.

לא ארך הזמן וראיתי שלא הרחק ממני „מטפלים״ ה„קברנים״ באחד החולים; הבנתי שהלה איננו עוד בחיים, התקרבתי בזחילה לשם והצלחתי: הייתי הראשון שעלה על האצטבא למקום המנוחה.

אחרי שהגעתי למקום הנכסף הזה, הלך מצבי הלוך ורע. נחלשתי עד כדי אפיסת כוחות. הרגשתי שאני נוטה למות... במקומי הקודם לא יכולתי להתרכז ולחשוב על מצבי, כי עצבי היו טרודים מרוב דאגה, שראשי ורגלי לא יהיו טרף לסוליות הדרוכים עלי; עתה הגיעו עצבי לידי התפרקות וגילו לי את מצבי האמיתי.


יום אחד חלה הטבת־מה במחלתי. העיק עלי רגש הבדידות והוצאתי מכיס מעילי קונטרס, שהיו בו כמה דפים ממסכת כתובות. מצאתי אותו פעם מתגלגל בצריף הסמרטוטים, ועתה עיינתי בו. אותה שעה עבר במקרה ראש קבוצת ה„קברנים" ליד משכבי והסתכל בי בתמיה.

„מה הם הדפים שאתה מחזיק"? שאלני בסקרנות. הראיתי לו את הקונטרס. הוא הסתכל בהם בערנות רבה, התישב לידי ופתח בחקירה: מי אני? באיזו ישיבה למדתי? איך הגיעו הדפים לידי? שיחתנו נתגלגלה לחיי הישיבות בפולין ודרכי לימודם, לאישים מפורסמים בישיבות פולין וליטא וכו׳. התפלאתי לראות לפני תלמיד חכם ובר אוריין, המכיר בהבדלים הדקים מן הדקים בין ישיבות פולין וליטא, ובקי בהם כבתוך שלו. קלסתר פניו ולבושו הגס לא העידו כלל על השתייכותו לשכבת הלומדים.

לפני שנפרד ממני שאל על מצב מחלתי והבטיח לי חגיגית שיתענין בגורלי, ועוד באותו יום חזר וניגש אלי בלווית הרופא. הוא מסר לו לרופא חבילה מלאה תרופות וזריקות ואמר: אלה מיועדים עבור ידידי זה ואבקשך לשים עליו עין". מכאן ואילך נהפך גלגלי לטובה וחל שיפור גדול במצבי. הרופא וגם האחות ביקרו אותי לעתים תכופות, קיבלתי זריקות ותרופות שונות.

פעם הסביר לי הרופא את הדבר. הוא אמר לי שהלה, בתוקף תפקידו בקבורת מתים, מבקר בכל עת, בצורה חפשית, בעיירה הקרובה, ושם הוא קונה את סמי הרפואה.

כתוצאה מהטיפול המיוחד הזה הוטב מצבי מיום ליום, עד שקמתי על רגלי. ביום עזבתי את צריף החולים, בא ראש ה„קברנים" לברכני והציג את עצמו — כראש ישיבת „בית יוסף" לשעבר בעיר אוסטרובצה, במדינת פולין.



אחד ממחנות הרכוז

יוסף פערלשטיין
ישראל



יוסף פערלשטיין

אין קרעמאטאריע־אויוון

(פראגמענט פון א פּאעמע)

ווער ס'האָט א קרעמאַטאָריע מיט די אויגן געזען,
דער האט די קלאנגען לאנג, לאנג שוין באנומען,
און איך — כאָטש אליין כ'בין אין אויוון נישט געווען,
האָב אָט די שוידערלעכע מעשה פון פייער גענומען

עס ברענט דער קרעמאטאריע־אויוון און צישעט,
און העשעט מיט פלאקער און צישעט און דישעט;
ווי טויזנטער חיות זיך וואלטן צעיושעט,
ווי ס'וואלט דא א קעסל מיט פלייש זיך געטושעט...
ווי הונדערטער גיהנום'ס אין טויזנטער גראדן
זיך וואלטן צערויכערט מיט שרעקלעכע טשאדן;
ווי אן א שיער טויטן זיך וואלטן פארזאמלט
און שטיל אויף טויט־לשון עפעס געשטאמלט...
— הא־הא! הא־הא! — — — — —
— שא־שא! שא־שא! — — — — —
א מענטש־מלאך־המות — דער „שיבער פון טויט",
שיבט די סקעלעטן אין אויוון, ווי ברויט...
— נאך איינס און נאך איינס און נאך איינס אריין!
— נאך איינס און נאך איינס און נאך איינס אריין! — — —

א סקעלעטל — א, הימלען, — א הויט־נאר־און־ביינער,
מיט פויסטן געבײַלטע און פארקריצטע ציינער...
א ייד — מען דערקענט אין דער גרייז־גרויער בארד.
אויף ליפן די בלויע פארשטארט האט א ווארט

פון קללה נישט דערשאלטענער, אדער תפילה גאר, —
פאר פחד זיך האבן געשטעלט אים די האר.
מסתם אלע יארן אין ליידן געלעבט
און קומען צו קבר־ישראל געשטרעבט,
נאר שטארבן פון שריפה זיכער נישט געקלערט, —
אבער אזוי אום יום־כיפור מסתם אים אנבאשערט !...

נאך אים א סקעלעט־פרוי — די אויגן צעטראצט,
פון צווייפל און שרעק צום הימל פארגלאצט...
די ליפן אויס יאמער און שרייען — פארקרימט,
די האר אפגעשוירן — צו מאטראצן באשטימט ;
די ברוסטן צעקיילטע — א קינד נישט דערזויגט,
פון גסיסה־קאנוואלסיעס — פיס אויסגעבויגט ;
פינגער פארקלעמטע פון הענט — אויסגעדארט,
אין תחינה׳דיק גרויל־בראך זיי האבן פארשטארט.
דוכט זיך : זי וואלט נאך פון לעבן געדאכט, —
ווערט אבער שנעל אינעם אויוון געשאַרט — — — —

א יידענע־סקעלעט — א באבע ווייזט אויס...
מ׳דערקענט — פון א גוטער געשטאמט האט זי הויז ;
איר יחוס אין די יידישע קנייטשן מען זעט,
און שיינט צו זיין אן הייליקער סקעלעט...
איר עלטער אין תחינות האט זי אויסגעטריבט
און דא — גאר אין אויוון אויף גיך ווערט געשיבט.

אט „קומט" אויך א בחור — א בליענדע רויז, —
געטויטעט דורך חניקה, — א, אומגליק ווי גרויס ! —
געשיינט האט ער זיין גאר א קרעפטיקער מאן
און בעסער צו שטארבן אלס העלד־פארטיזאן ! — — — —

נאך אים „גייט" א מיידל, צי א כלה גאר,
אדער נישט לאנג א פארהייערטע פאר.
מען זעט זי ז׳די „מיסס" פון איר שטעטל געווען,
נאר א, ווער קאן וויסן ווי ס׳אומגליק ז׳געשען ! — — — —


אן עופה׳לה־קינד, — ערשט אין גאזן דערשטיקט,
פון אן ארעמער שלאפלאזער מאמע נישט דערוויגט,
אויסגעקרומט ס׳מיילכל, — אין אומשולד פארטריבט —
ווערט אויך צוזאמען אין אויוון געשיבט.

נאך זיי „קומט" א גוף אין א קרייץ אויסגעריסט,
לויט זיינע וואנסעס — א ציגיינער צי קריסט ;
נאר ס׳מאכט נישט דער פייער קיין שום אונטערשיד,
אבי א סקעלעט — מעג אויך זיין נישט קיין ייד ! — — — —

*

...אזוי ברענט זיך לאנגזאם סקעלעט נאך סקעלעט
און קאפטיעט און שרפה׳ט אין פלאמען־געבעט...
און ס׳פלאקערט און ס׳בראַט, און עס העשעט און צישעט,
און צישעט און טושעט, און טושעט און דישעט:
— ציש־הא! דיש־הא! — — — —
— הא־הא! הא־הא! — — — —
— — — — — — — — — — —

ארום שטייט די לופט אין א מענטשן־געשטאנק
און ס׳פיבערט דער הימל א רויטער, ווי קראנק...
און ס׳צישעט אויך ווילדיק אין דרויסן דער ווינט,
גלייך ער וואלט געוואיעט: אוי ווי ז׳מיר און ווינד,
עס איז מיר שוין נמאס צו צעטראגן דעם אש,
וואס ווערט אויסגעמיסטיקט נישט ווייט דא אן רעש.
און ס׳גנב׳עט אריין זיך פארצווייפלט דער טאג
און שטוינט: אוי א בראך, אוי א פלאג, אוי א קלאג!...
וואס זע איך?... איך האב נאך אזעלכס נישט געזען!...
וואס איז געשען דא? אוי, וואס איז געשען?!
גוואלד, איך פיל ווי איך ברען!...
ווי איך ברען!... ווי איך ברען!...
איך ברען — נישט ווייל ס׳בריט מיך און בראנדט מיך און בראַט...
ניין, אָ, אלמעכטיקער גאט! ניין, א, מיין גאט!
עס בריט מיך פאר בושה, פאר שאנדע, פאר צאָרן און האַס,
הלמאי האסט דערלויבט זיך אזא שרעקלעכן שפּאַס!...



דער „שיבער פון טויט" ביי דער ארבעט

רחל אויערבך
ישראל

שמע ישראל...

באותם הימים היו יהודים שומרי דת מבקשים להם סעד ומפלט בתפילה. ואף מבין אלה שלא היו אדוקים בדת, נאחזו לעתים קרובות, בשעות חייהם האחרונות, במנהג עתיק־יומין זה, ויחד עם כל האחרים אמרו קדיש לעילוי נשמתם שלהם. שכן אז כבר ידוע היה לכולם, כי לא ישארו עוד בנים זכרים שילכו יום־יום לומר קדיש לנשמות אבותיהם ואמותיהם. ידוע היה כי לא ישארו עוד לא זקנים ולא צעירים, לא ילדים ולא טף.

אחדים מבין הניצולים מספרים כיצד נתלכדו יהודים בתוך קרונות־המות, לפני הוצאות־להורג בהמון — ואמרו קדיש בציבור.

ולעיתים היו יהודים אומרים תהילים, או — בשעה שישבו ממילא ישיבת־אבלים על רצפותיהם של קרונות־המשא — פתחו באמירת „איכה" וקינות. בפסוקים של ירמיהו הנביא ובחרוזים של יהודה הלוי היו מקוננים, ערב חורבנם שלהם עצמם, על חורבנה של ירושלים. בקינות אלה הכינו עצמם, נפרדו מכל היקר להם, בצאתם לדרכם האחרונה במסע־המות. אפילו בין אלה שעולם היהדות כבר זר היה להם כמעט, עוד נמצאו בודדים שידעו איזו תפילה על־פה. האחרים היו עומדים ומקשיבים, וכגרים היו חוזרים מלה־במלה על הפסוקים, בהם בקשו טעם ותוכן, איזו נקודת־אחיזה לפני המות.

בשעה ששכניו לשעבר של דודי איש־הכפר הוציאוהו ממקום מחבואו והובילוהו לבית־הקברות היהודי כדי להמיתו ביריה, שלף מכיס בגדו סידור־תפילה קטן ולאורך כל הדרך אמר ודוי. לא רצה עוד לזכות אפילו במבט אחד את נופו של הכפר; את פרצופיהם של אלה שהובילוהו; של אלה הסקרנים שהסתכלו בו בלכתו לקראת המות. דפי הסידור היו לו מפלט אחרון בעולם, המפלט היחידי.

צעיר שנמלט מטרבלינקה סיפר לי דבר שראה בצריף אשר בו היו פושטים את בגדיהם אלה שהתכוננו ללכת ל„מרחץ" — לתאי־הגזים. היתה זו קבוצה גדולה של נשים וילדים. מבין כולם התבלטה אשה אחת גבוהה, שראשה עטוף היה במטפחת. היא עמדה בקרן־זוית, פניה אל הקיר, אל איזה „מזרח" סמוי שיצרה לה בדמיונה. מאחוריה עמד ציבור הנשים וכמותה כיוונו אף הן פניהן אל אותו כותל טמא של צריף־המות.

כחזן ביום הכיפורים, כשליח ציבור של עדת נדונים למות, עמדה האשה באותו יום־הדין בטרבלינקה, ביום זוועות של כליון. בנעימת־תפילה של הימים הנוראים ובמלים ביידיש שיצאו מקרב לבה שיטחה טענותיה לאלוהים:

שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד! — קראה מנחמת לב — ריבונו של עולם, אתה אבינו האחד והיחיד, ואין לנו אבא מלבדך. פקח עינך וראה את עניגו, הבט אל שפלותנו וקבל את זעקת ילדינו וטפנו. הסר מאתנו כל חטא... כדי שנזכה... כאבותינו

אברהם, יצחק ויעקב, וכאמותינו שרה, רבקה רחל ולאה... שנזכה... שם... עם כל מחמדי לִבנו... אב רחום שבשמים!...

זעקת בכי פרצה מלבה והיא נאלמה דום. וכל הצריף כולו נזדעזע לרגע מבכי, כעזרת נשים ביום הקדוש.

— ולמען השם — פתחה האשה שוב בכוחות מחודשים — למען שמך הנקדש בעולם — נקום את נקמתנו, דרוש את דמנו מידי צוררינו. אל יהי קרבננו לשוא! זעקת העינויים של ילדינו, כל מה שעוללו לנו — על ראשם ועל ראש זרעם! על בנים ועל בני־בנים! רדפם באפך והשמידם! עקור אותם משורש, כמו שהם עושים לנו! אב רחום שבשמים!...

במלים אלה או בדומה להן זעקה האשה את תחינתה. היא פירשה כפיה למרום וציבור הנשים עמד מאחוריה ובשפתים חיורות לחשו עמה כל מלה ומלה. כמו בברכת הנרות הליטו פניהן בכפות ידיהן, הניעו חרש את גופותיהן והדמעות ניגרו מבינות לאצבעות ידיהן כמו בברכת הנרות...

ודרך מקרה לא הביטו אותה שעה המנצחים על מלאכת ההשמדה לאותה פינה ולא חיללוה... לאט־לאט הלך קול הנשים ונשתתק מאליו עד אשר נבלע בתוך שאר ההמון.

ועוד מעשה סיפרו לי שאירע בוארשה בסוף ימי ה„אקציה" הראשונה, בספטמבר 1942, בימי „הדוד".

באחד הימים יצא החוצה יהודי זקן. בשעת בוקר מוקדמת יצא מתוך פתחו המוסיה של מרתף־מחבוא, גמר אומר לסיים את פרשת המחבואים. עטוף כולו בגלימה לבנה ובטליתו, כביום הכיפורים, שפתיו רוחשות לחש תפילה — יצא לרחוב, כדי לקבל עליו את הגורל המיועד לו. זקנו לבן, מעוטף בתכריכי הלובן וכולו אומר לובן וטוהר. רגעים אחדים הסתובב בתוך בהלת הרחוב. חייל־תליין זה או אחר עברו על פניו ולא נגעו לרעה ביהודי, שכאילו לא שייך היה עוד לעולם הזה. לבסוף כיון אליו אחד את נשקו ממרחק וירה בו, כאילו ירא להביט בפניו המבהיקות, הזוהרות של היהודי הלבן...

שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד!
ואחד הוא גורלך, עם ישראל,
בין כל אומות העולם...



שמע ישראל...

ק. נח
ישראל

מסירת־נפש אויף פארשיקונג

נאך וואכן־לאנגע שלעפענישן אויף די רוסישע פראכט־וואגאנעס, אין שמוץ, הונגער און דורשט, איז מען ענדלעך אנגעקומען אין א מקום מנוחה.

עס רעדט זיך אזוי „מקום־מנוחה״. עס איז נישט געווען קיין ווילע אין קרים ביים שווארצן ים אדער א פאלאץ אויפן „נעווסקי פראָספעקט״ אין לענינגראד. מען האט אונז פארווארפן אין א טיפן וואלד פון וואָלאָגדער קרייז (א.ס.ס.ר.).

עס איז געווען ווינטער־צייט. דער שניי האט פארדעקט די וועלט. די אויגן האבן וויי געטאן פון דער בלוי־ווייסער בלענדעניש. דער פראסט האט געברענט, געשניטן דאס לייב ווי מיט שפילקעס.

אין עטלעכע האלץ־באַראַקן, וואס האבן זיך קוים ארויסגעזען פון שניי, האט מען אונז איינגעקוואַרטירט אין קליינע „קאַיוטקעלעך״ פון דלת־על־דלת. קרוב צו 70 יידישע משפחות, מיט זייערע ווייבער, קינדער און הויזגעזינד, האבן זיך ארייננעפאקט אין די פארעיפושטע קאמערלעך מיט זייערע זעקלעך און פעקלעך. עס איז נישט געווען ווו צו זיצן און ווו צו שטיין.

די יידישע פארשיקטע זענען געווען פון פולטוסק, דלוגאשאָדלע, סוואַלק און אנדערע ערטער. פון גאוואראווע זענען דאָרט געווען א 6—5 משפחות. אויסער זיי זענען נאך דאָרט געזעסן א 20 קריסטלעכע פאמיליעס — פארשיקטע פוילישע אפיצירן און באאמטע.

קאמאריצע, האט געהייסן דער פארשיקונגס־פלאץ פון טאטשימסקער ראיאן. אין אור־וואלד האבן מיר געדארפט האקן בוימער. זיי צוזעגן און שלעפן אויף וועגעלעך ביז צו דער נאענטסטער באן־סטאציע.

עבודת־פרך אין מצרים איז געווען א שפּילעכל קעגן די קאַטאָרגע־ארבעט פון דעם פונקט. פון פריען באגינען ביז שפעט אין אוונט האבן די אויסגעהונגערטע, פארפייניקטע מענטשן געהויבן און געשלעפט די משאות ווי אייזלען, אָן אפרו, אָן עסן צו דער זעט, ביי א שטרענגער אויפזיכט פון נ.ק.וו.ד. און ביי א פראָסט פון 55 גראד. די הויט האט זיך געשפאלטן פון שפאנונג און די פיס זענען געשוואלן געווען ווי בוראקעס. דאס אלץ האט נישט דערוועקט קיין טראָפן רחמנות ביי די רוסישע בעלי־בתים, די חשוב׳ע הערן פון נ.ק.וו.ד.

אבער איך בין דא נישט אויסן צו שילדערן דאס פעקל צרות פון דעם פארשיקונגס־לאגער. איך גלויב, אז עס קאן געפונען מאטעריאל פאר א גרויסן בוך. איך וויל דא בלויז דערציילן א קאפיטל גבורה פון א גאווארווער ייד, ר׳ איצעלע, וואס האט

זיך מוסר־נפש געווען פאר לייגן תפילין און דאווענען יעדן טאג, כאטש ער האט געוווסט, אז דאס וועט אים קאסטן דאס לעבן.

דער ראש פון דאזיקן לאגער איז געווען א געוויסער איוואן, א נ.ק.וו.־דיסט. א רשע־מרושע, וואס האט געהאט א עלערגישע שנאה צום יידישן דת. קיין זאך האט אים נישט אזוי געארט, ווי טאמער וועלן יידן אנטאן טלית און תפילין און דאווענען.

איך ווייס נישט פארוואס איך בין איוואנען געפעלן געווארן און ער האט מיר געמאכט פארן פאראנטווארטלעכן פון גאנצן לאגער. אפשר דערפאר, ווייל איך בין געווען דאָרט דער בעקער און איך האב אים אלעמאָל אונטערגעטראגן א פריש בולקעלע. איוואן האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל אים מעלדן, ווען יידן דאווענען, כדי ער זאל קומען און זיי באשטראפן. ער האט מיר דערביי געווארנט, אז טאמער וועל איך פון אים פארהוילן, וועט ער מיר ארויסנעמען פון בעקעריי און שיקן אין וואלד אריין.

עס איז געקומען יום־כיפור צו כל־נדרי. איך האב זיך איינגעהילט אין טלית און זיך פארגראבן אין א ווינקעלע. מער וואלט מיר נישט געפעלט, נאר איוואן זאל זיך דערוויסן, אז איך אליין דאוון. צומארגנס יום־כיפור, האבן זיך די עלטערע יידן פארשטעקט אין א זייטיקן קאמער צום דאווענען. איוואן האט זיי געזוכט און נישט געפונען. ער האט מיר געשיקט זיי זוכן. איך בין אוועק און שנעל געהייסן אלעמען זיך צעלויפן. איך האב געענטפערט איוואנען, אז איך האב קיינעם נישט געטראָפן. דאך האט איוואן אנגעטראפן א סוואַלקער זייגערמאכער, ווי ער טראגט א מחזור אונטערן ארעם. ער האט געקריצט מיט די ציינער, אבער ער האט אים גארנישט געקאנט טאן — נישט געכאפט בשעת־מעשה.

איינמאל האט איוואן צופעליק באמערקט, ווי ר' איצעלע שטייט אין טלית און תפילין און דאווענט. די „יוכע" האט אים א שלאג געגעבן צום קאָפּ. ער האט אַראָפּגעריסן פון אים דעם טלית און באפאלן ווי א גזלן, געשריגן און געליארמעט. „נאך איין מאל" — האט ער אים געווארנט — „איך וועל דיר טרעפן בעטן גאט, וועסטו פון טורמע נישט ארויס".

מיר האבן גֶעבעטן ר' איצעלען ער זאל האבן רחמנות אויף זיך און דאווענען אן טלית, ווייל דער רשע האט שוין געלעגט אן אויג אויף אים. עס איז דאך סכנת־נפשות. ר' איצעלע האט געשמייכלט און גארנישט געענטפערט. צומארגנס האט ער ווייטער געטאן דאס זייניקע, געדאווענט אין טלית און תפילין, ווי קיינמאל גארנישט.

איוואן האט זיין דראָונג מקיים געווען. ער האט נאכאמאל געטראָפן ר' איצעלען ־דאווענען, האט ער אים גלייך ארעסטירט און אפגעשיקט אין טאטשימסקער טורמע.

ר' איצעלע האט די טורמע־באדינגונגען נישט געקאנט דורכטראגן. ער איז דארט קראנק געווארן און געשטארבן.

פאר אונז אלעמען איז קלאר געווען, אז ר' איצעלע האט זיך אפגעגעבן א חשבון פון זיינע מעשים און ער האט קלאר געוווסט, אז מיט זיין דאווענען אין טלית און תפילין שטעלט ער זיין לעבן אין געפאר. ער איז, אבער, גרייט געווען צו גיין אויף קידוש־השם.

זאל טאקע אַזאַ פאל פון העראָישער גבורה פארצייכנט ווערן אין דער יידישער געשיכטע.

מרדכי גאוואַרטשיק
ישראל

גאוואַראָווע און יידן

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין 3 מאל אין גאוואַראָווע נאָך דער מלחמה, און יעדעס מאל האָב איך זיך דאָרט אַרומגעדרייט ווי אויף אַ בית־עולם. איך האָב נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אין שטעטל זענען שוין מער קיין יידן נישטאָ.

דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען אין גאוואַראָווע אין יאָר 1947, צוזאַמען מיט חיים שמעלץ און טוביה ביעליק. עס איז געווען אַ באַזוך אין פּערזענלעכע אַנגעלעגנהייטן. דאָס שטעטל איז נישט געווען צו דערקענען. אין יעדער גאַס שטייען איינציקע הייזקעס אויף פּראָוויזאָרישע פונדאַמענטן, אויפגעבויטע דורך קריסטן. איך האָב דאַמאָלט געטראָפן דאָס שטעטל אין פאָלגענדן מצב:

אויף גדליה גרינבערגס פּלאַץ און עטלעכע פּלעצער דערנעבן, איז געווען אויפ־געבויעט, פּראָוויזאָריש פון האָלץ, די „פּאָוושעכנע" שולע. דער סטרוזש איז נאָך דאַן געווען דער זעלבער פון פאַר דער מלחמה — ראַראַט. אויף ראָזענעס פּלאַץ האָט זיך געפינען די „גמינע". ווייטער אַביסל, אויף שאַפּראַנס פּלאַץ איז געווען אַ געוועלבל. אַקעגן־איבער, אויף ווערמאַן — שיקאַרעס פּלאַץ, האָט זיך סטעפאַן וואַיטאַצקי געמאַכט אַ געשעפט פון חזיר־אויסאַרבעטונגען. דערנעבן — האָט צעגלענסקי צוריק אויפגעשטעלט זיין בעקעריי. אויף שאול פּאַטאַשעס פּלאַץ — אויך אַ געוועלבל. אויף ראַטענסקיס פּלאַץ האָט זיינער אַ געווי. אַרבעטער זיך אויפגעמאַכט אַ פלייש־געשעפט. חנא פרידמאַנס געמויערט הייזל איז בלויז האַלב פאַרברענט געווען און דער יונגער ראַראַט האָט דאָס אויסגעריכטעט און געעפנט דאָרט אַ פריזער־אַנשטאַלט, (ז. בילד אויף זייט 52). אַביסעלע ווייטער האָט סאַבאַטקאַ דער „וואָיט" זיך אויפגעמאַכט אַ געוועלב און אַ רעסטאָראַן. דעם גלח׳ס פּאַלאַץ, דער קלויסטער און גאַנץ „פּראַבאָסטוואָ" איז געבליבן אינגאַנצן נישט באַרירט. די שריפה איז אַהין נישט דערגאַנגען. חיים פּאַטאַשעס געוועלב האָט געפירט אַ געוויסע יוזעפאַ פון דער באַנקאָווע גאַסל. די קליינע מיל פון די קרולעוויטשעס און דראַזד איז ספּעציעל אונטערגעצונדן געוואָרן און פאַרברענט. די גרויסע מיל פון די ברידער ריץ איז געווען איבערגעפירט אויף באַבאָווסקאַס פּלאַץ אין דער „ברייטער" גאַס, וואַרשיינדלעך נאָך דורך די דייטשן. ד״ר גלינקאַ האָט געוווינט אין זיין הויז פון אויבן. אונטן האָט זיך געפונען דער „פּאָסטערונעק" פון דער פּאָליציי. אויף גערליצעס פּלאַץ האָט זיך וואַיטאַצקי אויפגעבויעט אַ געשעפט. ראַטענסקי האָט זיך צוריק אויפגעמאַכט זיין מאַנופאַקטור־געשעפט, נאָר אין קליינעם מאַסשטאַב. דער פּלאַץ פון בית־המדרש איז נאָך דאַן געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט. די ציגל פון בנין זענען נאָך פריער געוואָרן פונאַנדערגענומען דורך די

קריסטן, וואס האבן זיך באנוצט מיט זיי צו זייערע הייזער. אויפן פלאַץ פון יואל׳קעס בעקעריי איז ווידער געווארן אויפגעשטעלט א בעקעריי דורך א קריסט. אויף מנשה האלצמאנס פלאַץ האט א קריסט זיך געמאכט א געוועלב. אויך אויף גורקיס פלאַץ איז שוין געשטאַנען א הייזקע. א גוי פון יאוואָרעס האט שוין אנגעפאנגען בויען אויפן פלאַץ פון רב און פון קאסאווסקי־ראזען. ווען איך האב אים געזאגט, אז די בעלי־בתים לעבן, האָט ער זיך אפגעטראגן. אויפן ווינקל־פלאץ פון גמרא און ווישניא האט א גוי פון יאווארעס זיך אויפגעבויעט א רעסטאראַן. א סוכטשיצער קריסט האט ביי מיר אפגעקויפט דעם פלאַץ דערנעבן און זיך אויפגעשטעלט דאָרט א געוועלב. אין באנקאווע געסל, אויפן פלאַץ פון מרדכי אלעק, האט זיך וויטשיקס א שוועסטער אויפגעשטעלט א הייזקע. נאך דא־דארט זענען געשטאנען אייניקע שטובער.

דער בית־עולם איז אינגאנצן צעשטערט, (ז. בילד אויף זייט 23). דער איינציקער סימן איז די הייזקע פון וועכטער, וואס שטייט דארט לזכרון.

די פריצישע הויפן ארום גאוואראווע זענען דורך דער פוילישער מאַכט קאנפיסקירט געווארן. גלינקעס זון, סטאניסלאוו, איז געווארן א רעגירונגס־פארוואלטער פון אן הויף אין ווראצלאווער געגנט. די אלע דערפער ארום גאוואראווע זענען געבליבן נישט באריערט און נישט געליטן פון דער מלחמה. דאנערשטיק איז געבליבן, ווי שטענדיק, דער מארק־טאג. די תבואות פון די פויערים ווערט אויפגעקויפט דורכן קאָאָפעראַטיוו. די גויעס פירן די פראָדוקטן קיין ווארשע. בכלל ליגט דאך דער גאנצער האנדל אין קריסטלעכע הענט. אבער עס איז נישט דער מארק־טאג פון פאר דער מלחמה, מיט די יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות, מיט די קרעמער און הענדלער, וואס האבן אריינגעבראכט לעבן אין מסחר, איניציאטיוו, און זענען אויך געווען גוטע קונים. דער פויער איז אויך דאַן געווען צופרידן, ווייל ער האט באקומען באלוינונג פאר זיין ארבעט אין פאר דעם געלט האט ער געקאנט קויפן, וואס נאר ער האט געוואלט.

איך בין אויך געווען אין פאשעקי. דער „זאַוויאַדאָווצע״ איז נאך געווען דער זעלבער יאגעללא. אבער אלץ איז אפגעשטארבן. עס זענען שוין נישטא די יידישע עקספעדיטארן, און די פולע וואגאנעס מיט תבואה און האָלץ, וואס פלעגן אפגיין וואך־ווערכנטלעך קיין ווארשע. און וווּ זענען די וואגאנעס מיט קוילן, צעמענט און אנדערע מאטעריאלן, וואס פלעגן אהין אנקומען פאר גאוואראווע, רוזשאן און אנדערע ארומיקע מקומות?

אויף דער קריסטלעכער באפעלקערונג איז געלעגן א מרה־שחורה. עס איז זיי געווען שווער זיך צוצופאַסן צום נייעם רעזשים. זיי האבן מורא געהאט פארן מאָרגן. אויך די פויערים זענען געווען אין שרעק, טאמער וועט מען זיי נאציאנאליזירן די ערד און איינפירן „קאָלכאָזן״. די גאנצע אנפירערשאַפט איז געלעגן אין די הענט פון די יונגע קאמוניסטן און ארבעטער.

איך בין נאך געווען אין גאוואראווע אין יאר 1948 און 1949. במשך פון דער צייט האבן נאך אייניקע יידן פארקויפט זייער פלעצער דארט, אבער קיין גרויסע ענדערונגען זענען נישט פארגעקומען אין דער געשטאלטונג פון שטעטל. ווו־נישט־ווו זענען נאך צוגעבויעט געווארן אייניקע הייזקעס, פארשידענע גוי׳אישע בעלי־מלאכות זענען שוין דארט געווען, אבער דער חורבן זעט זיך נאך בולט אן.

איך דריי מיך ארום איבער די „גאסן״, און טרויעריקע מחשבות קומען מיר

הרב משה בערנשטיין
ישראל

יתגדל ויתקדש...



הרב משה בערנשטיין רעדט

(פון א טרויער־רעדע אויף א גאוואראווער יזכור־אוונט)

דער גרויסער יידישער פראפעט, דער נביא ירמיהו, וואס האט בייגעווינט דעם חורבן בית־ראשון, האט געקריגן פון הימל די געטלעכע מיסיע צו באקלאגן דעם יידישן אומגליק. ער האט פארפאסט די טרויער־מגילה, „איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה". ער האט געשפריצט מיט פייערדיקער לאווע. ער האט געפינען ווערטער צו שילדערן דעם אומגליק, דעם אומפאנג פון חורבן; ער האט געפינען די פאסיקע קללות פאר די גוי'אישע פארברעכער, און צום סוף האט ער נאך אין זיין רייכן שפראך־ארסענאל אויסגעזוכט א פאר טרייסט־ווערטער פארן געפייניגטן יידישן פאלק.

שטייען מיר היינט און טראַכטן, וואס וואָלט ירמיהו הנביא געזאגט, ווען ער וואלט געווען דורכגעלעבט אונזער חורבן? צי וואלט ער געפינען אט די דונערדיקע פלאמיקע ווערטער צו באצייכענען כאטש א צענט־חלק פון אומגליק? „מי יתן ראשי מים ועיני מקור דמעה ואבכה יומם ולילה את חללי בת עמי" — איז אבסאלוט נישט גענוג צו באקלאגן זעקס מיליאן קדושים, וועלכע זענען אומגעקומען דורך אזעלכע בארבארישע פייניקונגען וואס דער אשמדאי אליין האט עס נאך נישט אויסגעטראכט.

(גאוואראווע אן יידן — סוף)

אויפן זינען. איך דערמאן זיך אין דעם שפרודלדיקן לעבן פון אונזער ריין־יידיש שטעטל, מיט די ארגאניזאציעס און פארטייען, מיט די אינסטיטוציעס און „שטיבלעך", מיט די סוחרים און פאכלייט, שיינע יידן און „עמך" און מיט דער ברויזנדיקער יוגנט, וואס איז אזוי בעסטיאליש פארשניטן געווארן דורך די היטלעריסטישע הארדעס. איך קאן מיר נאך אלץ נישט צולאזן דעם געדאנק, אז דאס שטעטל ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געווארן, בלייבט שוין אן יידן אויף אייביק...

אויפגענומען דורך ב. ק.

צי קען מען פון אלע שבעים לשון ארויסגעפינען אזעלכע קללות, וואס זאלן כאטש אביסל לינדערן די נקמה־געפילן קעגן די נאצישע רוצחים? און צי זענען דען בכלל פאַראַן אזעלכע טרייסט־ווערטער, כדי מנחם זיין אזא אבל׳דיק פאלק?

דער גרויסער משורר רבי יהודה הלוי האט אויך געלעבט אין א טראגישער עפאכע. די גרויסע צרות, וועלכע האבן זיך אראפגעלאזט אויף די קעפ פון די יידן אין שפאניע, האבן גערירט זיין פילבאר האַרץ און געעפנט די מוזע פון הימלישן דיכטער. ער האט געקלאגט אויפן צווייטן חורבן און געשאפן די עלעגיע „שאלי ציון״, וואס מען זאגט ביי די קינות פון תשעה־באב, מיט דעם פינאל: „אלי ציון ועריה כמו אשה בציריה, וכבתולה חגורת שק על בעל נעוריה...״

אויף אונזער היינטיקן חורבן זענען די ווערטער צו בלאס. „כמו אשה בציריה״ קאן פארגלייכט ווערן צו קרעמאטאריעס? „וכבתולה חגורת שק על בעל נעוריה״ — איז א משל צו אוישוויץ, דאַכאו און טרעבלינקע? אין די קרעמאטאריעס זענען דאך פארברענט געווארן די בתולה מיט דעם בעל־נעוריה, מיט זייערע טאטעס, מאמעס, ברידער און שוועסטער צוזאמען. עס איז א גרויסער ספק, צי אַט דער גרויסער געטלעכער דיכטער וואלט געקאנט צונויפקלייבן די פאסיקע ווערטער צו שילדערן די טראגעדיע פון אונזער דור.

דער נאציאנאלער דיכטער חיים נחמן ביאליק האט דורכגעלעבט די שוידערלעכע אוקראַינישע־און רוסישע פאגראמען. ער האט געשריבן די „מגילת פורעניות״ און באקלאגט דעם יידישן בראך. ער האט געלאזט א טרער אויף יידישע צרות.

ווען ער וואלט היינט געלעבט, וואלטן זיינע טרערן פארוואנדלט געווארן אין בלוט. ער וואלט זיין פען צעבראכן און זיך אָפגעזאגט צו זיין א דיכטער ביי יידן. ווארום, ווי קאן מען מיט א מענטשלעכער פעדער ארויסברענגען אזעלכע אוממענטשלעכע מערדערייען און בעסטיאליזם?

פאַר אונזער טראגעדיע איז נאר דאַ איין אויסדרוק אין דער תורה. ביים סוף פון דער תוכחה אין פרשת כי־תבוא שטייט: „גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת״. דאס קאן מען גארנישט באשרייבן. אויף דעם זאגט דער מדרש: „כששמעו מאה קללות חסר שתיים מיד הוריקו פניהם״. פרעגן די מפרשים: פאַר וואס דריקט זיך אויס דער מדרש „מאה קללות חסר שתיים״ און נישט „תשעים ושמונה קללות״ — אזוי ווי מענטשן זענען געוווינט צו ציילן? ענטפערן די מפרשים, אז די „חסר שתיים״ מיינט מען די צוויי געעפרלעכע קללות פון „גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת״. אויב עס זענען פאראן אזעלכע קללות, וואס די הייליקע תורה אליין האט נישט געפינען קיין פאסיקן אויסדרוק פאר זיי — איז אך און וויי צו אונז. „מיד הוריקו את פניהם״ — גרין און געל זענען געווארן די פנימער פון די, וואס האבן געהערט אַט די נישט־דערזאגטע קללות. דאס, וואס די תורה האט נישט געפינען קיין אויסדרוק — דאס איז דער גרעסטער אויסדרוק פון אונזער גרויסער טראגעדיע.

ווי גרויס עס איז די טראגעדיע, אזוי גרויס דארף זיין די נחמה. אונזער הייסטע בקשה צום רבונו־של־עולם איז, אז ער זאל פארוואנדלען די „מאה קללות״ — אין „מאה ברכות״, ער זאל אראפשיקן א שפע פון אזוי פיל גוטס, נאך מער וויפיל ער

האט אונז צוגעזאגט אין זיין הייליקער תורה. עס זאל געשטאַרקט ווערן דער כח פון דער יידישער מדינה, און עס זאל אראפגעשיקט ווערן פון הימל א רוח פון התרוממות פארן יידישן פאלק.

אבער בלויז מיט אונזער נחמה איז נאך די טראגעדיע נישט אויסגעשעפּט. מיר זענען נאך עפּעס שולדיק די קדושים אויך: זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם. נישט בלויז פאר זיך, נאר פארן גאנצן יידישן פאלק. אויף זייערע אויסגעפייניקטע נשמות איז אויפגעשטעלט געווארן די יידישע מדינה. וואס דארפן מיר טאן צו פאראייביקן און פארהייליקן זייער אנדענק?

ווען עס שטארבט, חלילה, ביי א פאמיליע א פאטער אדער א מוטער, הויבן זיך אויף די קינדער, די יתומים און זאגן: „יתגדל ויתקדש שמיה רבה". בעצם האט דאך דער רבונו־של־עולם צוגענומען ביי די קינדער דאס טייערסטע, וואס זיי האבן פארמאגט. זיי האט דאך געטראפן אַ אומגליק. איז אנשטאָט צו האבן טענות צום בורא עולם, גייען זיי גאר לויבן און גרויסן זיין נאמען?

דער אמת איז, אז די קינדער פילן דעם פארדאכט. זיי האלטן אבער דעם „קדיש" פאר א הייליקער שבועה אויף דעם פרישן קבר פון זייער טייערן פאטער און מוטער, וועלכע האבן געדינט דעם רבונו־של־עולם מיטן גאנצן ציטער פון זייער נשמה, און זיי פארשפרעכן, אז זיי וועלן נאכגיין אין די וועגן פון די עלטערן. מיטן טויט פון פאָטער אדער מוטער איז דאך געווארן א בלויז אין דער יידישער וועלט. עס פעלט דאך א זעלנער אין דער געטלעכער ארמיי. כביכול איז דאך דער כח פון בורא קלענער געווארן. עס פעלט דאך א געטרייער דינער, וואס זאל אים לויבן און זאגן שבחים. איז דאָך, טאקע, די תמימות'דיקע אמונה פון אונזערע עלטערן געווען זער גרויס. א טאטנס א תפילה, א מנחה ומעריב־דאווענען. די מאמעס „צאינה־וראינה" זאגן. א שבת צו־נאכט, ווען זי האט צוגעמאכט אירע כשר'ע אויגן און געשעפּטשעט איר שטילע תפילה: „גאט פון אברהם, דער הייליקער שבת גייט אוועק, און די גוטע וואך קומט אונז אן, פאר אונז און פארן גאנצן יידישן פאלק". אט אזא אמונה צרופה איז דאך נישטא ביי קיין שום אומה ולשון. קומען איצט די קינדער, די יתומים און פארשפרעכן הייליק, אז זיי וועלן אויספילן דעם חלל, וואס איז ליידיק געווארן מיטן טויט פון זייערע עלטערן: „יתגדל ויתקדש שמיה רבה" — זאל געגרויסט און געהייליקט ווערן גאטס נאמען דורך זיינע לעבן־געבליבענע קינדער.

לאָמיר איצט זיך פארשטעלן, וואס פאר א בלויז עס איז געווארן אין יידישן פאלק נאך דעם גרויזאמען טויט פון זעקס מיליאן טאטעס, מאמעס, קינדער, ברידער און שוועסטער, תלמידי חכמים, מקובלים, וויסנשאפטס־לייט, סוחרים און ארבעטער. ווי קליין עס איז געווארן גאטס יידיש וועלטל...

דעריבער דארף אונזער שבועה הייליק זיין: „יתגדל ויתקדש שמיה רבה". מיר, די לעבן־געבליבענע, די שארית־הפליטה, וועלן אויספילן דעם גרויסן ריס אין קערפּער פון יידישן פאלק. מיר וועלן אויפבויען צוריק די חורבה'ס אין פיזישן זין, און מיר וועלן צוריק אויפהויבן דעם אייביקן יידישן גייסט פאר דער גארער וועלט, און אויסשרייען קבל עם ועדה: „יתגדל ויתקדש שמיה רבה"!...

מכתם לדוד

(תהלים, ט״ז)


המלחין: א. י. ברוכנסקי

לזכר אבי ז״ל, אמי הי״ד, וכל
בני־משפחתי שנספו בשואה הנאצית

המלחין. א.י. ברוכנסקי



אלה אזכרה



דער אנדענק־טאָוול לזכר די גאוואראווער קדושים, און מרתף השואה, אויפן הר־ציון און ירושלים.



אל מלא רחמים

בורא ארץ ומרומים, שומע שועת עגומים, דין אלמנות ואבי יתומים, אל נא תחשה לדם עמך ישראל השפוך כמים. המצא מנוחה נכונה על כנפי השכינה, במעלות קדושים וטהורים כזוהר הרקיע מזהירים, את נשמותיהם של שש מאות רבבות אלפי ישראל ובתוכם בני קהלתנו הקדושה גובורובה והסביבה, מאות אנשים ונשים, ילדים וילדות, עוללים וטף, שנהרגו ושנשחטו ושנחנקו ושנטבעו ושנשרפו ושנקברו חיים בידי העמלקים הגרמניים הטמאים והצוררים — בגיטאות ובמשרפות ותאי־הגזים באושביץ, מאידנק, טרבלינקה וביתר הארצות הכבושות תחת יד האויב הנאצי. כלם קדושים וטהורים וביניהם גבורי הרוח, גאונים וצדיקים, תמימים וישרי לב, רבנים וחסידים, אדירי תורה ותל־מידיהם. יזכרם ה׳ לטובה, ובגן עדן תהא מנוחתם, בעל הרחמים יסתירם בסתר כנפיו לעולמים, ויצרור בצרור החיים את נשמותיהם. ה׳ הוא נחלתם, והוא ינקם נקמתם, ויזכור לנו עקדתם. ותעמוד לנו ולכל ישראל זכותם. ארץ אל תכסי דמם ואל יהי מקום לזעקתם. בזכותם ישובו נדחי ישראל לאחזתם, והקדו־שים האלה תהא לזכרון־תמיד לפני ה׳ צדקתם, יבואו שלום וינוחו על משכבותם, ויקיצו ויעמדו לקץ הימים להחיותם, ונאמן אמן.



רשימה



פון די אומגעקומענע אין די געטאס, לאגערן, אויף פארשיקונג און געשטארבענע אלס פליטים, אין די מלחמה־יארן — 1939—45

א

אגראדניק יוסף
אגראדניק מרים
אגראדניק יעקב
אגראדניק רחל
אגראדניק טויבע
אגראדניק בערל
אויסלענדער חיים
אויסלענדער דבורה ייטקע
אויסלענדער אברהם יאסל
אויסלענדער גיטל
אויסלענדער שיינע
אזדאבא קלמן
אזדאבא וויטע
אזדאבא משה דוד
אזדאבא יצחק
אזדאבא יאכאט
אזדאבא דבורה
אזדאבא עזריאל
אזדאבא נעכע
אזדאבא ראשקע
אזדאבא שמעון
אזדאבא חנה חיה
אזדאבא צאלקע
אזדאבא (שניידער)

אייזענבערג בריינע
איקולטשיק מאטל
אלעיארזש הערשל
אלעיארזש טויבע
אלעיארזש ישראל
אלעיארזש חיים לייב
אלעיארזש פעשע
אלעיארזש חיה שרה
אלעיארזש אסתר
אלעיארזש ישראל נחום
אלעיארזש צלאווע
אלעיארזש יענטע
אלעיארזש חוה
אלעק מאלע
אלעק משה
אלעק חנא
אלעק שרה
אלעק פעשע
אלעק יהושע און נאך א קינד
אלעק חוה און איר מאן משה
אלעק יעקל
אלעק גאלקע
אלעק חנה
אלעק דבורה
אלעק לאה

אסטאשעווער יוסף דוד
אסטאשעווער ייטקע
אסטאשעווער חיה לאה
אסטאשעווער אסתר פייגע
אסטאשעווער פישל צבי
אפעלבוים מרדכי

ב

בורשטין, הרב אלטער משה מרדכי, מרא דאתרא
באטשאן מענדל
באטשאן יוסף
באטשאן שלמה אליעזר
באטשאן ליבע און זייערע קינדער
בארג וועלוול
בארג סימע
בארג צבי
בארג פיינטשע
בארנקעוויטש לייזער
בארנקעוויטש חנה
בארנקעוויטש שמואלקע
בארנשטיין בעריש
בארנשטיין חיה
בארנשטיין שמחה
בארנשטיין יעקב
בארנשטיין פסח מיט אַ פרוי און קינדער
בודנע יעקב יהושע
בודנע דוד
בורשטין ישראל מיט פרוי און קינדער
ביעליק זלאטע
ביעליק לייזער
ביעליק רבקה
ביעליק מירל
ביעליק משה מענדל
ביעליק רייכל
ביעליק שיינע
בלומשטיין וועלוול
בלומשטיין פייגע נחמה
בלומשטיין שמואל
בלומשטיין גרשון
בלומשטיין דבורה
בלומשטיין אריה
בלומשטיין נח
בעלפער פריידע שפרה
בענגעלסדארף חיה רייזל, איר מאן משה און קינדער
בערלינסקי־קלאָס בריינע
בערלינער שרה
בערלינער חיים
בערלינער חיה שרה
בערלינער טשארנע לאה
בערלינער לייבל
בערלינער פייגע
בערלינער מאיר
בערלינער יחיאל משה
בערלינער גיטל
בערלינער שיינע
בערלינער שמחה הערשל
בערלינער בריינדל
בערלינער יעקב הערש
בערלינער זייפטל
בערלינער מרים
בערלינער רחל
בראמבערג ישראל יצחק
בראמבערג לאה און זייערע קינדער
ברזילי אברהם
בריק פייוול
בריק אסתר רבקה
בריק הערשל
בריק שרה רבקה
בריק גיטל
בריק לייבל
בריק ביינעש
בריק יצחק
בריק חיה'טשה
בריק חיים
בריק משה
בריק נעכע
ברעסלער משה זינדל
ברעסלער רחל
בעסערמאן שלמה עקיבא

ג

גאווארטשיק לאה
גאווארטשיק אביעזר
גאווארטשיק ישראל
גאלאנט אברהם יצחק
גאלאנט הענדל
גאלאנט משה
גאלאנט רבקה (?)
גאלאנט חיים
גאלאנט שלמה
גאלאנט ישראל
גאלאווינסקי חוה
גאלאווינסקי שמחה
גאלאווינסקי טשיפע און זייערע קינדער
גארדאן פעשע
גורא שרה רויזע
גורא חיה עלקע
גורמאן יעקב
גורמאן מיכאל
גורפינקל יידל
גורפינקל רבקה
גורפינקל שרה און נאך א יינגל
גורקא מרדכי לייב
גורקא דבורה
גורקא סענדער
גלאגאווער אלטע חיה
גלאגאווער דוד
גלאגאווער מלכה
גלאגאווער הערשל
גלאגאווערביילע
געלבארד שלמה
גערליץ יחיאל
גערליץ רחל לאה
גערליץ יצחק וועלוול
גערליץ רחל
גערליץ דוד הערשל
גערליץ מרדכי און נאך קינדער
גרודקא אברהם
גרודקא בינע
גרודקא טויבע
גרודקע ליבע
גרודקא חנא
גרודקע בריינע
גרודקא רחל
גרודקא דוד אהרון
גרודקא צירל
גרודקא זיסע
גרודקא אליעזר
גרודקא יחזקאל
גרודקא חיים בער
גרודקא בריינע
גרודקא ברכה
גרודקא רחל
גריינער שלום
גריינער לאה
גריינער בריינע
גריינער בערל מיט א פרוי און 2 קינדער
גריינער אסתר
גרינבערג גדליהו
גרינבערג־ניקס בריינע פערל
גרינבערג פישל און נאך א זון

ד

דויטש וועלוועל
דויטש רבקה
דזשיזא שלמה
דזשיזאביילע און 2 קינדער
דזשיזא דן
דזשיזא חיה
דענדע פנסח
דענדע משה
דענדע פייגע
דראזד יהושע מרדכי
דראזד ביילע
דראזד ירחמיאל
דראזד־וואָלבערג שרה לאה
דראזד יוסף
דראזד דוד
דראזד אסתר
דראזד יעקב מיט א פרוי
דרעוויענקא ליטמאן
דרעוויענקא רחל און 2 קינדער

ה

האלצמאן מנשה
האלצמאן אסתר
האלצמאן לייב הערש
האכשטיין אלטער
האכשטיין רבקה רחל
האראוויץ חיים
האראוויץ חנה שפרה
האראוויץ שרה
האראוויץ הדסה
האראוויץ משה
האראוויץ אסתר
האראוויץ פראדל
האראוויץ דוד
הערצבערג ישעיה
הערצבערג טשיפע
הערצבערג מרים רחל
הערצבערג יאכאט
הערצבערג מרדכי
הערצבערג נעשע
הערצבערג נתן
הערצבערג זעליג
הערצבערג פייגע
הערצבערג הערשל

ו

וואנזש אברהם
וואנזש פייגע
וואסער שמעון
וואסער חיה מלכה
וואסער חנה שרה
וואסער דינה און נאך 2 יינגלעך
וואפניאזש יאספע
וואפניאזש גיטל
וואפניאזש חנה
וואפניאזש שלמה
ווייסבארד טעמע
ווייסבארד חיה
ווייסבארד יהודית
ווייסבארד רחל לאה
ווייסבארד אברהם
ווייסבארד דאָבע
וויסאצקי חנה
וויסאצקי אנשל
וויסאצקי עלקע
וויסאצקי זיסל
וויראסלאוו בערטשע
וויראסלאוו טויבע
וויראסלאוו יצחק
וויראסלאוו חיה לאה
וויראסלאוו שיינע רחל
וויראסלאוו בענדעט
וויראסלאוו ברײנע
וויראסלאוו באשע
וויראסלאוו יהושע דוד
וויראסלאוו חאמע
ווישניעביילע רחל
ווישניע דוד
ווישניע מאשע און א קינד
ווענגראוו יעקב הערש
ווענגראוו רבקה
ווענגראוו חנה
ווערמאן זלמן
ווערמאן שרה דוואשע
ווערמאן ירחמיאל
ווערמאן מאיר
ווערמאן אייזיק
ווערמאן לייזער
ווערמאן רחל
ווערמאן שבתי
ווערמאן חנה
ווערמאן אברהם
(ווערמאן) צירל לאה און טאָכטער

ז

זאמעלזאן יחזקאל
זאמעלזאן סימע און 2 קינדער
זילבער נעכע
זילבערצאן יונתן
זילבערצאן חיים אליעזר
זילבערצאן מאיר

זילבערצאן רחל
זילבערצאן אשר
זילבערצאן הערשעלע
זילבערצאן משה
זילבערצאן נחמה
זילבערצאן יעקב
זילבערשטיין שרה
זילבערשטיין שמחה
זילבערשטיין רבקה
זילבערשטיין פייוול
זילבערשטיין יוכבד
זילבערשטיין יאסל
זילבערשטיין גאלדע
זילבערשטיין רייזל
זילבערשטיין בערל
זימאן אנשל
זימאן בריינע
זימאן חיים
זימאן־קלאס שרה׳טשע

ח

חן יחזקאל מיט א פרוי און קינדער
חצרון פייגע שפרה

ט

טויז יעקל
טויז פייגע פעשע
טויז צביה
טויז אנשל
טויז רחל לאה
טויז עלקע
טויז שרה׳טשע
טויז וועלוול
טויז לייבל
טויז רחל
טויז משה
טויז רחל און 2 קינדער
טייטעלבוים רויזע
טייטעלבוים הערשל
טייטעלבוים אסתר
טייטעלבוים יחזקאל
טייטעלבוים חנה
טייטעלבוים חיים
טייטעלבוים שיינע
טייטעלבוים הערשל
טייטעלבוים זלמן
טייטעלבוים אברהם
טייטעלבוים חנה גיטל
טייטעלבוים פעשקע
טייטעלבוים דוד
טייטעלבוים פראדל
טענענבוים משה
טענענבוים חנה
טענענבוים ברוך לייבל
טענענבוים שלמה
טענענבוים ישראל יצחק
טרושקעוויטש מרדכי
טרושקעוויטש גיטל
טרושקעוויטש אברהם ישראל
טרושקעוויטש גאלדע
טרושקעוויטש רויזקע
טרושקעוויטש חנה
טרושקעוויטש ליבע
טרושקעוויטש יואל
טרושקעוויטש משה
טרושקעוויטש בערל
טרושקעוויטש מאיר
טשערווין לייבל
טשערווין הינדע
טשערווין נפתלי
טשערווין פייגע
טשערווין חיה
טשערווין גיטל
טשערווין לאה

י

יאגאדניק וועלוול
יאגאדניק שיינע צירל
יאגאדניק חיה הינדע
יאגאדניק יענטע
יארזשאמבעק נחמן

יארזשאמבעק שרה
יארזשאמבעק שמואל
יארזשאמבעק מלכה
יארזשאמבעק רבקה און א ייִנגל
יעלען יואל׳קע
יעלען רבקה

כ

כשר יעקב
כשר רחל און 2 קינדער
כשר משה
כשרביילע און קינדער
כהן מרים

ל

לוזים אברהם יאסל
לוזים רחל
לובעלסקי פייוול
לובעלסקי פייגע ביילע
לובעלסקי אברהם יוסף
ליווער מיכאל
ליווער הינדע
ליטמאנאוויטש אסתר
ליטמאנאוויטש מרדכי
ליטמאנאוויטש חנה
ליטמאנאוויטש בריינע
ליטמאנאוויטש חוה
ליטמאנאוויטש מאיר יעקל
לייבמאן חיים לייב
לייבמאן חנה ייטע
לייבמאן יהושע
לייבמאן שמעון
לייבמאן פייגע
ליכטמאן אבא
ליכטמאן זיסע
ליכטמאן לייבל
ליכטמאן מאשע
ליכטמאן ייטקע
ליכטמאן מרדכי
ליכטמאן חיה
ליכטמאן רויזע
ליכטמאן מאשע
ליכטמאן ייטקע
ליכטמאן לייבל
ליכטמאן יהושע
ליס זיסקע
ליס אסתר און א קינד
לעווקאוויטש דבורה
לעווקאוויטש אפרים
לעווקאוויטש נעמי
לעווקאוויטש ראשקע
לעווקאוויטש העניך יעקל
לעווקאוויטש יידל לייב
לעווקאוויטש אהרון
לעווקאוויטש וויטע

מ

מאַדריקאַמיען יאסקע
מאדריקאמיען מרים
מאלאוואני אהרון
מאלאוואני שרה שיינדל
מאלאוואני רבקה
מאלאוואני אלישע
מאלאוואני מרים
מאלאוואני גדליהו, אברהם, מרדכי
מאלאוואני שמואל
מאלאוואני יהושע
מאלאוואני יוכבד
מאלאוואני פעשע רבקה
מאלאוואני בריינע
מאלאוואני שלמה
מאנקעטא נתן
מאנקעטא איידל
מאנקעטא שלמה
מאנקעטא יהודית
מאנקעטא לייב הערש
מאנקעטא שרה
מאקאוויאק חיים מתת׳
מאקאוויאק הינדע
מאקאוויאק פייגע
מאקאוויאק דוד

מאקאוויאק משה
מאריאנסקי חיים לייב
מאריאנסקי בלומע
מאריאנסקי שלמה
מאריאנסקי משה מיט א פרוי און 2 קינדער
מינץ רחל
מינץ אייטשע
מינץ עטקע
מאשעזאן דבורה
מאשעזאן ישראל׳יק
מאשעזאן רבקה׳לע
משניות ישראל מאיר
משניות צפורה
משניות משה
משניות לייבל
משניות אסתר
משניות חנה

נ

ניימאן שרה לאה
ניימאן יחיאל
ניימאן פעשע
ניימאן נעכע
ניעדזשוויעצקי חיים
ניעדזשוויעצקי באשע
ניעדזשוויעצקי הערשל
ניעדזשוויעצקי אסתר לאה
ניעדזשוויעצקי יצחק
ניקס קלארע
ניקס רחל

ס

סאנדאלא בן־ציון
סאנדאלא רויזע
סאנדאלא לייבל
סאנדאלא פערל און 2 קינדער
סאנדאלא הערשל
סאנדאלא פייגע און 2 קינדער
סארנע חיה שרה
סארנע יצחק
סעגאל דוד
סעגאל יהודית
סעגאל העלא
סעגאל משה
סקזשיניא אברהם
סקזשיניא ברײנע און 2 קינדער

ע

ענגעל אנשל
ענגעל רחל
ענגעל פעשע

פ

פאטאש חיים
פאטאש לאה
פאטאש נאסקע
פאטאש פעשע
פאטאש שמחה
פאטאש משה
פאטאש לאה
פאטאש פייגע
פאטאש פישל
פאטאש חיה
פאטאש חיים
פאטאש לאה
פאטאש־לעוויטאן ברײנע מיט איר מאן
פארבא חנה
פיש מנשה
פיש שרה רחל
פיש חיה
פיש פייגע
פיש ייטע
פיש עלקע
פיש יעקב
פיש גיטל
פיש חיה׳טשע
פיש גישע און נאך 2 קינדער
פיינצייג הערש בערל
פיינצייג ברײנע
פיינצייג רייכל

פלאָטקע שלום
פלאטקע רחל
פלאטקע גאלדע
פלאָטקע פייגע
פלאטקע משה
פראַסקאַ אסתר
פראסקא רויזע
פראסקא חוה
פראסקא יעקב
פראסקא עלקע
פראסקא חנה
פראסקא נעכע
פראסקא ירמיהו
פראסקא ראשקע
פראסקא משה
פראסקא חיים
פראסקא ביילע
פראסקא שרה
פראסקא ייטקע מיטן מאן
פראסקא שלום
פראסקא גישע
פראסקא חיה
פראסקא עזריאל
פראסקא ראשקע
פריד ברוך און פאמיליע
פריד מתת׳
פריד ברײנע און 2 קינדער
פריד־נתן
פריד ייטקע און 2 קינדער
פרידמאן רייצע
פרידמאן שלמה זלמן
פרידמאן הענעך
פרידמאן מרים יהודית
פרידמאן אברהם מרדכי און נאך א קינד
פרידמאן חנא
פרידמאן פייגע
פרידמאן שבתי
פרידמאן יהושע
פרידמאן רבקה
פרידמאן שרה
פרידמאן משה
פרידמאן חנה
פרידמאן דוד
פרידמאן חיה עטקע
פרידמאן לייזער

צ

צאלקע אברהם
צאלקע לאה
צאלקע איטשע
צאלקע שפרה און 2 קינדער
צודיקער שמואל
צודיקער חנה
צודיקער גדליה
צודיקער מרדכי
צודיקער בערל
צווייבאק אלטע
צווייבאק הערשל
צווייבאק איטשע
צימבאל שלמה חיים
צימבאל הינדע
צימבאל יצחק׳ל
צימבערג לאה און 2 טעכטער
צירמאן יצחק
צירמאן מלכה

ק

קאווער יהושע
קאכאן יידל
קאכאן שרה רבקה
קאכאן יעקל
קאכאן שרה
קאכאן גיטל
קאכאן אלי
קאָס יהודית
קאס לאה
קאס דבורה
קאס יהודה לייב
קאס לאה
קאס שלמה

קאס אלטע שרה
קאס פרומע
קאס נחמיה
קאס עטקע
קאס שמואל
קאס אליעזר
קאס רחל לאה
קאס בינע
קאס נעכע
קאסאווסקי פרומע
קאסאווסקי וועלוול
קאסאווסקי יצחק
קאסאווסקי דינה
קאסאווסקי חיים
קאסאווסקי חיה
קארוואט בצלאל יוסף
קארוואט שרה לאה
קארוואט משה
קארוואט נפתלי
קארוואט פעשע צירל מיטן מאן און קינד
קארוואט מרים
קארלינסקי לייבל
קארלינסקי חוה
קארלינסקי נאסקע
קארלינסקי ארטשע מיט א פרוי און קינד
קוטנער אשר
קוטנער רבקה
קוטנער פעשע גיטל
קוטנער שמואל פייוול
קוטנער מרדכי לייב
קוטנער־בורשטין גיטל
קוטנער יוכבד
קוקאַווקאַ אברהם
קוקאווקא פערל
קוקאווקא עזריאל
קוקאווקא חנה
קיריס חנה
קיריס רייזל
קיריס יהושע
קיריס הערשל

קיריס גיטל
קלאס אברהם
קלאס פריווע
קלאס שלמה
קלאס ראובן
קלאס אסתר
קלאס קיילע
קלאס פריידע
קלאס קלמן
קלאס דבורה
קליין זלמן
קליין צירל און א קינד
קלעמפנער חיה זעלדע
קלעפפיש יעקל
קלעפפיש נעכע
קלעפפיש חנה לאה
קלעפפיש רחל
קערש יעקל
קערש טריינע
קערש פייגע
קערש יענטע
קערש חוה
קערש חנה
קערש געצל
קערש גיטל
קערש שפרה
קערש גיטל
קערש פייגע
קערש בלומע
קערש יצחק
קערש לאה
קערש חנה
קערש שרה
קערש הערשל
קערש אברהם
קערש ברוך
קערש חיים
קערש ייטקע
קערש לייבל
קערש שרה און א קינד

קראָלעוויטש חיים
קראָלעוויטש טילע
קראָלעוויטש מלכה
קראָלעוויטש אהרון מאיר
קרוק אברהם
קרוק צלאווע
קרוק מרים
קרוק מנחם
קרוק ברכה
קרוק רחל
קרוק חיה
קרוק מרים
קרוק ישראל לייב
קרוק יעקב (?)
קרוק אביגדור
קשאַנזשקאַ אליעזר

ר

ראזען שיינע
ראזען יעקב
ראזענבערג אברהם
ראזענבערג עלקע
ראזענבערג ישראל
ראזענבערג איצל
ראזענבערג יענטע
ראזענבערג יעקב
ראזענבערג ישעיה
ראזענבערג לאה
ראזענבערג יעקב
ראזענבערג דן
ראזענבערג טונע
ראזענבערג חנה איידל און א זון
ראזענצווייג זעליג
ראזענצווייג מרים און קינדער
ראמאנער מאיר
ראמאנער רייזל
רובין מענדל חיים
רובין מיכלע
רובין הערשל מיט א פרוי און קינדער
רוזשע אברהם
רוזשע געלע
רוזשע חיה לאה און 2 זין
רויטמאן אייזיק
רויטמאן פריידע
רויטמאן ברוך
רויטמאן גיטל
רייטשיק יצחק
רייכמאן חנה און קינדער
ריץ איסר
ריץ יענטע
ריץ יידל
ריץ מאטקע
ריץ משה
ריץביילע
ריץ גאלדע
ריץ פעשקע
ריץ נטע
ריץ עטל
ריץ הערשל
ריץ יצחק
ריץ חנה און נאך קינדער
רעכטשייד יוסף מיט א פרוי

ש

שאכטער פסח
שאכטער נחמה
שאכטער פייגע און נאך 3 קינדער
שאכטער חיים ברוך
שאפירא עלקע
שאפירא ברכה
שאפירא חנה מירל
שאפראן אברהם
שאפראן אסתר
שאפראן משה
שאפראן דוד
שאפראן בינם
שאפראן דבורה און א יינגעלע
שווארץ מאיר
שווארץ שרה
שווארץ ישראל

שווארץ רייזל
שווארץ לייבל
שווארץ ליבע
שווארץ פעשע
שווארץ אריה
שווארץ יחזקאל
שווארץ דוד
שווארץ פערל און 2 קינדער
שווארץ אהרון
שווארץ שיינע שרה און א קינד
שווארץ יחזקאל מיט א פרוי און א קינד
שולמאן דוד
שולמאן בלומע הענע
שולמאן ישראל משה
שולמאן חיים מתת׳
שולמאן שרה הינדע
שולץ ישראל אהרן מיט א פרוי און קינדער
שטאק מאיר
שטאק פעשע און 2 יינגלעך
שטערן שלמה
שטערן רחל
שטערן בערל
שטערן וואלף
שטערן מענדל, הרב
שטשעטשינא יעקב
שטשעטשינא חוה צירל
שייניאק גישע
שייניאק חיים און פאמיליע
שיפער אברהם יעקל
שיפער טויבע
שיקארא פנחס
שיקארא רחל לאה
שיקארא יהודית
שיקארא אביעזר מיט א פרוי
שמעלץ לייבקע
שמעלץ גיטל
שמעלץ לאה
שמעלץ משה
שמעלץ יחזקאל
שמעלץ פרומע
שמעלץ אברהם מאיר
שמעלץ זעלדע מיט א זון און טאכטער
שמעלץ־קלאס טשארנע
שמעלץ חנה שרה
שניאדאווער יצחק
שניאדאווער לאה און 2 קינדער
שניאדאווער פייגע מיט א טאכטער און איידעם
שעצעך שרה לאה
שעצעך מיכאל
שעראטא מרדכי
שעראטא שרה נעכע
שערמאן חיה
שערמאן אליעזר
שערמאן פעשע
שפיטאלעוויטש רבקה פערל
שפיטאלעוויטש קלמן
שפיטאלעוויטש הערש יצחק
שפיטאלעוויטש ברײנע און קינדער
שראן חיים דוד
שראן ביילע
שראן ישראל יצחק
שראן חיה ביילע
שראן דוד
שראן דן
שראן רייזל
שראן שלום הערשל
שפרינצע מיט איר זון יעקל און זיין פרוי מיט קינדער

ת

תהילים מאיר וואלף
תהילים צפורה
תהילים יוסף
תהילים ניסן
תהילים פערל
תהילים חיים יהושע

יזכור

צוגאב - 6.000.000 - רשימה

(דא דארף מען אריינשרייבן די נעמען, וועלכע זענען, צוליב פארשידענע סיבות נישט אריין אין דער געדרוקטער רשימה.)

6.000.000

אלון בכות

לזכרון נצח נשמות הורינו, אחיותנו, גיסינו
וילדיהם הקדושים והטהורים
שנרצחו על ידי הצוררים הארורים בשנות השואה:

אבינו הרב הגאון
רבי **אלטר משה מרדכי בורשטין** הי"ד
אב"ד דק"ק גובורובה
ניספה בטרבלינקה, ביום י"ז אב תש"ג

אמנו הרבנית מרת **גיננדל** בת הרה"ח רבי אביעזר ז"ל, מרוז'ן
נפטרה ב' אייר תרצ"ו בגובורובה

אחותנו **בלומה** ובעלה רבי **ברוך אידלשטיין**, ממלאווע
וילדיהם **אביעזר ואסתר**
ניספו בבלז'יץ בשנת תש"ג

אחותנו **ייטה** ובעלה רבי **משה גולדפדר** מוארשה
וילדיהם **שמחה, חנה ופיגה**

אחותנו **רחל** ובעלה רבי **זעליג פרנקל**, ממלאווע
וילדיהם **שרה ולאה**

אחותנו **זלדה** ובעלה רבי **ישעיהו גוטגולד**, מוארשה
ובתם **גיננדל**

זכרם הקדוש לא ימוש מלבנו לנצח
וינקום ה' את נקמת דמם השפוך

אביעזר בורשטין ומשפחתו
חיפה, כפר-סיטריין

חוה והרב משה ברנשטין
תל-אביב



יזכור

לזכרון עולם



ר׳ יצחק ז״ל

אבינו וסבנו ר׳ **יצחק קוסובסקי** ז״ל
נפטר באוזבקיסטן, ב־כ״ב אלול תש״ב
אמנו וסבתנו **דינה קוסובסקי** ז״ל
נפטרה באוזבקיסטן, ב־ח׳ אדר תש״ד

דינה ז״ל





אחינו ודודנו **חיים קוסובסקי**
ואשתו **חיה** הי״ד

נספו בשואה הנאצית

חיים הי״ד

חיה הי״ד







אחינו ודודנו **נחמן** ז״ל
נפ׳ בוורשה, ב־ז׳ אדר א׳ תרצ״ה
אחינו, בעלי, אבינו ודודנו
אלחנן ז״ל
נפטר בישראל, ט״ז אדר ב׳ תשכ״ב

באבל:
משפחת קוסובסקי
רמת־גן — ישראל

נחמן ז״ל

אלחנן ז״ל

חבל על דאבדין ולא משתכחין



אבינו ר׳ **מנשה** בר׳ מאיר **הולצמן** ז״ל
נפטר בגלות רוסיה
ערב ר״ח סיון תש״ב



אמנו היקרה **שרה** ז״ל
נפטרה כ״ב אדר תרפ״ח
בגובורובה



אחינו **לייב הרש** ז״ל
נפטר בגלות רוסיה
בשנות המלחמה


בצער:
יטה גלנטי—הולצמן
אברהם הולצמן
ומשפחותיהם
בישראל

דעם אנדענק
פון מיין שוועסטער
אסתר ז״ל



פאראייביקט:
ישעיהו צודיקער
ישראל

צום אייביקן אנדעק



וועלוול



פייגע נחמה

אונזערע עלטערן: ר׳ וועלוול און פייגע נחמה בלומשטיין


שוועסטער: רחל מיט איר מאן יצחק וועלוול גערליץ

און זייערע קינדער

ברודער: שמואל בלומשטיין



שמואל




דוד הערשל און מרדכי גערליץ

אלע אומגעקומען אויף קידוש השם

אין טיפן טרויער:

אברהם קלמן בלומשטיין
יצחק בלומשטיין
דוד בלומשטיין
און זייערע משפחות
אין אמעריקע

לזכרון עולם



אבינו ר׳ משה סקורניק ז״ל
נפטר בישראל, ב־1952
אמנו בלומה סקורניק ז״ל
נפטרה בגוברובה, ב־1935





אחותנו גיטל עם בעלה עזרא ברגמן ובתם שרה
שנספו בשואה הנאצית, הי״ד

באבל:

רבקה בר־כוכבא—סקורניק, ישראל
שרה בלומשטיין—סקורניק, ארה״ב
חיים סקורניק, ישראל
יוסף סקורניק, ישראל
עדינה קרזובר—סקורניק, צרפת
ומשפחותיהם

לזכר עולם

אונזער פאטער און זיידע
ר׳ מאיר ראמאנער ז״ל
געשטארבן אנהויב קריג

מוטער און באבע רייזל
אומגעקומען


מוטער און שוועסטער
פריידקע ז״ל

פאטער און שוואגער
ישראל לייב
טאנדייטשאזש ז״ל
געשטארבן אין ארגענטינע
אין יאר 1954

ברודער און פעטער
מאטל ראמאנער ז״ל

שוועסטער און מומע
הינדע לאה און איר מאן
שלמה חיים צימבאל
און זייער זונעלע יצחקל
אלע אומגעקומען

און זייער טעכטערל
שרה׳לע — געשטארבן



רייזל



מאטל



ישראל לייב



פריידקע



שלמה חיים



שרה



יצחק׳ל




הינדע לאה

אין טרויער:

דבורה שראן—ראמאנער
שרה צימערמאן—ראמאנער

אברהם ראמאנער, קאנאדע
יצחק ראמאנער—טאנדייטשאזש

מיט זייערע משפחות אין ישראל



אברהם יצחק



די קינדער



יהודית

צום אייביקן אנדענק

מוטער : **יהודית גאלאנט** — אומגעקומען

ברודער און שוואגער :

ר׳ **אברהם יצחק גאלאנט** — אומגעקומען

זיין פרוי **פייגע** — געשטארבן פארן קריג

זייערע **קינדער** — אומגעקומען

שוועסטער : **באשע מילער—גאלאנט**

געשטארבן אין אמעריקע



באשע

עם טרויערן :

חנה לאה לעווין און משפחה

חיה גיטל און חיים פרעסבערג

שמואל הערצל גאלאנט און משפחה

ישראל

לזכרון עולם

אונזער פאטער : ר׳ **ישעיהו יום-טוב** ז״ל

געשטארבן פארן קריג

מוטער : **חיה שרה** ז״ל — געשטארבן אין רוסלאנד

ברודער : **יצחק** — אומגעקומען

אין צער :

פייגע אורון—סארנע

משה סארנע

זלמן סארנע

און זייערע משפחות

אין ישראל



לזכרון עולם

פאטער : ר׳ ישראל יצחק שראן
אומגעקומען

מוטער : חיהביילע
געשטארבן אנהויב קריג

ברודער : דן מיט זיין פרוי רייזל
און זייער יינגעלע שלום הערשל

ברודער דוד
אלע אומגעקומען

אין טיפן טרויער :

רחל לאה קאסקאוויטש–שראן, אמעריקע
אהרן שראן, ישראל
און זייערע משפחות

לזכר עולם

אבינו : ר׳ אהרן מלובני

אמנו : שרה שיינדל

אחותנו : דבורה יטקה עם בעלה
חיים אויסלנדר, וילדיהם
אברהם יוסף, גיטל ושיינה

אחותנו : רבקה אחינו : אלישע

כולם נספו בשואה הנאצית



דבורה, גיטל, אברהם יוסף

בצער רב :

משה דוד מלובני
חוה ויינר–מלובני
ומשפחותיהם — ישראל

צום אייביקן אנדענק

אונזערע עלטערן

ר׳ חיים דוד אוןביילע שראן

אונזער שוועסטער און שוועגערין

רחל לאה שיקארא מיט איר מאן ר׳ פנחס

און זייערע קינדער אביעזר און יהודית

אונזער שוועסטער מלכה ראזנבערג

מיט איר מאן נחמן און זייערע קינדער

אונזער שוועסטער באשע ישמח

מיט איר מאן יחיאל און זייערע קינדער

אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים, הי״ד

אין גרויס צער

נתן און דבורה שראן

און זייער משפחה

אין ישראל

לזכר עולם

אונזערע עלטערן: ר׳ יהושע און אלטע ראזען ז״ל

שוועסטער: חוה און שרה בלומע ז״ל


ברודער: יעקב ז״ל

און טרויער:

לאה־טשע — ישראל

ייטקע — אמעריקע

און זייערע משפחות



לזכר עולם

פאטער און מוטער, זיידע או באבע:

ר׳ **אליהו** און **פערל זשעפא**



אליהו

פערל

ברודער און פעטער:

ר׳ **אברהם זשעפא** מיט זיין פרוי **דבורה רחל** און זייער קינדער **יאסקע** און **צביה**

שוועסטער און מומע:

גיטל גערווער איר מאן **מרדכי** און די קינדער **פנחס** און **בלומע**.

אלע אומגעקומען, הי״ד

מיין מאן און פאטער:

ר׳ **יצחק רייטשיק** ז״ל, געשטארבן אויף פארשיקונג אין רוסלאנד

טאכטער און שוועסטער: **רבקה נעכע** מיט איר מאן **איזאק פראנד** און זייער קינד **לילי**, אומגעקומען אין לאגער אוישוויץ



איזאק רבקה נעכע לילי

טרויערן:

חיה שרה רייטשיק, ישראל
זעליג רייטשיק, בעלגיע
בערל רייטשיק, דייטשלאנד
שלמה רייטשיק, ישראל
גאלדע רייטשיק, אמעריקע
און זייערע משפחות

לזכר עולם



בצלאל יוסף



פעשע צירל

נאך די עלטערן:

ר׳ בצלאל יוסף און שרה לאה
קארוואט

ברודער:

יעקב מיט זיין פרוי און קינדער

שוועסטער: פעשע צירל מיט איר
מאן און קינד

ברידער: משה אהרן און נפתלי
אלע אומגעקומען



משה אהרן



נפתלי

טרויערן:

חנה עלקע שטעטין, קאנאדע
נח, דוד און חיים קארוואט
ישראל

מיט זייערע משפחות

לזכר עולם





בעלי ואבינו: ר׳ יעקב
הכהן שטטין, ז״ל

בתי ואחותנו:
חוה צירל, הי״ד
נספתה בשנת תש״א

ביגון קודר

אשתו ואמה: חנה עלקה
שטטין קנדה

הבנים: חיה רבקה רוזנטל, שמואל יצחק שטטין, דינה שרה
פיינצייג, ישעיהו נתן שטטין ומשפחותיהם.

לזכרון עולם



לאה



אביעזר



ישראל

מוטער און שוועסטער: לאה גאווארטשיק

שוועסטער: בלומע מיט איר מאן דוד שולמאן און זייערע קינדערלעך:

שמואל משה, חיים מתתי' און שרה הינדע

ברידער: אביעזר און ישראל

אלע זענען אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים, הי"ד

ברודער: ירחמיאל, געשטארבן אין 1941, אין ישראל



שמואל משה



בלומע



ירחמיאל

אין טרויער:

אסתר און נטע טענענבוים, אמעריקע
גיטל פאשקאווסקי — טענענבוים, אמעריקע
יהושע מרדכי גאווארטשיק, ישראל
אברהם גאווארטשיק, אמעריקע
און זייערע משפחות

לזכר עולם



מרדכי



בלומע



שרה

אונזער שוועסטער, שוואגער, מומע און פעטער

שרה און מרדכי בלום

און זייער טאכטער **בלומע**

אלע אומגעקומען


אין צער: **אסתר און נטע טענענבוים**
גיטל פאשקאווסקי — טענענבוים
יהושע מרדכי גאווארטשיק
אברהם גאווארטשיק
און זייערע פאמיליעס

לזכר עולם

בתי ואחותי

פייגה בהר״ב, הי״ד

שנספתה בשואה



באבל

אמה: דבושה הוסנהוליץ
אחיה: שמואל בהר״ב
ומשפחתם בישראל

לזכרון עולם



ביגון קודר ובצער רב אנו מבכים את פטירת היקרה בנשים,
מרת **טויבה מוזס** ע״ה
שנפטרה בארה״ב והובאה לקבורה בירושלים

בעלה: **ניסן שו״ב מוזס**
בניה: **משה, יעקב, אברהם, מנחם, שמואל** ומשפחותיהם
בתה: **פיגה רוזן** ומשפחתה ארצות הברית

יזכור



רחל קלעפפיש



ביילע רייז



חנה שאפירא

צום אייביקן אנדענק





יהודית   בלומע   אלטע חיה

באבע : אלטע חיה גלאגאווער, אומגעקומען
מוטער : בלומע, געשטארבן אין יאר 1946
שוועסטער : יהודית, געשטארבן אין יאר 1956



באשע מיט די קינדער

מומע : באשע מיט איר מאן חיים ניעדזשוויעצקי
און זייערע קינדער : הערשל, אסתר לאה און יצחק
פעטער : דוד גלאגאווער מיט זיין פרוי מלכה
און זייערע קינדער הערשל און ביילע
אלע אומגעקומען



דוד

אין צער
פאמיליע גמרא
אין ישראל און קאנאדע

לזכר עולם



הורינו: ר׳ אברהם ובינה גרודקה
אחינו: דוד אהרן ואשתו צירל, וילדיהם זיסה אליעזר ויחזקאל
אחינו: חנן, אחיותינו: טובה, ליבה, בריינה ורחל
שנספו בשואה הנאצית

בצער רב
יהודה גרודקה
צפורה קליברסקי — גרודקה
ומשפחותיהם בישראל

לזכרון עולם



מיינע טייערע
עלטערן:
ר׳ חיים
און חנה שפרה

מיינע טייערע
שוועסטער:
שרה און הדסה


וועלכע זענען טראגיש אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשישע מערדער, הי״ד

אין טיפן טרויער
וועלוול האראוויק, ישראל

אונזער פאטער:
ר' חיים לייב
פראסקא הי"ד


מוטער:
אסתר

שוועסטער:
רויזע




ירמיה, לאטקא, חיים, סאלעק, פעסע

שוואגערין: חוה, אירע קינדער: חנה, יעקב, עלקע, נעכע, ירמיהו, ראשקע, משה, ביילע
שוואגער: יצחק אדזאבא, זיין פרוי יאכאט,
זייערע קינדער: דבורה, עזריאל, נעכע, ראשקע
שוואגער: אברהם קוקאווקא, זיין פרוי פערל,
זייערע קינדער: עזריאל, חנה




אסתר



רויזע — 2 טעכטער פליישער

ברודער: ירמיהו, זיין פרוי פעסע,
זייערע קינדער:
לאטקא, סאלעק, חיים
שוואגער: לייב הערש פליישער
זיין פרוי רחל און זייערע קינדער
אלע אומגעקומען, הי"ד



אייניקלעך

פאראייביקט
יהודית גרודקא—פראסקא
רבקה ווינדערבוים—פראסקא
נעמי שטראסבערג—פראסקא
און זייערע משפחות אין ישראל



לזכר עולם



בעלי ואבינו

ר׳ דב אפלבוים ז״ל

נפטר בישראל, י״ד סיון תש״כ

בני ואחינו

מרדכי אפלבוים, הי״ד

נספה בשואה הנאצית

באבל: **רחל אפלבוים**
שלמה אפלבוים
גולדה דיקשטיין-אפלבוים
ומשפחותיהם בישראל







מיין מאן און פאטער: ר׳ **גדליה גרינבערג** ז״ל; זון און ברודער: **אברהם לייבל** ז״ל;
טאכטער און שוועסטער: **רבקה רחל**, איר מאן **שמואל גוטענבערג**, זייער קינד **משה**
טאכטער און שוועסטער: **מלכה פערל** — אלע אומגעקומען



פאראייביקט:

חנה גרינבערג, ישראל

שרה ישראל-גרינבערג, קאנאדע


יצחק אייזיק גרינבערג, בראזיל

מרדכי גרינבערג, אמעריקע

און זייערע פאמיליעס

לזכרון עולם





טעמע וועלוול רחל יהודית



אברהם, דאבע

פאטער: ר׳ וועלוועל ווייסבארד ז״ל,
געשטארבן פארן קריג

מוטער: טעמע

ברודער: אברהם, זיין פרוי: דאָבע

שוועסטער: ליבע, חיה, רחל, יהודית
אלע אומגעקומען, הי״ד

אין צער
חנא ווייסבארד, קאלומביע
יצחק ווייסבארד, בראזיל
און זייערע משפחות

לזכר אבינו: ר׳ חיים דב ב״ר דוד אהרן גרודקה
אמנו: ברײנה בת ר׳ שמואל
אחותנו: לאה, בעלה: ישעיהו רוזנברג ובנם: יעקב
אחיותנו: ברכה ורחל
שנספו בשואה הנאצית

באבל
אלקה ברוכנסקי — גרודקה
מנוחה זלצר — גרודקה



לזכר עולם



אבינו היקר

ר׳ יהודה ארי׳ ברק ע״ה
נפטר בגובורובה
איש ישר היה ותמים

אמנו היקרה והנאמנה,
הענע ע״ה
נפטרה בישראל

צבי


הענע

אחינו היקר זאב ברק, אשתו היקרה סימה

בנם ובתם, ילדים צעירים, נעימים ונחמדים, צבי ופיינצ׳ה

שנשמדו ונכרתו בשואה הנאצית — נשמותיהם עדן והי״ד





פיינצ׳ה סימה זאב

המתאבלים ביגון קודר: פסיה, אברהם ויפה, בישראל
עלקע ויוסף, בארצות הברית

נאך מיין זיידן: ר׳ יהושע אלעק ז״ל — געשטאָרבן פאַרן קריג
באָבען: מאַלע אלעק
פעטער: משה אלעק און חנא אלעק, זיין פרוי: שרה
און זייערע 3 קינדער, און חוה אלעק — אלע אומגעקומען


טרויערט

יענטע רייס, ישראל

לזכרון עולם



לייבל ז״ל



שרה רויזע הי״ד



חיה עלקע הי״ד

אונזער פאטער: ר׳ לייבל גורא, ז״ל
געשטארבן אין ישראל
אונזער מוטער: שרה רויזה גורא
אונזער שוועסטער: חיה עלקע גורא
אומגעקומען דורך די נאצים, הי״ד

פאראייביקן:
משה גורא
אברהם גורא
און זייערע משפחות
אין ישראל

לזכרון עולם





אונזערע עלטערן:

ר׳ מרדכי און אסתר

שמעליק ז״ל

געשטארבן אין יאר 1956

אין ישראל

אין טרויער

חיים שמעליק, ישראל — שמואל שמעליק, ישראל

מאיר שמעליק, קאנאדע — רחל גרינבוים — שמעליק, קאנאדע

שלום שמעליק, קאנאדע — משה שמעליק, אמעריקע

און זייערע פאמיליעס

אייביק וועלן מיר דיר געדענקען!



אונזער טראגיש־אומגעקומענעם זונעלע און ברודערל

זועלע ע״ה

געבוירן דעם 3־טן מאי 1935 — אומגעקומען דעם 8־טן יוני 1950

אין גרויס צער:

די עלטערן: חיים און חיה שמעליק

שוועסטער: רחל, ברידער: יעקב און מנחם

ישראל



הערש יצחק

אונזערע עלטערן:

ר׳ הערש יצחק און חינקע

מאלאוואני ז״ל

געשטארבן אין אמעריקע

שוועסטער:

פעשע מיט איר פאמיליע אומגעקומען,

ברײנע, געשטארבן אין רוסלאנד

ברודער: שלמה, געקעמפט מיט דער

„רויטער ארמיי״, געפאלן בײ בערלין



הינקע



ברײנע



פעשע, נחמן



שלמה


פאראייביקט

באשע שאפראן—מאלאוואני, קאנאדע

מאיר מאלאוואני, אמעריקע

און זייערע פאמיליעס

י ז כ ו ר



ר׳ הערשל

אלעיארזש הי״ד

זיין טאכטער

חנה שרה

און מרדכי

ליטמאנאוויץ

הי״ד





לזכר עולם



מרדכי באשע

יעקל

אונזערע עלטערן: ר׳ **מרדכי** און **באשע אלעק** ז״ל, געשטארבן אין ישראל
ברודער **יאנקל**, זיין פרוי **גאלקע**, זייערע קינדער: **חנה** און **דבורה**
שוועסטער **גישע**, איר מאן **שלום פראסקא**,
זייערע קינדער **חיה**, **עזריאל**, **ראשקע** — אלע אומגעקומען



יעקלס טאכטער



גישע



שלום



לאה



הערשל

שוועסטער:
לאה, געשטארבן אין רוסלאנד

ברודער:
הערשל, געשטארבן אין אמעריקע,
געקומען צו קבורה אין ישראל

אין צער
חנה בערקאוויץ — אלעק
יאסל אלעק, משה אלעק
אין זייערע משפחות אין ישראל



לזכר עולם

נאך אונזערע עלטערן ר׳ חיים איטשע און פייגע שפרה חצרון ז״ל

טרויערן
רייזל אלעק — חצרון
צפורה זילבערשטיין — חצרון
דוד חצרון
מיט זייערע משפחות אין אמעריקע

לזכרון עולם



פעשע גיטל

מיין פאטער: ר׳ אשר קוטנער,
זיין פרוי רבקה, אומגעקומען

מוטער: יוכבד, געשטארבן אין יאר 1917

מיין פרוי: פעשע גיטל און די קינדער:
שמואל פייוול, מרדכי לייב

שוועסטער: גיטל בורשטין—קוטנער,
איר טאכטער יוכבד, אלע אומגעקומען

אין טרויער: אברהם ישראל קוטנער
און פאמיליע אין ישראל



חוה



באשע

מיינע עלטערן:
ר' לייבל און חוה קארלינסקי,
אומגעקומען

שוועסטער: באשע,
געשטארבן אין אמעריקע, אין 1939

ברודער: משה
זיין פרוי און קינד פון טלושטש

שוועסטער: צפורה משניות,
איר מאן ר' ישראל מאיר,
די קינדער: משה, לייבל, אסתר, חנה

ברידער: נאסקע, אהרן
זיין פרוי און קינד, אלע אומגעקומען

די איינציק אין טרויער געבליבענע:
שיינע קירים — קארלינסקי



נאסקע



אהרן


לזכר עולם

לזכר אבינו ר' אברהם קירים ז"ל, איש תמים וישר דרך,
חרד וירא שמים. נפטר ב־ה' ניסן תרצ"ו, בגובורובה

לזכר אמנו הצדקת מרת חנה בת ר' אהרן אולמברג, הי"ד,
שהיתה לנו כאב וכאם גם יחד

לזכר אחיותנו: רייזל וגיטל, אחינו: יהושע וצבי
כולם נספו בשואה הנאצית, הי"ד

בצער רב
יצחק קירים, ישראל
חיה רייסבוים — קירים, אוסטרליה
אסתר ליכטנשטיין — קירים, ישראל
יהודית נוימן — קירים, ישראל
יעקב קירים, ישראל



לזכר עולם

חיים   חיה שרה

אונזערע עלטערן: ר׳ חיים און חיה שרה בערלינער
ברידער: יחיאל, מיט א פרוי און 3 קינדער, לייבל און מאיר
שוועסטער: טשארנע און פייגע
אלע אומגעקומען אלס קדושים

עס טרויערן
פייגע גאלדבערג — בערלינער
בלומע שאפראן — בערלינער
מיט זייערע משפחות אין ישראל

לזכרון עולם

אונזערע עלטערן: ר׳ לייבקע און גיטל שמעליק, געשטארבן אין רוסלאנד

שוואגער: מאטל איקולטשיק

מומע: לאה שמעליק, מיט אירע קינדער: משה, יחזקאל, פרומע

אלע אומגעקומען



לייבקע

אין צער
נעמי בראון — שמעליק
אסתר ראמלער — שמעליק
דוד שמעליק
חיה שרה לוסטיק — שמעליק
מיט זייערע משפחות אין ישראל

צום אייביקן אנדענק



אברהם בענדעט



שרה לאה



מיכאל

אונזער פאטער: אברהם בענדעט שעצעך ז״ל
געשטארבן אין יאר 1932, אין גאוואראווע

מוטער: שרה לאה

ברודער: מיכאל,ביידע אומגעקומען

אין טרויער
ברײנע זעלדע, מרדכי מאיר, חנה,
בערקע, טשארנע פייגע פון אמעריקע
שמואל, פון קאנאדע
מיט זייערע משפחות

לזכרון עולם



טשארנע

מיין פרוי און מוטער:
דבורה קלאס

טאכטער און שוועסטער:
טשארנע שמעליך
און קינד חנה שרה

טאכטער און שוועסטער:
ברײנע בערלינער

אלע אומגעקומען



ברײנע

אין צער: פאטער: חיים קלאס, קובא
זון: קלמן קלאס, אמעריקע

לזכרון עולם

אונזער פעטער און מומע: בערטשע און טויבע וויראסלאוו

זייער טאכטער: שרה דוזאשע מיט איר מאן זלמן ווערמאן

און זייערע קינדער:

ירחמיאל, מאיר, אייזיק, לייזער און רחל

זייער טאכטער: עטע מיט איר מאן און קינדער פון אסטראלענקע

זייער טאכטער: ציפע מיט איר מאן שמחה גאלאווינסקי

מיט זייערע קינדער

זייער טאכטער: זעלדע, מיט איר מאן און קינדער פון משיזשעווע

זייערע קינדער, אונזערע קוזינעס:

יצחק, חיה לאה און שיינע רחל וויראסלאוו

אלע אומגעקומען אלס קדושים, הי״ד

אין טרויער:

די קינדער פון אברהם און שרה שעצער
בריינע זעלדע, מרדכי מאיר, חנה,
בערקע, טשארנע פייגע, פון אמעריקע
שמואל, פון קאנאדע

מיט זייערע פאמיליעס

לזכרון עולם

דעם אנדענק פון מיינע טייערע קינדער:

גדליהו, אברהם און מרדכי

און זייער מוטער: מרים

פאראייביקט:

משה דוד מאלאוואני
ישראל

לזכרון עולם



העניך יעקל



מיכאל

זיידע: ר׳ מיכאל ליווער, ז״ל

מוטער: ראשקע לעווקאָוויטש, שוועסטער: וויטא

ברידער: העניך יעקל, יידל לייב און אהרן

אומגעקומען דורך די נאַציס

אין גרויס צער

חיים לעווקאָוויטש, קאַנאַדע

לזכרון עולם

דעם אנדענק פון מיין ברודער

אברהם מאיר שמעלץ

אומגעקומען



פאראייביקט:

נפתלי שמעלץ און פאמיליע

בת־ים, ישראל

לזכרון עולם

מיין מאן, פאטער, און זיידע בערל לייב ב״ר מיכאל גורמאן, ז״ל

געבוירן אין גאוואראווע, 15.8.1898

געשטארבן אין קאנאדע, 8.9.1963



עס בלייבן אין טרויער

פרוי: רחל לאה

זין: דוד און אברהם משה

אייניקלעך:

בלומה־שושנה,

שולמית־מרים

גילה־צפורה

אין קאנאדע

פאטער: ר׳ וועלוועל בריק ז״ל, געשטארבן פארן קריג; מוטער: שרה גיטל,

שוועסטער: נעמי מיט איר מאן הערשל רוזשיקא פון מאקאווע — אומגעקומען



אין צער: מרים בריק, ישראל

לזכר עולם



זלאַטע ביעליק

פאַטער: ר׳ שלמה זלמן ביעליק ז״ל

געשטאָרבן אין גאָוואַראָווע פאַרן קריג

מוטער: זלאַטע ביעליק

געשטאָרבן אין די מלחמה־יאָרן אין רוסלאַנד

אין טרויער

דינה, אסתר, עטל

מיט זייערע פאַמיליעס אין קאַנאַדע

יצחק, הערצקע

מיט זייערע פאַמיליעס אין רוסלאַנד

יזכור





נעכע בריק

רחל לאה קאַם

צום אייביקן אנדענק



חיים, דבורה מאשעזאן



רבקה׳לע, ישראל׳יק



משה, געלע בורשטין

אונזער פאטער און זיידע ר׳ יעקל קערש, הי״ד
אונזער מוטער און באבע טריינע קערש, הי״ד
אונזערע טייערע ברידער און שוועסטער, מיט זייערע
פרויען, מענער, און קינדער וועלכע זענען בעסטיאליש
אומגעבראכט געווארן דורך די נאצישע מערדער,
און די וועלכע זענען געשטארבן.

אין טיפן טרויער:

יונה קערש, ישראל
חיה אייזנבערג — קערש,
דבורה ווישניא — קערש
אין קאנאדע
און זייערע פאמיליעס

יזכור

מאיר
ווערמאן
הי״ד





חיים
זימאן
הי״ד



דב




חיה



צבי

אבינו רב הפעלים ר׳ **דב גרנט** ואמנו הצדקנית **חיה**. אהבו בכל נפשם ובכל מאודם את ארצנו הקדושה. זכו להתבשם מריחה. הוטמנו באדמתה והוקמו מצבות לזכרם.
אחינו **צבי־הרשקה גרנט** — נפטר בגובורובה.
תהא נשמתם צרורה בצרור נשמותיהם של נכחדי קהלתנו הקדושה לעד.
בניהם ואחיו: **משה, יצחק, אברהם ודוד**. כלותיהם. נכדיהם. ניניהם וכל המשפחה





אנדענק־שטיין לזכר דער אומגעבראכטע גאווארעווער באפעלקערונג
(קריסטן און יידן) — אין די מלחמה־יארן (זע בילד אויף זייט 52)

אהרן שראָן
ישראל



אהרן שראָן — יו״ר

דער ארגון יוצאי גובורובה אין ישראל

דער ארגון יוצאי גובורובה אין ישראל האט אנגעהויבן זיין טעטיקייט, זייט עס האבן זיך באוויזן די ערשטע עולים־גרופעס פון דער אפגעראטעוועטער שארית־הפליטה נאכן גרויסן וועלט־חורבן. פארן צווייטן וועלט־קריג איז אין לאנד געווען א קליינע צאל גאווראָווער יידן, וועלכע זענען געווען צעשפרייט איבער פארשידענע יישובים אין לאנד — פון רחובות ביז כפר־אתא און אין קיבוצים. מען האָט אנגעהאַלטן א געוויסן קאָנטאַקט איינער מיטן אנדערן, אבער מען פלעגט זיך זעלטן טרעפן אלע צוזאמען.

ווען עס האבן אנגעהויבן אנקומען די איוב־בשורות וועגן דעם יידישן חורבן אין פוילן, האבן מיר געוואלט עפעס טאָן, כאָטש זיך צו דערוויסן וועגן גורל פון פריינט און באקאנטע. אונזערע באמיאונגען האבן נישט געבראכט קיין רעזולטאטן. אין א צייט ארום האבן מיר זיך דערוווסט אייניקע אדרעסן פון גאווראָווער פארשיקטע אין סיביר. מיר האבן אנגעהויבן ארגאניזירן דאס שיקן פעקלעך פון קרובים צו קרובים.

ענדע 1948 זענען אנגעקומען אין לאנד די ערשטע געראטעוועטע פון חורבן. מען האט זיך באמיט צו העלפן יעדן מיט וואס מען האט געקאנט. עס זענען געווען חברים, וואס האבן אין זייערע איין־צימערדיקע וווינונגען ארייגענומען צו זיך גאנצע משפחות, און געוווינט צוזאמען ביז זיי האבן זיך אביסל איינגעאָרדנט אין לאנד.

די פרוי חנה רחל קופערמאן האט אין אמעריקע אנטוויקלט א הילפס־אקציע. זי האט געשיקט א גרעסערע צאָל שפייז־פּאַקעטן פאר די נייע עולים און מיר האבן זיי דאָ פארטיילט לויט דער מיטגעשיקטער רשימה. פאר די ימים־טובים פלעגט אויך אנקומען הילף פון דער גאווראָווער לאנדסמאנשאַפט אין אמעריקע — „בני אהרן שלמה תהילים״, ווו בראש איז געשטאנען איר מאן, ר׳ ברוך קופערמאן ז״ל.

אין יאר 1949 איז שוין אין ישראל געווען א גרויסע צאל גאווראָווער יידן.

עס האט זיך שוין געגרינדעט אין א ווירקנדיקן ארגון מיט אן אויסגעוויילטער אינסטאנץ, וואס זאל אנפירן מיט דער ארבעט. חול־המועד פסח פון יאר 1949 איז אין דער וווינונג פון יעקל גורקא און אברהם ראמאנער אין יפו, פאָרגעקומען די ערשטע גרינדונגס־פארזאמלונג. עס איז דאן אויסגעוויילט געווארן פאלגנדע פארוואלטונג: אהרן שראן, אברהם האלצמאן, צפורה קליבארסקי, אברהם זכריהו און יהודה גרודקא. ביי דער פארזאמלונג איז געמאכט געווארן אן אקציע, און עס איז געשאפן געווארן א געוויסע געלט־סומע צו העלפן די נויט־באדערפטיקסטע פליטים.

מיט דער צייט האבן זיך די פליטים־משפחות צוביסלעך איינגעאָרדנט. מען האט גענומען טראכטן ווי צו פאראייביקן דעם אנדענק פון די קדושים און פון חורב־געווארענעם שטעטל. עס איז באשטימט געווארן דער טאג י״ז אלול, פארן יום־הזכרון פון אונזער שטעטל גאוואראווע. דאס איז געווען דער טאג, ווען עס זענען דארט געפאלן די ערשטע קרבנות.



די ערשטע גאוואראווער „קאָלאָניע״

דער ערשטער יום־הזכרון איז פארגעקומען י״ז אלול אין זעלבן יאר, אין לאקאל פון „בית־החלוצות״ אין תל־אביב. עס האבן אנטיילגענומען אלע גאוואראווער לעבנגעבליבענע, וואס זענען געווען אין לאנד. נאך דער תפילת־יזכור, זענען ארומגערעדט געווארן פלענער, ווי צו העלפן נצרכים, און שאפן פארבינדונגען מיט אויסלענדישע לאנדסמאנשאַפטן און יחידים. זייט דאן, קומען יאר־יערלעך פאר אזכרות אין דעם דאזיקן טאג, מיטן אנטייל פון א חזן און רעדנער. מעניני דיומא רעפערירט אָפט הרב משה בערנשטיין.

במשך פון עטלעכע יארן זענען צוגעקומען נאך גאוואראווער משפחות אין לאנד אריין, די פארבינדונגען האבן זיך פארשטארקט און דער ועד איז געשטאנען מיט אלעמען אין קאָנטאַקט. עס זענען אויסגעוויילט געווארן נייע פערזאָנען אין דער פארוואלטונג, און באשטייט היינט פון פאָלגנדע חברים: אהרן שראן, יו״ר, אברהם לעווין, אביעזר

בורשטין, בערל קאסאווסקי, יוסף גורקא, יוסף זילבערצאן, משה סארנע, חוה בערנשטיין, נפתלי שמעלץ, יהודה גרודקא, משה דראניצא, משה גראנאט און אברהם האלצמאן.

אין יאר 1955 איז ביים ארגון געגרינדעט געווארן א גמילות־חסד קאסע, א דאנק אונזער לאנדסמאן משה לעווין מיט זיין פרוי שרה, פון קובא. זיי האבן דאן באזוכט ישראל און האבן געשפענדעט א גרעסערע געלט־סומע אלס גרונט־קאפיטאל, און דעריבער טראגט די קאסע דעם נאמען פון זייער יונג־פארשטארבענעם זונעלע, צבי ז״ל. דער ועד האט אויך געשאפן געלט פאר דעם צוועק פון חברים און פריינט פון ישראל, פון אונזערע טוריסטן און פון אנדערע קוועלן.

אין די לעצטע 10 יאר האט א גרעסערע צאל גאווראוועד לאנדסלייט באזוכט ישראל און פאר א סך פון זייט האט דער ועד געמאכט פייערלעכע קבלת־פנים. עס זענען געוועז פון אמעריקע: אברהם קלמן בלומשטיין, שרה און יצחק בלומשטיין, שרה פרידמאן, ליבע נאדבוי־פראסקע, ניסקע כהן, אסתר און נוטע טענענבוים, מרים בלומשטיין־פאפיערטשיק, פאמיליע מאזעס, שמחה פארבא, אברהם קשאנזשקא, מאיר כהן, פייגע שייניאק, א. א. פון קאנאדע: רבקה און שמואל ראזנבערג, שמואל שעציך און פרוי, שטשעטשינא, שרה ישראל־גרינבערג, ליבע דויטש־גמרא, א. א. פון בעלגיע: זעליג רייטשיק מיט דער פאמיליע. פון קאלומביע: פרומע צוקער־ווייסבארד, חנא ווייסבארד מיט דער טאכטער און איר מאן. פון אורוגוואי: ראטמאן ביילע. פון ארגענטינע: אברהם שווארצבערג. פון אויסטראליע: יחזקאל תהילים. פון דייטשלאנד: בערל רייטשיק און יוסף קשאנזשקא. דער רוב פון די אלע געסט האבן געשפענדעט געלט פאר דער גמ״ח קאסע און פארן ארגון.



די גרינדונגס־פארזאמלונג — חול־המועד פסח, 1949




דער ועד. ערשטע רייע (פון רעכטס צו לינקס): משה סאַרנע, יוסף גורקא, משה דראַניצאַ, הרב משה בערנשטיין, חוה בערנשטיין און נפתלי שמעלץ. צווייטער רייע: אברהם האַלצמאַן, יהודה גרודקא, הרב אביעזר בורשטין, בערל קאסאוווסקי און אהרן שראַן.

אין יאר 1960 האט דער ארגון אריינגעזעצט א מארמאר־טאוול אין מרתף השואה אויפן הר־ציון אין ירושלים, לזכר אונזער חרוב־געווארענעם שטעטל גאוואראוועע.

צום וועלט־קאָנגרעס פון די פוילישע יידן, וואס איז פארגעקומען אין ישראל (1961), האט דער „התאחדות עולי פולין" ארויסגעגעבן א בוך א. נ. „לאנדסמאנשאפטן אין ישראל". דער ארגון האט זיך באַטייליקט צום בוך און דאָרט אריינגעשריבן א גרעסערן ארטיקל מיט א בילד פון זיין טעטיקייט, און א אלגעמיינעם איבערזיכט פון גאוואראוועע.

אין משך פון די אלע ימי־זכרון און ביי אנדערע צוזאמענטרעפן, האט מען שטענדיק גערעדט וועגן דער וויכטיקייט פון ארויסגעבן א יזכור־בוך, לויטן ביישפיל פון אנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. אבער די קאלאסאלע שוועריקייטן און די גרויסע געלט־קאָסטן, וואס זענען מיט דעם פארבונדן, האבן אונז אָפּגעהאַלטן דאס אויספירן דעם פּלאַן א לענגערע צייט. ערשט אין יאר 1959, ווען עס האבן צום ערשטן מאל באזוכט ישראל אונזערע לאנדסלייט און פריינט רבקה און ישראל ראזענבערג פון קאנאדע, האט זיך דער ענין א רוק געגעבן פאראויס. בעת א קבלת־פנים, וואס איז איינגעאָרדנט געווארן לכבוד זיי אין הויז פון שרייבער פון די שורות, האט מען גערעדט וועגן דער גרויסער וויכטיקייט פון א ספר־יזכור נאך אונזער שטעטל און די שווערע פּראָבלעמען, וואס שטייען אין וועג ביים רעאליזירן דאס. די געסט האבן אונז צוגעזאגט די געהעריקע הילף, און גלייך נאך זייער צוריקקער קיין קאנאדע האבן זיי טאקע אנגעהייבן מיט דער אקציע. פרוי רבקה ראזנבערג איז ספּעציעל וועגן דעם אראָפּגעפארן קיין ניו־יארק און דאָרט אויפגעוועקט די גאוואראווער יידן צו דעם צוועק. עס זענען געווארן טעטיק די חברים: שרה און יצחק בלומשטיין, יצחק שאפראן, יצחק דוד תהילים, נפתלי קופערמאן א. אנד. די אלע האבן געזאמלט און צוגעשיקט געלט פארן בוך. אויך אברהם קלמן בלומשטיין איז געווען פון די ערשטע אנטיילנעמער אין דער אקציע. מען האט אויך דא אין לאנד געמאַכט א אקציע און מען איז גלייך צוגעטרעטן צו ממשיות'דיקער ארבעט.

דער ערשטער צוזאמענטרעף פון דער רעדאקציע־קאמיסיע איז פארגעקומען אין כפר־סיטרין, ביי הרב אביעזר בורשטין, און עס האט זיך גלייך אנגעהויבן א אינטענסיווע און לעבעדיקע ארבעט. עס זענען צעשיקט געווארן הונדערטער צירקולארן און בריוו צו לאנדסלייט אין לאנד און אין אויסלאנד, און צו פארשידענע קערפערשאַפטן. עס זענען פארגעקומען עטלעכע־צענדליק צוזאמענטרעפן אין די הייזער פון: בערל קאסאווסקי, יוסל גורקא, חוה בערנשטיין און אברהם האלצמאן. עס זענען איינגעלאדן געווארן מערערע גאווראַוער יידן צו די חברים: יעקב גורקא, נפתלי שמעלץ און אין לאקאל פון די פוילישע לאנדסמאנשאפטן. עס איז פארבונדן געווארן א קאָנטאַקט מיט יעדן גאווראַוער באזונדער, ביז דער בוך איז ענדלעך פארטיק געווארן.



ביי א אזכרה. דער חזן מאַכט א „א־ל מלא רחמים"

דער ארגון האלט פאר א פליכט צו פארצייכענען מיט כבוד און דאנק די חברים, הר״ב אביעזר בורשטין און בערל קאסאווסקי, וואס האבן מקדיש געווען געוואלטיקע כוחות צו שרייבן, רעדאגירן און ארויסצוגעבן דעם בוך, שלא על מנת לקבל פרס. עס איז גארנישט קיין ספק, אז אן זיי וואלט דער בוך נישט געקאנט דער־שיינען. בלויז רעדאגירן היינט אזא ספר אין ישראל, קאָסט לערך א צען־פופצן טויזנט ל״י, און מיר האבן געהאט צו אונזער רשות קוים א העלפט, און דאס האט געדארפט רייכן אויף פאפיר, דרוק, קלישעס, איינבאנד און אנדערע הוצאות, וואס זענען מיט דעם פארבונדן. צו דער ארבעט פון בוך האבן אין אָנפאַנג פיל מיטגעהאָלפן די חברים יוסף גורקא און אברהם האָלצמאַן. דער שרייבער פון די שורות איז די גאנצע צייט געווען טעטיק און געהאָלפן מיט אלעס מעגלעכעס.

עס איז קיין ספק נישט, אז דער יזכור־בוך איז די קרוין־ארבעט פון דעם ארגון, אבער דער ארגון האט נאך אנדערע וויכטיקע צילן אין דער צוקונפט. מיר שטרעבן צו דעם, אז מיר זאָלן קאנען זיך דערווערבן אן אייגענע דירה אין תל־אביב, פונוואנען עס זאל געפירט ווערן די גאנצע טעטיקייט פון ארגון: דער סעקרעטאריאט, די גמילות־חסד קאסע, א זאַל פאר צוזאמענטרעפן און א בית־תפילה. ווען דער דאָזיקער פלאן וועט פארווירקלעכט ווערן, וועלן מיר זיך קאנען טרייסטן, אז מיר האבן אלץ געטאן, וואס מיר האבן געקאנט, צו פאראייביקן אונזער ליב חרוב־געווארן שטעטל גאווראַוווע.

אברהם לעווין
ישראל

די גמילות־חסד קאַסע פון יוצאי גובורובה אין ישראל

די גמילות־חסד קאסע ביים ארגון יוצאי גובורובה אין ישראל, איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1955. געווען איז עס בעת א באזוך אין לאנד פון מיינע קינדער משה און שרה לעווין פון קובא. עס איז דאן פארגעקומען ביי מיר אין הויז א צוזאמענטרעף מיט גאווארעווער גוטע פריינט, ווו מען האט זיך אביסל אראפגערעדט פון הארצן. מיין זון משה האט זיי דערציילט פון זיין גרויסן אומגליק, וואס האט אים געטראפן מיט דעם טויט פון זיין 12־יעריקן יינגעלע, מיין אייניקל, צבי ז״ל, און ער האט פארגעשלאגן, אז ער איז גרייט זיך צו באשטייערן פאר א דבר־מצוה צום אנדענק פון זיין פארשטארבן קינד. הרב משה בערנשטיין האט פארגעלייגט צו גרינדן א גמילת־חסד קאסע אויף זיין נאמען. דער פלאן איז באַלד אנגענומען געווארן. מיין זון משה האט זיך באַלד באשטייערט מיט 500 פונט, און אין עטלעכע מאנאטן ארום האט ער צוגעשיקט נאך עטלעכע הונדערט פונט. דאס איז געווען דער יסוד פון דער גאווארעווער גמילת־חסד קאסע.

שפעטער האט מען אויך געמאכט א געלט־זאמלונג ביי די גאווארעווער יידן אין ישראל. יעדער האט זיך באשטייערט, ווער מער, ווער ווייניקער, און עס האט זיך געשאפן נאך 400 פונט. בעת מיין באזוך אין קובא, אין יאר 1965, ביי א חתונה פון מיין אייניקל, האב איך ביי פריינט און באקאנטע געזאמלט נאך 450 ל״י, און ביים צווייטן באזוך פון מיין זון משה אין ישראל, אין 1958, האט ער געשאנקען נאך 350 ל״י.



בעת דער גרינדונג פון דער קאַסע



אויף א יערלעכער פארזאמלונג (אויבן און אונטן).



עס זענען צוגעפאלן נאך געשענקען און באשטייערונגען פון פריינט, און באקאנטע, אזוי, אז די קאסע פארמאגט היינט 4000 ל״י.

די קאסע דינט פאר די גאווראוועד יידן. ווער עס נויטיקט זיך אין א הלואה פון עטלעכע הונדערט פונט, קאן ער דאס קריגן בתשואת חן, אויסצוצאלן אין מאנאטלעכע ראטעס.

אין לעצטן יאר 1965 האט די קאסע אויסגעליען 5500 ל״י, צו 21 פערזאן, פאר נויטיקע און פראדוקטיווע צוועקן.

די ארבעט ביי דער גמילת־חסד קאסע גיט אונז גרויס באפרידיקונג, ווייל מען קאן העלפן א מענשן אין א נויט־לאגע. די מצוה פון גמילת־חסד שטייט העכער פון צדקה, ווייל צדקה איז נאר פאר ארעמעלייט און גמילת־חסד — סיי פאר גבירים און סיי פאר ארעמעלייט. מיר זאגן עס אלע טעג ביים דאווענען: „אלו דברים שאין להם שעור", איז דערביי אויסגערעכנט — „וגמילות חסדים", און די משנה לעגט נאך צו: „אלו דברים שאדם אוכל פרותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא". עס איז דעריבער א גרויסער פארגעניגן, ווען א ייד בעט אן הלואה און מען קאן אים דאס געבן.

יצחק ספרן
אמעריקע

גאווארעווער „סאסייטיס" אין אמעריקע

דאס יידישע אמעריקע איז בארימט מיט אירע לאנדסמאנשאפטן. כמעט יעדע שטאט און שטעטל פון אייראפע האט אירער א „סאסייטי", אדער חברה, אין אמעריקע. יעדער ייד, וואס איז געקומען קיין אמעריקע מיט צענדליקער יארן צוריק, האט גלייך דערפילט, אז „לא על הלחם לבדו יחיה האדם", אז פון בלויז „מאכן געלט" וועט ער נישט עקזיסטירן. ער מוז אויך האבן א גייסטיק לעבן, און א גייסטיק לעבן קאן דאך נישט זיין ביחידות, נאר ווען מען איז ארגאניזירט, בציבור.

כדי צו באקומען א באגריף, וואס עס האט דאן געהייסן „מאכן געלט", און ווי אזוי עס זענען אנטשטאנען די דאזיקע „סאסייטיס", מוזן מיר זיך אומקערן מיט א 60־70 יאר צוריק. און אט וואס עס גיבן איבער אונזערע עלטערע לאנדסלייט:

„נארמאלע" ארבעטס־שטונדן איז דאמאלט געווען צווישן 60 און 70 שעה א וואך. א מאשין־אפערייטער האט געמוזט אויף זיינע פלייצעס שלעפן זיין אייגענע מאשין. נאך א שווערן טאג ארבעט און נאכדעם ווי מען האט אפגעגעסן א ביליקן נאכט־עסן אין א קעלער־רעסטאראן, האט זיך אנגעהויבן א נייע סדרה פון נאכט־ארבעט און איבערשטונדן.

ווער עס האט געארבעט ביז 12 ביינאכט האט פאר די דאזיקע איבערשטונדן באקומען א ניקלנעם 5־ער סענט. דער ניקל האט דאמאלט געהאט א גרויס חשיבות, מען האט פאר דעם באקומען ברויט מיט הערינג און א גלאז ביר. וואס האט אבער געטאן א גאווארעווער ייד, וואס האט אין דער אלטער היים איבערגעלאזט א פרוי מיט קליינע קינדער? — ער האט דעם ניקל בעסער אפגעשפארט. ער האט זיך געטראכט:

Unt. Society B'nei Aaron Shloma Thilim Anshe M'Govrova, Poland

INCORPORATED 1912 — אינקארפארייטעט, 1912

אונטערשטיצונגס סאסייטי בני אהרן שלמה תהילים אנשי גאווראווע פאלאנט

בריוו־בויגן פון דער אלטער חברה — בני אהרן שלמה תהילים

נאכט־מאל האב איך דאך געגעסן, צו פרישטיק איז שוין נישט ווייט, וועל איך דעם ניקל בעסער שפּארן פאר דער פאמיליע... געשלאפן איז מען אין א קעלער אויף אן אויפשטעל־בעטל פאר 50 סענט א מאנאט, און טאקע נישט אליין, נאר בציבור, מיט נאך א צענדליק לאנדסלייט.

האט מען זיך אזוי צוגעווינט צום שפּארן, אז מען האט נאך באוויזן אפּצושפּארן... צייט פאר קהל׳ישער טעטיקייט. מען האט זיך אָרגאַניזירט, און די עלטערע לאנדסלייט האבן געהאָלפן די ניי־געקומענע, און ארבעט איז געווען איבערגענוג. אין הילף האָט זיך כמעט יעדער „גרינער״ גענויטיקט. אויב נישט מאטעריעל, איז כאטש אין א גוט וואָרט, אן עצה, א דערמוטיקונג א.א.וו. מען האט אויך נישט פארגעסן געמיינזאם צו פּראווען א „מלווה־מלכה״, עפּעס צו לערנען א.ד.ג. זענען דעריבער אין יענע יארן די „סאסייטיס״ געוואקסן ווי שוואמען נאך א רעגן און זייער טעטיקייט איז געווען פון ערשט־ראנגיקער וויכטיקייט.

GOVOROVER RELIEF COMMITTEE

UNDER THE AUSPICES OF THE

GOVOROVER CHEVRA AND GOVOROVER Y. M. B. A.

and THE LADIES AUXILIARIES

OFFICERS

ISAAC D. TILLEM
CHAIRMAN

MRS. CELIA COHEN
VICE-CHAIRLADY

HARRY KASSOVER
SECRETARY

MAX COHEN
TREASURER

TRUSTEES

LOUIS TOUS

MRS. REBECCA DENDA

HYMAN FRIEDMAN

פאָרמולאַר פון בשותפות׳דיקן „רעליף״־קאָמיטעט. (פוןביידע „סאָסייטיס״)

אונזער שטעטל גאווארעווע האט ביי היינט־צו טאג צוויי „סאסייטיס״ — אן אלטע און א יונגע. די אלטע עקזיסטירט שוין דא איבער 70 יאר. בקיצור רופט מען זי: „די אלטע חברה״, אבער דער ריכטיקער נאמען איז: „חברה בוי אהרן שלמה תהלים אנשי גאווארעווע״. פון אירע ערשטע פיאנערן־גרינדערס ווייסן מיר בלויז צו דערמאנען די נעמען פון ר׳ מענדל שולץ, ישראל יצחק ווישניע, חיים דוד פרידמאן און חנא דעם קאשע־מאכערס זון. אין די דרייסיקער יארן, ווען ר׳ ברוך קופערמאן ז״ל איז געקומען קיין אמעריקע, איז ער גלייך געווארן אקטיוו אין דער אנפירערשאפט פון דער חברה. ער איז געווען פיל יארן איר גבאי פון דער חברה־קדישא און אנגעהאלטן די טעטיקייט ביז צו זיין פטירה. זיין פרוי חנה רחל, זאל מאריך ימים זיין, איז נאך היינט די פירערין פון דער „ליידיס עקזילערי״.

די חברה האט אן אייגענע שול צום דאווענען און לערנען און אן אייגענעם בית־עלמין. די חברה איז געווען אמאל זער טעטיק. איין מאל אין יאר פלעגט מען פראווען א גרויסע חברה־קדישא־סעודה, ווי אין דער אלטער היים. עטלעכע מאל א יאר — קלענערע סעודות. אויף די אלע אונטערנעמונגען האט מען שטענדיק געזאמלט געלט פאר צדקה, דער עיקר — צו העלפן די נויטבאדערפטיקטע לאנדסלייט אין גאווארעווע.



מר י. ד. תהילים און זיין פרוי

עס איז אבער אויך געווען א יונגערער עולם, צווישן זיי א סך נישט פאַרהייראַטע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט גיין אין שפּאַן פון דער אַלטער חברה, וועלכע האָט זיי בלויז געגעבן די שול צום דאַווענען און אַמאָל, אין מוצאי שבת, א מלווה־מלכה. דאָס יונגוואַרג האָט געוואָלט א מער־מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. אַנשטאָט א מלווה־מלכה, האָט מען געוואָלט א מאָדערנעם באַנקעט מיט מוזיק א.א. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די יינגערע האָבן געמאַכט „שבת פאַר זיך", און אין יאָר 1909 האָבן זיי געגרינדעט אַן אייגענע חברה א. נ. „גאַוואָראַוווער יאַנג מענס סאָסייטי".

צום שבח פון ביידע „סאָסייטיס" מוז געזאָגט ווערן, אַז א דאַנק דעם אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישן גייסט, איז דורך דער גאַנצער צייט פון קנאַפּע 60 יאָר עקזיסטענץ, נישט געווען קיין מחלוקות צווישן די ביידע לאַנדסמאַנשאַפטן. א סך גאַוואָראַוווער האָבן באַלאַנגט צו ביידע „סאָסייטיס". די הויפּט־אויפגאַבע פון די ביידע חברות איז געווען צו מאַכן מעגלעך, אַז אַלע גאַוואָראַוווער זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען, נישט זיין עלנט, און צו העלפן איינער דעם אַנדערן אין א נויט.


פון די גרינדערס און אַקטיווע מיטגלידער פון די „יאַנג מענס" איז כדאי צו דערמאָנען: בנימין אַלעיראַזש, לואיס אשור, יוסף בורשטין און משה מיללער, כולם ז"ל, און יבלח"א קלמן טויז, יעקב ברעסלער, הערי נאַדעל, בעריש גראַנאַט, סעם לעווין, יעקב ריביטש, מעקס קאָהן, און די ברידער תהלים. די „יאַנג מענס" זענען אַלע יאָרן אויך טעטיק אויף אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע געביטן. זיי האָבן כסדר געשטיצט דעם „דזשאָינט", „היאַס" א. אַנד. ביז היינט צו־טאָג גיבן זיי יערלעכע גרעסערע סומעס צום „פאַראייניקטן יידישן אַפּיל". אויך די „סאָסייטי", אַזוי ווי די אַלטע חברה, און פיל אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע, האָט איר אייגענעם בית־עלמין. די „יאַנג מענס" פאַרנעמט זיך אויך א סך צו העלפן דעם מיטגליד ביים לעבן. אַזוי, למשל, האָבן זיי א הילפס־פאָנד פאַר קראַנקע. ווען א „מעמבער" ווערט ח"ו קראַנק און קאָן נישט אַרבעטן, קריגט ער א וועכנטלעכע אונטערשטיצונג פון 15 דאָלאַר.

ווען גאווראווע איז נאך געווען גאווראווע, האבןביידע „סאסייטיס״ געהאט א בשותפות׳דיקן רעליף־קאמיטעט און צוזאמען געשיקט די הילף קיין גאווראווע. מיר אלע געדענקען נאך גוט, וואס עס האט זיך געטאן אין שטעטל, ספּעציעל פאר פסח, ביים מאכן די רשימה פון די ארעמע מענטשן. מען האט דן געווען יעדן מענטשן לויט זיין מצב און חשיבות. פארשטענדלעך, אז עס זענען שטענדיק געווען טענות, הלמאי דער האט באקומען מער און דער אנדערער ווייניקער. א סך בריוו מיט טענות, ביטעס און אויפקלערונגען פלעגן דאן אנקומען פון שטעטל קיין אמעריקע. דער אמעריקאנער קאָמיטעט האט אלעס געדאַרפט אויסגלייכן. עס איז געווען א שווער שטיקל ארבעט מיט א סך אויפרעגונג. באזונדער דארף דא פארצייכנט ווערן א גאוואראווער פרוי מיטן נאמען חיה שרה זיידלער, וועלכע האט אליין געשיקט גרויסע געלט־סומעס אויף צו בויען דעם נייעם בית־המדרש.

נאכן גרויסן חורבן פון 2־טן וועלט־קריג, איז דער רעליף־קאמיטעט געווען שטאַרק טעטיק ביים שיקן פעקלעך און געלט דער גאוואראווער שארית־הפליטה. ווי זיי האבן זיך נאר געפונען. אויך ביי היינט־צו טאג ווערט נאך געפירט א פּראדוקטיווע ארבעט, אבער שוין נישט אין זעלבן מאסשטאַב ווי אמאל. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען כסדר געקומען נייע לאנדסלייט קיין אמעריקע, וועמען מען האט דא, אין די „סאסייטיס״, אויפגענומען בכבוד גדול און געהאָלפן מיט אלעס מעגלעכעס. מיטן לעצטן וועלט־קריג, ווען די דייטשן ימ״ש האבן חרוב געמאכט אונזער שטעטל, איז דער שטראָם פון נייע עמיגראנטן כמעט ווי אינגאנצן אפגעשטעלט געווארן. דאס איז נישט קיין ספּעציעל גאוואראווער פּראבלעם, נאר אַן אלגעמיינער, פון אלע יידישע „סאסייטיס״ אין אמעריקע וועלכע שרומפּן זיך צוביסלעך איין, און בלית ברירה ווערט געצוימט זייער טעטיקייט. די „יאנג מענס״, ביי היינט־צו טאג ציילט נישט מער ווי א 150 פאמיליעס, און די אלטע חברה — נאך ווייניקער. זיי טוען אבער איבער זייערע מעגלעכקייטן, בכדי איינצוהאלטן זייער עקזיסטענץ.

די היינטיקע אקטיווע טוער אין די „יאנג מענס״ זענען: יעקב זעמלאוויץ — טשערמאן, סעם עפּשטיין — פינאנס־סעקרעטאר, הערי מיללער — רעקארדינג־סעקרעטאר, יוסף ברעסלער — טרעזשורער, הערי בערלינער, משה איזדאבא און יצחק דוד תהלים — טראסטיס. יצחק דוד תהלים איז אויך טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו־באָרד.

די טוער פון דער אלטער חברה זענען: נפתלי קופערמאן — פּרעזידענט, משה דאן — וויצע־פּרעזידענט, ברוך מארקאָוויטש — טראסטי און יעקב מאָזעס — רעקארדינג־סעקרעטאר.


הילף קאמיטעט אין גאווראווע
רשימה פון די וואס דארפן שטיצע

№	נאמען	פאמעליע	צאל קינדער	פאר	בעמערקונגען

רשימה־בויגן פון גאָוואראָווער הילפס־קאמיטעט

א. בן־מאיר
קאנאדע

גאוואראווער לאנדסמאנשאפט אין קאנאדע

די גאוואראווער לאנדסמאנשאַפט אין קאנאדע האט נישט צו פאַרצייכענען קיין לאַנגיעריקער היסטאריע. בסך־הכל האבן זיך אנגעהויבן באזעצן אין קאנאדע מערערע גאוואראווער משפחות ערשט נאכן צווייטן וועלט־קריג. ביז מען האט זיך איינגעארדנט באזירט פון פינאנסיעלן שטאַנדפונקט, און געפונען די שפראך מיט דער פרעמדער וועלט — האט גענומען עטלעכע יאר. פארשטייט זיך, אז אין די „גרינע" יארן פון איינפאסן זיך אין די נייע ראמען, האט מען נישט געקאנט טראכטן פון וועלכער עס איז געזעלשאפטלעכער ארבעט. מען פלעגט זיך אמאל טרעפן עטלעכע לאנדסלייט ביי שמחות, ביי געלעגנהייטלעכע פייערונגען, אמאל א קעגנזייטיקער באזוך, אבער ביז צו אן ארגאניזירונג איז עס געווען נאך ווייט.


דער ערשטער אָפיציעלער צוזאַמענטרעף איז פארגעקומען דעם 27 טן נאוועמבער 1960, אין הויז פון ה' לייב גורמאן, נאכדעם ווי פרוי רבקה און שמואל ראזענבערג זענען צוריקגעקומען פון א באזוך אין ישראל. ביי דעם דאָזיקן צוזאמענטרעף האבן אנטייל גענומען ביז א 40 מאן. שמואל און רבקה ראזענבערג האבן אפגעגעבן א באריכט פון די גאוואראווער יידן אין ישראל, און האבן באטאנט די וויכטיקייט פון ארויסגעבן דעם געפלאנטן „יזכור־בוך", וואס וועט זיין א אייביקער מאנומענט פאר אונזער שטעטל גאוואראווע. אנדערע רעדנער האבן אויפגעבראכט זכרונות פון אמאליקן לעבן, און האבן אונטערשטראכן די נויטיקייט פון האלטן א ענגען קאנטאקט מיט די גאוואראווער יידן אין דער גארער וועלט. ביי דעם צוזאמענטרעף איז געגרינדעט געווארן די לאנדסמאנשאפט אין קאנאדע, און עס איז אויסגעוויילט געווארן דער פאלגענדער קאמיטעט: רבקה ראזענבערג — פרעזעס. אברהם ראמאנער — סעקרעטאר, בערל לייב גירמאן — טרעזשירער, לייב גמרא, גאדל טעלער, הערשל זאמעק, מאיר שמעלץ, ישראל שאפראן, שמואל שטעטין און שמואל ראזענבערג.

איינע פון די ערשטע ארבעטן פון קאמיטעט איז געווען צו זוכן מיטלען אויף ארויסצוגעבן דעם „יזכור־בוך". דערביי האט ער אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו אקטיוויזירן אויך די ניו־יאָרקער לאנדסלייט. פרוי רבקה ראָזענבערג איז וועגן דעם ספעציעל געפארן קיין ניו־יארק. זי האט אנאנסירט אין די צווי יידישע טאג־צייטונגען, „פארווערטס" און „טאג מארגן־זשורנאל", און גערופן א זיצונג פון די גאוואראווער יידן אין ניו־יארק. די באמיאונגען האבן געבראכט רעזולטאטן. עס איז געשאפן געווארן א היפשע סומע געלט. ה' קלמן בלומשטיין האט געשאנקען א גאלדן דאמען־זייגערל, און פונקט ווי אין די אמאליקע יארן, האבן מיר פארקויפט „פלעטן", און באשטימט די הכנסה פארן בוך.

היינט צו טאג קומען זיך אָפט צונויף די קאנאדער לאנדסלייט, פון די וואס וווינען אין מאַנטרעאַל, אין הויז פון דער משפחה ראזענבערג. עס ווערן באהאנדלט

פראגן וואס זענען נוגע לאקאלע ענינים, און אַלץ וואס האט צו טאן מיט דער פארבינדונג פון אונזערע לאַנדסלייט אין אלע אנדערע לענדער. ביי איינעם פון די לעצטע צוזאמענ־טרעפן האבן אויך אנטייל גענומען 2 גאווארעווער יידן — די ברידער יעקב און יצחק בריק פון מאָנטעווידעאָ, אוראגוויי. אויך זיי גרייטן זיך צו אָרגאַניזירן און גרינדן א לאנדסמאַנשאַפט.

ווי מען קאן זען פון דעם אויבנדערמאנטן, איז דער „יזכור־בוך" געווען דער שטויסקראפט און דער יסוד אויף וואס ער האט זיך באזירט די גרינדונג פון דער לאנדסמאנשאַפט אין קאנאדע.



דער קאָמיטעט. ערשטע רייע (פון רעכטס צו לינקס): בערל לייב גורמאן, אברהם ראמאַנער, לייבטשע גמרא, גאדל טעלער, רבקה ראָזנבערג און שמואל ראזנבערג. עס שטייען: רחל גורמאַן, ישראל שאַפראַן, הערשל זאמעק, עטל טעלער, מאיר שמעלץ און שמואל שטעטין.

גאווארעווער אין אנדערע לענדער

חוץ אין די דריי לענדער: ישראל, אמעריקע און קאנאדע, ווו עס איז פאראן א גרעסערע קאָנצענטראַציע פון די גאווארעווער, זענען נאך אונזערע לאנדסלייט צעשפרייט איבער א ריי לענדער פון דער גארער וועלט, אין וועלכע עס געפונען זיך איינצלנע און עטלעכע פאמיליעס.

אין רוסלאנד געפונען זיך אייניקע משפחות נאך פון ערשטן וועלט־קריג. גאווארעווער לאַנדסלייט זענען אויך פאראן אין אורוגוואי, בראזיל, קאלומביע, אויסטראליע ארגענטינע און קובא. נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה האבן איינגעוואנדערט איינצלנע פאמיליעס קיין בעלגיע, פראנקרייך, איטאליע, פוילן און מערב־דייטשלאַנד. גאנץ מעגלעך, אז אויך אין אנדערע לענדער געפונען זיך אייניקע משפחות און פערזאנען, אָפשטאַמיקע פון גאווארעווע.

אין די אויבן־דערמאנטע לענדער פירן נישט אונזערע לאנדסלייט קיין ארגאניזאַ־ציאנעלע טעטיקייט. מען טרעפט זיך זעלטן, ס'רוב — אויף שמחות. די גאווארעווער פעדים בינדן אבער אלע צוזאמען. לאנגע יאָרן שטייט מען אין בריוולעכן קאָנטאַקט און ביי אַ באזוך אין א לאנד, ווו עס זענען פאראן שטאטישע, האלט יעדער פאר זיין חוב אפצושטאטן א באזוך ביי א לאנדסמאן, שמועסן אביסל פון עבר און דערציילן זכרונות.



גאוואראווער לאַנדסלייט אין קאַנאַדע אויף א שמחה

שלמי תודה


חובה נעימה היא לנו להביע את תודתנו והוקרתנו לעורכי הספר, בני־עירנו:



הרב אביעזר בורשטין בן הרב אלטר משה מרדכי הי״ד, למד בישיבת „חכמי לובלין״, הוכתר בסמיכת חכמים וקבל תואר „צורבא מרבנן״, בשנת 1938. בפרוץ מלחמת העולם השניה, ברח מוורשה לוילנה, היה בגיטאות וילנה, גרודנה וביאליסטוק ובמחנות השמד אויסשויץ ודכאו. לאחר השחרור פעל רבות לעזרת שארית־הפליטה ניהל את „ועד ההצלה״ בגרמניה, ערך את העתון „דאס יידישע וואָרט״ ואת הירחון „נצח ישראל״.

עלה לישראל בשנת 1949, יסד וניהל את המוסד לנוער עולה „תלפיות״ בירושלים. עתה הוא מנהל ישיבת „תורה ומלאכה״, בית־ספר תיכוני מקצועי, כפר צבי סיטרין, ליד חיפה.

בישראל הופיעו ספריו: „מורי דעה״, גדולי דעה״, אדירי דעה״, אנציקלופדיה לגדולי ישראל (הוצאת ציוני), „צדקת החכם״ (הוצאת אהל).



דב קוסובסקי בן ר׳ יצחק ז״ל ממייסדי הצה״ר בעיירה ומפקד בית״ר, עד פרוץ המלחמה. בשנות השלושים השתתף במדורים שונים של העתונים: „הייגטיקע נייעס״, „פאר אלע״ (וורשה), „יידישע בילדער״ (ריגה) ועוד.

לאחר השחרור — חבר הועד המרכזי ליהודים המשוחררים באיזור הכיבוש הבריטי של גרמניה, חבר מרכז הצה״ר ומפקדת מחוז בית״ר, ברגן־בלזן. שם גם ערך את הבטאונים: „דער אמת״, „אונזער פראנט״ והשתתף ב„וואָכנבלאַט״ (ברגן־בלזן), „אונזער וועלט״ (מינכן) וביתר עתוני שארית־הפליטה. מחבר של ה„ביבליאגראפיע פון די יידישע אויסגאבעס אין דער בריטישער זאנע פון דייטשלאנד, 1950־1945״.

ידידינו הנ״ל יזמו את הוצאת הספר, טרחו, עמלו, ודרבנו אחרים לכתוב, אספו חומר ותמונות ממקורות שונים, ומפירורי שמועות ועדויות הקימו מצבת־עד לעיר מולדתנו גובורובה. על זה יבואו על הברכה.

כמו־כן אנו מביעים את תודתנו הלבביות לחברינו: יוסף גורקה, משה גרנט, אברהם הולצמן ואחרים, שהשתתפו במאמרים וכתבות שהוסיפו הרבה לתוכנו של הספר.

ועד ארגון יוצאי גובורובה
בישראל

דאנק־אויסדרוק

א גרויסן דאנק קומט אונזערע
לאנדסלייט און פריינט:

פרוי **רבקה** און **שמואל ראזנבערג**
פון מאנטרעאל, קאנאדע

די ערשטע וואס האבן ריכטיק אפגעשאצט
די וויכטיקייט פון **„יזכור־בוך"**

אברהם קלמן בלומשטיין

שרה און **יצחק בלומשטיין**

יצחק דוד תהילים פון די "יאנג מענס"

נפתלי קופערמאן פון דער "סאסייטע
בני אהרן שלמה תהילים"

יצחק שאפראן — פון אמעריקע
און אלע אונזערע פריינט
פון ישראל און אנדערע לענדער
וועלכע האבן בייגעשטייערט און
דערמעגלעכט ארויסצוגעבן דעם
דאזיקן ספר־יזכור.

אלעמען — א הארציקן יישר־כוח!

ועד ארגון יוצאי גובורובה
בישראל

a visit to Israel by his son Moshe and his wife, who donated a large sum for the Fund, which bears the name of their late son Zvi. The fund provides loans up to IL 500, repayable in monthly instalments, to former Govorovers.

"The Govorover Societies in America" is the title of a report by Yitzhak Shafran. The report starts with a description of conditions in America 60 and 70 years ago, when the first of these Societies was founded under the name of "Chevras Bnai Aharon Shlomo Tehillim Anshei Govorovo". A second Society, "Govorover Young Men's Society", was established in 1909. Later, this was followed by a Ladies Auxiliary. The three organizations joined forces to form a Relief Committee with the purpose of helping new arrivals to America and sending assistance back to Govorovo for the local poor.

After the war, the Relief Committee also sent parcels and money for the surviving Govorovers. The present committee members of the Relief Committee are: Jacob Zemlovitz — Chairman, Sam Epstein — Finance Secretary, Harry Miller — Recording Secretary, Joseph Bressler — Treasurer, Harry Berliner, Moshe Izdova and Yitzhak David Tehillim — Trustees. Mr. Tehillim is also Chairman of the Executive Board. Committee members of the older Society are: Naftali Cooperman — President, Moshe Dan — Vice President, Baruch Marcovitz — Trustee and Jacob Moses — Recording Secretary. Chairman of the Ladies Auxiliary is Mrs. Hannah Rachel Cooperman.

A. Ben-Meir reports on the Govorover "Landsmannschaft" in Canada, which before its present intensive work in connection with the Govorovo Memorial Book had no organized activities. Its Committee consists of: Rivka Rosenberg — President, Abraham Romaner — Secretary, Leib Gemara, Godel Teller, Hershel Zamek, Meir Schmelz, Israel Shafran, Samuel Stettin and Samuel Rosenberg.

In conclusion, there is a note about "Govorovers in Other Countries".

At the end of the book the Irgun Yotzei Govorovo acknowledges the contribution made by the editors, Rabbi Aviezer Burstin and Dov Kossovsky, who gave their best efforts and time in order to create this monumental memorial for the Jewish town of Govorovo.

The Irgun also acknowledges the contributions of Rivka and Shmuel Rosenberg from Canada, of Kalman Blumstein, Sarah and Yitzhak Blumstein, Yitzhak David Tehillim, Naftali Cooperman and Yitzhak Shafran, all from the United States, and of all those others without whose efforts the work could not have been published.

★

The book is illustrated with a wealth of photographs of Govorovo, events in its social and political life, portraits of leading members of the community and of writers, facsimiles, sketches and drawings, and with more than a hundred photographs of Govorovo's martyrs and war victims in the memorial section.

which every single Jew had to expect from the German murderers, who were helped by the local non-Jewish population. The writer also refers to the gas chambers.

K. Noach writes of "Self-Sacrifice During the Deportation" to the Russian camps, where he and other Jews from Govorovo landed in the course of their wanderings. He tells of Itshe Reitzik, who was persecuted by the camp commander for observing Jewish customs and eventually sent to prison, where he died.

"Govorovo without Jews" is a description from the pen of Mordechai Govorczyk of Govorovo after its destruction. The author, who has visited Govorovo several times, mentions the names of non-Jews who have built houses and opened stores and workshops on plots which belonged to Jews. He describes the surrounding hamlets, which were not burned down, the present occupations of the farmers, market day, and the like.

Under the title "Yitgadal Veyitkadash", Rabbi Moshe Bernstein, son-in-law of the Rabbi of Govorovo, contributes passages from an address given by him at a memorial meeting for Govorovo in Israel.

The section closes with the psalm "Michtam Ledavid", specially set to music for the occasion by A. J. Bruchansky.

We remember

After the traditional prayer for the dead, "El Malei Rachamim", (p. 434) follows a list of more than 800 Jews from Govorovo who died in the Ghetto and camps, on transport or as refugees during the war. The chapter concludes with a series of obituaries.

Landsmanschaften

The last pages of the book contain reports of the activities of former residents of Govorovo in other parts of the world.

Aaron Shron reports on the "Irgun Yotzei Govorovo in Yisrael". Starting from the arrival of the first Govorovers as "illegal" immigrants in the early 'thirties, he tells how the Irgun was founded in 1949, mentions its annual heetings to commemorate the martyrs of Govorovo, and reviews its general activities up to the present. Mention is made of the project for a "Govorovo House" in the neighbourhood of Tel-Aviv, which is designed to accommodate the Irgun's secretariat, its small loans fund and a synagogue, and to provide a place for its functions.

The Irgun's Small Loans Fund (Gmilut Chessed) is described by Abraham Levin, who reports that the Fund was founded in 1955 on the occasion of

the revolt of the Warsaw ghetto, and concludes with the words: "May the cry of those who cannot cry be heard in the Book of Govorovo".

In "That Is How It Began", Yitzhak Romaner recalls the events of the first days of the war and the entrance of the German troops in Govorovo.

Jacob Gurka's "Diary of an Enlisted Man" tells how he was called up for war service in the Polish army, how his unit was consistently pursued by the Germans and wandered all over Poland, until he deserted in the midst of total confusion and managed to return to his family in Govorovo which was already under German occupation.

A detailed report on the destruction of Govorovo is presented by Moshe Malovany, who described the first days of the German occupation, the killings, the deportation of the Jews of the town to a camp in Germany, their liberation, and how they eventually ended up on the Russian side.

"A Month With the German Beasts" is the title of a supplementary report by Shmuel Dranica, who tells of the strafing of the town by German planes, of the entry of the German troops, of the first Jewish victims, and of the time when the Germans drove all the Jews into the synagogue and were about to set fire to the building; miraculously, they were set free again and those who were of military age were taken prisoner.

In "Looking Backward", Pessach Czerewin describes the last market day in Govorovo with its war mood; a walk through the town — later, after it had already been burnt down — and the melancholic thoughts it aroused; and finally, how he and his family left Govorovo forever.

"The Last Kol Nidrei Night" is a dramatic description by Chava Bernstin-Burstin of the occasion when the Germans took the few Jews who had met in Neta Ritz' house for the "Kol-Nidrei" prayer, together with her father, the Rabbi, lined them up against a wall, and pointed a machinegun at them. As the Jews were saing their last prayers, the Germans took a film of them, then shot their machinegun off in the air, and disappeared.

In "That You May Remember", Rabbi Yitzhak Shafran describes his experiences during the first days of the war, which found him with his family in Ostrov—Maz. After reaching the ghetto of Shanghai in China, he eventually made his way to America. Rabbi Shafran concludes by expressing his gratitude for the fact that so many of the old comrades and of the girls of "Bnot" have been spared.

An "Elegy" by A. Ben-Ir is followed by "In the Oven of the Crematorium" by Joseph Perlstein, — a powerful description of "the shovel of death pushing the skeletons along like loaves of bread".

In "Shma Yisrael" (in Hebrew), Rachel Auerbach recalls the terrible experiences of the Jews under the rule of the Nazis and the cruel treatment

but to stay over the Sabbath as guests of the pretended "father of the bride".

Jacob Gurka tells "Two True Stories". One is of the library which he and a few other young people founded in 1920 and which became a meeting place for boys and girls. The Orthodox element was far from pleased, and matters came to the stage where the opponents of the library took away the doors and windows in midwinter. At last, the matter was taken to the Rabbi and a compromise was reached: the girls were permitted to exchange books, but not to stay, and on Friday the lights had to be lit before the beginning of the Sabbath. In the second story, the writer recalls how he taught a drunken hooligan a lesson when he started a quarrel with some Jews.

"Satan's Work" by Moshe Sarne is the true story of a town quarrel which occured before the First World War. It tells how one Jacob-Shlomo fell out with his neighbour Masha Leah over the buying of a load of hay. The families on both sides became involved in the fight, and there were wounded on both sides. The end was that Masha Leah was found dead, and Jacob-Shlomo's sons disappeared to America.

Two "Odd Stories" are told by Hannah Weisbard: How the "dead" caught the wife of Shmielke Cheisaks by her clothes when she stayed too late in the graveyard collecting herbs, and how Israel Hersh recited the psalms one Simhat Torah with a "miraculous" tune. Finally, S. Z. recalls yet another "odd story": how he once found Benjamin Ginzburg in the middle of the night washing his clothes in the pond.

Who in Gorovovo did not know Shlomo Akiva the town fool and water carrier? A. B. Shoshani evokes memories of this colourful type and tells of some of his tricks and quips.

M. Rimmon contributes some notes on local folklore in an essay on nick-names and family names among the people of Govorovo — by trade, family, place of origin and physical particularities.

The section ends with reprints of two contributions to *Hatzefira,* which appeared first in 1887.

Death and Destruction

This chapter begins (on p. 381) with a poem by Binem Heller: "In Polish Fields".

Next comes a Hebrew article by Dr. Arye Leon Kubovy, President of "Yad Vashem", entitled "Though Condemned to Death, We Did Not Lose God's Image". Dr. Kubovy writes about the activities of Dr. E. Ringelblum and his friends in the Warsaw ghetto.

"I Seek My Brother" is the title of an article by Rabbi Yedidia Frenkel, who writes of his visit to Poland on the occasion of the twentieth anniversary of

employment in the building trade and gradually made his way. The writer makes mention of immigrants from Govorovo who arrived before the outbreak of the war, and tells how he managed to obtain a "certificate" (immigration permit) for his sister-in-law by passing her off as his fiancee.

Cantor Nathan Stolnitz from Canada tells how he used to visit Govorovo, where he had relations, in his boyhood. The title of his contribution is "Govorovo as I Saw It".

"A Story of Chometz on Pessach", by A. B. Shoshani, tells of an incident which accurred in the days of Passover in 1931 and led to an acrimonious battle between two newspapers: *"Hajnt"* and the Aguda organ *"Tagblat"*. In a feuilleton, "Hajnt" contributor Jeushson—Itchele had called for the abolition of the "second holiday", and specifically the last day of Passover, in the Diaspora. Some of Govorovo's pranksters sent a letter to the "Tagblat", claiming that on the strength of this proposal the Zionist Organization had immediately arranged a dinner on the eighth day of Passover with *chametz* food and beer; which gave the "Tagblat" the opportunity for a six-column spread "Last Passover Day Abolished in Govorovo". The result was a newspaper duel between "Hajnt" and "Tagblat", with denials and explanations galore, to the great excitement and entertainment of the good people of Govorovo.

H. Justus, son of the journalist referred to in the previous paragraph and himself an editor of the Israeli evening paper "Maariv", writes under the heading "Remarks on an Article" that his father was a strictly religious man who had no impious intentions whatsoever when he wrote his piece on "The Second Holiday". In his articles in "Hajnt", he always used to preach the Zionist cause, which displeased his opponents on the "Tagblat".

In "Nadliczbowy", B. Dines tells of his experiences when he tried to bribe his way out of the Polish military service with the help of a broker. The broker used to take money in the hope that, by some miracle, his client would be exempted because the contingent was full. Needless to add that the writer had to serve his full year and a half.

A. Govorover writes of the tricks the jokers of Govorovo used to play on the good townspeople. One of his stories relates how Israel—Shepsel the "Kadishsayer" filled the pipe of Yankel the butcher with gunpowder, and how the resulting explosion caused a false air raid alarm.

Another story by the same author tells of a trick played on one of the householders of the town, whom the young people disliked because he interfered with their Zionist activities. By way of revenge, they printed fictitious invitations to the wedding of the man's daughter, hired the town bands of Ostrolenka and Viskow and professional entertainers, and invited a host of guests. When everyone arrived in Govorovo, they realized that they had been tricked, but had no choice

with several householders for makin an "eruv" in the town, which they believed to be a secret telephones line for communicating with the enemy. Upon the intervention of Rabbi Rubinstein of Wilna they were set free and the charges were withdrawn.

In "Once upon a Saturday Night", A. Bar-Even describes the traditional Saturday night teas at Isaia Eisenberg's home. He gives us a vivid portrait of the steady "tea drinkers" with their talk about politics and their anecdotes.

From the pen of Joseph Silberzahn, we have a description of "An Early Sabbath Morning in Winter" : the whole town is still fast a sleep, only those who are in the habit of attending early prayers are already on their way to the Beth Midrash to study a page of *gemara* or a chapter of *mishna.* A humorous note is provided by a picture of people exchanging the latest news from the fair in between prayers.

Feige Sheiniak contributes a poetic evocation of Sabbath in the old home : everything clean and orderly, the tables covered with all that is good, and father saying *kiddush.*

"Youth memories" way back from the First World War are evoked by Sarah Zimmerman—Romaner, who tells of home, of girl friends and acquaintances, of her teacher Alter Hochstein, and of party life.

Rabbi Menachem Belfer, son-in-law of Nathan Farba, describes his four years in the town until its destruction and that terrible Sabbath of September 9, 1939, when the Germans arrested him with hundreds of other Jews and took them away to a camp in Germany.

Jacob Katz, from Dlugoszodlo, recalls the young men from Govorovo, who were his fellow-students at several *yeshivot* : Feivel Lubelsky, Fishel Krolevicz, David Shron, Yitzhak Shafran, Rabbi Eviezer Burstein, and Nathan and Deborah Shron.

Rabbi Zvi A. Slushcz, the great-grandson in-law of Rabbi Botshan of Govorovo — writes of what he knows about the town by hearsay and about the duty to keep the memory of the Jewish towns alive.

"My Way to Eretz Israel" is described by Sarah Blumstein—Skornik. She describes her childhood among non-Jewish school children, anti-Semitism, joining "Hechalutz", work for the JNF, and immigration to Eretz Israel in 1932.

In "With the Rabbi's Permission", Yitzhak Blumstein tells how, before he left for Eretz Israel, his father made a journey to the Rabbi of Gur to ask whether he should allow his son to settle in the Holy Land, and took the Rabbi's answer : "And if you say no, will it be any use ?", to mean consent.

"A Jew goes to Eretz Israel" is the title of Aaron Shron's memories from his visit to Palestine in 1932, on the occasion of the Maccabiah Games. He tells about looking for a day's work, of living in wooden huts, and how he found

Baruch Kuperman is described by A. Beit, Asher Kutner by Abraham Alter Kutner, now Rabbi in Lod, Israel. Ziporah Salzberg-Shachter writes of her grandfather Shlomo Leib Shachter and her father Chaim Shachter, G. Even — about Gedalia Grinberg, Rivka Rosenberg—Shafran about her grandfather Jacob Shepsel Truchnovsky, and A. Bashan about Yehoshua Rosen. J. Ben-Mordechai writes about Jacob Rosenberg, Rivka Vinderbaum-Praska about her home, H. S. Kashdan about Peshke Goldman, and Chaya Shmeltz about her father-in-law Mordechai Shmeltz. Benjamin Ginzburg is described by Rivka Rosenberg—Shafran, Leibel Kersh by J. S. Herz and Feige Sheiniak, and Hershke Granat by his brothers Moshe and Yitzhak. The list closes with Elhanan Kossovsky, whose memory is perpetuated by D. Avi-Dani.

Scenes and Memories

This section starts on page 309 with an article entitled "I Remember You..." by the veteran leader of the Left-wing Poalei Zion — Ahdut Avodah, J. Zerubavel, who assures us that he has not forgotten the large and small Jewish towns and recalls his visit to Govorovo on the occasion of a raally of party members from Govorovo and Roznan.

A. Reis describes Govorovo as "A Jewish Folk Town" and evokes memories of Poalei Zion Zionist—Socialist party work in the town and of the high opinion in which the party was held on account of its activities.

In an essay entitled "Govorovo", Israel Ristov describes a pre-war visit to the town on behalf of Poalei Zion Z-S for a lecture on Eretz Israel.

"My comrades of Betar Govorovo" is the title of an article by Josef Chrost, who describes the town, his meetings with fellow party members, and particularly three of them with whom he was in close contact: Chava Burstin, Dov Kossovsky and Zadok Farba—Givner.

Nissan Moses, slaughterer of Govorovo, writes of the visit to the town by the first Rabbi of Amshinov, Rabbi Jacob David Kalish, who came to settle a dispute between the slaughterers, and tells how at the banquet in honour of the Rabbi the hassidim nearly ate "treife".

The story of a "Cherem", from the beginning of the century, is told by Yitzhak David Tehillim: Two householders took a dispute to the court of Rabbi Botshan, who held office at the time, and the one who lost the case lost his temper and spoke rudely to the Rabbi. For this sin he was excommunicated with all due forms and ceremonies; only after the sudden death of his wife did the Rabbi forgive him.

From the "Wilna Book" (1918) we reprint a story by S. L. Zitron from the times of the Russian occupation of Govorovo in the First World War, relating how the Russian authorities arrested Rabbi Alter Moshe Mordechai Burstin

his family name was — as an odd type who was always to be found among hassidic circles in Lodz, worked at a number of different jobs, and finally wound up as the sexton of a "shtibel".

This is followed by descriptions of leading Govorovo citizens, people who were active in community or party life, and interesting figures. Thus, Moshe Granat writes about Moshe Yehoshua Ginzburg, A. Basham about Abraham Mordechai Friedman, Eliyahu Bruchansky about his father the cantor-slaughterer, and Josef Silberzahn about his father Jonathan.

B. Itshes writes of Matityahu Rosen, B. Kossovsky of his parents Yitzhak and Dinah and of scenes from their lives. A. Bashan describes Moshe Tennenbaum, the President of the Jewish Community, Abraham Holzman his father Menahem, and S. Yitzhaki writes of Abraham Shafran.

In an essay called "Five Generations", Chava Bat-Yaacov Dov preserves the memory of a Govorovo family of long standing, the Blumsteins. Yitzhak Shafran writes about Meir Wolf Tehillim and Menucha Selzer about her father Haim Ber Grodka. Baruch Mintz, Jacob Hersh Wengrov and Feivel Brik are commemorated by A. Bashan, Meir Romaner by A. Inbar, and A. Bar-Even describes the interesting figure of Yoelke the baker, who sacrificed his life to feed masses of Jewish children when the Germans burned down the town.

Haim Skornik perpetuates the memory of his father Moshe Skornik. D. Yerushalmi writes about Rabbi Haim Mordechai Bronrot, the Rabbi of Czechonow, who was the son-in-law of a citizen of Govorovo, and Moshe Haim Galant — about his father Rabbi Abraham Mendel Galant, who was born in Govorovo.

Josef Silberzahn describes well-known hassidic figures: Isaia Eisenberg, Yechiel Gerlitz, Neta Ritz, Abraham Yitzhak Galant, Bertshe Viroslav and Abba Lichtman. A. Bashan writes about Avremke Tzalke, the popular chief sexton The old Govorovo family Rosenblum is depicted in an article in Hebrew by Yitzhak Vardi-Rosenblum. Jacob Gurka evokes his father Efraim Leib Boines, A. Bashan writes of Velvel Blumstein, and J. Ben-Hassid of Mordechai Leib Gurka.

There are descriptions by M. Rimmon of Hershel Glogauer and Elhanan Friedman, and by A. Inbar of Israel Yitzhak Shron and Haim David Shron. J. Avi-Sarah describes the cantor-slaughterer Haim Leib Mariansky, and A. Bar-Even — the Samoszcer Rabbi in Lublin, Rabbi Zvi Oleiarsz, who was born in Govorovo and related to several of the town's families.

A. Bashan writes of Jacob Stettin and Josef Gurka of Isaia Herzberg, B. Avi of Yidel Sheiniak, Chava Bernstein—Burstin of her mother, Genendel, the Rabbi's wife, B. P. Miriam of Chana Papiersztik. Chava Bat-Yaacov Dov writes in Hebrew about two interesting women: Rachel Shmilkes and Channa Rivka.

Neche Shechter, Rachel Weisbard, and later also the author. The group developed an intensive activity, achieved a leading position in collecting for the JNF, produced plays, took part in summer camps, and so forth. It remained in existence until about 1933.

Noah Karvat writes about "Poalei Zion Left", at the head of which he stood since it was founded. Its committee included Abraham Weisbard, Tuvia Koss, Haya Weisbard, Alter Hochstein the teacher and others. It was a small party and conducted its activities in the homes of its members. National leaders of the party who visited Govorovo included Dr. Emanuel Ringelblum, Jacob Zerubavel, Peterseil and others.

Abraham Holzman tells the story of the Brenner Library which was maintained by the Right Poalei Zion, and how he, together with Hershel Krolevicz, Israel Kutner and Jacob Drozd one night took all the books of the Zionist Organization and put them in the Brenner Library — a "literary robbery" which ended up in court.

In his report on the "Falha" *hachshara* kibbutz in Czyrnia, Aaron Shron tells in great detail how the kibbutz was founded in 1925 by the central Hechalutz bureau in Warsaw, and how eight boys from Govorovo, together with another 20 from Poznan, worked for half a year on the fields of the squire of Czyrnia in preparation for their immigration to Eretz Israel. The eight from Govorovo were Bunem Shafran, Zelig Herzberg, Yitzhak Spitalewicz, Selig Raiczik, Moshe Sarne, Israel Kutner, Berl Zudiker and the author.

The *hachshara* of the Aguda in Paszeki is described by Levi Warszaviak, its founder and chairman. The twelve-man group performed concreting work for Meyer Wolf Tehilim. Its four members from Govorovo were Levi Warszaviak, Moshe Moses, Josef Tehilim and Moshe Galant.

Abraham Holzman tells the story of the "Dramatic circles" of Govorovo. The most important of these were two which were active on a regular basis: one affiliated to the Right-wing Poalei Zion and one with the Bund. Over the years, they presented scores of plays, such as "Blameless—Guilty", "The Father", "God of Vengeance", "On the Old Market", etc. Their performances were always highly successful. Dramatic circles associated with other parties also presented plays from time to time.

"Work for the National Funds" is the title of an article by A. S. Menahem on JNF and Keren Hayessod work in Govorovo.

Scholars, Community Workers and Well-Know Figures and Types

This chapter (p. 206) starts with a fragment from J. J. Tronk's book "Poland" entitled "Nosske of Govorovo" which describes one Nosske — Katz,

how a Revisionist group, called "Haschachar" came into being within the Zionist Organ zation in the late 'twenties. Its founders were Mates Mihsnayoth, Zadok Farba, Aviezer Shikora, Chava Burstin and the author. Later, the group took over the Zionist Organization. Its youth movement "Betar" was founded in 1931, with Judah Ritz at its head, whose place was later taken over by B. Kossovsky, who continued to lead it until the outbreak of the war. The author describes the difficulties made by the Leftist element in the town when Betar founded its *hachshara*, and writes about the first immigrants to Eretz Israel in the early 'thirties, work for the JNF and the "Tel-Hai" Fund. Other outstanding leaders, in addition to those already mentioned, included Shabtai Friedman, Josef Drozd, Mordechai Ritz, Shlomo Apelboim, Josef Krolevicz, David Blumstein and others.

J. Avi-Sarah writes about "Mizrachi", "Hechalutz Hamizrachi" and "Hashomer Hadati". We learn that the Mizrachi organization in Govorovo was founded in 1922 by Abraham Levin, Eli Grinberg, Yitzhak Tandeitchaz, Chanan Friedman, Israel Leib Kruk and Shmuel Zudiker. They set up their own *minyan* and Tora study group and were active in the cultural field. We are also told of famous Mizrachi leaders who visited Govorovo, such as Rabbi Hager, Rabbi Bronrot and others. In 1935, a "Tzeirei Mizrachi" group was founded, headed by Yerachmiel Drozd, Josef Gurka, Josef Silberzahn and Meyer Werman. The founders of "Hashomer Hadati" were Jacob Kruk, Gedalia Zudiker, Mordechai Apelboim, Jacob Rosen, Shmuel Shmeltz and others.

Next follows a description of the "Tzeirei Agudat Israel" movement, which was founded in the early 'thirties as a reaction against the secular youth movements. Its first committee consisted of Levy Warszawiak, Moshe Moses, Itshe Shafran, and Haim Kossowsky. Tzeirei Agudat Israel later became an element of considerable strength in the town, with two representatives of its own on the Jewish Community Board. It also established its own *minyan*, where Rabbi Naftali Gemara taught *midrash* every Sabbath. The article concludes by commemorating Hershel Rubin and Haim Kossowsky, who were killed by the Nazis, and Leib Hersh Holzman, who died in Russia.

Mrs. Rivka Rosenthal—Stettin tells of the founding of the "Batya" and "Bnot Agudat Israel" organizations in Govorovo. They recruited their members mainly from among the girls of the Beth Yaacov school. The first committee consisted of Rivka Stettin, Eidel Kshonshka and Miriam Herzberg. Much help was given by the teachers of the Beth Yaacov school, all of whom had come from elsewhere. The two organizations succeeded in striking root among the Jewish girls of the town.

The "Hashomer Hatzair" organization, which numbered 100 members immediately after being founded in 1927, is described by Eliezer Levin. Leaders of the organization included Hershke Granat, Moshe Levin, Feige Sheiniak,

and Moshe Granat about the Artisans Association, their banks and their fight against the anti-Semitic boycott and the heavy tax assessments imposed on Jews. B. Alef describes the Gmilut Chessed small loans fund and the manner in which it provided help for the poor elements of the population.

The Hachnassat Orchim Society is described by B. Aviezer, who tells how the Jewish community discharged its responsibility for poor transients, providea them with food, lodging and small amounts of money, and assisted them in every way.

The voluntary principle was also the basis for provision for the sick. This was the task of the Bikkur Cholim and Linat Hatzedek Societies. A. Avi-Uriel describes how they used to mobilize the necessary medical instruments and equipment, and even took care of night nursing.

Political Parties and Organizations

The general Zionist Organization, the oldest political organization in the town, is described by K. Ber (p. 144), who tells how it was founded through the efforts of Benjamin Ginzburg. The young Zionists did not have an easy time: their orthodox parents made a good deal of trouble for them, so that they could only work on a limited scale. Among the founders of the organization were Bachman Tchechonover, Pessach Truchnovsky, Judith Rosen, Zlate Friedman, Haim Evron and Dinah Boines. Later, the "Tze'irei Zion" group headed by Hershel and Simon Farba became active within the Zionist Organization. In the 'twenties, the leadership was taken over by Moshe Dranitza, Aaron Grodka and others. In 1927 the right-wing Poalei Zion split off. In the early 'thirties, the Organization joined the Revisionist movement.

Rachel Brestel—Gurka writes about "Zukunft" and "Bund" activities and recalls such Bund leaders as Leibel Kersch, Moshe Olek, Simcha Silberstein, Leizer Friedman and others, thanks to whose dedicated efforts the organization came to rank among the most important in the town. Mrs. Brestel mentions well-known national Bund leaders who came to Govorovo as visiting lecturers — Herlich, Alter, Patt, Shefner, Kruk, Malkin and others — and concludes with a short list of dedicated members who fell during the war.

Moshe Granat writes about the "Origins and Development of Poalei Zion Zionist-Socialists", their work and activities and their secession from the Zionist Organization in 1927. He mentions their cooperation with Bund in the matter of school and cultural affairs, their "Freiheit", "Hechalutz" and Scouts' youth movements, their theatrical and other performances. The movement had a large membership; its leaders were: Shafran, Wiroslav, Granat, Shron, Blumstein, Sarne, Holzman and others.

"The Revisionist Movement" is dealt with by B. Kossovsky. He describes

Again from the pen of Joseph Gurka, we have a detailed description of "Cheders and Melamdim", which mentions the *melamdim* who lived and worked in Gorovovo between the two wars and who were responsible for the religious education of the community's children until they grew up and — in some casse — went on to a *yeshiva.*

A curious aspect of Jewish life before the First World War is mentioned by Jacob Gurka, who tells us of "kosher" cheders, which taught Russian for a couple of hours a day, and "treife" cheders, which objected to "goyish" subjects.

Joseph Gurka presents a number of students from Govorovo who attended different yeshivot in Poland; some of these became Rabbis or principals of yeshivot. Bat-Yaacov Dov adds pen portraits of two more yeshiva students in "Two Brothers".

Rabbi Yitzhak Shafran, one of the Jewish community leaders of Govorovo, writes about the Beth Yaacov girls school, its founders, supporters and teachers. The author was one of the active leaders of the school since 1932.

"Bar-Bi-Rav" tells us about the work of the *Chevra Kadisha,* the burial society, part of whose revenue was devoted to charity. He records the names of the Society's presidents and describes its traditional annual dinner, which was held on the eve of *rosh chodesh Shvat.* The author also recalls the famous Community Register, which was kept by this Society.

Community Offices and Institutions

The functions and duties of the Town Council are the subject of an article by A. Bar-Even, who relates how the Jews were tricked out of the office of Mayor, even though the town was to all intents purely Jewish, and how at certain times there were only a very few Jewish councillors. On the other hand, there was a stable Jewish Community Council. Bar-Even also tells how the police used to make trouble for the Jews.

The same writer describes the activities of the Jewish Community Board, and the part it played in Jewish life and welfare activities. He lists part of the Board members from before the First World War and nearly all from the years between the wars.

D. Baki presents an all-round paper on the Jewish schools and education system with its 7-year general elementary school, and the private school of Alter Hochstein, which taught in Yiddish and Hebrew in a Jewish national spirit. He recalls the teachers who came from other places to work in Govorovo and who taught Hebrew and Esperanto, and conducted youth and adult courses. Finally, he tells of the unsuccessful efforts of some parties to establish kindergartens.

D. Ben-Yitzhak writes about the activities of the Merchants Association

teristic episodes in Rabbi Batshan's life are described by Rabbi N. Talmud, who was an associate of his for many years.

An essay "The Last Rabbi", by A. Avinoam, describes the personality of Rabbi Alter Moshe Mordechai Burstin, Rabbi Batshan's successor. Govorovo's last Rabbi was a Jewish scholar of note famous for his wisdom and acuity, and a leader of the community in the best sense of the word. He was killed in Treblinka in 1943.

An appreciation of the Last Rabbi is contributed by Rabbi Pardes, editor of "Pardes" journal of Chicago, U. S. A.

Religious Life

This section (p. 66) starts with an article on "Jewish Life in a Little Town" by Joseph Gurka, which recalls the religious education of the younger generation, the good deeds of their pious elders, and the general religious atmosphere of the town.

Abraham Levin presents us with a vivid description of R. Fishel Shapiro, who later became Rabbi of Czervin, and of other hassidic figures, who spent their life studying Tora. We are told of such customs of the "Melave Malka" meal at the end of the Sabbath, of the Hassidic habit of using every opportunity for "making a lechayim", of playing on Hanuka and of presenting "kvitlech". The author makes us acquainted with a wide range of hassidic personalities and has some amusing stories to tell about hassidic life.

The next essay is Josef Givati's description of "The Beth Midrash": weekday and Sabbath prayers, the *gabbaim, hazanim* and other religious functionaries, travelling preachers, and the "chevrot" or religious societies that used to meet for study between the afternoon and evening prayers.

Joseph Silberzahn writes about the Alexander *shtibel,* its founders and leading members, and about the people who used to travel regularly to the *Alexander Rebbe.*

A description of the Gerer *shtibel,* whose founders included hassidim who had still visited the Old Rebbe of Gur, the author of "Sfat Emet", is provided by Josef Gur, who mentions several hassidim of standing who were also active in the Jewish community in general.

Yet another hassidic group, the Vorker *shtibel* — which was also attended by the followers of the Rebbe of Skernievicz and of the Rebbe of Amshinov, is described by Abraham Holzman, who also portrays hassidic types from the times when this shtibel was founded until the outbreak of the war.

In Govorovo there was also a *"Progressive minyan",* which was mostly attended by younger people of a Zionist trend of thinking. This is described by G. Joseph.

of 5299, probably because not all of them had returned after the First World War.

During and immediately after the First World War, the Jews suffered heavily: first from the retreating Russian army and the German army of occupation, and later from the Polish revolutionary army, the so-called "Hallerczyki". When the latter was in control, the Jews were subjected to a flood of oppressive decrees and persecutions, accompanied by forced levies, cutting off of beards and attacks.

In time, the situation improved somewhat. The Jewish population, which had fled when the town was burned down in the First World War, gradually returned, and conditions became more stable.

Under the Polish Republic of the 'twenties and 'thirties, until the Second World War, Govorovo's Jewish population mostly belonged to the middle class: artisans and shopkeepers, with a few great merchants and landowners. All Jewish political parties were represented in the town, which also had the usual institutions and organizations, banks, schools, Hassidic "shtiblech", and so forth. All these will be described in detail.

Abraham Schwarzberg from Argentina writes about "Govorovo Half a Century Ago". He describes the old religious way of life and the penetration of the Haskala movement among the younger generation, in which Benjamin Ginzburg played a considerable part.

In "Once Upon a Time...", Moshe Granat brings back memories from a later period. He writes about life in the town in general, the "cheders" and their "melamdim", about life in the political parties, and about the revolt of the younger generation, who wanted a new dispensation.

"A Walk Through the Town" lists all those who lived there between the two wars. Starting with Welwel Blumstein, the "Walk" takes us past all the houses and through all the streets and lanes, down to the villages of Wolky and Paczeky, with a few words about everyone's occupation and habits.

Rabbis

This section (p. 55) only describes the town's last three Rabbis, who are still remembered by the present generation.

Moshe Zinovicz writes about Rabbi Shlomo Zalman Klepfish, a great religious scholar and the author of a work named "Beth Aharon", and whose brother, Rabbi Samuel Zeinwel Klepfish, was one of the Chief Rabbis of Warsaw. He officiated in Govorovo until his death in 1885.

From the same pen we have a note about the "Old Rabbi", R. Jacob-Judah Cahana—Batshan, who became Rabbi of Govorovo after the death of Rabbi Klepfish. Rabbi Batshan came from a famous rabbinical family and wrote a book named "Veshav Hacohen". He held office until his death in 1911. A few charac-

the technicalities from the beginning to the end. With the best of intentions they may well have allowed errors to creep in which could have been avoided if there had been more collective cooperation. We apologize for any offense caused, for this or other reasons.

★

A summary of the book in English is provided for those who find it hard to read Yiddish and Hebrew. We want them, and particularly the younger generation, also to become acquainted, at least to some extent, with the town of their parents, its rabbis, prominent citizens and personalities, its parties, institutions and organizations, and above all its tragic end, which must never be forgotten.

THE EDITORS

The Town

In the chapter: "A Few Notes on History", the authors describe Govorovo as a purely Jewish town in Congress Poland with a population of about 500 families. It lay on the railway line from Warsaw to Lomza, not far from the towns of Ostrolenka and Ostrow-Maz. It was part of the district of Ostrolenka, and for many years of the Voivodate of Bialistok; a few years before the war it was transferred to the Voivodate of Warsaw.

The only historical source available to the authors is "Slownik Geograficzny Krolewstwa Polskiego I Innych Krajow Slowianskich", by Filip Sulimierski, Bronislaw Chlebowski and Wladislaw Waleski, published in Warsaw in 1881. According to this work, Govorovo dates back at least to the 16th century. In 1821 it had 40 houses and 196 inhabitants. By 1881, the town itself consisted of 101 houses with 1485 inhabitants, and the "commune", i. e., the town together with its 14 surrounding villages, had 4747 inhabitants.

According to tradition, there have been Jews among the population of Govorovo since its foundation. Old people still told stories about visits to Govorovo by Rabbi Abraham Danzig, the author of "Hayei Adam" (1748—1820) and the famous Rabbi Akiba Eger of Poznan (1761—1837). Presumably, part of the Jewish population lived in the village of Wolky, on the other side of the "Hirsh" river. There is an old manuscript which bears out this assumption.

During the Polish revolts against the Czarist domination (1794 and 1863), the Jews contributes to the successful outcome of the insurrections, at the risk of their lives.

In course of time the Jewish community became deeply rooted in the town, and their numbers grew continuously. There are encyclopedias which give the size of the Jewish population at the end of the 19th century as 1844 out of a total of 2139. In 1921, there were only 1228 Jews out of a total population

Foreword

In profound awareness of the responsible nature of our task, we have undertaken to publish this Memorial Book, which is intended as a lament for our so tragically destroyed community and a headstone on the unknown graves of our martyred dear ones, whose ashes are strewn all over the fields and forests of Europe.

It is our sacred duty to remember, to carry our deep sorrow in our hearts and on our lips, together with an everlasting curse for the Nazis and their collaborators, who so cruelly destroyed one third of our people.

★

Writing and editing this book has not been an easy assignment. All the historical sources and archives were destroyed together with the town. Some of the survivors have not been able to recall the events or to put them down on paper. Only the strong consciousness of our responsibility for keeping the memory of our destroyed town and its martyrs alive has given us the courage and strength to bring the work to a conclusion. With enormous trouble, bit by bit, we have succeeded in reconstructing the material: it is a memorial which had, so to say, to be put together brick by brick. We have made every effort to create an objective image of the town: of its institutions, parties and organizations; of its rabbis, community leaders, personalities and figures; of its general life and the circumstances of its death and destruction — always with the intention of bringing out what was specific for Govorovo.

It should be kept in mind that the financial means at our disposal would either have been sufficient to pay for the services of a professional editor, or for the cost of paper, blocks, printing and binding; in other words, we had to do everything ourselves as well as we could, or remain without a book. The choice was obvious. Our purpose was to construct a monument that would keep the memory of our town alive — and that, we believe, we have done.

★

While we have spared no time or effort to assure perfection, we are well aware that we are far from having achieved it. A large deal of documentary material and illustrations of social importance are lacking. In different descriptions, notes and lists, part of the names may well have been omitted or mis-spelled, and some of the dates mentioned may not correspond to the facts. To our regret, such blemishes are inevitable for a number of reasons, mainly because of the poor response and indifference of our compatriots, who have not shown themselves sufficiently aware of the importance of this work. It should also not been forgotten that the whole enormous effort involved in publishing a book of this kind has fallen upon the shoulders of only two volunteers, who undertook to edit the material, write a large part of it themselves, and take care of all

Printed in Israel

Most of the dravings are by B. K.

GOVOROVO

MEMORIAL BOOK

EDITED BY

Rabbi AVIEZER BURSTIN
and DOV KOSSOVSKY

Published by the Govorover Societies in Israel, the United States of America and Canada

TEL-AVIV * 1966